STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00728

# IKH BIN GEVEN A PARTIZAN

Szmerke Kaczerginski

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Susan Willa Tafler*
*in memory of*
*Bertha Pock Tafler*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. קאטשערגינסקי

# איך בין געווען א פּארטיזאַן

גערדרוקט אין דריי טויזנט עקזעמפּליארן
הילע און פאָטאָ־מאָנטאַזשן — משה פייגענבלום
קאָרעקטור — ח. בראַקאַזש
דרוקעריי „קולטור" פון מושקאַט און זאַסלאַווסקי, ב. איירעס

אַדרעס פון מחבר:

SZ. KACZERGINSKI
**ANGEL GALLARDO 933 - Dto. 2**
Buenos Aires — Argentina

ש. קאַטשערגינסקי

# איך בין געווען א פּאַרטיזאַן

(די גרינע לעגענדע)

בוך איינס

ארויסגעגעבן דורך פריינד פונעם מחבר

בוענאָס איירעס

1952

ל י ב ע ל ע ן

ווידמעט דאָס דאָזיקע בוך מיט ליבשאַפט

דער ט אַ ט ע

# אינהאלט:


זייט

*** — — — — — — — — — — — — — — 11

## א. פון גיהנום:

געטאָ׳ דיך פארגעסן וועל איך קיינמאָל ניט — — — — — — — — 17
אין די נעכט — — — — — — — — — — — — — 26
געוועלד! געוועלד! ווי נעמט מען געווער?! — — — — — — — 30
ביים קאָמאנדיר פון פארטיזאנער־שטאב אין געטאָ — — — — 35
אין קעניגרייך פון אלפרעד ראָזנבערג — — — — — — — 40
מיין ערשטער פולעמיאָט — — — — — — — — — — 43
מיט דער געשיכטע אין דער ערד — — — — — — — — 51
דער קאָמאנדיר ווערט געכאפט פון דער געשטאפאָ — — — — 59
לעבן! לעבן! מיר ווילן לעבן! — — — — — — — — — 65
דער קאָמאנדיר גיט זיך איבער דער געשטאפאָ — — — — — 70
ליקוי חמה — — — — — — — — — — — — — — 75
טויטע קענען קיין נקמה נישט נעמען — — — — — — — 79
ס׳ברענט, ברידער, עס ברענט! — — — — — — — — — 85
די ערשטע שלאכט — — — — — — — — — — — — 90
ווי זעען אויס קעמפער אין אָנבליק פון טויט? — — — — — 94
דער גרויסער נסיון — — — — — — — — — — — 98
הירשקע גליק — — — — — — — — — — — — — 104
טרויער פאסט ניט אונדזער פנים — — — — — — — — 110
דער אָנהויב פון סוף — — — — — — — — — — — 114
געזעגענונג מיטן געטאָ — — — — — — — — — — 118
דער ערשטער קרבן — — — — — — — — — — — 122
איבער א בריק — — — — — — — — — — — — — 129
הונגער און דורשט — — — — — — — — — — — 132
שווינדזוכט מיט פוטער — — — — — — — — — — 138

## ב. אין ווילדן וואלד אליין:

די גרינע לעגענדע — — — — — — — — — — — 145
גרויע וואָר — — — — — — — — — — — — — — 152
אין ווילדן וואלד אליין — — — — — — — — — — 156
ימים נוראים — — — — — — — — — — — — — — 162

זייט

„אמעריקע" — 167
גליקלעכע מענטשן — 171
דאָליע מיינע, דאָליע... — 176
ווו די אויגן טראָגן — 183
ווען די זון איז אויפגעגאנגען — 188
שער, אייזן און ביקס, אונדזער פאָלק עמד! — 193
דער דאָקטער מיט דער ביקס — 199
אויף דער אויבערשטער פּאָל... — 206
אין שטאב פון דער וואָראָשילאָוו־בריגאדע — 212
וועלדער זינגען — 219
פריידקע סוצקעווער — 227
נקמה — 234
אוי איז דאָס געווען א שלאכט — 241
צוליב א טרונק בראָנפן — 248
א טראָפּן ליבע — 256
מיט נעכטיקע רוצחים — 262
העלדן — 270
לייבע וואָלאק — 275
דער וועג צו גאולה — 280

## ג. דער וועג צו גאולה:

אָנשטאָט א געזעגענונג — 289
א ביסל געשיכטע וועגן אָטריאד „ווילנע" — 294
אין וועג — 298
טאָג־לעבן — 304
בייטאָג און ביינאכט — 309
די פאָלקס־נקמה־נעמער — 315
שפּיאנען — 321
צווישן פּויערים — 328
יאָרצייט — 332
צווישן אייגענע — 338
עלנטע מעת־לעתן — 343
קליינִיקייטן — 348
עס איז נישט געווען קיין חלום — 354
און וואָס ווייטער איז געשען? — 359
צום דריטן יאָרטאָג — 363
נאָך געוועו — 368
צעשטערטער יום־טוב — 374
פראָנט — 379
די גאולה אונטער חורבות — 384

# אין בילדער־טייל:


„יידן צום באוואָפנטן ווידערשטאנד" — — — ביי דער זייט 16
אין ווילנער געטאָ — — — — — — — — — „ „ „ 32
רעטערינס — — — — — — — — — — — — „ „ „ 33
קינדער אין געטאָ — — — — — — — — — — „ „ „ 64
די רינגעלבלום־גרופּע אין ווילנער געטאָ — — „ „ „ 66
צוערשט: גייסטיקער ווידערשטאנד — — — — „ „ „ 80
אָנפירערס פון דער פּארטיזאנער־אָרגאניזאציע — „ „ „ 81
באריקאדן אין געטאָ — — — — — — — — — „ „ „ 112
דער יידנראט — — — — — — — — — — — „ „ „ 113
מערדערס און זייערע קרבנות — — — — — — „ „ „ 128
העלדישע געטאָ־קעמפערס און פּארטיזאנערס — — „ „ „ 129
ש. קאטשערגינסקי אין פּארטיזאנקע — — — — „ „ „ 144
פּארטיזאנער־באשטעטיקונג פאר ש. קאטשערגינסקי „ „ „ 151
געפאלענע אין שלאכט — — — — — — — — „ „ „ 160
פּארטיזאנער־טיפּן — — — — — — — — — — „ „ „ 161
אין דער וואָראָשילאָוו־בריגאדע — — — — — — „ „ „ 192
ביי טאָג און ביינאכט — — — — — — — — — „ „ „ 193
דאָקטוירים־פּארטיזאנערס — — — — — — — — „ „ „ 208
פארוווּנדעטע און געפאלענע אין קאמף — — — „ „ „ 209
געשריבן, געזונגען אין געטאָ און אין וואלד — „ „ „ 218
פּארטיזאנער־ליד פון הירש גליק — — — — „ „ „ 226
פריידקע סוצקעווער — — — — — — — — — „ „ „ 227
פּארטיזאנישע געביטן אין דער ווילנער פּראָווינץ — „ „ „ 233
העלדישע פּארטיזאנקעס — — — — — — — — „ „ „ 240
זיי האָבן גענומען נקמה פאר זייערע חרובע היימען „ „ „ 241
זיי האָבן מיטגעהאָלפן באפרייען זייער היימשטאָט „ „ „ 256
מיט דער פּען און ביקס — — — — — — — „ „ „ 257
גרישע גורוויטש — — — — — — — — — — „ „ „ 288
פּארטיזאנישע שלאכטן — — — — — — — — „ „ „ 304
פּארטיזאנער־גרופּעס — — — — — — — — „ „ „ 305
נאָך דער מלחמה — — — — — — — — — „ „ „ 320
נאָך דער מלחמה — — — — — — — — — „ „ „ 321
אין חורבות די' געטאָס — — — — — — — „ „ „ 336

**
*

דאָס מעשהלע איז ווערט צו געדענקען:

ווען דער רבונו של עולם האָט באַשאַפן דעם ערשטן יידן אויף דער וועלט, האָט ער אים פון הימלרייך מיטגעגעבן אויפן וועג צו דער זינדיקער ערד אין איין האַנט א ספר און אין דער צווייטער האַנט א שווערד.

און די פאָלקס־מסורה דערציילט ווייטער: אין וועג האָט זיך דער ייד אַזוי אַריינגעטאָן אין ספר, אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט ווי די שווערד האָט זיך פון אים אַרויסגעגליטשט און איז פאַרפאַלן געוואָרן.

פון דאַן אָן, דערציילן יידן, זיינען מיר געוואָרן דער עם הספר.

אין מיין בוך דערצייל איך ווי אַזוי מיר, קעמפערס אין די געטאָס און פאַרטיזאַנערס אין די וועלדער, האָבן צוזאַמען מיט דעם מיליאָן יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן אין די אַליאַנטישע אַרמייען אָפּגעזוכט די פאַרלוירענע שווערד.

וועגן געטאָס און לאַגערן, וועגן פּיין און גרויל אין דער לעצטער מלחמה, איז שוין דאָ אין דער ליטעראַטור אויף אַלע שפּראַכן, און באַזונדערס אין יידיש און העברעאיש, א גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל פּובליקאַציעס. אָבער עס זיינען נאָך גאָר ווייניק מאַטעריאַלן פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן די קעמפערס אין די טויט־הייזער (געטאָס און לאַגערן) און בפרט וועגן די פאַרטיזאַנערס.

דער געדאַנק וועגן א ספר הגבורה פון יידישן אָנטייל אין נצחון איבער דעם היטלעריזם האָט, דוכט מיר, צוערשט געוואָרפן דער יידיש־סאָוועטישער שרייבער י. דאָברושין נאָך מיינעם א פאָרטראָג וועגן יידישע פאַרטיזאַנערס אין הויז פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד אין מאָסקווע, אין יאָר 1945. אין א פּאָר טעג אַרום האָב איך אפילו באַקומען אַן אויפטראָג פון מאָסקווער „עמעס״־פאַרלאַג צוצוגרייטן מיט דעם שרייבער הירש אָשעראָוויטש א פּרטימדיקע אַרבעט וועגן אָנטייל פון יידן אין דער ליטווישער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וואָס איך האָב צוליב מיין אַרויספאָר פון סאָוועט־רוסלאַנד נישט אויסגעפירט.

און וואָלט איך אפילו געבליבן אין לאַנד, וואָלט די אויפגאַבע נישט געקענט אויסגעפירט ווערן אין גאַנצן אומפאַנג, צוליב דער סאָוועטישער צענזור, וואָס וואָלט אַזא בוך, פּונקט ווי דאָס ווערט געטאָן מיט אַנדערע ביכער, פאַרקריפּלט און פאַרליגנערט. (ביישפּיל: די אָרגאַ־

ניזירטע אונטערערדישע ארבעט אין ליטע אין דער צייט פון דער נאצי־אָקופּאַציע איז אויפגעקומען אין ווילנער געטאָ. ווען מיינער א חבר האָט אָנגעשריבן אין יענער צייט, אין מאָסקווע, א בוך וועגן ווילנער געטאָ און האָט אויך דעם דערמאנטן פאקט פארשריבן, האָט דער צענזאָר דאָס אויסגעשטראָכן, ווי ער האָט געטאָן דאָס זעלבע מיט אַנ־דערע אמתן.)

אויך אין דער מערב־וועלט האָט מען זיך ארומגעטראָגן מיט דעם געדאנק צונויפצוזאמלען אין איין ספר דאָס גבורה־קאפּיטל פון יידן אין דער לעצטער וועלט־מלחמה. עס זיינען אויך דערשינען עטלעכע גרע־סערע און קלענערע ארבעטן וועגן דער יידישער ווידערשטאַנד־באוועגונג, אָבער צו א כוללדיקער ארבעט האלט עס נאָך גאנץ ווייט.

***

ווילנע איז געווען נישט נאָר די ירושלים פון ליטע און פון יידיש, ווילנע איז אין דער נאצי־צייט געווען אויך די ירושלים פון די געטאָס. די פארעפנטלעכע ביכער וועגן ווילנער געטאָ און די קלענערע ארבעטן דערציילן וועגן דעם.

אין אלע ארבעטן כמעט ווערט געשילדערט מער דער חורבן, דער אומקום, אויך דער לעבנס־שטייגער, ווי די ווידערשטאַנד־באוועגונג, וואָס ווערט נאָר אריינגענומען אין דער אלגעמיינער ראַם פון געטאָ־לעבן. צו גרעסערער אויפמערקזאמקייט ווערט די ווידערשטאנד־באווע־גונג נישט דערהויבן.

אין אָט־דער ארבעט פּרוּוו איך דאָס גאנצע געוויכט לייגן נאָר אויף די פארשיידענע קאמפס־פאָרמען וואָס זיינען ביי אונדז אין געטאָ און דערנאָך אין די וועלדער אויפגעקומען.

אויב וועגן אנדערע פּראָבלעמען, וואָס איך פארבינד דורכאויס מיט מיין לעבן אין געטאָ (קולטור־קאמף, מעלינעס, געווער־שמוגל, באַ־ריקאַדן־קאמפן א״א), קען דער לייענער אָנטרעפן אויך אין אַנדערע פּוב־ליקאציעס, וועלן אָבער פאר מיינע לייענער זיכער זיין א נייעס די טיילן, ווו איך שילדער דאָס וווּנדער־קאפּיטל פון לעבן, קאמף, אומקום און נקמה פון די פּארטיזאנערס און פון די יידישע בפרט אין די וועלדער פון ליטע, פּוילן און ווייסרוסלאנד. פּארטיזאנערס — צו וועלכע אויך א י ך האָב געהאט די זכיה צו געהערן.

***

עס איז מער ווי נאטירלעך, וואָס מיין גאנצן ליבשאפט־פארמעגן האָב איך אין מיין באשרייבונג אָפּגעגעבן די אלע וואָס האָבן זיך אין יענער צייט באטייליקט אין גיגאנטישן קאמף קעגן היטלעריזם.

עס איז אויך „נאטירלעך״, וואָס די באדינגונגען פון מיין ליטע־ראַרישער שעפערישקייט אין די וועלדער האָבן מיך נישט געלאָזן וועגן

אלץ שרייבן ווי איך האָב געזען, געפילט, געהערט. (אויך אין פּאַרטיזאַנקע איז געווען נקוו"ד וועלכע האָט געאַרבעט נישט ערגער ווי אין פרידלעכע צייטן...) איך, ווי אַנדערע יידישע פּאַרטיזאַנערס, האָב אָבער געגלויבט, אַז דער זיג איבער דעם שונא וועט אויך אַרויסטראָגן דעם גערעכטן משפּט איבער די יעניקע, וועלכע האָבן אין די וועלדער אונדזער לעבן פאַרביטערט און געבראַכט צום אומקום פון הונדערטער, הונדערטער קעמפערס.

***

אין דריטן טייל, וואָס איז אייגנטלעך אַ דאָקומענטאַרע ביילאַגע צו די ערשטע צוויי טיילן, וועט דער לייענער אָנטרעפן אויף געוויסע איבערחזרונגען. איך האָב די טיילן בכיוון נישט אַרויסגעריסן, צוליב דעם דאָקומענטאַרן טאָג־בוך־כאַראַקטער וואָס שמעקט מיט פּאַרטיזאַנישן כסדרדיקן טאָג־און־נאַכט־לעבן. איך קען זיך פּשוט נישט שיידן מיט די בלייפעדער־נאָטיצן, וואָס איך האָב פאַרצייכנט אין יוני־יולי פון יאָר 1944 אין די וועלדער.

דעם בילדער־טייל האָב איך געגעבן נישט צו זעטיקן דאָס אויג פון לייענער אויף שיינע „קאַרטינקעס" און אויך נישט צופעליק, מיין מחשבה איז צו געבן, צו דעם אילוסטראַטיוון כאַראַקטער צום טעקסט וואָס די מערסטע בילדער זיינען, אַ באַשיידענעם אָנדייט, אַז מען זאָל אונדז אויפהערן כסדר מעלה גרהן, אַז מיר דאַרפן דאַנקען וועלכע עס איז מדינה אָדער סיסטעם צוליב דעם וואָס מיר זיינען געבליבן לעבן. די יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן אין דער מלחמה קעגן היטלעריזם און די צענדליקער טויזנטער פּאַרטיזאַנערס און אַ פ י ל ו די געטאָ־ און לאַגער־קעמפערס שרייען פּשוט מיט זייער ריזיקער צאָל: אויב דאַנקען — קומט אויך צו דאַנקען א ו נ ד ז, וועלכע האָבן געקעמפט, געפאַלן און גענומען נקמה פאַר מאָסקווע, לענינגראַד און סטאַלינגראַד, פאַר פּראָג, בוקאַרעשט און בודאַפּעשט, פאַר פּאַריז, על־אַמאַיין און ביים נעמען קעניגסבערג, נירנבערג און בערלין. זאָלן אויך די געבראַכטע בילדער דערמאַנען וועגן דעם.

***

דער ערשטער טיטל פון בוך האָט געהייסן „די גרינע לעגענדע". אונטער דעם נאָמען איז עס אויך געדרוקט געוואָרן אין המשכים אין „די אידישע צייטונג" פון בוענאָס־איירעס. האָבן מיר אָבער פריינד געראָטן איך זאָל, ביים אַרויסגעבן דאָס בוך אין אַ גרעסערע צאָל עקזעמפּלאַרן, זיך נישט צופיל שפּילן... זיי, די פּראַקטיקער האָבן אויפגעוויזן, אַז נאָר ווייניק לייענער וועלן באַנעמען דעם פּשוטן באַטייט פון פּאָעטישן טיטל „די גרינע לעגענדע" און דאָס קען זיין אַ שטער צו דער פאַרשפּרייטונג.

איך האָב נאָכגעגעבן... כאָטש איך ווייס, אַז „איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן" איז אפשר אַ בעסערער טיטל פאַר דעם ביכער־מאַרק, כאָטש נישט צ ו באַשיידן פאַר דעם מחבר.

איך ווייס אויך, און איך האָב דאָס אויך נישט איינמאָל געשריבן און עפנטלעך געוועדט וועגן דעם, אז איך וואָלט באדאַרפט זיין פון די לעצטע דערציילער און באשרייבער פון די גבורהדיקע קאמפן פון די יידישע פּאַרטיזאַנערס און געטאָ־קעמפערס. זיי, די לעבן־געבליבענע גבורים האָבן זיכער א סך מער (און עס דאַ מער!) צו דערציילן וועגן יענע וועלדער־צייטן, וועגן וועלכע איך דערצייל, לויט דעם ווי מיר איז באַקאַנט, אין דעם בוך. דאָס האָבן אויך עטלעכע געטאָן (י. גראַנאַט־שטיין, לידאָווסקי, ח. לאַזאַר), אָבער פונדעסטוועגן מיין איך, איז נאָך ווייט־ווייט אפילו פון א קליינעם חלק, וועגן דעם אלעם דערציילט געוואָרן.

טאָ זאָל מיין ארבעט זיין נאָך א צולאָג צו דעם פאראַנענעם טייל.

**
*

אָן דער הילף פון פריינד וואָלט דאָס דאָזיקע בוך נישט געקענט דערשיינען. איז פאַר מיר פון גרויסן ווערט די מאָראַלישע און מאַטע־ריעלע הילף, וואָס עס האָבן מיר ארויסגעוויזן פאַרשיידענע אינסטיטו־ציעס און יחידים, אַדאַנק וועלכע איך קען מיין ארבעט פאַרעפנטלעכן. עס זיינען פאַראַן כלערליי אופנים אויסצודריקן אָנערקענונג און דאַנק אזעלכע פריינד. מיין אופן, — דערמאָנען זיי דאָ מיט הארציקייט:

פון בוענאָס־איירעס: ארגענטינער אָפּטייל פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, די קהילה, ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין „ה. ד. נאָמבערג", דעם פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן אין אַר־גענטינע, די צווייטע האַנדלס־קאָאָפּעראַטיוו, מענדל אבזאַק, לואיס אַדעלפאַנג, יעקב באַטאַשאַנסקי, ישראל בעקעריס, דוד גייסט, יעקב גראַבאָווסקי, שמואל דרוסקאָוויטש, פּנחס האָפּער, הערש הובערמאַן, יאָסל וויסיפקאַ, ישראל וויזענפעלד, דוד וואָרצלאַווסקי, פייוויש זאַרעצקי, יצחק זאַמאַטיסעקאַס, ברידער זוויערזינסקי, טביה יפה, חנן יערוזאַלימסקי, מרדכי יאָליס און זין, איסאַק ליפּמאַן, פּאָלע און משה לייוואַ, ראובן לעווין, אברהם לייב, היימאַן מילער, אברהם מעלצער, א. סוכאַרעוויטש, א. פייפערמאַן, יצחק קאַטשערגינסקי, שמואל ראָזשאַנסקי, יחזקאל רובינשטיין, שמחה רובינס, וואָלף ראָזענטאַל און ניאָמע גאָלדבערג פון קאָרדאָבאַ. פון סאַן פּאַולאָ: פייגעלע גאָלדשמיד, אברהם זילבערמאַן, ק. חרמץ, מאַלווינאַ און איסאַק טעפּערמאַן, לייב מאַטוק, מינע און יונה ספּעקטאָר.

מיין ברודער־גרוס — די נאָענטסטע פריינד מיינע פון געטאָ און וואַלד־צייט — פריידעלע און אברהם סוצקעווער (תל־אביב) און רחל פופקאָ (ניו־יאָרק).

„דער חבר קאַטשערגינסקי, וואָס האָט באַשלאָסן צו באַשרייבן די קאַמפּן פון דער פּאַרטיזאַנער־מחנה א״נ „ווילנע״, איז אַליין געווען אַ פּאַרטיזאַן פון דער מחנה, האָט מיטגעמאַכט אַלע אירע קאַמפּן און עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך זיין ווילן דאָס אַלץ צו באַשרייבן. צווייטנס איז די פּאַרטיזאַנער־מחנה „ווילנע״ איינע פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער־מחנות אין ליטע בכלל. פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין פּאַרטיזאַנער־קאַמף פון ליטע, האָט אויף איר חשבון 50 אויפגעריסענע דייטשע באַן־קאָנוואָיען מיט אַמוניציע און סאָלדאַטן. אויך צוליב דעם איז קאַטשערגינסקיס אויסוואַל ווערט באַגריסט צו ווערן״.

מ. שומאוסקאס

געוועזענער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די פּאַרטיזאַנער אין ליטע בעת דער לעצטער מלחמה.

פון דער הקדמה צו ש. קאַטשערגינסקיס „טאָג־בוך פון אַ פּאַרטיזאַן״.



ייִדן צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד!

די דייטשישע און ליטווישע העלפער זיינען אנגעקומען צו די טויערן פון געטא. זיי זיינען געקומען אונדז אויסמארדן. [illegible]

אויך האט מען געפירט אין די [illegible] יום-כפור.

אויך האט מען געפירט בעת די ווייסע נעכט און ראש-השנה.

אויך האט מען ארויסגעפירט אונדזערע ברידער, שוועסטער, פאטערס, מוטערס, אונדזערע קינדער.

אויך האט מען ארויסגעפירט [illegible] צום טויט.

אבער מיר וועלן ניט גיין!

מיר וועלן ניט לאזן זיך פירן ווי בהמות צו דער שחיטה.

ייִדן צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד!

[illegible]

ייִדן מיר האבן ניט וואס צו פארלירן.

[illegible]

ייִדן, מיר האבן ניט וואס צו פארלירן. [illegible]

זאל לעבן די פרייהייט! זאל לעבן דער באוואפנטער ווידערשטאנד!

טויט די מערדער!

שטאב

פון דער יידישער פאראייניקטער

פארטיזאנער ארגאניזאציע (פ.פ.א.)

אין ווילנער געטא.

1 סעפטעמבער 1943

# אַ פון גהינום

אויפרוף פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ (געשריבן אויף אַ מאַשין), — די לעצט־געבליבענע יידן זאָלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא. דער אויפרוף איז דאַטירט „1 סעפּטעמבער 1943". די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון געטאָ איז פאָרגעקומען מיט 3 וואָכן שפּעטער, דעם 23סטן און 24סטן סעפּטעמבער.

## געטאָ, דיך פאַרגעסן וועל איך קיינמאָל ניט

פרילינג 1943.

ערשט דאָ, אין דער אומגעצוימטער געטאָ, פיל איך זיך פריי. איך אָטעם שוין נאָרמאַל עטלעכע וואָכן. איך דאַרף נישט באַהאַלטן מיינע אויגן פאַר יעדן פאַרבייגייער, ער זאָל דאָרט נישט דערזען קיין יידישן טרויער.

ווי גוט מיר איז! ווי גוט מיר איז וואָס איך בין שוין אין געטאָ. מיט אייגענע. איך קען שוין ריידן!

— האַ?!... האַ... האַ..

ניין, ניין, איך דאַרף שוין מער צו זיך אַזוי נישט ריידן.

איך קען שוין ריידן וויפל איך וויל!

ווי גוט מיר איז.

פון ערגעץ זמרט אַ נייער וווּנדערלעכער ניגון, וואָס די געטאָ האָט באַשאַפן:

„געטאָ, דיך פאַרגעסן וועל איך קיינמאָל נישט"...

איך זינג מיט.

איך קען שוין זינגען!

מענטשן! מענטשן! צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז — קענען ריידן, קענען זינגען, קענען קוקן אַ צווייטן אין די אויגן אַריין?!

אָט רייד איך, איך זינג...

אַנדערע קוקן מיך אָן שטוינענדיק: וואָס איז מיט מיר די גדולה?

נאָר, וואָס פאַרשטייען זיי... מיר איז גוט, וואָס איך געפין זיך שוין אין געטאָ.

אַך, ווי גוט מיר איז...

— — — — — — — — — — —

ווינטער 1942.

צו ראַטעווען דאָס בידנע שטיקל לעבן, האָב איך שוין פאַרלוירן אַלע האָפענונגען. איך האָב אָבער ווי אַ געניטער פוטבאָליסט, וואָס לאָזט נישט אָפּ דעם באַלעם פון זיך, אויך דאָס זעלבע געטאָן מיט מיין

לעבן־באַלעם. עס איז ביי מיר געוואָרן א ספּאָרט: וויפל צייט וועט זיך מיר איינגעבן צו שפּילן מיט די טויטן פון געשטאַפּאָ, פּאָליציי, מוסרים און סתם ווילדע באַשעפענישן.

מען כאַפּט יעדן טאָג יידן אין שטאָט אָן געלע לאַטעס און זיי ווערן דערפאַר דערשאָסן. און איך וויל דורכאוים באַווייזן, אז מיך וועט מען אין שטאָט אָן לאַטעס ווי א ייד נישט דערקענען. גנבע איך זיך ארוים יעדן טאָג פון געטאָ און צעטראָג בריוועלעך פון באַהאַלטענע יידן צו זייערע נישט־יידישע פריינד און ברענג צוריק אריין גרוסן, געלט, זאכן.

ווען אין געטאָ ווערט שוין זייער ענג, עס הייבן זיך אָן די שחיטות, באַהאַלט איך זיך אוים אין שטאָט ביי דער קריסטלעכער חברטע פון מיין פריינד, דעם דיכטער שלום זשירמאַן, וואָס איז ערגעץ אין א לאַגער פאַרשיקט. אין עטלעכע נעכט ארום קומט פּאָליציי אהין, איך באַוויז זיך צו אָריענטירן, ווי איך געפין זיך און עפענענדיק זיי די טיר פאַרמאַך איך זי הינטער זיך. אונטער א באַנק אין דער שניידיקער שנייאיק־ווינטיקער נאכט געפין איך מיין רו.

פאַרטאָג לאָז איך זיך צו א פּוילישע פריינדין. אירע וואַרעמע ווערטער גיבן גלויבן, האָפענונג. מיר ריידן אָפּ זיך צו טרעפן אין שטאָטישן גאָרטן אין אָוונט, ווו זי וועט מיך אוועקפירן צו אירע באַקענטע אוים־צובאַהאַלטן.

אין דערוואַרטונג אויף איר, דערפיל איך מיטאמאָל א פעסטע מע־נערישע האַנט אויף זיך און א האַרט קול זעגט אוים:

— קאַטשערגינסקי?

— איר האָט א טעות, מיין הער — פּרוּוו איך דערבליקן אין דער טונקלקייט, ווער דער מאַן איז, און דערקען אין אים א באַקאַנטן ליט־ווישן זשורנאַליסט פון דער סאָוועטיש־ליטווישער ציימונג „טיעסא“ וואָס איז דערשינען, ווען די סאָוועטן זיינען געווען אין ליטע.

ער פירט מיך פעסט געאָרעמט און איך טראַכט: וואָס וויל ער פון מיר?

— גאָלד האָסטו? — א דונער איבערן קאָפּ.

— ווי קומט צו מיר גאָלד און אויף וואָס באַדאַרפט איר גאָלד?

— וועל איך דיר זאָגן וועגן דעם אין געשטאַפּאָ.

נאָך א דונער. „ער — אין געשטאַפּאָ?“...

אָבער צו וואָס זיך וווּנדערן, חשובערע באַקאַנטע דינען דאָרט אויך.

גייען מיר און איך טראַכט: זאָל נאָר אָנפאָרן א גרעסערער לאַסט־אויטאָ, וואַרף איך זיך גלייך אונטער די רעדער.

און ער:

— האָסט נישט וואָס צו טראַכטן. פון דיינע מוסקלען פיל איך, אז דו ווילסט אַנטלויפן. זיי אָבער וויסן, אז פון מיינע הענט איז נאָך קיינער נישט ארויס.

בין איך שוין מקנא די טויזנטער ברידער מיינע וואָס ווערן יעדן טאָג אָן איבעריקע מאַטערניש געשאָסן. הייסט עס, אז דער גורל האָט מיר נישט צוגעמשפּט צו זיין צווישן די גליקלעכע...

— האָסטו גאָלד? — זאָגט ער אויס נאָך א מאָל.

— א י ך האָב נישט, אָבער פיר מיך אין געטאָ, וועל איך דיר ווייזן, ווו דו קענסט געפינען...

ער פאַרקערעוועט אין א זייטיק געסל.

אין א פינצטער צימער פאַרשליסט ער מיך און זאָגט צו צו קומען פאַרטאָג צו גיין מיט מיר אין געטאָ.

אין מיטן דער נאַכט רייס איך אויף די טיר און דערקריך אויף א צענטער גאַס און וויל עפענען א צווייטע טיר.

עס עפנט א דערשראָקן פרויען-פּנים:

— איר האָט זיכער א טעות — רעדט זי שטיל אויס.

— קען זיין — ענטפער איך — אָבער לאָזט מיך כאָטש איבער-נעכטיקן די פּאָר שעה. איך האָב דאָך אין געטאָ געהערט, אז איר רא-טעוועט פאַרפאָלגטע.

זי לייקנט.

— אַנטשולדיקט — לאָז איך זיך צוריק — א גוטע...

נאָר זי לאָזט נישט פאַרענדיקן:

— קומט אריין, קומט אריין.

א פינצטערלעכער, גרויס-פּוסטלעכער, אומהיימלעכער צימער. זי פאַרשטופּט מיך אין א ווינקל און פליסטערט צערטלעך אויס:

— שרעקט זיך נישט, איר געפינט זיך צווישן אייגענע.

ווארעמע שטראָמען צעגיסן זיך אין די אָדערן מיינע. און איידער נאָך איך באַוויז עפּעס נאָר א קלער צו טאָן, הייבן אָן צו שווינדן פאַר מיר מענטשלעכע סילועטן. א פּחד באַהערשט מיך פון זייערע מורא-באַ-וועגונגען. איך שפּיז אריין מיינע בליקן אין זיי:

„וואָס טוט זיך דאָ?" — קען איך נישט באַנעמען, וואָס איך דערזע.

— יאָסל! רייזע! אַבראַשע!... — יאָ, יאָ, איך האָב קיין טעות נישט.

— ווו געפין איך זיך דאָ, חברה טייערע?! —

— ביי מלאכים!...

אין דעם פּאַרטאָגיקן ליכט, דערזע איך די צוויי מלאכים: וויקטאָריא

גזשמילעווסקאַ, א פרוי פון א פוילישן קאַפּיטאַן, און מאַרילאַ וואָלסקאַ, א דאָצענטין פון ווילנער אוניווערסיטעט.

אין לאַנד, אין שטאָט בושעוועט דער נאַצי-טעראָר. פאַר אויסבאַהאַלטן יידן קומט תפיסה און אפילו טויט-שטראָף, אָבער אין ד ע ר שטוב זיינען די הערשערינס די צוויי פרויען-מלאכים, — ווי דאָ וואָלטן גאָר די מאַוימדיקע געזעצן נישט חל געווען.

זיי גיבן אונדז עסן, דערטראָגן די לעצטע נייס פון געטאָ, פון לאַנד, פון דער וועלט. זיי זאָרגן וועגן אויסגעפינען פאַר יעדערן פון אונדז א מקום מנוחה, כדי אויף אונדזער אָרט אריינצונעמען אנדערע וועלכע זוכן רעטונג.

אין א וואָך ארום דערטראָגט מען צו אונדז, אז מען שפּיאָנירט נאָך אונדזער דירה. לויט דער ריי בין איך דער לעצטער. קיין דירה פאַר מיר קען מען נישט געפינען. די מלאכים זיינען פאַרצווייפלט. איך באַשליס: זיך לאָזן ווו דער מזל וועט טראָגן. זיי העלפן ארויס. איך באַקום, נישט אָן מי, „ארישע" דאָקומענטן און כדי מען זאָל אין מיין אויסשפּראַך נישט דערקענען, אז איך בין נישט קיין „ריינער" פּאָליאַק, נעמען די מלאכים צו ביי מיר יעדע שפּראַך... איך ווער אריינגעשריבן אין פאַלשן פּאַספּאָרט, אז איך בין... א טויב-שטומער...

טויב און שטום איז שווער צו שפּילן די ראָל פאַר אן אַקטיאָר אויף דער בינע, אָבער אין לעבן, ווען מען איז נאָך ווי איך אויך א גאַנץ באַרעדעוודיקער און זינגעוודיקער, איז עס גאָר שווער. אָבער פון איצט אָן איז דער באַלעבאָס איבער מיר און מיין באַשיצער — דער פּאַספּאָרט. דאָרט היים איך גאָר וואצלאַוו ראַדזיעוויטש און א ספּעציעל באַזונדערע באַשטעטיקונג פון א דאָקטאָר (אויך געפעלשט פאַרשטייט זיך) זאָגט, אז איך בין קאָנטוזשירט געוואָרן אויפן פראָנט אין 1939, ווו איך בין טויב און שטום געוואָרן...

אין וועג. אין א נאַכט, ביי א פייער אויף אן אויוון ליגנדיק, דערהער איך פון שכנים, אז ביי דער פּריצטע קאַמילאַנאַ איז אָפּגעשטאָרבן איר קוכער. די נאַכט רו איך שוין נישט. פאַרטאָג דערשלאָג איך זיך צו דער פּריצטע.

אזוי גיך שטייט דאָך א גראַפינע נישט אויף. מיין אומגעדולד שטיל איך מיט מיין פּלאַן ווי אזוי די פּריצטע בעסער צו געפעלן.

און אָט איז זי!

שוין איינגעבויגן. די האָר — ווייסער פּאַדים. די אויגן, ניין די אייגעלעך, דין, דין, פינטעלעך, קוים מען דערבליקט וואָס אינעווייניק ליגט.

א פּנים... נאָר... נאָך וואָס בין איך צו איר געקומען, — א שידוך טאָן מיט איר?

מיינע „רייד“ זיינען איר געפעלן געוואָרן. קיין אנדער ברירה האָט זי סיי ווי נישט געהאט. ארבעטער קריגט מען איצט פאר קיין שום געלט נישט, ווייל אלע זיינען מאָביליזירט.

...און שטענדיק, ווען איך טראָג איר אריין צום טיש די צוגעשמאָל־צענע גוט צעשטויסענע קארטאָפל־קאשע מיט די הינערשע לעבערלעך ארומגעפּוצט, שטעכלט זי אוים אויף מיר די שפּיזיקע אייגעלעך און צע־וואָרטשעט זיך ווי אן אלט־הונגעריקע בלינדלעכע קאץ:

— וואצעק, וואצעק, וואָס וועט דאָס זיין, אז אויך דו וועסט שטארבן...

קוק איך אויף איר גולמעוואטע, ווי איך פארשטיי נישט, וואָס זי רעדט, וואָס זי וויל און לאך איר משונהדיק אין איר צעשראָקן פּנים אריין.

זי איז געווען זיכער די אלטע, אז אויב זי האָט איבערגעלעבט אלע אירע ביז איצטיקע קוכערס, קומט דאָס איר אזוי. אויך מיך דארף זי, אויב אזוי איבערלעבן, און זי, — זי וועט לעבן אייביק. אייביק...

איינמאָל, טרויעריק אויפן הארצן איז געווען, האָב איך אויסגעגאָסן, צו איר פארשטענדלעכער איבערראשונג, מיין גאנצע ביטערניש צו איר בקול רם.

— איך וועל נאָך דיך איבערלעבן! — האָב איך איר אריינגעשריגן אין טויבלעכן אויער אריין.

און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן מיין שטומער וואנדער־וועג.

עס האָט אין מיר כסדר געבויערט: וועט זי דאָס טאקע אויך מיך איבערלעבן? אויב יאָ, קען דאָך נאָך זיין, אז היטלערס פארזיכערונגען, אז דאָס דריטע רייך וועט דויערן אזש 1000 יאָר, זאָל נישט זיין קיין פּוסט־נארישע נביאות. „וועט זי דאָס טאקע אויך מיך איבערלעבן, די אלטע 90 יעריקע פּריצטע?...“

איבער די וויסרוסישע און ליטווישע וועגן האָט מיך כסדר נאָכגע־יאָגט צופוס, אויף פערדה, אין אויטאָמאָבילן דער צענטויזנט אויגיקער טויט.

גוט איז מיר געווען, ווען איך האָב קיין מענטשן נישט געזען ארום זיך. אך, ווי גוט מיר איז דאן געווען. דאן האָב איך אויך געקענט הערן ווי איך רייד... אין דער שטילסטער שטילעניש, אן ארומגערינגלטער פון וואלד, זומפּ, פעלד, פלעג איך ווי א חיהלע ארויסוואָיען:

— האָ???... — און א גליקלעכער וואָס קיינער הערט מיך נישט.

וואָס איך קען זיך אליין ענטפערן מיט א „ה א" צוריק, פלעג איך זיך צושפּרינגען א זינגענדיקער: „איך בין דאָ! איך האָב נאָך נישט פאַרגעסן צו ריידן!"...

מיינע פּרוּוון האָבן מיך נישט איינמאָל געקענט גאָר טייער קאָסטן.

נעבן שטעטעלע סוויר זייגען הינטער מיר אָנגעפאָרן עטלעכע פורן. מיין אויסגערעכנטע קאַלטבלוטיקייט האָט מיר ווי שטענדיק געהייסן, זיך נישט אומצוקערן, זיך נישט מאַכן וויסנדיק ווער עס גייט, ווער עס פאָרט. „גיי זיך דיין וועג, אויב נאָר מען טשעפּעט דיך נישט..."

מיטאָמאָל דערהער איך:

— און דו, ווו שפּאַנסטו?

און איידער איך באַווייז זיך נאָר א קער טאָן, זעץ איך אַרויס:

— צו ווילנע, — און... דערזע קענען זיך פּאָליציי־לייט און כאַפּ זיך, אז איך האָב זיך דעמאַסקירט.

— דאָקומענטן! — פאָדערן זיי נאַטירלעך.

און כאַטש איך האָב זיך שוין דערזען אין זייערע נעגל און אין מיר האָט געפלאַמט דאָס גאַנצע אינגעווייד, האָב איך לויט מיין אויסגעאַרבעטער טבע, פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן גראַבלען אין די קעשענעס, ווי איך וואָלט גאָר געזוכט רעשטלעך מאַכאָרקע צו פאַררויכערן, און לאַנגזאַם אַרויסגעצויגן צוערשט גאָרנישט זאָגנדיקע פּאַפּירלעך, און ווען זיי האָבן שוין אָנגעהויבן שרייען, אז זיי שיסן מיך ווי א הונט אויף אָן אָרט אוועק, אויב איך וועל לאַנג מיט זיי מאַרודיענען און נישט ווייזן, ווער איך בין, האָב איך א רעזיגנירטער אַרויסגענומען דעם טויב־שטומען פּאַספּאָרט...

און ווי מיינע נישט געזעענע מלאכים וואָלטן מיך אויפגעוועקט פון האַלב־טויט, האָב איך זיך א כאַפּ געטאָן, אַרויסגענומען דעם פּאַספּאָרט פון פּאָליציאַנטס האַנט, אויפגעמישט דאָס לעצטע בלעטל, וואָס איז געווען באַשטעמפּלט מיט אָן א שיעור מיליטערישע און ציווילע באַשטעטיקונגען (נאַטירלעך, אַלץ נאָכגעמאַכטע) און אויסגעשריגן צו זיי א האָפּערדיקער:

— און דאָס איז אייך ווייניק?!

פּאַר שטעמפּלען מיט דעם אָדלער און האַקנקרייץ אין מיטן האָט די פּאָליציי דרך־ארץ געהאַט.

— גגגייי! — האָט מיר ווער פון זיי א שליידער געטאָן די פּאַפּירלעך אויפן זאַמד, און א שמיץ טוענדיק די פערד, זיך פאַרשטעלט מיטן זאַמדיקן שטויב אין א פאַרהאַנג פאַר מיר...

איך בין דערנאָך פון אַרעסט־שטובן אַנטלאָפן, געווען אין די געטאָס

פון מיכאלישאָק, סוויר, דונילאָוויטש, קאַבילניק, גלובאָק און זיך אויס־ריידנדיק צו עטלעכע וואָכן אַנטלאָפן פון די שחיטות וואָס האָבן זיך פּלוצלינג דאָרט אָנגעהויבן.

דעם וואָלף ציט צו זיין נאָרע, מיך האָט געצויגן צו מיין ווילנע. ביים שטעטעלע שומסק האָב איך אָנגעטראָפן אין א פּויערישער ווירט־שאַפט 30 יידישע צוואַנגס-אַרבעטער. בין איך געוואָרן דער 31סטער.

פאַרטאָג פלעגן מיר זיך לויטן באַפעל פון פאַרוואַלטער צעשיטן איבער די פעלדער יעדער צו זיין אַרבעט.

וואָלט שוין געווען גוט אַזוי. טרעפט אָבער איינמאָל א נאָכמיטאָג, און עס קומט צוגיין דער אָרטיקער פּאָסטוך און זאָגט אָן אונדזער גרופּע פון 4 מאַן, אַז עס זיינען געקומען אין דער ביוראָ פון מאַיאָנטעק פּאָ־ליציי און זיי בעטן, מיר זאָלן זיך קומען צו זיי רעגיסטרירן.

— מען דאַרף נישט גיין! — זאָג איך צו דער חברה!

— וואָס גאָט וועט געבן, זאָל זיין — זאָגן די איבעריקע און לאָזן מיך אַליין. איך וויל מיטגיין, נאָר עפּעס לאָזן נישט די פיס, עפּעס האַלטן זיי צו נישט געזעענע כוחות. איך בלייב.

פאַרנאַכט ברענגט מיר דער זעלבער פּאַסטוך די נייס, אַז מען האָט געוואַרט אויף מיר צוויי שעה און נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף מיר, האָבן זיי מיטגענומען די דרייסיק יידן מיט זיך אין שומסק, איבער־לאָזנדיק איין פּאָליציאַנט מיך אויפצוזוכן.

אין דער נאַכט בין איך צוריק אַוועק אין מאַיאָנטעק, אויפגעזוכט די בויד, ווו עס איז געלעגן די אַלטע צויג און זיך אַוועקגעלייגט א יאָ־מערנדיקער פאַר איר וואַרעמען בויך.

איך האָב נישט געוווּסט קלאָר, פאַרוואָס איך יאָמער, איך האָב אָבער געפילט, אַז עפּעס שרעקלעכעס קומט איצט פאָר מיט מיינע חברים.

די צויג, די טייערע הינטעכע, האָט נישט געבילט דאָס מאָל, זי האָט זיך צוגעדריקט צו מיר, פאַרדעקט מיט איר וואַרעמען לייב, ווי געוואָלט דערשטיקן מיין געיאָמער, מען זאָל חלילה נישט דערהערן, אַז א פרעמדער איז דאָ אין דער הינטישער בודע.

און ווידער א טויב-שטומער לאָז איך זיך וואַנדערן דורך זומפּן און קוסטעס, אויסמיידנדיק וועגן און מענטשן צו ווילנע צו.

אויפן וועג שפּרינגט אָן א פּויערל. איך ריזיקיר און פרעג:

— אדוני, מיין הערעלע, צי ווייסטו נישט, וואָס עס איז געוואָרן מיט די יידן וואָס מען האָט צוגענומען אייערנעכטן פון מאַיאָנטעק?

— וואָס איז געוואָרן?... — דער פויער קוקט אויף מיר, באַדויערט און צום סוף — אפילו די בהמות אין די שטאַלן אַרום וויעלוטשאַן האָבן זיך פונאַנדערגערעוועט, ווען מען האָט זיי אַלעמען צעשאָסן...

זיין צוזאַמען מיט אַלעמען! גיין אין געטאָ אַריין! — איך גיי אַ באַוואַקסענער איבער שאָסייען דעם טויט אַנטקעגן. בין איך אָבער זיכער אַ פּחדן, ווייל ווען פאַרבייגייער פרעגן מיך וואָס, מאַך איך מיט די הענט, אַז איך פאַרשטיי נישט, אַז איך בין טויב און שטום... לאָז איך איבער די חשדים הינטער זיך און קום צוזאַמען מיט אַ יידישער אַרבעטער-גרופּע אין געטאָ אַריין.

...— געוואַלד! — ווילט זיך אויסשרייען. — געוואַלד, ווי שלעכט עס איז! געוואַלד ווי גוט מיר איז!...

איך בין צווישן אייגענע. איך קען ריידן, הערן, דערציילן. אויפנעמען און איבערזינגען די מאָדנע-שוידערלעך-ווונדערלעכע ווערטער: „געטאָ, דיך פאַרגעסן וועל איך קיינמאָל נישט..."

***

— — ‡ — רו וועלן מיר שוין קיינמאָל אין ערגעץ נישט געפינען — ווי אויסגעהונגערטע וועלף האָבן מיר זיך אין פינצטערע נעכט דורך די געטאָ- און לאַגער-פאַרצוימונגען דורכגעריסן צו די וועלדער צו, אויף רויב און רציחה. מיר האָבן מקנא געווען די חיות אין די גרינע געהיימען. דער וואַלד איז געוואָרן אונדזער אידעאַל. די ל ע ג ע נ ד ע וואָס איז געווען פאַר אונדז אין אַ זוניק-גרינעם אָרעאָל אַרומגעהילט.

...און אַז מען וועט אונדז פרעגן: ווי אַזוי האָט איר אין די וועלדער געלעבט אין רעגן, אין זומפּ און אין קעלט? פון וואָס האָט איר געלעבט זייענדיק כסדר אַרומגערינגלט פון דייטשישן מיליטער און פון דער פיינטלעכער און אָנגעשראָקענער באַפעלקערונג? אויב זומער קען מען נאָך כאַפּן אַ דרעמל אונטער אַ בוים, ביי אַ קוסט, — ווו האָט איר אייער געביין אַנידערגעלייגט אין די שנייען, אין די זאַווערוכעס, אין די פרעסט? איר האָט העלדיש קעגן די נאַציס געקעמפט, — ווו האָט איר געוווער געגומען צום קאַמף? ווען איר זענט פאַרוווּנדעט געוואָרן, — ווו זיינען אייערע ווייען געשטילט געוואָרן און ווער האָט אייך, עלנטע און געיאָגטע, די ווונדן פאַרבונדן? צי האָט איר כאָטש אין די ווילדע וועלדער צווישן אייגענע קאַמפס-חברים רו און פריינדשאַפט געפונען?—

...:וועלן מיר ענטפערן: רו וועלן מיר שוין קיינמאָל אין ערגעץ נישט געפינען.

אַנדערש האָט אויסגעזען די לעגענדע פון דער ווייט און גאָר אַנדערש פון דער נאָענט, ווען מיר אַליין זיינען געוואָרן לעגענדאַריש...

אַם פון דער לעגענדע וויל איך אין דעם בוך איר גרינעם שלייער ארונטערנעמען. אפשר, אפשר וועלן אויפגעקלערט ווערן די טשיקאווע שאלות. זאָל די ליכטיקייט, ווי אומעטיק און פינצטער עס זאָל נישט זיין, פון די גרין־געהיימע געדיכטענישן אנטפלעקט ווערן.

...אויך פרייד וועט דער לייענער אינעם בוך געפינען. פרייד פון גרויסער און גערעכטער נקמה. דאָס לעבן פון יידישן קעמפער, פּארטי־זאַן איז אָבער צוערשט געווען גענוג, געווען גיהנומדיק. צוליב דעם וועט אויך דער לייענער מוזן מיטמאכן דעם זעלבן וועג. א שווערער, א פיינ־לעכער וועג, פירט פון גיהנום.

# אין די נעכט

יוני, 1943.

גיך האָט זיך געשטעלט דער זומער. טאָג-איין, טאָג-אויס קומט די זון מיט איר צעלויכטענעם פּנים און באַוואַרעמט די שטאָט, גיט קראַפט און חיות די איינוווינער און אין די זיבן געטאָ-געסלעך לאָזט זי, די זון, בלויז איבער א נאָגנדיקע בענקשאַפט צו דער פריי. ברומען מיר אין דער דושנער ענגשאַפט דאָס געטאָ-לידל:

„א ווינטעלע האָט זיך פאַרגנבעט דורך שפּאַרעס,
א סוד איינגערוימט אונדז דערביי:
עס האָט זיך היינט הינטער דעם דראָטענעם פּאַרקאַן
צעוואַקסן דער דאָזיקער מאַי...
נאָר ביי אונדז איז גרוי און פינצטער
ס'הענגט דער אומעט אויף די ווענט...

אָבער נישט נאָר דער לויטערער הימל איבער די שמאָלע געסלעך מאַכט דאָס לעבן אונדזערס ענג. עס וואָלט אפשר אויך געווען א האַלבע צרה. וואָס דער אומעט הענגט אויף יעדער וואַנט... פון דעם אַלעם וואָלטן מיר נאָך געקענט אַדורכשטופּן די שווערע צייט. עס ווערט אונדז אָבער מיט יעדן טאָג אַלץ ענגער צוליב די פּאָליטישע געשעענישן, וואָס עס קומען פאָר אין דער וועלט. די רוסן שלאָגן דעם דייטש און גייען פאָר־אויס; די אַליאירטע האַלטן אָפּ נצחונות; די דייטשן טרעטן אָפּ און מיר... מיר ווייסן, אַז אויב עס זאָל נישט געשען קיין נס, וועלן די דייטשן, ביים אָפּטרעטן פון ווילנע, אויך מיט אונדז, די לעצט-פאַרבליבענע פון ירושלים ד'ליטא, — פאַרענדיקן...

ס'הויבט זיך אָן אין געטאָ א פיבערדיקער בוי פון מעלינעס (באַהעל־טענישן). אין די נעכט, ווען עס קומט אויס, אַז אין דער פאַרפינצטער־טער געטאָ שלאָפן אַלע, הויבט זיך ערשט אָן דאָס לעבן. יידן גראָבן דאָס אינגעווייד פון דער ערד. יעדער הויף דאַרף ווערן א פעסטונג, אָן אזיל...

הונדערטער יידן זיינען דערביי פּארנומען. אלט און יונג. פריער איז מען נעכט נישט געשלאָפן, כדי ווי געהעריק פלענער אויסצואַרבעטן, ווי בעסער צו בויען די מעלינע, ווי בעסער צו פארמאסקירן די אריין- און ארויסגענג. איצט שלאָפט מען נישט אין די נעכט, כדי די פלענער צו פארווירקלעכן. אינזשיניערן זיינען פארנומען, בוי-טעכניקער, סטאָליא-רעס, מאַנטיאָרן, סתם-יידן.

דאָך, אין די מעלינעס — טראכטן יידן — וועט זיך אפשר איינגעבן אויסצובאהאלטן דעמאָלט, ווען די דייטשן וועלן אָנהייבן אָפּטרעטן.

טייל יידן בויען מעלינעס מיט דער אויסרעכענונג, טאָמער וועט אויסקומען צו ליגן באהאלטן דאָרט עטלעכע חדשים. ציט מען אריין עלעקטרי, וואסער; אנדערע יידן זיינען זיכער, אז מ'וועט קיין לאַנגע צייט נישט דארפן זיצן אין די מעלינעס, די גאולה וועט לאנג נישט לאָזן וואַרטן אויף זיך. גראָבט מען דעם אונטערערד, בויט מען און מען מאכט די קונציקסטע פארמאסקירונגען — דער שונא זאָל זיך נישט כאַפּן...

מען שמועסט צווישן יידן, אז גענס (דער יידן-עלטסטער), האָט זיך אָנגעגרייט אזש עטלעכע מעלינעס, ווו עס וועט זיך אויך אויסבא-האלטן דער גאנצער יידנראַט מיט זיינע באאמטע. מען איז זיכער, אז אינזשיניער ספּאַקאָינע וועט מיט זיין מעלינע אלעמען איבעריאָגן. טייל יידן דערציילן אויך בסוד, אז אין באָד, אויף דער סטראשון-גאס, געפינט זיך אזא קונציקע מעלינע, וואָס אז מען זאָל זיין מיט הונדערט קעפּ, וועט מען זיך נישט קענען כאַפּן ווו דאָס איז. ס'זיינען אויך פאראן אזעלכע יידן, וועלכע האָבן זיך פארזאָרגט מיט מעלינעס אויסערן געטאָ, אויף די ארבעטס-ערטער, ביי די... דייטשן. אזוי, למשל, דערציילט מען, אז יידי-שע ארבעטער, וועלכע ארבעטן אין שפּיטאָל ביי די שפּאנישע פּאַרוווּנ-דעטע, האָבן זיך אויך צוגעגרייט א מעלינע, און ווי נאָר זיי, די יידן, וועלן דערשמעקן, אז אין געטאָ גרייט זיך וואָס, וועלן זיי שוין פון שפּיטאָל צוריק נישט קומען, נאָר זיך דאָרטן אויסבאהאלטן און לעבן פון דעם, וואָס זיי האָבן חדשים-לאנג אין דער מעלינע אָנגעגרייט.

איצט וועט מען זיך שוין נישט לאָזן אריינשאַרן דורך די דייטשן אזוי ווי פריער. איצט וועט מען זיך שוין נישט לאָזן פירן...

— מיר מוזן איבערלעבן! — האָט זיך פונאנדערגעפלאַמט דער ווילן ביי די לעצטע, ביי די לעבנגעבליבענע — און טאָמער כאַפּט מען אונדז אין מעלינע, האָבן מיר פאר די מערדערס צוגעגרייט אָט-דאָס...

...און אין די באהעלטענישן זיינען דעריבער צוגעגרייט, אויסער שפּייז, — אויך געווער. העק, שטיינער, בענזין, זאַמד, סם...

— נאָר נישט אריינפאלן צו זיי קיין לעבעדיקע!

אין די הייסע, זוניקע טעג קומען יידן אויסגעמאַטערטע, נישט־זעלטן צעשלאָגענע, פון דער ארבעט צוריק אין געטאָ. זיי באַווייזן זיך אָפט אפילו נישט ארומצוקוקן, ווי די נאכט פאלט שוין צו, און דאן, — ווידער צו דער ארבעט. מען בויט מעלינעס. אפשר וועט דער טויט נישט גרייכן אהין. אפשר וועט מען זיך דאָ דערוואַרטן דעם טאָג פון דער גאולה...

נישט אלע יידן אָבער האַלטן פון מעלינעס. געפינען זיך יידן וואָס זאָגן:

— פון די דייטשן וועסטו זיך אין ערגעץ נישט אויסבאַהאַלטן.

— אין דער ערד וועלן זיי דיך געפינען.

— די אייגענע פּאָליציי וועט אָנווייזן די דייטשן די מעלינעס.

דער אָפיציעלער ענטפער פון געהיימען פארטיזאנער־שטאב אין געטאָ קלינגט:

„אין מעלינעס באַהאַלטן זאָלן זיך זקנים, קינדער, — די אָבער, וועלכע קענען האַלטן געווער אין האַנט, א האַק, אַן אייזן, דאַרפן שטעלן א ווידערשטאַנד. אויב אומקומען זאָל עס זיין מיט כבוד“.

טייל קעמפער בונטעווען זיך שטיל:

— לאָמיר זיך בעסער מיטן געווער, וואָס מיר האָבן, צו די וועלדער זיך דורכרייסן, מיר וועלן דאָך אויסער דעם, וואָס מיר וועלן העלפן דער רויטער ארמיי, אויך בידים נקמה נעמען אָן די מערדער.

— אין די וועלדער, — באַהאַלטן נישט אנדערע זייער ווילן, — זיינען אויך די שאַנסן צו בלייבן לעבן גרעסער. אין געטאָ איז מען פון פאָראויס באַשטימט אויף אומקום.

אויך ביי אונדז אין שטוב זיינען צעטיילט די מיינונגען. אַלע זיינען אָבער מסכים, אַז על כל צרה שלא תבוא, איז גוט צו האָבן אַן אייגענע מעלינע. ווו אָבער מאַכט מען די מעלינע?

מיר כאַפּן זיך, אַז אונדזער שטוב געפינט זיך אין א גליקלעכער לאַגע. אונדזער ווינונג גרענעצט זיך מיטן אויסערן געטאָ. ווען מען זאָל דורכהאַקן א לאָך דורך אונדזער קיך, קען מען ארויסקומען אויפן הויף, וואָס איז שוין אויף דער ארישער זייט, אויף דייטשע גאַס נומער 29. אויך דער בוידעם פון אונדזער שטוב (מיר ווינען אויפן דריטן, העכסטן שטאָק), ציט זיך אַוועק אויסערן געטאָ. מיר באַשליסן דעריבער, אַז אַזוי ווי דער ארויפגאַנג צום בוידעם געפינט זיך שוין אויסערן געטאָ, און לויט ווי אונדזערע פריערדיקע אויספאָרשונגען האָבן באַוויזן, ווערט דער בוידעם דורך די ארישע שכנים נישט באַנוצט, דאַרף מען אין דעם שטוב־קלאָזעט אויסהאַקן דאָס שטיקל פירקאַנטיקע סופיט, וואָס פירט

גלייך צום בוידעם ארויף, און אויף דעם אָרט פון סופים זאָל געמאכט ווערן א שווערע דעק, וואָס זאָל לויטן קאָליר זיך נישט אונטערשיידן מיט דער פארב פון שטוב-סופיט. „די דייטשן, טראכטן מיר, וועלן דאָך זען, אז דער ארויפגאנג צום בוידעם פירט פון דער ארישער זייט, וועלן זיי דעריבער שוין אפשר נישט וועלן זיך מטריח זיין און גיין זוכן עט־לעכע יידן"...

מיר זיינען אָבער אלע קבצנים, נישטאָ קיינער פון אונדזערע מיט־וווינער וואָס זאָלן האָבן אן איבעריקן גראָשן ביי דער נשמה. נישט איך, נישט סוצקעווער, נישט מרים רייזען, נישט די פרוי פון דר. ביבער. און פון וואנען זאָל האָבן ד"ר פיינשטיין, מגר. אבראמאָוויטש? — פון די רעפעראטן, וואָס זיי האלטן אין געטאָ?

טראכטן מיר אלע וואָס צו טון, ווו צו נעמען דאָס נויטיקע געלט דערצו. צום סוף באשליסן מיר צו נעמען שותפים. אונדזער שכן, דער פּאָליציאנט יאָסעלסאָן, האָט זיך אונטערגענומען צו פינאנצירן די אר־בעט, און אינזשיניער קרינסקי, דער פארוואלטער פון צענטראלן סקלאד ביים יידנראט, האָט זיך אונטערגענומען צו פארזאָרגן מאטעריאל און ארבעטער. צו 50 מארק האָט נאָך אָבער יעדער געדארפט דערלייגן. מרים האָט זיך געפילט גליקלעך מיט דעם בריוו און פעקל, וואָס בער־נארד זינגער האָט איר צוגעשיקט פון טערקיי אויף דעם אדרעס פון א פּאָליאק, און זי האָט פארקויפט א שאכטל סארדינען צו דעקן איר טייל פאַר דער מעלינע; איך האָב די 50 מארק ביי אימיצן געבאָרגט און... אין די נעכט האָט מען געבויט די מעלינע.

אין די שווערע, גרויליקע נעכט האָבן זיך געזילבערט שוויים־טראָפּנס ביי הונדערטער יידן, וועלכע האָבן געגראָבן, געבויערט, גע־מייסטרעוועט, געבויט און זיך פארוואנדלט אין שטיקער האָפענונג...

— בעסער זאָל מען דאָס נישט באדארפן... און אויב מען וועט עס, חס ושלום, דארפן, זאָל עס אדורכהאלטן! — פרומע יידן האָבן זייערע תפילות בלחש געשיקט צו גאָט, אויך די נישט-פרומע האָבן כמעט די זעלבע תפילות געזאָגט און געטראכט:

— אפשר, אפשר האָבן מיר אויך א גאָט, טאָ זאָל ע ר אונדז העלפן...

אין די שווערע גרויליקע נעכט...
ווען גאָט אליין, דוכט זיך, שלאָפט אויך.

## געווער! געווער! ווו נעמט מען געווער?!

וואָס עס זאָל נישט זיין, איין זאך איז אָבער קלאָר פאר יעדן: מען מוז האָבן געווער! ווי אזוי אָבער קריגט מען עס? ווו באקומט מען עס? און אז מען זאָל עס שוין באקומען ערגעץ, ווי אזוי טראָגט מען דאָס אריין אין געטאָ? נישט לאנג האָט מען ביים טויער די זינגערין ליובע לעוויצקי פארהאלטן און געפונען ביי איר א קילאָ ארבעס. האָט זי דער הונט, דער נאצי מורער, געהייסן ביז בלוט שמייסן און דערנאָך דער-שאָסן אויף פּאָנאר (א וועלדל ביים דערפל פּאָנארי, 8 קילאָמעטער ביי ווילנע). דעם זעלבן טרויעריקן סוף האָט געהאט דער אדוואָקאט סטור-פּעל. און ווער געדענקט עס נישט, ווי מורער האָט פאראיאָרן באפוילן צו דערשיסן 100 יידן, ווייל א גרופּע יידן האָבן געפּרוווט אדורכשמוג-לען אין געטאָ שפּייז? טראכט איצט יעדער איינער: „וואָס וואָלט געווען, ווען די געשטאפּאָ וואָלט געפונען ביי יידן געווער? ווער ווייסט וויפיל יידן עס וואָלטן דערפאר מיטן לעבן באצאָלט!

— און דאָס געטאָ ליקווידירן דערפאר וואָלטן זיך די דייטשן גע-שראָקן?

— דער זכות פון ווילנער גאון, וועט אייך שוין דאן אויך נישט העלפן. — אזוי האָבן יידן געטענהט ביז מיט א פּאָר חדשים צוריק. דאן האָט מען נאָך געמיינט, אז וועמען-וועמען, נאָר דאָס ווילנער געטאָ ליקווידירן וועלן די דייטשן נישט.

— צופיל באקאנט איז ווילנע אין דער וועלט, אז זיי זאָלן דאָס קענען טון.

— די דייטשן וועלן זיכער וועלן דער וועלט באווייזן, אז די ידיעות, וואָס די אויסלענדישע פּרעסע שרייבט וועגן די מאסן-שחיטות אויף די יידן, זיינען אויסגעזויגן פון פינגער, א ראיה, זעט דאָס ווילנער געטאָ...

פרומע יידן האָבן זיך אלץ נאָך פארלאָזן אויפן ריבונו של עולם...

דעם 5טן אפּריל אָבער האָבן די נאצים באוויזן, אז זיי זיינען דאָס וואָס זיי זיינען: מערדער. 4 טויזנט יידן פון דער פּראָווינץ (און א 100 יידן פון ווילנער געטאָ), וועמען די געשטאפּאָ האָט געגעבן די היי-

ליקסטע צוזאָגן, אז מען פירט זיי אין דער געטאָ פון קאָוונע, זיינען צו־געפירט געוואָרן ביז פּאָנאר און דאָרטן, אין גרויסן מאסן־קבר פון די ווילנער יידן, זיינען אויך זיי צעשאָסן געוואָרן.

אין עטלעכע טעג ארום זיינען אונטער דעם פילם־אקטיאָר קיטטעלס אָנפירונג אויסגעשאָסן געוואָרן די ווילנער יידן וואָס האָבן געארבעט אין די טאָרף־לאַגערן בעזדאן און קענע.

— איצט איז זיך שוין נישטאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן, — האָבן שוין געמוזט מודה זיין די אָפּטימיסטן. אויך די גלוביקע האָבן זיך אונ־טערגעגעבן.

דער געדאנק פון ווידערשטאנד איז דעקאָנספּירירט געוואָרן. אלע האָבן איצט גערעדט דערפון. נישטאָ וואָס צו פאַרלירן.

אין קינדער־ און יוגנט־קלוב האָב איך אין אָט די גרויליקע טעג געשטאַרקט דעם מוט ביי די יוגנטלעכע, רופנדיק זיי צום אקטיוון ווי־דערשטאנד:

— קען זיין, אז מען וועט אונדז נאָך באווייזן צו באפרייען, — האָב איך זיי געזאָגט, נישט גלויבנדיק אליין אין אזא מעגלעכקייט. — קען זיין. אויב אָבער די דייטשן וועלן אָפּטרעטן פלאנמעסיק, דאן וועלן זיי אויך זיכער אָן אונדז נישט פארגעסן, — האָב איך גלויבנדיק אין אזא מעגלעכקייט שטאַרק אונטערגעשטראָכן יעדעס וואָרט. — ווייטער, וואָס שייך דער אילוזיע וואָס א טייל יידן האָבן נאָך געהאט, אז זיי וועלן דאָך איבערלעבן, האָבן די דייטשן איצט באוויזן, אז ס׳איז טאקע מער נישט ווי אילוזיע. דעריבער, קינדער, האָבן מיר איין אויסוועג.

— כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט א ווייַלע און פאַרענדיקט, — דער איינ־ציקער אויסוועג איז — שטאַרבן...

אין טונקל־באַלויכטענעם זאל פון יוגנט־קלוב זיינען די פּנימלעך ביי די קינדער געוואָרן נאָך בלאסער.

— אָבער, אויב שוין שטאַרבן, — הויב איך שטאַרקער מיין קול — איז מיט כבוד! ווי עס פּאַסט פאַר קעמפער. קלאָרער געזאָגט, שטאַרבן אזוי ווי עס פאלן סאָלדאטן אויפן פראָנט, דורך קאַמף! — די קינדער האָבן האסטיק זיך אָנגעהויבן באוועגן, געקוקט איינע אויף די אנדערע, פּייערלעך האָבן זיך צעצונדן אין די טיפע אויגנגריבעלעך...

א טייל פון זיי זיינען שוין געווען אריינגעצויגן אין דער פּאַרטיזא־נער באוועגונג אין געטאָ, טייל קינדער האָבן געהערט צו פאַרשידענע אומלעגאַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אויך דאָרטן איז מיט זיי גערעדט גע־וואָרן וועגן דער קריטישער לאַגע, אָבער אויף אזא צוזאמענקום, מיט

אזויפיל קינדער, אויך נישט קיין אָרגאַניזירטע, האָט נאָך קיינער נישט געוואגט צו ריידן אזוי אָפן און קלאָר וועגן דעם, אז מען מוז שטעלן א באוואָפנטן ווידערשטאנד דער געשטאַפּאָ. א ווידערשטאנד אין טאָג, ווען זיי וועלן קומען דאָס געטאָ ליקווידירן.

ווי געזאָגט איז שוין דאַן נישט געווען וואָס צו פארלירן. צום טויט פארמשפטטע זיינען מיר סיי ווי געווען.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אין געטאָ צו באוויזן מיטאמאָל געווער. ס'האָבן זיך אפילו באוויזן מיטאמאָל געווער־הענדלער. דער פרייז פון א רעוואָלווער איז געשאצט געוואָרן לויט דער ערנסטקייט פון דער לאגע אין געטאָ. איז די לאגע געווען א בארואיקנדיקע, האָבן זיך אויך באַרואיקט די געמיטער ביי יידן, האָט מען זיך אויך נישט געאיילט נאָך געווער. איז די לאגע אין געטאָ געוואָרן ערנסטער, האָט זיך דער פרייז פון געווער מיטאמאָל א הויב געטון. מען האָט געצאָלט פאר א רעוואָלווער די משונהדיקסטע פרייזן. ביליקער זיינען געווען גראַ־נאטן, נאָך ביליקער זיינען געווען די היימישע אויסארבעטונגען פון די געטאָ־ווארשטאטן, — די אייזערנע הענטשקעס, אייזערנע שטעקנס, שווערדן. און —

— אז מען האקט האַלץ פאלן שפענער.

דער עולם האָט עס פאַראויסגעפילט און ליידער געטראָפן.

א פּאָליאק וואָס האָט פארקויפט געווער דעם קצב אליהו סווירסקי, מסרט דעם יידן פאר דער געשטאַפּאָ. סווירסקי ווערט געכאַפּט מיט צוויי געלאָדענע רעוואָלווערן, באהאלטענע אונטער די קליידער. ער ווערט גע־פייניקט, און צוזאמען מיט זיינע צוויי מיידלעך ווערט ער אומגעבראַכט אויף פּאָנאר. א ליטווישער מסור דערקענט אויף דעם לידער גנעפל דעם בראסלאווער יידן יאנקל בעלאק, וואָס גייט אָן דער געלער לאַטע. דער יונגער בעלאק אנטלויפנדיק, שיסט זיך אָפּ, ער ווערט אָבער געכאַפּט דורך אנדערע ליטווינער. אין געטאָ גייען ארום זיינע חברים ווי אָן קעפּ. זיי האָבן זיך שוין געגרייט די טעג ארויסצורייסן זיך אין די וועלדער, זיי האָבן בלויז געוואַרט צו באקומען נאָך געווער, און איצט... ווער וויים וואָס עס קען געשען? מען איז נישט זיכער, צי בעלאק וועט אויסהאלטן די עינויים אין דער געשטאַפּאָ, צי וועט ער ארויסגעבן זיינע חברים?...

איז אוועק א טאָג, א צווייטער, — דורך פארשידענע אינפאָרמאציע־קאנאלן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז בעלאק ווערט שווידערלעך געפּיי־ניקט, אָבער קיין איין וואָרט לאָזט ער פון מויל נישט ארויס. אין פיר



## אין ווילנער געטאָ

1) די תפיסה אויף דער לידער געסל, 2) דייטשן אין געטאָ — אַלע זיינען באַהאַלטן אין די מַלינעס, טיר און טויער פארהאקט, 3) ביים טויער פון געטאָ, 4) אויף רעכטס און אויף לינקס... נאַציס סאָרטירן, ווער עס זאָל פאַרלויפיק נאָך בלייבן לעבן (סעפּטעמבער 1941), 5) אין געטאָ, 1943; פון רעכטס: א. סוצקעווער, רחל פּופּקאָ, ש. קאַטשערגינסקי.



## ר ע ט ע ר י נ ס

פוילישע און ליטווישע פרויען, וועלכע האָבן געראטעוועט יידן: 1) אננא שומייטע, 2) וויקטאָריא גזשמילעווסקי און ש. קאטשערגינסקי, 3) מאריא פעדעצקי מיט איר טאָכטערל, 4) ד"ר קוטורגענע, 5) סאָפיע בינקיענע און איר טאָכטער אירענע, 6) מארילא וואָלסקי.

טעג ארום איז דער יונגער העלד אויסגעגאנגען אין די צוואנגען און שפּיזן פון דער געשטאפּא. זיינע חברים האָט ער נישט ארויסגעגעבן.

ביים געטאָ-טויער דערטאפּט דער ליטווישער פּאָליציאנט א רעוואָלווער ביים שניידער-ארבעטער תפוח. תפוח איז שיכורלעך, ער זאָגט, אז די דייטשן ווו ער ארבעט האָבן אים אָנגעטרונקען און ער האָט גאָר נישט געפילט, ווי זיי האָבן אים אָנגעטשעפּעט א מיליטער-רימען מיט א רעוואָלווער. אלץ איינס: תפוח מיט זיין פרוי און קינד באצאָלן דערפאר מיטן לעבן.

דער סוויענציאנער ייד לעווין לאָזט זיך נישט רעווידירן דורך דעם יידישן פּאָליציאנט מארעק גוטגאָלד. ס׳קומט צו א העפטיקן געפעכט און לעווין דערשיסט גוטגאָלדן. קומט געגם און דערשיסט לעווינען...

— דאָס וואָרט האָט באקומען דער רעוואָלווער! — זאָגט מיר אין אָט די הייסע טעג מיין חבר איציק וויטנבערג, ווען איך בין נאָר וואָס פון באָד ארוים און אריין צו אים אין צימערל, ווו ער אמטירט ווי דער באָד-פארוואלטער.

— דיר איז גוט, — זאָג איך צו אים, — האָסט א רואיקע ארבעט, זיצסט זיך אין צימערל און חלומסט...

— יאָ, — ענטפערט ער קאלט, — איך חלום טאקע ווי אזוי בעסער צו שטארבן. מען דאַרף זיך גרייטן ברודערל...

— נו, — פּרוּוו איך אים אָנציען, — דאָס איז דיין גאנצער חלום? שטארבן קען מען דאָך אויך פארשידן.

איציק האָט אויף מיר פארזיכטיק א קוק געטון. ארויסגעצויגן לאנגזאם א דינעם שמייכל אויפן וואקסענעם פּנים און שטיל געענטפערט:

— מענטשן קענען קיינמאָל נישט וויסן ווי אזוי און ווו זיי וועלן שטארבן, סיידן די וועלכע זאָרגן זיך וועגן דעם פריער.

— כ׳מיין טאקע, אז גראָד איצט איז די צייט פון זאָרגן זיך פאר דעם.

— דאָס איז געווענדט פון טעמפּעראמענט.

— אויב אזוי, — זאָג איך, — זע איך נישט, אז דיין טעמפּעראמענט זאָל דיך שטארק באאומרואיקן.

וויטענבערג האָט זיך הארציק פונאנדערגעלאכט.

— וואָס לאכט ער? — האָב איך נישט געקענט פארשטיין, — קען דאָס זיין, אז אים אינטערעסירט קיין זאך נישט, אז ער האָט א מאך געטון אויף אלץ מיט דער האנט, אזוי ווי אנדערע יידן? קען דאָס גע-

מאָלט זיין, אַז איציק, וואָס איז דאָך פאַר דער מלחמה געווען אַן אַקטי־
ווער טוער אין דער פּראָפעסיאָנעלער ארבעטער באוועגונג, זאָל זיך
האָבן אין אלץ אנטוישט, זאָל זיין אזוי אָפּגעלאָזן? — איך האָב כסדר
געטראכט וועגן אים און צום סוף באשלאָסן איבערצוגעבן מיין גרופּן־
קאָמאנדיר פון דער „פאראייניקטער פּארטיזאנער־אָרגאניזאציע"
(פפ"א), מען זאָל זען אריינציען וויטענבערגן אין דער אָרגאניזאציע.

און די טעג אין געטאָ זיינען הייסע. נישט נאָר פון די זיבן שמאָלע
גאסן זון וואָס שיינען אראָפּ אין די זיבן קרומע גיהנום-געסלעך פונעם
געטאָ, די טעג זיינען הייסע, ווייל נייע געשעענישן רוקן זיך אָן איינע
נאָך די אנדערע. זיי לאָזן נישט איינרוען, די טעג, זיי וואָרענען:

— יידן! זייט גרייט!

# ביים קאָמאַנדיר פון פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין געטאָ

די „פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע" (פפ"אָ), האָט שוין לאַנג אָפּגעשאַצט די ערנסטקייט פון דער לאַגע און באַשלאָסן דורכצו־פירן אַ װערבירונגס־אַקציע פון נייע קעמפער און פון געווער.

די לעצטע צייט איז די פפ"אָ שטאַרק געוואַקסן. די צאָל קעמפער איז טאַקע געוואָרן מער. אָבער געווער איז נישטאָ גענוג פאַר אַלעמען. אין די געהיימע געווער אַרסענאַלן אין געטאָ זיינען פאַראַן בלויז צוויי פּולעמיאָטן, עטלעכע ביקסן. אמת, גראַנאַטן, רעוואָלווערן, קוילן זיינען דאָ. אָבער אַלץ נאָך ווייניק. ס'וועט אפילו נישט גענוג זיין יעדן קעמפער צו פאַרטיילן צו איין געווער־שטיק. און אין פּלאַן פון פפ"אָ גייט דאָך אַריין, אַז אין דעציִדירנדיקן מאָמענט, ווען דער ווידערשטאַנד וועט זיך אָנהויבן, זאָלן אויך צום קאַמף צוגעצויגן ווערן סתם יידן, וועלכע זאָלן באַקומען געווער פון די פפ"אָ־אַרסענאַלן. אַלזאָ עס פעלן פּולעמיאָטן, אויטאָמאַטן, ביקסן, גראַנאַטן, דינאַמיט. דער געבאָט פון דער מינוט: פאַרשטאַרקן די באַוואָפענונג. עס ווערט פאַרפּילפאַכט די היימישע גע־ווער־פּראָדוקציע פון דער גראַנאַטן אויסאַרבעטונג (אין די נעכט זיינען געניטע קעמפער מעכאַניקער פאַרנומען אין ספּעציעלע מעלינעס ביים אויסאַרבעטן געטאָ גראַנאַטן), דער פפ"אָ־שטאַב גיט אַרויס באַפעלן די קעמפער, וועלכע אַרבעטן ביי די דייטשן אין שטאָט, זיך אָנצושטרענגען, נישט זשאַלעווענדיק דאָס אייגענע לעבן און באַקומען געווער. אָבער דאָס גנבענען ביי די דייטשן ווערט אַלץ שווערער. דער 18־יאָריקער זלמן טיקטין, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ביים גנבענען געווער אין אַמוני־ציע לאַגער, ווו ער האָט געאַרבעט, איז נישט לאַנג צוריק געכאַפּט גע־וואָרן. די יידן, וועלכע האָבן דאָס צוגעזען, דערציילן: ס'איז אָנגעקומען אויף דער באַן־ראַמפּע אַן אָנגעלאָדענער צוג מיט גראַנאַטן פאַרן פראָנט. טיקטין האָט אַראָפּגעריסן די פּלאָמבע פון אַ וואַגאָן און איז אומבאַמערקט פון די וועכטער אַריין אינעווייניק. ווען ער איז אַ באַלאָדענער מיט גראַנאַטן אין די קעשענעס און אונטער די קליידער אַרויס פון וואַגאָן, האָבן אים באַמערקט די וועכטער. זיי האָבן אַ געשריי געטון: „שטיין בלייבן!" טיקטין האָט גלייך באַנומען, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער און

האָט אָנגעהויבן לויפן. „אפשר וועט געלינגען זיך ארויסצודרייען פון זייערע הענט". די פאָסטנס האָבן אָנגעהויבן שיסן אין אים. דאָס יינגל איז געלאָפן אין זיגזאגן, כדי אויסצומיידן די קוילן. ער איז שוין געווען נאָענט פון וועלדל, אָבער ביים סאמע וואלדראנד האָט אים דעריאָגט א קויל. ער איז געפאלן. מען האָט אים געבראכט אין תפיסה־שפיטאָל, כדי אים פריער אויסצוהיילן און דערנאָך פייניקן. מען האָט אים דאָרט גע־פאָרשט כסדר. ער האָט אָבער קורץ געענטפערט: „איך האָב גענומען געווער, כדי נקמה צו נעמען פון אייך, מערדער פון מיינע עלטערן". זיי האָבן נישט באוויזן אים אויסצוהיילן. טיקטין איז פון די וואונדן גע־שטאָרבן.

ס'איז דעריבער ארויסגעגעבן געוואָרן א באפעל אלע דייטשישע ארבעטס־פונקטן, וווּ עס זיינען באשעפטיקט יידישע ארבעטער, מען זאָל די יידן נישט באשעפטיקן ארום געווער. די אמוניציע אומעטום מוז גע־היט ווערן, ווייל „מיט דיין געווער קען דער ייד דיך נאָך דערשיסן!"

שווערער ווערט דאָס לעבן, דער קאמף פארן לעבן, דער קאמף פארן טויט. די שוועריקייטן מוזן אָבער באזיגט ווערן. דער פפ"אָ־שטאב האלט כסדר אָפּ זיצונגען און רופט צו זיך באזונדערע קעמפער, וועלכע דארפן אויספירן וויכטיקע באפעלן.

צווישן די קעמפער בין אויך א י ך פאראן.

מיין גרופן־קאָמאנדיר, דער לערער מינץ, האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך דארף זיך מעלדן צום פפ"אָ־קאָמאנדיר — ה' לעאָ.

איך פלעג אָפט לייענען און הערן די טאָג־באפעלן, וואָס עס פלעגט ארויסגעבן דער קאָמענדאנט פון פפ"אָ ה' לעאָ. מיר האָבן אָבער קיינער נישט געוווּסט ווער דאָס איז. מיר האָבן אפילו נישט געוואגט צו פרעגן איינער ביים אנדערן ווער דאָס איז לעאָ, כאָטש יעדן פון אונדז איז עס געווען טשיקאווע צו וויסן.

די אויסערגעוויינלעכע קאָנספיראציע האָט נישט דערלאָזן, אז אפילו א מאן זיין פרוי, קינדער זייערע עלטערן, ברידער, שוועסטער, זאָלן דערציילן וועגן זייער אָנגעהעריקייט צו דער פארטיזאנער אָרגא־ניזאציע אין געטאָ. א פרעמדער, נישט קיין אָרגאניזירטער, האָט נישט געקענט וויסן פון דער עקזיסטענץ פון אזא אָרגאניזאציע.

ווען איך האָב געטראכט אָפט וועגן אונדזער קאָמאנדיר לעאָ, בין איך געווען זיכער, אז ער איז א געשיקטער פון מאָסקווע, אז לעאָ זיצט נישט אין געטאָ, נאָר קומט אהער פון צייט צו צייט פון שטאָט, ווו ער וווינט אויף געפעלשטע פאפירן. כ'בין געווען זיכער, אז לעאָ איז א גע־ניטער מיליטערמאן, א סטראטעג, צי אן אלטער פאַד־פאָלקאָווניק, וואָס

איז געשיקט געוואָרן פון יענער זייט פראָנט ליניע, וואָס וועט וויסן ווען און ווי אזוי אָנצוהויבן, צו דער געהעריקער צייט, דעם אויפשטאנד. לעאָ, האָב איך געטראכט, וועט נישט אָנהויבן, אָבער אויך נישט פארזאמען דעם מאָמענט ווען דעם סיגנאל צו געבן. איך האָב געחלומט צו טרעפן זיך מיט לעאָנען. כ׳האָב דאָך אים געהאט אזויפיל זאכן צו פארטרויען, אזוי פיל פלענער מיינע... און אָט האָב איך זיך דערוואַרט צו דער מינוט, ווען איך וועל זיין פנים אל פנים מיטן קאָמאנדאנט, מיט לעאָנען.

10 אזייגער ביינאכט האָט מיך יוסף גלאזמאן געהייסן וואַרטן ביים טויער פון מיין וווינונג. כ׳בין צו דער מינוט געקומען און אין דער זעלבער מינוט איז אויך יוסף צו. ער איז געגאנגען פאָראויס, — איך נאָך אים. אויף דער סטראשון־גאס האָט מיך יוסף איבערגעגעבן צו אן אומבאקאנט מיידל, וואָס האָט שטום, בלויז מיט אן אויגנבליק, מיר באפוילן גיין נאָך איר. מיר זיינען אריבערגעגאנגען עטלעכע טויערן און זיך אָפּגעשטעלט ביים נומער זעקס.

— וואַרטן! — האָט זי שטיל א פליסטער געטון און איז אריין אין טויער.

כ׳האָב אפילו נישט באוויזן א געדאנק צו פארענדיקן, ווי דאָס מיידל האָט זיך באוויזן פאר מיר און שטיל אומבאמערקט א ווונק געטון, איך זאָל גיין נאָך איר. כ׳בין אריין אין הויף און תיכף זיך פארקערע־וועט אויף לינקס, אין... באָד אריין. „ווּ פירט זי מיך?" קען איך נישט פארשטיין. אָבער אָט בלייבט זי שטיין אין שמאָלן קאָרידאָרל, קענגן ציי־מערל, ווּ ס׳הענגט די אויפשריפט: „פארוואלטער פון דער געטאָ־באָד נומער צוויי".

— קענסט אריינגיין, — זאָגט זי — דער קאָמאנדיר וואַרט שוין.

דאָס מיידל פארשווינדט און מיט הארץ־ציטערניש קלאַפּ איך אָן אין טיר און איידער איך דערהער נאָך דעם ענטפער, גיב איך זי א פראל אויף און בלייב אין מיטן ארייננגאנג א צעטומלטער.

קעגן מיר זיצט ביים ביוראָ־טיש איינאיינציקער מענטש — איציק וויטענבערג!

— „איז דאָס ע ר, — קען איך נישט ארויס פון דער צעטומלט־קייט, — איציק — ל ע אָ ? ס׳קען דאָך נישט זיין? לעאָ, אונדזער אלע־מענס האָפענונג, אונדזער קאָמאנדיר, אונדזער פאָן... וויטענבערג — דער קאָמאנדיר פון פפ״אָ? — איך בין מבולבל.

— ננו... — רייסט זיך דורך די געדאנקען מיינע איציקס רואיקער טאָן.

איך קום צו זיך. כ׳טו א שפּאַן דריי טריט פאָראויס, שטעל זיך אויף אכטונג און ראַפּאָרטיר:

— חבר קאָמאַנדיר, דער קעמפער קאַטשערגינסקי איז געקומען אויספירן אייער באַפעלן!

איציק האָט ליבלעך, קוים־קוים א שמייכל געטון, אפנים פאַרשטאַנען מיין פאַרווּנדערונג.

— נו, זעץ זיך.

כ׳האָב נאָך אלץ נישט געקענט קומען צו זיך: „אַט דאָס זאָל זיין לעאָ? איציק דער שטעפּער־ארבעטער, מיין לאַנג־יאָריקער חבר, קאָמאַנדאַנט פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ? כ׳בין געזעסן קעגן אים מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי נישט געוואָלט, ער זאָל ארויספילן מיין פאַרווּנדערונג און כ׳האָב געוואָרט ע ר זאָל אָנהויבן. „אפשר, האָב איך מיר ווייטער געטראַכט, האָב איך פאָרט א טעות? אפשר איז דאָס טאַקע נישט ער, נישט לעאָ...“

אלזאָ — האָט ענדלעך וויטענבערג איבערגעריסן מיין טראַכטן, — און ווי זיין שטייגער איז געווען, — לאַנגזאַם אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט, אָנגעהויבן ריידן:

— מען האָט מיר איבערגעגעבן, אז אויף דיין ארבעט־אָרט, אין ראָזענבערג־שטאַב, קומט צו דיר דיינער א פריינט, א ליטווינער.

— ריכטיק, חבר קאָמאַנדיר! — באַשטעטיק איך. — דאָס איז מיין פריינט יאַנקאָווסקי, דער דירעקטאָר פון ליטאָגראַפיע קאָמבינאַט „פּלאַקאַט“, וווּ איך האָב פאַר די סאָוועטן געארבעט.

— איז ער א מענטש, אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן?

— כ׳ווייס נישט, חבר קאָמאַנדיר, וועגן וואָס עס רעדט זיך. פריינטשאַפט ווייזט ער מיר ארויס א סך. העלפט מיר, מיינע חברים. כ׳האָב זיך אפילו אויסבאַהאַלטן א געוויסע צייט ביי אים... פאַרדעכטיקט מען אים אין וואָס?

— ניין, ניין, האַקט איבער איציק, — אדרבא, אויך מיר האָבן געהערט, אז ער איז א מענטש, אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן, און דעריבער טאַקע האָב איך ד י ך גערופן, כדי דו זאָלסט דורכפירן א וויכטיקע אויפגאַבע פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע.

— כ׳בין שטענדיק גרייט אויסצופירן אייערע באַפעלן, חבר קאָמאַנדיר! — גיב איך זיך א שטעל אויף.

— זעץ זיך, זעץ זיך, — שטעלט זיך וויטענבערג אויף! — הער! — ער האָט זיך פאַרטראַכט א מינוט און צוגייענדיק צו מיר, ארייננגעקוקט אין מיינע אויגן, — ווייסט דאָך פון די טאָג־באַפעלן און פון דער

שטימונג, וואָס הערשט אין גאַס, אז דאָס געטאָ שטייט ערב ליקווי־דאציע. וואָס צו פארלירן איז שוין נישטאָ וואָס. מיר מוזן גרייט זיין יעדן טאָג אָנצוהויבן דעם ווידערשטאנד, אונדזער לעצטן קאמף... מיר האָבן אָבער ווייניק געווער, כדי דעם קאמף אָנצוהויבן, כדי דעם ווי־דערשטאנד לענגער צו קענען אָנהאלטן. אין ווארשעווער געטאָ האָבן זיך די קעמפער געשלאָגן קעגן די דייטשן איבער א חודש. מיר מוזן זען, אז אויך אונזער קאמף זאָל נישט גלייך אויסגעלאָשן ווערן. דערצו איז אונדז נויטיק געווער. וועלן מיר קענען לענגער אויסהאלטן, וועלן אפשר א טייל פון אונדז, זיך קענען דורכרייסן אין די וועלדער. אָבער אויך דאָרט דארף מען געווער. אָן געווער וועט מען אונדז אין ערגעץ נישט צונעמען. אָן געווער זיינען מיר מאכטלאָז... — איציק האָט זיך געכאפּט, אז ער „כאפּט" אריבער די מאָס רייד, און טאקע: צו וואָס דארף מען די רייד, ווער פארשטייט עס נישט, — אלזאָ ד ו דארפסט דורך יאנקאָווי־סקין באקומען געווער, אפילו ווען דאָס זאָל דיך דאָס לעבן קאָסטן.

— צום באפעל, חבר קאָמאנדיר! — האָב איך זיך ווידער גע־שטעלט אויף אכטונג.

די פּראָסטע, קלאָרע און פּשוטע ווערטער האָבן מיר אָנגעצונדן דאָס געמיט.

איציק האָט זיך נאָענט צו מיר אוועקגעשטעלט, — ארויפגעלייגט די הענט אויף מיינע פּלייצעס:

— ווייסט דאָך, שמערקע, „פּאָ סלוזשביע ניעט דרוזשבי"! („אין דינסט איז נישטאָ קיין פריינדשאפט"), א טאָג פריער, א טאָג שפּעטער, אומקומען וועט מען סיי ווי דארפן, טאָ לאָמיר כאָטש פארן טויט זיין שטיקלעך מענטשן!

וויטענבערג איז מיטאמאָל אויסגעוואקסן אין מיינע אויגן. כ'האָב דערזען אין אים יענעם קאָמאנדיר, וועגן וועלכן איך האָב די גאנצע צייט געטרוימט. דעם קאָמאנדיר וואָס שרייבט און גיט ארויס באפעלן דער פאראייניקטער פארטיזאנער אָרגאניזאציע אין געטאָ, — דעם חבר לעאָ.

# אין קעניגרייך פון אלפרעד ראָזענבערג

וויוולסקי גאס 18 איז געווען א באקאנטער אדרעס נישט נאָר פאר ווילנער. די יידישע קולטור-וועלט האָט געוווּסט, אז דאָס איז דער אד־רעס פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט (ייווא) אין ווילנע. אין משך פון אַנדערהאלבן צענדליק יאָר האָט זיך אין ספּעציעל געבויטן, באשיידענעם בנין, קאָנצענטרירט די מאָדערנע יידישע וויסנשאפט. דער ייווא האָט פארמאָגט די גרעסטע און רייכסטע יידישע ביכער-זאמלונגען, א קאָלאָסאלן אוצר פון אָן א שיעור יקר-המציאותדיקע כתב-ידן, קונסט־בילדער, סקולפּטורן, דאָקומענטן, א רייכן טעאַטער-מוזיי א״נ פון אסתר רחל קאמינסקי, וויסנשאפטלעכע קאבינעטן פאר פסיכאָלאָגיע, עקאָנאָ־מיק, פילאָלאָגיע, געשיכטע, יוגנט-פאָרשונג. אן אספּיראנטור אויף אויס־צובילדן נייע קאדרען וויסנשאפטלער און פּראָאספּיראנטור פאר יינגערע. דער גרעסטער יידישער צייטונגס-ארכיוו איז געווען אין ייווא. די בא־זונדערע קאבינעטן האָבן ארויסגעגעבן זייערע וויסנשאפטלעכע אויס־גאבעס. דער פארלאג פון ייווא האָט ארויסגעגעבן קאפּיטאלע ווערק, וואָס זיינען אן אוצר אין יעדער ליטעראטור. די אויסשטעלונגען, וואָס דער ייווא פלעגט אָרגאניזירן, די וויסנשאפטלעכע סעסיעס זיינען גע־שעענישן אין דער יידישער קולטור-געשיכטע.

אין די קאבינעטן פון די היטלעריסטישע גדולים אין בערלין האָט מען אויך וועגן ייווא געוווּסט. אויך די ייווא-אוצרות זיינען אריין אין די אלגעמיינע פארכאפּונגס-פּלענער פון די דייטשן. עס איז שוין אפילו פון פאָראויס באשטימט געווען, ווער עס זאָל זיין דער ליקווידאטאָר פון ייווא.

דאָס איז געווען דער דייטשער געלערנטער ד״ר יאָהאן פּאָל. אָט דער פּאָל האָט זיך נאָך פארן אויסברוך פון דער מלחמה געלערנט שיינע עטלעכע יאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט און האָט א דאנק דעם גע־קענט העברעאיש, זיך אָריענטירט אין יידיש, און האָט דעריבער אין נייעם דייטשן „וויסנשאפטס געביט״ „יידנפאָרשונג אָן יידן״, פארנומען א גאָר חשובן אָרט... שוין אין סוף יוני פון 1941, ווען די דייטשן זיינען נאָר בלויז א פּאָר טעג געווען אין ווילנע, איז גלייך געקומען אהער ד״ר

פאַל מיט א גאַנצער סוויטע. זיי זיינען געווען געקליידט אין געל־גרינע אוניפאָרמען און אויף די אַרבל רויטע בענדער מיט האַקנקרייצן אין זייער מיט. אויף דער טיר פון א רעקווירירטער יידישער וווינונג אויף זיגמונט־גאַס, ווו זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן, איז אויפגעהאַנגען געוואָרן א שילד: „איינזאַצשטאַב פאַר די באַזעצטע געביטן פון רייכס־מיניסטער אַלפרעד ראָזענבערג".

אַט דער שטאַב האָט געהאַט די אויסשליסלעכע אויפגאַבע צו נע־מען אונטער זיין רשות אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו דער יידישער קול־טור, און צו קאָמוניסטישער ליטעראַטור אויף אַלע שפּראַכן. פאַל האָט אויך געבראַכט מיט זיך רשימות פון יידישע אַנטיקן (אינקונאַבלען, קונסט־בילדער, סקולפּטורן, דאָקומענטן, מאַנוסקריפּטן, א. ד. גל.), וואָס עס געפינען זיך אין יידישע ביבליאָטעקן און מוזייען. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן מיטצונעמען א רשימה פון יידישע געלערנטע...

צורויבנדיק די בעסטע אוצרות, וואָס עס פאַרמאָגט די סטראַשון־ביבליאָטעק, דער ייוואָ, דער אַנסקי־מוזיי, איז פאַל נאָכדעם ווי ער האָט אַרעסטירט דעם לעצטן וויסנשאַפטלעכן דירעקטאָר פון ייוואָ, ד"ר נח פּרילוצקי, אָפּגעפאָרן קיין בערלין. אין ווילנע האָט ער איבערגעלאָזט די סוויטע בראש מיט דעם פאַבריקאַנט שפּאָרקע, שפּינקלער (באַנק־באַאַמטער אין בערלין) און שייפער (קאַנצעלאַריסט פון קעססעל), וועל־כע האָבן פאַרלייגט זייער הויפּט־באַזע פאַר גאַנץ ליטע, אין בנין פון ייוואָ. זיי זיינען געוואָרן די פאַקטישע באַלעבאַטים פון דעם יידישן קול־טור־פאַרמעגן אין ליטע. אהער פלעגן אָנקומען וואַגאָנעס מיט פאַרשי־דענע מאַטעריאַלן פון דער גאַנצער ליטווישער פּראָווינץ און אפילו פון ווייסרוסלאַנד.

שפּאָרקע האָט געקענט גוט פּויליש, שפּינקלער האָט געקענט אויס־געצייכנט רוסיש, קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט פון קיין צורת אות אין יידיש. צו דער „יידנפאָרשונג אָן יידן" האָבן די דייטשן דעריבער געמוזט אָנקומען צו יידן. דאָס איז זיי נישט שווער געווען צו דערגרייכן. אין דער קאַרטאָטעקע פון דייטשן אַרבעטס־אַמט איז אַריינגעשריבן גע־וואָרן א נייער דייטשער אַרבעטס־פּונקט פאַר יידן — דער ראָזענבערג־שטאַב, ווו עס זיינען באַשעפטיקט 40 יידישע אַרבעטער.

יעדן פרימאָרגן פלעגן אַרויסמאַרשירן פון געטאָ צענדליקער אַנדע־רע אַרבעטס־גרופּעס, אויך די גרופּע פון ראָזענבערג־שטאַב. „די אינטע־ליגענץ" — פלעגט מען זיי אין געטאָ רופן, אָדער די „פּאַפּירענע ברי־גאַדע", וואָס האָט באַדייט, אַז די אַרבעטס־גרופּע איז באַשעפטיקט אַרום פּאַפּיר. און באמת זיינען אין דער גרופּע געווען באַשעפטיקט די אינ־

טעליגענטן פון געטאָ, — חשובע ווויסנשאַפטלער, שרייבער, לערער און קינסטלער. מען האָט דאָ געקענט זען דעם געלערנטן זעליק קאַלמאַנאָוויטש (געוועזענער פּרעזידיום-מיטגליד פון ייוואָ), די דאָקטוירים פּילאַזאָפן דניאל פיינשטיין, יעקב גאָרדאָן, לעאָ בערנשטיין, דינה יפה און מגר. רחל קרינסקי, דער דיכטער א. סוצקעווער, די קינסטלער אומע אָלקעניצקי; די לערער ישראל לובאָצקי, מאַרקעלס, זאַוועלסאָן, צונזער, דער באַקאַנטער זשורנאַליסט פון וואַרשע הערמאַן קרוק, דער רב און שוחט ניסן יפה, עספּעראַנטיסט עקיבא גערשאַטער, די פּפ״אָ-קעמפער מיכאל קאָוונער, רוזשקע קאָרטשאַק, מענדל באָרנשטיין, נעמי מאַרקעלס, און די פאָלקס-מענטשן שומסקי, האָכשטיין, מישקע און רחלע פּרעגער, לאַם, יונתן, זאַלישאַנסקי, בלאָך, א. א.

די בריגאַדע איז געווען פאַררעכנט פאַר א רואיקע, ד. ה., דאָ האָט מען נישט געשלאָגן. „פאַרט אינטעליגענטע דייטשן", פלעגן מיר נישט איינמאָל וועגן דעם צווישן זיך איבעררעדן. פונדעסטוועגן האָט זעלטן ווער פון די יידן געוואָלט דאָרטן אַרבעטן.

— א פאַפּירענע בריגאַדע — פלעגט מען פון אונדז חוזקן. — עס הייסט דאָרטן, ביי דער אַרבעט קען מען קיין זאַך נישט האָבן. נישט קיין שטיקל ברויט, נישט קיין שיסעלע זופּ, און שוין אָפּגערעדט פון עפּעס קויפן אָדער בייטן א חפץ אויף שפּייז, וואָס יידן פון אַנדערע אַרבעטס-בריגאַדעס פלעגן דורכפירן מיט נישט-יידן.

— מען כאַפּט ביי אונדז אַמאָל א קלאַפּ אויך — פלעגט נישט איינמאָל זיך אָנרופן צו מיר א באַקאַנטער, וואָס פלעגט לויבן זיין אַרבעטס-אָרט, — אָבער מיט א פולן מאָגן איז א סך לייכטער איבערצוטראָגן א זעץ פון א נאַגייקע צי פון א שטיוול, ווי אַרבעטן א הונגעריקער און עס זאָל דרייען דער קאָפּ און אין די קישקעס.

ווען איך האָב זיך נאָך די ערשטע שחיטות צוריקגעקערט אין געטאָ, איז שוין די אַרבעטס-בריגאַדע פון ראָזענבערג-שטאַב געווען פאַרפולט. נאָר א דאַנק מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם בריגאַדיר (אָנפירער) פון דער גרופּע, צמח זאַוועלסאָן, איז אויך מיר געלונגען נאָך פיל מי צו ווערן איינער פון די פּערציק.

די וויוואָלסקי-גאַס וואָס ליגט אויף די פּעריפעריעס פון שטאָט, דער ייוואָ-בנין, וואָס איז אין גרינס אַרומגערינגלט, די אָפּגעזונדערטקייט פון שטאָט, פון געטאָ, אין דער וועלט פון אונדזער ווייטן און נאָענטן עבר, האָבן מיר זיך געפילט ווי אין א באַזונדער קעניגרייך, א קעניגרייך אויף 8 שעה אין טאָג, אָבער אן אומהיימלעך קעניגרייך, ווו מיר זיינען געווען בלויז געצוווּנגענע שקלאַפן.

ווען אונדזערע דייטשן וואָלטן געוואָלט, האָבן זיי זיך געקאָנט אָפּ־פּאַרטיקן מיט דער גאַנצער אַרבעט אין אַ פּאָר חדשים. זיי האָבן געקענט אונדז פאַראָרדענען, אַז אַלץ זאָל פאַרפּאַקט ווערן אין קאַסטנס און אַוועקגעשיקט ווערן אין בערלין אָדער אין פּאַפּיר־פאַבריקן הינטער ווילנע. אָבער זיי האָבן דאָס נישט געוואָלט טון. פאַרקערט, זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט די אַרבעט וואָס מער צו פאַרציִען, כדי אויך זיי זאָלן האָבן וואָס צו טון, כדי אויך זיי זאָלן זיין נוצלעך פאַר זייער פאָטערלאַנד און צוליב דעם נישט דאַרפן פאָרן אויפן פראָנט. די דייטשן האָבן זיך אין אָט דעם קעניגרייך אויסגעצייכנט געפילט, און כדי מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי טוען גאָרנישט, פלעגן זיי אָפּט איינלאַדן הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן צו באַקוקן ווי ווייט עס איז געווען פאַרשפּרייט די יידישע געפאַר. זיי האָבן געמאַכט אַן אויסשטעלונג פון די אויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן, וווּ אויף די ווענט זיינען נעבן בילד פון ווילנער גאון געהאָנגען דאָס בילד פון וואָראָשילאָוו און נעבן אסתּר רחל קאַמינסקי־פּאָרטרעט, דאָס בילד פון פּאָליט־ביוראָ.

וואָס האָבן מ י ר געדאַרפט דאָרטן טון? אונדזער בריגאַדע איז געווען צעטיילט אויף קלענערע גרופּעס. אַ טייל האָבן די בערג מיט ביכער סאָרטירט לויט שפּראַכן און לויט יאָרהונדערטער. טייל האָבן זיך פאַרנומען מיטן קאַטאַלאָגירן דעם אַרכיוו. אַנדערע האָבן געדאַרפט ברענגען אין אָרדענונג דעם פּרעסע־אַרכיוו, די מוזיק־קאָלעקציע, דעם טעאַטער־מוזיי א. ד. גל.. פון צייט צו צייט פלעגט קומען שייפער און פון די סאָרטירטע ביכער מאַכן אַן אָפּקלייב. אַזוי ווי אין די ביכער האָט ער כמעט גאָרנישט פאַרשטאַנען, פלעגט ער אָפּקלייבן פאַר וויכ־טיקע דער עיקר די ביכער מיט שיינע איינבונדן און די איבעריקע ספרים פלעגט ער אין די טויזנטער אַראָפּשמייסן אויף דער ערד. וואָס פלעגט דערנאָך אין סקלאַד אַריינגעטראָגן ווערן און פון דאָרט ווי מאַקולאַטור אין די פּאַפּיר־פאַבריקן... אויך די בלייענע מאַטריצן פון הונדערטער יאָרן יידישער אַרבעט, פון יידישן גייסט, זיינען דאָ צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון גאַנץ ליטע און פון דאַנען אין די שמעלצפאַבריקן אָפּגע־טראַנספּאָרטירט געוואָרן. די אָפּגעקליבענע ביכער און אַנדערע מאַטע־ריאַלן פלעגן פאַרפּאַקט ווערן אין קאַסטנס און אָפּגעשיקט ווערן אין פראַנקפורט ביים מיין אָדער אין בערלין.

דאָס „קעניגרייך" האָט געהאַט פאַר אונדז, צווישן אַנדערע, זייער אַ וויכטיקע מעלה: ווען די דייטשע באַלעבאַטים אונדזערע פלעגן אַוועק־גיין אויף מיטאָג, פלעגט בלייבן דאַן איבער אונדז באַלעבאָס דער איינ־ציקער פּאָליאַק ווירבילים. אָבער אויך ווירבילים פלעגט אַוועקגיין, ווי

נאָר ער האָט דערשפּירט, אַז זיינע אויבערהאַרן זיינען אוועק. אָט די עטלעכע פרייע שעהען, וועלכע מיר האָבן פּאַקטיש געדאַרפט אַרבעטן, האָבן מיר אויסגענוצט זיך צו טרעפן מיט אונדזערע נישט-יידישע פריינט. די אַלטע אַנאַסטאַסיע פלעגט טאָג-טעגלעך קומען צו איר געוועזענער באַלעבאָסטע, נאַדיע טאַץ; וויקטשע ראַדזיעוויטש פלעגט קומען צו רחל קרינסקי, צו פאַמען פלעגט כסדר קומען זיין שול-חברטע יאַדוויגא, און צו מיר פלעגן אָפט קומען מיינע פּוילישע פריינט, מאַרילאַ וואָלסקי, וויקטאָריאַ גזשמילעווסקי און מיין חבר, דער ליטווינער, יוליאַן יאַנקאָווסקי. זיי פלעגן אונדז ברענגען אָפט שפּייז, אַ טרייסט-וואָרט, ידיעות פון די געהיימע ראַדיאָס און אונטערגעהערטע שמועסן, וואָס מען פלעגט ריידן אין שטאָט וועגן דער לאַגע אַרום געטאָ. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן געדאַרפט ריזיקירן מיט דעם, וואָס זיי פלעגן קומען צו יידן, און ווען מען וואָלט זיי געכאַפּט, וואָלטן זיי זיכער אין טורמע פאַרפוילט געוואָרן. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך געוואַגטקייט און אונדז דערמיט געהאָלפן נישט נאָר מאַטעריעל.

שפּעטער וועט מיר אויסקומען צו דערציילן, ווי אַזוי אין אָט דעם קעניגרייך האָבן אַ גרופּע אַרבעטער, שטעלנדיק זייער לעבן אין געפאַר, זיך אויך פאַרנומען מיט אַרויסגנבענען פון אונטער די דייטשע הענט די וויכטיקסטע ווערטן (כתב-ידן, וויכטיקע דאָקומענטן, בילדער, אַלטע ספרים א. ד. גל.) און עס אויפן בוידעם באַגראָבן אָדער אין געטאָ באַהאַלטן.

איצט אָבער האָב איך באַקומען אַן אויפגאַבע: באַקומען געווער!

אָט אָ דאָ, אין ראָזענבערג-שטאַב, האָב איך פאַרלייגט אַ נייע נעכט. אַ נעסט פון געווער-האַנדל, פון געווער-שמוגל.

אַ שווערע און ביז גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע.

## מיין ערשטער פּולעמיאַט

מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף יאַנקאָווסקיס אָנקום. כ'בין אים געלאָפן אַנטקעגן, ווען איך האָב דערזען זיין הויכע פיגור, וועלכע האָט זיך ארויסגעהויבן איבער דעם הילצערנעם פּאַרקאַן. וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון דער גאַס. ער האָט באַמערקט, אַז עפּעס בין איך היינט אין אַ באַזונדערס אויפגעלייגטער שטימונג. ער האָט זיכער באַמערקט, אַז איך בין אויפגערעגט דערצו, ווייל ווען ער האָט מיר געשטופּט דאָס לעבל ברויט אין האַנט, האָב איך עפּעס טאַמעוואַטע געקוקט אויף אים, ווי נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל פון מיר...

— וואָס, נישט-גוט עפּעס האָט ביי אייך געטראָפן? — פּרוּווט ער טרעפן.

— שלעכטע ווי גוטע נייעס וועגן אונדז דאַרפסטו גיכער וויסן ווי מיר... רעדט מען עפּעס וואָס אין שטאָט וועגן אונדז? — ענטפער איך און פרעג.

— קיין ספּעציעלע נייעס איז נישטאָ. אָבער ווייסט דאָך, אַז די לאַנגע אייערע ווערט נישט בעסער. מען דאַרף זיך היטן.

— היטן, — שמייכל איך צו, — ווי אַזוי זיך היטן? דו ביסט אין שטאָט, קענסטו וויסן וועגן דעם מ ע ר ווי מיר פאַרשפּאַרטע... וואָס זאָלן מיר טון? זיך באַהאַלטן ביי... יידן?

— כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי, — האַקט יאַנקאָווסקי איבער, — דאַרפסט מיר וועגן דעם נישט דערציילן. כ'האָב דיר געזאָגט און מיין צוזאָג האַלט איך, — אויב עס וועט האַלטן שלעכט, קענסטו קומען זיך באַהאַלטן צו מיר.

— דאָס וועט די סיטואַציע נישט ראַטעווען...

— דאָס גאַנצע געטאָ ראַטעווען קען איך נישט...

— דאָס ווייס איך, אָבער טאָן וואָס פאַר דעם געטאָ, ווען דו זאָלסט וועלן, וואָלסטו יאָ געקאָנט.

— אדרבא, זאָג, — צינדט ער זיך אָן, — זשעניר זיך נישט.

און איך האָב זיך נישט זשענירט. „וואָס קען זיין — האָב איך גע-

טראכט, — ארויסגעבן וועט ער מיך נישט, איי איך וועל זיך דעקאַנס־פירירן פאר אים? מילא"...

— ווייסט דאָך, אז די לאגע אין געטאָ איז אַן אַנגעשטרענגטע, — האָב איך זיך אָנגערופן צו אים, — ווייסט דאָך, אז יעדע מינוט קען אָנקומען געשטאפּאָ אין געטאָ און מאכן א סוף צו אונדז... דעריבער האָבן א גרופּע יידן באשלאָסן אין אזא פאל זיך קעגנשטעלן דער געשטאפּאָ...

— זיך קעגנשטעלן? — ווערט יאנקאָווסקי פארוואונדערט, — קעגן וועמען? קעגן דער געשטאפּאָ?

— יאָ, קעגן דער געשטאפּאָ, קעגן אַלעמען, וו ע ר עס זאָל נישט זיין קעגן אונדז...

— און געווער?

— אָט, אָט, וועגן דעם טאקע האָב איך דיר געוואָלט וואָס זאָגן. מיר האָבן געווער, אָבער מיר מוזן האָבן נ אָ ך, — האָב איך דעם „נאָך" באזונדערס אקצענטירט, — און ד ו דארפסט אונדז אין דעם העלפן. אויב ס'וועט נויטיק זיין דערויף געלט, וועלן מיר די סומעס שאפן. מיר זיינען גרייט אלץ פון זיך אויספארקויפן, אלץ אוועקגעבן...

יאנקאָווסקי האָט פארמאכט די אויגן און זיך שטארק פארטראכט:

— דערווייל קען איך דיר וועגן דעם גאָרנישט זאָגן: כ'דארף זיך וועגן דעם באטראכטן. גוט ארומקוקן. מאָרגן וועל איך קומען מיט אַן ענטפער...

— דיין ענטפער מאָרגן דארף זיין דער ערשטער רעוואָלווער, — האק איך איבער.

— קען זיין... נישט אויסגעשלאָסן.

דעם טאָג האָב איך שוין נישט איינגערוט. די נאכט מיט קיין אויג נישט צוגעמאכט. פארטאָג איז אריין צו מיר מינץ:

— דער שטאב האָט באשלאָסן דורכצופירן צווישן די קעמפער א געלט-זאמלונג אויף געווער. וויפיל גיסטו?

כ'האָב ארויסגענומען מיין בייטל:

— מיין גאנץ פארמעגן!

דאָרט איז געלעגן 60 מארק.

— ווי ראטסטו מיר! — פרעגט ער מיך מיטאמאָל, — ביי אונדז אין שטוב איז דאָ א גאנץ פארמעגלעכער שכן. פארשטייסטו דאָך, אז קיין געלט אויף געווער קען מען ביי אים נישט בעטן. ביי אים אין טיש ליגן עטלעכע זייגערלעך, ד ו וואָלסט אראָפּגענומען איין זייגערל אויף דער געווער-זאמלונג?

כ׳בין געבליבן נישתומם. צום ערשטן מאָל קומט מיר אוים צו ענטפערן אויף אזא פראגע, אָבער דאָס ערשטע מאָל, האָב איך ווידער א טראכט געטון, האָט אזא פראגע געקענט קומען נ אָ ר אין אזא צייט.

— איך מיין, — האָב איך געענטפערט, — אז א י צ ט דארף מען אלץ טון, כדי צו באקומען וואָס מער געווער. דער ייד וועט ם יי־ ו י ביים זייגערל נישט בלייבן. דאָס זייגערל וועט סיי־ווי אריינפאלן צו דער געשטאפּאָ צוזאמען מיטן באלעבאָס... און אויב מיר וועלן פארן זייגערל קענען באקומען א רעוואָלווער אָדער א גראנאט, צי אפילו א יין קויל, איז שוין די גנבה א בארעכטיקטע. זאָל דאָס זייגערל נע־מען נקמה, אויב דער באלעבאָס איז נאָך צו ד ע ם נישט דערגאנגען...

— כ׳וויל זיך נאָך פונדעסטוועגן מישב זיין וועגן דעם מיט דעם באטאליאָן־קאָמאנדיר. — האָט מינץ נאָך אלץ געספקט.

גייענדיק צו דער ארבעט, האָב איך כסדר געטראכט וועגן דער הארבער שאלה פון מיין גרופּן־קאָמאנדיר, און בין שטארק נייגעריק צו ווימן פון ז יי ן קאָמאנדיר. גלייכצייטיק האָט מיר די געלט־זאמלונג אויף געווער דערמאָנט און נישט צורו־געלאָזן די געווער־זאמלונג גופא. מיט דער אויפגאבע, וואָס איך האָב געדארפט דורכפירן, האָב איך גע־פיבערט און געציטערט: וועט יאנקאָווסקי קומען אָדער נישט? צי וועט ער ברענגען ד ע ם ענטפער, אויף וועלכן עס ווארט די גאנצע אָר־גאניזאציע...

פּינקטלעך ווי א זייגער איז אויך דאָסמאָל יאנקאָווסקי געקומען א פערטל איינס. מיר זיינען גיך אריין צווישן די ביימלעך. זיין שטענדיק בלאס פּנים האָט דאָס מאָל אויסגעזען פלאטערדיק־ראָז. די אויגן האָבן געצאפּלט מיט ליכטיקע פייערלעך, אָנגעזאָגט אויף גוטס. כ׳האָב אלץ געשוויגן, נישט געוואָלט צעשטערן מיין חלום, וואָס האָט דאָך איצט געקענט מיט איין וואָרט זיינעם צערונען ווערן.

— ווארטסט אויף אַן ענטפער? — פרעגט שמייכלענדיק יאנקאָוו־סקי.

— יאָ, אָבער דער ענטפער דארף קומען נישט פון מויל, נאָר פון קעשענע.

— און אויב פון צווישן די הויזן, וועסטו נישט נעמען? — נעמט ער אין מיטן די רייד ארוים א זעקסטעלע (א קליינער רעוואָלווער אויף זעקס קוילן).

יאנקאָווסקין האָב איך אפילו מיט דעם קאָפּ צו די פּלייצעס נישט

געקענט דערלאַנגען, כ'האָב גענעבן א טאַנץ צו אים און פאַרקלעמט מיינע הענט ארום זיין האַלדז און זיך איינגעביסן אין זיין באַק.

—נו, הער אויף, הער אויף... מאָרגן וועל איך ברענגען א וואַלטער... (גרעסערער רעוואָלווער־סיסטעם). אָבער גערענק, היט זיך.

— אָבער גערענק, היט זיך! — וואָרן איך אויך אים.

אין קעלער, ווו ס'זיינען געלעגן די פּרעסע־ארכיוון, האָב איך באַהאַלטן צווישן די בערג צייטונגען דעם רעוואָלווער און קומענדיק אין געטאָ געמאָלדן זיך צום שטאַבּס־מיטגליד אבראַשע כוואָיניק, דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער געווער־זאַמלונג. אבראַשע האָט א פאַרדריי געטון די לאַנגע, ברוינלעכע וואָנסעס אין דער הויך, און נישט וועלנדיק באַווייזן, אז ער איז צופרידן, אויסגערופן:

— סי'דאָ, האַ?... א זעקסטעלע זאָגסטו? אָבער וואָס קען מען מיט א זעקסטעלע אויפטון? א טשעראַפּע טון די מאָרדע פון א מערזאַווייעץ... אָדער דאָס געבן א מתנה א געליבטער... הם... און קוילן זאָגסטו איז מער ווי איין אבוימע (מאַגאַזין) נישטאָ... שלעכט. זאָג אים דאָרטן, דעם בחור דיינעם, אז מיט א זעקסטל זאָל ער גיין אויף א דועל, אויב ער וויל יענעם נ י ש ט טויטן, מיר אָבער טאָרן זיך נישט שפּילן.

— אָבער, חבר קאָמאַנדיר, — רוף איך אויס, — איך האָב קיין שום באַפעל נישט באַקומען וו אָ ס פאַרא גרויס עס דאַרף זיין יעדעס געווערשטיק, וואָס מיר וועט געלינגען צו באַקומען.

— דאָס דאַרף מען אַליין פאַרשטיין, — און זעענדיק מיין צעטומלטקייט, האָט שוין אבראַשע ווייטער דרייענדיק די וואָנסעס, מיט א ווייכערן טאָן פאָרגעזעצט, — איך זאָג נישט, אז דו ביסט שולדיק, איך זאָג אויך נישט, אז מיר וועלן דאָס זעקסטל ארויסוואַרפן. במקום שאין איש, איז הערינג אויך פיש, בעסער ווי גאָרנישט איז דאָס. אָבער אויף ווייטער זאָלסטו וויסן, וואָס דו האָסט צו טון. מאָרגן, איידער איר וועט נאָך פון דער ארבעט אוועקגיין, א זייגער 4, וועט צו דיר קומען א פּאָליציאַנט. ווען ער וועט דיר זאָגן דעם פּאַראָל „בערל וואַרט אויף דיר", זאָלסט אים אָפּדאַנקען און איבערגעבן די בענבעקועלע... אויך געלט וועט ער דיר ברענגען.

— צום באַפעל, חבר קאָמאַנדיר!

ביז נישט לאַנג נאָך האָב איך פאַר יעדן יידישן פּאָליציאַנט געציטערט. אמת, עס זיינען געווען צווישן זיי אויך גוטע מענטשן, אָבער אין כלל גענומען, האָבן אַלע אָן אויסנאַם אויסגעפירט די פאַראָרדענונגען פון יידן־ראַט און אמאָל אפילו אויך פון דער געשטאַפּאָ. ביז איצט קען איך נישט פאַרגעסן, ווי אזוי צוויי פּאָליציאַנטן האָבן מיך פאַרהאַלטן

ביים טויער און נאָך אדורכטאַפּן מיך גוט, האָבן זיי געפונען אין בוזעם־קעשענע פון מאַנטל א שטיק פעטס.

ס'איז נישט פאַר מיר, — טענה איך צו זיי, — ס'איז פאַר א קראַנ־קער (און באמת האָב איך עס געטראָגן פאַר דער קראַנקער מרים רייזען, וועלכע האָט מיך געבעטן, איך זאָל אויסבייטן אין שטאָט אירס א קליידל אויף פעטס, אין וואָס זי האָט זיך שטאַרק גענויטיקט).

— מיר ווייסן, מיר ווייסן, — רופט זיך אָן דער פּאָליציאַנט קיוועך לעוויטש, — לייג אוועק די פעטס.

— קיינער זעט דאָך נישט, — בעט איך זיך ביי אים, — דער ליטווינער קוקט דאָך גאָר נישט אין אונדזער זייט...

אָבער איידער איך האָב נאָך פאַרענדיקט, בין איך שוין געבליבן ליגן א צעטומלטער אויף דער ערד פון א האָגל קלעפּ, וואָס עס האָט זיך אויף מיר א שאָט געטון... און ווער ווייס וויפל טעג איך וואָלט נאָך באַדאַרפט אין קאַרצער פון דער טויער־וואַך אָפּזיצן, ווען עס וואָלט זיך וועגן דעם נישט דערוווּסט גלייך דער סעקרעטאַר פון דער ליטעראַטן־פאַראייניקונג אין געטאָ, דער אַקטיאָר שבתי בליאַכער, וועלכער האָט תיכּף אינטערווענירט אין דער פּאָליציי־קאָמאַנדע, פון וואַנען ס'איז אָנ־געקומען א באַפעל, מען זאָל מיך תיכּף באַפרייען.

איך האָב זיך דעריבער שטאַרק, שטאַרק געוווּנדערט, ווען אויף מאָרגן, פאַרן ענדיקן די אַרבעט (די דייטשן ווי געוויינלעך, פלעגן שוין דאַן נישט זיין), האָב איך דערזען אריינגייענדיק דורך דער טויער־פּורטקע דעם פּאָליציי־סערזשאַנט משה בראַוזע. נישט זייענדיק זיכער, צי דאָס איז טאַקע דער וואָס דאַרף קומען צו מיר, האָב איך זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט פון קיין זאַך און געוואַרט, ביז ער איז צו מיר צו און א פרעג־געטון:

— גוט מאָרגן, קאַטשערגינסקי?

— וואָס? — האָב איך מיט חשד א פרעג געטון, מיינענדיק, אפשר איז ער גאָר געקומען נישט וועגן געווער, נאָר גאָר אַמטלעך.

— בערל וואַרט אויף דיר, — האָט ער שטיל אויסגעשמייכלט.

— א דאַנק. איך גיי. וואַרט צו דאָרט צווישן די ביימלעך. — איך בין אַראָפּגעלאָפן אין קעלער, אַרויסגענומען פון צווישן די ציימונגען די צוויי רעוואָלווערן (יאַנקאָווסקי האָט מיר ביינטאָג געבראַכט דעם צו־געזאָגטן „וואַלטער"), פאַרשטעקט עס צווישן די הויזן און עס פאָרזיכ־טיק איבערגעגעבן בראַוזען.

— זאָל זיין א גוטער אָנהויב! — געזעגנט ער זיך.

— זיי מצליח!

— דערווייל האָט מען נאָך די יידישע פּאָליציי נישט רעווידירט, און איך בין דאָך עפּעס נישט קיין פּראָסטער פּאָליציאַנט אויך, — האָט ער זיך צעשמייכלט.

מיט כוואַיניקן טרעף איך זיך מער נישט. איך מערק אָבער, אז ער איז צופרידן. איך זע דאָס לויט זיין קוק, ווען ער באַגעגנט מיך אין גאַס, לויט זיינע צעשטראַלטע גיריקע אויגן־בליקן, וואָס ער שענקט מיר פון דערווייטן. יעדן צווייטן, דריטן טאָג ברענגט מיר יאַנקאָווסקי נייע „סחורה". רעוואָלווערן, גראַנאַטן, קוילן. בראַזע טראָגט עס אין געטאָ אריין און אבראַשע ציילט די אוצרות און ציילט געווים פאַראיינוועג אויך די נאַצים וואָס מען קען אוועקלייגן מיט דעם.

נישט פאַרשטענדלעך ווערט מיר, ווען בראַזע מעלדעט מיר איין מאָל, אז כוואַיניק וויל זיך זען מיט מיר. צו וואָס? אפשר געפונען א פּגם אין דער סחורה? אפשר צו טייער (פון 1500 ביז 1800 מארק קאָסט א רעוואָלווער).

— דו ארבעטסט אויסגעצייכנט, — דערהער איך ענדלעך פון כוואַיניקן, ווען איך מעלדע זיך צו אים. — די סחורה איז א גאַנץ גוטע, אָבער... (ס'טוט מיר א קלאַפּ אין הארץ), אָבער מיט רעוואָלווערן אליין וועט מען קיין קאַמף נישט קענען פירן, מען מוז קריגן אויך ביקסן, און דער עיקר — פּולעמיאָטן.

— פּולעמיאָטן? — צעלאַך איך זיך אין דער הויך, — ווי וועט דאָס יאַנקאָווסקי ברענגען, אויב ער זאָל דאָס שוין אפילו באַקומען, און ווי וועט זיך מיט דעם אן עצה געבן בראַזע?

— ווי אזוי מען וועט עס אין געטאָ אריינברענגען, איז שוין מ יי ן זאַך, ווי אזוי די פּולעמיאָטן צו קריגן איז ד יי ן זאַך... פאַרשטאַנען?!

— צום באַפעל, חבר קאָמאַנדיר! — האָב איך א צעטומלטער זיך געשטעלט אויף אכטונג און נישט באַמערקט אפילו ווי כוואַיניק איז אוועק פון מיר.

כ'האָב נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אויספירן דעם באַפעל, אָבער דאָך אויף מאָרגן געפּרווט פאַרפירן מיט יאַנקאָווסקין א שמועס וועגן דעם. ווי גרויס איז געווען מיין איבעררעשונג, ווען איך האָב דערפילט, אז נ י ש ט איבעררעשט פון דעם איז יאַנקאָווסקי.

— מען וועט דארפן זען, — האָט ער ערנסט א זאָג געטון, — נישט אויסגעשלאָסן, אז ס'וועט זיך עפּעס לאָזן מאכן.

עטלעכע טעג האָב איך נישט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן. יאַנ־קאָווסקי וואָס פלעגט קומען צו מיר יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן אָפּגע־רעדט, פּינקטלעך, איז דאָסמאָל נישט געקומען. כ'בין געוואָרן אומרויִק:

צי האָט נישט וואָס פּאַסירט מיט אים? כ'האָב געמאָלדן דעם שטאַב וועגן דעם, מען זאָל אָננעמען פאַרזיכטס-מיטלען. ווער ווייס וואָס עס קען פּאַסירן. איך אליין האָב דורכגענישטערט אלץ ביי מיר אין שטוב, עס זאָל כאָטש קיין זייטיקע נישט שאַטן, א פּאָר נעכט בין איך גע־שלאָפן אנדערשוואו, טאָמער, טאָמער...

ערשט אומדערוואַרטעט, אין א רעגנדיקן נאָכמיטאָג, ווען אָט-אָט, און די דייטשן דאַרפן באלד אָנקומען, טוט א קלאַפּ די טויער-פורט־קע... כ'גיי האַסטיק צו צום פענצטער און ס'הארץ טוט א טאַנץ צוזאַמען מיט מיר. כ'לויף אַראָפּ אויפן הויף באַגעגענען יאַנקאָווסקין, וואָס גייט מיר אנטקעגן מיט א וויאָלענטשעל.

— וואָס איז געשען? — פאַל איך אויף אים ארויף — און וואָס איז דאָס אין מיטן דערינען, געוואָרן א וויאָלענטשעליסט אויף דער על־טער...

— א וויאָלענטשעל וואָס שיסט! — רייסט ער מיר איבער, — גי־כער נעם דאָס צו.

ווי א דונער וואָלט מיך געטראָפן. ווו טוט מען עס איצט אהין? ווירבילים איז צוליבן רעגן אין ערגעץ נישט געגאַנגען, ער קען דאָ מיט־אמאָל אָנקומען. כ'רוף ארויס רוזשקען, קאָוונערן, זיי צעשטעלן זיך אויף וואַך. כ'גיב א נעם דעם שווערלעכן פוטליאַר און אין א פּאָר סעקונדעס בין איך אונטן, אין קעלער.

וועלנדיק זיך פאַרזיכערן, אז אין פאַל ווען ווער פון די יידישע אר־בעטער זאָל באַמערקן די גאַנצע טראַנזאַקציע דורך א פענצטער און זאָל דערריבער וועלן אראָפּגיין אונטן א קוק טון, וואָס איז דאָס פאַר א וויאָלענטשעל אין מיטן דערינען און צו וואָס דאַרף איך עס, האָבן מיר באַשלאָסן די פאַרשידענע טיילן פון פולעמיאָט באהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער.

קוים באוויזן אָפּצוטון די ארבעט, זיינען אָנגעקומען די דייטשן און נישט ווי שטענדיק אין איין מאַשין, נאָר דאָסמאָל אין צוויי. געוויס, האָבן מיר געטראַכט, זיינען געקומען געסט. און כך הוה: עס זיינען ארויסגעקראָכן פון די טאַקסים בראש מיט שייפערן עטלעכע הויכגע־שטעלטע מיליטעריש-געקליידטע פאַרשוינען. דאָס הארץ האָט עפּעס האַסטיק אָנגעהויבן קלאַפּן, פאַראויסגעזאָגט, אז עס קען קומען צו א קאַטאַסטראָפע. מיר זיינען געוואָרן אומרואיקער, ווען שייפער האָט די געסט אָנגעהויבן פירן איבער די צימערן, ווו זיי האָבן זיך לאַנג פאַר־האַלטן, באַקוקנדיק אומעטום די פאַרשידענע מערקווירדיקייטן. און אָט קומען זיי אריין אין צימער, ווו עס ליגט צווישן בילדער באהאַלטן די

פּולעמיאַטן-לופּע, וואָס איך האָב פריער אוועקגעלייגט. פּינצטער איז מיר געוואָרן. סוצקעווער, וואָס ארבעט אין שכנותדיקן צימער מיט רחל פּופּקאָ, לויפט אריין צו מיר א בלאַסער:

— וואָס טוט מען? זיי קענען נאָך אמאָל ארויסשלעפּן די לופּע פון צווישן די בילדער...

— עט... — פּרוּוו איך בארואיקן — זיי וועלן נישט געפינען.

און די דייטשן זאמען זיך לאַנג. ס'קען אלץ געשען. רחל דערשפּירט, אז מיר זיינען אויפגערעגט, אז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג... (זי האָט זיך נאָך פון פריער געהאט אַנגעשטויסן, אז יאנקאָווסקי קומט צו מיר נ י ש ט נאָר מיט ברויט...). זי דערפילט, אז מען דאַרף קודם כל די דייטשן ארויסשלעפּן פון צימער. גיט זי א כאַפּ פון טיש אַן אלטן כתב-יד, טוט אַן עפן די טיר פון צימער, ווו ס'געפינען זיך די דייטשן, וועלכע פאַרען זיך ארום די בילדער און רופט אוים:

— הער שעף, הער שעף. כ'האָב געפונען א וויכטיקן מאנוסקריפּט.

אלע קערן זיך אום צו איר, נעמען אין די הענט, באטאַפּן דעם כתב-יד און גייען מיט דעם ארוים פון צימער...

די לאַגע איז געראַטעוועט.

***

מיטן צווייטן פּולעמיאַט (און דעם לעצטן), וואָס יאנקאָווסקי האָט מיר געבראַכט, האָבן מיר שוין פון פאָראוים אויסגעארבעט אַן אנדער פּלאַן ווי אזוי אים צו באהאלטן. פאַרטאָג איז דאן געווען. מיר זיינען צו דער ארבעט ארוים ספּעציעל פריער און ווי יאנקאָווסקי איז מיט דעם אָנגעקומען, האָב איך עס תיכף צעטיילט אין באזונדערע טיילן די קעמפּער. מיר האָבן פאַררוקט אונטער די קליידער און אוועק מיט דעם אין נישט-ווייטן יידישן ארבעטס-לאַגער „קיילים", אויף דער שפּעטיצקי גאַס, ווו עס האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אנדערע קעמפער, וועלכע האָבן עס פון אונדז צוגענומען און דורך דער יידישער פּאָליציי איז דער פּולעמיאַט געבראַכט געוואָרן פאַרנאַכט אין געטאָ.

מיר זיינען גליקלעך געווען, וואָס עס האָט זיך אונדז אזוי גוט איינגעגעבן אלץ דורכצופירן.

ווער האָט זיך געקענט דאן גלייכן צו מיר?...

# מיט דער געשיכטע אין דער ערד

יולי 1943. הייסע טעג. די נעכט ציען ארוים פון געטאָ די דושנע־קייט. פארטאָג איז קילער, דערטרעגלעכער צו אָטעמען.

קאָוונער האָט היינט ביי דער ארבעט געכאַפּט יענעם גאָב פון שפּאָרקען. דאָס ערשטע מאָל זעען מיר אָט דעם אלטן, געצוימטן דייטש אין אזא אויפגערעגטן צושטאנד.

שוין א חודש צייט, ווי א גרופּע פון 10 מאן (אויך איך צווישן זיי) פון דער ראָזענבערג־שטאב־בריגאדע זיינען אָפּגעשיקט צו ארבעטן ביים מאכן א סוף צו דער סטראשון־ביבליאָטעק, וואָס ליגט צוזאמענגעוואָרפן אין איין בארג, אין א גרויסן זאָל פון ווילנער אוניווערזיטעט. מיר דארפן קודם כל די ביכער אויסלייגן אין גלייכע בלאָקן, און דערנאָך זיי סאָר־טירן אזוי ווי אין ייוואָ־בנין. דאָ האָבן מיר נישט קיין אויפזעער. די באלעבאטים זיינען מיר אליין. מיר דארפן אָפּגעבן יעדן פרייטיק א באריכט פון דער ארבעט אונדזער בריגאדיר זאוועלסאָן, וועלכער שטעלט דאָס צו אין אלגעמיינעם באריכט די דייטשן.

פארשטייט זיך, אז נישט האָבנדיק קיין אויפזעער, האָבן זיך אלע פארנומען מיט אנדערע ארבעטן. טייל האָבן זיך ארייננעטון אין לייענען; רחל האָט, ווי איר שטייגער איז, אויך דאָ געשטריקט יאקעלעך; פיינ־שטיין פלעגט זיך דאָ צוגרייטן צו זיינע רעפעראטן, וואָס ער פלעגט האלטן אין געטאָ; און איך מיט סוצקעווערן האָבן זיך פארנומען מיט אָפּקלייבן די וויכטיקסטע ספרים, אנטיקן, כתב־ידן וואָס איך פלעג פארן פארענדיקן די ארבעט ארומפּאקן ארום זיך און ארייננשמוגלען אין געטאָ. כדי צו זיין זיכער, אז קיינער וועט נישט אָנקומען, פלעגן מיר צוערשט פארשליסן די טיר. שפּאָרקע איז אָבער געווען געוווינט כיטרע און האָט פאראָרדנט, אז די טיר זאָל שטענדיק זיין אָפן, כדי מיר זאָלן זיין אויסגעשטעלט, הייסט עס, אז יעדע מינוט זאָל זיך בליץ־שנעל אָן עפן טון די טיר און דער געקומענער זאָל קענען זען „צי מען ארבעט אָדער מען שפּילט זיך".

היינט האָבן מיר אלע, אויסער קאָוונערן, אָפּגעשפּילט מיט גליק.

דאָס הארץ האָט פאַרגעפילט, אז מען קען זיך אמאָל אָנרייסן, — שפּאַר־קע זאָל ארײַנשפּרינגען, — האָבן מיר זיך אַלע אוועקגעשטעלט אין אַן ארבעטנדיקער פּאָזע. קאָוונערן אָבער, וואָס האָט סתּם נישט געקאָנט אוועקלייגן א בוך, איידער ער זאָל עס נישט עפענען, האָט פאַראינ־טריגירט א באַנד טשערניכאָווסקי, וואָס...

„איך זע דאָס צום ערשטן מאָל". ער פאַרטיפט זיך אין בוך און ווערט ברייטער ווי לענגער:

— הערט נאָר, הערט נאָר — טוט ער צו אלעמען א רוף פון בוך ארויס, הערט...

ס'איז מיט אמאָל שטיל געוואָרן. מיר טוען א קוק אויף אים:

— נו, וואָס „הערט"? — מיר זעען ווי דאָס ייִנגל ווערט אַלץ בלאַ־סער; ער פאַרמאַכט דאָס בוך און גיט א מורמל שטיל:

— עפּל! — דער סימן פון געפאַר, אז א דייטש גייט.

מיר גיבן א קער אונדזערע בליקן צו דער טיר, און עס ווערט אונדז פינצטער אין די אויגן: שפּאַרקע שטייט, ווער ווייסט פון ווען אָן, אין דער צעעפנטער טיר, מיט די הענט אויפן הינטן און קוקט בייז אין זאַל ארײַן.

דערזעענדיק, אז מיר האָבן אים באַמערקט, איז ער שטיל, ווי א קאַץ, צו צו קאָוונערן, א נעם געטון דעם פאַרמאַכטן טשערניכאָווסקי, א בלעטער געטון, א זעץ געטון דאָס בוך אָן דער ערד:

— אזוי ארבעט מען דאָס? האַ? — עס האָבן זיך צעציטערט ביי אים די בלויע אָדערן אויפן האַלדז, ווי דינע וואָרצלען, ארויסגעריסענע אויפן ווינט; דאָס בלוט האָט אים אָנגעהויבן צו זעצן אין די שלייפן, אין קאָפּ ארײַן, — האַ? — האָט ער ווי א שלאַנג געצישעט, — אזוי ארבעט מען?... א לייען־זאַל האָסטו דאָ מיר געמאַכט... האַ? דדדדו מאַן דו איינער...

קאָוונער איז געשטאַנען קעגן שפּאַרקען קאַלטבלוטיק, ווי נישט אים מיינט מען.

ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אז אָט־אָט און, ווי שטענדיק אין אַן עת־צרה, לאָזט ער ארויס זײַן דינעם האָפענונגס־שמייכעלע: „גישטאָ וואָס מורא צו האָבן".

שפּאַרקע האָט זיך געגעבן א דריי־אוים, איז גיך דעם זאַל אדורך, און א זעץ־טועטדיק די טיר הינטער זיך האָט ער מיטגענומען זײַן שלאַנ־גיקן בּיס צו אונדז:

— בבבאַנדע!

זיינען מיר געבליבן געליימטע, מיר, די באַנדע...

היינט שטעלט זיך פאַר, וואָס עס וואָלט זיך אָפּגעטאָן, ווען ער גייט דאָס נעכטן אין דער צייט אריין, ווען שמערקע איז געשטאנען אויפן טיש און דעקלאמירט:

— הוי, ווען יענער טאָג וועט קומען!...

רחל קען זיך אלץ נישט בארואיקן און זאָגט ווייטער:

— געדענקסט, איך האָב אייך שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אז איר וועט נישט גוט אָפּשניידן!

— זיי שפּילן זיך מיט פייער. — זייעט ארויס פון אונטער די וואָנ-סעס דער אלטער גערשאטער.

— נו, שמערקע, — גייט רחל צו צו מיר — היינט וועסטו אויך טראָגן?

— מען מוז, רחל, מען מוז! — האָב איך זיך פארטראכטנדיק גע-זאָגט. — ווייסט דאָך, אז דעם משוגענעם שפּאָרקען קען זיך מיט אמאָל פארוועלן אלץ אין קאסטנס צו פארפּאקן און אוועקשיקן פון דאנען; אָדער ער קען גאָר הייסן קומען מאשינעס און צונעמען דאָס אלץ אויף מאקולאטור. מען מוז... און לאָמיר גלויבן, אז אויך דאָסמאָל וועט זיך אונדז איינגעבן.

— און טאָמער כאַפּט מען?

— און פארוואָס מיינט איר וואָלט היינט געווען ערגער, ווען מען כאַפּט, ווי נעכטן?

— די זעלבע זאך. אָבער היינט קען שפּאָרקע אָנשפּרינגען נאָך אמאָל. ער קען אפילו אין גאס אונדז אָפּהיטן.

— וועל איך זאָגן דעם זעלבן תירוץ, וואָס כ'האָב געזאָגט נעכטן...

— אז?...

— אז איך האָב גענומען די ביכער אויף געברויך-פּאַפּיר.

— א וואזשנער תירוץ! מען קען נישט זאָגן...

— געפערלעך היינט, געפערלעך מאָרגן, — זאָג איך שוין אנט-שלאָסן, און פאר זיך טראכט איך, „אזוי ווי עס איז נויטיק געווער פאר אונדז היינט, אזוי וועלן נויטיק זיין די אוצרות פאר אונדז מאָרגן, און אויב נישט פאר אונדז — איז פאר די, וועלכע וועלן בלייבן נאָך אונדז".

עטלעכע מינוט פאר 4 האָב איך ארום בויך, אונטער די הויזן, זיך ארומגעוויקלט מיט א פּאָר אלט-געשטיקטע ספר-תורה-מענטעלעך, אריינגעשפּארט צווישן עטלעכע דינע ספרימלעך און אויסער דעם, ארומגעבונדן א גרויסן פּאַק מיט ספרים — אלטע העברעאישע און יידי-שע דרוקן פון ווענעציע, סאלאָניקי, אמסטערדאם, קראָקע — וואָס איך האָב גענומען אין האנט.

דאָס געטאָ-טויער איז שטענדיק נישט קיין זיכערער: אויב ס׳שטייט נאָר די יידישע און ליטווישע פּאָליציי, קען מען נאָך ווי עס איז זיך דורכשמוגלען; אָבער נישט זעלטן טרעפט, אז עס קומט אָן קיטעל, דער פּאָליציי-מייסטער אָדער דער געשטאַפּיסט מארטין וויים. דאַן קען מען קיין שפּילקע אפילו נישט אריינטראָגן.

מיר גייען פון דער ארבעט און עס ציטערן, וואָס אן אמת געזאָגט, אויף אונדז די גלידער. וועט אדורכגיין אלץ בשלום צי נישט?

— שטיל ביים טויער? — פרעגן מיר א ייד, וואָס גייט פון געטאָ.

— מען גרייט זיך אויף קיטעלן. —ענטפערט דער ייד.

— שטיל ביים טויער? — פרעגן מיר א צווייטן ייד.

— ווען איך בין ארויס, איז קיינער נישט געשטאַנען.

— שטיל ביים טויער? — פרעגן מיר נאָך א ייד.

— ווער ווייסט. די יידישע פּאָליציי שמאַיעט ארום. א קאָמיסיע, זאָגט מען, דאַרף קומען.

ס׳ווערט אומהיימלעך. שרעק הייבט אין די אינגעווייידן אָן צו ציטערן. די ציינער וויברירן. אין מיטן דערינען... וואָס טוט מען?

ביי דער כאָר-שול דערזעען מיר שוין לאַנגע רייען, וואָס ציען זיך פון געטאָ. „דער גוטער סימן" — טראַכט איך.

— מען טוט אפילו די שיך אוים, — זאָגט א פארבייגייענדיקער ייד, — מען באַטאַפּט אומעטום.

— קיטעל אליין.

יידן זשאַלעווען שוין קיין זאַך נישט. אלץ, וואָס מען טראָגט ביי זיך, ווארפט מען אוועק ביי די טויערן, אין גאַס. עס וואַלגערן זיך אוים-געשאָטענע קארטאָפל, שטיקלעך פלייש, ברויט, שפּענדלעך האָלץ, גרינסן. פאר געפינען עפּעס וואָס גיט מען אויפן נאַקעטן לייב 25 שמיץ פון א שטעקן.

— ווארף אוועק, — הער איך ווי מען שרייט צו מיר.

— ווארף אוועק! — שטורכען מיך די ארבעטער פון מיין בריגאַדע.

אין נערוועזן שרעק און הו-הא באַנעם איך אָבער, אז אוועקוואַרפן די ביכער טאָר איך נישט. טאָמער פאַלן זיי אריין צו די דייטשן אין די הענט, וועלן זיי סיי-ווי, לויט די שטעמפּלען אויף די ביכער דערקענען פון וואַנען זיי שטאַמען. עס קען בלויז געמאָלט זיין, אז אַנשטאָט מיך איינעם, זאָל מען ארעסטירן אונדזער גאַנצע גרופּע. „ניין, טראַכט איך, וואָס עס זאָל נישט זיין, איך מוז זיך דורכדרייען. ער (קיטעל), וועט נישט אָפּשטיין שעהען-לאַנג און רעווידירן".

אונדזער רייע דרייט זיך שוין אריין אין דער רודניצקי גאַס; מיר

דערזעען ביים טויער דאָס הויך־פאַררוסטעטע היטל פון קיטעלן. ער שטייט פאַרלייגט די הענט אויפן האַרץ און קוקט צו, ווי די יידישע פּאָליציי רעוווידירט די יידן. פון קראָם, וואָס ביים געטאָ־טויער, ווו עס ווערן אריינגעשליידערט די יידן, ביי וועמען מען האָט עפּעס וואָס געפונען, טראָגן זיך יאָמערלעכע געשרייען פון געשמיסענע.

די שכנים ארום מיר טאַפּן זיך צום וויפלטן מאָל די קעשענעס, אפשר וועלן זיי דאָרט דערטאַפּן א פאַרוואָרפענע מטבע, א פּאַפּירל. — צו אלץ קען זיך דאָך דער הונט צוטשעפּען.

דאָס באַטאַפּן יעדן געדויערט גאַנץ לאַנג. די רייען ציען זיך דערי־בער צום געטאָ לאַנגזאַם. מיר שטייען שוין איבער צוויי שעה. אויף דער אַנדערער זייט גאַס האָבן זיך אָנגעקליבן שטאָטישע פאַרבייגייער, וועל־כע קוקן זיך צו צו דעם גאַס־ספּעקטאַקל.

פלוצלינג ווערט א געררודער, א שטופּעניש, געשרייען:

— ער איז אריין אין געטאָ!

— חלומט נישט, גיכער, גיכער!

— שפּאַרט...

— דער טויער איז אָפן!

...אין דער אַנדער זייט טויער, אין געטאָ שוין, האָב איך זיך ערשט נעכאַפּט, וואָס דאָ איז געשען: קיטעלן איז טאַקע מיאוס געוואָרן דאָס שטיין ביים טויער און ער איז אוועק טיפער אין געטאָ. דער עולם האָט דאַן א שפּאַר געטאָן פאָראויס. די פּאָליציי האַלטנדיק אויג אויף קיטעלן, ווו ער איז אוועק, און אז ער זאָל מיטאַמאָל ווידער נישט אָנשפּרינגען, האָט די כוואַליקע מאַסע אריינגעלאָזט גיך דורך דעם טויער, דורכ־לאָזנדיק אַלעמען דורך דעם דורכגאַנג־הויף, וואָס פירט ארוים אויף דעם זייטיקן שפּיטאָל־געסל.

— אָט א מזל פון א ייד! — האָב איך דערהערט קנאהדיקע רופן אויף מיין חשבון.

— ליטישע מזלות איז גאָרנישט אָפּצושאַצן, — האָט זיך צעוויינט א יידענע, — און איך האָב מיינע פּאָר קילאָ קאַרטאָפל אויפן גאַס אי־בערגעלאָזט...

⁂

שפּעט ביינאַכט זיינען מיר געווען אויף. הערמאַן קרוק האָט זיך ווי א קינד געפרייט מיט די ספרים, מיט די אַלט־געשטיקטע ספר־תורה־מענטעלעך.

די הויפּט־מעלינע פאַר די קולטור־אוצרות איז געווען אויף דעם שאַוו־

לער געסל נ׳ 6, אין א קעלער אונטער מאזעס בוך-געשעפט...די מעלינע איז געווען גוט פארמאסקירט, און כדי צו דערקריכן אהין, האָבן מיר געדארפט פויזען אויף אלע פיר. אין גרעסערע בלעכענע שאכטלען זיינען שוין געלעגן באהאלטן ספרים, כתב-ידן, דאָקומענטן, כתר-תורהס, ידן, טעאַטער-רעקוויזיט, א. ד. גל.

מיר זיינען גליקלעך געווען, וואָס די אוצרות ווערן מער. אין דער פינצטערער מעלינע האָבן מיר דערזען אונדזער לעבן פון מאָרגן נאָך פינצטערער, אָבער פון די קולטור-אוצרות האָט געהעלט מיט שטראַלנ-דיקער צוקונפט...

## דער קאָמאַנדיר ווערט געכאַפּט פון דער געשטאַפּאָ

דער הויך־וווּקסיקער ראָזענבערג איז געווען איינער פון די בעסטע קאָנפעראַנסיערן פון דער דייטשער רעווי־בינע. ער איז אויך געווען אַ מייסטער פון וואָרט־שפּיל און קאַלאַמבור שאַפונג. די נאַציס האָבן אים פון דער בינע פאַרטריבן אַזש צו זיין טאַטן, דעם אַלטן אינזשיניער אין ווילנע. ווי פרעמד די יידישע קולטור איז אים נישט געווען, איז זי גיך אים אייגן געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויך אין געטאָ־טעאַטער און דערנאָך דאָ געשאַפן אַן אייגענעם רעווי־טעאַטערל, אין דער צענט־ראַלער געטאָ־קאַפע אויף דער רודניצקער גאַס נומער 13. דאָס טעאַטערל האָט ער טרעפלעך אַ נאָמען געגעבן „די יאָגעניש אין פּאַס" (אַ וואָרט־שפּיל פון „דיאַגענעם אין פּאַס").

כסדר פלעגט ער קומען צו מיר, און נישט צורו לאָזן — שרייב אים טעקסטן פאַר זיינע רעווי־פּראָגראַמען.

— אין אַזאַ צייט ווילט איר שאַפן אַ נייעם טעאַטער? — האָב איך אים געמוסרט.

— ג ר אָ ד אין אַזאַ צייט דאַרף מען אַזאַ טעאַטער האָבן! — איז ער באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע, — מען טאָר די יידן נישט לאָזן אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג. מוטיקן זיי דאַרף מען! — און קוקנדיק אויף זיין הויכער, שטאָלצער פיגור, אויף זיינע שטראַלנדיקע אויגן, וועלכע זיינען מיט בטחון אָנגעפילט געווען, האָב איך אָנגעשריבן צו די ערשטע צוויי פּראָגראַמען אַ העלפט נומערן.

די צווייטע פּרעמיערע א. נ. „מינוטן דריי..." איז אַנאָנסירט גע־וואָרן אויף דעם 16טן יולי.

אין דעם אָוונט האָט זיך צונויפגעקליבן אין קאַפע־לאָקאַל די סאַמע סמעטענע פון געטאָ. עס זיינען געקומען מיטגלידער פון דעם יידן־ראַט, בראש מיט גענס, פּאָליצײ־קאָמיסאַרן, באַאַמטע און סתם טעאַטער־באַזוכער. ווי געוויינלעך, פלעגט דער עולם אין טעאַטער, ווען גענס אָדער דעסלער פלעגן זיין, נישט נאָר קוקן אויף דער בינע, נאָר אויך קוקן ווי אַזוי עס רעאַגירט אויף דעם ע ר אַליין, — גענס אָדער דעסלער.

זיצנדיק נאָענט פון געגנסן דעם אָוונט אויף דער פּרעמיערע, האָב איך באַמערקט, אַז דער גאַנצער ענין אויף דער בינע גייט אים קנאַפּ וואָס אָן. כ'האָב דערזען, ווי ער איז זייער אויפגערעגט, רעאַגירט כמעט נישט אויף די פריינדלעכע ווינקען אויף זיין אַדרעס פון קאָנפעראַנסיע. פון צייט צו צייט גייט ער אַפילו אַרויס אין מיטן דער פאָרשטעלונג אין גאַס; קומט ווידער אַריין. עפּעס גאָרנישט ווי געוויינלעך. דער עולם, וואָס הויבט אָן קוקן אויף אים מער ווי אויף דער סצענע, ווערט אויך דער־נערווירט. מען קען נישט באַנעמען, וואָס איז דאָ דער מער היינט מיט אים. געגנס כאַפּט זיך געוויס, אַז דער עולם פאָלגט אים נאָך; ער באַ־מיט זיך רואיקער צו פאַרהאַלטן און זעצט זיך ווידער אַוועק ביי זיין טישל.

„מינוטן דריי, —
נאָר פריילעך זיי!
האַלט אין איין שטרעבן:
מיר מוזן דערלעבן!...“

מיט די פינאַל־ווערטער אויף די ליפּן לאָזן מיר זיך צעזינגענדיק אין דער פינצטערניש באַרואיקטע צוריק אין שטוב.

עס דויערט אָבער קיין שעה נישט אַפילו, ווי איך קום אין שטוב, איך שלאָף בלויז איין, ווי פּלוצלינג רייסט זיך אַריין א געדיכטער קלאַפּן אין פענצטער. איך פאַררייס דעם קאָפּ צו דער שויב און דערהער א פרויען־שטים:

— ליזע רופט!

איך ריים אויף דאָס פענצטער און דערזע רוזשקען.

— ליזע רופט! — חזרט זי נערוועז איבער — טו זיך אָן!

— ליזע רופט, זאָגסטו? — קען איך נאָך אַלץ נישט באַנעמען וואָס זי זאָגט.

— יאָ, יאָ... גיכער אויפן פונקט.

„ליזע רופט!“ איז געווען דער אָפּגערעדטער מאָביליזאַציע־פּאַראָל, פאַר אַלע פפ“אָ־קעמפער. דערהערנדיק דעם פּאַראָל האָט יעדער קעמפער אין משך פון מינוטן באַדאַרפט זיין אין פולער גרייטקייט אויף זיין מאָ־ביליזאַציע־פונקט, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן פון פריער. „ליזע רופט“ האָט באַדאַרפט דערמאָנען יעדן קעמפער, דעם נאָמען פון דער העלדישער קעמפערין ליזע מאַגון, וועלכע איז אומגעקומען מיט א פּאָר חדשים צוריק, ווען זי איז פון געטאָ אַרויס און ווי אַן אַריערין, א פאַר־שטעלטע, איז זי, דערליידיקנדיק אויפגאַבעס, וואָס זי האָט באַדאַרפט

אויספירן פאר דעם פפ״אָ-שטאב, דורך דער געשטאפּאָ געכאפּט געוואָרן. איר רוף נאָך נקמה, וואָס זי האָט באוויזן ארויסצושיקן דורך א פּוילישן ארעסטאנט אויף א צונויפגעדרייט פּאפּיראָסן-קערטל, איז געוואָרן דער אלארם-באפעל פאר אירע חברים-קעמפער:

— ליזע רופט!

אויך ביי אונדז אין שטוב האָט זיך דער עולם אויפגעכאפּט און דערשפּירט, אז ס׳איז עפּעס נישט אין אָרדענונג.

— וואָס טוט זיך דאָ, אבראשינקע? — איז צוגעפאלן צו סוצקע-ווערן זיין פרוי.

— וואָס האָט איר זיך אָנגעטאָן אין מיטן דערינען? — לאָזט נישט נאָך מרים.

אויך פיינשטיין טוט זיך אָן. אויף אים קוקנדיק אויך פרוי ביבער מיט איר טעכטערל, און אבראמאָוויטש איז שוין גרייט... עס קוקן אריין צו אונדז אין פענצטער שכנים, וועלכע האָבן דערהערט דאָס גערודער פון אונטערן וואנט.

— וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז געשען?

וואָס ענטפערן, אז מיר אליין ווייסן נישט, וואָס דאָ האָט מיטאמאָל פּאסירט. אפשר וועלן מיר עס באלד וויסן. דערווייל אָבער דארפן מיר אויספילן דעם באפעל. איך לאָז זיך גיין צו דעם מאָביליזאציע-פונקט אויפן פלאץ פון שכנותדיקן הויף.

די נאכט האָט מיט בליצן
דאָס געטאָ צעריסן,

— געפאר! — שרייט א טויער, א וואנט...

אין מיטן דער נאכט האָט זיך דאָס געטאָ אויפגעכאפּט. פון אונדזער באלקאָן זע איך, ווי עס שלייכן סילועטן פון מענטשן מיט פּעקלעך, מיט בעטגעוואנט, מיט שלאָפנדיקע קינדער אויף די הענט, — זיי איילן זיך גיך, גיך אין מעלינעס. אויפן הויף דערזע איך שוין באקאנטע פּנימער פון געטאָ-קעמפער. ס׳קומט אָן מיין גרופּע-קאָמאנדיר.

— גיכער אויפן פונקט! — איילט ער.

אויפן מאָביליזאציע-פונקט איז שוין לעבעדיק. דער הויף ווערט אין מינוטן פול. עס קומען אָן אלץ מער און מער בחורים און מיידלעך. אויך עלטערע פעלן נישט. עס זיינען אויך פאראן חברה פון יוגנט-קלובן.

— וואָס איז געשען? — פרעגט איינער ביים צווייטן.

— וואָס טוט זיך דאָ?

איך קלייב די תשובות, די קלאנגען און עס באקומט זיך:

אזייגער 12 ביינאכט זיינען געקומען צוויי ליטווישע געשטאפּאָו-

צעם און ארעסטירט וויטנבערגן. די קעמפער־פּאָסטנס, וועלכע האלטן טאָג און נאכט געהיימע וואך ביי די געטאָ־טויערן, האָבן באמערקט און אלארמירט תיכף די קעמפער פון זייער ראיאָן. ביים טויער זיינען די פּאָליציאנטן באפאלן געוואָרן דורך עטלעכע קעמפער, וועלכע האָבן באפרייט זייער קאָמאנדיר. די פּאָליציאנטן־געשטאפּאָווצעס זיינען פאר־בלוטיקטע קוים ארויסגעלאָפן פון טויער מיט געוואלדן:

— יידן זיינען אונדז באפאלן!

ס'איז קלאָר, אז פארן געטאָ איז געקומען די גורלדיקע שעה. ס'איז קלאָר, אז געשטאפּאָ וועט נישט שווייגן. אז פאר דער מעשה וויטנבערג וועט געשטאפּאָ פאָדערן א טייערן פרייז און דעם פרייז וועלן מיר, די געטאָ־קעמפער, נישט דערלאָזן צו צאָלן. דער רעזולטאט — ווידער־שטאנד. קאמף.

אין מיטן דער נאכט האָט דער שטאב געעפנט די געווער־ארסע־נאלן. אין מיטן דער נאכט האָבן זיך צום ערשטן מאָל באוויזן אין געטאָ בפני כל עם ועדה, יידן מיט געווער. יידן האָבן דערזען זייערע זין און טעכטער; מענער, פרויען און באקאנטע, מיט ביקסן און מיט פולעמיאָטן אויף די פּלייצעס; מיט רעוואָלווערן און מיט גראנאטן אין די הענט.

— מיר קומען אום! דאָס געטאָ ברענט! — האָבן אין פארצווייפ־לונג יידן געוויינט, ווי פארן טויט, זיך געזעגנט איינער מיט די אנ־דערע.

אָבער ווי אזוי האָט די געשטאפּאָ זיך דערוואוסט וועגן דער עק־זיסטענץ פון אזא וויטנבערג אין געטאָ? ביי וואָס פארא אומשטענדן איז ער ארעסטירט געוואָרן? ס'האָט דאָך אים זיכער ווער אויסגעגעבן. — ווער איז דער פּראָוואָקאטאָר? איך קלייב די תשובות, די קלאנגען, וואָס גייען ארום צווישן די קעמפער און עס באקומט זיך:

וויטנבערג איז געווען פארבונדן מיט דעם ניי־שוויענציאנער פוילישן אינזשיניער קאָזלאָווסקי, וואָס איז געווען פון די אָנפירער פון דער אונטערערדישער באוועגונג אין שטאָט, וואָס א טייל פון דעם איז גע־ווען די קאמפס־אָרגאניזאציע אין געטאָ. עטלעכע מאָל איז אפילו קאָז־לאָווסקי, אָנטוענדיק לאטעס אויף זיך, אויך אריינגעפירט געוואָרן אין געטאָ. מיט דער הילף פון פפ"אָ־קעמפער, וואו ער, קאָזלאָווסקי, האָט זיך געטראָפן מיט וויטנבערגן אין באָד אויף דער סטראשון־גאס. צוליב א פּראָוואָקאציע אין שטאָט איז קאָזלאָווסקי אריינגעפאלן אין די הענט פון דער געשטאפּאָ און נישט קענענדיק אויסהאלטן די גוואלדיקע עגויים, האָט קאָזלאָווסקי אויסגעגעבן אויך צווישן אנדערע, אז ער האָט געהאט פארבינדונגען מיט דעם קאָמאנדיר פון די געטאָ־פארטי־

זאַנער, איציק וויטנבערג. די געשטאַפּאָ האָט דאַן פאַררופן צו זיך גענסן און דעסלערן און געפאָדערט פון זיי, אַז זיי מוזן אַרויסגעבן דער גע־שטאַפּאָ וויטנבערגן א לעבעדיקן. אין קעגנפאַל דראָעט דער אומקום פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. גענס און דעסלער האָבן די פאָדערונג פון דער געשטאַפּאָ באַשלאָסן נאָכצוגעבן און צוליב דעם איינגעלאַדן אויף א באַראַטונג וועגן דער לאַגע אין געטאָ דעם פפ"אָ־שטאַב, מיט וועמען די יידן־פאַרשטייער פלעגן זיך פון צייט־צו־צייט באַגעגענען. נעכטן ביינאַכט איז די טרעפונג פאָרגעקומען, און ווי דעסלער האָט צו־געגרייט פון פריער, אַזוי איז אויך געשען: עס זיינען פּלוצלינג אַריין די צוויי ליטווישע געשטאַפּאָווצעס און אויסגעשריגן: „קאָס וויטענ־בערגאַס"? (ליטוויש: ווער איז וויטנבערג). קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. עס האָט אויך נישט געהאָלפן דאָס רעווידירן ביי אַלעמען די דאָקומענטן, ווייל וויטנבערג האָט געהאַט א דאָקומענט אויף אן אנדער נאָמען. די פּאָליציאַנטן האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון (זיי האָט מען געווים געזאָגט, אַז זיי וועלן וויטנבערגן גלייך טרעפן ביים יידן־עלטסטן אין קאַבינעט). פון דער פאַרלעגנהייט האָט זיי אָבער אַרויסגעהאָלפן גענס, וועלכער האָט אָנווייזנדיק אויף וויטנבערגן אויסגערופן: „דאָס איז ער"! די פּאָליציאַנטן האָבן איציקן געשמידט די הענט און אים אין דער חושכניש געפירט צום געטאָ־אַרויסגאַנג. דאָרטן איז ער גע־ראַטעוועט געוואָרן פון די חברים.

אין מיטן דער פינצטערער געטאָ־נאַכט האָבן מיר זיך אַלע דער־זען. אַלע קעמפער מיט זייערע גרופּעס, אָפּטיילונגען, באַטאַליאָנען און די קאָמאַנדירן. די געהיימע קאָנספּיראַטיווע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איבער 90 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָט פון איר קיין שום אָנונג נישט געהאַט, איז דעקאָנספּירירט געוואָרן.

די קעמפער זיינען גיך צעשיקט געוואָרן מיט זייערע קאָמאַנדירן אויף די סטראַטעגישע פונקטן, פון וואַנען זיי האָבן באַדאַרפט וואַרטן אויף באַפעלן פון שטאַב אָנצוהויבן דעם קאַמף. דעם לעצטן אָנגריף קעגן שונא, אויב זיי וועלן וואַגן זיך אַריינצורייסן אין געטאָ.

מיר האָבן געהאַקט לעכער אין די ווענט, כדי דורך דאָרט די פּו־לעמיאָטן־לופטס אויסצושטעלן קעגן שונא. ס'זיינען אויף גיך אויסגע־בויט געוואָרן באַקוועמערע פּאָזיציעס, כדי דעם פיינד בעסער צו זען, בעסער אים צו טרעפן.

מיט מיין גרופּע ווער איך אָפּגעקאָמאַנדירט אויף דעם אָשמענער געסל, וואו עס זיצט דער פפ"אָ־שטאַב. אונדזער אויפגאַבע איז דערווייל קיין זייטיקע אין הויף נישט אַריינצולאָזן און אָנזאָגן וועגן יעדער באַ־

ווענונג, וואָס אין געטאָ קומט פאָר, וואָס די ספּעציעלע אויסשפּירער וועלן אונדז דערטראָגן.

און אין געטאָ טוט זיך חושך. א שטורעם. דער עולם ווייסט נאָך אַלץ נישט, וואָס ס'איז געשען. מען באַנעמט נאָך נישט גוט די סיטואַציע, כאָטש מען ווייסט, אַז עס האַלט זייער שמאָל. די, וועלכע זיינען נאָך נישט באַהאַלטן אין מעלינעס, לויפן איינער צום צווייטן זיך דער־וויסן וואָס נייעס.

עס הויבט אָן ווערן טאָג.

בלייכע, אויסגעמאַטערטע פּנימער דערזעען איינע ביי די אַנדערע טויט אין די אויגן.




## קינדער אין געטאָ

1) א קינד אין געטאָ, 2) דורך דער אויוון־עפענונג פלעגן קינדער ארײנקריכן זיך צו באהאלטן אין א מעלינע. 3 און 4. דאָס ייִנגעלע טענענבוים (4) האָט א פּאָר יאָר געלעבט זיך פארשטעלנדיק ווי א מיידעלע, ווי עס ווייזט דאָס בילד נומ' 3, וואָס איז פאָטאָגראפירט געוואָרן אין יענער צייט. 5) באפעל צו ארעסטירן צוויי קינדער אין געטאָ. (ווייל זייער פאָטער, וויינער־סווירסקי איז געכאפּט געוואָרן ביים געטאָ־טויער מיט געווער). 7) אלעק וואָלקאָוויסקי, צו עלף יאָר איז ער שוין אין געטאָ אויסגעצייכנט געוואָרן פאר זיין מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציע צו וואָס ש. קאטשערגינסקי האָט דערנאָך אָנגעשריבן דאָס ליד „שטילער, שטילער”. 6) שלמהלע גזשיוואטש, (דאָס צווייטע ייִנגל פון רעכטס, לעבן גלח), האָט זיך אויסבאהאלטן צווישן קלויסטער־קינדער. (איצט אין ישראל). 8 און 9) קינדער אין קאָוונער געטאָ.



## די רינגעלבלום-גרופּע אין ווילנער געטאָ

1 און 2. אויסגעגראָבענע און געראַטעוועטע ספרים כתב-ידן, סקולפּטורן, בילדער אין סאָוועטיש-יידישן מוזיי וואָס עס האָט באהאלטן די „רינגעלבלום"-גרופּע אין ווילנער געטאָ. 3. נאַצי-צייט. ביכער ווערן אזוי געפּאקט, כדי אָפּגעשיקט צו ווערן אין די פּאפּיר-פאבריקן כדי איבערצואַרבעטן אויף פּאפּיר. 4. הערמאן קרוק, 5. רחלע פּופּקאָ, 6. א. סוצקעווער און ש. קאטשערגינסקי (פאָטאָ פון געטאָ, 1943), 7. עקיבא גערשאטער, 8. נעמי מארקעלס, 9. זוכנדיק די פארגראָבענע קולטור-אוצרות צווישן די חורבות. 10. זעליק קאלמאנאָוויטש, 11. א ווינקל פון דער געוועזענער סטראשון-ביבליאָטעק מיט איר אָנפירער ר' חייקל לונסקי.

## לעבן! לעבן! מיר ווילן לעבן!

אויך געגס און דעסלער זיינען נישט געשלאָפן.

כדי דער ווידערשטאנד פון די פּאַרטיזאנער זאָל זיך נישט איינגעבן און די באפעלקערונג זאָל נישט אריינגעצויגן ווערן אין קאמף קעגן די דייטשן, האָבן געגס און דעסלער פאַרטאָג פונאנדערגעשיקט שליחים אין אלע הויפן, וועלכע האָבן גערופן די יידן זיך צו פאַרזאַמלען אויפן גרויסן הויף פון יידנראט (רודניצקער גאס נומ. 6). עס האָט אויפגע־טליעט א פונק פון האָפענונג ביי די אומגליקלעכע. אויך פון די מעלינעס האָט מען זיך געלאָזט צו דער פאַרזאַמלונג הערן, וואָס געגס וועט זאָגן.

6 אזייגער פאַרטאָג איז שוין דער גרויסער פלאַץ געווען איבער־פולט מיט טויזנטער יידן, וועלכע האָבן מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף דער רעדע פון געגסן.

און אָט האָט ער זיך באַוויזן אויפן באַלקאָן... ס'איז שטיל געוואָרן ווי אין אן אויער. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט דער עולם גע־ווענדט די בליקן צו געגסן, אפשר, אפשר וועט ער דער משיח זיין, דער דערלייזער, אפשר וועט ער העלפן...

— ברידער יידן! — האָט ענדלעך געגס מיט א ציטערדיקער שטים אָנגעהויבן, — היינטיקע נאַכט האָט פּאַסירט א פּאַרפּאַל, וואָס קען ברענגען צום אונטערגאַנג פון אונדז אַלעמען. צו דער ליקווידאַציע פון געטאָ. — די פאַרזאַמלטע האָבן זיך נאָך מער צוגעטוליעט איינע צו די אנדערע און אין ציטער געשלונגען יעדע זילב, וואָס דער יידן־עלטסטער האָט ארויסגערעדט. — די דייטשע מאַכט האָט זיך דער־וווּסט — האָט געגס ווייטער פאָרגעזעצט — אז אין געטאָ זיינען פאַראַן יידן וואָס האָבן געווער, אז אין געטאָ זיינען פאַראַן פּאַרטיזאַנער וועל־כע זיינען פאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאנער פון די ארומיקע וועלדער. ווען נעכטן אין אָוונט זיינען אהער געקומען פאָרשטייער פון דער דייטשי־שער מאַכט און ארעסטירט דעם קאָמאַנדיר פון די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ, וויטנבערגן, ווען עס האָבן ארויסגעגעבן זיינע אייגענע חברים אויף דער פריי, זיינען די מאַכט־פאָרשטייער באַפאַלן און צע־

בלוטיקט געוואָרן דורך וויטנבערגס חברים און אים צוגענומען מיט זיך. גענס האָט זיך אָפּגעשטעלט א ווײַלע, ארומגענומען מיט זײַן בליק די פארזאמלטע צו זען, וואָס פאר אן אײַנדרוק זײַנע רייד מאַכן, און ווײַטער מיט זײַן אָפּגעהאקטער שפראך פאָרגעזעצט: — פון דער געשטאפּאָ האָט מען מיר מיט א שעה צוריק געמאָלדן טעלעפאָניש, אז אויב ביז 10 דעם זײַגער, ד. ה. אין עפּעס מער ווי אין דרײַ שעה ארום, וועט וויטנבערג א לעבעדיקער נישט צוגעשטעלט ווערן דער געשטאפּאָ, וועט די דײַטשישע מאכט אויספירן די הארבסטע שטראָף אויף דעם גאנצן געטאָ־קאָלעקטיוו... ווילט איר אלע אומקומען פאר איין וויטנבערגן, — דאַן זײַט גרייט! עס שלאָגט די לעצטע שעה! ווילט איר אָבער לעבן־בלײַבן און דערלעבן בעסערע צײַטן, דאַן דארפט איר העלפן דער יידישער פּאָליציי אויסגעפינען, ווו וויטנבערג באהאלט זיך אוים. געדענקט יידן, אײַער גורל ליגט איצט נאָר אין אײַערע הענט. איך האָב געענדיקט.

א געוויין האָט זיך מיטאמאָל פונאנדערגעטראָגן פון עולם, ווי א שטורעם וואָלט זיך פונאנדערגעכוואַליעט. אויגן האָבן געזוכט ערגעץ אן אָנשפאר, אן ענטפער אויף דער גורל־פראגע.

קיינער פון די פארטיזאנער איז אויפן הויף נישט געווען. קיינער איז נישט ארוים מיט אן אויפקלערונג צו דער מאסע: „יידן, וויטנבערג איז בלויז בײַ דער געשטאפּאָ אן אויסרייד, כדי דאָס געטאָ צו ליקווידירן. אפילו ווען ער וועט דער געשטאפּאָ ארויסגעגעבן ווערן, וועלן זיי אײַך אויך נישט שוינען. פריער־שפּעטער, אומקומען וועלן מיר סײַ־ווי מוזן. לאָמיר גלײַכער שטעלן א ווידערשטאנד די מערדער פון אונדזערע משפּחות, לאָמיר העלפן די פארטיזאנער, וועלכע שטייען שוין גרייטע צום קאמף. קומט מיט! קומט מיט! קען זײַן, אז אין קאמף וועלן מיר זיך ארויסרײַסן פון געטאָ אין די ארומיקע וועלדער. דאָרטן פארבינדן זיך מיט די פארטיזאנער. ווער עס האָט נישט קיין געווער, זאָל מיטנעמען אן אײַזן, שטיינער פון ברוק. מיט זודיקן וואסער באגעגנט אײַערע מערדער. בעסער פאלן אין קאמף, איידער זיך לאָזן נעמען אָן א ווידערשטאנד אויף פּאָנאַר".

קיינער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט הערן מיט אזעלכע פּשוטע ווערטער, כאָטש ווער ווייס, צי עס וואָלטן זיך געפונען א סך יידן, וואָס וואָלטן עס ווי געהעריק אויפגענומען. אָבער גוט געארבעט בשעת מעשה האָבן די ספּעציעל־אונטערגעשיקטע מענטשן פון גענסן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן בונטעווען דעם עולם:

— אלע זאָלן אומקומען צוליב איינעם? ווּ איז דאָס געהערט גע־וואָרן?

— ווער עס וויל שטאַרבן, זאָל שטאַרבן, מיר ווילן לעבן!

— לעבן! לעבן! מיר ווילן לעבן!...

חלומות וואָס לאָזן די נעכט נישט רוען האָבן אויפגעטויכט מיט אמאָל פאַר טויזנטער אויגן! דייטשן טרעטן כסדר אָפּ. זיי כאַפּן קלעפּ אויף אלע פראָנטן... היטלער בעט שלום...

...און ווידער טראָגן די פאַנטאַזיעס: מיר קענען נאָך דערלעבן צו בלייבן די איינציקע עדות פאַר דער געשיכטע, עדות פאַר דער וועלט ווי אזוי עס איז אומגעבראַכט געוואָרן אזא גרויסע יידישע קהילה, אזא עיר ואם בישראל... און אָט וואַרטן ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים, אין ארץ ישראל — איינציקע פריינט. וויי־וויי, זיי וועלן דאָך אפילו נישט וויסן, ווו אונדזער געביין איז אהינגעקומען.

— לעבן, לעבן! מיר ווילן לעבן!!!

— די צייט איז קורץ, שטייט נישט אויף אן אָרט. דער זייגער רוקט זיך...

— ווי גאָט איז אייך ליב, לאָמיר עפּעס טון!

ווי פון א הינערפלעט טוט זיך די מאַסע א כאַפּ־אויף, דערפילט אז די ווערטער וואָס זיינען נאָר־וואָס געוואָרפן געוואָרן האָבן א שייכות צו זיי. מיט צעעפנטע אויגן און מיילער לאָזן זיך גרופּעס איבער די געסלעך רעוועדיק:

לעבן, לעבן! לעבן! מיר ווילן לעבן!!

די זיבן געסלעך ווערן אָנגעפילט מיט געיאָמער. דער עולם צעשיט זיך איבער די הויפן, אויף די בוידעמער, אין די קעלערן און מעלינעס זוכן וויטנבערגן.

צו דער ארבעט ווערט שוין קיינער אין שטאָט נישט ארויסגע־לאָזן. דאָס געטאָ, זאָגט מען, איז ארומגערינגלט פון מיליטער און גע־שטאַפּאָ און...

די זייגער־ווייזערס רוקן זיך. האַלטן נישט איין אויף א סעקונדע זייער גאַנג.

מיר שטייען באַוואָפנטע, פאַרשטשעמעט די ציין. דאָס האַרץ ווייטיקט צעזעענדיק, וואָס עס טוט זיך אויפן גאַס, ווי גרופּעס יידן וויל־דעווען כסדר: ווּ איז וויטנבערג? ווּ איז וויטנבערג? ווּ איז וויטנ־בערג?!

און מיר האָבן געמיינט, אז ווען די שעה וועט קומען, ס'וועט קו־מען צו דער שלאַכט, וועלן דאָן אלע יידן, איינזעענדיק אז קיין אנדער

אויסוועג איז שוין פאַר זיי נישטאָ, מיטגעצויגן ווערן מיט אונדז אין קאַמף. מיר האָבן געמיינט, אַז די יידן וועלכע האָבן שוין פאַרלוירן אַלע נאָענטסטע, אַלע אילוזיעס, אַז דער דייטש וועט זיי לאָזן לעבן, וועלן זיך אין לעצטן מאָמענט אליין וואַרפן אין קאַמף. דאָס האָט גע־וויזן די לעצטע צייט. ווען דער עולם האָט זיך פיבערדיק גענומען איינשאַפן געווער. נאָר וואָס זעען מיר איצט? די יידן קוקן גאָר אויף אונדז ווי אויף זייערע מערדער. זיי זיינען גרייט אונדז אַלעמען יעדע רגע צו צערייסן, אַפילו אין די הענט פון דער גע־שטאַפּאָ אונדז איבערגעבן, נישט נאָר איין וויטנבערגן. אונדז אַלעמען, אַלעמען, וועלכע שטעלן זיך אַקעגן די פאָדערונגען פון דער געשטאַפּאָ.

אויף דעם אַשמענער געסל, ביים דורכגאַנגס־הויף, וואָס פירט צו דער דייטשישער גאַס, שטייט אַ המון יידן מיט שטעקנס און מיט שטיינער אין די הענט.

אָ־ווויי, אָ־וויי... קעגן די אויפגעהעצטע יידן שטייען פּאַרטיזאַנער מיט געווער אין די הענט... אָ־וויי, אָ־וויי...

דער המון שטופּט זיך צום טויער, צו די קעמפער. די פּאַרטיזאַנער האַלטן דאָס געווער גרייט צו שיסן, „ווער עס זאָל נישט וואַגן די פּאָסטנס דורכצורייסן".

ווער קעגן וועמען? יידן קעגן יידן? ברידער און שוועסטער קעגן ברידער און שוועסטער? אָ־וויי! אָ־וויי!

דער זייגער ווערט 8, דער זייגער שלאָגט 9! — נאָך 1 שעה!

ווי זעען אויס מענטשן אַ שעה פאַרן טויט?

די טונקל־בלויע אויגן הענגען באַלד אַרויס פון פאַרמעט־פּנים ביים אַקטיאָר שאַדאָווסקי. ערשט די טעג האָב איך אים נאָך געזען אַ פריי־לעכן אויף דער בינע.

— אַזוי איז דאָס, קאַטשערגינסקי... נעכטן ביינאַכט האָב איך זיך נאָך נישט פאָרגעשטעלט, אַז קיין איין מעת־לעת זאָל נישט אויסקומען צו לעבן.

כייקל לונסקי לויפט גיך פאַרביי מיט אַ ספר אין האַנט, שטעלט זיך אָפּ פאַר מיר און ווי געוויינלעך גיך־גיך ציטערט ער אויס:

— נישט גוט, קאַטשערגינסקי, נישט גוט, האַ?... איי־איי־איי... נישטאָ קיין נייעס? איי־איי־איי... מען דאַרף האָפן. אפשר וועט דער רבונו של עולם העלפן...

גענס און דעסלער האָבן אָרגאַניזירט די אונטערוועלט — די שטאַרקע, ווי מען פלעגט זיי רופן: „אַרקע דעם הונדערטערס" זין, מענדקע און שימקע זיינען די אַטאַמאַנען. האָבן זיי צונויפגעקליבן

ארום זיך א גאנצע כאַפּטע יונגען, וועלכע פארשפרייטן צווישן די יידן די סאמע גרוליקסטע ידיעות: אָט-אָט און די געשטאַפּאָ איז שוין דאָ... געשטאַפּאָ וועט גאַר אין געטאָ נישט אריין, צו וואָס דארפן זיי לייגן אומזיסט די קעפּ — עראָפּלאַנען וועלן באווארפן דאָס געטאָ מיט באָמבעס און — א סוף...

דער עולם קוקט נערוועז צום טויער און אויפן הימל — עס דוכט זיך, אז מען הערט שוין ווי פּראָפּעלערס הודזשען — פון אלע זייטן איז דאָס געטאָ ארומגערינגלט מיט מאשין-געווער און אפילו הארמאטן זיינען שוין צעשטעלט אויף די ראָגן קעגן געטאָ. 10 אזייגער הויבט זיך אָן די קאַנאָנאַדע.

און אָט איז די לעצטע ידיעה, וואָס האָט זיך בליץ-שנעל איבערן געטאָ פארשפרייט: מען האָט שוין געהאט געכאפּט וויטנבערגן, אָבער ער האָט טעראָריזירט מיט זיין נאגאן (רעוואָלווער) די יידן, און איז ווייטער אנטלאָפן.

— לאָמיר אים זוכן! לאָמיר אים אויפזוכן! — האָבן זיך ווידער דערהערט קולות.

— צוליב איינעם זאָלן אומקומען 20.000, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?

— און דאָס זיינען דאָס אונדזערע פריינט, אונדזערע פארטיידי-קער?

דער עולם ביים דורכגאנגס-הויף בראש מיט דעם פּאָליציאנט כלאוו-נאָוויטש האָט זיך א לאָז געגעבן צו די פארטיזאנער.

— גייט אוועק, מיר שיסן! — וואָרענען די קעמפער.

— שיסט! שיסט! — האָט אָנגעהויבן פאלן א האָגל שטיינער אויף די פארקשנט-טרויעריקע פארטיזאנער.

ס'איז געפאלן דער ערשטער שאָס. כלאוונאָוויטש ווערט פארוווּנ-דעט אין קינבאק. דער המון ציט זיך צוריק.

דער גרויסער ווייזער פארדעקט דעם קליינעם. צען מינוט צו צען. אָ-ווי, ווי!

דער טויט האָט אָנגעהויבן פאָכען איבערן געטאָ מיט זיינע פליגל.

## דער קאָמאַנדיר גיט זיך איבער דער געשטאַפּאָ

אין א בוידעם-שטיבל פון דעם דורכגאַנגס-הויף האָבן געוווינט צוזאַמען עטלעכע יונגע פרויען. דאָרט האָט מען געקענט אָפט טרעפן באַקאַנטע חברה, וועלכע פלעגן זיך דאָ ארויסכאַפּן נאָך א גלעזל וואַרעמס, א בגד צו פאַררייכטן, א העמד אויסצוּוואַשן. עלנטע, וועלכע זיינען געבליבן אליין, האָבן זיך דאָ געטוליעט איינע צו די אַנדערע; צוזאַמען פלעגט די צייט גיכער פאַרשווינדן.

עלנט איז אויך געווען איציק, כאָטש אין געטאָ האָט ער אויך געהאַט א פרוי און צוויי דערוואַקסענע זין. די פרוי וואָס איז געווען און אויסגעזען עלטער פון אים אויף א יאָר צוואַנציק, מיט וועלכער ער האָט אויך פאַר דער מלחמה קיין שלום-בית נישט געהאַט, האָט אים אָפט פאַרביטערט די טעג און די נעכט אויך אין געטאָ. זי איז געווען א פרוי אָן שום באַזונדערע אַספּיראַציעס. ס׳איז איר דערווידער געווען, וואָס איר מאַן מישט זיך אין פּאָליטיק און צוליב דעם פלעגט אָפט קומען צו מחלוקתן אין שטוב. איציקן איז דעריבער גוט געווען, ווען ער פלעגט זיך פאַרטאָג ארויסשלייכן פון שטוב צו דער אַרבעט אין באָד. אין שטוב פלעגט ער זיך זעלטן ווייזן בייטאָג. נישט זעלטן האָט געטראָפן, אז ער איז אויך די נאַכט אהיים נישט געקומען און נעכטיקן אין שטאַב אָדער ערגעץ ביי א חבר. אין די פרייע מינוטן זיינע פלעגט מען אים אויך טרעפן אין בוידעם-שטיבל ביי די מיידלעך. ס׳איז אים גוט און אָנגענעם געווען די פריינדשאַפט מיט דער שוואַרץ-חנעוודיקער עדזשע פרידמאַן, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן, אַנווערנדיק איר מאַן, אזש פון לאָדזש אהער.

דאָס ערשטע מאָל בין איך געקומען אין שטיבל אויף דער איינלאַדונג פון שרהלע פּילעצקי, צו באַגעגענען דאָס נייע יאָר. ס׳האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן אויסער שרהלען: פריידל קאַגאַן, עדזשע, גאַרבעל, סוצקעווער, מאַצקין, סווירסקי און שפּעטער-צו איז אויך אריין איציק. האָבן מיר געמאַכט א לחיים און געוווּנטשן איינע די אַנדערע א גיכע באַפרייאונג פון געטאָ. מיין חבר וויטנבערג, וואָס איז געווען פאַר

מיר איציק, דער אמאָליקער שטעפּער-ארבעטער און דער איצטיקער פּארוואלטער פון באָד (אז ער איז דאָס לעאַ, איז מיר דעמאָלסט אפילו אויפן געדאנק נישט איינגעפאלן), איז זיך דערנאָך געזעסן מיט עד־זשיען אויף דער סאָפּע און שטיל גערעדט, געשמייכלט. ס׳האָט זיך געפילט, אז דאָ ערשט רוט ער זיך אוים נאָך דער ארבעט און פארן גיין אין שטוב.

דעם 17טן יולי פארטאָג, נאָכדעם ווי עס האָט זיך פארשפּרייט דער קלאנג, אז מען האָט געזען וויטנבערגן מיט א רעוואָלווער לויפנדיק פון נאָכיאָגער, האָב איך זיך דערוווּסט:

יידן, וועלכע זיינען ארויף אויף א בוידעם זיך צו באהאלטן (אויף ראָג סטראשון-גאס 15), האָבן באמערקט אין א ווינקל אן עלטערע פרוי. ווען זיי זיינען צו איר צו א קוק טאָן, ווער זי איז, האָט די פרוי זיך א האסטיקן קער געטון צו זיי, און צו זייער איבערראשונג האָט די פרוי ארויסגעצויגן פון אונטער איר פאטשיילע, אין וועלכער זי איז געווען פארוויקלט, א רעוואָלווער. די יידן, טויט-בלאסע, האָבן געוואָלט אראָפּ-לויפן פון די בוידעם-טרעפּ. די פרוי האָט אָבער מיט א מענער-שטימע א געשריי געטאָן:

— בלייבן דאָ! — און איז אליין פארשוווּנדן.

ס׳איז קיין ספק נישט געווען, אז דאָס איז געווען דער געזוכטער וויטנבערג.

ווּ איז ער פארשוווּנדן?

א גאנצע נאכט איז דאָ איציק אָפּגעלעגן אויפן בוידעם. ער האָט צוגעהערט דאָס גערודער און האָט דורך די דאך-שפּארונעס צוגעזען דעם כאאָס אין מיטן דער נאכט. ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אז איצט איז געקומען דער דעצידירנדיקסטער מאָמענט פאר אים. פאר זיינע חברים, פאר די קעמפער, פארן געטאָ... אויף די שטאב-זיצונגען איז געווען לעצטנס נאָכאמאָל אונטערגעשטראָכן דער באשלוס, אָנצוהויבן דעם ווידערשטאנד אין געטאָ, ווען ס׳ווערט אָנגעהויבן איר ליקווידא-ציע, אָדער ווען מען וועט זיך פארנעמען צו פארניכטן די פארטיזאנער-אָרגאניזאציע, וואָס איז פארשטענדלעך בלויז א התחלה צו פארניכטן דערנאָך די איבעריקע יידן. ס׳איז קלאָר געווען פאר אים, אז מיט דער פאָדערונג אים איבערצוגעבן אין דער געשטאפּאָ וועלן זיך די דייטשן נישט באגנוגענען. זיי וועלן זיכער פאָדערן דערנאָך די אנדערע שטאב-מיטגלידער, שפּעטער די קעמפער און דערנאָך וועט קומען דער סוף.

א זייגער האלב צען אינדערפרי האָבן די יידן געפונען וויטנבערגן אויפן בוידעם. ווען ער איז פון די טרעפּ אראָפּגעשפּרונגען, איז ער גיך די גאַס אריבערגעלאָפן און אין געציילטע סעקונדעס איז ער אריין אין דורכהויף און שטיל זיך ארויפגעדראפּעט אויפן בוידעם צו דער פאַר־טרויערטער עדזשע.

משמעות, אז צו געננסן איז גלייך דערגאנגען די ידיעה, אז מען האָט נאָר־וואָס געזען וויטנבערגן. גענס האָט דעריבער געלאָזט וויסן די יידן, אז וויטנבערג איז נישט אנטלאָפן, ווי די פּארטיזאנער דער־ציילן, מען האָט אים נאָר־וואָס געזען, און אז ער האָט אויסגעפּועלט ביי דער געשטאַפּאָ נאָך צוויי שעה, כדי אויסצוזוכן וויטנבערגן. און נאָך א זאך האָט גענס אָנגעהויבן אריינבויערן: אויב וויטנבערג וועט זיך איבערגעבן דער געשטאַפּאָ, וועט ער אים פון זיי אויסקויפן מיט דעם גאנצן גאָלד, וואָס דער יידנראַט האָט אין זיין געהיימער קאַסע.

דער שטורעם איז דעריבער נאָך מער געוואַקסן צווישן די יידן קעגן די פּארטיזאנער. נאָך צוויי שעה. וויטנבערג דאַרף באשליסן וועגן גורל פון געטאָ, כאָטש דער גורל איז שוין פון לאנג א געחתמעטער.

וואָס טוט זיך אין פּארטיזאנער־שטאַב?

די שטאַבס־מיטגלידער: יוסף גלאזמאן, אברהם כוואיניק, אבא קאָוונער, ניסן רעזניק און סאָניע מאַדייסקער, האָבן שוין דעם צווייטן מעת־לעת מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. די נעכטיקע נאַכט איז מען נאָך מיט איציקן געזעסן און באטראַכט אלע מיטלען פון קאַמף, ווען ס'זאָל אויסקומען אָנצוּווענדן. די נאַכט איז מען שוין געזעסן אָן דעם קאָמאַנדאַנט לעאָ און מען מוז באשליסן: וואָס טוט מען? ארויסטרעטן אין קאַמף אָדער...

קיינער האָט נישט צוגעלאָזן צוערשט צו זיך דעם געדאַנק: „אָדער ארויסגעבן דעם קאָמאַנדאַנט דער געשטאַפּאָ". אָ, ניין! אָבער מיט יע־דער פּאַרגאַנגענער מינוט האָט, ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט זיין, אָנגעהויבן אין געדאַנק קומען אויך דער אויסוועג.

ס'איז געווען פּאַראויסצוזען די מעגלעכקייט, אז די געשטאַפּאָ וועט מיט דער הילף פון געננסן און דעסלערן פאַרוואַנדלען דעם וויטנבערג־ענין אין א בירגער־קריג. צוערשט זאָלן זיך שלאָגן יידן מיט יידן און דערנאָך, ווען זיי וועלן שוין זיין אויסגעשעפּט, ווען טויטע וועלן זיך אויף די גאַסן וואַלגערן, דאַן וועט קומען די געשטאַפּאָ און אָן קיין שום ווידערשטאַנד וועלן זיי פאַרענדיקן. די געפאַר פון אזא מעגלעכקייט

איז געווען די גרעסטע און איז געוואקסן פון מינוט צו מינוט. דער באוואָפנטער פּאָליציאַנט קאַליש איז מיט א גרופּע יידן אָנגעפאלן א צווייטן מאָל אויף די קעמפער און ס'איז ווידער געקומען צו א שיסעריי. א פּאָר קעמפער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן צו שיסן אויף די אָנפאלער, זיינען דורך די באפאלער אנטוואָפנט און ארעסטירט געוואָרן. ס'איז אויך פארשפרייט געוואָרן א צווייטע מעגלעכקייט, וואָס איז געקומען פון יידנראט: אויב וויטנבערג וועט נישט ארויסגעגעבן ווערן, וועלן אלע יידן פארלאָזן דאָס געטאָ אויף עטלעכע טעג, און דאַן וועט זיך שוין די געשטאַפּאָ אליין אן עצה געבן קעגן די בונטאָווּשטשיקעס. גענס שיקט שליחים צום שטאב אויף אונטערהאנדלונגען. דער שטאָב וואַרפט אָפּ צוערשט יעדן קאָנטאַקט מיט די פאררעטער. שפּעטער־צו ווערט דאָך באשלאָסן אָנצובינדן מיט זיי א קאָנטאַקט. גענס דערקלערט פּייערלעך, אז:

ווען נישט די אומפאַרזיכטיקייט פון די פּארטיזאַנער גופא, וואָלט צו קיין זאך נישט געקומען, און אויב וויטנבערג אליין האָט מיטגעשלעפּט אין געטאָ פרעמדע מענטשן, נישט קיין יידן, האָט ער געדארפט וויסן, ווער זיי זיינען און נעמען אויף זיך די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקייט. וויטנבערג האָט אויך דאַן באַדארפט וויסן, אז נישט נאָר מיט זיין קאָפּ ריזיקירט ער, נאָר אויך מיט די קעפּ פון 20 טויזנט יידן, וואָס ווילן לעבן און וועלן נאָך זיכער די שווערע צייט איבערלעבן. ווייטער — דערקלערט דער יידנעלטסטער, — האָב איך שוין געפּרוּווט פארפירן אונטערהאנדלונגען מיט דער געשטאַפּאָ, ארויסצוגעבן אָנשטאָט וויטנבערגן צען אנדערע יידן, — כ'האָב שוין אזעלכע צען פארברעכער, וועלכע זיינען בלויז א שאנד פאר דעם געטאָ, וואָס זיי זיינען צווישן אונדז, — אָבער די געשטאַפּאָ וויל פון קיין זאך נישט וויסן. „וויטנבערגן א לעבעדיקן — אָדער מיר קומען צו אייך!“, איז זייער ענטפער. ס'האָבן זיך שוין געמאָלדן אפילו צו מיר צוויי יידן, וועלכע האָבן אליין פאָרגעלייגט זיך איבערצוגעבן דער געשטאַפּאָ אָנשטאָט וויטנבערגן, אָבער אויך דאָס איז נישט מעגלעך דורכצופירן, ווייל קאָזלאָווסקי, וואָס ווערט געהאלטן אין דער געשטאַפּאָ און קען וויטנבערגן, וועט זאָגן וואָס מען פאַדערט פון אים און נישט דאָס וואָס מיר ווילן, און ווער קען דאָס זיכער זיין, אז מיר האָבן נישט צווישן יידן קיין שפּיאָנען, וואָס, ווייניק זיינען זיי דאָ?

גענס האָט כסדר גערעדט און באוויזן דעם נאָמענס פון א ווידערשטאנד אין געטאָ אין איצטיקן מאָמענט.

— אויב שוין יאָ א ווידערשטאנד, — האָט ער גערעדט ווי א געניטער מיליטערמאן, וואָס ער איז טאקע געווען, — דאַרף מען אָפּ־ווארטן דעם געהעריקן מאָמענט. אויך איך בין פאר א ווידערשטאנד, אָבער נישט פון א פארשפילטן! — האָט ער פייערלעך מיטאמאָל אויס־גערופן, — אין רעזולטאט פון א גוט־געפלאנטן ווידערשטאנד, וואָס זאָל קומען פאר די דייטשן אומדערוואַרט, דארפן מיר איבער די דייטשע פגרים זיך דורכרייסן אין די וועלדער, צו די פארטיזאנער, און צוזאמען מיט זיי קעמפן ווייטער. נקמה נעמען!

# ליקוי חמה

דער פּאַרטיזאַנער־שטאַב האַלט אָפּ כסדר באַראַטונגען אויבן אין בוידעם־שטיבל מיט וויטנבערגן צוזאַמען. עס ווערט גענוי אָפּגעשאַצט די גאַנצע סיטואַציע, די מעגלעכקייטן פון קאַמף. איציק נעמט כמעט נישט קיין אָנטייל דאָסמאָל אין די דעבאַטן. ער הערט זיך בלויז צו. ער פילט אָבער, אַז די שטימונג אויך ביי זיינע חברים בייט זיך. אויך זיי זיינען נישט אנטשלאָסן דעם קאַמף אָנצוהויבן. זיי וואָלטן דאָס זי־כער געזאָגט, ווען ע ר וואָלט דאָ נישט געווען; זיי זשעניִרן זיך, אָבער ס'איז אַלץ גענוג קאַנטיק.

וויטנבערג שטעלט זיך אויף, נעמט אריין די ליפּן פאַרביסן אין מויל און קוקנדיק דורכן פענצטערל צום הימל־בלוי, ציט ער לאַנגזאַם אוים:

— הערט אוים, חברים. איך גיב איבער דעם ענין צו דער פּאַרטיי מיינער. וואָס די פּאַרטיי וועט באַשליסן, דאָס וועל איך טאָן.

דער שטאַב רייסט איבער די באַראַטונגען. סאָניע רופט צוזאַמען דעם געטאָ־ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, צו דיסקוטירן. אַ סך איז שוין נישטאָ וואָס. די לאַגע איז אַ קלאָרע. כדי אויסצומיידן אַ ברודער־קריג, באַשליסט דער ראַיאָן־קאָמיטעט, נאָכן אָפּשאַצן די געשאַפענע לאַגע, אַז וויטנבערג דאַרף זיך איבערגעבן דער געשטאַפּאָ.

איציק איז נשתומם: איז עס מעגלעך? ער פאָדערט פון סאָניען, אַז דער באַשלוס זאָל באַשטעטיקט ווערן דורך דעם שטאָט־קאָמיטעט. סאָניע אָבער מעלדעט, אַז קיין פאַרבינדונג מיט דער שטאָט איז איצט נישט מעגלעך, ווייל דער געטאָ איז ארומגערינגלט מיט מיליטער און אַז אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן האָט דער ראַיאָן־קאָמיטעט די זעלבע באַשטימונגס־רעכט ווי דער שטאָט־קאָמיטעט. און...

דער זייגער גייט... דער זייגער גייט!

דער שטאַב ווערט ווידער גערופן צו גענסן.

גענס פאַרזיכערט נאָכאַמאָל, אַז אויב וויטנבערג וועט זיך איבער־געבן פרייוויליק דער געשטאַפּאָ און ער וועט זיך גוט האַלטן און קיינעם

נישט ארויסגעבן, וועט דער יידנראט אָננעמען אלע מיטלען וויטנבערגן אויסצוקויפן. אלץ וואָס דער יידנראט האָט, וועט אָפּגעגעבן ווערן.

— איך בין איבערצייגט, אז וויטנבערג וועט נאָך צוריקקומען מאָרגן-איבערמאָרגן אין געטאָ.

מען פילט, אז געניסעם פארזיכערונג איז א געמאכטע. מען זעט, אז גענס פרוווט אויסנוצן אלע מיטלען צו דערגרייכן זיינס.

און ווידער פארזאמלט זיך דער שטאב ביי זייער קאָמאנדיר. די לעצטע באראטונג צוזאמען. וויטנבערג רעדט און, ווי שטענדיק, איז ער אויך אין דעם פאל נישט אויפגערעגט. שטיל, לאנגזאם, ווי פערל די ווערטער. ער ווייזט אויף, ווי נישט דורכגעטראכט ס'איז אָנגענומען דער באשלום וועגן אים פון זיין פארטיי.

נאָך גאָרנישט לאנג, — זאָגט איציק — ווען לויט געניסעס באפעל האָט די יידישע פּאָליציי געבונדן אונדזער שטאבס-מיטגליד גלאזמאן, כדי אים אין אן ארבעטס-לאגער אוועקצושיקן, האָב איך, נישט קוקנדיק אויף אלע קאָנסעקווענצן, ארויסגעגעבן א באפעל צו באפאלן די וואך און אונדזער חבר באפרייען. און אזוי איז געשען. דער באפעל איז אויסגעפירט געוואָרן. כ'פארשטיי זייער גוט, אז איצט איז די סיטואציע אן אנדערע, אָבער אנדערש וועט שוין נישט ווערן, אפילו ווען איך זאָל גיין צו דער געשטאפּאָ.

אלע פארשטייען עס, אָבער אלע טראכטן:

— אפשר וועט איצט דורך וויטנבערגס קרבן געלינגען, ביי דעם נאָענטסטן צוזאמענשטויס קעגן די דייטשן, אריבערצוציען די יידן אויף דער זייט פון די קעמפער. ס'האָט זיך נישט איינער אָפּגעגעבן א דין וחשבון, אז אויך געוועך איז נאָך ווייניק פאראן. די מעלה, וואָס מ'איז די גאנצע צייט געווען אזוי גוט פארקאָנספּירירט, האָט אויך געהאט דעם גרויסן חסרון אין דעם, וואָס מ'האָט געפירט א ווייניק-פּאָליטישע אויפקלערונגס-ארבעט צווישן די יידן, — א צושטאנד, וואָס עס האָבן אויסגענוצט איצט אויך גענס און דעסלער.

אָנהויבן דעם קאמף? ס'קען דאָך זיין, אז ס'זאָל אפילו נישט זיין קעגן וועמען... דערפירן צו א בירגער-קריג? — און דורך די פענצטערלעך פון בוידעם-שטיבל דערטראָגן זיך געשרייען צו זיי:

— לעבן! לעבן! מיר ווילן לעבן!!

„לעבן"... אין איציקן שניידט זיך אריין דער רוף, וואָס ער הערט איצט, אין טיפן הארצן. „לעבן"... ער וויל דאָך אויך לעבן, אזוי ווי איר דאָרט, אונטן... פערציק יאָר פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעפינצטערט אין דער אָרעמער שטוב, ביים שטעפער-ווארשטאט. אָט דארף ווילנע

באַפרייט ווערן. דעם כבוד, וואָס זיינע חברים האָבן אים צוגעטיילט צו זיין דער קאָמאַנדאַנט פון יידישע געטאָ־קעמפער, וואָלט ער דאָך זיכער מיט כבוד אויסגעפירט. און אפשר וואָלט ער מיט זיינע קעמפער באַוויזן דאָס געטאָ דורכצולעבן און וואָלט ווייטער זיי געפירט אין קאַמף, אין לעצטן קאַמף קעגן היטלעריזם... „לעבן"... ווענן לעבן, ווייס שוין איציק, איז שוין פאַר אים איצט נישטאָ וואָס צו טראַכטן. ער באַקוקט דעם נאַגאַן אין זיין האַנט. אין צילינדער ליגן אַלע קוילן. וועט ער זיי שוין אַליין נישט דאַרפן נוצן? אין קאָפּ פליט דורך א געדאַנק: אפשר איין קויל פאַר זיך... זעלבסטמאָרד און א סוף... ער וועט געראַ־טעוועט ווערן... געראַטעוועט ווערן דורכן טויט... ער דערזעט מיטאַמאָל די מאָרד־מכשירים, וואָס זיינען שוין צוגעגרייט פאַר אים. אָט זעט ער זיך מיט צעשניטענע פינגער, מיט שפּיזן אין לייב, מיט שטריק אַרום האַלדז. בלינד ווערט ער. ער קען זיך נאָך אָבער אַלץ נישט ראַ־טעווען פון לעבן... שטאַרבן! דער טויט איז איצט זיין אויסלייז! אָ, ווען ער קען זיך איצט אריינלאָזן א קויל אין שלייף! און ווידער דערזעט ער זיך אין די הענט פון זיינע פּייניקער... „זאָג, זאָג אויס, ווער זיינען דיינע חברים, דיינע פאַרבינדעטע אין שטאָט... ווער זיינען די קעמפער אין געטאָ? וווּ ליגט דאָס געווער? ביי וועמען האָט איר דאָס געווער באַקומען? ביי וועמען? ווער? וווּ? ווען? זאָגסט? זאָגסט?! ניין?!"...

א קויל אין קאָפּ — און ער וואָלט געווען א געראַטעוועטער. אָבער „וויטנבערגן א לעבעדיקן" הערט ער, ווי דער רוצחישער באַפעל פון דער געשטאַפּאָ קלינגט אין די אויערן.

אַנטקעגן אים זיצט עדזשע. זי קוקט אויף אים מיט גרויסע, קייַ־לעכדיקע, צעגלאָנצטע אויגן. שווייגט. ער טוט א קוק אויף איר, פאַר־ביסט די ליפּן, שלינגט־אַראָפּ א טרערנגאָס אין האַלדז אריין און שטעלט זיך אויף:

— כ'גיי חברים, כ'גיי!

ער האָט אויסגעצויגן די האַנט מיטן רעוואָלווער, איז צו צו קאָוו־נערן און אויסגעפּליסטערט:

— נעם, אבא, נעם דו מיין רעוואָלווער!

איציק איז געבליבן א מינוט א פאַרשטאַרטער, דערנאָך ווי מיט רציחה אויסגעצישעט:

— קיין איין פּאָליציאַנט זאָל נישט וואַגן זיך צו ווייזן, ווען איך וועל די גאַס דורכגיין. — און א באַרואיקטער — ביז צום טויער זאָלט איר מיך באַלייטן. צוזאַמען כאָטש גיין א שטיקל וועג... כאָטש ביז צום טויער...

ער איז צו צו עדזשען:

— און דו, וועסט גיין מיט מיר אבּיסל?

זי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— געדענקט, חברים, — איז געווען איציקס לעצטע ווערטער צו די שטאַב־מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אים אויף אכ־טונג — זעט אַז איצט, אויב מען וועט אייך נאָך לאָזן אבּיסל לעבן, ווען עס וועט קומען צו דעם ענדגילטיקן מאָמענט און איר וועט דאַרפן ווייזן אייער כּוח, זאָל נישט געשען דאָס וואָס... — ער האָט זיך פאַר־טראַכט אַ סעקונדע, ווי געוואָלט פאַרענדיקן דעם זאַץ, אָבער נישט ענדיקנדיק, האָט ער זיך אַ קער געטון צו דער טיר און, ווי אין אַ תּפילה, אויסגעמורמלט:

— איך גיי — — —

וויטנבערגס „איך גיי"־תּפילה האָט ווי אַ בליץ דורכגעשניטן דאָס געטאָ. די גוואַלדן האָבן זיך פלוצלינג איינגעשטילט. יידן האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון די מעלינעס. מען האָט צוריק די שטוב־טירן און די לאָדנס געעפנט.

ווען איציק איז פון די טרעפ אַראָפּ און אויפן גאַס אַרויס, האָט אַ לויכט־געטאָן אַ ליכטיקע די זון און אים מיט אירע שטראַלן פאַרוויקלט. ער האָט אויסגעזען בלאַס, מיד. אָבער שטאָלץ האָט ער דעם קאָפּ ווי אַן אָדלער אין דער הויך פאַרוואָרפן, און איז לאַנגזאַם, מיט די קלוגע אויגן געווענדט צום המון, וואָס האָט די געסלעך פאַרפולט, געגאַנגען... גע...גאַנ...גען...

דער המון איז געשטאַנען אָנגעפּראָפּט ביי די זייטן גאַס. פון די פענצטער זיינען אַראָפּגעהאַנגען קעפּ אויף קעפּ. איציקס רואיקער גאַנג האָט צענומען דעם המון, וואָס האָט זיך יאָמערלעך פונאַנדערגעוויינט. איציק איז געגאַנגען רואיק, רואיק. ער האָט אַ קוק־געטון צום עולם רעכטס, צום עולם לינקס, ווידער דעם קאָפּ אין דער הויך פאַרוואָרפן, צו די יידן אין די פענצטער — ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט אלעמען...

פלוצלינג האָט זיך מיין בליק צונויפגעטראָפן מיט זיינעם... כ'האָב זיך אַ שטעל געטון אויף אכטונג!...

אין מיטן זוניקן טאָג איז מיר מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

דער עולם אַרום מיר האָט מיך אונטערגעהאַלטן, כ'זאָל נישט אומ־פאַלן.

## טויטע קענען קיין נקמה נישט נעמען

וויטנבערגס טויט האָט צום לעצטן מאָל דעם געטאָ סיגנאַליזירט:
— זייט גרייט! גרייט זיין צו שטאַרבן...

אָבער דאָס לעבן רופט: אַזוי פיל פיין דורכגעלעבט, אַלע נאָענטס־טע פאַרלוירן, זיי ד ו כאָטש דער איינציקער עדות; זיי ד ו דער יורש. נאָך געציילטע וואָכן בלויז דאַרפסטו איבערלעבן און דערנאָך — לעבן, לעבן, לעבן... דערנאָך ערשט וועסטו קענען נקמה נעמען. געדענקט — רופט דאָס לעבן ווייטער — טויטע קענען שוין קיין נקמה נישט נעמען.

די פּראָווינצער יידן, וועלכע זיינען ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צו־ריק געבראַכט געוואָרן אין געטאָ, גייען אַרום ווי געבונדענע אין אַ שטייג. זיי פילן זיך דאָ פרעמד און טראַכטן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דאַנען. די יוגנט האָט זיך שוין צוזאַמענגערעדט. יידן פון באַזונ־דערע שטעטלעך, ראַיאָנען, האָבן זיך אָרגאַניזירט. טייל האָבן אַפילו באַקומען געווער און דערנאָך זיינען זיי מיט דעם, גייענדיק אין שטאָט צו דער אַרבעט, אַרוים אומבאַמערקט פון די רייען צו זייטיקע געסלעך, אַראָפּגענומען די לאַטעס פון זיך און אוועק צו די וועלדער־צו...

אין געטאָ האָט די באַפעלקערונג אָנגעהויבן צו פיבערן:

— אין וואַלד! אין וואַלד! לאָמיר אַוועק פון דאַנען. אין געטאָ וועט מען סיי־ווי־סיי אומקומען. אויב אין די וועלדער וועלן מיר אומ־קומען, וועלן מיר אָבער שטאַרבן מיט כבוד, אין קאַמף. אין די וועלדער, אין די וועלדער! — איז געוואָרן דאָס טאָג־און־נאַכט־לעבן פון די יידן.

מען ווייסט, אַז אין וואַלד וועט מען דאַרפן קעמפן. מען ווייסט, אַז אויך אין וואַלד וועט זיין שווער דעם טאָג פון גאולה צו דערלעבן. אָבער הערצער האָבן אָנגעהויבן אַנדערש פּולסירן, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז אין אַ נאָכמיטאָג זיינען געקומען צוזאַמען מיט אַלע יידן פון דער אַרבעט אין געטאָ אויך עטלעכע יידישע פּאַרטיזאַנער פון די ווייס־רוסישע וועלדער. בחורים וועלכע זיינען נאָך מיט עטלעכע וואָכן צוריק געווען אין געטאָ.

ס'איז געוואָרן אַ רעש צווישן די יידן. מען דערציילט זיך שוין אין

נאָמען פון די פּאַרטיזאַנער, אַז אין די וועלדער זיינען דאָ זייער אַ סך יידן, וועלכע צייכענען זיך אויס ווי העלדישע קעמפער און אַז די פּויערים האָבן פאַר זיי מורא, און אויך די דייטשן ציטערן...

ווער זיינען דאָס די דריי פּאַרטיזאַנער? איך זוך זיי אויף און דערזע פאַר זיך באַקאַנטע חברה פון שווענציאַן: שיקע גערטמאַן, איצקע רודניצקי און העשקע בושקאַניעץ. זיי זיינען געקומען אַהער מיט דער אויפגאַבע, וואָס עס האָט זיי פאַרגעבן זייער קאָמבריג (בריגאַדע-קאָמאַנדיר) פיאָדאָר גריגאָראָוויטש מאַרקאָוו, (אַ לערער פון סווענציאַנער פּוילישע שולן פאַר דער מלחמה), איבערצוגעבן אַ בריוו געטסן. מאַרקאָוו שרייבט צו אים, אַז ער, געטס, זאָל קומען אין וואַלד צו אים, מיטנעמענדיק אַלע יידן, צוזאַמען מיט זייער האָב און גוטס, כדי דערמיט איינצוקויפן געווער. אויב געטס וועט נישט ענטפערן, וועלן די חברה מיטנעמען אַ גרעסערע גרופּע פון זייערע חברים פון געטאָ מיט זיך.

ס'הויבט זיך אָן אַ געוואַלדיקע יאָגעניש נאָך די דריי חברה. די פּאַרטיזאַנער באַמיען זיך אָבער צו זיין קאָנספּיראַטיוו. נישט צולאָזן צו זיי קיין זייטיקע. זיי האָבן בלויז פאַרבינדונגען מיט דעם פפ"אָ-שטאַב און מיט זייערע חברים.

דער פפ"אָ-שטאַב איז אין קעגנוואַרט פון נישט-פאָראויסגעזעענע באַדינגונגען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נייעם ווענד-פּונקט פון דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. ביז וויטנבערגס טויט איז געווען שטרענג פאַרבאָטן פאַר פפ"אָ-קעמפער אַוועקצוגיין פון געטאָ אין וואַלד. די אידייע פון פפ"אָ איז געווען — נישט פאַרלאָזן דאָס געטאָ. נישט פאַרלאָזן די, וועלכע קענען נישט פאַרלאָזן דאָס געטאָ, — די משפחה-מענטשן, אַלטע, קראַנקע, קינדער. די טעאָרעטיקער פון דער אידייע, די זייער אַקטיווע גרופּע פון השומר-הצעיר, האָבן אויך באַווירקט אין אַ גרויסער מאָס די אַנדערע גרופּירונגען, ווי די קאָמוניסטן, בונדיסטן, ציוניסטן און די גרעסטע טייל פּועלי-ציון און רעוויזיאָניסטן.

די מערהייט פון די פפ"אָ-פירער האָבן שטענדיק אונטערגעשטראָכן, אַז די וועלכע ווילן אַוועקגיין פון געטאָ, ווילן בלויז ראַטעווען זייער לעבן. אַ פפ"אָ-קעמפער, האָבן זיי געטענהט, פאַרראַט די אידייע פון פפ"אָ, אויב ער פאַרלאָזט דאָס געטאָ. די אויפגאַבע פון די פפ"אָ-קעמפער דאַרף זיין, צום באַפעל אָנצוהויבן דעם לעצטן קאַמף קעגן די מערדער און דערמיט אויך באַווייזן אַ העלדישן ביישפּיל די קומענדיקע דורות, ווי אַזוי יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און גענומען נקמה.

די ערשטע פּאַרטיזאַנער-גרופּע אין געטאָ, אַ פּיל קלענערע אין




צוערשט: גייסטיקער ווידערשטאַנד

פלאַקאַטן דערציילן... 4. אברהם סלעפּ (דיריגענט פון יודיש־כאָר אין געטאָ), 5. העברעאישער כאָר אין געטאָ, אין צענטער — דער דיריגענט, קאָמפּאָזיטאָר וואָלף דורמאַשקין, 6. יעקב גערשטיין, לאַנגיאָריקער דיריגענט. אלע אומגעקומען.



אַנפירער פון דער פאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע (פ. פ. אָ.)

1. איציק וויטנבערג, 2. אבא קאָוונער, 3. ניסן רעזניק, 5. אבראַשע כוואָיניק, 6. יוסף גלאַזמאַן, 4. מאַסקירטער אַריינגאַנג אין זיך־אָרט פון פאַרטיזאַנער־שטאַב אויף דעם אַשמענער געסל.

צאָל, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון יחיאל שיינבוים (פּועלי ציון-התאחדות) און פון אסתר יפה (א טאָכטער פון באַקאַנטן ווילנער רב און שוחט ניסן יפה) און האָט געהאַט צווישן אירע קעמפער נאָר ציוניסטיש-געשטימטע יידן, האָט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון די קעמפער איז נישט נאָר אין געטאָ צו קעמפן, נאָר אויך פון צייט-צו-צייט ארויסשיקן באַוואָפנטע גרופּעס אין די וועלדער, ווו זיי זאָלן פאַרלייגן נישט נאָר די געטאָ-מאַכט, נאָר אויך די אייגענע פּאַרטיזאַנער-באַזעס און פאַרזעצן פון די וועלדער דעם קאַמף קעגן שונא.

די ערשטע גרופּע קעמפער, וואָס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן פון אסתרס גרופּע אין די רודניצקער פּושטשעס (40 קילאָמעטער פון ווילנע), האָט טאַקע געמאַכט דעם אָנהויב אין געטאָ. (כמעט אַלע זיינען אין די פּושטשעס גאָר גיך אומגעקומען). עס איז נישט קיין פיל צייט אריבער און אויך די פּפּ"אָ-פירער האָבן געמוזט רעווידירן זייער שטעלונג. דער שטאַב איז צוערשט, ווי געוויינלעך, געשטאַנען אייזן-פעסט פאַר זיין שטעלונג. אָבער נאָכדעם ווי פון געטאָ זיינען ארויס עטלעכע גרופּעס פּראָווינצער יידן אין די וועלדער און עס זיינען אָנגעקומען פון זיי אויך גוטע גרוסן, אַז ערשט דאָ האָבן זיי די מעגלעכקייט נקמה צו נעמען, אַז דאָרט זיינען די יידן ווי גלייכע מיט די רוסישע, ווייס-רוסישע און פּוילישע פּאַרטיזאַנער, — דאַן האָט זיך אָנגעהויבן א געוואַלדיקער דרוק פון די קעמפער, דורך די גרופּן-קאָמאַנדירן אויף דעם שטאַב, אַז ער, דער שטאַב, זאָל זיך אין אָנבליק פון דער נייער סיטואַציע, נאָכאַמאָל פאַרטראַכטן און ענדערן די קאַמפּס-מעטאָדן פון דער פּפּ"אָ.

די נייע סיטואַציע האָט באַוויזן, אַז דער אָנגענומענער געדאַנק, אַז אין לעצטן קאַמף וועלן אויך אריינגעצויגן ווערן טויזנטער יידן, האָט נישט קיין שום אויסזיכט פאַרווירקלעכט צו ווערן. דער פאַל וויטנבערג האָט עס צום בולטסטן באַוויזן. אויך אויף ווייטער זעט זיך פאַר, אַז עס וועט נישט געלינגען אריינצוציען אין קאַמף א גרעסערע צאָל יידן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אין די גרעסטע געפאַרן לויפן זיך יידן באַהאַלטן אין מעלינעס. דאָרטן, מיינען זיי, וועלן זיי די שווערע צייט דורכלעבן. פון דאָרטן וועלן זיי אויף דער פרייער ארויס.

ס'איז נישט געווען פאַרשטענדלעך פאַר אונדז, קעמפער, פאַרוואָס דאַרפן מיר נישט אָנטיילנעמען אין דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג? צי וואָלט דען נישט געווען קיין כבוד פאַר ירושלים דליטא, ווען אירע זין און טעכטער זאָלן גרינדן פּאַרטיזאַנער-גרופּעס אין די וועלדער און פון דאָרט קעמפן קעגן שונא? פון דאָרט נקמה-נעמען? און ווו איז דאָס בכלל געזאָגט, אַז מען מוז אומקומען? צי דען דאַרף נישט טייער זיין

יעדער לעבן־געבליבענער ייד, צי דאַרף מען נישט אַלץ טאָן, כדי וואָס מער יידן זאָלן לעבן בלייבן? זיך ראַטעווען?

דער דרוק פון די קעמפער ווערט שטאַרקער. דער שטאַב מוז זיך פאַרטראַכטן וועגן דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע און... נאָך העפטיקע דיסקוסיעס ווערט ענדלעך באַשלאָסן צו אַרויסשיקן די ערשטע גרופּע קעמפער אונטערן נאָמען „לעאָ" אין וואַלד.

דער באַשלוס פון שטאַב האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין געטאָ. עס האָט אויך אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע צערודערונג צווישן די קעמפער. בלויז געציילטע האָבן נישט מסכים געווען מיט דער נייער ווענדונג אין דער אַרבעט פון שטאַב.

ווער זאָל גיין אין דער ערשטער גרופּע? בעלנים זיינען כמעט אַלע. עס מוז געמאַכט ווערן דער געהעריקער אָפּקלייב. עס דאַרפן גע־שוינט ווערן פאַרן געטאָ, אין פאַל פון אַ סכנה, די אָנפירער־קאַדרען. אָבער אויך אַזאַ גרופּע דאַרף זיין אַן אויסגעפּרוּווטע, גוטע קעמפער. מען האָט אויך געמוזט נעמען אין אַכט די קעמפער, וועלכע זיינען שטאַרק דעקאָנספּירירט געוואָרן און אויף וועמען געשטאַפּאָ קען האָבן אַן אויג.

די דערציילונגען וועגן לעבן אין פּאַרטיזאַנקע האָבן מיך שוין פון לאַנג באַהערשט. שיקע גערטמאַן האָט מיר איבערגעגעבן אַ רייע פּרטים פון לעבנס־שטייגער פון די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. ס'איז געווען פאַר מיר ווי מעשהלעך פון טויזנט און איין נאַכט. שיקע האָט אויך דערציילט, אַז דער קאָמבריג מאַרקאָוו, וואָס איז דאָך אַליין זייער אַן אינטעליגענטער מענטש, וואָלט שרייבער ספּעציעל פּראָטעזשירט. ער וואָלט זיי גלייך געהייסן צונעמען אין אַן אָטריאַד. מען וואָלט זיי פאַרבונדן מיט דער יידישער שרייבער־וועלט דורך מאָסקווע.

שיקע האָט מיך שטאַרק צוגערעדט, איך זאָל גיין צוזאַמען מיט זיין גרופּע אין וואַלד. צורייידן, דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער מיך נישט באַדאַרפט, ווייל דער ווילן צו גיין אין וואַלד, דער ווילן צו זיין אַ פּאַר־טיזאַן אויף דער פריי, נישט אין געטאָ, איז געווען ביי מיר אַ גאַנץ גרויסער, אָבער מיין ווילן שיקעס, זיינען נאָך ווייניק. איך בין דאָך געבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער איך בין ווי אַ דיס־ציפּלינירטער קעמפער אָפּהענגיק. איך און סוצקעווער האָבן געפּרוּווט אינטערווענירן ביים נייעם קאָמאַנדיר אורי (אַבאַ קאָוונער) און ביי נאָך אייניקע שטאַבס־מיטגלידער. אָבער אויך אויסער אונדז זיינען געווען זייער אַ סך בעלנים און דער עיקר — מיר זיינען געווען צו־קענטיקע צווישן דער געטאָ־באַפעלקערונג, אַזוי אַז אונדזער אַוועקגיין

וואַלט ארויסגערופן א באזונדערע אויפרודערונג. מיר האָבן דעריבער געמוזט ווארטן אויף ווייטערדיקע גרופּעס, וואָס וועלן, לויט א באַ־שטימטער צייט, ארויסגיין.

דעם 24סטן אויגוסט פּארטאָג זיינען דורכן הויף אויף רודניצקער 16, א פּאראייניקטער מיט דעם הויף אויף דעם קאָנסקי־געסל 3, וואָס איז שוין ארוים אויסערן געטאָ, דורכגעגאנגען א פּארטיע באוואָפנטע יידן פון 40 מאַן. זיי זיינען ארוים נאָרמאַל, ווי אן ארבעטס־בריגאַדע, דאָס הייסט, מיט די געלע לאַטעס אויף זיך. א בריגאַדיר האָט זיי גע־פירט כלומרשט צו דער ארבעט. ווען מען האָט זיך גוט צו זיי צוגע־קוקט, האָט מען געקענט זען שיקען, שערעשיעווסקין, גלאזמאנען, איזיע מאַצקעוויטש, די ברידער גאָרדאָן, חיים לאזאר — אלע באקאנטע פּי־גורן אין דער פפ״אָ. עס זיינען דאָ אויך געווען נישט קיין פפ״אָ־קעמ־פער — פּרויען, ברידער, שוועסטער פון די פּארטיזאנער, וועלכע גע־פינען זיך שוין אין וואלד און האָבן דורך די דריי שליחים געווארט אויף דעם אָנקום פון זייערע נאָענטסטע.

די גרופּע האָט געהאט פאר זיך א לאנגן וועג. אזש צו די וועלדער ארום די נאַראָטשער אָזיערעס. א מהלך פון 200 קילאָמעטער.

דער שטאב האָט באשלאָסן ארויסצושיקן ווייטערדיקע גרופּעס, ווי נאָר עס וועלן אָנקומען גרוסן פון וואלד פון דער ערשטער גרופּע.

אלע יידן האָבן געווארט מיט אומגעדולד אויף די גרוסן. נאָך מער אומגעדולדיק האָבן געווארט די קעמפער און דער שטאב.

— וועט זייער וועג דורכגיין בשלום? מען האָט זייער גוט גע־ווּוּסט, אז די וועגן ווערן שטארק באוואכט. אָבער דער ערשטער גרוס איז געווען א דערפרייענדיקער. געבראכט האָט אים די פאַרבינדלערין וויטקע, וועלכע האָט זיך אומגעקערט פון וועג נאָכן 18טן קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. יום־טוב איז געווען ביי אונדז. די פרייד אין לשער. דער עיקר איז דאָך ארויסגיין פון דער שטאָט, און קוים זיינען זיי שוין אזא שטיק וועג אָפּגעגאנגען, איז שוין די געפאר א קלענערע.

יידן האָבן אויך פרייער אָפּגעאָטעמט, ווייל אויב מען זאָל חלילה ווּעמען כאפּן, דאן קען דאָך יידן דאָס גאנצע געטאָ. אָבער אין צוויי טעג ארום איז אָנגעקומען מיטאמאָל איין ידיעה שוידערלעכער פון דער צווייטער: מען האָט אלעמען געכאפּט; מען האָט זיי צעשאָסן... דעם־לער האָט געמסרט... פּויערים האָבן באמערקט און געמאָלדן דער פּאָ־ליציי... שרעקלעך, שרעקלעך. מיר האָבן שוין נישט גערוט. יעדע מי־נוט פון דערוווארטן געגוייערע ידיעות האָט זיך געצויגן ווי מעת־לעתן. מיר זיינען שוין געווען וואך און די נאכט מיט קיין אויג נישט צוגע־מאכט.

לאַנג האָבן מיר שוין נישט געדאַרפט וואַרטן, קיטעל איז געקומען...

א צעקאַכטער איז ער אַרומגעגאַנגען אין דעסלערס קאַבינעט. ער האָט א וואָרף־געטון אויפן טיש א פעקל בלעכענע נומערלעך, וואָס מיר האָבן געדאַרפט טראָגן אין געטאָ אויפן האַלדז, אַרבעטס־ביכלעך און פּאַספּאָרטן...

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אַרעסטירט די משפּחות (טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער, קינדער) און די בריגאַדירן און קאָלאָנען־פירער פון א טייל פון די יידן, וועלכע זיינען אַוועק אין וואַלד. ביז 50 האָט דערגרייכט זייער צאָל. אויף מאָרגן זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן.

פאַרוואָס נישט מער ווי א טייל? אין א פּאָר טעג אַרום האָט מען זיך דערוווּסט גענויערע ידיעות: די גרופּע האָט זיך אָפּרוענדיק אין וואַלד, נישט באַמערקט, ווי עס האָט זיי געזען א וואַלד־וועכטער. ווען זיי זיינען ווייטער געגאַנגען אין וועג און זיך שוין געפונען אויף דער לאַנגער הילצערנער בריק, וואָס איז צעלייגט אויפן טייכל אָשמיאַנקע (ביי 40 קילאָמעטער פון ווילנע), האָט זיך אין דער פינצטערער נאַכט צעהאָגלט אויף זיי א שטורעם פון מאַשין־געווער. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צעלייגט אויף דער בריק און מיט זייער געווער אָקעגנגעשאָסן. עטלעכע און צוואַנציק מאַן זיינען געפאַלן אין קאַמף. די אַנדערע האָבן באַוויזן דורכצורייסן דעם שונאס פייער. צווישן די געפאַלענע זיינען געווען די ברידער גאָרדאָן, איזע מאַצקיעוויטש, עלקע פּילניק, א לעבע־דיקע אַריינגעפאַלן צו דער פּאָליציי איז ראָזע שערעשניעווסקי, פון די בעסטע קעמפערינס פון דער פפ״אָ.

ביי די טויטע האָט די געשטאַפּאָ געפונען זייערע געטאָ־דאָקומענטן מיט די נומערלעך און לויט דעם — אַרעסטירט זייערע משפּחות און אַרבעטס־פירער.

די שטימונג איז געוואָרן א יום־כּפּורדיקע. אפנים, האָבן מיר שוין נישט געספּקט, אַז א ו נ ד ז וועט שוין אויסקומען צו פאַרענדיקן די לעצטע טעג פון אונדזער לעבן אין געטאָ. קאַמף, ווידערשטאַנד — אָבער אומקום, אומקום.

בלית־ברירה האָבן מיר געמוזט אונדזער ערשטע אידייע פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין געטאָ נאָכמער פאַרשטאַרקן. זאַמלען ווייטער געווער. וואָרבירן נייע קעמפער און גרייט־זיין צו דער לעצטער שלאַכט אין לעבן, וואָס דאַרף אָנקומען יעדן טאָג, יעדע מינוט.

און די טעג זיינען אַזעלכע וווּנדערבאַרע, אַזוינע זומערדיקע. און די דייטשן טרעטן אַלץ אָפּ אויף צוריק און כאַפּן קלעפּ אויף אַלע פראָנטן.

## ס׳ברענט ברידער, עס ברענט!

די געשעעניש מיט די פּארטיזאנער אויף דער אַשמענער בריק און די פאָלגן דערפון אין געטאָ האָבן צונישט געמאַכט די צוגעגרייטע פּלענער פון פפ״אָ-שטאַב ארויסצושיקן נייע מחנות אין וואלד.

די אויפרעגונג פון דער באַפעלקערונג קעגן דער „פּאראייניקטער פּארטיזאנער אָרגאַניזאציע״ (פפ״אָ), וועמען די יידן האָבן באַשולדיקט, אַז צוליב אזא פירונג וועלן סוף-כל-סוף אַלע דאַרפן ליידן, איז כסדר געוואַקסן.

די קעמפער האָבן געהאַט שווערע טעג אדורכצולעבן. טעג... ווייל נישט לאַנג האָט געדויערט און די קעמפער האָבן ווידער דערהערט אין איינעם א זוניקן פּאַרטאָג דעם פּאַראָל „ליזע רופט!״.

ביז דעם טאָג:

דאָס געטאָ איז פאַרשלאָסן. קיינער ווערט נישט ארויסגעלאָזן פון שטאָט אויף ארבעט. געגנס וויל באַווייזן, אַז אויך אין א פאַרשלאָסענעם געטאָ קענען די יידן נוצן-ברענגען. גיט ער ארויס באַפעלן די אָפּטיילונגען פון דער געטאָ-אַדמיניסטראַציע פונאַנדערצובויען די געטאָ-אינדוסטריע. זאָלן דייטשן פילן, אַז אויך אין געטאָ קענען מיר זיין נוצלעכע מיט יידישע אויסאַרבעטונגען. געציילטע טעג זיינען אַריבער און די דייטשן האָבן טאַקע אריינגעשיקט אין געטאָ צו וואַשן און פאַרריכטן מיליטער-קליידער. דאָס געטאָ האָט אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן ווינטער-סוועטערס, סקאַרפּעטן, וואַרעמע שאַלן. מען האָט אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן וואַליקעס. לויט דעם אָנקום פון באַשטעלונגען פון דער דייטשער מאַכט איז געוועזן פאַראויסגעזען, אַז ארבעט האָט שוין דאָס געטאָ אויף חדשים-לאַנג. דערפון האָבן פאַרשטייט זיך די יידן געצויגן די געהעריקע מסקנות, אַז דערוויל, אָדער בעסער געזאָגט, כל זמן די דייטשן גיבן אונדז ארבעט, דראָט נישט דעם געטאָ קיין שום געפאַר. מען האָט אָבער נישט געדאַרפט זיין קיין נביא, כדי צו באַנעמען די גורלדיקע מינוטן וועלכע מיר לעבן איבער.

— מתים גייען ארום! — דער געדאַנק איז מיר אויף קיין מינוט

נישט ארוים פון קאָפּ, ווען איך האָב געזען אין די טעג, די יידן אין געטאָ.

דער רעזשיסאָר ראָזענבערג האָט מיר שוין ענדלעך מודה געווען, אַז ס'איז אַ שאָד די האַרעוואַניע.

— מיר וועלן שוין שפּילן טעאַטער אויף יענער וועלט.

כּייקל לונסקי אין לייען-זאַל מרה-שחורהט:

— נישט גוט, קאַטשערגינסקי, נישט גוט...

אויך פון זעליק קאַלמאַנאָוויטשן איז פאַרשווונדן דער אָפּטימיזם.

נאָר דער טעאַטער האָט אַלץ געמוזט שפּילן... כּתריאל ברוידאָ רעפּעטירט אַ נייע רעווי אַ. נ. „משה האַלט זיך!“ דער רעפריין איז טאַקע, ווי די גאַנצע פאַרשטעלונג צוגעפּאַסט צו דער צייט:

משה האַלט זיך!
זע, נישט צעפאַל זיך,
האַלט זיך, משה!
עס קומט שוין באַלד, —
עס שלאָגט די שעה די גרויסע!

— איך ווייס — רופט זיך אָן צו מיר ברוידאָ, אויף אַ פּראָבע פון דער פאַרשטעלונג, ווען דער אַנסאַמבל זינגט-אויס דעם רעפריין, — איך ווייס, אַז דער טעאַטער וועט מיך אין דר'ערד אַריינליינגן. איך האָב זיך ווו צו באַהאַלטן. אַ באַקאַנטער פּאָליאַק וויל מיך און מיין פרוי אויס-באַהאַלטן, אָבער דער טעאַטער לאָזט נישט... ס'איז פּשוט אַ שאָד צו פאַרלאָזן די געטאָ-בינע, די אַקטיאָרן און... וואָס עס וועט זיין מיט כּל ישראל וועט אויך זיין מיט מיר... וואָס? זיי זיינען ערגער פון מיר?...

ווען מיר טאַקע הייסט עס אומקומען?

אויף איין וואָך געלינגט דעם דייטש פון ראָזענבערג-שטאַב אונדז ארויסצונעמען צו דער ארבעט, כּדי צו מאַכן אָרדענונג אין די ביכער און צייטונגען. האָבן מיר זיך צוזאַמענגעקליבן מיטאָג-צייט אין צימערל ביי רחל פּופּקאָ און מיר האָבן אָנגעהויבן שרייבן אונדזער צוואה. קור-צע שורות. קיינער האָט נישט געקענט דאָסמאָל פיל שרייבן, נישט געוואָלט. אונדזערע אונטערשריפטן אויף דעם קלאָרן אַלבאַסטער-פּאַ-פּיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער וועלט.

צי האָט ווער אַמאָל אין זיין יוגנט געטראַכט וועגן שרייבן אַ צוואה?

מיר זיינען דאָך נאָך אַלע אַזוי יונג. אַזוי יונג.

איך קוק שוין נישט אויף זיך. דאָס האַרץ אָבער ווערט צעריסן

שטייענדיק איצט הינטער דער פּלייצע פון דער בלאָנד-האָריקער איידל-שיינענדיקער 20 יעריקער רחל פּרענער און זען ווי זי שרייבט איר צוואה.

— וואָס שרייבן, שמערעלע, וואָס שרייבן? — פּרענט זי מיך צו-דרינגלעך.

— האָסט דאָך זיכער ערגעץ וועמען.

און זי הויבט אָן אויפצוקלייבן איר פאמיליע פון גאָר דער וועלט:

— א שוועסטער און א מומע אין ניו-יאָרק, פיר קוזינען אין ארץ ישראל, צוויי אין אפריקע, א פעטער אין קובא, א שוועסטער און א מאן אין געטאָ און... טאטע-מאמע מיט צוויי ברידער אויף פּאָנאר.

עס ווערט פינצטער, אומעטיק. טאקע, וואָס זאָל רחלע שרייבן? נאָר אָט פירט זי שוין די ציטערדיקע פעדער איבערן פּאפיר: „מיינע טייערע! איך געזעגן זיך מיט אייך פארן גיין צו מיינע טייערע. איך האָב כסדר געטראכט פון אייך. פארגעסט-זשע נישט אויך א י ר אין יאנקעלען, ביינעשן, אין טאטע-מאמע, אין בלוממשען, אין מיין מישקען און אין אייער רחלע".

ס'קומט מיר אויס, אז איך בין איצט א גרויסער טרערן-קוואל אונטער דער ערד וואָס זוכט ערגעץ א וועג זיך אדורכצושפּארן. איך טאָר אָבער איצט פאר אלעמען אין די אויגן נישט וויינען. נישט שיין, דער אזוי שטענדיק אָפּטימיסטישער און אייזערנער שמערקע זאָל זיך מיטאמאָל פונאנדערפלאנכענען...

עס ראטעווען אביסל די ברילן. זיי פארשטעלן די פייכטקייט, וואָס האָט זיך דאָך ארויסגעזעצט אויף די אויגן-ראנדן. און ווי שטענדיק, האָט אויך דאָס מאָל עס גלייך באמערקט די צווייטע רחלע, פּופּקאָ. זי האָט זיך אויף גיך א הייב-געטון און ארויס פון צימער. האָט דאן רחלע אויך געוויינט?

איך האָב אָבער נאָך אלץ נישט געוואָלט שלום מאכן מיטן גע-דאנק, אז אלע, אלע זאָלן מיר דארפן אומקומען. און... די געשעענישן אין געטאָ גייען זיך אזוי ווי די געשטאפּאָ האָט עס פאָראויס באשטימט. פינקטלעך און געניי.

דער שטאב פון פפ"אָ שאצט-אָפּ דעם פערטן אפּריל, אז „די פפ"אָ וועט ארויסטרעטן אין קאמף אין פאל פון אזא אקציע אין געטאָ, — ווען די אקציע וועט אָנגענומען ווערן ווי אן אָנהויב פון סוף, אומאָפּ-הענגיק פון דער צאָל קעמפער וואָס מיר וועלן פארמאָגן".

די צייט אַנצווענדן דעם קאַמפּס־רעגולאַמין קומט היינט־מאָרגן. יעדע מינוט קען מען עס דערוואַרטן.

דעם 1טן סעפּטעמבער פאַרטאָג האָט זיך ווידער צעשפּרייט איבער די שטיבער פון די קעמפער דער פּאַראָל „ליזע רופט!".

ווען איך בין פון שטוב אַרויס, האָב איך שוין געפונען אויף אונדזער באַלקאָן אַלע שכנים צעשראָקענע:

— דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט!

ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנהויב פון סוף.

אויף דעם מאָביליזאַציע־פּונקט האָט מיר מיין גרופּן־קאָמאַנדיר באַפוילן גלייך אַריבערגיין אין פאַרטיידיקונגס־פּונקט אויף דער סטראַשון־גאַס נומ. 6. אויפן וועג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אונטערן אויסרייד פון דער פאָדערונג פון ייִדישע אַרבעטער אין עסטאָנישע פאַבריקן, וואָס דאַרפן געשיקט ווערן פון ווילנער געטאָ, דאַרף קומען אַהער די געשטאַפּאָ די אַרבעטער „נעמען". עס איז קלאָר וואָס דאָס מיינט. ס'איז קלאָר, אַז דאָס מיינט די ליקווידאַציע פון געטאָ.

דער טויט־געשפּענסט האָט ווידער אָנגעהויבן שווימען איבערן געטאָ. פאַרשווּנדן זיינען מיטאַמאָל אַלע ייִדן פון ערד־אויבערפלאַך, נישט געוואָרן, אַוועק אין אונטערערד, אין די מאַלינעס:

— נאָר נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די רוצחים.

ס'זיינען אָבער אויך געווען נישט ווייניק ייִדן, וועלכע האָבן שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו לעבן אַזוי אונטער דער כסדרדיקער געפאַר פון דער הענגענדיקער האַק איבערן האַלדז, און זיינען שוין נישט געגאַנגען מער זיך באַהאַלטן אין די מאַלינעס.

— זאָל שוין זיין וואָס עס איז...

— מיט די מערדער קעמפן האָב איך שוין מער קיין כוח נישט...

— מיט וואָס בין איך דאָס בעסער פאַר מיין מאַן, וועלכן זיי האָבן געשאָכטן, פאַר טאַטע־מאַמע...

זיי האָבן זיך מער נישט באַהאַלטן. געוואַרט ביז דער האַקנקרייציקער מלאך־המות איז געקומען אין שטוב־אַריין זיי נעמען.

עס האָט אָבער אויך דאַמאָלס אַריבערגעקלונגען צו אַלעמען דער רוף פון די קעמפער.

— ייִדן! גייט נישט ווי שאָף צו דער שחיטה! צוגלייך מיט די קעמפער זאָל נעמען יעדער אין האַנט וואָס ער האָט: אויב נישט קיין

היים-געווער, זאָל זיין א האק, אן אייזן, א שטעקן — און זיך קעגנ-שטעלן די מערדער!

ס׳ברענט! ברידער, עס ברענט!
די הילף איז נאָר אין אייך אליין געווענדט.
אויב דאָס שטעטל איז אייך טייער,
נעמט די כלים, לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט
באווייזט אז איר דאָס קענט!
שטייט נישט, ברידער, אָט אזוי זיך מיט פארלייגטע הענט,
שטייט נישט, ברידער, לעשט דאָס פייער! —
אונדזער שטעטל ברענט!

דער פלאמיקער רוף האָט צוגעצויגן צו די קעמפער צענדליקער, צענדליקער מענער און פרויען, עלטערע און גאָר יונגיטשקע. מיט דעם געווער וואָס עס איז אין געטאָ געווען, מיט די אויף-דער-גיך געשמידטע און געמאכטע קאלט-געווער (שווערדן, אייזערנע הענטשקעס, אייזנס א. ד. גל.) האָט זיך דאָס קעמפנדיקע געטאָ געשטעלט אין פארשיידענע פונקטן, פארוואנדלטע אין באריקאדעס און פעסטונגען. צום לעצטן, לעצטן קאמף. צום קאמף נישט אויף לעבן, נאָר צו שטארבן ווי קעמפער.

# די ערשטע שלאַכט

אויף סטראַשון־גאַס 6 האָט זיך אריבערגעקליבן דער פפ״אָ־שטאַב. דאָ איז אויך קאָנצענטרירט געוואָרן דער הויפּט־כוח פון די קעמפער.

אין געטאָ איז דער הויף באַקאַנט געווען ווי דער קולטור־צענטער. דאָ איז געווען די ביבליאָטעק, דער לייען־זאַל, דער ארכיוו, מוזיי, סטאַטיסטישער אמט, דער ספּאָרט־פּלאַץ, די באָד, און... אויך די געטאָ־תפיסה, וואָס א טייל פון איר׳ע פענצטער ווי אויך איין טיר איז ארויס אויף דעם לידער־געסל (און דערפאַר טאַקע האָט די תפיסה געהייסן „לידסקע״). אויך איינע פון די גרעסטע און בעסטע מעלינעס וואָס די געטאָ האָט געהאַט איז געווען אויף דעם הויף (דער אריינגאַנג אין דער מעלינע איז געווען אין א פאַרמאַסקירטן אָרט פון דער באָד), חוץ דער מעלינע, וווּ די קעמפער פלעגן זיך אָפּט לערנען שיסן, איז געווען אין דער ביבליאָטעק גופא א ספּעציעל־פאַרמאַסקירט צימערל, וווּ ס׳איז אויך געווען איינער פון די געווער־אַרסענאַלן.

כדי די געשטאַפּאָ זאָל נישט האָבן קיין צוויי אריינגענג צו אונדז, האָט דער שטאַב קודם־כל באַפוילן צו פאַרבאַריקאַדירן דעם אריינגאַנגס־טויער פון נומער 6, כדי צו קאָנצענטרירן די הויפּט־כוחות אין אָנגריף קעגן דער געשטאַפּאָ, ווען זיי וועלן אָנקומען דורך דעם צווייטן אריינגאַנג פון נומער 8. אויפן בוידעם קעגנאיבער איז איינגעשטעלט געוואָרן א פולעמיאָט, וואָס זיין לופע איז ארויס פון צעעפנטן דאַך כדי מקבל פנים צו זיין די געשטאַפּאָ.

דער קאַמף־אָפּשניט איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער לעצטער און ווידערשטאַנדיקסטער. קלענערע אָנפאַל־ און פאַרטיידיקונגס־פונקטן זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דער זעלבער גאַס נומ. 12 און 15.

דער ערשטער אָנפאַל־פונקט איז געווען נומ. 12, וווּ דער קאָמאַנדיר איז געווען יחיאל שיינבאַום. דעם באַפעל ארויסצוטרעטן אין קאַמף האָט שיינבאַום געדאַרפט געבן זיינע קעמפער ערשט דאַן, ווען די דייטשן וועלן זיך אריינרייסן אויף דער סטראַשון־גאַס. נאָך דעם אָנהויב האָבן אויך די אַנדערע גרופּעס געדאַרפט אָנהויבן דעם קאַמף, אין

פאַל ווען די דייטשן וועלן דורכרייסן דעם ערשטן פאַרטיידיקונגס־רינג.

א זוניקער פרימאָרגן האָט זיך צעקוקט אויפן געטאָ, ווען די עס־טאַנישע, לעטישע, ליטווישע, אוקראַינישע סאָלדאַטן בראש פון דער דייטשער געשטאַפּאָ האָבן זיך אריינגעריסן פאַרטאָג אין די ערשטע געסלעך. די סאָלדאַטעסקע האָט זיך גלייך צעוואָרפן איבער די ערשטע הויפן און אין רינגען אריינגעכאַפּט צענדליקער יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט באוויזן צו באהאלטן. די געפאנגענע זיינען תּיכף צוגעפירט געוואָרן צום טויער און פון דאָרט זיינען זיי אין לאַסט־מאַשינעס אוועק־געפירט געוואָרן צום באַן. אָבער די צאָל יידן, וואָס די דייטשן האָבן באַשלאָסן צו נעמען דעם טאָג, איז נאָך ווייט נישט דערגרייכט געווען דורך זייער פּלוצימדיקן איבערפאַל. דאָס געטאָ איז געוואָרן ליידיק. ווי אויסגעשטאָרבן. דאָס רוב זיינען גלייך פאַרשוווּנדן אין אונטערערד און די אנדערע מיט אַלע פאַרטיזאַנישע גרופּעס זיינען געבליבן אויף זייערע פּאָזיציעס  א ו י ף  דער ערד מיט וואָפן אין די הענט. די סאָלדאַטן האָבן זיך געוואָרפן גלייך אין די שטיבער און אָנגעהויבן ברעכן ווענט, פּענצטער, בוידעמער, קעלערס. ס'האָט קיין צייט נישט געדויערט און ס'האָבן זיך באוויזן געפונענע גרופּעס יידן פון די אַנט־דעקטע מעלינעס. די שרעק אין אונטערערד איז געוואַקסן, מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָבן מיר, באוואָפנטע און נישט־באוואָפנטע, געוואַרט אויף דער ערד... געוואַרט די סאָלדאַטן זאָלן זיך דערנענטערן אויך צו אונדז.

א זייגער 1 בייטאָג איז צו אונדז דערגאַנגען א ידיעה, אז גענס האָט פאַרן פּרייז פון אָפּציען דאָס מיליטער פון געטאָ פאַרגעלייגט דער געשטאַפּאָ, אז ער מיט דער יידישער פּאָליציי וועלן צושטעלן די גע־פאָדערטע צאָל יידן — 4 טויזנט.

גיך איז דאָס מיליטער פון געטאָ ארויס, בלויז די געשטאַפּאָ־פירער בראש פון וויים און קיטעל זיינען געבליבן אכטונג געבן ווי אזוי די אקציע ווערט געפירט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן א געוואַלדיקער טעראָר מצד דער געטאָ־מאַכט. צו דער גאַנץ גרויסער צאָל פּאָליציייליט האָט נאָך גענס אָר־גאַניזירט געהילפס־פּאָליציי. אין גרופּעס האָבן זיי זיך געלאָזן איבער די געסלעך, איבער די הייף מיט באַרואיקנדיקע געשרייען:

— יידן, גייט ארויס, איר קענט שוין ארויסגיין, די דייטשן זיינען שוין נישטאָ.

— גייט ארויס, יידן, וועט זיין בעסער פאַר אייך.

און ווען עס האָבן זיך געפונען ווייניק בעלנים, האָט גענס בכבודו ועצמו אָנגעהויבן דראָען:

— יידן, גייט ארויס זאָג איך אייך. איך גיב 10 מינוט ארויסצוגיין פון די מעלינעס... גייט איר נישט ארויס, רייס איך אויף א ײ ך מיט די מעלינעס אינאיינעם.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן צעחושטע יידן פון די באהעלטענישן. די צאָל זייערע האָט נאָך אָבער אלץ נישט געגרייכט צו קיין טויזנט אפילו. ער האָט דעריבער באפוילן זיין פּאָליציי צו זוכן און אויפברעכן די מעלינעס. און ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער באפוילן אונ-טערצולייגן אויפרייס-פּעטאַרדעס אונטער יעדן אָרט, ווו ס'איז געפאלן א חשד פון א מעלינע.

ס'האָבן זיך צעהילכט איינע נאָך די אנדערע אויפרייסן און ס'האָבן אָנגעהויבן פונאנדערצופאלן הייזער. טויזנטער יידן האָבן אָבער באשלאָסן, וואָס עס זאָל נישט זיין, נ י ש ט ארויסגיין פון די באהעלטענישן. באדיי אומקומען אָבער נישט גיין פרייוויליק צום טויט. נ אָ ך טויזנטער אָבער האָבן געטראכט: אפשר, אפשר וועלן זיי, די דייטשן, טאקע דאָס מאָל אוועקפירן אויף ארבעט... — און זיינען פון די מעלינעס ארויס.

די סטראשון-גאס האָט געגנס אויסגעמיטן. ער האָט געוווּסט, אז פון ד ע ר גאס וועט קיינער וואָס וועט וואגן אהין אריין, שוין קיין לעבעדיקער נישט ארויס. ער האָט זייער גוט געוווּסט, אז דאָרטן וואַרטן די נישט-נאָכגיביקע קעמפער אויף די דייטשן. געגנס האָט דעריבער אויסגעקאָמבינירט זיין גאנצע מייסטערהאפטע כיטרעקייט, כדי אָפּצו-ווענדן די אויפמערקזאמקייט פון דער געשטאַפּאָ, נישט צו גיין אויף דער גאס.

און דאָרטן אויף דעם סטראשון-געסל...

ס'דערגייען צו אונדז טאָג און נאכט שיסערייען פון געטאָ. גע-שרייען...

דער ערשטער טאָג אוועק. דער צווייטער. מיר וואכן אָן איבער-רייס אויף אונדזערע פּאָסטנס. מיר ווייסן, אז עס האָט שוין דאָסמאָל געשלאָגן די לעצטע שעה. מיר ווייסן, אז קיין אויסוועג איז פאר אונדז נישטאָ. שטארבן מוזן מיר.

דעם חשבון האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן נישט נאָר די פפ"אָ-קעמפער. ס'האָבן זיך געמאָלדן צו אונדז צענדליקער יידן, — יוגנט און דער-וואקסענע, מענער און פרויען. זיי האָבן דערפילט, אז עס האָט געשלאָגן די לעצטע שעה. אז איצט איז שוין קיין אנדער אויסוועג ווי שטארבן נישטאָ. טאָ זאָל קומען דער טויט צוזאמען מיט די, וועלכע וועלן זיך קעגן אים ראנגלען. זיי, די פשוטע יידן, האָבן מיטגעבראכט מיט זיך פארשיידענע מינים געווער, פון א רעוואָלווער ביז א האק, מיט דרך

אַרץ האָבן זיי געקוקט אויף אונדז, מיט ציטער האָבן אונדזערע בליקן זיי צעטומלט.

עס שטייט נעבן מיר די לערערין חנה פישטשאַטשאַר־מאַן מיט איר אַכט־יעריקער אסתרל.

— נו, מאמע — זאָגט דאָס בלאַסע מיידעלע — נו, מאמע שוין...

— ניין, טאָכטערשי — חנה קוקט אויפן זייגער — אויב אין 30 מינוט אַרום וועלן זיי נישט קומען אַהער, וועלן מיר נאָך לעבן ביז מאָרגן אינדערפרי.

— כ'בין שוין פארמאַטערט, מאמע...

— באַלד, באַלד, קינד מיינס...

## ווי זעען אוים קעמפער אין אָנבליק פון טויט?

א טייל קעמפער שטייען אויף זייערע ערטער נישט באוועגנדיק זיך. אנדערע שטייען בלאסע, פארטראכטע און צערטלען דאָס געווער, ווי זיי וואָלטן ארומנעמען איצט זייערע יונגע יאָרן, געזעגנענדיק זיך מיט זיי.

צום געווער אין איין האנט, האלט די אנדערע א בוך וואָס ליגט דאָ אין די צענדליקער טויזנטער. דאָס בוך פירט זיי אוועק אין אנדערע וועלטן, פאראינטריגירט. די מינוטן גייען פאר די קעמפער פארביי הינטער זייערע פּלייצעס.

זיי זיינען מאָדנע רואיק.

נישט צו באגרייפן איז די האלטונג פון באטאליאָן-קאָמאנדיר ליאָווע זיסקאָוויטש. לויט זיין האלטונג קומט אוים, אז ער געפינט זיך ערגעץ אויף מיליטער-מאנעווערס, אז באלד-באלד, די מאנעווערס וועלן זיך ענדיקן, ער וועט זיך ארומוואשן און אהיימפאָרן.

— נו, חברה, ווי האלט עס? — טוט ער פרייליך א פאל אריין צו אונדז.

וואָס זאָגט מען אים? זיינע רייד טראָגן אונדז צוריק אריבער אויף דער וועלט. ס'איז גוט מיט אים צו זיין. ווען כ'וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט איך אים געזאָגט: ליאָווקע, בלייב מיט אונדז אָדער נעם מיך אויף דעם אָרט, ווו דיר וועט אויסקומען צו קעמפן. איך פאר-שעם זיך אָבער פון מיינע נישט-פיינע געדאנקען. ליאָוועס הייטערע שטימונג צעוואָרעמט אין אונדז די בלוטן. מיר זיינען נייגעריק צו הערן ווי האלט עס? ער שטעלט זיך אוועק אויף מיין אָרט. גיט א קוק דורכן פענצטער און ווערט נאָך לעבעדיקער:

— דו האָסט דאָך אן אויסגעצייכנטן ווינקל, שמערקע, — רופט ער אוים און נעמט מיין רעוואָלווער אויפן צילער, — קוק, ווי נאָר די דייטשן באוויזן זיך אין טויער, הויבן מיר נישט אָן גלייך אין זיי שיסן. זאָלן זיי אריינגיין טיפער, זאָלן זיי ביים וועלן אנטלויפן ארומ-גערינגלט ווערן פון אונדזערע קוילן. און דאן ווען עס וועט פאלן דער

באַפעל „פייער", דאַן ברודערקע שיסטו. איי, האָסטו דאָ אַן אויסגע-צייכנט ערטל, דיך זעט קיינער נישט — און דו זעסט אַלעמען און אַלע קענען פאַלן פון דיינע קוילן, ווען דו וועסט נאָר טרעפן... הלוואי האָב איך אַזאַ ערטל...

מיר לאַכן זיך פונאַנדער. ס'ווערט עפּעס הימלעך גוט. די קליינע אסתרל שפּרינגט אַזש אַרויף אויף זיסקאָוויטשן מיט אַ קוויטש.

— קאָמאַנדיר — רופט זי אויס — ווו זאָל איך שטיין?

און איידער ליאָווע באַווייזט איר צו ענטפערן, דערהערן זיך עט-לעכע סאַלוועס שאָסן. אַ סעקונדע, צוויי, שטיל און ווידער עטלעכע סאַלוועס שאָסן.

— מסתמא זיינען זיי שוין דאָ, די סוואָלאָטשעס, — לאָזט זיך האַסטיק זיסקאָוויטש צום טיר, און אויף די טרעפּ פאַרענדיקט ער — חברה, מיר וועלן זיי באַווייזן פּאַטשאָם פונט ליכא (וואָס עס קאָסט אַ פונט גאַרנישט...).

אונדזער אָפּטייל-קאָמאַנדיר יאַשקע ראַף קומט אַריין.

— חברה, סטראַשון-גאַס 12 האָט אָנגעהויבן... זייט גרייט!

מיר זיינען גרייט. ווידער ציען זיך מאַומדיקע סעקונדעס. „פּער ציק טעג פון מוזאַ דאַג", וואָס כ'האָב געלייענט היינט פאַר די קעמפער פון מיין גרופּע, וועט בלייבן נישט פאַרענדיקט... אַזוי ווי נישט פאַר-ענדיקט ס'וועלן בלייבן אונדזערע יאָרן. שווינדלען זיי איצט פאַרביי, די פאַרגאַנגענע יאָרן, לעצטע חדשים, טעג, חלומות... אַלץ פאַרפאַלן. אַלץ פאַרפאַלן.

צי וועט בלייבן כאָטש איין עדות, וואָס זאָל דער וועלט דערציילן וועגן אונדזער לעבן, צי וועלן אונדזערע באַגראָבענע אוצרות אָפּגעהיט ווערן? ווער וועט עס געפינען? צי וועט עס אַריינפאַלן אין ריכטיקע הענט?... וועט אונדז ווער דערמאָנען?

— נו, מאַמע, שוין? — הער איך אסתרלס קינדיש קול.

— יאָ, קינד מיינס, שוין. האַלט זיך, קינד מיינס, האַלט זיך, אסתרל.

כ'ווייס נישט, צי עס קיילערן זיך טרערן פון דער מאַמען. איך שפּיר אָבער, אַז באַלד, באַלד פּלאַצט פון מיר אַרויס אַ טרערן-ווולקאַן. כ'פאַרשטעל די אויערן מער נישט צו הערן דעם לעצטן שמועס פאַרן טויט פון מאַמע און קינד.

דער שמועס דרינגט מיך אָבער דורך אין די טיפסטע אינגעווייידן:

— נו, מאַמע, שוין? — בויערט עס ווייטער.

— יאָ, קינד מיינס, שוין...

— זאָל זי אויפהערן אזוי צו רעדן! — פּלאַצט ארויס מיטאמאָל אין יאָמער מיליקאָוסקי — איך ווער משוגע!... נעמט צו דאָס קינד פון דאנען, אָ, איך ווער...

פּלוצלינג טוט א ציטער דאָס הויז, וווּ מיר געפינען זיך. א באָמבען־קנאַל. אַן אויפרייס.

— שוין?

— שוין, קינדס מיינס... שוין —

מיר זיינען גרייט.

און ווידער גיט אונדז א הויב־אויף פון אָרט א צווייטער אויפרייס. ס'קומט־אָן ליאָווע... ליאָווע אונדזער רעטער פון לעבן און פון טויט.

— זיי האָבן אויפגעריסן מיט דינאמיט סטראשון־גאס 12 — רופט ער אויס — די חברה האָבן גוט געקעמפט. אָבער מ י ר טאָרן בשום אופן נישט דערלאָזן, די דייטשן זאָלן דאָ אונטערלייגן דינאמיט. יעדער פּרווו אזא דארף ליקווידירט ווערן, אויסהאלטן חברה, אויסהאלטן... מיר וועלן זיי ווייזן די סוואָלאָטשעס!

סטראשון גאס 12. געדאנקען רוען נישט איין; איז דער טייערער שיינבוים שוין אויך נישטאָ? און וואָס איז מיט רוזשקען? מיט אי־צעלען? מיט נאפּאָלעאָנען? אויך נישטאָ?... נישטאָ... אזוי ווי מיר וואָס וועלן באלד אויך שוין נישט זיין.

פאַרביי פענצטער שווימט דורך דער אבשלום־קאָפּ פון אבא קאָוו־נער, דער קאָמאנדאנט פון דער פּארטיזאנער־אָרגאניזאציע, דער באַ־פעלער און דער אָנפירער פון ווידערשטאנד, פון לעצטן קאמף אונדזערן. בלאס איז ער. צעשויבערט, די אויגן־רעמלעך רויט. אָ, וויפל נעכט איז ער שוין נישט געשלאָפן?

— אָט איז יאנקל קאפּלאן, כוואָיניק... וועלן מיר מער זיך שוין נישט זען... קיינמאָל... קיינ...

— נו, מאמע... — דאָס קינד לאָזט נישט איינרוען.

די מאמע ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. זיי קומען נישט. זיי האָבן דאָך שוין געדארפט קומען. מיר האָבן דאָך שוין באדארפט ארויסטרעטן אין קאמף. וויפל דארף עס דויערן צוצוגיין די צוויי הייף פון 12 ביז נומער 8?

וואָס טוט זיך דאָ? כ'קען נישט פארשטיין, און אפשר ציען זיך די סעקונדעס און די מינוטן? אפשר קומט עס אונדז נאָר אזוי אויס, אז עס איז געקומען די צייט, ווען זיי האָבן שוין געדארפט קומען. אפשר גייען זיי שוין, זיינען שוין נאָענט ביים טויער...

נייז, קיינער זעט זיך נישט... וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז געשען? ווידער איז ליאָווע דאָ.

— משיח...

— סוואָלאָטשעס — איז ער מלא חמה — האָבן אויפגעריסן דאָס הויז און אָפּגעטראָטן פון געטאָ.

— און אפשר, חברה, איז אונדז באַשערט צו...

ווי ביי טויט־פאַרמשפּטע, וועלכע מ'האָט אָפּגעלייגט דאָס אויספירן דעם אורטייל אויף א וואָך שפּעטער, האָט אָנגעהויבן אריינזינגען אין אונדז די האָפענונג:

זאָג נישט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

חנה האָט גענומען איר אסתרלען אויף דער האַנט און זי באַקייקלט מיט טרערן־פּערל.

כ'בין געשטאַנען ביים פענצטער און א פאַרשטאַרטער זיך צוגעקוקט אין די פּאָליצעס ביכער, ווי געזוכט אין זיי דעם באַדייט פון דעם גרויסן רעטעניש, וואָס איז פאַר אונדז איצט געשען.

# דער גרויסער נסיון

אויף מאָרגן איז שוין געשטאַפּאָ אין געטאָ נישט געקומען. די אקציע פון ארויסשיקן יידן פון געטאָ איז איבערגעריסן געוואָרן. יידן האָבן עס פארשיידן אויסגעטייטשט. איין טייל האָט געהאלטן, אז די צאָל יידן, וואָס די דייטשן האָבן געפאָדערט, איז דערגרייכט געוואָרן און דעריבער האָבן זיי נישט געהאט נאָך וואָס צו קומען ווידער אין געטאָ. א צווייטער טייל יידן איז געווען זיכער, אז די געשטאַפּאָ, אָנטרעפנדיק אויפן ערשטן ווידערשטאנד, איז געווען איבערצייגט, אז מיט דעם וועט זיך דאָס נישט ענדיקן און האָבן קודם-כל געוואָלט זיך אליין מציל זיין און ערשט דאן צוגרייטן ווי געהעריק די ענדגילטיקע ליקווידאציע פון געטאָ. די לעצטע מיינונג איז געווען די ריכטיקסטע. דאָס האָבן אויך באוויזן די נאָענטע טעג, ווען דאָס ווילנער געטאָ האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

דערווייל האָט זיך די געשטאַפּאָ אין געטאָ נישט באוויזן.

פון סטראשון גאס 12 איז געבליבן א בארג מיט ברוך. אין דעם ווידערשטאנדס-פונקט איז געפאלן מיט א העלדישן טויט דער קאָמאנדיר פון 3טן אָפּטייל יחיאל שיינבוים, די קעמפער חיים נאפּאָלעאָן, גורוויטש און אנדערע. דער אויפגעריסענער בנין האָט אויך באגראָבן אונטער זיך צענדליקער יידן, וועלכע זיינען אין דעם הויף געווען באַהאלטן אין מעלינעס אָדער געשטאנען אין קאמף צוזאמען מיט די קעמפער.

אָנגעהויבן האָט זיך די שלאכט אזייגער פינף פארנאכט.

ווען מען איז שוין זיכער געווען, אז די דייטשן וועלן איבעררייסן זייער ארבעט, האָבן מיטאמאָל פארטיזאנישע אויספירער אָנגעזאָגט שיינבוימען, אז די דייטשן דערנענטערן זיך צו זיי. דער קאָמאנדיר האָט ארויסגעגעבן א באפעל די קעמפער צו זיין גרייט. און ווירקלעך האָט זיך דורך דעם שאוולער געסל געלאָזט א גרופּע דייטשן מיט דעם געשטאַפּאָ-אָפיציר מארטין וויים בראש צו דער סטראשון-גאס. די באַוואָפנטע קעמפער זיינען געשטאנען אין די פענצטער פון צווייטן שטאָק

און האָבן אָפּגעוואַרט די דייטשן. ס׳האָט נישט געדויערט קיין 5 מינוט און ס׳האָט זיך באַוויזן אויפן ראָג גאַס ווייס מיט זיינע מיטהעלפער. אָנשטאָט זיי אַריינצולאָזן טיפער אין גאַס און נאָכדעם געבן דעם „פייער"-באַפעל, איז געקומען דער באַפעל „פייער". ווען די דייטשן האָבן זיך באַוויזן פאַר די פענצטער פון די קעמפער. ווען די קעמפער האָבן געגעבן די ערשטע סאַלווע, האָבן זיך די דייטשן אויף דער ערד צעלייגט און זיך צוריקגעצויגן. שיינבוים האָט זיך אָבער אַרויסגערוקט פון פענצטער און נאָכגעיאָגט זיינע קוילן אין די ליגנדיקע דייטשן. ווייס האָט זיך פאַרזיכטיק גענומען פאַר זיין רעוואָלווער און אויסשיסנדיק עטלעכע מאָל אין פענצטער — געטראָפן שיינבוימען. ווערנדיק באַשיצט פון די מויערן, האָט ווייס פאַראָרדנט דעם ליטווישן פּיראָטעכניק סאָקאָלאָווסקי, ער זאָל אונטערלייגן אונטערן הויז, וווּ עס געפינען זיך די קעמפער, דינאַמיט. סאָקאָלאָווסקי, וואָס איז שוין פון פריער באַקאַנט געווען ווי א גענייטער פּאַכמאַן אין אויפרייסן הייזער, האָט אומבאַמערקט פאַר די קעמפער, אַריינגעפּויזשעט מיט דעם קעסטל דינאַמיט אין טויער אַריין, אונטערגעצונדן דעם קנויט און זיך גיך צוריק אַרויסבאַקומען. אין א פּאָר מינוט אַרום איז געקומען דער גרויסער אויפרייס. עטלעכע פּאַרטיזאַנער האָבן באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען דורך די פענצטער פון אַנדערן זייט הויף, די איבעריקע זיינען אומגעקומען.

עס האָבן זיך ווידער באַוויזן אין געטאָ יידן.

דער קריגס-צושטאַנד פון די פּאַרטיזאַנער איז אָבער נישט אָפּגערופן געוואָרן. קיינער פון אונדז איז נישט אָפּגעלאָזן געוואָרן צו זיך אין שטוב א קוק טון, וואָס עס טוט זיך מיט די נאָענטע. ווער איז געכאַפּט געוואָרן, ווער איז געבליבן.

דער שטאַב האַלט אָפּ כסדר באַראַטונגען ווי אַזוי צו פאַרמירן דעם ווייטערדיקן קאַמף. שאַצט אָפּ די באַגאַנגענע פעלערן און גיט אַרויס נייע פאַראָרדענונגען.

און איך לייען אַלץ פאַר די קעמפער פון אונדזער אָפּטייל „40 טעג פון מוזא דאַג" און מיר קענען זיך נישט אָפּוווּנדערן ווי ענלעך ס׳איז אַלעמענס גורל, דער גורל פון די העלדן פון גרויסן ראָמאַן און אונדזער גורל. יעדער קעמפער געפינט נייע אַנאַלאָגיעס. מען איז אַזוי פאַרכאַפּט און געשפּאַנט פון דער דערציילונג, אַז מיר באַמערקן אפילו נישט, וואָס פאַר א נייעס עס האָט זיך פאַר אונדז, קעמפער, געשאַפן אין משך פון א האַלבן טאָג.

און אַט וואָס פאַר א נייעס:

אין געטאָ האָט זיך אריינבאקומען פון די נאַראַטשער וועלדער א צווייטע גרופּע יידישע פּארטיזאַנער. דער קינסטלער שורקע קאַצענבויגן, וואָס איז פון געטאָ אוועק מיט עטלעכע חדשים צוריק. דער סוועַנציאַנער משה יודקע רודניצקי און דער קאָבילניקער אַשרקע גילמאַן. די דריי פּאַרטיזאַנער זיינען גלייך אוועק אין שטאַב, ווו עס איז מיט זיי אָפּגעהאַלטן געוואָרן א באַראַטונג.

פאַרוואונדערט בין איך געוואָרן, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג אָן עפן געטון די טיר און יאַנקל קאַפּלאַן רופט מיך אַרויס.

— אויף דיין גורל, שמערקע, איז אויסגעפאַלן צו גיין אין שטאָט — רופט זיך אָן יאַנקל — מיר האָבן פאַרלוירן אַלע קאָנטאַקטן מיט דער שטאָט און דו דאַרפסט דורך יאַנקאָווסקין אונדז פאַרבינדן. אויסער דעם, דאַרפסטו זיך נאָכפרעגן ביי יאַנקאָווסקין, צי וואָלט ער נישט געקענט ערגעץ קריגן פאַר אונדז א לאַסט-אויטאָ, כדי אַריבערצוטראַנספּאָרטירן אין די אָוונטן עטלעכע גרופּעס פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

— ווידער הייסט עס איז אַקטועל די פראַגע וועגן גיין אין וואַלד? — פרעג איך.

— אויב דער שטאָט-קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזאַציע וועט דערלאָזן. דאָס דאַרפסטו ברענגען די בשורה. געדענק — זאָגט יאַנקל — פון דיר איז אַלץ אָפּהענגיק. באַוויַיז אַלעמען, אַז דו ביסט א געזעלשאַפטלעכער מענטש.

וואָס יאַנקל מיינט מיט די ווערטער, פאַרשטיי איך אויסגעצייכנט: עס הייסט, אויב עס זאָל זיך מיר איינגעבן אַרויסגיין אין שטאָט און זיך דערשלאָגן צו יאַנקאָווסקין, זאָל איך ביישטיין דעם גרויסן נסיון, אויב ער וועט מיר פאָרלייגן זיך אויסצובאַהאַלטן ביי אים אין שטוב.

איך האָב זיך גיך איבערגעטאָן אין אַנדערע בגדים, אָן לאַטעס, פאַררוקט דאָס היטל אויפן קאָפּ, אַרויסגעלאָזן פון אונטערן היטל א פּאָר פּאַסמעס האָר, מעשה בגלופנדיקער, און דורך דער הינטער-טיר פון דער יידישער „פּאַרקויף-שטעלע", וואָס איר הויפּט-אַריינגאַנג איז אַרויס אויסערן געטאָ, האָט מיך דער פּאַרטיזאַן, דער פּאָליציי-קאָמיסאַר נחמן רינג, דורכגעלאָזן אויפן גאַס. פריער גוט אויסשפּירנדיק, צי קיינער פון די שטאָטישע פאַרבייגייער באַמערקט גאָרנישט.

מער ווי א יאָר (ביז זומער 1942) בין איך אַרומגעגאַנגען איבערן שטאָט און שפּעטער איבער ליטווישע און ווייס-רוסישע וועגן ווי א שטומער פויער. אויף די פאַלשע דאָקומענטן, וואָס מיינע פּוילישע פריינט מאַריאַ וואָלסקאַ און וויקטאָריאַ גזשמילעווסקאַ האָבן מיר געגעבן,

האָבן ווענן מיין „מום“ אָנגעגעבן אין די פּערסאָנאַליען. (איך האָב געמוזט שפּילן די ראָל פון א שטומען, ווייל מיין אַקצענט פון דער פּוילישער שפּראַך איז נישט געווען קיין עכטער). איך האָב זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו גיין דורך צענדליקער געפאַרן און זיי אויסמיידן. נישט איינמאָל האָבן מיך געהאַט אָפּגעשטעלט פאַרדעכטיקע פאַרשוינען און אפילו פּאָליציאַנטן און געהיים-אַגענטן, ס׳האָט אפילו געטראָפן א פּאָר מאָל, אַז איך האָב פאַרגעסן, אַז איך בין א שטומער און אָנגעהויבן ריידן. אלעמאָל אָבער האָט מיך מיין קאַלטבלוטיקייט, די געוואַגטקייט, דאָס נישט פאַרלירן זיך אין די סאַמע שווערסטע סיטואַציעס, ארויסגעפירט פון אלע געפאַרן. עס איז געווען שווער דער וועג, איידער איך האָב געמאַכט דעם ערשטן טראָט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט: ווער ווייסט, צי ביים ערשטן טראָט וועל איך נישט אריינפאַלן. ווער ווייסט, צי איך וועל דורכגיין? אָבער די ספקות זיינען מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן, ווי איך האָב נאָר געגעבן דעם ערשטן טראָט. דאַן פלעג איך ווי פאַרגעסן, אַז איך בין גאָר א ייד. אין די סאַמע געפערלעכסטע ערטער, ווו גאַסן זיינען פאַרפולט געוואָרן מיט פּאָליציי, מיט געשטאַפּאָ, פלעג איך גראָד די וועגן נישט אויסמיידן. כ׳פלעג, ווי נישט מיך מיינט מען דאָס, גאַנץ קאַלטלעך זיך גיין האַרט פאַרביי די פּאָליציאַנטן און אַגענטן, לייענענדיק א צייטונג אָדער קייענדיק קערלעך און זייערע יאָדרעס ספּעציעל, מעשה לאַבוז, וואַרפן אָדער כראַקען אויף דער ערד. עס פלעגט מיר אויסקומען אמאָל, אַז מען שפּירט מיר נאָך, בין איך פאַר די אויגן פון מיינע נאָכשפּירער אריין אין דער ערשטער בעסטער קאַפע, זיך אוועקגעזעצט ברייטלעך גראָד צווישן די עלעגאַנט-געקליידעטע דייטשע אָפיצירן און באַשטעלט אויף שטום-לשון קאַווע אָדער ביר. איין זאַך, וואָס איך פלעג אויסמיידן איז געווען, קוקן א פרעמדן אין די אויגן. פאַר מיינע אויגן האָב איך מורא געהאַט, כאָטש מען האָט מיר געזאָגט, אַז אויך אויף די אויגן האָב איך זיך נישט וואָס צו „באַקלאָגן“. זיי זענען אוים ווי ארישע. מיר איז אָבער אויסגעקומען אַז איך קוק אנדערש, אַז איך זע אנדערש און אַז אָט די אנדערשקייט קענען פרעמדע גלייך באַמערקן.

אָבער דער עיקר איז געווען מיין דעוויז — קאַלטבלוטיקייט. נישט פאַרלירן זיך. עס איז שווער געווען די דאָזיקע מלאכה. כ׳דערמאָן זיך, אַז איינמאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביים געטאָ-טויער, ווען מען האָט אריבערגעפירט די זאַכן פון דער ליקווידירטער צווייטער געטאָ. ס׳איז געשטאַנען א המון פּאָליאַקן און ליטווינער און זיך צוגעקוקט. איך מיט זיי. מיטאמאָל איז אראָפּגעפאַלן א פּעקל זאַכן פון א וועגעלע.

— העי! — האָט ביי מיר ארויסגעפלאצט א געשריי צום ייד. דער ייד האָט זיך אומגעקערט און אלע בליקן פון המון זיינען מיטאמאָל געפאלן פארדעכטיק אויף מיר. איך האָב זיך אומבאמערקט אָפּגע־טראָגן און אפשר אויסגעמיטן דערמיט גאָר ערנסטע קאָנסעקווענצן.

גייענדיק אזוי איינמאָל דורך סטעפען־גאס, דערהער איך מיטאמאָל א געשריי.

— שמערקע, וואָס מאכסטו?

איך טו א קוק און דערזע א באקאנטן חבר מיינעם, ישראל בורגין. איך גיי צו אים צו, מאך זיך נישט דערקענענדיק און רוף אויס אין כעס, אויף פויליש:

— צאָ פאן כציאל? (וואָס האָט דער הער געוואָלט?) בורגין האָט פארשטאנען וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און האָט זיך גיך געכאפּט:

— אָך, פּשעפּראשאם, פּשעפּראשאם, טאָ אָמילקא! (אָך, אנטשול־דיק, אנטשולדיקט, ס'איז א טעות!).

דער וועג פון געטאָ אויף סלאָוואצקי גאס 19, ווו עס האָט געוווינט יאנקאָווסקי, אנטקעגן דער קאווקאזער מיל, האָט געדויערט ביי מיר נישט לאנג.

כ'האָב דורכגעשניטן דאָס שטיקל רודניצקער גאס און דורך קליין סטעפען־גאס בין איך אראָפּ אויף קיעווסקע און גלייך נאָך משמרת־חולים האָב איך זיך אריינגעדרייט צו יאנקאָווסקין אויף די טרעפּ.

ער האָט זיך צעקושט מיט מיר און זיך געפרייט.

— געמיינט, אז דו ביסט שוין נישטאָ. מאַלאַדיעץ, — האָט ער אויסגערופן — כ'האלט פון דיר.

— אלזאָ! — כ'האָב אים איבערגעגעבן די אויפגאבע, מיט וואָס איך בין געקומען צו אים.

— קיין סך ווארטן אויף קיין ענטפער דארפסטו נישט — רופט ער זיך צום סוף אָן — דאָ נישט ווייט וווינט איינער פון די מיטגלידער פון שטאָט־קאָמיטעט. רו זיך אָפּ. נעם, ביים וואָס צו און איך וועל דער־ווייל אראָפּגיין איבערגעבן דעם גאנצן ענין. ער האָט אוועקגעשטעלט ברויט, פּוטער און א לאדעש מילך. ס'איז מיר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.

—עס וויפל דו ווילסט. און אז איך וועל באלד צוריקקומען, וועלן מיר ריידן ווי אזוי דו זאָלסט קענען בלייבן ביי מיר. א קעלער איז דאָ פאראן א גוטער. עסן וועט דיר נישט פעלן. און וואָס ס'וועט זיין מיט מיר, דאָס וועט זיין מיט דיר...

— נישט וועגן דעם בין איך געקומען, יוליאן, — האק איך איבער.

— יאָ, איך ווייס, אָבער טראַכט איבער וועגן דעם. — און ער איז אוועק.

כ'האָב נישט געוואָלט אפילו דערלאָזן צום געדאַנק יאַנקאָווסקיס פּאַרשלאַג. אָבער דאָך האָט עס געבויערט און נישט געלאָזן צורו.

וואָס וואָלטן זיך יידן נישט געלאָזט קאָסטן, ווען זיי האָבן אַזאַ געלעגנהייט זיך אויסצובאַהאַלטן, געראַטעוועט צו ווערן. מיר איז געווען פרעמד דאָס געפיל, וואָס האָט געבויערט, און איך האָב זיך נישט געהאַט מיט וואָס צו שעמען אויך פאַר זיך. ווען עס האָט זיך מיר דערמאָנט יאַנקל קאַפּלאַנס ווערטער: „באַוויַיז, אַז דו ביסט אַ געזעל-שאַפטלעכער מענטש".

יאַנקאָווסקי האָט זיך לאַנג געזאַמט. איך האָב זיך אָנגעהויבן באַאומרואיקן. אַלץ קאָן טרעפן, האָב איך געטראַכט, און יאַנקאָווסקי קאָן נאָך אַמאָל ארויפפאַלן אויף געשטאַפּאָ. איך האָב זיך אויך באַ-אומרואיקט, וואָס אין געטאָ וואַרטן זיי מיט אומגעדולד אויף מיר און זיינען געווים אויך אומרואיק מיט מיין גורל.

ענדלעך איז יאַנקאָווסקי אַ פאַרשוויצטער געקומען.

— דער שטאָט-קאָמיטעט האַלט נישט פאַר צוועקמעסיק — רופט ער אויס אַ דערשלאָגענער — מיט דער הילף פון מאַשינען זיך לאָזן אין וואַלד. ס'קען קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. וואָס שייך דער עוואַקואַציע פון די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד, קען דער פּאַרשלאַג אָנגענומען ווערן, אויב עס זאָל גוט צוגעגרייט ווערן. נו, און וואָס זאָגסטו וועגן מיין פּאַרשלאַג?

— ניין, ניין. — דערלאָז איך נישט יאַנקאָווסקין וויַיטער רעדן. — פרעג גאָר וויַיטער נישט, רייד מיך נישט אָן צו קיין זינד.

— יאָ, יאָ, אַזאַ ראַטעווען זיך, אָן דער דערלויבעניש פון שטאַב, איז זיכער אַ זינד, אַ גוטן, אַ גוטן, זייַ געזונט.

כ'בין אַ גליקלעכער די טעפּ אַראָפּגעשפּרונגען און זיך געלאָזט צום געטאָ. אַ גליקלעכער, וואָס עס האָט זיך מיר איינגעגעבן דורכצו-פירן די אויפגאַבן און אַ גליקלעכער, וואָס איך בין בייגעשטאַנען דעם גרויסן נסיון.

# הירשקע גליק

פון די, וועלכע זיינען פארכאפט געוואָרן פון דער געשטאַפּאָ, האָב איך דערמאָנט אויך דעם נאָמען הירשקע גליק.

ער גייט מיר נישט ארוים פון זכרון.

מיט עטלעכע טעג פריער האָב איך נאָך געהאט מיט אים א שמועס וועגן זיינע לידער.

ווי מאָדנע דאָס איז ביי אונדז אין געטאָ. דוכט זיך, אז יעדערער וויים, אז אויך זיין סוף דערנענטערט זיך און דאָך רעדט יעדערער פון אונדז מיט באַדויערונג וועגן די צוגענומענע, וועגן די אומגעקומענע. אָפּט מאכן מיר דאָך אפילו נאָך זיי אזכרה־אקטן. אָט זיינען אפילו נישט לאַנג פאַרגעקומען טרויער־אקאדעמיעס נאָך דעם ד״ר צמח שאבאד (גע־שטאָרבן פאר דער מלחמה), נאָך ד״ר קאָווארסקי (געשטאָרבן אין די ערשטע טעג ווי די נאצים האָבן אָקופּירט די שטאָט), נאָך די לערערס גערשטיין און פלודערמאכער. מען האָט געהאלטן טרויער־רעדעס, מען האָט דערציילט זכרונות.

איך בין נישט לאַנג אריין אין א בית מדרש און א שרעק האָט מיך ארומגענומען, ווען דער גאנצער עולם האָט זיך צום סוף אוועקגעשטעלט אויסזאָגן קדיש.

האָט מיר א מחשבה אָנגעהויבן בויערן: זיי, די אומגעקומענע זיי־נען דאָך גליקלעכע, זיי האָבן דאָך, ווער עס זאָל נאָך זיי כאָטש דער־וויל קדיש זאָגן... ווער וועט קדיש זאָגן נאָך אונדז? ווער וועט אונדז דערמאָנען?

אָבער דאָס לעבן גייט זיך ווייטער. מאָנט דאָס זייניקע...

הירשקע, הירשקע גליק.

באוויזן צו מיר האָט זיך דער 15־יעריקער הירשקע דאָס ערשטע מאָל נאָך אן אָוונט פון „יונג ווילנע” אין א ווילנער זאַל.

— איך שרייב אויך — האָט ער שטיל אויסגעשעפּטשעט — און צו מיר זיינען דאָ נ אָ ך וואָס שרייבן, א גאנצע גרופּע.

— א גאנצע גרופּע, — בין איך שוין טשיקאווע, — ווער זייט איר?

אין א פּאָר טעג ארום זיינען זיי צו מיר געקומען: הירשקע גליק, שבע פייגענבערג, משה גורין און ראבינאָוויטש. קינדער נאָך. אָרעמ־קייט האָט זיי פון שטוב ארויסגעטריבן און צו זוכן פּרנסה געצוואונגען. די יינגלעך קענען זיך איינע די אנדערע שוין פון לאנג. זיי וווינען איצט אויף איין גאס, אויף קליין שניפּישאָק, אויך צוזאמען אין איין שול גע־גאנגען, אין דער „בית־יהודה". ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אז שבע פייגענבערג שרייבט אויך, האָבן זיי זי אויך איינגעלאדן צו זיך אין קרייז, וווּ זיי לייענען איינע פאר די אנדערע זייערע שאפונגען.

ווילן זיי איצט הערן, וואָס איך זאָג צו דעם.

האָט יעדער געלייענט זיינע שאפונגען און איך האָב מיט וואקסנ־דיקן פארגעניגן זיך צוגעהערט און אין וווּנדער געטראכט:

— קינדער — און אזעלכע פּעאיקע. ווען עס זאָל זיין ווער עס זאָל זיך פארנעמען מיט זיי, וואָלט מען פון זיי פיל נחת דערלעבט.

מיינע ווארעמסטע ווערטער און צוזאָגן האָב איך זיי געגעבן און מיט וואָס נאָר איך האָב געקענט, האָב איך זיי געהאָלפן.

שפּעטער־צו האָט זיך צו דער יוגנט־גרופּע דערנענטערט דער יונג־ווילנעאנער לייזער וואָלף, ער האָט געוווינט אויף דער זעלביקער גאס, וואָס זיי. צוזאמען האָבן זיי ארויסגעגעבן עטלעכע נומערן פון א זשור־נאל „יונגוואלד". אונטער דעם נאָמען האָט זיך די גרופּע דערנאָך באַ־קאנט געמאכט אין שטאָט.

הירשקע האָט געארבעט צוערשט אין א פּאפּיר־געשעפט, ביי יוסף שוב, אויף קליין־סטעפאן גאס. קריגנדיק א בעסער באצאָלטע שטעלע, איז ער אריבער ארבעטן אין אן אייזן־געשעפט, ביי בעניא קאָנסקין, אויף דער זאוואלנער גאס. אין די געשעפטן האָט מען נישט געוווּסט פון קיין באשטימטע ארבעטס־שעהן און אָפט פלעג איך אים זען שפּעט ביינאכט גיין אהיים פון דער ארבעט אן אויסגעמאטערטן. ער האָט אפילו אויפגעהערט קומען אין דער יוגנט־אָרגאניזאציע, וווּ ער פלעגט פריער די פרייע צייט פארברענגען.

הירשקע איז אין דער גרופּע געווען דער „ארי שבחבורה" — כאָטש צווישן אָט די יונגע איז ער נאָך אלץ געווען דער יינגסטער.

איך געדענק אים אין קורצע הייזלעך, פארשנורעוועטע קאמאשן אויף די פיס. אין די בלויע אויגן רייסט זיך זוניקע ליכטיקייט, קורץ געשוירענע האָר. לויט זיין אויסזען האָט ער זיך אויך נישט געביטן אין געטאָ.

דאָ איז ער לאנג נישט געווען. ער ווערט איבערגעשיקט הינטער

ווילנע, אין ארבעטס-לאַגער ווייסע וואַקע, ווו ער דאַרף צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר הונדערט יידן גראָבן טאָרף.

די זייער שלעכטע לעבנס- און ארבעט-באַדינגונגען האָבן אין אים נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם ווילן צו באַשרייבן אין אַ קינסטלערישער פאָרם דאָס איבערגעלעבטע.

אין די שפּעטע אָוונטן, נאָך דער ארבעט, אין דער פינצטערער שאָפּע, ווו די יידן שלאָפן אויף האַרטע נאַרעס, אונטער אַ צעלעכערטן דאַך, רוט ער נישט איין, — ער שרייבט.

די ליטעראַטן-פאַראייניקונג אין געטאָ, וועלכע אָרגאַניזירט קאָנ-קורסן אויף ליטעראַרישע שאַפונגען, פּרעמירט גליקן צוויי מאָל פאַר זיינע ווערק.

פון צייט צו צייט קומט ער אין געטאָ. דאָס איינציקע אָרט זיינס איז דאַן אין יוגנט-קלוב, ווו ער לייענט פאַר די יונגע צוהערערס זיינע ווערק און האָט גרויס דערפאָלג.

אין אָנהויב 1943 ווערט דער ארבעטס-לאַגער ליקווידירט. די יידן ווערן איבערגעשיקט אין געטאָ. עס קומען אָן זייער שווערע טעג. און אָט אין די טעג שאַפט גליק זיין ליד.

וואָס פאַר אַ צייט איז דעמאָלט געווען?

5טער אפריל 1943.

אויף די אונטערשטע שטאָקן און אין די געסלעך פלעגט די זון זעלטן אַ קוק טאָן. די בלאַסע פּאַסן איבערן געטאָ האָבן צעגליט בענק-שאַפט נאָך אַביסל גרינס, זון, לופט און וואַסער.

שטייענדיק אַזוי ארומגענומען מיט דער גרויסער בענקשאַפט, נישט ווייט פון געטאָ-טויער, זע איך, ווי עס שלייכט זיך אריין אַ פאַרבלו-טיקטער יונגער בחור פון גאַס און פאַרשווינדט גיך אין אַ טויער. מיר האָבן אראָפּגעריסן פון אים די קליידער, ארומגעוואַשן דאָס בלוט, פאַר-בונדן דעם פאַרוווּנדעטן אַקסל.

— איך קום פון פּאָנאַר, — האָט ער אויסגעצישעט, פאַרשטייענ-דיק, אַז מיר ווילן אים איצט נישט באַאומרואיקן מיט קיין פראַגעס.

מיר זיינען געבליבן פאַרשטיינערט.

— אַלעמען, אַלעמען, האָט מען אויסגעשאָסן — קייקלען זיך טרערן איבער דעם אָפּגעוואַשענעם פּנים.

— ווּעמען? די פיר טויזנט וואָס זיינען געפאָרן אויף קאָוונע?

— יאָ!

געשען איז דאָס פאַרטאָג דעם 5טן אפּריל 1943.

אַנדערהאַלבן יאָר איז די לאַגע אין געטאָ געווען „סטאַביליזירט".

יידן האָבן געמיינט, אז די אקציע אויף הונדערט זקנים, אויף יחידים אָדער אויף קלענערע גרופּקעס, האָט נישט צו טאָן מיט דער ווייטערדי־קער עקזיסטענץ פון געטאָ. עס זיינען געווען אפילו גלויביקע, וואָס האָבן געמיינט, אז דאָס ווילנער געטאָ איז ביי די דייטשן אן „אתה בחרתנו“־געטאָ. די פיר טויזנט געשאָכטענע יידן אין דעם פאַרטאָג האָבן שוין אויך די גלויביקע מיטאמאָל באוויזן דעם טויט פאר די אויגן, דעם טויט וואָס קיינעם שוינט ער נישט.

די שטימונג אין געטאָ איז געוואָרן אָנגעגליטער, ווען עס איז מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער דערגאנגען די ידיעה פון דער פּוילישער גע־היימער ראַדיאָ־סטאציע „שוויט“ אז, —

„האַלאָ, האַלאָ! די פאַרבליבענע יידן אין ווארשעווער געטאָ האָבן אָנגעהויבן א באוואָפנטן ווידערשטאנד קעגן די נאצים. די געטאָ שטייט אין פלאמען!“.

דער געהיימער ראַדיאָ־ביולעטין פון דער פּאַרטיזאנער־אָרגאניזא־ציע אין געטאָ, האָט בלויז עטלעכע שורות וועגן דעם דערציילט. מיר האָבן נישט געוווּסט קיין פּרטים וועגן אויפשטאנד. בלויז די עטלעכע ווערטער־פונקען, — אָבער מיר האָבן דערזען פאר זיך די פלאמען פון ווארשעווער געטאָ און די יידן וועלכע קעמפן מיט געווער אין האנט פאר אונדזער כבוד.

די ידיעה וועגן אויפשטאנד האָט אונדז מאָראַליש דערהויבן, שטאָלץ געמאכט.

אָבער עס זיינען אוועק טעג און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום ידיעה, וואָס עס טוט זיך דאָרט. מיר האָבן זיך אָבער אין די גע־דאנקען פאָרגעשטעלט ווי אזוי עס קעמפן אונדזערע חברים. ס'איז אונדז געווען ווייטיקדיק צו וויסן, אז דער קאמף איז נישט קיין גליי־כער. ס'איז אונדז אָבער גלייכצייטיק לייכטער געווען די שווערע צייט דורכצולעבן. ווי מיר וואָלטן פליגל באקומען. שטאָלצע האָבן מיר גע־קוקט אויף די נאצים און אונדזערע פייניקער. זיי האָבן שוין געוווּסט, וואָס דער בליק באדייט. זיי האָבן פארשטאנען און זיכער האָט נישט איינער פון זיי געטראכט: „ווער ווייס, צי אויך א י ך וועל נישט דאַרפן קעמפן קעגן די ווילנער יידן און געהרגעט ווערן פון זיי“.

אויף דעם שאָולער געסל האָבן מיר אין דער נאכט פון 1טן מאי איינגעאָרדנט אן אָוונט א. נ. „פרילינג אין דער יידישער ליטעראַטור“. „פרילינג“ — אן אומשולדיקער נאָמען, אָבער די געקומענע הונדערטער באזוכער האָבן געוווּסט, אז זיי זיינען געקומען פייערן דעם ערשטן מאי.

איין רעדנער, א צווייטער; איין ליד, א צווייטע. אלץ איז דורכ־געדרונגען מיטן גייסט פון דער קעמפנדיקער ווארשע.

— ווען מיר פייערן דאָ אין לאָקאל אלע געמיינזאם דעם ערשטן מאי, שטייט אין קאמף איצט דאָס ווארשעווער געטאָ. — רופט אויס דער פאָרזיצער פון אָוונט, הערמאן קרוק, — כבוד די קעמפער! כבוד די געפאלענע!" — מיר האָבן זיך אלע מיטאמאָל אויפגעשטעלט.

אין ענגן זאל האָט אָנגעהויבן פלאטערן דער גייסט פון די ווארשע־ווער אויפשטענדלער. מיר האָבן געוווסט, אז מאָרגן, איבערמאָרגן, וועט אויך וועגן אונדז דער ראדיאָ איבערגעבן דער וועלט, אז די יידן אין געטאָ פון ירושלים ד׳ליטא האָבן אָנגעהויבן דעם ווידערשטאנד קעגן די נאצים.

ס׳איז געוואָרן טויט־שטיל אין זאל. ציטערדיק האָבן געקלונגען די טרויער־טענער פון די געטאָ־אקטיאָרן.

נישט באמערקט איז צו מיר צו פון דער זייט הירשקע גליק.

— נו, וואָס הערט מען, הירשל, ביי דיר?

— כ׳האָב אָנגעשריבן א ניי ליד, ווילסט הערן?

— א ליד גאָר אין מיטן דערינען? נו, לייען.

— אָבער נישט איצט, מאָרגן וועל איך צו דיר ארויפקומען, מאָרגן. דאָס ליד ז י נ ג ט ז י ך.

אויף מאָרגן איז הירשקע גאנץ פרי שוין געווען ביי מיר.

— אָבער הער גוט צו — בעט ער זיך ביי מיר — איך וועל דאָס גלייך זינגען. שטיל האָט ער אָנגעהויבן זינגען, אָבער פלאמיק, מיט האַרץ. די אויגן האָבן זיך צעגלאנצט אין פייערלעך:

...קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה...

פון וואנען אָט דער זיכערער גלויבן? הירשל לאָזט נישט טראכטן. עס ווערט פארלוירן דער ציטער פון זיין שטים, זיכער האמערט ער די ווערטער אויס, קלאפט צו מיט א פוס, ווי ער וואָלט איצט אין מארש געגאנגען:

„דאָס האָט א פאָלק צווישן פאלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאגאנעס אין די הענט..."

— ווונדערבאר, הירשקע, ווונדערבאר — האָב איך אים געדריקט די הענט.

איך האָב דערפילט אין די ווערטער דעם רושם וואָס דער אויפ־שטאנד אין ווארשעווער געטאָ האָט געמאכט אויף אים.

און אָט זיינען שוין אוועק די חדשים מאי, יוני, יולי און אויגוסט.

פאר אונדז פּאַרטיזאַנער האָט זיך נאָך אָבער געצויגן דער אַפּריל, די טעג און וואָכן פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דער שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע אין געטאָ האָט באַשלאָסן, דאָס ליד זאָל ווערן א הימן פון די קעמפער. מען האָט שוין אָבער נישט געדאַרפט וואַרטן אויף א באַשלוס, דאָס ליד איז גיך פאַר־שפּרייט געוואָרן אין געטאָ.

גליק האָט געשריבן א סך לידער און פּאָעמעס. ווייניק זיינען גע־בליבן באַקאַנט. אויף וויפל איך ווייס, איז טאַקע זיין שטאַרקסט ליד, — „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!“

דער עולם אליין האָט דאָס אויך אַזוי באַנומען און אָפּגעשאַצט און דערפאַר וועט עס זיין, גלויב איך, ד אָ ס ל י ד, וואָס וועט ווי א ווערקנדיקער פאַראַל רופן קומענדיקע דורות צו דערמאָנונג און צו שטיין אויף דער וואַך.

און איצט, אויב איך דערמאָן הירשקען, איז דאָס אויך נאָר צוליב דעם ליד, וואָס לאָזט מיך נישט איינרוען. דאָס יינגל האָט גענומען א קאָזאַקן-מעלאָדיע און אַזוי וווּנדערלעך אַריינגעפּאַסט זיינע ווערטער, אַז עס קומט אויס, אַז קיין אַנדער ניגון האָט נישט געקענט זיין צו אַזעלכע ווערטער, און קיין אַנדערע ווערטער האָבן נישט געקענט זיין צו אַזאַ ניגון.

— ווּ איז איצט אַהינגעקומען הירשקע?

— דאָרט ווּ מיר וועלן אַלע זיין! — ענטפער איך זיך אַליין.

## טרויער פּאַסט ניט אונדזער פּנים

קיינמאָל וועלן שוין יידן מער נישט לאַכן. קיינמאָל וועלן שוין יידן מער נישט זינגען, נישט שפּילן טעאַטער... קיינמאָל...

ווער האָט דאָס אַנדערש געקענט טראַכטן אין די גרוילינקסטע טעג. עס איז מיר געבליבן אין זכרון דער הילפס-רוף פון דעם באַרימטן שלום עליכם-רעציטאַטאָר, לייב שריפטזעצער פאַר די טויערן פון ווילנער געטאָ:

— יידן, יידן, העלפט מיר, איך בין לייב שריפטזעצער!

די שרעק האָט אָבער אונדז געיאָגט צום טויער, ווו דער טויט, געפּאַנצערט מיט קאַלט און היים געוועזר, האָט אויסגעטיילט ווער עס גייט שוין צו דער שחיטה, און ווער עס בלייבט פאַרלויפיק לעבן.

ווי מיט מעסערס אין הארצן האָבן געשניטן די הילפס-רופן פון שריפטזעצערן. עס האָט מיטאַמאָל אַ בליץ געטאָן צוזאַמען מיטן נאָמען פון אַקטיאָר אויך דער נאָמען פון שלום עליכם. אָבער... איצט ש ל ו ם ע ל י כ ם?!... אין צייטן פון שחיטה און אומקום? צווישן פאַר-משפּטע צום טויט? — און נ י ש ט איצט, אפילו שפּעטער-צו, ווען ס'זאָל שוין בלייבן ווער לעבן — וועט זיך וועלכער נישט איז ייד דער-לויבן אַ לאַך צו טאָן?

— קיינמאָל וועלן שוין יידן נישט לאַכן...

איז אַ חודש קוים אַוועק נאָך די בלוטיקע טעג און מיטאַמאָל — אַן אויסטערלישער פּלאַקאַט אויף די געטאָ-מויערן:

ד ע ם 18 ט ן י א נ ו א ר 1942 ק ו מ ט פ אָ ר א י ן ג ע ט אָ - ט ע א ט ע ר ד ע ר ע ר ש ט ע ר ק אָ נ צ ע ר ט.

— אויף אַ בית-עולם, — אַ קאָנצערט? — האָט נישט איין פאַר-בייגייער ביטער געשמייכלט.

אויף מאָרגן זיינען טאַקע נעבן די קאָנצערט-אַפישן געווען אויס-געקלעפּט לאָזונגען: „אויף אַ בית-עולם מ א כ ט מען נישט קיין קאָנ-צערטן“.

אָבער דאָס געטאָ-טעאַטער איז דעם אָוונט געווען פול, און שוין

דער אָ נ פ א נ ג פון דער פּראָגראַם האָט באַוויזן, אַז צו א „קאָנ-צערט" האָט עס נישט קיין שום שייכות.

דאָס איז גיכער געווען איין גרויסער אויסגעשריי פון פאַרבאָרגענע, פאַרפאָלגטע, וועלכע האָבן דאָ בציבור תפילה געטאָן צום אָנדענק פון די אָקאָרשט פון לעבן-אוועקגעריסענע.

„ס'ווילט זיך מיר וויינען געשמאַקער פון הארצן", — ווי נאָר דער עולם האָט דערהערט ביאַליקס ווערטער פון אַקטיאָר שבתאי בליאכער, איז דורכגעגאַנגען א ציטער איין זאַל. פון א ווינקל האָט ווער א כליפּע געטאָן און באַלד האָט זיך דער גאַנצער עולם אין זאַל צעקלאָגט.

עס האָבן מיטאמאָל אויפגעטויכט פאַר די אויגן די צענדליקער טויזנטער דערמאָרדעטע.

תפילה...

און די תפילות זיינען געווען פראַגמענטן פון פּרצס „גאָלדענע קייט", גאָלדפאַדנס „בר-כוכבא" און... מיטאמאָל מעלדעט דער קאָנפער-ראַנסיע:

— און איצט וועט דער אַקטיאָר ראַטבלום אויספירן א מאָנאָלאָג פון שלום עליכם.

דער עולם איז געבליבן געפּלעפט. איצט, נאָך ביאַליקס „עס גלוסט זיך מיר וויינען", ווען טרערן קוילערן זיך נאָך איבער די פּנימער — ש ל ו ם-ע ל י כ ם? ראַטבלום לאָזט אָבער נישט טראַכטן, ער איז שוין אין פולן טראַנס. און דער עולם, — זע, ווי די עצמות היבשות, נישט צו דערקענען. אויגן ווערן גרעסער, ליכטיקער, פייערלעך הויבן זיך אָן אין זיי צינדן, אָט באַווייזט זיך ביי איינעם פון אונטערן טרויער א שמץ פון לויטערקייט, ביי א פינפטן א בליאסק פון א שמייכל, ביי א צענטן, הונדערסטן און, אָ, וווּנדער. — די ביינער הויבן אָן שמייכלען און אָט לאַכט דער עולם, לאַכט געשמאַקער פון הארצן...

דער אַקטיאָר לייענט „א פּעקל צרות" און דער עולם דערמאָנט זיך אָן די אייגענע... אמת, איצטיקע צרות זיינען גאָרנישט צו פאַר-גלייכן, אָבער דער עולם נעמט עס אויף מיט רמזים. אָט לאַכט דער עולם פון פולן הארצן, ווי אַזוי דער סלעדאָוואַטל פרעגט דעם ייד, דעם נשרף:

„פּאַרוואָס ביסטו גראָד נישטאָ אין דער היים בשעת דו ברענסט?".

און דער ייד ענטפערט אים קאַלט:

„נו, און אַז איך זאָל זיין אין דער היים בשעת מעשה, וואָלט דיר שוין געווען גרינגער?".

ווי לאַכט מען נישט פון אָט די תמימותדיקע ווערטער...

שלום עליכם ווערט ביי אונדז אין געטאָ א וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דעם גרויסן ביטחון־געוועב, וואָס עס האָט אָנגעהויבן אין דער זעלבער צייט צו שפּינען צווישן די לעבנגעבליבענע יידן די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ.

שלום עליכמס ווערק ווערן א מיטל פון קאַמף קעגן די פאַרשידענע יידישע דיגניטאַרן.

אויף א שלום עליכם־אַקאַדעמיע אין געטאָ־טעאַטער קומט שיעור נישט צו א סקאַנדאַל. קינדער פון „יוגנט־קלוב" מאַרשירן אַרויף אויף דער סצענע און זינגען אויס שלום עליכמס א לידל:

אונדזערע גבאים
מיט די לאַנגע, לאַנגע בערד,
ווילדע, ווילדע מענטשן־ברואים
ס'טראָגט זיי נישט די ערד.

אויסגיין, אויסגיין קען מען ממש
צוצוזען אָט דאָס:
ניסן, ניסן אונדזער שמש
פירט אונדז פאַר דער נאָז!...

די חברה זיינען אַריין אין אַזאַרט און האָבן ביים זינגען די לעצטע צוויי שורות אָנגעוויזן אויף דער ערשטער ריי צוהערער, ווו עס זיינען געזעסן די אויבערשטע פון שטייסל. די לעצטע האָבן זיך בלויז באַגנוגנט מיטן אַרויסגיין תיכף פון זאל און האָבן שוין אויף ווייטער אַכטונג געגעבן אויף שלום עליכמען.

און אַז מען זוכט געפינט מען.

זיי האָבן צונישט געמאַכט די צוויי־חדשימדיקע האַרעוואַניע פון דער דראַם־סעקציע ביי דעם „יוגנט־קלוב" און פאַרווערט צו שפּילן דעם „הינער־שטרייק", וואָס האָט געקענט אַריינברענגען „נישט קיין געזונטע שטימונגען" אין געטאָ.

מער ווי פריער נאָך האָבן מיר ליב באַקומען שלום עליכמען.

ס'דערמאָנט זיך דער פאַרוואָגלטער 12־יאָריקער לובלינער בחור ליפּקאָ, וואָס איז אין געטאָ געוואָרן א שרייבער־עלוי. זיינע „מנחם מענדל אין געטאָ" און „טביה דער מילכיקער אין געטאָ", וועלן זיך נישט לאָזן פאַרגעסן. ליפּקאָ האָט פאַראייגנט, ווי דער גרויסער שלום עליכם, די פאָלקס־שפּראַך, דאָס פאָלקס־ווערטל אין אייגענעם שאַפן. דער טביה פון געטאָ זאָגט: „יידן ווי גוט אייך איז, וואָס איר ווייסט



### באריקאדן אין געטאָ...

דער טויט פון איליא שוינבוים: 1) דאָס אויפגעריסענע הויז ווו עס איז געפאלן איליא שוינבוים און זיינע קעמפער, 2) הויז, ווו עס האָט זיך בעת די קאמפן ארי־בערגעטראָגן דער פארטיזאנער־שטאַב, 3) אן אויפגעריסענע מעלינע אויף דער שטראשון-גאס 15, 4) די לוויה פון איליא שוינבוים, 5) איליא שוינבוים.



## דער יידנראט

1) יעקב גענס, 2) פעליקס דעסלער, 3) אנאטאָל פריד, 4) דער הויף פון יידנראט, 5) די „שטארקע"...

נישט ווי שלעכט ס'איז אייך". מנחם-מענדל באַגריסט זיך יעדן פרי-מאָרגן מיט די יידן פון זיין אַרבעטס-גרופּע מיט „א גוט-מאָרגן אייך, מתים!" און שיינע-שיינדל שרייבט פון געטאָ אין לאַגער צו מנחם-מענדלען, ווינטשנדיק זיך, עס זאָל מקוים ווערן די ברכה פון איר מאַ-מען „צו דערלעבן צו קומען צו קבר ישראל", וואָס איז אונדזער גרעס-טער ווונטש אין געטאָ.

די לעצטע שלום עליכם-אַקאַדעמיע אין געטאָ איז דורכגעגאַנגען אונטערן מאָטאָ פון איציק פעפערס ליד „טרויער פּאַסט נישט אונדזער פּנים".

איך האָב געהאַלטן דעם אַריינפיר-רעפעראַט, וואָס איז אילוס-טרירט געוואָרן מיט שלום עליכמס שאַפונגען, אויסגעפירט פון אַקטיאָרן און פון קינדער פון „יוגנט-קלוב".

אין זאַל זיינען געזעסן צענדליקער פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן מיטגעזונגען צוזאַמען מיט די קינדער פון דער בינע פעפערס ווערטער:

— טרויער? — פּאַסט נישט אונדזער פּנים.
— אומעט? — עקבערט און פאַרפייניקט!
— וויינען? — זאָלן וויינען שונאים,
לאָמיר לאַכן מיינע פריינד!

הערט ווי אַלטע וועלטן קראַכן,
ווי עס קומט אויף זיי די נאַכט,
לאָמיר לאַכן, לאָמיר לאַכן, —
דער געלעכטער העלפט אין שלאַכט!

מיט דעם שלום עליכם-געלעכטער האָבן זיך צונויפגעמישט די מו-טיקע סטראָפעס און פאַרפאַנצערט מיט מוט און קעמפערישן בטחון טויזנטער יידן אין געטאָ.

קיינמאָל, האָט זיך אויסגעדוכט, וועלן שוין יידן נישט לאַכן... קיינ-מאָל?...

אָבער זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו..." אַט דער פּאַרטיזאַנער-פּאַראָל, וואָס איז דאָך אייגנטלעך א פּאַראַפראַזע פון טביהס אומגעבראָכענער האָפענונג און בטחון, האָט נישט דערלאָזן צו צעברעכן אינגאַנצן דעם ווילן צו קאַמף און נקמה.

דוכט, אַז קיינמאָל אין אונדזער גאַנצער געשיכטע האָבן יידן נישט באַדאַרפט אַזוי נויטיק שלום עליכמס ווערק, ווי איצט, ווען מיר ליגן אונטערן האַקן-קרעציקן שטיוול.

שלום עליכם...

## דער אָנהויב פון סוף

אז דאָס געטאָ לעבט דורך די לעצטע טעג, איז שוין ביי קיינעם קיין צווייפל נישט געווען. בלויז די יידישע געטאָ-מאכט האָט נאָך גע־פרווּווט געבן איינשפריצונגען דער באפעלקערונג און האָט פארזיכערט, אז דעם געטאָ דראָעט קיין שום סכנה נישט. ווידער זיינען ארויסגע־געבן געוואָרן פאראָרדענונגען צו פונאנדערבויען די געטאָ-אינדוסטריע, אז אלע דארפן זיך פאררעגיסטרירן אויף ארבעט, און אז בלויז א דאנק ארבעט וועט דאָס געטאָ דורכהאלטן די שלעכטע צייט.

קיינער ווערט אין שטאָט נישט ארויסגעלאָזן, אפילו די יידישע קוימענקערער, וועלכע באדינען און פארהיטן די גאנצע שטאָט פון שרפות, ווערן אויך נישט ארויסגעלאָזן. די פרייזן אויף לעבנסמיטלען שטייגן מיט יעדער מינוט. מען קען שוין פאר געלט אפילו קיין שטיקל ברויט נישט באקומען. הונגער דראָט און הויבט אָן פרעסן די באפעל־קערונג.

דאָס קומען פון דער פארטיזאנער-גרופע האָט ווידער ארויסגערופן א צעטומלונג אין געטאָ. דער פרייז אויף געווער איז געשטיגן צו לע־גענדארע סומעס. פאר דעם 14-קויליקן בעלגישן פיסטאָלעט, וואָס איך האָב געקויפט ביי יאנקאָווסקין פאר מיר און פאר סוצקעווערן, פאר 15 טויזנט רובל, האָט מען אונדז שוין געוואָלט געבן הונדערט טויזנט רובל אָדער טויזנט דייטשישע מארק; אָבער ווער דארף דאָס איצט געלט? ווען מען איז עס נויטיק, אז קיין זאך קאָן מען פאר דעם נישט קויפן, אז סיי-ווי וועט עס בלייבן ביי די דייטשן אָדער ביי זייערע ארויס־העלפער, אויב מיר וועלן עס פארן טויט נישט באוויזן צו פארנוצן.

די פארטיזאנער דערציילן וועגן לעבן אין וואלד. דערציילן, אז אין די וועלדער ארום נאראָטש געפינען זיך הונדערטער יידישע פארטיזא־נער פון דער פּראָווינץ און פון ווילנע, אז יוסף גלאזמאן איז דער שטאב־נאטשאלניק פון יידישן אָטראד „נקמה"; אז דער קאָוונער ייד בוטעינאס, וואָס איז געשיקט געוואָרן איצט פון מאָסקווע, איז דער קאָמאנדיר; אז די יידן ווייזן ארויס גרויס העלדישקייט און זיי האָבן שוין ארויס־

געשיקט א באַגריסונגס-טעלעגראַם צו דעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און צו די יידן אין דער גאַנצער וועלט מיט א פייערלע־כער בקשה, מען זאָל זיי שיקן געווער.

די פּאַרטיזאַנער-שליחים האָבן איבערגעגעבן גרוסן פון באַקאַנטע, ווי אַזוי זיי לעבן דאָרט, וואָס זיי טוען, ווי אַזוי מען קעמפט און אַז אין די וועלדער פילט מען זיך פריי, כאָטש די דייטשן זיינען אין פאַרשי־דענע פּונקטן גאָר נאָענט און רינגלען אַרום די וועלדער.

— אָבער די דייטשן האָבן מורא אַריינצוקומען אין די וועלדער.

מיר האָבן זיך קוים געקענט פאָרשטעלן ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז די פּאַרטיזאַנער לעבן אין גריבער, זיינען פאַרוואַקסענע, נישט געוואַשענע. גייען בלויז אַרויס ביינאַכט. הונגערן. די פּאַרטיזאַנער-שליחים האָבן דערציילט גאָר אַנדערש. לויט זייערע רייד איז אויסגעקומען, אַז די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער האָבן אַפילו סטאַדעס בהמות, און וואָס צו עסן איז דאָ איבערן קאָפּ און —

— הלוואַי, נישט ערגער מיין גאַנצן לעבן! — האָט זיך געוווּנטשן שיקע גערטמאַן.

— און אַז מען הונגערט פון צייט צו צייט אונטער, איז אויך נישט קיין אומגליק.

— און אַז מען כאַפּט פון צייט צו צייט א קויל אין שלייף, איז מה רעש?

אויך אין פפ"אָ-שטאַב איז געקומען צו אַן איבערקערעניש. סאָניע איז געקומען פון שטאָט מיט באַווייליקונגען פון שטאָט-קאָמיטעט, אַז די קעמפער פון געטאָ זאָלן גרופּנווייז זיך אַוועקלאָזן צו די נאַראָטשער וועלדער אין מאַרקאָווס בריגאַדע. דער שטאַב האָט אָנגעהויבן פונאַנ־דערטיילן די קעמפער אין גרופּעס, באַשטימט קאָמאַנדירן און באַזאָרגט זיי מיט געווער.

דער אַרויסגאַנג פון געטאָ, די צייט און דאָס אָרט איז געהאַלטן געוואָרן שטאַרק געהיים. דער שטאַב האָט אַרויסגעשיקט צוערשט אויס־שפּירן, צי דער וועג איז נישט קיין שטאַרק באַוואַכטער. אויסגעצייכנט האָבן זיך וויטקע קעמפנער און זעלדע טרעגער. זיי זיינען דורך מעלי־נעס אַרויס אין שטאָט, אַראָפּגענומען די לאַטעס פון זיך און געגנוי אויס־געשפּירט ווי די גאַסן זעען אויס, צי זיי זיינען נישט שטאַרק באַוואַכט, ווי עס זעט אויס דער וועג, וואָס פירט אַרויס פון שטאָט און צי זיינען דאָרט נישטא פאַראַן קיין קאָנטראָל-פּונקטן פון דער ווערמאַכט.

אין משך פון עטלעכע טעג בין איך נאָך עטלעכע מאָל אַרויסגע־

שיקט געוואָרן צו יאַנקאָווסקין, דערליידיקן פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן. דער געפּערלעכער גאַנג איז געוואָרן ביי מיר א נאָרמאַלע זאַך, אזוי ווי מיין נאָרמאַלער גאַנג דורך די ווייסרוסישע און ליטווישע וועגן מיט א יאָר־אַנדערהאַלבן צוריק. ענדלעך האָב איך זיך מיט יאַנקאָווסקין גע־זעגנט. ער האָט זיך אָנגעהויבן צונויפטרעפן מיט סאָניען, וואָס האָט געמאַכט מיינע טרעפונגען מיט אים פּאָר איבעריק.

דעם 10טן סעפּטעמבער איז ארויס די ערשטע גרופּע קעמפער פון געטאָ אונטער דער אָנפירונג פון שורקע קאַצענבאָגן. כ׳האָב זייער חשק געהאַט צו גיין מיט שורקעס גרופּע. איך האָב אים געקענט ווי א דרייסטן און אינטעליגענטן יונג, וואָס אָריענטירט זיך אויף א מאַפּע, וואָס קען גיין לויט א קאָמפּאַס און דערצו נאָך, קען ער אויסגעצייכנט די ווילנער געגנט. אָבער מיין אייגענער ווילן האָט דאָ ווייניק געהאָלפן. מיר, פּשוטע קעמפער, זיינען געווען אונטערגעוואָרפן די באַפעלן פון שטאַב און קיינער האָט די באַפעלן נישט געקענט ענדערן. אָבער ווען מען וואָלט מיך אפילו יאָ ארייגעשטעלט אין דער ערשטער גרופּע, וואָלט איך געמוזט בעטן, מען זאָל מיך פון דער רשימה אויסשטרייכן, ווייל סוצקעווערס פרוי איז גראָד אין די טעג קראַנק געוואָרן, און אזוי ווי מיר דריי האָבן זיך געגעבן די הענט, אז איינער אָן אנדערן גייט אין ערגעץ־נישט, אז אונדזער ווייטערדיקן גורל מוזן מיר צוזאַמען דורכמאַכן, סיי אין לעבן, סיי ביזן טויט, האָבן מיר מיט ציטערדיקער זאָרג געוואַרט ביי דער קראַנקערס בעט. פריידעלע איז צום גליק אין א טאָג־צוויי געזונט געוואָרן און מיר זיינען ווידער געוואָרן פריי אין אונדזערע באַוועגונגען.

כדי צו גיין צוזאַמען, מען זאָל אונדז נישט פונאַנדערשיידן, האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, פריער געמוזט צוגרייטן צו דעם דעם געהעריקן באָדן. סוצקעווערס אינטערווענץ ביי אבא קאָוונערן, מיינע שמועסן מיט יאַנקל קאַפּלאַנען (וואָס איז אריין אין שטאַב אויף וויטנבערגס אָרט), האָבן אונדז געגעבן א גרונט צו טראַכטן, אז ווען אונדזער גורל וועט אויספאַלן מיר זאָלן גיין אין וואַלד אריין, וועט מען אונדז שיקן צוזאַמען. (אין קעגנפאַל וואָלט געקאָנט פּאַסירן, אז סוצקעווערן זאָל מען שיקן אין איין גרופּע און זיין פרוי אין א צווייטער גרופּע).

דעם 12טן סעפּטעמבער ביי טאָג האָט מען מיך גערופן אין שטאַב און געמאָלדן, אז איך וועל באַשטימט צו גיין מיט דער צווייטער גרופּע. דער אָפּמאַרש, וואָס דאַרף געהאַלטן ווערן שטרענג, וועט געשען היינט. דאָס זעלבע איז געמאָלדן געוואָרן אויך סוצקעווערן און זיין פריידעלען.

ענדלעך, הייסט עס, א סוף צום געטאָ־לעבן. א סוף צו אלע קאָש־

מארן, אַ סוף צו דער כסדרדיקער דערוואַרטונג אויפן טויט. און אפשר אויך אַן אָנהויב פון האָפענונג אויף לעבן.

יאָרן האָב איך געוואַרט, ווי פּטור צו ווערן פון געטאָ, און איצט, ווען ס'איז שוין יאָ געקומען די צייט דערצו, האָט אָנגעהויבן ווערן פאַר מיר טייער (איך האָב זיך פשוט פאַרשעמט ביים קלערן וועגן דעם). יע־דעם הויז, יעדער שטיין. ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסטויכן די שווערע דורכ־געלעבטע צייט, און אין אָט־דער צייט, די טעג פון קאַמף, קאַמף נישט נאָר ביים שאַפן געווער, נאָר קאַמף ביים פונאַנדערבויען קולטור־אינס־טיטוציעס אין געטאָ, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויסרייסן די צעפּייניקטע ייִדן פון יאוש, פון צווייפל, פון לאַנגזאַמען פאַרניכטנדיקן טויט, איידער נאָך די געשטאַפּאָ האָט אים, דעם טויט, געבראַכט.

איך האָב נאָכאַמאָל, מיט ציטער, געבלעטערט די 300־זייטיקע מאָנאָגראַפיע, וואָס איך האָב געשריבן אין געטאָ וועגן חיים גראַדען. נאָכאַמאָל זיינען געלעגן פאַר מיר די צעשויבערטע נאָטיצן־בלעטלעך פון מיינע רעפעראַטן אין געטאָ וועגן מ. ל. האַלפּערן, שלום עליכם, ווילנע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, קידוש־השם־מאָטיוון אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור, יונג־ווילנע א. אנד. ווידער האָב איך דערזען פאַר זיך די בערג זילבער־חפצים, ספר־תורה'ס, אַלטע ספרים־אַנטיקן, כתב־ידן, וואָס מיר האָבן באַגראָבן אין דער מעלינע אויף שאַוולער גאַס. עס האָט מיר וויי־געטון דאָס איבעררייסן די אַרבעט מיט דער טייערער יוגנט, וואָס האָט כסדר נישט געדוט סיי ביים לערנען זיך, סיי ביים העלפן די דערוואַקסענע צוגרייטן זיך צום לעצטן קאַמף.

# געזעגענונג מיטן געטאָ

איך טאָר קיינעם אפילו מיט קיין אָנדייט נישט ווייזן, אז איך גיי היינט ארויס פון געטאָ. באפעל איז באפעל. אָבער דאָס הארץ ווערט צעריסן, ווען עס שטעלט מיך אָפּ מיין טייערע חברטע רחלע פּופּקאָ און פרעגט, וואָס הערט מען עפּעס נייעס ביי מיר און איך פּרוּוו כלומרשט קוועטשן מיט די פּלייצעס, ווי גאָרנישט וואָלט געשען און זי מוז ארויסלייענען פון מיינע אויגן, אז עפּעס וואָס געשעט יאָ מיט מיר. און נאָך א רחלע (פּרעגער) און נאָך א רחלע (סאראבסקי) און איטשעלע רודאשעווסקי שטעלט מיך פּלוצלינג אָפּ:

— נו, וואָס, לערער, וואָס מיינט איר וועט זיין דער סוף?

— דער סוף?... חזר איך איבער און ווייס נישט וואָס אים צו ענט־פערן. איך גיי היינט ארויס און ער, איטשעלע, וועט אפשר אויך ארויס־גיין, נאָר ער ווייסט נאָך קיין זאך נישט, אזוי ווי עס ווייסט קיינער נישט.

— דער סוף — זאָג איך צום סוף, — קען שוין נישט זיין גוט, איטשעלע, אפילו ווען מיר וועלן לעבן בלייבן. אָבער מיר וועלן קענען א סך אויפטאָן!

— ריכטיק, לערער, ריכטיק...

איך גיי ארויף אין שטוב. מרים רייזען זעט מיין צעטראָגנקייט און פארשטייט, אז עס פּאסט נישט צו פרעגן און פארשטיימט, אז עפּעס קומט דאָ פאָר. ד"ר פיינשטיין, אבראמאָוויטש, פּרוי ביבער, און אָט קומט אָן דער אלטער פריינט אונדזערער עקיבא גערשאטער:

— נו וואָס, קינדער, מיר זיינען פּראָלאָנגירט אויף נאָך עטלעכע טעג צום לעבן.

— מען קען גאָרנישט וויסן — רוף איך זיך אָן. — מיר קענען נאָך אַלץ דערציילן אויף דער פריי.

— וואָס, וואָס, — צעשאָקלען זיך זיינע גרויע וואָנסעס, — נאָר ד אָ ס שטעל איך זיך שוין נישט פאָר.

וואָלט איצט קאלמאנאָוויטש געווען, טראכט איך, וואָלטן מיר דאָך

געפּועלט, מען זאָל דערלויבן אים מיטצונעמען אין וואַלד. מיר האָבן דאָך שוין געהאַט אָפּגערעדט מיט אים. איז ער ארויס פון שטוב און אליין זיך איבערגעגעבן די דייטשן, וועלכע האָבן אים אוועקגעפירט קיין עסטאָניע. דער זייגער רוקט זיך. די צייט גייט. 5 אזייגער טרעפט זיך די גאַנצע גרופּע אין שטוב.

שטייען מיר אלע אויסגעשטעלט אין איין רייע אין גרויסן צימער פון דער „מפיצי־השכלה"־ביבליאָטעק און וואַרטן אויף ווייטערדיקע באַפעלן. פּלוצלינג באַווייזט זיך, צו אונדזער גרויס אומגעדולד, אַבע און ליאָווע.

— אכטונג! —

מיר גיבן א שלים־צונויף די פיס. אַבע שטייט פון דערווייטן. ליאָווע שפּאַנט פאַרביי אונדזער רייע, קוקט יעדן אין פּנים אריין, שטעלט זיך אָפּ און פאַרקוקנדיק זיך אין פענצטער אריין, מעלדעט ער אונדז:

— דער שטאַב האָט באַשלאָסן אָרגאַניזירטערהייט צו עוואַקואירן די קעמפער אויף אַנדערע קאַמפּס־פּאָזיציעס. זייט וויסן, אז דער קאַמף אין וואַלד וועט פאָדערן פון אייך נאָך מער עקשנות, נאָך מער גע־וואַגטקייט און העלדישקייט, ווי איר האָט עס ארויסגעוויזן אָדער גע־זאָלט ארויסווייזן אין געטאָ. איר וועט זיך צוזאַמענטרעפן מיט א סך נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס קעמפן אויך קעגן געמיינזאַמען שונא. איר וועט דאַרפן ווייזן א ביישפּיל פון מוסר נפש זיין זיך אין קאַמף, פון העלדישקייט. איר וועט דאַרפן ווערן דער שטאָלץ פון אלע פּאַרטי־זאַנער אין די וועלדער. ווער נאָך ווי מיר, דאַרפן ארויסווייזן אזא נקמה־געפיל צו די מערדער? איר וועט דאַרפן זיין די ערשטע. געדענקט. די געוואַגטסטע. פאַרשעמט נישט אונדזערע אומגעקומענע. פאַרשעמט נישט אונדזער פפ"אָ־אָרגאַניזאַציע. פאַרשעמט נישט ירושלים ד'ליטא, אונדזער פאָלק. געדענקט, געדענקט! — זיסקאָוויטש האָט אָנגעהויבן האַמערן אין אונדז — נישט ראַטעווען זיך גייט איר אין וואַלד. איר גייט קעמפן, שלאָגן זיך קעגן אומברחמנותדיקן פיינט, נקמה נעמען. ער האָט זיך אָפּגערוט און איז צוריק אין זיין הויט אריין: — דער שטאַב האָט באַשטימט אלס קאָמאַנדיר פון אייער גרופּע דעם קעמפער מיידענבערג — זיין יעדעס וואָרט איז פאַר אייך א באַפעל. דער פירער אייערער וועט זיין משה יודקע רודניצקי. אויך זיין וואָרט פאַר אייך איז א באַפעל. היט אָפּ זייערע אָנווייזונגען. זייט פאָרזיכטיק. געדענקט, אז ווי נאָר איר וועט באַלד פון געטאָ ארויסגיין, זייט איר אוים געטאָ־קעמפער, איר ווערט פּאַרטיזאַנער. נאָכאַמאָל: פאַרשעמט נישט ווילנע. זייט יידן!

ווען איך האָב זיך אומגעקוקט, ווער ס׳איז פאַראַן אין אונדזער גרופּע, איז מיר געוואָרן אביסל אומעטיקלעך; א שפּאַר ביסל אומבאַקאַנטע. כמעט קיינער נישט פון די, וועלכע האָבן זיך אין געטאָ אַרומגעוויזן פאַר העלדישע. ס׳זיינען אויך געווען אין דער גרופּע, וואָס האָט געציילט א 20 מאַן, 6 פרויען. אויך דער באַשטימטער קאָמאַנדיר, וואָס איז אין פּפּ״אָ געווען נאָך גאָר א פרישער קעמפער, האָב איך געטראַכט, איז נישט דער ריכטיקער מאַן אויף זיין פּלאַץ. באַפעל איז אָבער באַפעל. ספקות מוזן אויסגעוואָרצלט און נישט דערלאָזט ווערן.

מיר האָבן איבערגעלאָזן אלע געטאָ־דאָקומענטן, יעדן סימן, אז מיר קומען פון געטאָ, אין פאַל ווען מען כאַפּט אונדז, און זיך צוזאַמענגעקליבן אין אלטן זיץ־אָרט פון פּפּ״אָ־שטאַב אויף דער אָשמענער גאַס.

מיר זיינען געזעסן אָפּגעזונדערט פון דער באַפעלקערונג, כדי קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן און זען, פון וואַנען און דורך וואַנען מיר גייען אַרויס.

די לעצטע אינסטרוקציעס: מען פאַרטיילט דער גרופּע געווער. נישט אויף יעדערן אָבער קומט אויס א געווער־שטיק. איך און סוצקעווער באַקומען פון אלגעמיינעם געווער־פאָנד גאָרנישט. ווייל מיר האָבן אן אייגענעם פּיסטאָלעט. איין פּיסטאָלעט פאַר צווייען.

ס׳ווילט זיך נישט ליידן, נאָר וואָס קען מען טאָן? געווער איז דאָ ווייניקער ווי קעמפער. מען דאַרף אלעמען באַוואָפענען.

ס׳ווערט פינצטערלעך. מיר זיינען אין געטאָ די לעצטע שעה. די לעצטע מינוטן. מען מעלדעט אונדז, אז אַרויסגיין פון געטאָ וועלן מיר פּאָרווייז און זיך טרעפן אויף סובאַטש־גאַס פאַר די באַנליניעס, ווו עס וועט אונדז שוין אָפּוואַרטן זעלדע. ווען מיר וועלן אַרויסגיין פון טויער, זאָלן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט וואַרטן איינער אויף דעם אנדערן, נאָך גלייך גיין. דאָס געווער האַלטן אין די קעשענעס אָדער צווישן די הויזן פאַרדוקט, כדי אין יעדן פאַל זיך צו קענען מיט דעם באַנוצן. אלזאָ...

יעדערער האָט אַראָפּגענומען די לאַטעס פון זיך, זיך אָנגעטאָן אַזוי, אז ס׳זאָל וואָס ווייניקער פאַרדאַכט פאַלן. איך האָב פאַרטראַכט א פּלאַן און געבעטן מיר ברענגען עטלעכע פלעשלעך לימאָנאַד, כדי די פאַרבייגייער אין שטאָט זאָלן מיינען, אז איך טראָג דאָס צו מיינער א שטוב־שמחה פון א סאָדע־וואַסער־קרעמל. און אַזוי בין איך אַראָפּ אין גאַס. דורכגייענדיק עטלעכע הייף, האָב איך שוין דערשפּירט די נערוועזיטעט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט א טייל יידן. אין דער פינצטערניש האָב איך באַמערקט גרופּעס יידן, וואָס דרייען זיך אַרום ביים טויער. זיי האָבן זיכער דערשמעקט, אז פון דאַנען ווערן געשיקט יידן אין די

וועלדער. זיי האָבן געזוכט כלערליי מיטלען זיך ארויסצורייסן פון געטאָ, און ווי געפאנגענע אין אן אייזערנער שטייג, — געפּרוווט די קראטעס, וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזן בויגן.

איך בין געגאנגען א באלאָדענער מיט די פלעשלעך, אן איבערגע־טוענער מיט א היטל, פאררוקט איבערן פּנים אָן מיינע ברילן. איך האָב באמערקט קעגן מיר באקאנטע, אָבער קיינער האָט מיך נישט דערקענט.

איך בין צו צום טויער אויף דעם יאטקעווער געסל, וואָס פירט ארויס אויסער דער געטאָ, אויף דער דייטשער גאס.

צו דעם טויער, וואָס איז נישט באנוצט געוואָרן פאר דער באפעל־קערונג, האָבן געהאט שליסלען בלויז די געשטאפּאָ, גענס און דעסלער. דער פפ"אָ־שטאב האָט געמאכט א נאָכשליסל און צוגייענדיק צום טויער, האָט מיר מיט א לעמפּל ארייגעלייכט אין פּנים דער באטאליאָן־קאָמאנדיר שואלקע קאפּלינסקי.

— נאָך וואָס ביסטו געקומען? — טוט ער בייז א געשריי אויף מיר.

— וואָס הייסט „נאָך וואָס"? — מען האָט דאָך מיך געשיקט אהער.

ער טוט נאָכאמאָל א לייכט אין מיר און א פּאטש־טוענדיק אין פּלייצע, לאכט ער זיך פונאנדער:

— דאָס ביסטו, שמערקע, כ'וואָלט אין לעבן דיך נישט דערקענט. זיכער קענסטו גיין.

ער האָט פּאַרזיכטיק א דריי־געטאָן דעם שלאָס, מיך ארומגענומען און זיך צעקושט:

— האלט זיך, שמערקע, געדענק! — פּליסטערט ער. —

— זיי זיכער. צום ווידערזען!

ער האָט ווידער פּאַרזיכטיק געעפנט די שפּארע פון דעם טויער־פּאַרטל.

— נו, קייקל זיך ארויס, און פּאַרזיכטיק, זיכער.

איך האָב זיך א שלייך געטון ווי א קאץ אין דער פינצטערניש דורך דעם טויער, לאָזנדיק דעם שוידער, דאָס געטאָ, — הינטער זיך.

# דער ערשטער קרבן

א פינצטערע נאכט האָט צוגעדעקט די שטאָט. די לעצטע צייט האָט די שטאָט נאָכמער זיך פארהילט אין חושך. באָמבארדירונגען זיינען דערוואַרט געוואָרן יעדע מינוט. ס'זיינען פארשוואונדן געוואָרן פון די גאסן אפילו די בלויע נאכט-לאמטערנעס. אפשר, אפשר וועט דער שונא נישט טרעפן...

בלויז ביי די ערשטע פאָר טריט האָבן זיך די פיס א וואקל-געטאָן. ווי איך בין אָבער ארויס אויף דער דייטשישער גאס, האָב איך זיך ארייננעמישט אין שפאצירנדיקן, שבת-צו-נאכטיקן עולם. קיינעם האָט מען צוליב דער פינצטערניש נישט געקענט דערקענען. איך בין דערווייבער גיך געוואָרן איינער פון זיי. צוגלייך מיט זיי האָב איך זיך געשטופט, צוגלייך מיט זיי האָב איך זיך געהאלטן שיכורלעך, צעטראָגן, און מיט די פלעשלעך אין דער אויפגעשפּילעטער קורטקע, האָט מען מיך אין שיין פון צעצונדענע פאפיראָסן און שוועבעלך זיכער אָנגענומען, ווי איך וואָלט געגאנגען אויף דער גרעסטער הוליאנקע, ווו דער עולם דאַרט, גייט אוים פון דאַרשט.

ווער ווייסט, האָב איך געטראכט, צי איך גיי נישט דאָס לעצטע מאָל איבער די ווילנער גאסן. ווער ווייסט, ווו דער גורל וועט מיך פארטראָגן, וויפיל איך וועל נאָך האָבן די זכיה ארומצוגיין איבער גאָטס וועלטל.

אויף דער סובאָטש גאס איז דער שפאצירנדיקער עולם געוואָרן א קלענערער. ס'איז אויך געוואָרן אומהיימלעכער. ס'האָט זיך אָפט געהערט דאָס דורכקלאפנדיקע מארשירן פון מיליטערישע שטיוול. איך בין געוואָרן נאָך חוצפהדיקער אין גאנג. זיך צוגעפייפט א מיליטעריש לידל. כלומרשט פארטשעפעט זיך אין א וואנט און געמאכט א צענגאָרנדיקע פּאָמאטערע און אזוי זיך דערשלעפט פארביי מיליטערישע און פּאָליצייאישע וואך-פּאָסטנס. ביז איך האָב אויף א שייד-וועג אָנגעטראָפן אויף ברייגקע אס, אן איבערגעטוענע ווי א שיקסל.

— לינקס גיי, — פליסטערט זי אוים, — וועסטו שוין דאַרטן טרעפן.

איך לאָז זיך אַראָפּ אין א טאָל אַרונטער, ווידער באַרג-אַרויף, און צווישן קוסטעס דערהער איך א שושקעריי:

— אהער, אהער!

איך בין דאָרט צו און שוין דערזען רודניצקין, סוצקעווערן און מיידענבערגן. מיר זיינען שטומע געבליבן וואַרטן אויף די איבעריקע. די גרופּע איז געוואָרן גרעסער. עס זיינען אויך צוגעקומען עטלעכע יידן, נישט קיין פּפּ"אָ-קעמפּער, וועלכע האָבן אין געטאָ די גאַנצע צייט נאָכגעפּאַרשט, וואָס עס טוען די קעמפּער, און דערשפּירנדיק, אַז מיר קלייבן זיך אין וואַלד, האָבן זיי זיך אַדורכגעשמוגלט דורך אַנדערע אַרויסגאַנגען און נאָכגעגאַנגען אונדז ביז דעם פּונקט, וווּ מיר האָבן זיך איצט צוזאַמענגעטראָפן. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט זיי קיין וואָרט נישט געזאָגט; זיי זיינען געוואָרן חברים פון זעלבן וואָפן. מיר זיינען געלעגן אויפן באַרגיקן גראָז און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַלע־מענס צוזאַמענקומען זיך און אויף דעם ווייטערדיקן מאַרש.

פלוצלינג האָט די פינצטערע שטילקייט דורכגעפּראַלט א נאָענטע שיסעריי. עטלעכע סאַלוועס איינע נאָך די אַנדערע האָבן אַריינגעבראַכט צעטומלונג אין אונדז. ס'האָבן זיך דערהערט אָפּגעהאַקטע געשרייען און לויפן.

— זאָל נאָר נישט עפּעס געשען מיט פריידקען, — איז אומרואיק סוצקעווער. מיידענבערג שיקט אַרום אַן אויסשפּירער. גיך קומט ער צוריק צוזאַמען מיט פריידקען, מיט דעם שטאַב-מיטגליד ניסן רעזניק און נאָך עטלעכע. איינער פעלט. משה שאַפּיראָ.

— וואָס איז געשען? און אַט וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן:

ברײינע איז אויף א פּאָר רגעס אָפּגעטראָטן פון איר אָרט, כדי צו ווייזן דעם וועג צו אונדזער פּונקט א פּאָר קעמפּער. דערווייל זיינען אָנגעקומען שאַפּיראָ, פריידקע, ירחמיאלקע שפּיז און יאַנקעלע מילי־קאָווסקי. נישט טרעפנדיק קיינעם, זיינען זיי, אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן, ווייטער געגאַנגען און שאַפּיראָ האָט צוליב דער פינצטערניש נישט באַמערקט, ווי ער האָט זיך דערנענטערט צו די באַן-רעלסן, וווּ מען האָט נישט געטאָרט אַריבערגיין אָן דער דערלויבעניש פון זעלדען, וואָס האָט באַדאַרפט פריער אויסשפּירן, צי מען קאָן די ליניעס אַריבער. שאַפּיראָ, געפינענדיק זיך האַרט פאַר די רעלסן, האָט פּלוצלינג באַ־מערקט, אַז ער געפינט זיך פאַר דער שטוב-וואַך. צוריקגיין האָט ער שוין נישט געקענט, כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט, האָט ער זיך דעריבער געלאָזט גיין איבער די רעלסן. פלוצלינג האָט ער דערהערט א געשריי: — האַלט! שאַפּיראָ האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט און געגו־

מען לויפן. די שיסעריי איז געוואָרן שטארקער. די איבעריקע קעמפער, וועלכע זיינען שוין אויך באלד געווען ביי די רעלסן, האָבן זיך פון אונטערן האַגל קוילן צוריקגעצויגן און אַנגעטראָפן אויף אונדזערע אויסשפירער. ס'איז געוואָרן קלאָר, אז שאפיראָ איז פארוואונדעט אָדער פארהאלטן געוואָרן. ס'איז אויך פארשטענדלעך געווען, אז די וואך האָט שוין זיכער אלארמירט די שטאָט און אז מיר קענען זיך ריכטן יעדע מינוט אויף אן ארומרינגלונג פון געשטאפּאָ און מיליטער, וואָס וועט זיך מוזן ענדיקן מיט אונדזער ערשטער אָבער אויך לעצטער שלאכט, שוין אויף דער פריי.

איצט האָב איך פארשטאנען, אז רודניצקים עיקר מורא פארן ארי־בערגיין די באן־רעלסן (אָדער די „זעלעזקע", ווי ביי די פארטיזאנער איז דאָס געווען באקאנט פון רוסיש), איז געווען א באגרינדעטע.

די דייטשן האָבן בכלל געהאלטן אויג אויף אלע וויכטיקע מילי־טערישע אָביעקטן און האָבן אוועקגעשטעלט אומעטום די געהעריקע שמירה. אָבער ספּעציעלן אכט האָבן די דייטשן געלייגט אויף די באן־רעלסן, וועלכע זיינען געוואָרן די הויפּט־אָביעקטן פון די פארטיזא־נער אויף אונטערצולייגן מינעס, כדי אויפצורייסן די באן־עשעלאָנען, וואָס פלעגן פירן צום פראָנט סאלדאטן, אמוניציע און שפייז.

פאזע די רעלסן האָבן די דייטשן אויפגעבויט בונקערס, איינע נעבן די אנדערע און פון דאָרט האָבן זיי אין די נעכט מיט רעפלעק־טאָרן כסדר באלויכטן די ליניעס, — כדי בעסער צו באמערקן די גע־פאר, וואָס עס לויערט אויף זיי.

דער קאמף פארן אריבערגיין א „זעלעזקע" האָט אָפט אָנגענומען די דראמאטישסטע פאָרמען, וואָס פלעגן זיך זייער אָפט פארענדיקן מיט שלאכטן צווישן ביידע צדדים. — פארשטייט זיך, אז איבער א זעלעזקע פלעגט מען גיין נאָר ביינאכט, ווען ס'איז געווען א מעגלעכ־קייט אונטער דער שוץ פון דער פינצטערניש דורך זומפּן, בלאָטעס און זייטיקע וועגלעך, די רעלסן אריבערצוגיין. פאר די פארטיזאנער איז אויך געווען א גרויסע הילף, ווען צו דער פינצטערניש פלעגט אראָפּ־פאלן א גאָס־רעגן צי א שניי אָדער גאָר א שטארקער פראָסט. דאן פלעגט די וואך וויניקער אכט־לייגן און די זעלעזקע אריבערגיין האָט געדראָט מיט וויניקער געפאר. איז דעריבער געווען א געוואלדיקער יום טוב, ווען פארטיזאנער האָבן שוין געהאט די זעלעזקע הינטער זיך. דאָס האָט שוין געהייסן, אז די פארגעבענע אויפגאבע וועט אויסגעפירט ווערן.

עס זיינען אָבער אויך געווען אזעלכע אויפגאבעס, וואָס כדי זיי

אויסצופירן, האָט מען באַדאַרפט אַדורכגיין הונדערטער קילאָמעטער, וואָס זיינען דורכגעשניטן געווען אין פאַרשידענע ערטער מיט באַן־ליניעס. אַזעלכע אויפגאַבן דורכצופירן איז געווען פון די שווערסטע און נישט אויף יעדן קעמפער האָט מען זיך געקענט דערויף פאַרלאָזן.

כדי אָנצוקומען אין די נאַראָטשער וועלדער, ווו עס באַזירט זיך די „וואָראָשילאָוו־בריגאַדע", צו וועלכער מיר האָבן באַדאַרפט אָנקומען, האָבן מיר געהאַט א מהלך פון קנאַפע 200 קילאָמעטער; אין דעם אַרי־בערגיין 3 זשעלעזקעס, 2 טייכן, עטלעכע שאָסייען און איבער א צענדליק דערפער. אונדזער פירער רודניצקי האָט אונדז פון פאַראויס געזאָגט, דער עיקר וועט זיין שווער אַדורכצוגיין די ערטער, וואָס זיינען פון דער מיליטערישער מאַכט באַטראַכט פאַר מיליטערישע אָביעקטן און ווערן שטאַרק באַוואַכט.

דעם טעם האָבן מיר שוין פאַרזוכט, שטעלנדיק דעם ערשטן טראָט.

קיין איבעריקע סעקונדע האָבן מיר נישט געטאָרט פאַרלירן. „מיט אַלע כוחות, וואָס עס זאָל נישט געשען, — איז געפאַלן די דעציזיע, — אָנהויבן שניידן די רעלסן דורך זייטיקע וועגן".

מיר האָבן זיך צעשאָטן איינע הינטער די אַנדערע, מיט אַן אָפּ־שטאַנד פון עטלעכע מעטער און אָנגעהויבן זיך דערווייטערן פון אָרט, ווו עס איז פאָרגעקומען די שיסעריי. די פינצטערניש, וואָס איז געווען אין אונדזערע שווערסטע צייטן, אונדזער איינציקער פריינט, האָט אָבער געשטערט צו דערזען עפּעס א סימן פון א וועג. פון א סטעזשקע.

מיר זיינען געקראָכן איבער בערגלעך, אין בלאָטעס, צווישן קוס־טעס און שטאַרק זיך באַאומרואיקט נישט אָנצוטרעפן אין חושך אויף עפּעס אַן אַנדער צרה. מיר האָבן זיך געהיט כסדר נישט צו דערווייטערן פון געררויש פון באַן־רעדער און לאָקאָמאָטיוו־סיגנאַלן. מיר האָבן שוין נישט געטראַכט וועגן דער שוועריקייט, וואָס מיר וועלן האָבן, ווען מיר וועלן שוין די זשעלעזקע אַריבערגיין, צו געפינען דעם וועג, אויף וועלכן מיר דאַרפן גיין. איצט איז געווען פאַר אונדז דאָס וויכטיקסטע צו געפינען אַזא וועג צו די ליניעס, וואָס זאָל זיין ווייט פון א וואַך־שטוב. מיר האָבן געזוכט ביימלעך, בערגלעך, קוסטעס, וואָס זאָלן אונדז באַהאַלטן פאַר א בייז אויג. אין א טאָל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, און צו אונדזער איבערראַשונג דערזען איבער אונדז, אויפן באַרג, ציען זיך באַן־ליניעס.

וואָס וואָלט דאָס יעדער איינער פון אונדז נישט אָפּגעגעבן אַרי־בערצוקומען איצט דעם באַרג?

מיידענבערג האָט זיך אַביסל פאַרלוירן און גראָד איצט. האָט מען

געמוזט גיך און דעצידירט ווענן אלעם באַשליסן און אויספירן. משה־יודקע האָט דעריבער איבערגענומען די קאָמאַנדע און אַרויסגעשיקט פאָראויס ירחמיאלן, אויסצושפּירן דעם וועג באַרג־אַרויף.

ירחמיאלקע האָט אָנגעהויבן פּויזשען אויפן באַרג־רוקן און גע־געבן א סיגנאַל צו אונדז נאָכצוגיין. מיר האָבן זיך אויף די שפּיץ־פינגער צעשפּאַנט אויף אַלע פיר אין דער גראָזיקער ווייכקייט פון באַרג און זיך אָפּגעשטעלט ביי ירחמיאלקן.

דעם צווייטן אויסשפּירער האָט רודניצקי באַשטימט מיך. דעם וועג באַרג־אַרויף, האָב איך מיט די הענט און פיס אַדורכגעדראַפּעט אין אַ מינוט־צוויי און האָב דערגרייכט דעם סאַמע שפּיץ באַרג, אויף וועלכן עס זיינען געלעגן אויסגעצויגן די רעלסן... איך האָב זיך פאַרטייעט אין זאַמד, אָנגעשפּיזט אויגן און אויערן אין אַלע זייטן. שטיל, שטיל. קיי־נער זעט זיך נישט. איך האָב געגעבן אַ שטילן סיגנאַל און ווידער האָבן זיך צעקלעטערט אויפן באַרג די פאַרטיזאַנער.

— פאָרזיכטיק, איבער די דראָטן, פאָראויס! — האָט אויסגעצי־שעט משה־יודקע.

איינגעבויגענע האָבן מיר אָנגעהויבן שפּרינגען איבער די הויכע דראָטן, כדי זיי נישט צו פאַרטשעפּען און אומפאַלן. צוויי פּאָר רעלסן זיינען מיר דורך און זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט באַרג־אַראָפּ. מיר האָבן האַסטיק געשפּאַנט, כדי וואָס ווייטער צו זיין פון די ליניעס. אַזוי זיי־נען מיר איבער נאַקעטע, אָפּגעשוירענע פעלדער, אָפּגעגאַנגען עטלעכע קילאָמעטער און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ וואַלד־ראַנד.

— אַלע זיינען דאָ? — מיר האָבן זיך אַריינגעקוקט איינע אין די אַנדערע. ס'איז פאַרשווונדן געוואָרן פון אַלעמען דער אומרו, וואָס איז אַזוי קאַנטיק געווען אויף יעדן אין געטאָ. אַזעלכע שטייפע, מוטיקע. די געזיכט־שטריכן האָבן זיך, דוכט זיך, איבערגעביטן.

— איינער פעלט, שאַפּיראָ, — האָבן אַלע מיטאַמאָל אָפּגעענטפערט און געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

## איבער אַ בריק

כאָטש מען האָט געקענט פאָראויסזען, אז נישט אלץ ווי מען האָט זיך אָנגעצייכנט פון פריער, וועט זיך לאָזן דורכפירן, זיינען מיר דאָך נישט געווען צוגעגרייט, אז שוין אויף די פעריפעריעס פון שטאָט זאָלן מיר האָבן אונדזער ערשטן דורכפאַל. אריבערגייענדיק די זעלעזקע אין גאַר אן אנדער זייט, ווי מיר האָבן פאָראויסגעזען, האָבן מיר פארלאָרן דעם וועג ווּ וויַיטער צו גיין. מיר האָבן זיך נישט געקענט אָריענטירן, אין וועלכן אָרט מיר געפינען זיך. אָנקלאפּן אין א דאָרפישער כאַטע, האָבן מיר געהאלטן, צוליב דער נאָענטקייט צום שטאָט, פאר נישט געווונטשן. האָבן מיר לויט דער עצה פון קאָמפּאַס, אין וועלכן מיר האָבן נישט שטארק געגלויבט, געשניטן איבער פארזייטע פעלדער, איבער בלאָטעס און וועלדלעך. אונדזער פּלאַן האָט אונדז פאָראויסגעזאָגט, אז אין דער ערשטער נאכט מוזן מיר אריבערגיין צוויי זעלעזקעס. די ערשטע, ביי ווילנע, האָבן מיר שוין געהאט הינטער זיך. איצט האָבן מיר געשניטן די וועגן צו די ליניעס ביים דאָרף סקייסטערי. מיר האָבן געמוזט די נאכט די צווייטע זעלעזקע דורכשניידן אויך צוליב דעם, ווייל עטלעכע קילאָמעטער ווייטער האָט אונדזער שטאַב-קארטע געוויזן אויף א וואלד, וואָס האָט געקאָנט זיין אונדזער איינציקער אָפּרו-אָרט פארן טאָג.

אויף א פעלד האָבן מיר דערזען שאָטנס פון א פויער מיט א פערד און אקער. כדי אונדזער ציל צו דערגרייכן, האָבן מיר באשלאָסן נעמען דעם פויער מיט זיך, כדי ער זאָל אונדז ווייזן דעם וועג. ער האָט זיך דערשראָקן, דער אלטיטשקער, דערזעענדיק די באוואָפנטע.

— פיר אונדז צו די ליניעס און מירן דיר באצאָלן דערפאר, אָבער געדענק, אויב דו וועסט אונדז פירן אנדערשוואו, דאן דערשיסן מיר דיך.

דער פויער האָט זיך געצלמט און קיין וואָרט נישט רעדנדיק, גע-מאכט א באוועגונג, קיינער זאָל נישט רעדן און גיין נאָך אים.

מיר זיינען נאָכגעקראָכן דעם פויער, וואָס האָט אונדז געפירט צווישן קוסטעס דורך דעם הארבסטיקן פארטאָגיקן טוי. דער פויער האָט

גיך געטאָפּטשעט פּאָראויס, אויסמיידנדיק אפילו זייטיקע סטעזשקעס. עס האָט זיך אָנגעזען, אז יעדער קוסט איז דאָ אים באַקאַנט, און אז ער וויל וואָס גיכער דערגיין צו די ליניעס, איידער די זון וועט זיך באַווייזן. דערזעענדיק פון דערווייטנס די ליניעס, האָבן מיר פריי אָפּגעאָטעמט. דער פויער איז ארויף דער ערשטער, און מיט א האַנט־פּאָך געהייסן גיין נאָך אים. בשלום זיינען מיר אלע אריבער די זעלעזקע און דעם פויער געהייסן גיין צוריק, און אים אָנגעזאָגט, אז מיט זיין קאָפּ איז ער פאַראַנטוואָרטלעך, אויב ער וועט ווער וועמען א וואָרט זאָגן.

אין א האַלבער שעה ארום, אזייגער 6 פאַרטאָג, זיינען מיר שוין אריין אין א גרעסערן וואַלד, און אוועקשטעלנדיק וואַך־פּאָסטנס, האָבן מיר דעם ערשטן טאָג אויף דער פריי זיך צעלייגט אָפּרוען.

דאָס געפיל, אז מיר זיינען שוין וואַלד־פּאַרטיזאַנער, אז מיר האָבן שוין איבערגעריסן מיטן געטאָ, האָט שטאַרק געווירקט אויף מיר. איך האָב זיך געוואָלט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אן איינדרוק אין געטאָ האָט געמאַכט אונדזער אוועקגיין. עס האָבן זיך פונאַנדערגעכוואַליעט אין מוח די פאַנטאַזיעס פון פּאַרטיזאַנישע קאַמפן. ווי אזוי זעען אויס בכלל פּאַרטיזאַנער. ווי וועט דאָס אויסזען אונדזער ערשטע טרעפונג מיט זיי?

— אז איר זיינט שוין פּאַרטיזאַנער — זאָגט משה־יודקע — זאָגט שוין דאָס אליין, וואָס איר גייט ווי פּאַרטיזאַנער, נאָר אין די נעכט און אין די טעג וועלן מיר מוזן איבערטאָגן ערגעץ אין די וועלדער. אויב מיר זאָלן בשלום דערגיין צו אונדזער ציל, וועט דער גאַנג אליין זיין די ערשטע און געוואַלדיקע אויפגאַבע, וואָס מיר וועלן דורכפירן, ווייל זעלטן ווען טרעפט איצט, אז פּאַרטיזאַנער זאָלן זיך לאָזן אין א וועג פון 200 קילאָמעטער, ווו מען דאַרף אריבערגיין עטלעכע זעלעזקעס, און דער עיקר — דער עיקר א פּאָר בריקן און הויפּט־שאָסייען.

ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן פון משה־יודקעס רייד, אז אריבערגיין א זעלעזקע האָט נישט אין זיך קיין העלפט סכנות, ווי עס האָט דאָס דורכגיין א בריק. ווייל אויב א זעלעזקע קען מען אריבערגיין אין פאַרשיידענע ערטער, האָט א בריק בלויז איין־איינציקן דורכגאַנג. און אזוי ווי אונדז איז פאַרגעשטאַנען אריבערצוגיין די זעלבע בריק אויף וועלכער עס זיינען געפאַלן, מיט איניקע וואָכן צוריק, די פּפּ״אָ־קעמפער מאַצקעוויטש, די גאַרדאַנ׳ס, פּילניק און אנדערע, האָבן מיר ערשט באַנומען די שווערע און געפערלעכע אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן אדורכצומאַכן.

— מיר וועלן זיך אָנהויבן רירן פון דאַנען — האָט פאַרענדיקט משה־יודקע, — ווען ס׳וועט ווערן פינצטערלעך. צו דער בריק וועלן מיר



העלדישע געטאָ־קעמפערס און פּאַרטיזאַנערס

1) יוסף בעליטש, 2) א. טייטש, 3) יצחק קאָוואַלסקי, 4) קאָמיטעט פון דער פּאַר־טיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ, אין מיטן חיים יעלין, 5) אברהם זשע־לעזניקאָוו, 6) ברוך פּענאַאוסאָוו, 7) פּרעגער, 8) ברוך גאָלדשטיין (אויסער דער דער גרופּע, אַלע ווילנער).



## מערדערס און זייערע קרבנות

1) מורער (רעכטס) און היגנסט, 2) מארטין ווייס, 3) קיטטעל (הענקערס פון דער ווילנער באפעלקערונג), 4) געהאָנגענע יידן, 5) דערמאָרדעטע געפאנגענע אויף פּאָנאר, 6) קבר פון 200 דערשאָסענע פּאָליאקן הינטער ווילנע, ביי דעם שטעטעלע ליגטעפּ.

צוקומען האַלבע נאַכט, און נאָכן אַריבערגיין זי, וועלן מיר נאָך מוזן מאַכן א וואַסערע 20 קילאָמעטער, כדי פאַרטאָג קענען אָנשפּאַרן צו א גרעסערן וואַלד.

דער טאָג איז פאַר אונדז גוט צונויף געקומען. די זון האָט אַרויס־געצויגן פון אונדז די נאַכטיקע קעלט. מיר האָבן אויסגעטריקנט די קליידער, זיך גוט אויסגעשלאָפן און ווי דאָס זעלבע האָט אויך געטון די זון — זי איז געגאַנגען איר ווייטערדיקן וועג און געלאָזן א דערמאָ־נונג פאַר אונדז צו זיין גרייט, — דער אָוונט קומט אָן.

אויסגערוטע האָבן מיר זיך געלאָזן אין דער טונקלקייט פון אָוונט אין וועג אַריין. ווו עס איז געווען מעגלעך, האָבן מיר אויסגעמיטן דורכ־צוגיין ישובים. אָבער אין דער שפּעטער נאַכט, כדי נישט צו פאַר־בלאָנדזשען אָן א זייט, האָבן מיר אויך דורכגעשניטן אייניקע דערפער. קיינער פון די פּויערים האָט זיך נישט באַוויזן פאַר די טירן, כאָטש זייערע הינט פלעגן כסדר בילן. אפנים, אַז זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'איז בעסער נישט אַרויסצוגיין. ווו־נישט־ווו האָבן מיר באַמערקט א קאָפּ אין א פענצטער, וואָס פלעגט גיך צוריק פאַרשווינדן.

מיר זיינען געגאַנגען מיט א נאָרמאַלן טראָט, נישט גיך, אָבער אויך נישט לאַנגזאַם. די ערשטע עטלעכע צענדליק קילאָמעטער האָבן אַלע גייער דעם וועג נאָכגעהאַלטן. אָבער אין וועג האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן די שטורמער און די, וועלכע שטייען אָפּ. צוערשט זיינען אָפּגעשטאַנען אייניקע פרויען, דערנאָך זיינען אויך צוגעקומען עטלעכע מענער. די עיקר־סיבה פון אָפּשטיין איז געווען די נישט צוגעפּאַסטע שיך צום וועג. אויפן פערטן צענדליק קילאָמעטער האָבן זיך ביי א טייל גייער אָנגעריבן די פיס. אויך מיר האָבן מיינע שטיוול אָנגעריבן די פיס ביז בלוט און געמאַכט ווונדן. איך האָב געמוזט אויסטאָן די שטיוול און גיין באָרוועס. אויך די איבעריקע האָבן אַזוי געמוזט נאָכטאָן. פון גיין א באָרוועסער אין דער האַרבסטיקער קעלט, ביינאַכט, נישט זעענ־דיק צוליב דער פינצטערניש דעם וועג, וואָס איז געווען פאַרזייט מיט צווייגן, שטיינער, בלאָטע, גריבער, בערגלעך, האָט נישט איינער פון אונדז די פיס נאָכמער צעקאַליעטשעט. די אינערין האָט אָבער געטריבן כסדר פאָראויס און פאָראויס. פאַרבונדן די שטיוול און פאַרוואָרפן זיי אויף דער פּלייצע, האָב איך אפילו נישט געפילט ווי די פיס בלוטיקן, ווי די ווונדן עפענען זיך. כ'האָב שוין אפילו אויפגעהערט צו פילן די אָפּטע ווייטיקן, וואָס פלעגן קומען פון א זעץ אין פוס פון א שטיין, צי פון א קוסט.

דער עיקר איז געווען, — וואָס מער קילאָמעטערס מאַכן די נאַכט.

איצט איז געווען דאָס איינציקע — ווי קומט מען אריבער די בריק, וואָס איז צעלייגט אויף דעם טייכל אַשמיאַנקע? גראָד איז דאָס טייכל אין די ערטער גאַנץ טיף. דורכגיין אים איז אוממעגלעך. דורכשווימען איז זייער קאַלט און דערצו קענען נישט אַלע שווימען. אויך קיין שיפ־לעך קען מען נישט קריגן. עס בלייבט דעריבער איינס — דורכגיין די בריק. וואָס נענטער מיר זיינען דערגאַנגען צו איר, אַלץ גרעסער איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן די שרעק: צי זאָלן מיר אַמאָל נישט האָבן דעם זעלבן קבלת־פּנים ווי אונדזערע חברים.

נישט דערגייענדיק צום לעצטן דאָרף, וועלכן מיר האָבן געמוזט דורכשניידן צו דער בריק, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן דורכגעקוקט אונדזער געווער. אָפּגערעדט האָבן מיר, אַז איבער דער בריק זאָלן מיר גיין צו 4 מאַן, כדי אויסצומיידן, אין פאַל פון אַ שלאַכט, אַ גרעסערע צאָל קרבנות.

— פּאַרטיק?

— פּאַרטיק! — האָבן מיר אויסגערופן.

— מאַרש!

ס'האָבן זיך צעבילט אין דאָרף די הענט. דאָ זיינען מיר געגאַנגען אַלע צוזאַמען, כדי צו דערשרעקן די, וועלכע וואָלטן אונדז געוואָלט בייז־טון. אין אַ 15 מינוט אַרום זיינען מיר שוין געווען אויף דער הויכקייט, פון וואַנען מיר האָבן דערזען אַן אויסגעצויגענע איבערן טייך די לאַנגע בריק. מיר האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם. זיך צוגעהערט, צי קומט נישט פון ערגעץ קיין מענטשן־שאָרך, זיך אומגעקוקט, אפשר וועלן מיר באַמערקן אין דער פינצטערניש כאָטש אַ פונק פון אַ פּאַפּיראָס, וואָס זאָל אונדז די געפאַר אַנטדעקן. ס'איז אָבער קיין זאַך נישט געווען צו זען, נישט צו הערן. טויט־שטיל. אפילו דער ווינט האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן, און די בלעטער און גראָזן האָבן זיך ווי איינגעהערט און צוגעקוקט.

די ערשטע זיינען אַוועק משה־יודקע, ירחמיאלקע און יאַנקעלע. וואָס ווייטער זיי זיינען אַוועק, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן דאָס האַרץ־קלאַפּעניש. שטיל, שטיל. מיר האָבן אָפּגעוואַרט 3 מינוט און זיך געלאָזן אַלע, איינע הינטער די אַנדערע. שטיל האָבן זיך געוויגט און געקרעכצט די ברעטער פון דער הילצערנער בריק אונטער אונדז. די שטילקייט האָט אונדז אַנגעפילט מיט האָפענונג, אַז אַלץ וועט דאָך אריבערגיין, כאָטש יעדע סעקונדע האָט געקענט אַ פייער־שיסעריי באַווייזן, אַז אַלץ איז געווען בלויז אַן אָפּנאַרעריי.

די שרעק האָט גרויסע אויגן! — האָט זיך אָנגערופן פריידעלע, ווען מיר זיינען אריבער די בריק.

— און איצט, חברה, — האָט א פריילעכער משה־יודקע אויסגע־רופן, — האָבן מיר זיי אין דער ערד! פאַראויס, מארש!

ווער האָט עס געקוקט אויף די צעבלוטיקטע פיס? ווי איך וואָלט גאָר פארגעסן, אז איך גיי מיט זיי...

דער מארש, וואָס מיר האָבן פארנומען נאָכן אריבערגיין די בריק, איז געווען דער לייכטסטער פאר אונדזער גאנצן וועג.

— איצט דארפן מיר איין זאך באווייזן, — האָט משה־יודקע אויס־גערופן אין וועג, — אריבערכאפּן זיך אויף דער אנדערער זייט פון טייך ווילִיע. דאָרט וועלן מיר שוין זיין אויפן פערד. דאַן וועלן מיר שוין זיין אין דער פארטיזאנישער זאָנע.

האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן טראכטן: ווי דערגייט מען שוין צו דער ווילִיע און ווי געפינט מען זיך שוין אין דער פארטיזאנישער זאָנע?

און צו דער ווילִיע דערגיין דארף מען האָבן נאָך גוטע צוויי נעכט, איבער 60 קילאָמעטער.

# הונגער און דורשט

שפייז האָבן מיר פון געטאָ מיטגענומען בלויז אויף א פּאָר טעג. ס'איז געווען פּאָראויסצוזען, אז די ערשטע 4—5 טעג וועלן מיר דארפן צוהונגערן און ווען מיר וועלן זיך ערשט דערנענטערן צו דער פּארטיזאַנישער זאָנע, וועלן מיר שוין נאָך שפּייז קענען אריינגיין צו די פּויערים.

אָבער איין זאַך, וועגן וואָס מיר האָבן לחלוטין נישט געטראכט, אז דאָס איז אונדז נויטיק מיטצונעמען איז געווען — וואסער. ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, אז אונטערוועגס, איבער די ליטווישע און ווייסרוסישע וועגן, וועלכע זיינען פון אייביק דורכגעזאפּט מיט בלאָטעס, מיט אָזיערעס און ברונעמער, זאָל פאַר אונדז א טרונק וואסער ווערן א פּראָבלעם.

ווען מיר האָבן אויסגעזוכט ערטער ווו צו טאָגן, האָבן מיר זיך נישט אומגעקוקט, מיר זאָלן זיך נישט געפינען נאָענט פון א דאָרף, נאָענט פון א שאָסיי, אָדער אין אזעלכע ערטער, ווו עס איז מעגלעך, אז דאָרט זאָלן פּוערים קומען פּאשען זייערע בהמות, האָלץ־האַקן א. ד. גלייכן.

מיר האָבן געזוכט נאָר אזעלכע ערטער צו טאָגן, ווו קיין מענטש זאָל נישט וועלן גיין אהין. איז פאַר אונדז געווען א גליק, ווען מיר פלעגן אָנטרעפן אויף בלאָטעס, זומפּן, גרעסערע וועלדער. אהין פלעגן מיר זיך פארקלייבן און כאָטש קעלט און נעץ האָט זיך אונדז גוט איינגעגעסן אין די ביינער, איז עס אונדז ליב געווען.

פארשטייט זיך, אז אין אזעלכע וויסטענישן האָבן מיר אויך נישט געקענט באקומען נישט קיין שפּייז און נישט קיין וואסער. אויך אין די נעכט, אין גאנג, ווען מיר האָבן געזוכט אויסצומיידן יעדן קלענסטן באוווינטן אָרט, ווען מיר האָבן געזוכט אויסצומיידן נישט נאָר שאָסייען און וועגן, נאָר אפילו איבער סטעזשקעס האָבן מיר נישט געוואָלט גיין, האָבן מיר נישט נאָר קיין שפּייז נישט געקענט געפינען, נאָר אויך פאר א טרונק וואסער זיינען מיר אויסגעגאנגען.

מיר האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז יעדע קלענסטע אומפּאַרזיכטי־קייט קען אונדז זייער טייער קאָסטן. א פּויער, וואָס האָט אונדז א טאָג פריער געטראָפן רוענדיק אין וואַלד, האָבן מיר תיכּף אַרעסטירט, און א גאַנצן טאָג געהאַלטן אונטער וואַך, און ערשט, ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן צו גיין, האָבן מיר אים אָנגעזאָגט, אַז אין א האַלבער שעה אַרום נאָך אונדזער אַוועקגיין, קען ער זיך רירן פון אָרט און ער זאָל קיינעם נישט וואַגן צו זאָגן, ווו ער איז געווען, אויב נישט, האָבן מיר אים געדראָט, וועט ער און זיין גאַנצע משפחה טייער באַצאָלן דערפאַר.

א טאָג־צווויי נישט דערעסן און נאָך א פּאָר טעג אינגאַנצן נישט עסן איז נאָך פונדעסטוועגן נישט אַזוי געפערלעך, ווי נישט האָבן וואָס צו טרינקען.

דער נאַכטיקער גאַנג האָט אין אונדז נ י ש ט ווי געוויינלעך פאַרשטאַרקט דעם ווילן צו טרינקען. צו יעדן זומפּיקן וואַסער, צו יע־דער בלאָטע, פלעגן מיר צופאַלן און מיט די היטלען אָדער אויסגעצווי־גענע איבער דער נעץ, טרינקען, טרינקען, נישט קוקנדיק וואָס עס קאָן אונדז פאַרשאַטן, ווי אַנדערע האָבן אונדז געוואָרנט; נישט קוקנדיק וואָס דאָס בלאָטיקע וואַסער איז זיכער נישט געווען קיין... פילטרירטע, און באַקטעריעס האָבן דאָרט נישט אויסגעפעלט.

גייענדיק איבער פעלדער, האָבן מיר געפונען א פּאַרזייטן גאָרטן מיט קרויט. מיר האָבן אַרויסגעריסן די בלעטער פון די קעפּלעך קרויט און געשטילט דעם הונגער און מיטן זאַפט אויך אַביסל דעם דאָרשט.

פאַרבייגייענדיק אָן א זייט א פאַרוואָרפענע כאַטקע, האָב איך מיט יאַנקעלען באַשלאָסן, וואָס עס זאָל נישט זיין, אָנקלאַפּן צום פּויער און בעטן וואַסער.

דער פּויער, מורא האָבנדיק אַרויסצוגיין צו אונדז, האָט מיט א האַנט אַרויסגעשטעקט דורך דער טיר־פאָרטקע א קענדל וואַסער.

— א גאַנצן עמער דערלאַנג! — האָב איך זיך צעשריען.

ס'האָט קיין מינוט נישט געדויערט און דער פּויער האָט אויסגע־פילט דעם באַפעל. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צום וואַסער, ווי צום בעסטן מאכל. וואָס מער איך האָב געטרונקען, אַלץ מער האָט זיך געוואָלט. אָבער דעם גאַנצן עמער וואַסער מיט איין מאָל האָבן מיר נישט געקענט אויסטרינקען. מיר האָבן זיך נישט געקענט שיידן מיטן נישט דערענ־דיקטן וואַסער און געוווּסט, אַז אין א האַלבער שעה אַרום וועלן מיר ווידער אויסגיין נאָך א טראָפּן.

דער וועג האָט באַדאַרפט. אויב עס זאָלן זיך נישט מאַכן קיין שטערונגען, דויערן 7 טעג. מיר האָבן אָבער פאָראויסגעזען, אַז אַלץ כשורה וועט זיכער נישט אָפּגיין, און אויב מיר וועלן אָנקומען אויף אָן אָרט, אויפן אַכטן טאָג, וועלן מיר אויך האָבן אונדזער ציל גאַנץ גוט באַוויזן. ס'האָט איינמאָל געטראָפן, אַז מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט אָפּ־געבלאָנדזשעט און פאַרטאָג זיך געכאַפּט, אַז מיר זיינען נישט ווייט פון אָרט, פון וואַנען מיר זיינען נעכטן אַרויסגעגאַנגען. אַ צווייטן מאָל האָבן אונדזערע אויספירער אונדז געגעבן צו וויסן, אַז ביים דאָרף זאַכאַריישאַק איז אָנגעקומען אַ דייטשע שטראָף־עקספּעדיציע. מיר האָבן געמוזט מאַכן אַן איבעריקן מהלך און ווידער אָנגעלייגט איבעריקע 30 קילאָמעטער גאַנג אויף אומבאַקאַנטע און נישט־זיכערע וועגן.

דערגרייכן צו דעם ווילִיע־טייך און אַריבער אויפן אַנדערן זייט — דאָס איז געווען איצט אונדזער חלום. מיר האָבן געוווּסט, אַז צוליב סטראַטעגישע טעמים ווערן שטרענג באַוואַכט די בריקן איבער די גרע־סערע טייכן. מיר האָבן דעריבער געמוזט אַריבער דעם טייך מיט שיפ־לעך. פאַרשטענדלעך, אַז דאָ האָבן מיר געמוזט אויסגעפינען אַ מער־ווייניק זיכערן אָרט. מיר האָבן געדאַרפט אויסגעפינען נעבן טייך אַן איינציק שטיבל פון אַ פּויער, וואָס האָט זיכער שיפלעך און ער זאָל אונדז אַריבערפירן.

ווייניק געגעסענע, דאָרשטיקע, מיט צעווונדיקטע פיס, האָט אונדז דער ציל דאָך געטראָגן פאָראויס. מען האָט נישט געטאָרט אָנווערן דעם ריטם פון גאַנג, כדי נישט אַרויסצורופן די מידקייט פון די גלידער. משה־יודקע האָט בשום אופן נישט געלאָזן זיך צוזעצן ביי די 5־מינוטי־קע „פּערעקורקעס" („צו פאַררויכערן").

— וועט איר זיך זעצן, פּטרט איר זיך אוועק... וועט איר שוין ווייטער נישט קענען גיין. דער בעסטער מיטל זיך אָפּצורוען אין אַ ווייטן גאַנג איז רוען שטייענדיק.

אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? מיר האָבן אויסגעהערט די דערקלע־רונג פון אונדזער פירער און געמוזט פאָלגן.

אויף אַזעלכע „פּערעקורקעס" פלעגט אונדז משה־יודקע כסדר פאַר־זיכערן:

— נו, חברה, וועלן מיר זיין אויף דער אַנדער זייט ווילִיע, וועלן מיר אין ערשטן בעסטן דאָרף זיך אַריינכאַפּן, זיך גוט אָנעסן און הייסן די פּויערים זיי זאָלן אונדז אָפּפירן צום וואַלד... וועלן מיר זיין אויף

דער אנדערער זייט, האָבן מיר שוין די דייטשן אין דער ערד. דאָרט וועלן מיר שוין די נעכט שלאָפן אזוי ווי אלע מענטשן און בייטאָג וועלן מיר גיין צום וואלד אָדער פאָרן.

דעם אמת געזאָגט, האָט זיך נישט שטארק געלייגט אין די געדאַנקען, ווי אזוי קאָן עס געמאָלט זיין, אז די דייטשן זאָלן האָבן מורא פאר אונדז און נישט מיר פאר זיי און ווי אזוי מען וועט עס ארייננגיין אין א דאָרף און הייסן די פּויערים איינשפּאנען פערד־און־וואָגן און אונדז פירן. וואָס, אין די דערפער זיינען דען קיין פּאָליציי נישטאָ? זיינען דען נישטאָ נאָענט פון די דערפער און ביי די וועגן קיין דייטשע גארניזאָנען?

— נו, איר זעט דאָך!... — האָט משה־יודקע אויסגערופן, ווי יענער חסיד, וועמען זיינע צוהערער האָבן נישט געוואָלט גלויבן אין זיין רבינס ניסים. מיר האָבן זיך טאקע דערמאָנט אָן דעם אנעקדאָט און אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער.

— נו, נו, מירן זען, ווער עס וועט לאכן!

רודניצקיס זיכערקייט האָט אין אונדז דאָך פארוואָרפן פונקען פון האָפענונג, אז עפּעס איז דאָך אנדערש אין דער פּארטיזאנישער זאַנע, אפשר נישט אינגאנצן אזוי ווי ער זאָגט, אָבער...

איך באוווּנדער פריידקען. זי איז די בעסטע אין גאנג. פריש און געזונט און טראָגט נאָך אויף זיך דעם גאנצן באגאזש. פון די מיידלעך גייען אויך נישט שלעכט פּירקע, גליקע און ציפּקע. פון די יינגלעך האלטן זיך מוסטערדיק ירחמיאלקע, יאנקעלע און משה־יודקע. זיי זיינען גרינג אויפן גאנג. די ערשטע צוויי זיינען אונדזערע אויסשפּירער, גייען זיי אָפט קילאָמעטערס פאָראויס און דערנאָך צוריק און קוקן־אויס די פארשידענע וועגן און סטעזשקעס, אויף וועלכע עס איז בעסער צו גיין. ס׳טרעפט אז זיי טרעטן אָפּ פון וועג און שלייכן זיך אריין אין דער פינצטערניש צו א פּויער אין א פארוואָרפענער כאטע און קומען ארויס צוריק מיט א האלבן לאבן ברויט, מיט אָפּגעקאָכטע קאלטע קארטאָפל, מיט א לאדעש מילך.

ענדעלך, ענדלעך, האָבן מיר דערגרייכט צום ברעג פון דער ווויליע. אונדזער אלטער, באקאנטער טייך האָט אויך אין דער ווייטקייט פון אונדזער ווילנע, וואָס ער שניידט דורך, זיין אויסזען נישט געביטן. דוכט זיך, אין די זעלבע רויע זאמד־אָרעמס ליגט ער דאָ, דער טייך.

דער זעלבער צאפל פון בלאָען צודעק, און איבער אים — שפיגלט זיך דער קאלטלעכער קאיאר, וואָס קוקט פון הימל אראָפ.

מיטן פויער האָט מען קיין סך נישט באדארפט רעדן. געווים איז עס נישט דער ערשטער פאל, ווען ער דארף איבערשווארצן אין די נעכט פארטיזאנער און אז מען מוז, טוט ער דאָס זעלבע אויך אין מיטן העלן טאָג. באוואָפנטע מענטשן מוז מען פאָלגן. מיט משה־יודקען האָט ער זיך דערפרייט; ער געדענקט אים גוט פון די פריערדיקע נעכט... פריי־לעכער געוואָרן אויפן הארצן.

אין פארטאָג האָבן דאָס שטילע וואסער געשניטן די וויאָסלעס פון שיפל. די וויאָסלעס האָבן ריטמיש און פריידיק צוגעפאטשט אין וואסער אריין, אזוי ווי פריידיק עס האָט געקלאפּט דאָס הארץ; עס האָט אָנגע־הויבן זינגען אין אונדז. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז מיר שיפן זיך איצט אויף דער וואָלגע, אויף דער אמאָליקער וואָלגע, אז מיט אונדז צוזאמען שווימט סטיענקא ראזין און מיר זיינען די צעבונטעוועטע פויערים און קנעכט. מיר שווימען פון דער נאכט אין פארטאָג אריין, און באלד, באלד וועט זיך באוויזן די זון און מיט איר צוזאמען די, וועלכע וועלן די זון ברענגען.

באלד, באלד און מיר וועלן צום ברעג צושווימען און פון דער אנ־דערער זייט וועלן מיר הויך די פאָן פון בונט און נקמה אויפהויבן!

דער ברעג האָט א שטוים־געטון דאָס שיפל. איך האָב זיך א וויג־געטון, אויפגעכאפּט פון די וויגנדיקע געדאנקען און ארויסגעשפרונגען אויפן אנדערן זייט.

נו, חברה! — האָט משה־יודקע אויסגערופן און א פאטשט געטון מיר איבער דער פלייצע, — מיר זיינען דאָ!

— און איצט וועלן מיר זען, וואָס מיר האָבן פון דיר געהערט, — טו איך צו אים א זאָג.

— וועסט זען, וועסט זען, ברודערקע, און איצט פארצי א ניגון.

ס'האָט זיך נישט געזונגען. אין הארצן האָט זיך צעוואקסן א שטור־רעם מיט כוואליעס. „וואָס וועט ווייטער זיין"? — האָב איך געפרווט טרעפן. ס'האָט אָבער א זעץ־געטון מיטאמאָל אין די אויגן אריין דאָס געטאָ. ווייט זיינען מיר געווען פון דאָרט. נישט נאָר אין קילאָמעטערס; עס איז מיר אויסגעקומען, אז אין געטאָ בין איך גאָרנישט געווען, אז עס איז אלץ געווען א ווינסטער בייזער חלום.

אָבער צו הארט און גרויזאם איז געווען די וואָר. כ'האָב זיך דער־

מאַנט אין לעצטן אָוונט ווי מיר זיינען ארוים פון געטאָ... און ליגנדיק אזוי איצט אויפן גראָזיקן פלאכלאנד ביי דער וויליע, האָט זיך מיר דערמאָנט עטלעכע ווערטער פון מיין פּארטיזאנער־ליד:

מיט אונדזערע פעסטע גלידער,
געמוסקולט אין שטאָל און אין בליי,
גייען מיר פון געטאָ היינט ארוים,
כדי מאָרגן אייך צו ברענגען די פריי!

ווען מיר באווייזן צו ברענגען דעם געטאָ די פרייהייט?

ס'האָט זיך זייער געוואָלט, אָבער איך האָב שוין נישט געגלויבט אין דעם. כ'האָב געגלויבט אז די פרייהייט וועט קומען, אָבער די פאר־בליבענע יידן אין ווילנער געטאָ וועלן דאָס נישט דערלעבן צו זען...

## שווינדזוכט מיט פוטער

מאטשון, דאָס ערשטע דאָרף אויף דער אנדערער זייט פון דער ווילי, וווּהין מיר זיינען אָנגעקומען, איז נאָך געשלאָפן. משה־יודקע האָט פאַרטיילט די גרופּע צו 3 מאַן און יעדן איינעם אָנגעוויזן א שטוב:

— אָט דאָ דאַרפט איר אריינגיין עסן. עסט זיך אָן, אָבער עסט זיך נישט איבער.

זאלבעדריט זיינען מיר אריין צו א פּויער מיט א גלעזערנער וועראנדע. „א פּויער מיט א גלעזערנער וועראנדע" האָט געהייסן ביי אונדז, א רייכער פּויער און פאַרשטייט זיך, אז יעדערער פון אונדז האָט געוואָלט אריינגיין בעסער צו א רייכן פּויער, איידער צו אן אָרימען.

אין פינצטערן פענצטער פון דער כאטע האָט זיך באוויזן א פאַרשלאָפענע באָרד.

— עפנט אויף, אייגענע! — האָב איך א געשריי געטון.

— ווער אייגענע? — שרעקט זיך איבער דער פּויער פון מיין געשריי.

— עפן אויף, זאָג איך דיר, אייגענע, פּאַרטיזאַנער!...

דער פּויער איז גיך פאַרשוווּנדן פון פענצטער און דורך דער צעסקריפּעטער טיר אויסגעשריען:

— אהער קומט, חברה, אהער!

דאָס ערשטע מאָל, זינט יאָרן, אין א מענטשלעכער שטוב. ס'האָט געשמעקט מיט פריש־געבאקן ברויט און געריסן די נאָזלעכער.

— זיידעשי, עסן גיב אהער. מיר שטאַרבן עסן.

— זיידעשי, טרינקען גיב אהער, איך גיי אוים!

ס'האָט זיך דערשפּירט ווי דער פּויער כאַפּט אָפּ דעם אָטעם.

— עסן? טרינקען? וואָס זאָל איך אייך געבן? מער ווי ברויט מיט פּוטער האָב איך נישט.

— און מילך?

— און זויער־מילך?

— פון מילך און זויער-מילך וועל איך אייך א וואנע מאכן... איר וועט אָבער דעם מאָגן קאַליע מאכן, חברה...

— פאר אונדזער מאָגן וועלן מיר אליין שוין זאָרגן.

— נישט געטראכט זיידעשי, אלץ אויפן טיש, אפילו א בהמה א גאנצע!

— אויף די בהמות האָבן זיך שוין מרחם געווען אנדערע פּאַרטי־זאַנער.

אויפן טיש האָט זיך באוויזן אזא גרויסער לאבן ברויט, וואָס איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען. זיכער א האַלבער פוד. ווי געוויינלעך איז די מעליקע זייט פון ברויט א באבלעטערטע. כ׳האָב א שניט גע־טון איבער דעם מיטן און צעשניטן אין המוציא׳ס.

— פּוטער אהער, ווו איז די פּוטער?

— אָט איז פּוטער, קינדערלעך, שרייט נישט... מיין אלטע ליגט קראנק אויף שווינדזוכט; זי קאָן נישט פאַרטראָגן קיין געשרייען: — איז זיך פאַרגאנגען דער פּויער אין א שטיקנדיקן הוסט.

עס האָט שוין אָפּגענומען ביי מיר דער אפּעטיט פון עסן.. שווינד־זוכט מיט פּוטער... עפּעס נישט קיין וואזשנער מאכל. אָבער דאָס פרישע ברויט בעט זיך פּשוט און די פּוטער אין לאדעש איז ווי ערשט פון בוי־קע ארויס.

— קוקט נישט אהין — זאָג איך צו דער חברה, וועלכע האָבן זיך צעקוקט אין א ווינקל, ווו עס האָט זיך פונאנדערגעקייכט די פּויערטע.

— קוקט אהער!

— אָנגעהויבן!

קיין פּוטער האָבן מיר שוין נישט געזשאלעוועט. געגעסן פּוטער מיט ברויט און נישט ברויט מיט פּוטער.

איך האָב זיך אזוי אָנגעגעסן, אז ס׳האָט מיר אָנגעהויבן איבלען פון צופיל פעטס, וואָס איך האָב געגעסן.

— ווי ברעכט מען דאָס אויס? — האָב איך געפרעגט די חברה.

ס׳האָט זיך דערהערט א סיגנאַל-שאָס פון משה-יודקען. מיר זיינען גיך ארויס פון שטוב. אויף א ראָג געסל האָבן מיר זיך אלע צוזאמענ־געקליבן.

— נו, חברה, אָנגעגעסן זיך, האָ? איצט וועלן מיר מאכן א 3 קי־לאָמעטער צו א דאָרף און דאָרטן וועלן מיר נעמען פורן.

אָך, ווי פארמאטערט מיר זיינען געווען! ווי די פּיס האָבן געוווּנ־דיקט! ערשט איצט, נאָכן זאטן אָפּעסן, האָבן מיר דערשפּירט, אז מיר קענען קיין טראָט נישט שטעלן. ווען וועלן מיר זיך שוין אויסרוען?

די 3 קילאָמעטער זיינען, דוכט מיר, געווען די שווערסטע אין וועג, וואָס מיר האָבן געהאַט די גאַנצע צייט.

ענדלעך האָבן מיר דערזען די ערשטע כאַטע פון דאָרף.

ווייטער נישט פון אָרט, — האָב איך מיר געטראַכט, — אפילו ווען מען זאָל מיך אוועקטראָגן אַ טויטן. און ווי שטענדיק זיינען אויך דאָס מאָל ירחמיאלקע, יאַנקעלע און משה־יודקע געווען פון די איינציקע, וואָס זיינען אוועק אין דאָרף אויפקלייבן פורן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין דאָרף אַ גערודער. קיינער פון די פויערים האָט קיין חשק נישט צו פאָרן. איין פויער שיקט אָפּ צום אַנדערן. די חברה האָבן אָבער צו הילף גענומען זייער געווער. זיי האָבן אָנגעהויבן סטראַשען און שיסן אין דער לופטן. אין דאָרף איז געוואָרן אַ מהומה. גיך האָבן זיך צערעדערט איבער דעם דאָרפישן ברוקירטן וועג די וועגענער, וועלכע זיינען פאַרפאָרן גלייך צו אונדז. קוים, קוים האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויף דער פור; די גלידער האָבן געבראָכן, די פיס האָב איך אויפגעהערט צו שפירן. אונטער דער שפּרינגערייַ פון די רעדער אויפן ברוק האָבן זיך נאָך מער צעטרייסלט די גלידער. אָבער די פיס האָבן זיך אויסגערוט. לייכטער איז געוואָרן, ווען די רעדער האָבן אָנגעהויבן שניידן די זאַמדיקע וועגן.

דאָס ערשטע מאָל פאָרן מיר בייטאָג.

— קומען דאָ טאַקע קיינמאָל נישט די דייטשן? — פרעג איך אונדזער פויער, נישט קענענדיק קומען צו זיך פון דער מאָדנער פרייהייט, וואָס מיר האָבן זיך אַליין גענומען.

— שוין באַלד אַ יאָר ווי זיי שמעקן דאָ נישט אַריין. זיי האָבן מורא, און טאַקע נאָך וואָס קריכן, ווען עס דאַרף קאָסטן דעם קאָפּ? — ענטפערט דער פויער.

— ווי אַמאָל... פראַנק און פריי. קיינער שטערט נישט. פאָר און פאָר. ס'דערמאָנט זיך קולבאַק:

גוט אַזוי צו שפּאַנען איבער פעלדער און וועגן,

דו ווייסט נישט וווּהין און דו ווייסט נישט פונוואַנען...

— ווו זעט מען שוין די פּאַרטיזאַנער? — קען איך אַלץ נישט איינשטילן מיין נייגעריקייט.

— באַלד, באַלד, ביים נאָענטסטן דאָרף וועט איר שוין טרעפן זייערע אויסשפּירער.

פון דערווייטן, קעגן אונדז, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב־וואָלקן.

— אַט־אָ, זיי רייטן! — ווייזט דער פויער מיט דער בייטש.

גיך האָבן זיך פון שטויב-וואָלקן ארויסגעטויכט עטלעכע רייטער, וואָס האָבן גאַלאָפּירט אנטקעגן אונדז.

— אָט אזוי פראנק און פריי פאָרן זיי עס? — האָב איך זיך נישט אויפגעהערט צו וואונדערן — און איך האָב דאָך געמיינט, אז נאָר ביי־נאכט גייען זיי פון זייערע גרובלעכער פון די וועלדער ארויס.

— יאָ, מיט א יאָר צוריק איז טאקע אזוי געווען. — פּיפּקעט דער פויער, — דאן זיינען זיי אָבער געווען ווייניק. איצט, אַ־האַ, איצט זיינען זיי אין די טויזנטער. איצט האָבן שוין די דייטשן פאר זיי מורא.

די רייטער האָבן זיך פארהאלטן ביי די וועגענער. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— א גוטער מאָרגן, חברה! — האָבן זיי אויסגעשריען.

— א גוט יאָר! — האָבן מיר גליקלעכע אָפּגעענטפערט.

פּארטיזאנער. אמתע פּארטיזאנער. שיינע יונגען, בלאָנדהאָריקע. עס וויגן זיך פּאסמעס האָר פון אונטער די היטלען און פּאָכען אויפן ווינט. אֵי, ווען איך שעם מיך נישט, וואָלט איך דאָך איצט אראָפּגע־שפרונגען פון וואָגן און זיי אויסגעקושט יעדן גליד.

אָ, מיט וואָס פאר א בענקשאפט, מיט וואָס פאר א ליבשאפט יע־דער אות פון וואָרט „פּארטיזאן" איז געווען געקריצט ביי אונדז אין הארצן. זיי זיינען דאָך געווען פאר אונדז אויסגעכישופטע העלדן פון אונדזערע שווערע חלומות. און אָט זיינען זיי אויף דער וואָר...

איז דאָס טאקע די וואָר?

כ'קוק זיך נאָכאמאָל ארום. פון די שטיבלעך קוקן-ארויס טשעקאַ־ווע פּנימער פון די פּויערים. איבער אונדז, א צעלויכטענער הימל. ארום אונדז, צעכישופטע וועלדער. אין זייערע גרינע געהיימנישן וואקסן די פּארטיזאנער-פלאנצן. אָט זיינען עטלעכע פון זיי.

— באָרים! היים איך. — שטעלט זיך פאָר פאר מיר איינער פון די רייטער. פרעמד איז מיר דער נאָמען. אָבער באָרים, באָרים, ווי גוט עס איז, וואָס איך האָב דיך כאָטש איצט דערקענט! באָרים, באָרים, ווען דו וואָלסט וויסן וויפיל צענדליקער טויזנטער יידן עס האָבן גע־חלומט דעם ברעג פון דיין בגד אָנצוטאפּן. באָרים, באָרים טייערער!

מיר פאָרן, פאָרן טיפער אין וואלד. טיפער אין די געהיימנישן. באלד דארפן מיר אראָפּקריכן פון די וועגענער. די פּויערים טאָרן נישט וויסן, ווּהין עס צעצווייגן זיך די וועגן צו די פארשידענע פּארטיזאנער־אָטריאדן. אָבער צו וואָס פאָרן? מיר האָבן גאָר פארגעסן, אז מיר האָבן דורכגעמאכט אזא לאנגן, שווערן וועג; מיר האָבן גאָר פארגעסן. אז מיר טרעטן אויף וואונדן, נישט אויף פיס. מיר זיינען ווי ניי-געבוירענע,

ווי די וועלדער ארום וואָלטן אין אונדז אריינגעגאָסן קראַפט פון זייער זאַפט.

און ווידער ווערן מיר צעשפּרונגען פון פרייד.

— ישראלקע דער פּאַסטאַווער רייט! — שרייט אויס ירחמיאלקע, אָנווייזנדיק אויף א באוואָפנטן רייטער, וואָס האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן פון א זייטיקער וואלד־סטעזשקע.

דער רייטער האָט בליציק אָפּגעשטעלט זיין גאַלאָפּירנדיק פערד, נאָך גיכער האָט ער א שפּרונג געטון אויף דער ערד און מיט א געשריי:

— יידן?! ברידער!!! — זיך א וואָרף געטון קושן אויף אונדז.

...א גרינע לעגענדע. אין די ווילדע וועלדער, ווו זעלטן ווען האָט דאָ א מענטשלעכער פוס די ערד באטראָטן, ווו דער אימהדיקער, אייביקער געשאָרך פון דיביימער האָט געשראָקן די זעלטענע דורכגייער, דאָ האָבן מיר זיך דערפילט נישט אליין. דער ווילדער ביימער־געפלעכט איז געוואָרן אונדזער טרייסטער פריינט. אָט דאָ, אין דעם גרינעם שויס, האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערזען אונדזער חלום אין דער ווירקלעכקייט. א יידישער פּארטיזאַן. א פּאַסטאַווער ייִנגל. ישראלקע. ווי שיין ער זעט אויס ווי פעסט און זיכער עס הענגט אראָפּ דער קאָפּ פון אווטאָמאַט (מאַשין־געווער) צו דער ערד. ישראלקע איז דאָך געווען זיכער א קרעמערס א זונדל, האָט געלערנט נאָך אין א ישיבה מםתמא. אויסגעגלייכט דעם רוקן האָט אים דער גרינער צויבער. ער דערציילט, ער דערציילט און מיר שלינגען אים מיט די אויגן.

— טיפער, טיפער אין וואלד... נאָך צען קילאָמעטער (אַך, וואָס פאר א שטיק וועג מיר האָבן נאָך!), שטייט דער יידישער אָטריאַד „נקמה". איר וועט דאָרט טרעפן אלץ אייגענע חברה, ווילנער, סווענציאנער, פּאַסטאַווער, פּארבראָדזשער, איישישקער, קאָבילניקער, גלובאָקער — יידן פון אומעטום. אויך עלטערע זיינען דאָרט פאראן, גאָר אלטע מיט ווייבער און קליינע קינדער וווינען זיך באזונדער אין וואלד...

— ווי אזוי? און עסן? און האָבן נישט קיין מורא?

ישראלקע צעלאכט זיך:

— הלוואי וווּלטער נישט ערגער!...

גייען מיר, גייען מיר.

— חברה, א לידל אהער! — שריי איך אויס.

ווו האָט זיך גענומען צו מיר כוח און ווער האָט עס אזוי צעררודערט דעם מידן וועג־גליוועך ביי די חברה. דער וואלד האָט זיך צעקלונגען. די ביימער האָבן זיך צעוויגט. איך ווייס נישט פארוואָס און אפשר דערפאר, ווייל מיר פלעגן עס זינגען אָפט אויף די ערשט־מאיקע דע־

מאָנסטראציעס אין ווילנע. נאָר עס האָט זיך א ריס־געטון דער רעפריין פון אן אלט באקאנט ארבעטער־ליד:

„פאָרווערטס צום קאמף,
צום קאמף וואָס איז שווער!
ברידער צום שלאכט,
נעמט דאָס געווער!
מיט קראפט און מיט מאכט
די פרייהייט דערוואכט.
א סוף זאָל שוין נעמען
צו דער פינצטערער נאכט".

חברה האָבן אונטערגעכאפּט דאָס ליד און צום טאקט איבער די צעטריקנטע בלאָטע־וועגן אוועק ווי אין מארש באגלייטע פון מוזיק, וואָס גיכער צו דערגיין צום אָטריאַד. נאָר נישט אָפּשטעלן זיך, נאָר נישט אָפּרוען איצט, ווייל דאָס וועט ווידער דערמאָנען די צעמאטערטע גלידער, וואָס גארן נאָך רו. איך האָב דעריבער נישט געמאכט קיין שום הפסקה אין זינגען. געענדיקט איין ליד, האָב איך שוין פארצויגן א צווייטע און חברה, ווי אין אן אזארד, האָבן אלע צעזונגענע, אין טאקט מארשירט צו דער יידישער פארטיזאנער־באזע.

מיט קראפט און מיט מאכט,
די פרייהייט דערוואכט...

א סוף וועט שוין נעמען צו דער פינצטערער נאכט! — האָבן מיר געשטורעמט פאָראויס. דער וואלד האָט געקלונגען. דער עכאָ האָט גע־ענטפערט.

# בן אין ווילדן וואַלד אַליין



ש. קאטשערגינסקי אין פארטיזאנקע

(צווייטער טייל)

# די גרינע לעגענדע

זיינען מיר טאקע אין וואלד?

מיר ליגן אויסגעלייגט אויפן גראַז. איבער אונדז שאָקלען זיך די הויכע קרוינען-קעפּ פון דיביימער, און ווי מיר זאָלן זיין אינגאַנצן זי־כער, האָט זיך צעשפּילט אויך א זשאבע-אָרקעסטער.

זיינען מיר אין וואלד?

פון ערגעץ-ווו דערטראָגן זיך צו אונדז הייטערע געזאנגען פון פּארטיזאנער. עס ליארעמט א הארמאָשקע.

אונדז זינגט זיך נישט.

אין געטאָ אָבער, האָבן מיר דאָך יאָ געזונגען, וואָס טוט זיך דאָ?

נאָך א טאָג, נאָך א טאָג, עס וועט זיך אפשר איבערבייטן, דער־ווייל אָבער זינגט זיך נישט. עס ווילט זיך אפילו נישט ריידן. ערשט איצט הויבט אָן אויפקומען דער גאנצער שוידער פון פארגאנגענע יאָרן.

זיינען מיר טאקע געווען אין געטאָ? ווי קען דאָס זיין? האָבן מיר טאקע פארלאָזן דעם גיהנום?

איך קען זיך נישט מוחל זיין: פארוואָס זיינען מיר געזעסן די גאנ־צע צייט אין געטאָ? פארוואָס זיינען מיר פ ר י ע ר נישט ארויס אין די וועלדער?

— מילא מיר, — רוף איך זיך אָן צו א שטעטלשן ייד, — מיר זיינען געווען ווייט פון וואלד, אָבער אויף וואָס האָט איר געוואַרט? פון אייער שטעטל אין וואלד איז דאָך מיטן האנט צו דערלאנגען.

— און אז מיר זיינען שוין געקומען פ ר י ע ר אין וואלד, מיינט איר איז שוין דער גיהנום פאר אונדז געווען געענדיקט?

און דער ייד גיסט ארויס גאל פון זיך:

— ווען מען האָט נאָך נישט געוווּסט, וואָס עס איז אזוינס א פּאר־טיזאַן, זיינען שוין געווען אין די וועלדער יידן. אין סוף פון 1941 און אָנהויב 42סטן יאָר זיינען דאָ שוין געווען גוטע עטלעכע הונדערט פּער־

זאָן. כמעט אַלע שטעטלעך פון אַרום האָבן דאָ געהאַט זייערע פאַרטרע־טער. גלובאָק, דאָלהינאָוו, פּאָסטאַוו, לוזשקי, דונילאָוויטש, יאָד, ווידז, אַלט און ניי סווענציאַן, מיכאַלישאָק, קאָבילניק, סוויר, בראַסלאַוו, היי־דוציִשאָק, מיאָדל, קורעניץ, ניעמענטשין, פּאָדבראָדזש, קימעלישאָק, אפילו פון אַלט און ניי ווילייקע — פון אומעטום זיינען דערגאַנגען אַהער איינציקע אָדער גרופּעס יידן. מיר זיינען געקומען אַהער אָפּגעריסענע, שמוציקע, פאַרווונדעטע, אַנדערע אפילו אַנטלאָפענע פון די מתים־גרי־בער, נישט דערענדיקטע — — — און מ י ר זיינען שוין געווען די מזלדיקע. וויפל יידן זיינען געכאַפּט געוואָרן אין וועג דורך די פּוי־ערים צי פון דער פּאָליציי?

— פאַרוואָס אָבער זיינען אַזוי ווייניק יידן געלאָפן?

— ווער, ווער, נאָר מיר שטעטלשע יידן האָבן געוווּסט, אַז קיין עסן וואַקסט נישט אין וואַלד, אַז קיין שטיבלעך האָט דאָ אין ווינטער קיינער פאַר אונדז נישט צוגעגרייט און אוודאי און אוודאי זיינען דיביימער נישט קיין ביקסן און קיין אַנדער געווער האָט דאָ אויך קיינער נישט פאַרזייט... לויפן... ווו זאָלן לויפן מאַמעס מיט קינדער, זקנים און קראַנקע?

איך האָב שוין נישט געוואָלט פרעגן ווייטער. צו וואָס באַאומרו־איקן און עפענען נאָכמער די נישט־פאַרהיילטע וווּנדן. אָבער ניין, דער שכן לאָזט שוין נישט אָפּ:

— ווען איך האָב דערזען, אַז עס האַלט שלעכט, בין איך אַוועק צו מיינעם א באַקאַנטן פּויער. א פּויער, וועמען איך האָב א סך טובות געטאָן און ער איז מיר געווען א גוטער פריינט. האָט איר באַדאַרפט זען, ווי ער האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, ווען ער האָט מיך דערזען: „איך קאָן גאָרנישט טאָן — האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן ביי מיר, נאָך איידער איך האָב אָנגעהויבן אפילו א וואָרט צו אים אַרויסרעדן, — „גיי אַוועק, גיי אַוועק, אויב דו ווילסט נישט, אַז צוזאַמען מיט דיר זאָל אויך איך אומקומען". ד ע ר פּויער איז נאָך געווען גאָלד קעגן אַנדערע... דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט, מיט מיין פרוי, און צוויי יינגלעך אַנטלויף איך פון א גיהנום־פייערדיקן הוראַגאַן אויף אונדזער געטאָ אין וואַלד. אָבער שוין זייענדיק אין וואַלד, איז אונדז אַזוי „גוט" געווען, אַז נישט איינמאָל האָט זיך אונדז פאַרבענקט נאָך די צייטן אין... געטאָ. יאָ, יאָ, וווּנדערט זיך נישט. איר וועט זיין נאָך אַביסל, וועט איר מיך בעסער פאַרשטיין. אָ, וויפל מאָל מיר האָבן זיך געווונטשן אין וואַלד, דער טויט זאָל שוין קומען צו אונדז...

דער ייד איז ווי א זייגער אויסגעגאַנגען, שטיל. פון אַן אַנדער זייט האָט מיר ווער איינגערוימט:

— זיין פרוי מיט די קינדער זיינען שוין אויך נישטאָ.

— ?

— אומגעקומען אין דער לעצטער אַבלאַווע אויפן וואַלד.

— א העלפט פון די יידן, וואָס זיינען דערגאַנגען צו די וועלדער, זיינען פאַר דעם ערשטן יאָר אומגעקומען. אַלע האָבן זיי נאָכגעיאָגט: די דייטשן, די פּאָליציי און נישט זעלטן די דעמאָראַליזירטע פּויערים פון די ארומיקע דערפער. וואָס זיינען רייך געוואָרן פון די יתומדיקע יידישע הייזער.

עס האָט אָנגעהויבן ווערן בעסער, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן יידן מיט געווער. עס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו באַווייזן סאָוועטישע געפאַנגענע אין די וועלדער.

אין די צענדליקער טויזנטער זיינען זיי גענומען געוואָרן דורך די דייטשן געפאַנגען, נאָכמער האָבן זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן פרייוויליק, — מיט די אָפיצירן, מיט די פּאָליטישע קאָמיסאַרן. זיי האָבן געמיינט, אַזביים דייטש וועט זיי זיין בעסער ווי ביי די סאָוויעטן. נו, האָט זיי אויך דער נאַצי נישט געשוינט, געמאָרדעט. און זיי, די יונגע, האָבן אויך קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט. מ׳האָט זיי געשאָכטן און זיי זיינען נישט אַנטלאָפן. די איבערגעבליבענע האָבן געמיינט, אַז זיי מיינט מען דאָס נישט... און ווען אויך די לעצטע האָבן זיך איבערצייגט, אַז ביים נאַצי איז אויסער טויט קיין זאַך נישט צו דערוואַרטן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו לויפן פון די לאַגערן. די נאַצים האָבן זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבן אָפּגעטאָן א גרויסן פעלער. זיי האָבן געפּרוווט דעם פעלער פאַרריכטן. מען האָט די געפאַנגענע מאָביליזירט אין דער דייטשער אַרמיי. זיי האָבן אפילו שפּעטער זיך „אויסגעצייכנט" אויפן פראָנט קעגן די סאָוויעטן, אין די קאַמפן קעגן די פּאַרטיזאַנער, אין שחיטות אויף יידן. זייער ווייניק זיינען געקומען אין די וועלדער צו קעמפן קעגן די נאַצים.

— איר זייט געקומען אין א גוטער צייט — טרייסט אונדז שיקע

— עס זיינען שוין דאָ מער פּאַרטיזאַנער, די דייטשן האָבן שוין מורא אריינצושמעקן אין קלענערע גרופּעס אין וואַלד, די פּויערים האָבן מיר שוין גוט אָנגעלערנט און זיי ציטערן, און כמעט אַלע יידן זיינען שוין אריינגענומען געוואָרן אין אָטריאַדן.

יעדע מינוט דערוויס איך זיך אַלץ נייע פּרטים פון ביז-אהעריקן

לעבן. ווי אזוי מען האָט גאָר די יידן נישט געוואָלט צונעמען אין די אַטריאַדן, ווי אזוי יידן האָבן באַדאַרפט ק ע מ פ ן, מען זאָל זיי לאָזן קעמפן.

— נו, איצט איז שוין אלץ אריבער — איז שוין זיכער דער יינגס־טער, אָבער עלטסטער פּאַרטיזאַן וואָלאָק, — איצט איז דאָ א ריין־יידישער אַטריאַד. אלעמען, אויסער די עלטערע און קראַנקע האָט מען דאָרט אריינגענומען, אויך געווער וועלן מיר באַקומען און מיר וועלן קענען ווייזן ווער מיר זיינען.

„נ ק מ ה " הייסט דער יידישער אַטריאַד. ווי צוגעפּאַסט דער נאָמען איז. דער קאָמאַנדיר איז איצט אַן אייגענער יאַט, באָמקע (בנימין), א סאָוועטישער יונגער בחור, וואָס איז געווען א יאָר צייט ביי אונדז אין געטאָ א פּאָליציאַנט און איז דערנאָך מיט די פּראָווינ־צער אוועק אין וואַלד. דער שטאַב־נאַטשאַלניק איז אונדזער יוסף גלאַז־מאַן. די פּאַרטיזאַנער זיינען אלע, איינע און איינע, גוטע חברה, צו גיין אין פייער און וואַסער...

— נקמה! נקמה! — אלע האָבן מיר געגליט אין גרויסן באַגער, אונדזער ווילן אויסצופירן וואָס גיכער.

— באַפעל, חבר קאָמאַנדיר, און מיר וועלן די באַפעלן אויספירן!

קיינער איז אָבער מיט אַזעלכע באַפעלן דערווייל נישט געקומען. דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר (6 אַטריאַדן האָבן געהערט צו אונדזער ברי־גאַדע, וואָס האָט זיך גערופן „וואָראָשילאָוו") , פיאָדאָר גריגאָראָוויטש מאַרקאָוו ווייזט זיך נישט צו אונדז. וואַרטן מיר מיט אומגעדולד אויף זיין קומען. מיר זיינען דאָך נאָך נייע קעמפער. ער דאַרף דאָך באַשטי־מען, ווען מען יאָ אָדער נישט אָננעמען אין אַטריאַד. מיר זיינען זיכער, אַז קיין פיל טעג וועלן שוין נישט אריבערגיין, מען וועט אונדז שיקן אויף קאַמפּס־אויפגאַבעס.

די מעגלעכקייטן פון באַלדיקע קאַמפּס־אָפּעראַציעס דורכצופירן זיינען געוואָרן רעאַלע. גליקלעך זיינען מיר אלע געווען, ווי מיר וואָלטן נייע נשמות באַקומען אַנשטאָט די פאַרוווּנדעטע. מוטיקער זיינען אויך געוואָרן די, וועלכע האָבן קיין געווער נישט געהאַט. מען איז געווען זיכער, אַז אויך די וואָס האָבן נישט דערווייל קיין געווער, וועלן אין קאַמף צוזאַמען מיט באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער קענען די נאַציס געווער באַקומען.

***

טרויעריקע און האַרציקע באַגעגענישן.

אַט פאַלט מיר אויפן האַלדז אײדעלע שפּאַרבער, אין וועמענס

שטוב, אין גלובאָקער געטאָ, כ׳בין אָפּגעווען דריי חדשים. זי צעווײנט זיך. די גאַנצע משפחה איז אין דער ליקווידאַציע אומגעקומען. געבליבן איז זי און דער ברודער ישראלקע, וואָס געפינט זיך אין די קאָזאַנער וועלדער.

אַט דערזע איך שמעון יאַנאָוויטשן, דעם גאָלדענעם ייד, דער עלטס-טער פון קאָבילניקער יידן-ראַט. ער איינער נאָר האָט זיך אַרויסגעראַ-טעוועט פון זיין גאַנצער גרויסער משפּחה.

איך דערזע גלאַזמאַנען — קיינמאָל פאַרלירט ער נישט, אפילו אין אַט דער פייערלעכער באַגעגעניש-מינוט, זיין ערנסטקייט, זיין פאַר-זאָרגטקייט, פון וואָס איך בלייב ווי פאַרשטיינערט.

— וואָס איז גלאַזמאַן?

— גאָרנישט... — פּרעסט ער אַרויס דין פון די ליפּן און איך פאַר-שטיי, אַז אַט דער „ג אָ ר נ י ש ט" באַדייט זייער פיל.

עס ווערט אַן ענגעניש אַרום אונדז. אין נייגער האָבן זיך יידן צווישן די ביימער צונויפגעקלאַמערט, דערציילן, פרעגן, אינטערעסירן זיך. אויך א טרער קייקלט זיך פון וועמען, פויסטן ביילן זיך, אויגן ברענען.

— אפשר וועט א י צ ט ווערן א שטיקל טאָלק מיטן שאַפן דעם יידישן אַטריאַד, — רופט ווער אויס.

— מיר האָבן אַרויסגעשיקט א רוף דורכן אַנטיפאַשיסטישן קאָ-מיטעט אין מאָסקווע צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט, מען זאָל אונדז שיקן געווער.

— ווען מען דערוויל, ווער עס האָט נישט, דאַרפן קעמפן אויך אָן געווער!...

— אויב מען וועט לאָזן.

— וואָס הייסט „אויב מען וועט לאָזן"? — פרעג איך א פאַרוווּנ-דערטער.

— רו זיך דערוויל אויס, וועסט דאָס א ו י ך וויסן, — שלעפּט מען מיך אַרויס פון קרייז.

נאָר וואָס רוען, ווען רוען. אמת, די פיס זיינען הוילע וווּנדן, אָבער איך שפּיר זיי גאָרנישט איצט. און ווען מען וואָלט אפילו איצט גע-דאַרפט גיין נאָך א צען קילאָמעטער, וואָלט איך נישט געגאַנגען?

— לאָמיר — זאָג איך — זיך גאָר אויסזעצן אין א קרייז און זיך אביסל דורכשמועסן וועגן אַקטועלע ענינים.

— און אביסל דורכזינגען.

האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אויף דער קאַלטלעך־האַרבסטיקער ערד, צעליינגט א פלאַקער אין דעם גראָ־געוואָרענעם פאַרנאַכט. עס האָט זיך אָבער קיינעם נישט געוואָלט ריידן. אַלע האָבן געשוויגן, גע־שוויגן אַזוי ווי די ביימער וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט.

— חנהלע פּאָזנער זאָל זינגען א ליד! — רייסט זיך וועראַ ריין אין דער שטילקייט.

ווידער שטיל. ס׳דויערט אָבער נישט לאַנג און פון ווינקל רייסט זיך אַרויס א דין־האַרצרייסנדיקע שטימעלע:

פאַרוואָס איז דער הימל געוואָרן נעכטן לויטער,
פון פרייד האָט געשיינט יעדע גאַס,
פאַרוואָס איז די זון אַזאַ ליכטיקע, רויטע —
פאַרכמורעט היינט, בייז און אין כעס?

און שטיל כאַפּט דער עולם אונטער:

פאַרוואָס איז די זון אַזאַ ליכטיקע רויטע —
פאַרכמורעט היינט, בייז און...

— אויפהערן מיט אַזעלכע לידער! — פּלאַצט מיטאַמאָל אַרויס א בת־קול פון דער ווייטן.

דער עולם בלייבט געפּלעפט.

פאַרוואָס?

— עפעס פריילעכס גיט אַהער! — ריטשעט ווייטער דאָס קול.

ס׳איז דער נייער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָטריאַד, באָמקע.

קיין פריילעכער ליד האָט זיך ביי קיינעם פון מויל נישט אַרויסגע־ריסן. נאָך אומעטיקערע זיינען מיר זיך צעגאַנגען זוכן ערגעץ א געלע־גער אונטער א בוים, צווישן קוסטעס. דער ווינט זאָל נישט קריכן אַזוי אונטער די בגדים, די קעלט זאָל וואָס ווייניקער צו די גלידער דערגרייכן.

מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן, אַן אַנדערהאַלבן צענדליק חברה, און זיך אויסגעלייגט איינער האַרט נעבן צווייטן. איז געוואָרן גרינגער אויף דעם געמיט, וואַרעמער.

עס האָט זיך אָבער נישט געשלאָפן. די ערד אונטער דער זייט האָט נישט געלאָזן די אויגן צומאַכן, איינדרימלען. עס האָבן נישט געלאָזן איינרוען די מעשיות פון מיינע שכנים, וועלכע האָבן מיך פון דעם גרי־נעם חלום אַריינגעוואָרפן אין א שווערער, גראָער וואָר. מיר האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, מיר האָבן נישט געקענט באַנעמען, אַ־

אזוינס קאָן אויך געשען דאָ, אין וואלדיקן געפלעכט. דער וואלד, וואָס האָט פונדערווייטן אויסגעזען פאר אונדז ווי א לעגענדע, אין זוניקע גרינע קאָלירן געציירט, האָט מיטאמאָל זיך אָנגעהויבן פארוואנדלען דורך זיינע הויכע, שטאָלצע, ריזיק־הויכעביימער, אין אן אומהיימלעך טויזנט־אויגיקן געשפענסט.

— און אפשר, — האָב איך מיין אומרואיקייט געפרווט בארואיקן — אפשר איז דאָס נאָך אַלץ א חלום, נישט מער... מען דארף אויסהערן וואָס אנדערע וועלן דערציילן. מען דארף זיך גאָרנישט אזוי פארלאָזן אויף בלויז רייד. סוף־כל־סוף, וויפיל בין איך דאָס אין וואלד, אז איך זאָל שוין קענען משפטן וועגן אלעם.

געדולד. געדולד...


ШТАБ
партизанской бригады
им. ВОРОШИЛОВА
„20“ 1944 г.
№

УДОСТОВЕРЕНИЕ
Тов.
партизаном партизанского
партизан-
ской бригады имени ВОРОШИЛОВА
с „ “ VIII 194 г.
по 1 марта 1944 года.

Командир бригады
полковник (МАРКОВ)
Комиссар бригады (ШЕВЧЕНКО).
Нач. штаба майор (КРЫСОВ).

# גרויע וואָר

מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויף 3 אַזייגער. ווען מיר האָבן זיך באַדאַרפט אויסשטעלן אויף אַ באַשטימטן ליידיקן פּלאַץ און אויסהערן די באַפעלן פון קאָמבריג (בריגאַדע־קאָמאַנדיר). מיר זיינען געווען זיכער, אַז היינט וועט דעצידירט ווערן אונדזער אַלעמענס גורל.

ס'איז קלאָר געווען פון מאַרקאָווס פריערדיקע רייד, אַז אַזאַ גרויסן אָטריאַד פון 500 יידן וועט ער נישט האַלטן ביי זיך אין בריגאַדע. מיר האָבן דעריבער אַלע אין ציטער געוואַרט אויף זיין באַשלוס, וועמען ער וועט יאָ מאָביליזירן און ווער עס וועט דאַרפן זוכן אַן אַנדער אויס־וועג. איינער האָט געקוקט אויפן אַנדערן און געפּרוווט טרעפן, וועמען ער וועט אַריינגעמען אין זיין אויסגעקליבענעם אָטריאַד און וועמען ער וועט אָפּוואַרפן און הייסן גיין ווו די אויגן טראָגן. כדי אויסצוזען אין קאָמבריגס אויגן קעמפערישער, האָב איך מיט גרויס ווייטיק אַרויפגע־צויגן די שטיוול אויף זיך, צערייסנדיק זיך די ווונדן ביז בלוט. ווי ביים אַרויסגיין פון געטאָ אין וואַלד, האָב איך איצט אַראָפּגערוקט טיפער דאָס היטל איבערן שטערן, אַרויסגעלאָזן אַ פּאַסמע האָר, כדי אויסצוזען מער לאַבוזשוואַטע.

— וועסט דורכגיין! — האָבן מיר חברה פאַרזיכערט, און דאָס האַרץ האָט געקוואָלן ביי מיר: — כ'וועל דורכגיין.

איינס איז געווען זיכער: די, וועלכע האָבן געווער, וועלן אין אָט־ריאַד צוגענומען ווערן. אָבער פונדעסטוועגן האָט גלאַזמאַן, וועלכער איז געווען דער שטאַב־נאַטשאַלניק, בסוד אָנגעזאָגט סוצקעווערן, ער זאָל נישט זאָגן, אַז ער האָט אַ רעוואָלווער...

— פאַרוואָס?

קיין ענטפער איז נישט געקומען.

די שעה איז געקומען.

מיר שטייען אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען, צו פיר איינע הינטער די אַנדערע און וואַרטן אויפן אָנפאָר פון קאָמבריג. מאַרקאָוו פלעגט שטענדיק לאָזן אויף זיך לאַנג וואַרטן. ווען ער פלעגט אַרויספאָרן פון

זיין בריגאַדע-שטאַב, האָט מען שוין געוווּסט וועגן דעם פריער. ער האָט ליב געהאַט אַרויסצופאָרן מיט זיין גאַנצער סוויטע. פאַראויס פלעגן זיך צעטראָגן אויף די בעסטע און פלינקסטע פערדלעך די אויס-שפּירער, בראש מיט דעם אָנפירער קאַליא אַסינענקאָ, און נאָך זיי פלעגט אויף א סיוון, אויסגעמוסטערעוועטן, באַגריוועטן פערדל, רייטן ער אַליין, דער קאָמבריג, און הינטער אים, נאָך א גרופּע אויסשפּירער. זיין הערלעכע פיגור, די בלאָנדע פּאַסמע האָר פון אונטער דעם שיפּל-היטל, וואָס פלעגט פרייליך וויגן אין ווינט, זיין ערנסט-געמאַכטע פּנים, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט, האָט געמאַכט אויף זייטיקע א נישט-פאַרגעסלעכן איינדרוק. ווען איך האָב איב צוערשט דערזען, איז מיר אויסגעקומען, אז איך זעט פאַר זיך א פּילם.

דאָס מאָל איז ער אָנגעפאָרן צו אונדז אויף א הויכער, צוויירעדער-דיקער קאַרעטקע. ער האָט גיך פון זיך דעם פוס-צודעק אַראָפּגעוואָרפן און איידער ער איז אַרויס, האָט שוין באַמקע, אונדזער קאָמאַנדיר, א שלאָס געטון די פּיס אויף אַכטונג און אָפּגעראַפּאָרטירט, וויפל קעמפער עס שטייען איצט אויסגעשטעלט און אז אַלע וואַרטן אויסצופירן זיינע באַפעלן.

לאַנגזאַם איז מאַרקאָוו געגאַנגען פאַרביי אונדזערע רייען. אין שפּאַנענדיקער אַכטונג זיינען מיר, ווער מיט, ווער אָן געווער, געשטאַנען און אין ציטער געקוקט דעם קאָמבריג אין פּנים אַריין. אויף וועמען וועט ער זיך אָפּשטעלן, צו וועמען וועט ער א שמייכל טון? וועמען וועט ער אויסקלייבן? אָט דערזעט ער זיינע אַלטע באַקאַנטע, חברים זיינע פון סווענציאַן. קוים וואָס ער גיט א שמייכל צו זיי. ס׳הייסט, ער האָט זיי דערקענט, אָבער די דיסטאַנץ האַלט ער אָן. ער גייט ווייטער, ווייטער...

ענדלעך איז ער דורכגעגאַנגען פאַרביי די רייען, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט אין א פיר-עק, און זיך אָפּגעשטעלט א שווייגנ-דיקער אויפן מיטן פעלד. באַמקע איז געשטאַנען נעבן אים און געוואַרט אויף באַפעלן. נאָך א ווײַלע טראַכטן, האָט מאַרקאָוו אים עפּעס שטי-לערהייט וואָס געזאָגט און פלוצלינג האָט באַמקע אויסגעשריען:

— די, וועלכע האָבן געווער, שטעלן זיך אויס רעכטס. פרויען גייען אַרויס פון די רייען און שטעלן זיך אויס לינקס. שוסטערס און שניידערס שטעלן זיך אויס אין פראָנט. די אַנדערע אויף די ערטער, ווו זיי שטייען!

ס׳איז געוואָרן א צעמישעניש. די קעמפער מיט געווער און די

פרויען האָבן גיך פאַרנומען זייערע פּלעצער. די איבעריקע האָבן נישט געוווּסט, וווּ בעסער ס'איז זיך צו שטעלן. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז די בעלי-מלאכות וועלן געווים איינגעאָרדנט ווערן ביי זייערע פאַכן, און אַזוי ווי יעדער האָט געוואָלט בעסער גיין אין אַן אַטריאַד אויף קאַמפּס-אָפּעראַציעס, האָבן די בעלי-מלאכות פון אָרט זיך נישט גערירט.

מאַרקאָוו איז דערשטוינט געוואָרן.

— וווּ זיינען די שוסטערס, די שניידערס?! — האָט ער באַפעלעריש אויסגערופן.

ס'זיינען אַרויס עטלעכע פּאַרטיזאַנער פון רייע.

— פאַרוואָס פירט איר נישט אויס מיין באַפעל?

— מיר ווילן, חבר קאַמבריג, גיין קעמפן, נקמה-נעמען, און נישט זיצן ווייטער ביי שער און נאָדל.

מאַרקאָוו האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. זיך פאַרטראַכט.

— נקמה נעמען — האָט ער ענדלעך אויסגערופן — קען מען אויך בייענדיק שיך פאַר די קעמפערס, אָנטאָן זיי וואַרעמע העמדער. עמעצער מוז דאָס טאָן!

— זאָלן דאָס די פרויען אפשר טאָן.

— חבר קאַמבריג — איז אַריינגעפאַלן אין די רייד לאה מאַרגאַלים, — אויך מ י ר ווילן קעמפן, צוגלייך מיט די מענער ווילן מיר גיין אויף די קאַמפּס-אויפגאַבעס.

מאַרקאָוו האָט זיך צוערשט צעשמייכלט און נאָכדעם ערנסט אויסגערופן:

— און וו ע ר האָט אייך געגעבן די דערלויבעניש איצט צו ריידן?

ער האָט אַ קוק געטון אויף דער פרויען-גרופּע, זיי איבערגעציילט:

— אַזויפיל פרויען דאַרף איך נישט האָבן. איך האָב נישט קיין געווער פאַר אייך.

— וועלן מיר מיט די הענט קעמפן! — האָט לאה אומגעדולדיק איבערגעריסן, — חבר קאַמבריג, שיקט אונדז נאָר, באַפעלט אונדז, מיר וועלן גיין באַפאַלן די דייטשן. מיר פאַרזיכערן אייך, אַז מיט ליידיקן צוריק אין וואַלד וועלן מיר נישט קומען.

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי.

— ניין, חבר קאַמבריג, אויך אין געטאָ זיינען מיר געוועזן נישט פון די לעצטע. וועלן מיר נישט קומען צוריק אין וואַלד, הייסט עס, אַז מיר זיינען געפאַלן אין שלאַכט.

מאַרקאָוו האָט אויפגעהויבן די האַנט, אַ סימן שטיל זאָל זיין. ער

האָט ווידער א שפּאַציר געטון איבערן פעלד, איבערגעקוקט די גרופּעס און ארויסרופנדיק צו זיך עטלעכע קעמפער וואָס האָבן געהאט געווער, האָט ער זיי באַפוילן איבערצוגעבן זייער וואָפן אנדערע קעמפער, וואָס האָבן קיין געווער נישט געהאט. מיר זיינען איבערראַשט געוואָרן. אין שפּאַנונג האָבן מיר צוגעקוקט וואָס עס קומט ווייטער פאָר.

— אזא גרויסער אָטריאַד איז א באַלאַסט פאר מיין בריגאַדע, — האָט ענדלעך מאַרקאָוו ארויסגעפּלאַצט. — איך דאַרף האָבן יונגע מענטשן וועלכע קענען טראָגן געווער.

— זיינען מיר דאָך אַלע יונגע! — רופט זיך ווער אָפּ.

— אָבער קיין געווער האָט איר נישט, — האָט דער קאָמבריג א בייזער אָפּגעענטפערט. — אויך די פרויען דאַרף איך נישט האָבן.

— טאָ ווו זאָלן מיר גיין?

— דער וואַלד איז א גרויסער און... פירט נישט מיט מיר איצט קיין דיסקוסיעס.

געפּלעפט האָט זיך יעדער געשטעלט אין טיפן שווייגן אויף די באַפעלטע ערטער.

איך בין נישט קיין שניידער, אויך נישט קיין שוסטער, אויך קיין געווער האָב איך נישט. סוצקעווער שטייט אויך א פאַרלאָרענער און ווייס נישט וואָס צו טאָן. „פאָלגן גלאַזמאַנס פאָרזאָג און נישט אויס־זאָגן וועגן דעם רעוואָלווער און בלייבן אויסערן אָטריאַד, אָדער נישט פאָלגן..." קען דאָך אָבער זיין, אז מאַרקאָוו וועט צונעמען דעם רעוואָל־ווער, ביי וואָס וועלן מיר דאַן בלייבן?...

פון פאַרלעגנהייט האָט ארויסגעהאָלפן דער ווייטערדיקער באַפעל:

— סוצקעווער און קאַטשערגינסקי גייען אריבער צו דער ארבעטס־גרופּע. באָריס גריינימאַן ווערט באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פון דער גרופּע. — און אויסטיילנדיק פיר באַוואָפנטע: — און איר וועט זיין זייערע שיצער און שפּייז־פאַרזאָרגער!

דער חלום, וואָס איז נאָר־וואָס געשטאַנען פאַר די אויגן פאַרווירק־לעכט צו ווערן, האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן. ווי שווערע קלעצער האָבן זיך די ביימער־שאָטנס צעלייגט אויף אונדז.

א שטאַרקער אומרו האָט זיך פונאַנדערגעווינט אין אונדזערע הערצער.

# אין ווילדן וואַלד אַליין

ווי פון ווילדע חיות ארומגערינגלטע, האָבן מיר זיך געפילט, ווען מיר זיינען נאָך געווען אין געטאָ־שטייג. די שטאָט מיט אירע צענדליקער טויזנטער איינוווינער איז אונדז פרעמד געווען. ע ר ג ע ר נאָך, אויסער א קליינער צאָל געציילטע פּאָליאַקן, ליטווינער און רוסן, האָט דאָך א גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג געהאָלפן און אַפילו פּאַקטיש ד ו ר כ ג ע פ י ר ט די רציחות, די רויבערייען אויף אונדז.

איך דערמאָן זיך:

איך בין אנטלאָפן פון די געטאָ־שחיטות אין שטאָט. איך האָב זיך געפּרוּווט אויסבאהאלטן ביי באַקאַנטע פּאָליאַקן, ליטווינער; איך האָב געגעכטיקט אין פראָסט אויפן שניי, אונטער טרעפּ; ס'איז מיר מיאוס געוואָרן אזא הינטיש לעבן און איך האָב באשלאָסן, וואָס עס זאָל נישט זיין מיט מיר, — איך גיי צוריק אין געטאָ. און ווען איך בין אריין צוריק אין שטייג, — אָך, ווי גוט מיר איז געוואָרן. ערשט ד אָ האָב איך זיך דערפילט, ווי אויף דער פריי...

אזוי איז אויך געווען שפּעטער. ווען מיר פלעגן ארויסגיין פון געטאָ צו דער ארבעט, פלעגן מיר זיך קוים דערוואַרטן צום סוף פון ארבעטס־טאָג, כדי צוריקצוקומען אין געטאָ. דאָ האָבן מיר דערפילט, ווי א ווארעמקייט וואָלט געשלאָגן פון די שמאָלע געסלעך אויף אונדז. עס האָט זיך געוואָלט האלדזן יעדן באגעגנטן געטאָ־איינוווינער.

ווי שוין פריער געזאָגט, האָבן מיר זיך א נ ד ע ר ש פאָרגעשטעלט אונדזער לעבן אין וואלד. די גרינע לעגענדע האָט אָבער נאָכדעם, ווי מיר זיינען אירע העלדן געוואָרן, אָנגעהויבן פארשווינדן. עס איז קיין וואָך נישט אריבער און מיר האָבן, דערפילנדיק איין קלאַפּ נאָכן אנדערן — דערזען, אז מיר זיינען, ווי אין געטאָ, אויך דאָ — א י ן ו ו י ל ד ן ו ו א ל ד א ל י י ן.

קנאַהדיקע בליקן האָבן דערזען, אז אנדערע פון די ערשט־געקומענע, טראָגן זייגערלעך; אנדערע טראָגן שטיוול און נאָך אנדערע טראָגן אפילו לעדערנע מאַנטלען.

שוין אין עטלעכע טעג ארום נאָך אונדזער קומען האָט די שטאַב-קאָמאַנדע פון דער בריגאַדע, בראש מיט דעם שטאַב-נאַטשאַלניק וואָלאָדקע שאולעוויטש (מארקאָוו האָט זיך כלומרשט נישט געמישט), פאַראָרדנט אלע ערשט-געקומענע פּארטיזאַנער זיך צו רעגיסטרירן אין א באַשטימטער שעה. ווען אלע האָבן זיך געשטעלט צום טערמין נעבן דעם ערד-שטיבל, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון יידישן אָטריאַד, איז געוואָרן זייער אויפאלנד די שטאַרק-באַוואָפנטע וואך וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר.

לאַנגזאַם האָט זיך די רייע גערוקט. פון צייט צו צייט פלעגט ווער צוריק ארויס פון שטיבל, אָבער די וואך האָט יענעם פאַראָרדנט, קיינעם פון אונדז גאָרנישט צו ענטפערן און אוועקגיין טיפער אין וואלד, וואָס ווייטער פון דער רייע. דער עולם האָט פאַרשטאַנען, אז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק, אָבער קיינער האָט זיך נישט געקענט כאַפּן, וואָס דאָרט טוט זיך. ערשט אריינקומענדיק אין שטיבל, האָט מען דערזען פאַר זיך א טיש מיט זייגערלעך, מיט געלט.

— מיר לייגן אייך פאָר זיך צו באַשטייערן אויף דעם פּאַרטיידי-קונגס-פאָנד פון דער סאָוועטן-מלוכה מיט ווערטזאכן, די וואָס איר האָט — האָט פייערלעך אויסגערופן שאולעוויטש.

דערזעענדיק וואָס עס טוט זיך אויפן טיש, האָבן די ווייטערדיקע קעמפער אראָפּגענומען פון זיך די זייגערלעך און צוגעטראָגן שאולע-וויטשן.

— זשאַלעווע נישט, אויך דאָס ג אָ ל ד , וואָס דו האָסט גע-בראַכט, גיב אהער.

— ? ? ? — ווערט יעדער דערשטוינט.

— יאָ, יאָ, גאָלד גיב אהער! — איז אויפגערעגט שאולעוויטש.

— וואָס פאַר א גאָלד?

— דאָס גאָלד, וואָס דו האָסט פון געטאָ געבראַכט! — שרייט אויס שאולעוויטש, און שטייט שוין ביים צעטומלטן, טאַפּט אים ארום. קריכט אים אין די קעשענעס, אונטער די קליידער, שלעפּט ארויס פאַרשידענע קלייניקייטן, א מעסערל, א בייטעלע, א בריטווע און צורוקנדיק א ליסטע רופט ער אויס:

— שרייב זיך אונטער...

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט וואָלאָדקע מיט זיינע אונטערטאַנען גע-

מאכט א געיעג אויף די יידישע פּאַרטיזאַנער און מיט געווער אין די הענט זיי געצווּנגען אויסטאָן שטיוול און די מאַנטלען.

אויף מאָרגן האָט מען דערזען שאולעווישן און די איבעריקע פון דער נאַטשאַלסטוואָ אָנגעטאָן אין די שטיוול און די מאַנטלען מיט די אָנגערויבטע זייגערס. אויך זייערע ווייבער און געליבטע האָבן זיך אין דעם אויסגעפּוצט.

ווען מען האָט זיך קוים דערשלאָגן צו מאַרקאָוון און אים דערציילט וואָס ס'איז געשען, האָט ער מיט אַן אומשולדיקער מינע מירע קאַ־וואַרסקין געענטפערט:

— ווען א י ך וואָלט ביי אייך גענומען, וואָלט איר געקענט ריידן, אָבער א י ך ווייס פון דעם גאָרנישט...

אין דער זעלבער צייט האָט זיך ביי מאַרקאָוון געפונען דער גע־נעראַל־מאַיאָר קלימאָוו, וואָס איז געקומען צופליען פון מאָסקווע (אין יאָר 1940—41 איז ער געווען דער סעקרעטאַר פון ווילייקער אָבל־איס־פּאָלקאָם — ראַנג פון א גובערנאַטאָר), כדי צו אינספּעקציאָנירן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג. מיר האָבן נישט געקענט באַמערקן, ווען ער האָט פאַררופן צו זיך אונדז, די ערשט־געקומענע פּאַרטיזאַנער, אז ער זאָל זיך באַציען צו אונדז מיט פריינטשאַפט. פאַרקערט, ער האָט מיט רוגזה זיך געווענדט צו מיר, ווען מען האָט מיך צו אים אַרויסגערופן:

— אז מען האָט נישט קיין געווער, טאָ צו וואָס זייט איר געקומען אין וואַלד?

עס איז מיר מאָדנע שווער געוואָרן מיטאַמאָל אויפן האַרצן. „ווער רעדט עס אַזוי, האָב איך געטראַכט, וועמעס שפּראַך הער איך דאָס, פון מויל פון אַזאַ הויכן מיליטער־מאַן און פּאָליטישן טוער?״

חבר גענעראַל־מאַיאָר, אין געטאָ האָט מען קיין געווער אַזוי לייכט ווי עס קאָן זיך דוכטן, נישט געקענט באַקומען. — פּרוּוו איך אויפ־קלערן די מיספאַרשטענדעניש.

— לייכט גייט מען שפּאַצירן! — האָט אַריינגעענטפערט אָנשטאָט אים זיין באַגלייטער, וואָס האָט זיך אָנגעזען, לויט זיין מיליטערישן או־ניפאָרם, אויך צו זיין א געקומענער פון יענער זייט פראָנט.

— צענדליקער אוקראַינער, חבר קאָמאַנדיר — האָב איך זיך שוין געווענדט צו יענעם אומבאַקאַנטן — זיינען די טעג געקומען פון די דייטשע באַטאַליאָנען, ווו זיי האָבן געדינט. אויך זיי האָבן קיין געווער

מיט זיך נישט מיטגעבראכט און זיי האָט מען אין די אַטריאַדן י א צוגענומען.

קיינער פון אונדז האָט נ אָ ך אזא אויפנאמע, שוין נישט גע־וואָלט זיך זשאַלעווען, ווי מען האָט צוערשט געטראכט, אויף דער ברי־גאַדע־פירונג וואָס האָט דורכגעפירט די אומגעזעצלעכע רויבעריי אויף די קעמפערס.

זיינען ארומגעגאנגען לעבעדיקע שאָטנס אין וואלד.

צו וועמען ווענדט מען זיך נאָך הילף? צו וועמען רעדט מען? פאר וועמען גיסט מען אויס דאָס הארץ?

יעדן טאָג קומען נייע גרופעס אין וואלד פון ווילנער געטאָ. עס קומען אויך לעצטע אנטלאָפענע יידן פון די שטעטלשע שחיטות; יידן וועלכע האָבן זיך אויסבאהאלטן אין גריבער, אין פּויערישע מעלינעס. זיי האָבן געהערט, אז אין וואלד איז דאָ א יידישער אַטריאַד.

— צו וואָס זיך באהאלטן?

— לעבן? נאָך וואָס? נקמה נעמען!

— קעמפן זיינען מיר געקומען, און אויסבאהאלטן דאָס לעבן זאָלן קראנקע און קינדער.

זיינען די נאראָטשער וועלדער פול געוואָרן מיט די יידן וואָס האָבן געזוכט ווי דורשטיקע — וואסער, א מעגלעכקייט צו קעמפן, אריינגע־נומען צו ווערן אין אן אַטריאַד. פארצווייפלטע זיינען מיר אלע געוואָרן, ווען דער יידישער אַטריאַד איז אויפגעלייזט געוואָרן און אין קיין אנ־דערן האָט מען די הונדערטער נישט צוגעלאָזן. האָט מען זיך געלאָזט זוכן גוטע קאָמאנדירן און... גוטע קאָמאנדירן, ווו נעמט מען זיי? זיי זיינען אזוי ווייניק פאראן. און די ווייניקע — ווו געפינט מען זיי?

אין דער זעלבער צייט אן ערך, איז אין די נאראָטשער וועלדער אָנגעקומען פון יענער זייט פראָנט איינער פון די צוויי אָרגאניזאטאָרן פון דער ליטווישער פּארטיזאנישער באוועגונג. דער ערשטער, דער הויפּט־קאָמאנדיר מיטן צונאָמען קאזימיר (דער אמתער נאָמען — מא־טעאוש שומאוסקאס), איז געבליבן אין די וועלדער ארום ווייסרוסישן שטעטל קאזאן, און דער צווייטער, מיטן נאָמען יורגיס (דער אמתער נאָמען — הענעך זימאן), איז געקומען אין אונדזערע וועלדער זוכן פּארטיזאנער פאר זיינע ליטווישע אַטריאַדן, וואָס ער האָט געוואָלט באזירן אין דער רודניצקער פּושטשע, וואָס ליגט אין סאמע הארץ פון ליטע.

קיין ליטווישע פּאַרטיזאַנער, ווי יורגיסן האָט זיך געוואָלט, האָבן זיך אין די וועלדער נישט באַוויזן. זיי איז געווען גאַנץ גוט צו דינען דעם דייטש און קעמפן ק ע ג ן די פּאַרטיזאַנער. זיי זיינען רייך געוואָרן פון די רציחות איבער דער יידישער באַפעלקערונג, — זאָלן זיי נאָך גיין אין פּאַרטיזאַנקע? אויף די פינגער זיינען זיי געווען. און פון אָט די ווייניקע זיינען כמעט אַלע געשיקט געוואָרן פון יענער זייט פראָנט, פון רוסלאַנד, ווו זיי האָבן זיך געפונען, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן.

יורגיס איז געווען א באַקאַנטער יידישער לערער און זשורנאַליסט אין קאָוונע פאַר דעם קריג. און ווען די סאָוועטן האָבן פאַרנומען ליטע, איז ער געוואָרן דער הויפּט-רעדאַקטאָר פון אָרגאַן פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי „טיעסא“ (אמת). ער איז אוועק צוזאַמען מיט די נייע מאַכט-האָבער, ווען זיי זיינען אָפּגעטראָטן צוליב דעם נאַציישן איבערפאַל, טיף אין רוסלאַנד און פון דאָרט איז ער „איבערגעוואָרפן“ געוואָרן, ווי מיר האָבן עס גערופן, אויף אונטערערדישער אַרבעט אין דער נאַצישער ליטע.

ער האָט זיך נישט געלאָזט דערקענען ווי א ייד. ער האָט פאַרלאָזן א פּאָר פריערישע וואָנסעס, זיך געביטן דעם נאָמען אויף יורגיס, און אַזוי ווי ליטוויש האָט ער געקענט אויסגעצייכנט, און מיט קיין יידישן פּנים האָט אים גאָט נישט „געשטראָפט“, האָט ער טאַקע געקענט אָנגיין ווי אַן עכטער ליטווין.

בלית ברירה, נישט האָבנדיק קיין ליטווינער, האָט ער גענומען אויפזוכן אַנדערע פּאַרטיזאַנער. קיין רוסן, ווייסרוסן און אוקראַינער האָבן צו אים קיין חשק נישט געהאַט צו גיין (זיי האָבן דאָך געהאַט אייגענע אָטריאַדן), איז זיין אויג געפאַלן אויף די בירגער פון ליטע, וואָס האָבן געזוכט ווי מיט ליכט אַן אָטריאַד.

די בירגער פון ליטע — די יידן, וואָס האָבן אין די וועלדער און פריער אין די געטאָס פאַרשאָלטן זייער ליטע-לאַנד אויף אַלע אייביקייטן.

אָבער אויך אין ליטווישן אָטריאַד האָט יורגיס צוגענומען א קליינע צאָל. ביז 20 פּערזאָן זיינען זיי געווען. צווישן זיי — גלאַזמאַן, חיים לאַזאר, ליאָווע זיסקאָוויטש, מיכאל קאָוונער, מירע בערנשטיין, בראַוזע, אָורעמקע דער מאגן.

אַלע האָבן מיר זיי מקנא געווען. וואָס וואָלט דאָס יעדער פון אונדז נישט געטאָן, כדי אָנגענומען צו ווערן צו יורגיסן אין אָטריאַד. מען



## געפאלענע אין שלאכט

1) מירע גאניאנסקי, 2) סאָניע מאדייסקער, 3) ראשל מארקאָוויטש, 4) יאשע ראף,
5) מיכאל קאָוונער, 6) מירע בערנשטיין, 7) יאנקל קאפלאן, 8) איזיע מאצקיעוויטש,
9) אסיביג, 10) משה בראוזע.



## פארטיזאנער־טיפּן

1) יאנעק שטול (ווילנע), 2) מאיר בליט (ישראל), 3) איציק יובניקאָוו (קאָוונע), 4) אקטיאָר בערמאן (קאָוונע), 5) שמעון בלאָך, 6) בערל פיינשטיין (ליטע), 7) ראטנער (ליטע).

האָט נישט געקענט דערגיין צו אים, ווייל ער האָט זיך געפונען אין א סעקרעטנעם אָרט (די ווערבירונג פון די 20 קעמפּער האָט געמאכט זיין שטאב-נאטשאלניק). מען האָט נישט געקענט דערגיין צו קיין בריגאדע-קאָמאנדיר, ווייל מען האָט צו זיי נישט צוגעלאָזן. עס איז אפילו שווער געווען אויפגענומען צו ווערן פון די אָטריאַד-קאָמאנדירן, ווייל ביי יעדער באזע איז געשטאנען א שטארקע וואך און האָט קיין נישט-אייגענע פּארטיזאנער אויף דער באזע נישט אריינגעלאָזן.

זיינען יונגע, קאמפּסוויליקע יידן ארומגעלאָפן איבער די וועלדער זוכן אן אָטריאַד. פארצווייפלטע, דערשלאָגענע, באליידיקטע.

א י ך בין שוין געווען דער גליקלעכער. אָ, וויפיל יידן האָבן מיך מקנא געווען, כאָטש איך אליין האָב זיך געפילט דערנידעריקט און באליידיקט צוליב די גרויליקע געשעענישן וואָס אין וואלד האָבן מיר זיכער פון קיינעם, אויסער פון נאצים, נישט דערווארט.

# ימים נוראים

מיר האָבן נאָך נישט באוויזן די פיס אַנצוּוואַרעמען אין די אויף גיך אויפגעשטעלטע ציטוויילִיקעביידלעך, ווי מיר האָבן דערהערט, אַז אַן עשעלאָן נאַצים האָט זיך ארויסגעזעצט אויף דער סטאַנציע קאָבילניק. דער קאָמאַנדיר פון אונדזער ארבעטס-גרופּע, באָרים גריינעמאַן, אַן אַלטער פּאַרטיזאַן, האָט אונדז אָבער בארואיקט:

— אויב זיי האָבן זיך בלויז אין איין אָרט ארויסגעזעצט, זיינען זיי זיכער נישט געקומען מאכן קיין אַבלאַווע אויף פּאַרטיזאַנער. געווים זיינען זיי געקומען מאכן „אָרדענונג" אין די ארומיקע דערפער.

מיר, פריש-געקומענע, וועלכע האָבן נאָך בכלל נישט געוווּסט מיט וואָס עס שמעקט דאָס וואַלד-לעבן, האָבן צופרידענע אָנגענומען גריינעמאַנס פאַרזיכערונג.

— צו אַלע צרות וואָלט נאָך אַן אַבלאַווע איצט באַדאַרפט זיין. — האָט ווער פאַרוואָרפן די עטלעכע ווערטער. ווייל, טאָמער חלילה אַן אַבלאַווע, און מען וועט דאַרפן אָפּטרעטן, וועלן מיר זיכער זיין פאַרפאַלענע, אויב אונדזערע פיס זאָלן זיין אין אַזאַ צושטאַנד ווי זיי זיינען.

אויסרוען זיך, די פיס אויסהיילן, מען זאָל אויף זיי אַ שטיוול קאָנען ארויפציען, דאָס איז קודם-כל געווען איצט פאַר אונדז דאָס וויכטיקסטע.

עס איז ערב די טעג פון ראש-השנה, יום-כיפור, סוכות. די לעצטע פון די לעצטע יידן, כאָטש דאָס רוב פון זיי זיינען נישט געווען קיין פרומע, האָבן דאָך אין די פאַרכטיקע טעג דערפילט אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט צום אָקאָרשט פאַרשניטענעם נעכטן, צו פרומע טאַטע-מאַמע, צו דאַווענדיקע זיידעס. עס האָט זיך נישט געוואָלט אפילו אין וואַלד איבעררייסן מיטן הייליקן נעכטן און מען האָט זיך געגרייט אין אַ ביידל צו מאכן אַ מנין און אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ צום הימל, מזכיר נשמות זיין.

אויף דעם דריטן פאַרטאָג איז געקומען מיט צעבלייכטע פּנימער אונדזער שפּייז-פאַרזאָרגונגס-גרופּע און איבערגעגעבן, אַז אין וואַלד

גרייט מען זיך אויף אַן אַבלאַווע. אויסער אין קאָבילניק, האָבן זיך עשער־לאָנען מיליטער אַרויסגעזעצט אויך אויף אַנדערע באַן־סטאַנציעס.

אונדזער קאָמאַנדיר איז אַוועק אין בריגאַדע־שטאַב נאָך ידיעות, איבערלאָזנדיק אונדז אין ציטערדיקער דערוואַרטונג.

ווי אַזוי עס זעט אויס אַן אַבלאַווע, האָבן אונדז דערציילט דאָס פּאָר־פּאָלק רייזל און זלמן יאָפּע, אַלטע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן שוין דאָ אין די וועלדער דורכגעמאַכט אַבלאַוועס עטלעכע מאָל.

פון זייערע דערציילונגען האָבן מיר איינגעזען, אַז עס זיינען פאַראַן קנאַפּע אויסזיכטן, מיר זאָלן זיך איצט קענען דורכן וואַלד אַדורכרייסן, איבער דער שונא, אַרויסזעצנדיק זיך אין פאַרשידענע פונקטן, פּלאַנעוועט אונדז אַרומרינגלען. מיר האָבן זיך אָבער געטרייסט, וואָס מיר האָבן געהאַט כאָטש ק נ א פּ ע האָפענונגען אײדער ג אָ ר נ י ש ט. אונדזער האָפענונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס צוזאַמען מיט די באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, וועלן אויך מ י ר קענען באַ־ציִיטנס אָפּטרעטן, און אויב ס׳וועט זיין צו שפּעט, וועלן מיר צוזאַמען אין קאַמף זיך דורכרייסן דורך דער בלאָקאַדע.

גרינעמאַן איז גיך געקומען און לויט זיין באַפעל, מיר זאָלן זיך אַלע תיכף אויסשטעלן, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז אַן ערנסטע, אויב נישט זייער שטאַרק ערנסט.

לאַנג טראַכטן האָט אונדז גרינעמאַן נישט געלאָזן:

— די לאַגע, חברים, איז אַן ערנסטע, — האָט ער גלייך אָנגעהויבן, — לויט די אינפאָרמאַציעס פון די שטאַב־אויסשפּירער, האָבן זיך אַרויס־געזעצט אויף די אַרומיקע באַן־סטאַנציעס עטלעכע און דרייסיק טויזנט מאַן, כדי דורכצוקערן דעם וואַלד. דער בריגאַדע־שטאַב האָט פאַר־אָרדנט זיינע אָטריאַדן אָפּצוטרעטן, ווו נאָר עס איז מעגלעך. אויך מיר דאַרפן דאָס זעלבע טאָן.

— דאָס איז גאָרנישט לייכט, — האָט גרינעמאַן ווי זיך אַליין געענטפערט, — אַפילו זייער שווער. אָבער מיר האָבן דערצו נאָך אַן אויפגאַבע דורכצופירן, וואָס דער שטאַב האָט פאַרגעבן.

מיר האָבן אָפּגעאָטעמט. הייסט עס, אַז מען רעכנט זיך יאָ מיט אונדז.

— די אויפגאַבע אונדזערע באַשטייט דערין, וואָס מיר וועלן דאַרפן אויף טראָג־בעטלעך אַדורכפירן אין אַ זיכערן אָרט די קראַנקע פון אַלע אָטריאַדן, וועלכע קענען נישט מיט די געזונטע אָפּטרעטן פון וואַלד. אונדז וועלן אויך מיטהעלפן קעמפער פון אַנדערע אָטריאַדן. זייט איר גרייט?

אז די פאַרגעבענע אויפגאַבע איז נישט קיין לייכטע, איז גלייך פאַר אונדז קלאָר געוואָרן. ס'איז אויך געווען צו זען, אַז אונדז ווערט דערמיט נאָך מער באַשווערט דאָס אַרויסרייסן זיך פון דער אַרומרינג־לונג.

„אין אַ זיכערן אָרט"... ווו דער זיכערער אָרט געפינט זיך האָט מען אונדז נישט געזאָגט.

מיר האָבן גענומען וואָס מען האָט געקענט מיט זיך, און זיך געלאָזן אין וועג.

אַנדערש האָט איצט אויסגעזען דער וואַלד. גרינע קרוינען־קעפּ האָבן שטיל אונדז געזעגנט צי באַדויערט וואָס מיר פאַרלאָזן זיי. אומ־היימלעכע שאָטנס האָבן זיך צעלייגט ווי לאַנגע קלעצער אונטער אונד־זערע פיס.

אַן אומעטיקער וואַלד.

עס האָט געווירט אין יעדן איינעם פון אונדז מיט אומהיימלעכקייט. די שטימונג האָט זיך אָבער גיך פאַרבעסערט, ווען מיט אונדז האָבן זיך פאַראייניקט אַנדערע פּאַרטיזאַנער־גרופּן. אָבער אַ לידל פאַרציען האָט זיך נישט איינגעגעבן, כאָטש עס האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן געפּרוווט דעם עולם אינספּירירן צו דעם.

ביז וואַנען מיר זיינען דערגאַנגען צו דער ערשטער אָטריאַד־באַזע, ווו עס זיינען געלעגן די קראַנקע, האָט שוין די זון זיך אָנגעהויבן בוקן צו אונדזערע פיס.

פון די ערד־שטיבלעך האָט געיאָגט מיט פּוסטקייט. זיי זיינען גע־שטאַנען אומעטיקע, פאַרלאָזענע. די עטלעכע קראַנקע האָבן זיך דער־פרייט מיט אונדז.

— געמיינט, אַז מ'האָט אונדז שוין געלאָזן פאַר די נאַציס.

— ווער ווייס וואָס עס קען נאָך זיין. — האָט ווער פון אונדז זיך אָנגערופן.

— אָבער אויב אומקומען, איז אויך פרייליכער צוזאַמען, — האָט אַ הינקענדיק־פאַרווונדעטער פּאַרטיזאַן אויסגעחכמעט.

פון עטלעכע באַזעס האָבן מיר אויפגענומען צוועלף קראַנקע. עס איז שוין געווען שטאַרק טונקל, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן דעם גאַנג. מיר פילן ווי עס וואָלט זיך נאָך אונדז געיאָגט אין נאַכן דער שונא. מיר פּרוּוון זיך אַרויסדרייען פון אים. מיר וואָלטן עס אפשר אויך באַ־וויזן, אָבער מיר זיינען געבונדן; מיר טראָגן אויף אונדזערע נאָך אומ־געמאַטערטע פּלייצעס פאַרווונדעטע און קראַנקע חברים.

נאַכט. די גאַנצע פינצטערניש האָט זיך איבער אונדזערע קעפּ

פאַרקליבן. מיר זעען אפילו נישט קיין סימנים פון וועג, פון ביימער. טאַפּטשע און טאַפּטשע און איבער מיין פּלייצע קרעכצט דער פאַרוווּנדעטער לייטענאַנט ליסיצקי, מיר זאָלן גיין פּאַמעלעך, ווייל די ווונדן רייסן זיך אים פונאַנדער, בלוטיקן, טוען וויי.

ווו גייען מיר? ווער פירט אונדז?

מיר גייען צום אינדזל „אמעריקע”, עס פירן אונדז אלטע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן שוין דאָרט נישט איין מאָל דורכגעמאַכט א בלאָקאַדע.

וואָס איז דאָס פאַר אן אינדזל מיט אזא מאָדנעם נאָמען?

דער אינדזל איז ארומגערינגלט מיט אומדורכדרינגבאַרע בלאָטעס און זומפּן. קיין איין מאָל האָט זיך דער פיינט נישט געלאָזן דערגרייכן צום אינדזל, וועלכן די פּאַרטיזאַנער האָבן א נאָמען געגעבן „אמעריקע”.

און אָט זיינען מיר טאַקע אריין אין דער מיט, אין די בלאָטעס, אין די זומפּן.

ווי אזוי גייט מען אָבער פאָרט אדורך אָט די נישט-דורכגייענדיקע בלאָטעס און זומפּן?

אין דער פינצטערניש האָט ווער אריינגעלויכטן אין פּנים און באַפוילן מיר און מיינע דריי חברים, איבערצוגעבן דעם פאַרוווּנדעטן ליסיצקין אנדערע פיר און מ י ר זאָלן בראָדזשענדיק אין דער פינצטער פאָראויס, לייגן א כסדרדיקע בריק, עס זאָלן קענען גיין איבער דעם די איבעריקע, וועלכע גייען נאָך אונדז מיט די קראַנקע אויף די פּלייצעס, מיט די פּאָר פערד, וועלכע שלעפּן שפּייז פאַר אונדז אין וועגענער.

עס וועדט הייס, נישט אויסצוהאַלטן. איך וואַרף אראָפּ פון זיך די קורטקע און שליידער זי ערגעץ אוועק. מיר ברעכן צווייגן פון די ביימער און וואַרפן עס אויף דעם זומפּיק-בלאָטיקן וועג, איינע אויף די אנדערע. די פּראָוויזאָרישע בריק קרעכצט אונטער די מאַרשירנדיקע שטיוול, אָבער זיי גייען, זיי גייען...

וואָס ווייטער ווערט אלץ שווערער דער גאַנג. מיר האָבן שוין קיין כוחות נישט ארויסצושלעפּן די אייגענע פיס פון זומפּ, וואָס קלאַמערט אונדז אזש ביז דעם בויך ארום.

ביז די אַקסלען אין די זומפּן
מיט צעווייפגעשמידטע הענט,
האָבן ברידער זיך פאַרשרומפּן
און פאַרלייגט א פונדאַמענט.

אזוי האָט סוצקעווער, איינער פון די בריק-בויער, פּאַעטיש אויס-

געפורעמט א פראגמענט פון אונדזער איבערמענטשלעכער ארבעט.

און קיין סוף צו דעם גהינום-וועג. נעמט נאָך אלץ נישט. נישט נאָר מיר קענען פון וואסער נישט דערגרייכן די צווייגן פון די ביימער, נאָר קוים, קוים וואָס מיר אליין קענען זיך טראָגן פאָראויס. די קעמפער שלעפן זיך אויסגעמאטערטע, אויף די פערדישע רוקנס לאָזן זיך ארויף-אראָפּ שטעקענער. די פארווונדעטע קרעכצן... און פאר יעדן פרייז טאָר ביז פארטאָג קיין סימן נישט בלייבן, אז דאָ איז מען געגאנגען, אז דורך אָט די נישט-דורכגייענדיקע בלאָטעס זיינען מענטשן ד אָ ך דורכגעגאנגען.

— היינט פאלט אויס דער ערשטער טאָג יום-טוב — רופט אויס ירחמיאלקע שפּיז.

— מיינסט, דער ערשטער טאָג פון די ימים-נוראים! — פאררוכט זלמן יפה.

ירחמיאלקע כאפט זיך, וואָס זלמן מיינט און זיפצט אויס:

— ביסט גערעכט, י מ י ם נ ו ר א י ם... און לאָמיר בעטן עס זאָל כאָטש ערגער נישט זיין...

# „אמעריקע"

פֿאַרטאָג. ס'איז געווען שווער וועמען צו דערקענען. די קליידער אויף אונדז — איינגעפֿראָרן, האַרט ווי קאָרע. האָבן מיר זיך געוואַרעמט איינער צו די אַנדערע און געטריבן פֿון זיך די מידקייט, וואָס האָט אונדז נאָר געוואָלט איינרואיקן, פֿאַרשלעפֿערן.

מיר האָבן זיך געפֿונען אויפֿן אינדזל, אויף „אמעריקע".

א ווילד-באַוואַקסענער רייזיקער שטח מיט הויכע גראָזן, קוסטעס, ביימער און צעצווייגטע סטיעזשקעס צו טיפֿע, אומבאַקאַנטע מקומות. אין דריי זייטן רינגלען אונדז אַרום זומפּן און בלאָטעס. אין דער פֿערטער זייט — די גרויסע אָזערע נאַראָטש. עס האָט זיך געדוכט, אַז די דייטשן וועלן זיכער אַהער נישט קומען.

— זיי וועלן זיכער אַהער נישט קומען — איז זלמן יפֿה, דער אַלטער פּאַרטיזאַן, איבערצייגט.

— די דייטשן דאַנקען גאָט, אַז זיי טרעפֿן אין וואַלד קיינעם נישט אָן, — האַלט זיך יפֿה ביי דאָס זייניקע, — דער עיקר איז דאָך ביי זיי דורכפֿירן דעם באַפֿעל און דורכגיין דעם וואַלד. וועלן זיי קיינעם נישט טרעפֿן, — וועלן זיי זיכער צו אונדז גאָרנישט האָבן...

און ווער וויל דאָס נישט איצט זיין איינגעוויגט פֿון אַזעלכע וואַרעמע רייד? האָבן מיר זיך באַרואיקט און האָפֿענונגספֿולע צעלייגט זיך אויפֿן גראָז קעגן דער צעוואַרעמטער, לאַשטשענדיקער זון. ס'האָט זיך אַפֿילו עסן נישט געוואָלט, כאָטש אַ גאַנצן מעת-לעת ווי מיר האָבן אין מויל גאָרנישט געהאַט. איין זאַך נאָר, נאָך וואָס מיר גאַרן — ר ו. אָט-אַזוי, קעגן דער אַלץ מער צעוואַרעמטער זון — ליגן, ליגן, ליגן — — —

שטיל. מיר זיינען אָפּגעטיילט פֿון דער וועלט מיט אַ דיקן פֿאָרהאַנג פֿון שטילקייט. אַמאָל איז דאָס גוט, נאָר אַזאַ שטילקייט קען אויך שרעקן. עס ווערט פֿאַרדעכטיק. ווער ווייס, צי באַהאַלט זיך נישט הינטער אָט דעם שטילקייט-פֿאַראַוואַן ערגעץ-ווו דער שונא.

אַנדריי קען נישט פֿאַרגעסן און קרעכצנדיק מורמלט ער פֿון אונטער אַ מאַנטל אַרויס:

— איך האָב אים מיט א דובינע געשלאָגן פון גרוים צער. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט נאָר די פאָדערשטע פיס געביטן קוים פון ציים צו ציים געהויבן אין דער הויך. די הינטערשטע זיינען אָבער כסדר געזונקען אין זומפּ און אים מיטגעצויגן... אוי, קאשטאנ־קעלע, קאשטאנקעלע... כ'האָב געמיינט, איך וועל פון זינען אראָפּ, דער־זעענדיק אין קאיאָר זיין פארחלשטן קאָפּ און די אויסשטארצנדיקע אָר־מעטיקע אויגן. זו עס האָט געקוקט אויף מיר „ראטעווע, ראטעווע", און איך, הינטישער זון, בין אוועק, אוועק און געראטעוועט זיך... מ יי ן פּעל!

דעם זעלבן סוף וואָ אנדריים קאשטאנקע האָבן אויך געהאט א צענדליק אנדערע פערד. זיי האָבן נישט געקענט ארויסקריכן פון זומ־פּיקן שליים און אין גרויליקן רעווען אָן כוחות, געבליבן פארלוירענע און פארלאָזענע פון זייערע באלעבאטים, די פארטיזאנער...

די קראנקע וויטיקן צווישן די קוסטעס. עס פּרוּוון שטילן זייערע ווייען דער דאָקטאָר און די קראנקן־שוועסטער. ערגער פון אלע פילט זיך ליסיצקי. וואָלט ער ווי ביז נעכטן געלעגן אויף היינט א רואיקער אויף דער נארע אין ערד־שטיבל, וואָלט ער אפשר שוין צו זיך געקומען אין א פּאָר טעג ארום. אָבער דורך דער נאכט האָט מען אים טראָגנדיק, און יעדע צען מינוט האָבן נאָך דערצו די פארטיזאנער זיך געביטן, זייער שטארק צערירט די וווּנדן און אָנגעמאכט מאוימדיקע ווייטיקן.

ווען זיי טאקע אהער נישט קומען? — — —

פרעמדע זיינען מיר דאָ. פארוואָרפענע, ווי ארויסגעשליידערטע פון א צעבראָכענער שיף פון ים אויף אן אומבאוווינטן ווילדן אינדזל.

טוליען מיר זיך איינע צו די אנדערע, ווי מיר זאָלן זוכן הילף איינער ביים צווייטן. ליסיצקים ווייען לאָזן נישט רוען. דער ציטער פון די גלידער וויל נישט פארשווינדן. די נעץ האָט זיך איינגעגעסן אין גוף. אויך די ערד דערוואַרעמט זיך נישט. מען טאָר נישט אונטער־צינדן א פּאָר צווייגן אויפצוקאָכן אביסל וואַרעמס. דער רויך קען דער־פירן צו אונדז דעם שונא.

מיר האָבן תפילה געטון, עס זאָל זיין שטיל, רואיק. די תפילה איז דערהערט געוואָרן. שרעקט עס אונדז. וואָס קען איצט זיין אויף יענער זייט פון די בלאָטעס? מיר ווייסן אז דער שונא ק ע מ ט איצט דורך דעם וואלד, וואָס מיר האָבן פארלאָזן. קען מען טאקע זי־כער זיין, אז אויך דאָס מאָל זאָלן די דייטשן אהער נישט דערגיין? און ווו זיינען אהינגעקומען די הונדערטער יידן וואָס זיינען אין די אָטריאדן נישט צוגענומען געוואָרן? בארים זאָגט, אז קיין איין קאָ־

מאנדיר האָט נישט דערלאָזן די אומבאוואָפנטע יידן גיין מיט די אָט־ריאדן, וועלכע זיינען באצייטנס אוועק פון וואלד. מיט געוווער האָבן די פּארטיזאנער געצוווּנגען די יידן צו פארבלייבן אין וואלד, ביז זיי, די פּארטיזאנער, וועלן נישט צוערשט אוועקגיין.

— מיר האָבן דאָך נישט קיין געוווער! — האָבן די יידן נישט גע־וואָלט אָפּטרעטן, — ווּ זאָלן מיר גיין?

— צו גאָט... — האָט סארקאסטיש אויסגעשמייכלט דער קאָמאנ־דיר פון קאָמסאָמאָלסקן אָטריאַד, וואָלאָדקע שאולעוויטש.

— אומעטום זיינען מיר יידן! — האָט א צעצאָרנטער פארענדיקט באָרים.

— און אונדז איז דען בעסער? וואָס וועלן מיר טון מיט די עט־לעכע ביקסן, אויב די דייטשן וועלן אהער דערקריכן?

מען ווייס נישט פון וועמען עס קומט דער צווייפל. אלע באַנעמען אָבער גוט די סיטואציע, וואָס קען זיך שאפן אין אזא פאל. קיינער ענטפערט נישט. עס ענגבערט אָבער: ווּ וועט מען אנטרינען? מיט וואָס וועט מען זיך טאקע שיצן? עס קען דאָך נאָך געשען אויך דאָס ערגסטע — ארייננפאלן צום שונא לעבעדיקע אין זיינע הענט אריין. ס'איז דאָך אפילו נישטאָ פאר אלע גענוג כאָטש צו איינציקע קוילן צו באגיין זעלבסטמאָרד... גיך ווערן אויך מיר אָנגעשטעקט פון דער נערוועזיטעט. ס'איז עפּעס נישט גלאטיק. שטייען מיר ווידער אויס־געשטעלט אין רייען. פון דער ווייטנס הערן זיך קאָמאנדע־רופן פון אנדערע גרופּעס. אונדזער קאָמאנדיר איז צעטראָגן. ער האָט נישט קיין עלטערן איבער זיך און האָט נישט צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך פאַראָרדענונגען. ער האָט שוין געפּרוּווט אָנבינדן א קאָנטאקט מיט די אָנפירער פון די אנדערע גרופּירונגען; יענע האָבן אים געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער, ווי זיך געוואָלט אָפּטשעפּען פון אים. עס איז גענוג קענטיק געווען, אז מען האלט אונדז פאר א באלאסט, אז צו קיין געאייניקטע קאמפס-אָפּעראציע, אויב עס זאָל דערצו אויסקומען, וויל מען אונדז נישט האָבן. שטייט באָרים א פארצווייפלטער, ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך און מיט אונדז. מיר ווערן נאָכמער נערוועז, מיר פילן, אז יעדע מינוט איז טייער, טאָר נישט אוועקגיין אין ניוועץ, כאָטש וואָס צו טאָן, הויבן מיר קיינער נישט אָן צו וויסן.

— איין זאך וואָס מיר ווייסן יאָ, — רופט זיך ענדלעך באָרים אָן — איז אז דער פיינט, דורכקעמענדיק דעם וואלד, נישט אָנטרעפנדיק אויף קיין פּארטיזאנער, דערנענטערט זיך אהער... די לאגע איז אזוי ארום מער ווי ערנסט... איך לייג דעריבער פאָר אז די פּראָווינצער,

װעלכע אָריענטירן זיך מער אין װאַלד און זומפּן־װעגן, זאָלן זיך צע־טײלן אין דרײַ גרופּעס, װוּ עס זאָלן אַרײַן פּראָװינצער און שטאָטישע... אפשר װעט געלינגען װעמען פֿון אײַך זיך אַרױסצודרײען פֿון דער בלאָקאַדע...

אַלע האָבן צוערשט געשװיגן, נאָכדעם האָט זיך אָנגעהױבן אַ שוש־קערײַ. עס איז באַלד קלאָר געװאָרן, אַז די פּראָװינצער האָבן באַ־טראַכט, אַז אױב יאָ זיך דורכרײַסן דורך דער דײַטשער בלאָקאַדע, װעלן עס קענען נאָר גרופּעס צו צװײ־דרײַ. אָבער אַ גרעסערע גרופּע, האָבן זײ געטענהט, און אָן געװער, װעלן מיר אַלע אומקומען. און אײדער נאָך איך הױב אָן צו טראַכטן װאָס צו טאָן, דערפֿיל איך מיטאַמאָל אַ פּוסטקײט אַרום זיך. כמעט אַלע זײַנען זײ צערונען, אָפּ־געטראָגן זיך...

אָנגעשפּאַרט אָן בײמער דערזע איך מײַנע טײַערע סוצקעװערס, דעם װילנער כאַצקל אײפּע און די צװײ לערערינס פֿון סװיר, די שװעסטער כאַסיע און פֿרײדל רעזניק.

— אױף גאָטס באַראָט געבליבן, חברה! — רוף איך אױס און פֿאַרטראַכטנדיק זיך — לאָמיר זיך גאָר צוזעצן, אפשר װעט זײַן מזל־דיקער.

די אומעטיקע גראָקײט האָט אָנגעהױבן טונקעלער װערן און אײַנ־געהילט די מידע, פֿאַרבלאַסטע פּנימער. מיר האָבן זיך צונױפֿגעפּרעסט אײנער צום צװײטן, װי געװאָלט װערן אײן גוף מיט אײן נשמה...

פּרעמדע זײַנען מיר דאָ. אַזאַ גרױסע װעלט — און אַזױ צונױפֿגע־דרענגט, צונױפֿגעקנױלט... אײַנשלאָפֿן — נאָר װי קען מען. מען מאַכט פֿעסטער די אױגן צו, עס װילט זיך נישט אָנזען דעם צעפּינקלטן הימל איבער זיך. די אױערן אין די קאָלנערס פֿאַררוקט — נישט צו הערן דאָס קװאַקערײַ פֿון דער זשאַבעדיקער װעלט.

מחשבות: װאָס הױבט מען אָן צו טאָן? װוּ גײט מען, װען מען װײסט נישט װוּ דער ערשטער טראָט װעט פֿאַרפֿירן? װאָס טוט זיך אַרום אונדז? װי װעט אױסזען דער פֿרימאָרגן? און אפשר װעלן מיר שױן קײנמאָל נישט זען װי אַ פֿרימאָרגן זעט אױס? װעלן זײ אָנקומען בײַ־נאַכט, פֿאַרטאָג... דורך װעלכן װעג? און אפשר... אַ פ ש ר... אַפּ...

# גליקלעכע מענטשן

נישט ווילנדיק האָט זיך אריינגעריסן דער קאַלטער גרויער קאיאַר דורך די פארמאכטע אויגנדעקלעך. ארום איז קיינער נישטאָ. ווו זיינען זיי אנטרונען? איז דען דאָ פאראן, וווּ זיך צו באהאלטן? נאָר צו וואָס די שאלות — מען זעט נישט קיינעם, נישטאָ און שוין. אפילו די קראנקע זיינען נישט געוואָרן...

מיר האָבן זיך דערפילט נאָך ערגער ווי אין א שטייג. וואָלטן מיר זיך געפילט ארומגעגראַטעוועט, וואָלטן מיר געפּרוּווט דאָס אייזן בייסן, ברעכן, אָבער דאָ, אויף דעם אומבאקאנטן אינדזל, קען דאָך אונדז יעדער טראָט פארראַטן און... ראַטעווען. וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?

— ווי גאָט וועט געבן... — בלית ברירה האָבן מיר אויך מיט דעם געמוזט מסכים זיין. איינס איז אונדז קלאָר געוואָרן: פון אונטערן פרייען הימל מוז מען אנטלויפן. מען מוז זיך גוט פארמעלינעווען.

עס האָט נאָך אַלץ נישט אויסגעזען, אז דער שונא זאָל זיין נאָענט פון אונדז. און אפשר, ווער ווייס?... דער שונא קען דאָך ליגן ערגעץ אין דער נאָענט אין אויסשפּיר, און אין דער שטילסטער מינוט, ווען מיר וועלן זיך גאָר נישט ריכטן אויף אים, וועט ער געבן א שפרונג אויף זיין רויב און...

דאָס איינציקע אָרט, וווּ מיר זעען, אז מען קען אונדז ווייניקער באמערקן, זיינען די זומפּיקע ערטער, פון וואנען עס וואקסן ארוים נידעריקע ביימלעך. אהין טאקע פארקריכן מיר. אָפּגערוקט איינע פון די אנדערע, צעלייגן מיר זיך אין זומפּ. טאָמער טרעפט יאָ דער פיינט אויף וועמען אָן, זאָלן בלייבן אומבאמערקט די איבעריקע. איך האלט אָבער נישט אוים פון אומעט און פויזשע צו צו די סוצקעווערס..

— ווי צוגעברענטע גראָזן זעען אוים די האָר פון דיין באָרד.

— און דיר — טוט ער א קוק אויף מיר, — וואקסן שפּיזלען אין בערדל, אַנשטאָט האָר...

— איך שטעל זיך פאָר ווי איר וועט אויסזען אין א וואָך ארום.

— שמייכלט פריידעלע.

— אויך איך וואָלט עס וועלן זען...

— איר וועט זען, קינדער, איר וועט זען, — לאָזט זי נישט נאָך, — מיר האָבן זיך ארויסגעריסן פון דער געטאָ, וועלן מיר זיך אויך פון ד ע ר סכנה ארויסרייסן. מיר האָבן נאָך א גוטן גאָט אויף דער וועלט. מען דארף האָפן... — זי איז שטענדיק א האָפנדיקע, א גלויביקע.

— פונדעסטוועגן — צעלאשטשעט אבראשע דעם פיסטאָלעט, — איז גוט, אז מען האָט בשעת א סכנה א ז א פריינט.

עס ווערט אומהיימלעך. עס איז שוין געגוג ווארעם פון דער צע־שטראַלטער זון, דאָך כאַפּט מיטאמאָל אָן א ציטער. עס הויבט אָן גיכער צו טיקטאקעווען דאָס הארץ.

...ווי אזוי וועט עס פאָרקומען? טאָמער... טאָמער דערזעט אונדז ד אָ ך דער שונא. און אייביקייט דויערן די עטלעכע מחשבותדיקע מינוטן.

— אבראשינקע, — זי ענדיקט נישט. פרוווט זי נאָכאמאָל — אב־ראשינקע... אזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט זאָל בלייבן...

— אז וואָס...

— אז די לעצטע זעקס קוילן בלייבן פאר אונדז. געדענק, די ערש־טע צוויי שיסטו אריין אין מיר... געדענק, געדענק! — שטייט זי כסדר צו, — זאָלסט נישט ציטערן.

א לאנגע, אייביקע שטילקייט.

— אבראשינקע, — קלאמערן אירע צאפּלדיקע הענט ארום זיין קאָפּ — זאָג צו!

— אבראשע, — רוף איך זיך אָן, נישט קוקנדיק אויף זיי ביידן, נאָר סתם ערגעץ צווישן גרינעם געפלעכט, — געדענק, מ י ר גלייך נאָך פריידקען.

— און אפשר... איך דער ערשטער... ד ו מיר?... — ציילט סוצ־קעווער געלאסן די ווערטער.

איך שווייג. אין גאָרגל ווארגט א שווערער קנויל. קען איך גאָרנישט זאָגן, נאָר אין הארצן ריזלט: ווי גוט מיר וואָלט געווען, ווען סוצקע־ווער שיסט אריין אין מיר די ערשטע קוילן. נישט זען מער וואָס און ווי אזוי עס קומט ווייטער פאָר.

און וואָס טראכט איצט ע ר און ז י, פריידעלע?... געווים דאָס זעלבע וואָס איך...

איבער אונדז פליען פייגל.

— זיי שמעקן שוין פלייש...

די שטילקייט געוועלטיקט אלץ. מען קען בשום אופן נישט וויסן

וואָס עס טוט זיך. ווי האַלטן מיר. באַשלים איך, זיך לאָזן אויסשפּירן די נאָענטקייט אַרום אונדז.

פון א בערגל אָבסערוויר איך דעם אַרומיקן שטח. בלויז עטלעכע האַלב־איינגעפאַלענע ביידלעך, א זכר פון א פריערדיקער בלאָקאַדע. מען זעט קיין זאַך נישט. וואָס עס זאָל אָבער נישט געשען, איך מוז וועמען געפינען, באַשלים איך, און גיי ווייטער, טיפער, און שטעל זיך ווידער אויף א בערגל. און עס דויערט טאַקע נישט קיין סך, איך באַמערק און לאָז זיך גיך אַראָפּ אונטן, מען זאָל מיך נישט באַמערקן פונדערווייטנס. צווישן צווייגן באַוועגן זיך אין מיין ריכטונג א מאַן און א פרוי. „קיין דייטשן זיינען דאָס נישט, פּרוּוו איך אליין באַטראַכטן, ווער עס קען דאָס זיין, זאָלן דאָס זיין פּאַרטיזאַנער? האָבן זיי מיך באַמערקט אפשר פריער ווי איך האָב זיי דערזען?" איך שטעל זיך אונטער א בוים און קוק זיי נאָך. זיי זוכן מיך, דעם פאַרשוווּנדענעם. דערנענטערן זיך. איך זע שוין, אז קיין געווער טראָגן זיי נישט ביי זיך. איך שטרענג אָן אן אויער, צו דערהערן אויף וואָס פאַר א שפּראַך זיי ריידן און דערכאַפּנדיק א פּאָר רוסישע ווערטער, אַנטפּלעק איך זיך פאַר זיי.

— פּאַרטיזאַנער?!

— און דו?

— און איר? — לאָז איך נישט נאָך.

— יאָ, ענטפערן זיי, — פון טשאַפּאַיעווסקן אָטריאַד.

— ווי קומט איר אהער?

— מיר האָבן זיך אומגעקערט פון אן אָפּעראַציע און שוין אונדזעריקע נישט געפונען. האָסטו זיי ערגעץ נישט באַמערקט?

— ניין, נישט באַמערקט... און ווי האַלט עס מיט די דייטשן?

— נישטאָ וואָס מורא צו האָבן — קלינגלט אַרויס זי, די פּאַרטיזאַנקע — מיר בלאָנדזשען שוין דאָ אַרום אזוי א גאַנצן טאָג איבערן אינדזל און מער ווי א פּאָר גרופּקעס קעמפער, צעלייגטע אין די קוסטעס, קיינעם נישט אָנגעטראָפן... און וווּ זיינען דיינע איבעריקע חברה?

כ'האָב פּלוצלינג א ציטער געטון פון איר פאַרדעכטיקן אופן פון שטעלן די שאלה.

— כ'בין אליין.

— טאָ קום מיט אונדז, וועט זיין פריילעכער, אויגלט זי שעלמיש.

— ניין, איך וועל גיין זוכן מייניקע. — באַשטיי איך.

— וווּ וועסטו זיי געפינען? — לאָזט ער שוין נישט נאָך, — קום,

זעסט נישט, זי האָט מורא צו גיין מיט מיר אליין... מיט צווייען וועט זיין ווארעמער, — לאכן זיי זיך פונאנדער.

— און דו, אזא יונגער בחורעץ, שעמסט זיך גאָרנישט צו זאָגן, אז דו זוכסט א שותף צו אזא פיינער מויד?... איך וועל זוכן מיינע חברה.

— האָב איך אָנגעהויבן שטעלן טריט אין א פארקערטער ריכטונג, ווי עס האָט געדארפט זיין דער וועג צו אונדזער אָרט. — און צי איך וועל יאָ אָדער נישט וועמען געפינען, וועלן מיר זיך קענען דאָ טרעפן אין א פאָר שעה ארום.

מיט שוועריקייטן האָב איך זיך פון זיי דערווייטערט און פאַר־שווינדנדיק אונטער א בוים האָב איך זיך אָפּגעשטעלט זיי צו אָבסער־ווירן. עס איז ביי מיר כמעט ווי נישט געווען קיין צווייפל, אז דאָס זיינען דייטשע שפּיאָנען. דאָך האָט זיך מיר געוואָלדיק געוואָלט זיין איבערצייגט, צי איך האָב נישט קיין טעות. און אז עס איז נישט קיין טעות, האָב איך באלד דערזען, ווען זיי האָבן דערווייטערנדיק זיך פון מיר פאררויכערט און אראָפּגעוואָרפן אויפן גראָז א ליידיקע פאפּיראָסן־שאכטל, וואָס איך האָב דערנאָך אויפגעהויבן און געבראכט די חברה ווי א באַווייז.

— דייטשן?! — האָבן זיי זיך א הויב געטון, דערזעענדיק די שאכטל פון דייטשע סיגארעטן.

מיר האָבן זיך ווידער אלע צונויפגענומען און געגאנגען טיפער אין די זומפּן, שפּרינגענדיק אויף די ארויסשטארטשנדיקע ווייכע גראָז־אינדזעלעך, כדי נישט ארייגצופאלן אין וואסער.

אין **זומפּנדיקער** גראָז־געדיכטעניש האָבן מיר זיך אָפּ־געשטעלט.

— מער גייען מיר נישט ווייטער, — האָבן מיר אלע באשלאָסן.

— און ווער ווייס, אפשר קען גאָר זיין דאָ אין דער נאָענט דער שונא.

האָבן מיר זיך ווידער צעלייגט, אָפּגעזונדערטע איינע פון די אנ־דערע. מיר זיינען שוין אָבער געלעגן פארדעקטע מיט וואסער. בלויז די קעפּ זיינען געלעגן אויף די גראָזיקע אינדזעלעך.

שלאָפן, פארשטייט זיך, איז שוין נישט געווען מעגלעך, כאָטש דער צופאל פון אָוונט, האָט די געפאר דערווייטערט.

אז דער שונא איז נישט ווייט פון אונדז, האָט אונדז מיטאמאָל אָנגעזאָגט דער צעפלאקערטער הימל אין מיטן דער נאכט. עס האָבן זיך בלייכצייטיק דערטראָגן צו אונדז מאוימדיקע געוויינען פון בהמות און וויים־ווייטע אויפרייסן.

— וואָס ברענט? וועלכער דאָרף? ווי ווייט איז דער שונא פון אונדז?

די קעלט האָט זיך פארקליבן אונטער די בגדים, אין די פיס אריין, דורכגעווייקטע, צעפראָרענע, האָבן מיר געפּרוווט זוכן כאָטש אויף דערווייל א גרעסערן טרוקענערן אָרט. כ'האָב אויסגעטאָן די שטיוול, איינגעהויכט די פיספינגער מיט דער ווארעמקייט פון מויל און זיי איינגעוויקלט אין היטל און אין א שאליק.

וואָס טראכט זיך אין אזא שווידער-נאכט?

— ווי גוט עס איז דאָס געווען אין... געטאָ...

— אז איך פארשטיי נישט, מיט וואָס איך בין דאָס בעסער פאר מיין טאטן, מאמען און שוועסטער, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזן אין געטאָ אויפן בּאראָט פון די דייטשן? וואָלט נישט בעסער געווען דער טויט איידער אזוי זיך אויסקעמפן, אויסבעטן ביים לעבן אביסל לעבן...

— און דאָרטן, אין אמעריקע... — און איידער דער זאַץ ווערט פארענדיקט, רייסט זיך אריין ווידער פריידעלע:

„און אז משה-לייב וועט מיט טרערן זיך שווערן,
אז ס'האָט צו דעם טויט אים געצויגן אזוי,
אזוי ווי עס ציט א פארבענקטן אין אָוונט
צום פענצטער פון זיינס א פארהייליקטער פרוי —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה-לייבן?"...

פריידעלע קען די גאנצע יידישע פּאָעזיע אויף אויסווייניק. פון אירע באליבטסטע דיכטער ציטירט זי זייער אָפט משה-לייב האלפּערין און לאָזט אים אויך איצט נישט אָפּ, ציטירנדיק זיינעם א צווייטן טויט-מאָטיוו:

„...ווי פינצטער איז יענעם,
וואָס ווארט אויף א טרייסט,
און טרייסטן קען קיינער אים נישט.
ווי פינצטער איז יענעם, וואָס ווארט אויפן טויט,
און הערט שוין פון תליון די טריט.
ווי פינצטער איז מיר, וואָס איך שרעק זיך און קלער
אז איך ווארט אויף קיינעם און גאָרנישט מער.
ווי פינצטער איז מיר, אָ, ווי פינצטער איז מיר".

— פריידעלע, און משה קולבאק (פריידעלע לאָזט זיך נישט בעטן קיין סך און פלאטערט שוין: „וואָס מיר שטארבן, ווען מיר שטארבן...")
און לייוויק... און ביז פארטאָג האָט אונדז פריידעלע אריינגעבראכט אין הימל פון דער וואונדערבארער יידישער דיכטונג...

— ווען לייוויק וויים דאָס...
— און לעיעלעס...
— און די יהואש׳עס... און רויזענבלאט... און עס דערמאָנען זיך טעג און נעכט אין ווילנע אין רעסטאָראַן ביי וועלפקען, ווו מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן, באקאנט און באגעגנט מיט יידישע שרייבער, זשור-נאליסטן, אקטיאָרן פון אלע עקן וועלט. זיי האָבן אונדז מקנא געווען אמאָל, אלע. און היינט...
— היינט וועט זיכער זיין דער דעצידירנדיקסטער טאָג פאר אונדז. אָדער, אָדער...
וועט דער היינטיקער טאָג דורכגיין רואיק, זיינען מיר גערעטעווע-טע... אלנפאלס פון ד ע ר אָבלאווע.
דער טאָג הויבט זיך נאָך אָבער אָן קוים-קוים צו באווייזן. קוקט אויף אונדז ווי מיט פארבלעמטע אויגן, גנבעט זיך אריין דער אומרו אין די געדערים אריין. דער פיסטאָלעט אָבער בארואיקט...
— פאָרט דער בעסטער פריינט.
— ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין, איז דאָך אונדז אלץ בעסער פאר יענע, וועלכע האָבן גאָר קיין געווער נישט און זיינען בשעת סכנה אין געפאר אריינצופאלן אין שונאס הענט לעבעדיקע...
— וואָס איז נאָך ערגער פארן ט ו י ט...
— צו אלץ דארף מען האָבן מזל.
— אפילו צום טויט...
— כע...
גליקלעכע מענטשן...

# דאָליע מײַנע, דאָליע...

די דײַטשן, בעסער געזאָגט, די אוקראַאינער און רוסן אין דײַטשע מיליטער־קלײדער, האָבן דאָס מאָל טאַקע „אמעריקע" נישט אויסגע־מיטן. עס איז זיך געוועזן צו ריכטן, אַז זײ וועלן קומען. דאָס ציגאַרעטן־שאַכטל האָט דערציילט, אַז דאָ זײַנען פאַראַן דײַטשע שפּיאָנען, וועלכע האָבן שוין זיכער געגעבן צו וויסן, אַז דאָ אויף דעם אינדזל געפינען זיך פּאַרטיזאַנער.

אויך בײַ זײ האָט דער וועג צו אונדז, דורך די בלאָטעס און זומפּן, געדויערט גוטע עטלעכע שעה. ווען זײ זײַנען דערגאַנגען צו דעם אינדזל, האָט שוין געהאַלטן ערב זון־פאַרגאַנג. אפנים, אַז איבער־נעכטיקן צוזאַמען מיט אונדז, האָבן זײ מורא געהאַט. זײ האָבן גוט געוווּסט, אַז אין דער פינצטערניש זײַנען נישט זײ די הערשער. זײ האָבן גוט געוווּסט, אַז אין דער פינצטערניש קענען זײ אויך באַפאַלן ווערן פון פּאַרטיזאַנער און זיך ווערן קעגן אומגעריכטע אָנפאַלן איז דאַן זײער שווער.

מיט אַן אָן אויפהעריקער שיסערײַ האָבן זײ אָנגעזאָגט וועגן זײער אָנקום.

צום ווײפלטן מאָל איז דאָס דער דעצידירנדיקסטער מאָמענט אין לעבן? ווען אין די געדאַנקען הויבן אָן פאַרבײַשווימען די פאַרשידענע מאָמענטן פון די לעצטע יאָרן, ווען איך בין שוין געווען אין די נעגל פון טויט, האָבן שוין פאַר מיר מיט דער צײַט אַזעלכע מאָמענטן פאַר־לוירן יעדע נערוועזיטעט. מיט דער צײַט בין איך שוין אויך צו אַזאַ לעבן צוגעוווינט געוואָרן. עס איז שוין אפילו אויסגעקומען, אַז אַנדערש קען שוין גאָרנישט זײַן. און פלעגט אַמאָל פאַרבײַגײן אַ לענגערע צײַט אָן אַזעלכע עמאָציעס, האָט זיך געפילט ווי עס פעלט עפּעס וואָס. ס׳איז צו־רוטיק... ס׳האָט שוין דעריבער כמעט קײן אײַנדרוק נישט געמאַכט דאָס אָנקומען פון די דײַטשן, כאָטש נעכטן נאָך האָט נישט אײנער פון אונדז געהאַלטן זײער אָנקום פאַר דער דעצידירנדיקסטער צײַט פון לעבן.

צי זאָגן, אַז אין דער צייט ווען מיר האָבן דערהערט די שיסערייַ האָט נישט אָנגעהויבן גיכער פולסירן ס'בלוט אין די אָדערן, וואָלט נישט געווען ריכטיק. נאָר ווער ווייס פון וואַנען, — איך האָב עפּעס מאָדנע געגלויבט, אַז אויך דאָס מאָל וועלן מיר אַרויסקריכן פון זייערע הענט. מיר האָבן זיך טיפער איינגעזונקען אין וואַסער צווישן די גראָז־בערג־לעך און צווישן די צווייגן אַרויסגעשטעקט דעם איין־איינציקן רעוואָל־ווער, דער באַצאָלער פון לעבן פאַר לעבן.

די שיסערייַ האָט זיך דערווייטערט און דערנענטערט. אַ גרופּע פון 5—6 דייטשן האָבן מיר דערזען דורך דעם צווייַג־געפלעכט. זיי זיינען ווי געלאָפן און שיסנדיק פון צייט צו צייט אין דער לופטן, האָבן זיי געשריען אין רוסיש „טאָוואַרישטשי, טאָוואַרישטשי, ניע באָיטיעס, עטאָ וואַשי!" (חברים, חברים, האָט נישט מורא, ס'איז אייגענע). זי־כער איז, אַז אויך זיי האָבן נישט געוואָלט אָנטרעפן אויף קיין פּאַר־טיזאַנער און דערפאַר געגעבן דורך זייערע געשרייען אונדז צו וויסן, מיר זאָלן זיך באַהאַלטן.

עס איז שטיל געוואָרן מיטן צופאַלן פון דער נאַכט.

מיר זיינען אַרויס פון וואַסער, זיך צוגעטוליעט איינע צו די אַנ־דערע און געחלומט, אַז דער צעפלאַקערטער הימל איבער אונדז פון די אָנגעצונדענע דערפער פון אַרום, זאָל אַראָפּנידערן איבער אונדז, דער־וואַרעמען די גלידער, אַ צערטל טון...

דעם פאַרטאָג האָט באַגוועלטיקט אַן אומהיימלעכע שטילקייט.

זיינען זיי נאָך דאָ? אוועקגעגאַנגען? פון יענער זייט אָזיערע האָט זיך כסדר געטראָגן אַן אומהדיקער געוואָי פון בהמות און קנוילן רויך זיינען זיך צוגאַנגען איבער אַלע הימלען. איך בין אַרויס צו דער טרי־קעניש אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בוים און פון קרוין־שפּיץ דערזען ווי די אַנדערע זייט פון דער אָזיערע ברענט. דער גאַנצער פאַס ערד שטייט אין פלאַמען.

קיינער האָט זיך דעם טאָג נישט געוויזן. עס איז כמעט ווי קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן שוין די בלאָקאַדע דורכגעמאַכט. אויף מאָרגן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן פּאַרטיזאַנער אויפן אינדזל. מיר האָבן נאָך נישט אויפגעלייגט קיין פייער, כדי דער רויך זאָל נישט מסרן ווו מיר געפינען זיך, מיר האָבן אָבער שוין געקענט פרייער אָפּ־אָטעמען און טראַכטן וועגן די איבעריקע חברה, וועלכע זיינען אוועק זוכן זיכערע ערטער און ווער ווייס, צי זיי האָבן עפּעס אַנדערש נישט געפונען...

אויסער ליסיצקין, האָבן אַלע קראַנקע גוט אָפּגעשניטן. זיי זיינען

געלעגן פאַרשטעקט צווישן די קוסטעס און נישט באַמערקט געוואָרן פון די נאַצים. אָבער די טראַגעדיע מיט ליסיצקין איז פּשוט נישט געווען איבערצוטראָגן. ווען דער פיינט האָט זיך דערנענטערט צו די קראַנקע, וועלכע זיינען געלעגן אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, האָט ליסיצקי דערהערנדיק די שיסערייַ און געשרייען גאָר נאָענט פון אים, געמיינט אַז אָט-אָט און די דייטשן דערנענטערן זיך צו אים און וועלן אים כאַפּן אין געפאַנגענשאַפט. כדי נישט אַריינצופאַלן אין זייערע הענט קיין לעבעדיקער, האָט ער מיט אָנשטרענגונגען אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער פון שייד און זיך אַריינגעשאָסן א קויל אין האַלדז. די דייטשן האָבן אָבער זיכער געמיינט, אַז דער שאָס איז אַן אייגענער און זיינען פאַרביי די קוסטעס, וווּ עס זיינען אין ציטער געלעגן די קראַנקע.

א פּאָר טעג האָט זיך ליסיצקי געמאַטערט אין די ווייטיקדיקסטע יסורים און איז לסוף אויסגעגאַנגען.

עס זיינען אָנגעקומען די איבעריקע פּאַרטיזאַנער פון אונדזער אָט־ריאַד און פון די אַנדערע קלענערע גרופּעס. צעמאַטערטע אַלע, אויסגע־ווייקטע, שמוציקע, הונגעריקע.

— די קאָרע פון דיביימער האָבן מיר אויפגעפרעסן.

— נאָך קיינמאָל אַזאַ מאכל נישט פאַרזוכט.

— מער נישט, א ביסל זאַלץ האָט צוגעפעלט, — האָבן זיך עטלע־כע געוויצלט.

באָרים, אונדזער קאָמאַנדיר, איז נאָך נישטאָ. קיינער ווייס נישט ווו ער איז אַהינגעקומען. אַלע אָבער פאַרשטייען, אַז אָן א קאָמאַנדיר קען מען אַפילו קיין איין טאָג נישט זיין. גראָד א י צ ט מוז זיין א שטאַרקע האַנט וואָס זאָל נישט דערלאָזן צו דעמאָראַליזאַציע אין די פּאַרטיזאַנישע רייען — יעדער זאָל זיך טאָן וואָס אים גלוסט, גיין ווו עס ווילט זיך.

מען מוז דערפירן אַלע פּאַרטיזאַנער צוריק אויף זייערע פריערדיקע באַזעס אין אַן אָרגאַניזירטן סדר.

יעדערער האָט עס פאַרשטאַנען. דערפאַר איז געווען גרינג צו קומען צום אַלגעמיינעם ווילן אויסצוקלייבן — ביז וואַנען מ׳וועט באַ־קומען דירעקטיוון פון דער העכערער אָנפירונג — פון דער אייגענער ריי א קאָמאַנדיר.

איך ווייס נישט מיט וואָס איך האָב זיך פאַרדינט. ק ע נ ן מיין קאַנדידאַטור, וואָס עס האָט ווער אַרויסגעשטעלט, איז נישט געווען קיין איין שטימע. עס האָט נישט געהאָלפן מיין פּרווו זיך אָפּצוזאָגן פון

דער נאָמינאַציע. אויך איך אליין האָב צום סוף פארשטאַנען, אז נישט איצט איז די צייט צופיל צו דיסקוטירן ארום דער פראַגע. איך האָב אָבער געשטעלט א באַדינג: אומבאַדינגטע געהאָרכזאַמקייט פון אַלע קעמפער צו אלע מיינע באַפעלן.

אלע האָבן מיינע תנאים פארשטאַנען. איך האָב איבערגענומען די קאָמאַנדע.

און שוין אין די ערשטע טעג האָבן די קעמפערס דערפילט, אז זיי האָבן א באַלעבאָס איבער זיך, וואָס פאָדערט פון זיי, וואָס היט, מען זאָל שטרענג אויספירן דעם גאַנצן רעגולאַמין, וואָס פארטיזאַנער מוזן אָפּהיטן.

מיין ערשטע פאָדערונג איז געווען, — ארויסשיקן צוויי אויסשפּי־רער אויף אונדזער אַלטער באַזע, צו זען ווי עס האַלט מיט די דייטשן און זיך דערוויסן פון פויערים, צי די דייטשן שטייען נאָך אָדער זיינען שוין אַוועקגעפאָרן.

איך האָב פאַראָרדנט אויפצוזאַמלען די זאַפּאַסן שפּייז וואָס יעדער האָט מיטגענומען מיט זיך אין איין אָרט און באַשטימט א סטאַראָסטע (ווירטשאַפט-באַלעבאָס) וואָס זאָל אָנפירן מיט דער פּראָוויאַנטירונג אין א גלייכער מאָס פאַר אַלעמען.

נישט קוקנדיק אויף דער קעלט, האָב איך די איינציקע פאָר וועש פון זיך אויסגעטאָן און עס אויסגעקאָכט אין א קעסל און דערמיט גע־וויזן א ביישפּיל, אז די איבעריקע קעמפער זאָלן עס נאָכטאָן.

נאַטירלעך האָב איך, ווי דאָס פאָדערט די פארטיזאַנישע זיכער־קייט, שטאַרק געזאָרגט אַוועקצושטעלן פּאָסטנס אין עטלעכע ערטער, דורך וואַנען עס קענען אָנקומען דייטשן, שפּיאָנען אָדער פארבלאָנדזשע־טע פארטיזאַנער.

איך האָב שטרענג נאָכגעקוקט, אז די פּערזענלעכע חשבונות וואָס איינער האָט געהאַט צום צווייטן צוליב דער שווערער סיטואַציע, זאָלן אָפּגעטעמפּט ווערן.

נישט איינמאָל האָב איך געטראָפן קעמפער ערגעץ אין א זייט קייענדיק עפּעס. איך האָב נישט געפרעגט פון וואַנען די שפּייז קומט צו זיי. מיין בייזער בליק האָט אָבער זיי געשמיסן און געוואָרגן די איבעריקע ביסנס, וואָס זיי האָבן צוגענומען, צוגעגנבעט פון זייערע חברים...

אין א פּאָר טעג ארום האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן דער דאָקטאָר, וואָס האָט באַדאַרפט זיצן ביי זיינע קראַנקע און איז ביים אָנקום פון די דייטשן ערגעץ אנטרונען געוואָרן.

— איז פאַראַן עפּעס נייעס, חבר קאָמאַנדיר? — פרעגט ער מיך.

— דער שונא איז אָפּגעטראָטן און מיינע אויסשפּירער האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז די פּאַרטיזאַנער קלייבן זיך שוין צונויף אויף זייערע אַלטע באַזעס.

— וועלן מיר, אויב אַזוי, דורכמאַכן דעם זעלבן וועג אויף צוריק.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אונדזערע קעמפער ווילן ווידער דאַרפן טראָגן די קראַנקע אויף זיך צו זייערע פריערדיקע ערטער.

משמעות, אַז אונדזער שמועס האָט צוגעהערט עמעצער פון די פּאַרטיזאַנער, ווייל ווי נאָר איך האָב א געשריי געטאָן „אַטריאַד סטרויסאַ" — (דער אָטריאַד אין דער רייע), האָב איך זיך אומקערנדיק א קוק צו טון אויף די קעמפער, וואָס זיינען נאָר־וואָס געווען, קיינעם נישט באַמערקט. אַלע זיינען פאַרשווונדן געוואָרן.

— שפּיז! — האָט איך א דונער געטון צו ירחמיאלקען, — תיכף צונויפטרייבן אַלעמען אין רייע!

— טאַק יעסט, טאָוואַרישטש קאָמאַנדיר! — (צום באַפעל, חבר קאָמאַנדיר), — האָט ער דעם ענטפער צוזאַמען מיט דעם קלאַפּ פון די שטיוול מיטגענומען מיט זיך. ער האָט זיך צו מיין שפּאַנענדיקער דערוואַרטונג אָפּגעזאַמט א פינף מינוט און האָט זיך א צעשוויצטער אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אָפּגעבן דעם ראַפּאָרט:

— חבר קאָמאַנדיר, דער קעמפער ירחמיאל שפּיז מעלדעט, אַז ער האָט דעם באַפעל אויסגעפירט! ב. זאָגט אַז ער איז נישט געזונט, ל. אַז אים טוט ווי א פוס, ג. אַז איך זאָל אים נישט דרייען קיין קאָפּ, מ. זאָגט, אַז ער האָט זיך צו טראָגן און אַנדערע האָט ער שוין נישט קיין כוח...

— אויב ביז 5 מינוט וועלן זיך דאָ נישט באַווייזן אַלע קעמפער אויסגעשטעלט אין רייע, — שריי איך אים מיט רציחה אַלע זאָלן הערן — וועל איך שיסן!

די רייע איז פאַרפולט געוואָרן ביז איינעם.

דער דאָקטאָר איז געשטאַנען אָן א זייט. איך האָב איצט נישט געוואָלט האַלטן פאַר זיי קיין מוסר־רייד, נאָר קוקנדיק אַזוי זיך אין א זייט, ווייל קוקן אויף זיי האָב איך קיין חשק נישט געהאַט, האָט זיך מיר א טראַכט געטון: „צי וואָלטן זיי איין וואָרט געזאָגט קעגן, ווען אויף מיין אָרט וואָלט איצט געווען קאָמאַנדיר וואָלאָדקע שאָולעוויטש? און וואָס וואָלט שאָולעוויטש געטאָן, ווען מען וואָלט אים נישט געפאָלגט? זיכער געשאָסן. איינעם. צוויי. די איבעריקע וואָלטן שוין גע-

ווּסט ווי מען דאַרף אויספּילן באַפעלן. שווער צו זיין א קאָמאַנדיר צווישן איינגנע... און אפשר וואָלט אן אנדערער געהאַט מער דערפּאָלג?.. עך, דאַליע, מזל מיינער..."

איך האָב אָפּגעציילט אכט פּאַרטיזאַנער.

— צוערשט גייט איר טראָגן די קראַנקע, — און אָפּציילנדיק א צווייטע אכטל — און איר וועט זיי יעדע צען מינוט אומבייטן.

זיי האָבן א שלאָס געטון די פּיס און אויסגערופן:

— צום באַפעל, חבר קאָמאַנדיר!

און צו די איבעריקע קעמפער האָב איך ארויסגעגעבן א באַפעל, זיך צוגרייטן צו פאַרלאָזן מאָרגן פאַרטאָג „אמעריקע".

## ווּ די אויגן טראָגן...

ווי אַן אָפּגעבּרענטע חורבה האָט אויסגעזען דער וואַלד נאָך דער אָבּלאַווע. די צווייגן-ביידלעך אויפגעריסענע פון גראַנאַטן.

דאָס געביין פון בהמות ליגט אונטער זייער צוגעפרוירן בלוט. אויסגעריסענע שטיקער פלייש פון אַלטע ביימער.

פון די אָרגאַניזירטע אָטריאַדן איז נאָך קיינער נישטאָ. ווּ עס גע־פינט זיך מאַרקאָוו מיט זיין שטאַב ווייס קיינער נישט.

בלאָנדזשענדיקע שאָטנס פון איינצלנע פּאַרטיזאַנער.

זיי קומען פון די טיפסטע און וויטסטע בלאָטעס און זומפּן. פון די פּאַרוואָרפנסטע און באַוואַקסנסטע געדיכטענישן.

זיי קומען...

יעדער אָנקום דערפרייט דאָס האַרץ. אין ציטער וואַרטן מיר אויף נאָך אַנדערע.

די געקומענע דערציילן גרויליקע געשיכטעס, ווי אַזוי עס זיינען אומגעקומען צענדליקער יידישע קעמפערס.

נישט קענענדיק זיך אָנשליסן אין קיין אָטריאַד, זיינען אַלע גע־לאָפן פון וואַלד, ווּ די אויגן האָבן געטראָגן. קיינער כמעט האָט נישט געקענט דעם געגנט.

— דער פיינט קומט אַן אין וואַלד! ווּ טוט מען זיך אַהין?

איינער ביי דעם אַנדערן האָט געזוכט א תשובה און קיינער האָט דעם ענטפער נישט געקענט געבן.

די ביימער זיינען אין תפיסה-קראַטן פאַרוואַנדלט געוואָרן. קראַטן — מען קען זיך אַדורכרייסן דורך זיי, אָבער ווער שטייט הינטער זיי? ווי אַזוי קען מען וויסן אין וועלכן אָרט דער פיינט ליגט פאַרטייעט, באַהאַלטן, ווּ די געפאַר לויערט?

עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געגלויבט, אַז זיי וועט זיך איינגעבן צו דערקריכן ערגעץ צו א באַקאַנטן פויער אָדער זיך אויס־צובאַהאַלטן אין א זייטיקן שייער, צו אין א ביידל ערגעץ אָדער אין א

שטעלכל. די גרעסטע טייל זיינען אָבער אין מיטן וועג דורך מערדע־רישע קוילן דערלאַנגט געוואָרן.

ביז 40 טויזנט סאָלדאַטן האָבן דעם וואַלד ארומגערינגלט און מיר זיינען געווען בסך הכל א טויזנט קעמפער, צווישן וועלכע איבער א העלפט האָט קיין געווער נישט געהאַט.

אין דריי רינגען האָט דער פיינט דעם וואַלד ארומגערינגלט און אינעווייניק, טיפער אין וואַלד, זיינען טויזנטער פון זיי אריין ד ו ר כ־ק ע מ ע ן די קוסטעס, די צווייגן ווו עס קענען זיך געפינען פּארטי־זאַנער.

די באוואָפנטע אָטריאַדן זיינען אלע צו דער צייט ארויס פון וואַלד, נאָך איידער די ארומרינגלונג האָט זיך אָנגעהויבן. א קליינע גרופּע, האָט אָנטרעפנדיק אויף דער ערשטער פּיינטלעכער באַגעגעניש, אין קאַמף, ליידנדיק איין דערהרגעטן און דריי פאַרוואונדעטע, זיך דאָך אדורכגעריסן צו נישט קיין געפערלעכע ערטער.

אנדערש איז אָבער געשען מיט די אומבאוואָפנטע, מיט די, וועלכע זיינען אין קיין אָטריאַד נישט צוגענומען געוואָרן.

ביז זיבעציק פון זיי זיינען אין די עטלעכע טעג אומגעקומען. יעדע אוועקגעגאנגענע שעה און יעדער אָנקומענדיקער קעמפער האָט פאַרגרעסערט די צאָל טויטע.

נישטאָ שוין מענדל באַרענשטיין, מיט וועמען איך האָב אין געטאָ געארבעט אין ראָזענבערג־שטאַב. איינע נעבן די אנדערע זיינען דער־שאָסן געוואָרן ביים לויפן די דוקשטער שוועסטערס בלומקע און ליובקע האַמבורג. נישט ווייט פון זיין באַקאַנטן פויער האָבן קוילן צעלעכערט דעם טייערן קאַבילניקער שלום יאַנאָוויטשן. נישטאָ מער די סוויענציאַ־נער בתיה קאָוואַרסקי.

און אָט — די שווידערלעכסטע, אומגלויבלעכע ידיעה: אין קאַמף קעגן שונאַס שטאַרקע קרעפטן איז אומגעקומען די גאַנצע גרופּע אונ־טער גלאַזמאַנס אָנפירונג, אלע... אלע... גלאַזמאַן, זיסקאָוויטש, בראַוזע, קאָוונער, מירע, אווּרעמקע... קיינער איז נישט געבליבן.

אומגעקומען איז אויך די שיינע סוויענציאַנער שיינע־לאַהקע שול־צייפער.

צו דערציילן די איבערלעבונגען פון אירע לעצטע יאָרן, וואָלט מען באַדאַרפט א בוך אָנשרייבן. אָבער מיט וואָס זיינען דען די פּאַסירונגען פון אנדערע לעבנס אנדערש?

שיינע־לאַהקען האָב איך גוט געקענט. אָבער נישט דערפאַר וויל איך איר ווידמען עטלעכע שורות מער ווי אנדערע:

ווי א סך אנדערע יידישע יוגנטלעכע פון פאר-מלחמהדיקן פּוילן, איז אויך פאר איר געווען א גליק וואָס עס האָט זיך איר איינגעגעבן צו שווארצן די פּוילישע גרענעץ קיין סאָוועטן-פארבאנד. זי איז אָפּ-געפאָרן קיין בירא-בידזשאן, ווו עס האָט זיך געפונען איר חבר מולקע איינגארן פון ווידז, וואָס איז אנטלאָפן פון דער פּוילישער דעפּענסיווע. פון צייט צו צייט פלעגן זיי שיקן צו זייערע משפחות אין פּוילן בריוו-לעך און דערנאָך האָט זיך דאָס שרייבן אָפּגעשטעלט. שפּעטער זיינען דערגאנגען צו אונדז ידיעות, אז מען האָט מולקען ארעסטירט ווי א... פּוילישן שפּיאָן. וועגן איר האָט מען גארנישט געהערט. ערשט ווען די סאָוועטן האָבן פארנומען די מזרחדיקע פּוילישע געביטן, האָט זיך צו דער איבערראשונג פון די סווינציאנער יידן, אין פעברואר פון 1941, באוויזן שיינע-לאהקע.

עס איז געווען שווער זי צו דערקענען. שטארק פארעלטערט. שוויי-גנדיק. זי פלעגט געבן אויסמיידנדיקע תשובות אויף די פראגעס, וואָס יידן האָבן איר כסדר געשטעלט וועגן בירא-בידזשאן. זייער אָפט האָט זי בכלל נישט געענטפערט. געשוויגן. זי האָט זיך צוריק באפריינדעט מיט איר געוועזענעם חבר פערקא מארקאָוו, וואָס איז געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער שטאָט-פארוואלטונג.

עס איז איר אָבער נישט באשערט געווען זיך צופיל אנצופרייען מיט אירע אלטע באקאנטע. די מלחמה ברעכט אויס.

אין מאי פון 1943 טרעף איך זי אין ווילנער געטאָ, ווו מען ברענגט זי מיט א גרופּע יידן פון סווינצאיאן.

שיינע-לאהקע קען אין געטאָ נישט איינזיצן. עס ציט זי אין וואלד. זי ווייס שוין, אז אין די נאראָטשער וועלדער פירט אָן פעדקע מיט די פּארטיזאנער.

אויך דאָס דערגרייכט זי. זי קומט אָן אהינצו.

ביז איר חבר פעדקע (מארקאָוו) נעמט זי אויף, גערויערט עטלעכע טעג. דערנאָך האָט ער איר געהייסן ווארטן, האָבן געדולד. און ווען עס איז אָנגעקומען די אָבלאווע, און זי האָט אים קוים דערכאפּט און אים געבעטן, אז ער זאָל זי מיטנעמען מיט זיין ספּעציעל אָפּגעקליבע-נער קאמפס-גרופּע, האָט ער איר געענטפערט:

— איך ווייס אליין נישט ווו צו גיין...

איז שיינע-לאהקע געבליבן אליין. עס איז איר שוין געווען אלץ איינס ווו צו גיין. זי איז געווען זיכער, אז דאָס מאָל וועט זי זיך שוין פון טויט נישט ארויסדרייען.

און אזוי איז געשען...

נישטאָ שוין מער די שיינע שיינע-לאהקע.

פון די קאזאנער וועלדער איז אָנגעקומען דער פּאָלקאָווניק קאזי־מיר, דער הויפּט-קאָמאנדיר פון די פּארטיזאנישע כוחות פון ליטע. ער האָט זיך דאָ ערגעץ באזעצט מיט א גרופּע. משמעות, אז דאָ וועט זיין זיין הויפּט-באזע. עס איז שווער צו דערגיין, ווו ער געפינט זיך. אָבער א פּאָר פּארטיזאנער וואָס זיינען דאָרט דערגאנגען און אים געבעטן, ער זאָל זיי צונעמען אין זיין גרופּע, האָט ער אָפּגעזאָגט. דערוויל נעמט ער ק י נ ע ם נישט צו, ווער עס זאָל צו אים נישט קומען. עס רייסן זיך צו אים די יידישע קעמפער. אפילו די, וועלכע זיינען שוין אין אָטריאדן. מען ווייסט, אז קאזימיר איז א גוטער קאָמאנדיר. ער באשטראָפט פאר יעדן סימן פון אומטאָלעראנץ פון איין קעמפער צום צווייטן, ווער דאָס זאָל נישט זיין. מען ווייסט אויך, אז קאזימירס גרופּע איז א רייכע... עס הייסט, זיי האָבן א סך געווער, וואָס מען שיקט זיי ספּעציעל פון זייער שטאב וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט פראָנט. פון צייט צו צייט באווייזט זיך איבערן וואלד אן עראָפּלאן און לויט אָפּגערעדטע סימנים, זיינען שוין די קעמפער צוגעגרייט אויף א ספּע־ציעלן פרייען פּלאץ — דעם פּארטיזאנישן עראָדראָם אין וואלד. די פּארטיזאנער ווייסן שוין אז דאן דאַרף מען אויסלייגן ווי א סימן א געוויסע צאָל פייערן אויפן פּלאץ, די פליער זאָלן זען ווו אראָפּצוּוואַרפן די משא.

זעלטן וועלכער אָטריאד עס האָט אָבער אזא מזל. כמעט אלע פּאר־טיזאנער מוזן געווער באקומען אליין פאר זיך. עס ווערט פארשטאנען, אז עס איז נישטאָ אזויפיל געווער אויף יענער זייט פראָנט פאר די פּארטיזאנער. עס איז אויך נישטאָ קיין איבעריקע עראָפּלאנען, קיין פליער. מען מוז אלץ האָבן אויפן דירעקטן פראָנט. דערצו טרעפט נישט זעלטן, אז ווען עס קומט שוין יאָ אן עראָפּלאן צו די פּארטיזאנער, פארפליען די פאראשוטן מיט דער משא אויסער דער פּארטיזאנישער זאָנע, צום פיינט. און נישט איינמאָל טרעפט אז אונדזער עראָפּלאן ווערט באמערקט פון פיינט און באווייזט זיך נישט ארויסצורייסן פון שונאס יאגדלער. יאָ, אויך דאָס טרעפט.

מען מוז אויפנעמען דאָס נייע לעבן און די נייע באדינגונגען אזוי ווי זיי זיינען.

עס גייען מיר נישט ארויס פון זכרון די פארגאנגענע טעג, די קרבנות, אָבער יעדע מינוט באווייזן זיך נייע געשעענישן, אין וועלכע איך ווער אריינגעצויגן.

עס באווייזן זיך שוין די אָטריאדן. שוין דאָ אויף זיין באזע צוריק

דער קאָמיוגישער אָטריאַד. דער „טשאַפּאַיעווסקער", „פּאַרכאָמענקאָ", „נקמה-נעמער". די גרופּע „איוואַן איוואַנאָוויטש". און אָט דערפרייען מיר זיך אַלע: אונדזער קאָמאַנדיר, באַרים גריינעמאַן האָט זיך באַוויזן. איך ווער באַפרייט פון מיין אמט. צוריק א פּראָסטער סאָלדאַט, אַן איינפאַכער פּאַרטיזאַן.

באַרים פאַרבינדט זיך מיט דעם בריגאַדע-שטאַב. מאַרקאָוו פאַר-אָרדנט אונדזער ארבעטס- און קאַמפּס-גרופּע אָרגאַניזירן די באַזע אין אַן אָרט, וואָס ליגט א צען קילאָמעטער פון דער בריגאַדע.

אָנהויב אָקטאָבער. דער גילדערנער זשאַווער פון די ביימער-בלעטער וואַלגערט זיך אונטער די פיס. פון צייט צו צייט שפּיזלט אויס אַן עסיקער רעגן. מיר גייען זיך באַזעצן אויף א ניי אָרט. דאָס אָרט אין וואַלד איז נאָך נישט „באַוווינט". מיר דאַרפן זיך דאָרט איינאָר-דענען. אַלץ פון דאָס ניי. נישט נאָר דעם הארבסט וועט מען דאַרפן איבערקומען, נאָר אויך דעם ווינטער. אמת, מיר וועלן אויך דאַרפן גאָר אָפט פון וואַלד ארויסגיין צו קאַמפּס-אָפּעראַציעס, צו באַקומען שפּייז. אָבער מיר פאַרשטייען, אז מיר וועלן דאַרפן פאַרלייגן אויך אַן ארבעטס-נעסט. מיר וועלן דאַרפן אָרגאַניזירן וואַרשטאַטן פאַר שניי-דעריי, פאַר שוסטעריי, גארבעריי. אויך א בעקעריי מוז געשאַפן ווערן. די גאַנצע בריגאַדע, אַלע אָטריאַדן דאַרפן מיר באַדינען. אַלע קעמפער דאַרפן גיין אָנגעטאָן אין גאַנצע בגדים און שיך. מיר דאַרפן זיי אויך צושטעלן גוט-געבאַקטן ברויט.

און...

דערווייל זעען מיר פאַר זיך נאָר ווילדענישן: ביימער, בלעטער און אונטער די בלעטער פרירט די ערד און מיר דאַרפן שטיקער ערד פאַרוואַנדלען אין אונדזער פעסטונג, ווו קיינער, אפילו נישט קיין אַנ-דערע פּאַרטיזאַנער, זאָל דאָ נישט קענען צוקומען. מיר דאַרפן ווייזן וואָס מיר קענען...

גאַרנישט פון די לייכטע אויפגאַבן דורכצופירן.

און עס איז מער ווי נאַטירלעך, וואָס אין גאַנג צו אונדזער נייעם אָרט, קענען נאָך חברה אַלץ נישט פאַרגעסן די לעצטע טעג.

א מעשה נאָך א מעשה און עס איז כדאי א פּאָר פון די טשיקאַוו-סטע איבערצודערציילן:

## ווען די זון איז אויפגעגאנגען

אין וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן דעם הויך-וווקסיקן גלובאָקער בחור איציק בלאַט.

ער איז אַ יחסן. מיט נאָך עטלעכע גלובאָקער חברה האָט זיך אים איינגעגעבן אַריינצובאַקומען אין טשאַפּאַיעווסקן אָטריאַד, וווּ ער איז גאָר גיך דערגאַנגען צום ראַנג פון אַן אָפּטייל (וזוואָד)-קאָמאַנדיר.

אַ באַשיידענער בחור. רעדט ווייניק, אָבער ווען מיר האָבן זיך שוין צערעדט וועגן דער אָקאָרשט-פאַרענדיקטער אָבלאַווע, האָט ער אונדז, באַגלייטנדיק, דערציילט אויך זיין געשיכטע:

זאַלבעפערט האָט זיי זייער אָטריאַד-קאָמאַנדיר געשיקט אויף אַ ווירטשאַפטלעכער אויפגאַבע: באַזאָרגן די קעמפער שפּייז אויף אַ פּאָר וואָכן. זיי זיינען שוין געווען אין וועג אויף צוריק, ווען זיי האָבן דער־הערט, אַז דייטשן רינגלען דעם וואַלד אַרום. האָבן זיי געלאָזט פערד און וואָגן מיט הכל בכל און שניידנדיק צווייי טייכלעך, געצילט וואָס גיכער צו פאַרבינדן זיך מיטן אָטריאַד. אָבער קומענדיק אויף דער באַזע, האָבן זיי שוין קיינעם נישט געטראָפן. עס איז שוין אויך געווען שפּעט אַרויסצוגיין פון וואַלד. עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה ווי צו פאַרמאַסקירן זיך אין אַ גרוב. ווי לאַנג אָבער קען מען דאָרט אָפּליגן נישט קיין געגעסענע? אויפן צווייטן טאָג איז ער מיט שלמהקע באַס־קינען אַרויס פון גרוב זיך אַרומקוקן ווו מען האַלט אין דער וועלט. עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין צוויי-דריי מינוט, ווי פּלוצלינג האָט די גרינע שטילקייט דורכגעשניטן אַ נאָענטע, געדיכטע אויטאָ־מאַטן-שיסעריי.

— נאַצים! — האָט איציק אַ געשריי געטון און מורא האָבנדיק טאָמער האָט מען זיי באַמערקט, האָבן זיי נישט וועלנדיק פאַרראַטן די איבערגעבליבענע צוויי חברים אין גרוב, אָנגעהויבן שטעלן קאַמאַשן טיפער אין וואַלד.

דערשפּירנדיק, אַז זיי ווערן נאָכגעיאָגט פון איין זייט פון שונא און פון דער אַנדערער זייט ענדיקט זיך באַלד דער טייל וואַלד און עס הויבט זיך אָן אַ פריי שטיק פעלד, ווו זיי וועלן נישט קענען געשיצט

ווערן פון די נאָכיאָגנדיקע קוילן, — האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, פאַר־שטעלנדיק זיך מיט דיקע ביימער.

די גרופּע דייטשן, וואָס האָט נאָכגעיאָגט די צוויי פּאַרטיזאַנער, האָט מיטאמאָל זיי פאַרלוירן פון אויג.

און אזוי איז ווייטער געשען, ווי איציק גיט איבער:

— די דייטשן האָבן אונדז טאַקע נישט באמערקט, אָבער מיר זיי האָבן גוט געזען. זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט, אז נישט ווייסנדיק ווּ מיר געפינען זיך, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו אונדז. קיין צייט צו קלערן איז שוין נישט געווען. איך גיב א באַפעל:

— שלמהקע, שיס!

און ווי מיר וואָלטן זיך ביידע צוזאמענגערעדט, קנאַקן מיר אריין צוויי סעריעס קוילן אין איין נאצי, זייער אָנפירער געווים, אן אָפיציר.

די אנדערע טרעטן צוערשט אָפּ, אָבער גיך קומט א באַפעל פון זייער נייעם עלטסטן:

— אין וואַלד אלע, נאָך די באַנדיטן!

זיי קערן זיך צוריק און גייען פונקט אין דער ריכטונג צו מיר. איך ציל ווייטער מיין אווטאָמאַט און... ער זאָגט אָפּ, וויל נישט שיסן. איך נעם ארויס פון מיין רימען א גראַנאַט, גיב א שליידער און צוויי נאַציס ליגן שוין דערהרגעטע. די אנדערע זעען מיך נאָך אַלץ נישט. זיי וואַרפן אָבער כסדר גראַנאַטן אין מיין ריכטונג און הרגענען אוועק די... ביימער.

דער אווטאָמאַט האָט אָפּגעזאָגט, נעם איך זיך צו מיין פּיסטאָלעט.

„אויב זיי דערשנאַפּען מיך — טראַכט איך — שיס איך זיך".

איך באַווייז בלויז אריינלאָזן א קויל אין לופט און דערזע, די נאַ־ציס זיינען שוין א מעטער פינף פון מיר.

„פאַרפאַלן — פליט דורך א געדאַנק — אזוי ווייניק אויפגעטאָן און..."

אָן אויפגערעגטער שטעל איך צו דעם פּיסטאָלעט צו מיין שטערן און האַק אריין צוויי קוילן.

די קוילן האָבן אָבער בלויז א כאַפּ געטון פון אויבן־אויף די הויט און צעבלוטיקט דעם שטערן. איך שטעל דאַן אָן דעם פּיסטאָלעט צום שליף, טו א דריק אין צינגל, אָבער... דאָס מאָל זאָגט אויך דער פּיס־טאָלעט אָפּ, וויל נישט שיסן.

„ווּ איז שלמהקע — פליט מיר דורך א געדאַנק — וואָס טוט מען?"

— אָפּציען — רוף איך, נישט זעענדיק אים.

איך לויף דורך די קוסטעס און אויף מיר — ווי פון הימל וואָלט

גערעגנט מיט קוילן. איך קריך אריין אין א וואסער־בלאָטע און האלט בלויז ארויסגעשטעקט די נאָז צו אָטעמען. נאָר עס ווערט ווידער שלעכט. עטלעכע נאַצים גייען אין מיין ריכטונג.

— נו — טראכט איך — טאָמער וואָס דערטרינק איך זיך".

א צוויי מעטער פון מיר שטייט אן אָפיציר. ער קוקט דוכט זיך אויף מיר.

איך טו א קוק אויפן הימל איבער מיר, געזעגן זיך שטום מיט דער וועלט און נורע זיך ווידער איין אין טיפן וואסער, לאָזנדיק אויף דער פריי די שפּיץ נאָז צום אָטעמען.

„און אפשר וועל איך טאקע בלייבן לעבן?" — טו איך א טראכט.

דער עלטערער אָפיציר זוכט אלץ ארום זיך און ווי עס קומט צו מיר ,ווערט ער עפּעס ווי בלינד, ער באמערקט מיך נישט. ער טוט עפּעס א גראגער אוים און נעמט מיט זיך מיט אלע סאָלדאטן אין ווייטערדיקן וועג.

אָנגעהויבן האָט זיך די גאנצע געשיכטע ארום האלב צוויי ביי־טאָג און דער זייגער אויף מיין האנט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זעקס. ווען די שיסעריי האָט זיך דערווייטערט, בין איך ארויס פון וואַ־סער.

ס'האקט א צאָן אין א צאָן. קאלט. מיטאמאָל דערהער איך א ווײ־געשריי:

— ח־ב־רים! ח־ב־רים!

איך דערקריך צום אָרט, פון וואנען דער געשריי איז געקומען און דערזע מיין שלמהקען אויף דער ערד.

— אויב דו ביסט נישט פארוואונדעט — קרעכצט ער אוים — וועס־טו אפשר מיך ראטעווען.

וואָס איז איז, איז נישטאָ וועמען צו פרעגן. איך זע אָבער פון אויבן, די לינקע האנט הענגט אויף א שטיקל פלייש און די רעכטע פּלייצע איז צעזיפּט פון קוילן. נעבן אים ליגט אין א טייך בלוט אן אויפגעריסענער נאַצי פון א גראנאט. נישטאָ די מאָרדע און די הענט.

איך נעם שלמהקען אונטער מיינע הענט און פּרוּוו אים פירן. ער אָבער ציטערט.

— ס'איז מיר קאלט. ס'איז מיר קאלט.

דאָס פרעסטל שטארקט זיך און פירט שוין די בלאָטעס. איך אליין ווער פארפרוירן. איך נעם אָבער אראָפּ פון זיך די ווארעמע פו־פייקע און טו אים אָן. ער קען שוין אָבער נישט גיין. קרעכצט:

— ס'ווערט מיר ערגער... שלעכט. איך שטארב באלד.

— באלד וועלן מיר געפינען א דאָקטאָר — טרייסט איך אים.

— פארגעסט נישט מיינע שוועסטער, חבר קאָמאנדיר — מורמלט ער און פאלט אויף מיינע הענט — שלאָג דעם שונא ווייטער. נעם נקמה אויך פאר מיר.

א ווײַלע שטיל. די זון האָט אים באלויכטן מיט א פּורפּורנעם שײַן.

— שלמהקע! — מונטער איך אים — ווי פילסטו זיך, שלמה!

ער הויבט אָן מורמלען אומפארשטענדלעכע ווערטער. איך דערפיל ווי די רעכטע האנט זיינע ווערט קאלט. דאָס פּנים ווערט בלאסער. אויך דער קערפּער ווערט קאלט.

ער רעדט, ער שרייט עפּעס... און אָט קרעכצט ער ענדלעך אויס:

— נעם, חבר קאָמאנדיר, נקמה פאר מיר!

אכט שעה בין איך אָפּגעזעסן ביי זיין גסיסה און אין קיין איין זאך אים נישט געקענט העלפן. מיר האָבן צו קיינעם נישט געקענט רופן, כ'האָב נישט געוווּסט, וווּ איך געפין זיך.

פארטאָג איז שוין זיין גאנצער קערפּער געווען קאלט...

ווען די זון איז אויפגעגאנגען איז דער טייערער שלום אויסגעגאנגען..."

***

לייזער דער שווארצער האלט, אז אויב מען זאָל דארפן באשרייבן ווי אזוי ער מיט חיים דעם גארבער זיינען פון דער אַבלאווע לעבן געבליבן, וואָלט מען באדארפט אָנשרייבן אפשר צען ביכער.

זיי זיינען ביידע געבליבן פארלאָזטע פון אלעמען און ווי אנדערע, האָבן אויך זיי געזוכט א וועג זיך ארויסצוקריגן פון דער פיינטלעכער ארומרינגלונג. זיי האָבן זיך געהאלטן פאזע ברעג פון וואלד, כדי אין א פאסיקער מינוט זיך דורכצורייסן אין אן אנדער זאָנע. זיי האָבן געזען ווי עס ברענען דערפער, ווי דער שונא שיסט מיט פּולעמיאָטן און לייכטע הארמאטן אויפן וואלד.

— פון דעם אָבער — זאָגט לייזער — וואָלט מען נאָך געקענט בלייבן לעבן. שיסן אויפן וואלד, הייסט פארניכטן אמאָל א פּאָר נאָדלען אויף א צווייג. אפילו ווען דער פיינט האָט איינמאָל פון עראָפּלאנען באָמבארדירט דעם וואלד, האָבן זיי אויסער איין לייכט-פארוווּנדעטן פארטיזאן קיין אנדערע דערפאָלגן נישט געהאט. אָבער ערגער איז אונדז געוואָרן, ווען נאָך דער שיסעריי האָבן זיך די נאצים אָנגעהויבן לאָזן צו אונדז. מיר זיינען אריין טיפער אין וואלד און זיך פארמאסקירט מיט צווייגן. די סאָלדאטן, געוועזענע רויטארמייער, האָבן געשריגן אויף רוסיש: „גייט ארוים! גיט זיך אונטער! עס וועט אייך גאָרנישט געשעען!". זיי זיינען אזוי שרייענדיק אונדז פארביי און האָבן א מעטער

15 פון אונדז פארלייגט זייער באַזע. אַזוי זיינען מיר ביז זיי זיינען אוועק, אָפּגעלעגן נישט קיין געגעסענע צוויי טעג. שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיך צוריק ארויסגעלאָזט צו אַן אָפּגעברענטער שטיבל זוכן עפּעס דאָס האַרץ צו דערהאַלטן.

ביי דער חורבה האָבן מיר טאַקע געפונען אַן אַ שיעור אָפּגעבאַקענע קאַרטאָפל. אָנגעגעסן און אָנגעשאָטן אין די קישקעס געברענטע קאָרן — זיינען מיר אוועק צוריק צום וואַלד. אויפן וועג האָבן מיר דערזען א ביידל, וואָס שטייט זיך אַן איינזאַמס אין א זייט.

מיינענדיק, אַז צו דעם ביידל וועט קיינער נישט טראַכטן צו גיין, זיינען מיר אריין אינעווייניק און ארויפגעקראָכן אויפן בוידעם. דאָרט איבערצונעכטיקן און איידער נאָך עס האָט זיך אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָבן מיר דורך די דאַך־שפּאַרונעס באַמערקט, אַז א פּאָר מענטשן גייען צו אונדז. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט, האָב איך דערזען צוויי סאָלדאַטן מיט געווער און הינטער זיי, א קלאָג צו מיר, עס גייען נאָך. אָט גייען זיי אריין אין ביידל, באַקוקן, גייען ארוים... איך קריך צו צום ברעג בוידעם און זע ווי זיי ציען ארויס פון דאַך א בונט שטרוי און צינדן אונטער דאָס ביידל.

— מיר זיינען פאַרפאַלן! — רייס איך זיך די האָר פון קאָפּ.

חיים עצהט מיר זאָלן גלייך אראָפּשפּרינגען און זען צו אַנטלויפן.

— ניין — זאָג איך, זעענדיק דורך די שפּאַרונעס, אַז מיר זיינען ארומגערינגלט פון פּולעמיאָטן — איידער אריינצופאַלן צו זיי לעבעדיקע, איז שוין בעסער פאַרברענט צו ווערן — און דאָס ביידל האָט זיך ווי א שוועבעלע אָנגעצונדן.

דאָס פייער איז שוין דערגאַנגען צו אונדז און אָנגעהויבן כאַפּן די קליידער. איינער דעם אַנדערן האָבן מיר זיך געגלעט די אָנגעגליטע פּלייצעס. דאָס פייער זאָל אונדז נישט אָנכאַפּן, אָבער דער פלאַקער ווייסט פון קיין זאַך נישט. אָט ברענען שוין אויף מיר די בגדים. דער דאַך האָט אָנגעהויבן פאַלן אויף אונדז.

נישט טראַכטנדיק קיין סך, האָב איך דאַן א שפּרונג געטאָן אונטן אין פאָדער־שטיבל, דער אַלטער חיים איז א פאַל געטאָן אויף מיר.

די דייטשן דערהערנדיק דאָס פאַלן, האָבן זיכער געמיינט, אַז דאָס פאַלן די ברענענדיקע באַלקנס אויף דער ערד. באַמערקן אונדז האָבן זיי אויך נישט געקענט, ווייל דער רויך האָט אונדז פאַרשטעלט. דאָס האָט אונדז געראַטעוועט. מיר זיינען אויפן בויך צוריק דערקראָכן אין וואַלד.

— די פּלייצעס אָבער האָבן מיר פעסט צוגעסמאַליעט".

ש. קאטשערגינסקי

# איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן

געדרוקט אין דריי טויזנט עקזעמפּליארן
הילע אויף פּאַפּיר-מאַנטאַזשן — משה פּייגענבלום
קאָרעקטור — ח. בראַקאַזש
דרוקעריי „קולטור" פון מושקאַט און זאַסלאַווסקי, ב. איירעס

אַדרעס פון מחבר:
Sz. Kaczerginski
ANGEL GALLARDO 933 - Dto. 2
Buenos Aires — Argentina

ש. קאַטשערגינסקי

# איך בין געווען א פּאַרטיזאַן

## (די גרינע לעגענדע)

בוך צווייט

ארויסגעגעבן דורך פריינד פונעם מחבר

בועַנאָס איירעס

1952



## אין דער וואַראַשילאָוו-בריגאַדע

1) מאָטל וועקסלער, 2) קאָמבריג מאַטיאַס שומאוסקאַס („קאַזימיר")׳ 3) קאָמבריג פיאָדאָר גריגאָראָוויטש מאַרקאָוו, 4) בערל דרוסקעניקי׳ 5) א. סוצקעווער און זיין פרוי פריידעלע, 6) וואָלאָדקע שאולעוויטש׳ 7) זלמן יפה׳ 8) סלאַווקע, 9) איסאַק ריוואָש׳ 10) ראובן גיידענסאָן, 11) בערל קלאָר.



### בײטאָג און בײנאַכט

1) גרופּע פון בעלסקים אָטריאַד אין די גאַליבאָקער װעלדער. װאַך־פּאָסטן פון פּאַר־טיזאַנישן אַעראָדראָם. 2) דער ראַדיסט מאַרקאָװסקי נעמט אױף באַפעלן פון צענטער און גיט אָפּ באַריכטן, 3) פּאַרטיזאַנישע אױסשפּירער („ראַזװיעדשיקעס”), 4) א ײדישער פאַמיליען־לאַגער אין װאַלד, 5) פּאַפּקע (רעכטס) און סעמיאָנאָװ, 6) קולטור־אַרבעט אָטריאַד.

## שער, אייזן און ביקס, אונדזער פאָלק עמך!

א שיף מיט פאַסאַזשירן איז אין ים דערטרונקען געוואָרן. בלויז איינער האָט זיך באַוויזן אַרויסצוראַטעווען אויף אַן אומבאַוווינטן אינ־דזל. און עס ווערט דערציילט ווי אַזוי אָט דער איינער, מיטן נאָמען ראָבינזאָן קרוזאָ, האָט פון ג אָ ר נ י ש ט א לעבן געשאַפן.

באַוווּנדערן קינדער און דערוואַקסענע דאָס פאַנטאַסטישע בוך און מיר דערמאָנען כסדר דעם גליקלעכן פאַסאַזשיר וואָס האָט א דאַנק זיינע מענטשלעכע קענטענישן און איינפאַלן זיך געקענט געבן אַן עצה אין די אומבאַקאַנטע ווילדענישן.

איז דאָך דאָס אָבער א מעשהלע. נישט מער. א פאַנטאַזיע.

יעדער איינער פון אונדז איז א ראָבינזאָן קרוזאָ אויף דער וואָר. מיר וואָלטן זיך גליקלעך געפילט, ווען מיר וואָלטן געווען אַרומגערינגלט נאָר מיט ים און וואָלטן געקענט חלומען, אַז עס וועט נאָך פאַרבלאָנד־זשען ווען א שיף און ברענגען צוריק צו דער היים.

מיר זיינען אויך אַרומגערינגלט מיט א ים... מיט א ים פון שנאה, האַס און רציחה פון נאַצישע גאַרניזאָנען און פון א גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער.

מיר וואָלטן אָבער קיין פאַרטיזאַנער נישט געווען, ווען עס וואָלט געווען אַנדערש. דאַרף מען זיך אויך צו די געגעבענע באַדינגונגען צופאַסן.

א האַק, א זעג און עטלעכע רידלען, מיט דעם האָבן מיר אין עט־לעכע טעג אויסגעבויט א גרויסע ערד־שטוב פאַר די 38 קעמפער און צוויי קלענערע ערד־שטיבלעך פאַר די וואַרשטאַטן.

די בוי־מייסטערס זיינען די עלטערע פאַרטיזאַנער וואָס האָבן שוין געהאַט א ידיעה אין בויען אַזעלכע שטיבלעך, („זיעמליאַנקעס" אין רו־סיש).

בויענדיק די ערד־שטיבלעך, האָבן מיר זיך אַלע נאָכמער דערקענט. עס איז גוט וואָס מיר האָבן דאָ זלמן יפה'ן, וואָס טויג זיך אויס אויף אַלע זאַכן פון דער הויזיקערווירטשאַפט. ווער רעדט נאָך, דאָרט ווו

מען דאַרף האָבן עפּעס אַ נייעם איינפאַל, איז ער שטענדיק דער ער־שטער מיט זיין עצה. אויך דער צווייטער זלמן (יואל) פון פּאַסטאַוו און די צוויי ברידער פון באַראַנאָוויטש, די קודעוויצקים, זיינען ענער־גישע אַרבעטזאַמע חברה. מיר האָבן גוטע שניידער, שוסטער, גאַרבער און צוויי בעקערס. אויך די פרויען־גרופּע איז נישט קיין שלעכטע. נחמהקע חידקל, מיכלע, יולקע און די גאַר יונגיטשקע שוועסטער אירע חנהלע און רייזל יפה, זיינען שטענדיק ביי דער אַרבעט די ערשטע.

איר טראַגעדיע, וואָס איז אויך נישט נאָר אירע, קען נישט פאַר־געסן וויטנבערגס חברטע, ענדזיע פרידמאַן וואָס איז מיט אונדז.

מיר האָבן אַן אויסגעצייכנטן קוכער און קצב, ראובן גיידענסאָן פון דאָלהינאָוו. אַ שטילער, אַן ערלעכער און אַלע פאַרטרויען מיר אים אונדזער האָב און גוטס, אָך און וויי.

אויך אַ נייעם קאָמאַנדיר האָט מאַרקאָוו באַשטימט. דאָס איז דער פּאַסטאַווער הירש באַרקאַן. דער שטאַב־נאַטשאַלניק איז שלום פּאַלאַנט.

גוטע, פעסטע חברה זיינען אין דער ווירטשאַפט־גרופּע. זיי זיינען דאָך אונדזערע שפּייז־פאַרזאָרגער. יחיאלקע בורגין, שמעון פּאַלעווסקי, הירשקע גאָרדאָן, דעוועלטאָוו — אונטער זייער אָנפירונג גייען אָפּט אַרויס אין די נעכט פון אונדזער אָטריאַד אַ גרעסערע גרופּע און ביי־קומענדיק געגנט שווערקייטן, ברענגען זיי שפּייז פאַר די קעמפער, אָפּטמאָל אויך אָנטועכץ, געשיר און אַז מען דאַרף — אויך פערד און וואָגן.

די פּויערים ווילן נישט געבן. די ערשטע צייט האָבן זיי אפילו, באַמערקנדיק, אַז מען קומט צו זיי נעמען שפּייז אָן געווער, גענוג פּאַרטיזאַנער אַרעסטירט, געבראַכט צו זיי געשטאַפּאָ, פּאָליציי. דאָס איז אָבער געווען מיט אַ יאָר צוריק. איצט גיבן זיי פאַר מורא. זיי ווייסן, אַז מיט פּאַרטיזאַנער דאַרף מען זיך בעסער נישט אָנהויבן. זיי קענען נאָך אונטערצינדן די שטוב און אויך שיסן.

— וואָס ווילט איר, קינדערלעך? — פרעגן זיי איצט הכנעהדיק.

— דריי פּוד מעל, צוויי פּוד אַרבעס, אַ פּוד גרויפּן, אַ בהמה, צוויי חזירים און אַביסל מאַכאָרקע...

— ווו זאָל איך דאָס אַלץ נעמען, ליבינקע מיינע? — צעוויינט ער זיך.

דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע גיט אַ קוק אויפן זייגער און רופט אויס:

— שפּאַן איין פערד און וואָגן און ביז אַ האַר זאָל אַלץ זיין צו־געגרייט. דו האָסט אַ האַלבע שעה צייט.

נישט איינמאָל ווערט א געוויינערייי פון דער פויערטע:

— איר נעמט צו פון אונדז דעם לעצטן ביסן פון מויל. און וואָס וועלן טון די קינדערלעך, פון הונגער שטאַרבן?

פאַרטראַכט זיך נישט איין פּאַרטיזאַן: אפשר טאַקע אָן אָרעמער פויער.

— און באַהאַלטן האָסטו גאָרנישט אין ערגעץ?

הויבן זיך מאַן און ווייב אָן צו צלמען און שווערן ביי אַלע הייליקייטן, אַז מער ווי דאָס וואָס מיר זעען האָבן זיי נישט.

— א נו, חברה, גיט א בודק! — באַפעלט דער קאָמאַנדיר.

עס דויערט נישט קיין סך, חברה געפינען פאַרבאַהאַלטענע זעק מיט מעל, קאַרטאָפל, אין שטאַל צעקוויטשען זיך חזירים און עס צעמוּמוקען זיך אין מיטן דער נאַכט די קי...

***

כדי די נאַציס זאָלן פון אעראָפּלאַנען אונדז נישט באַמערקן, זיינען אונדזערע שטיבלעך איינגעגראָבן צווישן געדיכטעביימער. זייערע קרוינען פאַרשטעלן אונדז. ווען מיר דאַרפן אָנזעגן ביימער אויף אונדזערע שטיבלעך, גייען מיר דעריבער אַוועק ווייט אין וואַלד.

צענדליקער ביימער ווערן אין דער מעטערדיקער טיף פון דער אויסגעגראָבענער ערד אין ווענט פאַרוואַנדלט. עס זאָלן זיך קיין זאַמד דורך די שפּאַלטן נישט שיטן, ווערן די שפּאַלטן פאַרשטאָפּט מיט מאָך, ווערט אויסגעלייגט דער דאַך וואָס איז פון דינע ביימעלעך אויך מיט מאָך. אָבער כדי צו זיין פאַרהיט פון א רעגן און שניי, ווערט דער דאַך באַשאָטן מיט א דיקן שיכט זאַמד און ווי א פאַרמאַסקירונג קעגן אעראָפּלאַנען — פאַרדעקט פון אויבן מיט צווייגן.

פאַר דער גאַנצער גרופּע האָבן מיר געמאַכט איין ערד־שטוב, אַן ערך 20 מעטער די לענג און 8 מעטער די ברייט. מיר זעען זיך אַרום, אַז מיר האָבן געמאַכט א פעלער. בעסער, צוועקמעסיקער וואָלט געווען, ווען מען וואָלט אויסגעבויט עטלעכע שטיבלעך, אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע. מען דאַרף דאָך נעמען אין אכט, אַז דער שונא קען נאָך אומבאַמערקט, נישט קוקנדיק אויף אונדזערע שטענדיקע פּאָסטנס, דערגיין צו אונדז און אַלעמען טרעפן אין איין אָרט. וואָלטן מיר אָבער, ווי אין אַנדערע אָטריאַדן געווען צעשאָטן, קען דאַן ביי א פּלוצלינגען אָנפאַל, זיין מעגלעך, אַז פון א טייל שטיבלעך זאָל מען זיך קענען אַרויסבאַקומען און אפילו שטעלן א ווידערשטאַנד דעם שונא.

אינעווייניק האָט שוין די ערד־שטוב א מענטשישן אויסזען: לאַנגע

נאַרעס (פּריטשעס) ביי די זייטן פון די ווענט. די נאַרעס, געמאַכטע פון דינע אָפּגעצעשעטע ביימלעך, זיינען באַדעקט מיט שטרוי אָדער מיט היי. מיר האָבן שוין, הייסט עס, אויף וואָס דעם קאָפּ אוועקצולייגן.

איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין צוערשט ווי אַזוי מען גיט זיך אין די שטיבלעך אַן עצה מיט די פרעסט.

די צייט גיט מיר אויך איר ענטפער אויף דעם.

יפה איז פון פאַך אַ בלעכער. אַ בלעכער דאַרף אויך קענען שטעלן, ווען מען דאַרף, אַן אויוון אין אַ שטוב. נו, ברענגט מען פון אַן אָפּגע־ברענטן דאָרף ציגל און מען לעפּעט צונויף אַן אויוועלע אין מיטן שטוב און פון אַן אַלט בלעך ווערט אַ קוימען צונויפגעדרייט און אַרויסגעלאָזט דורכן דאַך און אַזוי ווי קיין האָלץ אין וואַלד דאַרפן מיר נישט קויפן, ברענט דער אויוון טאָג און נאַכט און עס איז וואַרעם, אַפילו אָפּט הייס, אַזש מען דאַרף די טירן עפענען.

פון פאַרטאָג טאָר זיך קיינער אין שטוב נישט געפינען. צו מיטאָג ווערט געגעבן אַ סיגנאַל. דאַן שטעלן מיר זיך אויס אין אַ רייע ביי דער קיך מיט די פאַרשידנסטע געשירן וואָס יעדער האָט זיך באַוויזן איינ־צושאַפן ביי די פּויערים און מיט די אָנגעפילטע כלים זופּ, פליישׁ און ברויט זעצן מיר זיך אויס אין שטוב אַרום לאַנגן, לאַנגן טיש. (אויך געמאַכט פון דינע ביימלעך) און שטילן דעם הונגער.

עס מאַכט זיך אויך אַמאָל, אַז דער קאָמאַנדיר גיט אַן איבעריקע האַלבע שעה אויף מיטאָג. דאַן כאַפּט ווער אַריין אַ קוק אין אַ ספר (אַלץ גענומענע פון פּויערים) און איך כאַפּ אַריין: ביים פּיטשעמאַנ־טשינקן פענצטערל פּרוּוו איך אויפנעמען דאָס נייע לעבן אין כאַאָטישע שורות, וואָס נאָר איך אַליין וועל אפשר קענען אין אַ רואיקערער צייט, פאַרוואַנדלען אין לייענ־שטאָף. וועט עס זיין פאַר מיר אַ געוואַלדיקע דערמאָנונג און פאַר אַנדערע אַ לערע...

אַ פאַרטיזאַנישע קיך: צווישן צוויי דיקע ביימער איז צוגעפּעס־טיקט אַ דיקלעכער שטאַנג. אויף דעם שטאַנג הענגט איינער אָדער מער קעסלען, אונטער וועלכע עס איז צעלייגט אַ פייער. די קיך איז איינגעאָרדנט מיט אַלע „באַקוועמלעכקייטן": ביי איין זייט איז אויס־געגראָבן אַ גרוב אַזוי טיף, ביז וואַנען עס ווערט וואַסער. דאָס איז אונדזער ברונעם. ביי אַ צווייטער זייט נאָך אַ גרוב אויף מיסט. אַביסל ווייטער הענגט אויף אַ בוים אַ געשאָכטענע בהמה. נעבן דעם, אַ לאַנ־גער טיש פאַר דער קיך, וווּ עס ווערט צוגעריכט דאָס עסן.

געוויינלעך זיינען אין יעדן אָטריאַד פאַראַן צוויי קיכן. אַ באַזונ־דערע פאַר די קעמפער און אַ בעסערע קיך פאַר דעם שטאַב. ביי אונדז

איז אָבער נאָך דעמאָקראַטיש... איין קיך פאַר אַלעמען, איין קעסל.

דער ווינטער פאַרבייט אונדז די אייז־קאַסטנס... אין די זומער־טעג קען מען אָבער לאַנג קיין פלייש נישט האַלטן. פאַרגראָבט מען דאָס נישט־אויפגעגעסענע פלייש אין גריבער און אויב עס איז פאַראַן — קוילעט מען א צווייטע בהמה.

אויב עס איז פאַראַן... גאָר אָפט טרעפט, אַז נישט נאָר פלייש איז נישטאָ, נאָר עס פעלט א שטיקל ברויט. מען איז זיך מחיה מיט אביסל זופּ.

א הארבע פּראָבלעם איז דאָס אַרטיקל זאַלץ.

ווען א פּויער מסרט פאַר דער געשטאַפּאָ א פּאַרטיזאַן אָדער א יידן, באַקומט דער מסור פאַר זיין אַרבעט א געשאַנק א האַלבן פּוד זאַלץ, עטלעכע קילאָ צוקער און טאַבאַק. אָן צוקער קען מען אויסקו־מען. א רויכערער גיט זיך אין וואַלד אויך אַן עצה מיט גראָז־טאַבאַק, אָבער ערגער איז מיט זאַלץ. מילא ברויט, האָבן מיר גאָר פאַרגעסן, אַז אין ברויט נוצט מען אויך זאַלץ, אָבער זופּ אָן זאַלץ, איז אין מויל נישט צו נעמען, ווי גראָז. אַז מען ברענגט אַמאָל אביסל זאַלץ פון א פּויער, היט מען דאָס זייער שטאַרק און מען ציטערט, חלילה, דאָס נישט צו־גיך צו פאַרטאַכלעווען.

— גראַפּסקע איינגעאָרדנט איז די ניי־שטוב און די בעקעריי. ברוך קודעוויצקי, אונדזער סטאַראָסטע (ווירטשאַפטס־אָנפירער) קלייבט נחת.

און באמת איז טאַקע א פאַרגעניגן אריינצוגיין אַהין. עס שטייען אויף דער זאַמדיקער פּאָדלאָגע עטלעכע ניי־מאַשינען צוגענומענע פון די פּויערים (און די פּויערים האָבן געוויס די מאַשינען צוגענומען פון יידן). א פּאָר פרעסן פליען פלינק אין די הענט פון חנהלען און יולקען. די ניי־שטוב איז א ליכטיקע, מיט עטלעכע פענצטער. שטייט ביי איין פענצטערל א שוסטער־וואַרשטאַט. אַרבעט פעלט קיינעם נישט. סיי פון אייגענע, סיי פון אַנדערע אָטריאַדן.

די גרעסטע צאָל באַזוכער האָט די בעקעריי. אין די קאַלטע טעג און נעכט איז דאָ דער גן־עדן אַליין. דער מייסטער אָבער, אַבראַם, האָט גאָרנישט ליב, אַז מען דרייט זיך אים צופיל אונטער די הענט. אַלץ אין דער בעקעריי איז זיין אַרבעט. אפילו דעם באַק־אויוון אַליין אויסגעבויט. אין וואָלקאָוויסק האָט ער געהאַט א גרויסע בעקעריי און האָט זיך גערעכנט פאַר א גרויסן ספּעציאַליסט אין זיין פאַך. דאָס זעט מען, ווען מען קוקט זיך צו ווי זיינע הענט כישופן אויס פון טייג די

לעבלעך ברויט, ווי לייכט ער זעצט זיי אויף דער לאַפּעטע ארויף און ווי נאָך פלינקער זיי זיצן שוין אונטערן בלעך און ווארטן אין דער היץ, זיי זאָלן פארטיק ווערן.

אונדזער אַטריאד באדינט די גאנצע בריגאדע. מען פארריכט און נישט זעלטן מאכט מען אויך נייע בגדים און שיך מיט שטיוול. מען ברענגט צו אונדז זעק מיט מעל און מיר גיבן אָפּ דערפאר אויסגעבאקן ברויט. מען ברענגט צו אונדז נישט זעלטן פעל פון אויפגעגעסענע בהמות און אונדזערע גארבערס מאכן פון דעם לעדערווארג.

מיר האָבן ווייניק געווער. דערפאר היטן מיר דאָס וואָס מיר האָבן, ווי דאָס שווארצאפל פון אויג.

א מייסטער אויף האלטן ריין געווער איז אונדזער איסאק ריוואָש. פון זיין ספעציאליטעט איז ער גאָר אן אדוואָקאט. האָט פראקטיצירט אין בראסלאוו, ביי ווילנע, אָבער אין וואלד איז ער געוואָרן איינער פון די באקאנטסטע קעמפער און איז צוערשט געווען אפילו דער קאָנ-צעלאריסט ביי מארקאָוון אין שטאב.

טאָג און נאכט וואכן מיר אין פארשידענע ערטער ארום אונדזער באזע.

די וואך בייט זיך יעדע פיר שעה. וואָס טוט מען אין די פיר שטומע שעהען, ווען אויג און אויער זיינען אָנגעשפּיצט אין ארום און ווען די ביקס, א פול-געלאָדענע מוז גאנצע פיר שעה פעסט געקלאמערט ווערן אין דיביידע הענט?

עס טראכט זיך פון א פארגאנגענער וועלט און עס קומט אויף אן אנדערע.

ווי אזוי זעט אויס די אנדערע וועלט אין מיין דמיון?
...בין איך דאָך א שטיקל פאנטאזיאָר, לאָזט מיך ווייטער חלומען.

## דער דאָקטער מיט דער ביקס

אין געטאָ האָבן יידן נישט געטאָרט קראַנק זיין.
מען האָט אויך נישט געטאָרט זיין אַלט.
נישט יונג.
נישט געבוירן ווערן.
טאָ ווי זשע האָט מען ד אָ ך געלעבט, ווען מען האָט נאָך גע־לעבט?

מען האָט געזוכט עצות. מען האָט זיך געקליגלט. יעדער איז גע־וואָרן אַ דערפינדער פון נייע מיטלען און קונצשטיק ווי אַזוי זיך ד ע ר ו יי ל כאָטש ארויסדרייען פון זייערע נעגל, ווי אַזוי זיי אָפּ־צונאַרן, אַריבערכיטרעווען.

עלטערע האָבן זיך געסטאַרעט צו האַלטן וואָס יינגער.

האָבן פרומע יידן געמוזט אָפּשערן באָרד און פאות, זיך יעדן טאָג ראַזירן. האָבן מענער און פרויען געדאַרפט שטאַרק היטן, אַז זייערע האָר זאָלן נישט מסרן וועגן די יאָרן און האָבן זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון האָר־פאַרבן.

קינדער האָבן זיך געסטאַרעט אויסצוזען וואָס עלטער. זיי האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך בגדים פון דערוואַקסענע, אָנגעטאָן שיך אויף הויכע אָבצאַסן, זיך פאַרשמירט אַביסל דאָס יונגקייט פון פנים כדי אויסצוזען עלטער.

פון דער צייט שטאַמט דער געטאָ־דיאַלאָג:

— וויפל יאָר ביסטו — פרעגט איין ייד דעם צווייטן.

— וו — פרעגט צוריק דער צווייטער — אין שטוב צי אין גאַס?

אין שטוב האָט מען זיך געקענט פאַרגינען צו זאָגן דעם אמת. אין גאַס, אין די אמתן פלעגט מען מוזן דעם אמת פאַרהוילן.

די דייטשן דאַרפן נישט קיין נישט־אַרבעטנדיקע עלעמענטן אין גע־טאָ, אין לאַגער. „מיר דאַרפן נישט קיין אומזיסטע עסער" — פלעגן זיי זאָגן.

אין אַנדערע געטאָס און לאַגערן האָט מען אויך נישט געטאָרט

קראנק זיין אָדער אפילו שלעכט אויסזען. די אַ יידן פלעגן אָנגערופן ווערן „מוסולמענער" (ווייל זיי פלעגן ציטערנדיק מיט די גלידער פון קעלט זיך כסדר צודעקן מיט ווארעמע צודעקן אזוי ווי מוסולמענער פארדעקן זיך מיט זייערע פאטשיילעס) אָדער „קלעפּסידרעס" (ס'הייסט, אז נאָך א טאָג, נאָך א טאָג — מען וועט שוין דארפן זייערע נעמען ארייננשטעלן אין שווארצע רעמלעך, אין קלעפּסידרעס).

די דייטשן פלעגן אויסנוצן שפּעטער-צו נאָר די געזונטע יידן צו כלערליי ארבעט און אזוי ווי אויך די געזונטע פלעגן מיט דער צייט אויסגעמאטערט ווערן און ווערן מוסולמענער אָדער קלעפּסידרעס, איז שוין אלעמענס גורל געווען א געחתמעטער: אומקום. פארניכטונג.

ווי די דייטשן זיינען אריין אין ווילנע, האָבן זיי אלע יידישע פּסיכיש-קראנקע ארויסגענומען פון אלגעמיינעם שפּיטאָל — אויף דער לעטניע גאס און זיי אויסגעשאָסן.

מען האָט זיך ביי דער ארבעט נישט געטאָרט באקלאָגן, אז מען איז קראנק. „נישט געטאָרט"... עס איז נישט ריכטיק, מען האָט י אָ געמעגט און די דייטשן פלעגן דאן אפילו אָפּשיקן דעם קראנקן אין אַ לאזארעט (שפּיטאָל), וואָס האָט געמיינט — דערשאָסן צו ווערן...

אָ, וויפל קראנקע און שוואכע עס האָבן געארבעט ביז זיי פלעגן פאלן, אבי נישט ארייננצופאלן צו די בעסטיעס.

ווען די דייטשן קומען אריין אין שטאָט, אויפן דריטן טאָג פון זייער אָנפאל אויף רוסלאנד, דינסטיק פארטאָג (23סטער יוני 1941). 80 טויזנט יידן געפינען זיך דאן אין שטאָט. אין די ערשטע חדשים ווערן צוגענומען פון די שטיבער און פון גאס „צו דער ארבעט", ווי די דייטשן פארזיכערן, 30 טויזנט יונגע מענער און פרויען. דעם 6סטן סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר טרייבט מען אונדז אריין אין געטאָ. ביז סוף יאָר ווערן פון די 50 טויזנט יידן בלויז 20 טויזנט.

מיר האָבן זיך אָפט אין געטאָ (אין 1942) געפרעגט: „פארוואָס לאָזן די נאצים צורו דערווייל די לעצטע 20 טויזנט יידן?" און מיר האָבן זיך אליין געענטפערט: „עס איז קלאָר זייער מיין: די נאצים ווילן זען, ווי אזוי די יידן וועלן אומקומען אָ ן דער הילף פון ביקסן. ווי אזוי די יידן וועלן פון פארצווייפלונג זעלבסטמאָרד באגיין, ווי אזוי זיי וועלן פון הונגער און שמוץ קראנק ווערן און אויסשטארבן, אָדער אפשר וועלן זיך די יידן גאָר איינע די אנדערע אויסקוילענען אראָפּ-גייענדיק פון זינען?

דער רעזולטאַט:

קיין איין ייד איז אין ד ע ר צייט נישט באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד.

די סאָציאַלע הילף, וואָס מיר האָבן אין געטאָ אָרגאַניזירט, האָט פּאַרווירקלעכט דעם אַלטן שפּרוך „ צו לעבן צו ווייניק, צו שטאַרבן אָבער צופיל". בלויז געציילטע זיינען פון הונגער געשטאָרבן.

מען איז געשלאָפן צו 10—15 מאַן אין א קליין צימערל. עפּידעמיע־געפאַרן האָבן אין די געטאָ־באַדינגונגען געהאַט זייערע בעסטע נעסטן, אָבער די יידן האָבן אָט די לויערער איבער די טויערן און דראָט־פאַר־צאַמונגען נישט אַריינגעלאָזן.

אויף דער וואַך איז צוזאַמען מיטן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־טוער אויך געשטאַנען דער אויסגעפּרוּווטער יידישער דאָקטאָר. די קראַנקן־שוועסטער.

די דאָקטוירים האָבן אויף א מוסטער־אופן אָרגאַניזירט דאָס געזונטהייטס־וועזן אין געטאָ.

עס איז געווען פון די שווערסטע אַרבעטן. זיך נישט פּאַרצושטעלן. איבעראַניים איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער יידישער שפּיטאָל, וואָס איז דורך א גליקלעכן צופאַל אַריין אין דער געטאָ־טעריטאָריע. נישט נאָר האָבן די דאָקטוירים אָרגאַניזירט פלעצער אויף צו היילן די קראַנקע, נאָר, וואָס עס איז וויכטיקער, עס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין פאַרשידענע פּונקטן פון געטאָ פּראָפילאַקטישע צענטערס וואָס האָבן אויף א דורכגעטראַכטן אַרבעטס־אופן פאַרהיט די באַפעלקערונג פון פאַרשידענע קראַנקייטן.

עס איז א נאַטירלעכע זאַך, אַז איז געטאָ האָבן זיך געמוזט באַווייזן קראַנקייטן וואָס וואָלטן ביי א נאָרמאַלערע צייט זיך נישט באַווייזן אָדער וואָלטן געווען א זעלטנקייט. עס האָבן זיך באַוויזן קראַנקייטן פון קערפּער־שוואַכקייט, קרעץ, געשווילעכצן, מענסטרואַציע־שטערונגען, מאָזלען און שקאַרלאַטין ביי קינדער א. א. וו. עס האָבן זיך אַפילו אין די ערשטע צייטן באַוויזן פאַלן פון בויך־ און פלעקטיפוס וואָס די דאָקטוירים האָבן אין ספּעציעל־באַהאַלטענע צימערן פון שפּיטאָל געהיילט בסוד, די דייטשן זאָלן חלילה וועגן דעם נישט וויסן.

די דאָקטוירים האָבן געשאַפן א סאַניטאַר־עפּידעמאָלאָגישע אָפּטיילונג וואָס האָט אויסגעראָטן אַלע ברענגער פון קראַנקייטן, ווי שמוץ אין די הייזער, אין די הויפן און אין גאַס. עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן צוויי בעדער מיט דעזינפעקציע־קאַמערן. יעדער געטאָ־איינוווינער האָט געמוזט איין מאָל אין צוויי וואָכן באַזוכן א באָד און דעזינפעקציאָנירן זיינע בגדים. אין די פאָלקס־קיכן האָט מען דעם עולם גע־

געבן אומזיסט געקאָכטע וואסער, וואָס אין שטוב האָט עס געפעלט. עס זיינען געעפנט געוואָרן שערערייען, וועשערייען, אמבולאַטאָריעס, דענטיסטישע קאַבינעטן.

דער דאָקטוירים־פאַראיין אין געטאָ (יאָ, אויך פאַראיינען זיינען אין געטאָ געווען!) האָט פאָרגעזעצט דאָס ארויסגעבן דעם באַרימטן מעדיצינישן זשורנאַל „פאָלקס־געזונט", וואָס איז נאָך פאַר דער מלחמה ארויס אין ווילנע. אמת: מיר האָבן קיין דרוקערייען נישט געהאַט. אויף שרייב־מאַשינען פלעגן מיר אָפּדרוקן א פּאָר צענדליק קאָפּיעס און עס אויסקלעפּן אויף די ווענט אין די 7 געטאָ־געסלעך און אין טעאַטער. אין די קאַפעען און יוגנט־קלוב אָבער דער עולם פלעגט עס שטאַרק לייענען. פּאָפּולער זיינען געווען די „לעבעדיקע פאָלקס־געזונטן" ווו די דאָקטוירים פלעגן פאַר הונדערטער יידן דערקלערן אקטועלע ענינים פארבונדן מיט ריינקייט, קראַנקייטן אין געטאָ. אָנגעפּולטע זאלן פלעגן זיין ביי די לעקציעס איבער מעדיצינישע טעמעס אָדער אויף די עפנט־לעכע משפּטים איבער דער לויז, איבער דער פליי און וואַנץ, וועמען די באַפעלקערונג האָט צוגעמשפּט צו פאַרניכטונג... די דאָקטוירים האָבן אין געטאָ אויך פאָרגעזעצט זייערע פאָרשעריש־וויסנשאַפטלעכע ארבעטן. נישט איינמאָל זיינען פאָרגעקומען וויסנשאַפטלעכע סעסיעס, ווו די דאָקטוירים פלעגן דעמאָנסטרירן זייערע נייסטע מעטאָדן פון היילן קראַנקייטן. עס זיינען אויך דורך די מעדיצינער געשריבן גע־וואָרן אָדער איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש וויכטיקע מעדיצינישע ארבעטן. מען האָט אלץ געהאָפט: אפשר, אפשר וועט געשען א נס...

עס איז געווען אפילו טעטיק א כעמישע לאַבאָראַטאָריע וואָס האָט אויסגעארבעט אייגענע הייל־פּרעפּאַראַטן, פאַרשידענע קרעמען. פון אַש פלעגט מען מאַכן א פּראָשעק וועש צו וואַשן, פון פערדישע ביינער (מען האָט פון מאָל צו מאָל געטיילט דער באַפעלקערונג פערדן־פלייש) פלעגט געמאַכט ווערן קאַלציום, פאָספאָר, זייף. אין די געטאָ־וואַר־שטאַטן פון „אָרט" פלעגט מען אויך מאַכן סטערעליזאַטאָרן, וואָגן און אנדערע מכשירים וואָס פלעגן צונוץ קומען די מעדיצינער.

מען האָט געמאַכט א גרויסן יום־טוב אין געטאָ צום איבערלייענען דעם הונדערט־טויזנטסטן בוך אין דער ביבליאָטעק און א צווייטן גרויסן יום־טוב פון ארויספירן פון געטאָ די טויזנטסטע פור מיט מיסט...

אויף א מוסטערהאַפטן אופן האָט געארבעט דער געטאָ־שפּיטאָל (אונטער דער אָנפירונג פון באַוווסטן גינעקאָלאָג אלעקסאַנדער סעד־לים). פאַרשידענע צייטן האָט דורכגעלעבט דער געטאָ־שפּיטאָל. צו־ערשט האָט זיך קיינער אין די פּאַלאַטעס נישט געוואָלט אָפּלייגן, ווען

מען האָט דערהערט די געשיכטע מיטן שפּיטאָל אין קאָוונע. שפּעטער־צו, האָט מען אָנגעהויבן זיך פילן דאָרט זיכערער. די זיכערקייט האָט זיך גענומען פון דעם דייטשן הויפּט־דאָקטאָר אין שטאָט, וואָס האָט זיך געלערנט מיט א יידישן דאָקטאָר פון ווילנע אמאָל אין ווינער אוניווערסיטעט. דער דאָקטאָר האָט ארויסגעוויזן פריינטשאַפט זיין אמאָליקן קאָלעגע און דערפון האָבן אויך גענאָסן די איבעריקע דאָקטוירים און אויך דער שפּיטאָל, וואָס דער דאָקטאָר פלעגט פון צייט צו צייט באזוכן.

נישט אלע קראנקייטן האָט מען געמעגט היילן. האָט מען די טיפוס־קראנקע, אמת, ווי געזאָגט, גאנץ זעלטענע פאלן, באהאלטן אין ספּעציעלע מעלינעס פון שפּיטאָל. אויך קיין קינפּעטאָרינס האָבן נישט געטאָרט זיין. האָבן פרויען געבוירן זייערע קינדער אין די זעלבע מעלינעס און די קינדער זייערע פלעגן פארשריבן ווערן, אז זיי זיינען געבוירן געוואָרן הארט פאר דער מלחמה. די פרויען וואָס פלעגן ארבעטן ביי די נאצים האָבן געמוזט מאכן אן אבאָרט אין פאל פון שוואנגערשאַפט. אין שפּיטאָל האָבן זיי דורכן אבאָרט זיך דאָס לעבן געראטעוועט, ווייל די ארבעט האָט מען געמוזט אויספירן און דאָרט זיין פּינקטלעך יעדן טאָג. נאטירלעך זיינען געווען זייער ווייניק געבורט און אבאָרט־פאלן, אָבער דאָס ווייניקע האָט אויך געפאָדערט רעגולירט צו ווערן.

אויף דעם טויער פון געטאָ, צו דער גאס, איז געווען אויסגעהאנגען א שילד: „אכטונג! דאָ איז דאָס יידנפערטל. צרעת־געפאר! שטרענג פארבאָטן אריינצוגיין!"

וואָלטן די דייטשן אין געטאָ טאקע נישט אריין, וואָלטן ווי עס איז די לעצטע 20 טויזנט יידן פון ווילנע נאָך באוויזן צו דערלעבן צום טאָג פון גאולה און נקמה. די דייטשן האָט זיך זייער פלאן, אז יידן זאָלן אומקומען אָן זייער הילף, נישט איינגעגעבן. זיינען זיי נישט קוקנדיק אויף די אייגענע התראות אין געטאָ געקומען און סוף כל סוף דאָס געטאָ פארניכטעט.

א קליינער טייל דאָקטוירים האָבן זיך באוויזן אָפּצוראטעווען מיט די געטאָ־פּארטיזאנער אין די וועלדער. די אָבער וואָס זיינען געווען איצט מיט אונדז, האָבן אויך אין די וועלדער נישט איבערגעריסן זייער מעדיצינישע פּראקטיק. ערשט ד אָ האָט דער דאָקטאָר זיין גרויסע פּאטיספּאקציע: נישט נאָר צו זיין א קעמפער, נאָר אויך צוטראָגן די ערשטע מעדיצינישע הילף די פארוואונדעטע אָדער קראנק־געוואָרענע קעמפערס.

ווען די פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג איז נאָך געווען אין אירע וויקע־לעך, האָט מען נאָך נישט געקענט טראַכטן וועגן שטענדיקע באַזעס, וועגן בויען א שפּיטאָל אויך אין וואַלד, אין בלאָטעס און זומפּן. אין יענער צייט האָבן די דאָקטוירים און קראַנקן-שוועסטער געהיילט זייע־רע פּאַציענטן אין גאַנג, צווישן איין קאַמף און צווייטן. מיט דער צייט אָבער, ווען די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פאָלקס-באַוועגונג אין קאַמף קעגן היטלעריזם, און די דייטשן און פּאָליציי האָבן שוין מורא געהאַט אַריינצוגיין אין די וועלדער, האָבן מיר שוין צו ערד-שטיבלעך פאַר זיך אויך אויסגעבויט ביי יעדער גרע־סערן פּאַרטיזאַנער-לאַגער א באָד און א שפּיטאָל און אין אנדערע ער־טער אפילו א באַזונדערע שטיבל פאַר אן אַמבולאַטאָריע.

דאָקטוירים פירן איצט דורך אין וואַלד די גרעסטע אָפּעראַציעס מיט די פּרימיטיווסטע אינסטרומענטן, און כדי צו באַקומען דעם מי־נימום מעדיקאַמענטן האָבן מיר געדאַרפט דורכפירן גאָר גרויסע קאַמפּס־אָפּעראַציעס, נאָך גרעסערע ווי ביים באַקומען שפּייז פאַר זיך, ווייל אויב שפּייז האָבן מיר רעקווירירט ביי די אַרומיקע פּויערים, האָבן אָבער די פּויערים קיין מעדיקאַמענטן נישט געהאַט און מיר האָבן געדאַרפט אָפטמאָל זיך לאָזן ווייט, ווייט פון אונדזערע באַזעס, ווו די סכנות האָבן כסדר געלויערט אויף אונדז און אויך צוגענומען נישט ווייניק קרבנות פון אונדז.

די דאָקטוירים האָבן דאָ באַמערקט גאָר ווונדערלעכע זאַכן: נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיר האָבן, דער עיקר אין גאַנג אויף קאַמפּס־אויפגאַבעס, געטרונקען וואַסער פון אַלע בלאָטעס און זומפּן פול מיט ווערים און אנדערע חיהלעך, זיינען מיר פון דעם קיינמאָל נישט קראַנק געוואָרן. פּאַרטיזאַנערס, וואָס האָבן אין נאָרמאַלע צייטן גע־לעבט אויף דיעטעס, האָבן אין די וועלדער עסנדיק אַלץ וואָס עס מאַכט זיך, זייער קראַנקייט פאַרלוירן. נישט איינמאָל האָט אויך געטראָפן, ווען שווער-קראַנקע אויף טיפוס זיינען, ווען מען האָט געמוזט אָפּ־טרעטן צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטיזאַנער אין ווייטערדיקע וועלדער, כדי אויסצומיידן אן אַרומרינגלונג פון מעכטיקן שונא דורך בלאָטעס, זומפּן און וואַסערן, געזונט געוואָרן.

מען האָט געגעסן וואָס עס איז געווען. זאַלץ איז געווען א גאָלד־אַרטיקל, בלויז אין זופּ האָט מען זיך פאַרגונען עפּעס אַריינצושיטן, אָבער אין ברויט האָבן מיר זיך קיינמאָל נישט געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס צו שיטן אפילו א לויט זאַלץ. עס זיינען געווען אויך צייטן, ווען דער שונא פלעגט אונדז זוכן און מיר האָבן זיך געמוזט דערוויי־

טערן פון מענטשלעכע ישובים, און מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן, פלעגן מיר אָנרייסן טרוקענע קאָרע פון די ביימער, צעשטויסן עס אין מעל און פאַרמישן עס מיט וואַסער און אַזוי געגעסן. נישט איין טאָג האָבן מיר זיך מיט דעם מחיה געווען... קיינער איז פון דעם קראַנק נישט געוואָרן. דאָקטוירים האָבן די רעטעניש געפאָרשט און געקומען צו זייער אינטערעסאַנטע מסקנות.

איך האָב געהערט נישט לאַנג אַן אַנעקדאָט פון ווילנער דאָקטאָר פּיסאַכאָוויטש:

גבעלס האָט געהאַט גרויס קאָפּווייטיק. קיין איין דייטשער ספּע־ציאַליסט האָט אים נישט געקאָנט שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז. בלית ברירה האָט ער געלאָזט רופן פון א לאַגער א יידישן דאָקטאָר־ספּע־ציאַליסט.

נאָכן באַזוכן דעם חולה רופט זיך אָן דער יידישער דאָקטאָר צו גבעלסן:

— כדי איר זאָלט פולשטענדיק געזונט ווערן, מוזט איר נעמען 3 קאַפּוואַנעס.

— וואָס עפּעס דריי? — וווּנדערט זיך דער פּאַציענט.

— גאָר איינפאַך — ענטפערט דער דאָקטאָר — דריי מאָל דאַרפט איר אייער קאָפּ אַריינשטעקן אין וואַסער און נאָר צוויי מאָל אַרויס־נעמען...

גבעלס וועט האָבן, האָפן מיר, א פּיל ערגערן סוף ווי עס ווינטשן זיך די שעפער פון יידישן פאָלקלאָר.

יידישע דאָקטוירים אין די וועלדער ,וועלן דערצו מיטהעלפן.

## אויף דער אויבערשטער פּאָל . . .

ביז וואנען מען האָט באקומען א פּאָר גרעסערע קעסלען, האָט מען אויך קיין באָד נישט געקענט מאכן.

זיינען מיר געווען שמוציק און פארלייזיקט.

דער שונא האָט שוין מורא געהאט אריינצוגיין צו אונדז אין וואלד, זיינען אָבער אנדערע שונאים אונטערגעקומען — די לייז.

איך האָב גאָרנישט געוווּסט ביז אהער, אז כדי פּטור צו ווערן פון כינים אָן א באָד, דארף מען די מלאכה גוט קענען. אנדערע חברה האָבן זיך אפילו ביי אונדז גערעכנט אין דעם געביט ווי ספּעציאליסטן, לייז־ספּעצן.

עס איז אפשר נישט שטארק אָנגענעם, אָבער עס שאדט נישט, אז אויך וועגן אָט דער מכה אין וואלד זאָלן מענטשן וויסן. פארוואס נישט? זיינען די נאצים חשובער פון לייז?

ווען עס האָט מיך אָנגעהויבן בייסן, האָב איך שוין צוזעענדיק פריער וואָס אנדערע טוען, זיך אוועקגעשטעלט ביים אויוועלע און די געכאפּטע חיהלע אריינגעוואָרפן אין פייער.

— בינסט נאָך נישט פּטור — האָט מעשה ספּעץ לייזער דער שווארצער א זאָג געטון. — דו צערייצט זיי בלויז.

אין עטלעכע מעת־לעת ארום האָב איך שוין געמוזט גיין צו לייזערן זיך לערנען ווי אזוי פּטור צו ווערן פון דער מכה.

א צופרידענער איז ער געוואָרן:

— פארשטייסט, — האָט ער גאָר ערנסט אָנגעהויבן — אויך איך האָב געמיינט, אז ווען איך וועל אָנכאפּן די חיהלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באווייזן ביי מיר און זיי אריינוואַרפן אין פייער, וועל איך שוין ווערן פּטור. הויבט זיך אָבער גאָרנישט אָן. זיי זיינען געוואָרן מער. האָב איך געלאָזט אלע פינגער מיינע אין גייעג נאָך זיי, און ווען איך זאָל כאפּן אזוי פיל נאצים, וואלט מען מיך זיכער מיט מעדאלן ארומגעהאָנגען. עס איז געוואָרן ביי מיר א מין האזארט דאָס יאָגן זיך נאָך זיי. איך האָב געטראכט: ווו נעמען זיי זיך אזוי פיל? און וואָלסט

געזען, ווי זיי ווערן פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער, דיקער, פעטער, רויטער. איך ווייס אליין נישט פון וואָס מיין לייב איז מיר געוואָרן פון בלוט איינגעשמירט, צי פון דעם וואָס די לייז האָבן מיר אזוי פיין אויסגעזויגן דאָס בלוט, צי פון דעם, וואָס איך האָב זיי אָפּט, אנט־לויפנדיק, אין וועג דערקוועטשט... ווייזט זיך ארויס, אז מען דאַרף זיי אָנהויבן גאָר אויף אַן אנדער אופן פארניכטן. — און תוך כדי דיבור, ווארפט ער אראָפּ פון זיך זיין רעקל און דאָס העמד. — זע! — פארן פלאקער פון אויוועלע האָט ער אָנגעהויבן פירן ארויף און אראָפּ די אויסגעקערטע העמד, אָט איצט ווערן זיי פארשרפעט... געדענק, נישט גראָד די גרויסע זיינען די ערגסטע שונאים. זיי קען מען דערזען, דער־כאפּן. ערגער איז מיט די קליינטשינקע, וואָס באהאלטן זיך אין די פאלדן, פאזע די נעט... צו זיי איז דאָ נאָר איין רפואה: פייער.

איך בין לייזערן באמת שטארק דאנקבאר געווען פאר זיין מוסטער־האפטער, אָנשוילעכער לעקציע. איך האָב זיך אויך אויסגעטאָן און אויך אָנגעהויבן פירן דאָס העמד ארויף־אראָפּ. לייזער האָט אָבער מיט אמאָל ארויסגעכאפּט דאָס העמד פון מיינע הענט:

— זעסט נישט, אז עס סמאליעט שוין דער לייוונט? — האָט ער מיט טריומף ווייטער פאָרגעזעצט. — דו מיינסט, אז דאָס איז אזוי גרינג? אויך צו דעם קען מען זיין א פּארטאַטש אזוי ווי דו, און מען קען ווערן א ספּעציאַליסט...

— ווי דו! — גיב איך אים נאָך.

דער גוטער, נאַאיווער לייזער האָט זיך נישט באליידיקט. ער האָט געווים פארשטאנען, אז איך מאך א חכמה.

אין א סך טעג ארום בין איך אויך שוין געוואָרן א גאנצער פּראָ־פעסאָר.

אָבער צו קיין באָד קומט דאָס אַלץ נישט. עס איז דאָך נישט נאָר א פּראגע פון זיך אליין גוט ארומוואשן, נאָר אויך אויסוואשן מיט אביסל זודיק וואסער א שטיקל וועש. מען זאָל אויך קאָנען אויספּרו־דיען די אויבער־בגדים. איז דען אַן ארבעט צו שטיין און קריגן זיך צו האָבן א בעסערן פּלאץ ביים איינציקן אויוועלע, כדי פּטור צו ווערן פון די לייז אויף עטלעכע טעג?

נאָר ענדלעך האָט מען מיט גרוים פּאראד געבראכט, קומענדיק פון א ווירטשאפטלעכער אָפּעראציע, צוויי גרויסע קעסלען.

א יום טוב האָבן מיר געמאכט, ווען מיר האָבן א מעטער פּופציק פון אונדזער באזע אויסגעבויט א בעדל.

א מרחץ, אזוי ווי אין דער נאָר־וואָס געוועזענער היים, מיט א

פּירהויז זיך אויסצוטאָן און אָפּקילן. מיט אַ מאָל זיך צו פאַרען און בעד־זימער. ביים פּאַטאַלאָק זיינען אויסגעהאַנגען שטאַנגען די בגדים און וועש אויסצופּרודיען אין דער היץ, די כינים זאָלן איינמאָל פאַר אַלע־מאָל פאַרטיליקט ווערן.

ווער קען זיך איצט גלייכן צו אונדז?

דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער וואַלד־מרחץ:

אַלץ לייזער. פאַרשטייט זיך, אַז אויך ביידע זלמנס, די הויפּט־אַרכיטעקטן פון באָד, זיינען אין דער ערשטער גרופּע אויף צו באַנייען דעם מרחץ.

עפּעס איז צוערשט נישט געווען אין אָרדענונג, פון וואָס זיי האָבן באַזונדערס געהאַט גרויס צער. אַ שעה צייט האָבן מיר מיט האַנטוכער געטריבן דעם רויך פון באָד. נאָכדעם אָבער האָט זיך דאָס פייער אין אויוון פון גרויסע שטיינער איינגעשטעלט און די שטיינער האָבן זיך אָנגעהיצט און געוואָרן ווי פייערדיקע קוילן.

לייזער האָט נישט גערוט. דער ערשטער איז ער געווען אַריינצו־שליידערן אין קעסל וואַסער עטלעכע זודיקע שטיינער, פון וואָס דאָס וואַסער האָט גלייך אָנגעהויבן זידן.

— און איצט, חברה, — האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטון — אויס־געטאָן זיך און אויפן פּאָל אַרויף!

ווי אַ געניטער בעדער, האָט ער פּאַרזיכטיק אַ גאָס געטאָן אַ קענדל וואַסער אויף די אָנגעגליטע שטיינער.

עס האָט אַ זעץ געטון אַ בריאיקע פּאַרע.

— איי, גוט... — האָט ער זיך פּאַסמאַקעוועט, און אַ גאָס געטאָן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אויף דעם אויוון.

מיר האָבן נישט געזען ווו מיר געפינען זיך, אָבער מיר האָבן דערפילט מיטאַמאָל, ווי אַ ליבע בריעניש כאַפּט אונדז אַרום און לאָזט קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן.

— אויפן פּאָל אַרויף! — דונערט לייזער — אויפן פּאָל אַרויף!

ער איז דער ערשטער אַרויף אַזש אויף דעם אויבערשטן טרעפּ און האָט זיך ווי אין דבקות פונאַנדערגעוויגט:

— איי ווי גוט, איי אַ מחיה, איי ווי גוט.

נישט אַלע האָבן זיך צוערשט געקענט אַרויפדראַפּען צו ליי־זערן. צוערשט האָב איך גאָר געפילט, אַז אויב איך וועל גלייך נישט געפינען די טיר אַרויסצוכאַפּן זיך אין פירהויז, חלש איך. איך האָב זיך אָבער געצוווּנגען און צום סוף בין אויך איך געווען נעבן לייזערן.

מיך דערזעענדיק, האָט ער אויפגעלעבט.




## דאָקטוירים-פּאַרטיזאַנערם

1) ד״ר גאָרפינקעל (געפאלן אין קאמף), 2) ד״ר אלפערט, 3) פלאקאט פון א מעדי-
צינישער פאָרלעזונג אין געטאָ, 4) ד״ר א. סעדליס, דירעקטאָר פון געטאָ־שפּיטאָל,
5) אין ליפּטשאנער וועלדער. פון רעכטס: ד״ר ת. מיאסניק (לידע), ד״ר א. רובינ-
שטיין (פּיאָטרקאָוו), ל. ראַזנצווייג (קעלץ).



פאַרווונדעטע און געפאַלענע אין קאמף

1) שמעון בלאָך, 2) א. קאַט, 3) עשהאל ביעלסקי (געפאלן ביי קעניגסבערג), 4) חיים לאזאר (פארלוירן א האנט ביים אויפרייסן אן עטאלאָן), 5) שלום פיאַלון (געכאפט אין זשעטלער געטאָ מיט געווער און פארפייניקט געוואָרן), 6) דוד באָבראָוו (קאָמאנדיר פון „קאגאנאָוויטש"-אָטראד, פאָלעסיע, געפאלן אין מאי 1944), 7) אלי ליפשאָוויטש (גרופן־קאָמאנדיר אין בולאקס אָטראד (דערמאָרדעט אין ליגניץ אין מאי 1946).

— ברודערקע! נעם דאָס בעזימל! שמיים... שמיים אויף וואָס די וועלט שטייט!

איך האָב איינגעטונקען דאָס בעזימל אין קאַלטינקן וואַסער:

— אנו, קער זיך נאָר איבער צוערשט מיטן „זיי מיר מוחל"... — איך האָב צוערשט פונאַנדערגעפּאַכעט די באַבלעטערטע ריטלעך און דערנאָך — זעץ. זעץ. און לייזער, ווי ער וואָלט זיך צעזונגען אויף די העכסטע טענער:

— איי גוט! איי גוט! שמיים ברודערל, שמיים אויף וואָס די וועלט שטייט!

איך האָב זיך גענומען צו זיין „וועלט"...

—נו, און איצטער ווייסטו שוין אויף וואָס די וועלט שטייט?

— יאָ! שרייט ער פון אונטערן פּאַרע אַרויס. — יאָ, אויפן הינטן!...

דאָס בעדל פּאַלט דוכט זיך באַלד איין פון דונערדיקן געלעכטער. מיר זיצן אויף די טרעפּלעך פון אויבערשטן פּאָל פאַרשוויצטע, פאַר־מאַטערטע, מיט צעבעזימטע לייבער. ווי נאָך א שלאַכט...

— נושא חסד לאלפים... — זינגט פלוצים זלמן יואל אַרויס. און מיר, מיר כאַפּן ווי איין א כאָר אונטער:

— ל-א-ל - פים.

ווי אין די גוטע צייטן.

אויף די שטאַנגען הענגען ווי פאַרחלשטע אונדזערע העמדער, גאַטקעס, אויבער־בגדים און פוסטיכלעך. אין איינציקן פענצטערל צע־קלאַפּן זיך די אַנדערע חברה:

— גענוג שוין, גענוג שוין! זיך צוגעכאַפּט ווי צו הייסע לאַקשן! טוט זיך אָן... זיך פונאַנדערגעזונגען. דאָס מרחץ גאָר אין א בית המדרש פאַרוואַנדלט...

דער הימל איבער אונדז האָט גאָר אַנדערש אויסגעזען. אזא פאַר־געניגן האָט זעלטן, זעלטן ווער אין זיין לעבן געהאַט...

מער פון אַלעמען האָט זיך פון דעם געפרייט אונדזער קראַנקן־שוועסטער, נחמהקע.

זי איז די גאַנצע צייט געווען אין איין ציטער. טאָמער כאַפּט זיך אַריין צו אונדז צוליב שמוץ און לייז אַן עפּידעמיע. איצט איז שוין אַראָפּ א שטיין פון האַרצן.

אָבער צוריק גערעדט, איז דאָך נחמהקע געווען זייער נאַאיוו. האָט אונדז דען דער מרחץ אויסגעהיט פון קראַנקהייטן? טאָ פאַרוואָס האָט אונדז די גאַנצע צייט קיינעם גאָרנישט געשאַדט? ווען מיר וואָלטן באַדאַרפט אין וואַלד אָפּהיטן היגיענע, וואָלטן מיר דאָך שוין לאַנג

אויף דער וועלט נישט געווען. יאָ, יאָ, אַזוי איז עס. אַט גייען מיר אויף אַן אָפּעראַציע. עס ווילט זיך א טרונק ביז משוגעת. זיינען מיר גליק־לעך, וואָס מיר האָבן ערגעץ אָנגעטראָפן א בלאָטע, מיר כאַפּן זיך צו צום אומריינעם וואסער און זשלאָקען דאָס אויס מיט אלץ וואָס געפינט זיך דאָרטן. נו, האָט עס וועמען געשאַדט? הלוואי ווייטער! ווען איך בין געקומען אין וואלד, האָב איך זיך דערשראָקן א קוק טוענדיק אויף מאירקע אבראַמסאָנען, ווי א סקעלעט האָט ער אויסגעזען.

— וואָס איז מיט דיר?

— מיין אייביקע צרה — ענטפערט ער קוים — מיין מאָגן... איך טאָר דאָך נישט אלץ עסן. ווייסט דאָך, אז איך לעב אויף א דיעטע.

— ברודערקע, דיעטע־שמעטע, אין וואלד איז קיין דיעטע נישטאָ, עס וואָס דו האָסט. פארלירן האָסטו שוין נישט וואָס.

און אַט האָב איך מאירקען די טעג געזען און ווידער באלד נישט דערקענט, גאָר אַן אנדער אויסזען. פרישער,שענער, פולער.

— נו, וואָס, געפאָלגט?

— א ברירה האָב איך געהאַט?

ער האָט געגעסן אלץ וואָס איז נאָר אונטערן האנט געקומען און דער מאָגן, קיין עין הרע נישט, האָט אלץ פארדייעט.

אונדזער בריגאדע האָט אפילו א שפּיטאָל־שטיבל און א באַזונדערע אמבולאטאָריע. דער דאָקטאָר איז מיין באקאנטער ווילנער ראובן פּע־רעוואָזקי, וואָס איז געקומען אהער פון א מאיאַנטעק, ווו ער האָט זיך באהאלטן מיט זיין ווייבל רייזקע פּאפּקאָוו. ביידע זיינען זיי דאָ און היילן נישט נאָר די קעמפער פון אונדזער בריגאדע. נישט אלע אינ־סטרומענטן האָבן זיי. אָבער ווען מען דאַרף, כאָטש ער איז נישט קיין כירורג, מאכט ער אויך אָפּעראַציעס און אנדערע זאַכן, אז ער מאכט עס נישט ערגער פארן בעסטן פּראָפעסאָר.

באַליבט אָבער אין וואלד איז אונדזער געטאָ־דאָקטאָר, פייסאכאָ־וויטש. ער איז אָבער צוגענומען געוואָרן אין דער ראָקאָסאָווסקי־ברי־גאדע. נאָך פון ווילנע און פון זיין היים־שטאָט שאוול איז ער געווען באַרימט ווי א ספּעציאַליסט־כירורג, וואָס ברענגט צום לעבן צוריק נישט איין קראַנקן אָדער פארוווּנדעטן קעמפער.

און אז מען רעדט שוין וועגן קראַנקהייטן און היגיענע אין וואלד, דערמאָנט זיך די 65 יעריקע מאמע פון קעמפער שורקע באָגען און די יונגע ראיע גורוויטש, וואָס זיינען קראַנק געוואָרן ערב דער לעצטער אַבלאַווע אויף א שטאַרקן טיפוס. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אז

דייטשן רינגלען ארום דעם וואלד, און די פּארטיזאנער טרעטן אָפּ, האָבן זיי זיך א הויב געטון פון די נארעס (פּריטשעס), זיך אָנגעטאָן און אָנ־געהויבן צוזאמען מיט די קעמפער מארשירן, אזש מען האָט זיי קוים געקענט נאָכיאָגן...

אין די בלאָטעס און אין די זומפּן אונטערן געיעג פון שונא האָבן זיי זייער קראנקייט פארלוירן.

צרות, ווייזט אוים, היילן אוים מענטשן פון די ערגסטע קראנ־קייטן און געוווינען זיי צו זיין אויסהאלטעוודיק און ווידערשטאנדס־פעאיק אין די שווערסטע סיטואציעס.

## אין שטאַב פון דער וואָראָשילאָוו־בריגאַדע

אין מיטן נאכט איז צו אונדז געקומען א שליח פון בריגאַדע־קאָמאנדיר מארקאָוו, אז סוצקעווער און קאטשערגינסקי זאָלן זיך תיכּף מעלדן אין שטאַב.

דאָס האָט ארויסגערופן אביסל נערוועזיטעט סיי ביי אונדז ביידן, סיי ביי די איבעריקע חברה. מיר האָבן נישט געקענט פארשטיין, נאָך וואָס דארף מען דאָס אונדז אין מיטן דערינען. נאָר לויט אלע סימנים האָט אויסגעזען, אז קיין שלעכטס דראָט אונדז נישט, פארקערט, עס קען נאָך זיין, אז מיר זאָלן הערן אָנגענעמע נייעס.

באפּעל איז באפעל און טראכטן האָבן מיר אויך צייט אין וועג, וואָס האָט א מהלך ביז דעם שטאַב א גוטע 10 קילאָמעטער.

האָט אונדזער קאָמאנדיר געהייסן איינשפּאנען פערד און וואָגן און מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג.

עס איז געווען א נישט־קאלטע ווינטערדיקע נאכט. אביסל האָט דער שניי אָפּגעלאָזן און מען האָט געמוזט פאָרן פאמעלעכער, דאָס פערד זאָל נישט געניזיקט ווערן.

פאר פארטיזאנער האָט דער ווינטער זיינע מעלות און חסרונות.

אין שטארקע פרעסט איז זיכערער דורכצופירן אן אויפגאבע (דער שונא ליגט דאן באהאלטן אין זיינע בונקערס און וואכשטובן און וואַרעמט זיך), אָבער די פארטיזאנער, כאָטש זיי זיינען גוט פארהארטעוועט, פרירן אָפּ גלידער (נאָז, אויערן, פיס), און די הויט פון די הענט רייסט זיך, האלטנדיק די רעלסן ביים אונטערלייגן דעם דינאמיט, ווען מען וויל אז דעם שונאס אן עשעלאָן זאָל אין דער לופטן פליען. ווינטער איז אויך גרינגער פאר דעם שונא צו טרעפן, ווו מיר זיינען. די אויסגעטראָטענע און אויסגעפאָרענע וועגן און וועגלעך פירן אריין אין די ערד־שטיבלעך אריין. דערפאר איז א גליק פאר אונדז אן אויסגעגעפאלענער שניי, וואָס פארדעקט אלע סימנים. דאָך אָבער, מוזן מיר דעם שניי פון צייט צו צייט באַאומרואיקן. ער ווערט ווידער צעפּאַסעוועט און צעטראָטענער.

די מעלות אָבער וועגן אריבער די חסרונות. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, איז אונדז ווינטער א סך בעסער ווי זומער. זומער, אז מען

לאָזט זיך ארויס אין וועג, מוז מען אָפּטמאָל דורכמאַכן איבעריקע צענד־ליקער קילאָמעטערס, ווייל מיר מוזן אויסמיידן טייכן, גרויסע בלאָטעס, אָזיערעס. נאָך א זאַך, אין א ווייטן וועג פלעגן מיר זיך אָפּט לאָזן מיט פערד און וואָגן אָדער רייטנדיק. אָבער דאַן האָט מען זיך געדאַרפט גאָר שטאַרק היטן פאַר די רעדער וואָס פלעגן אָנמאַכן אַזא טומל אויף די צעטריקנטע וועגן, אז מען האָט זייער אָפּקלאַנג געקענט הערן גאָר, גאָר ווייט. ווינטער אָבער, זיינען אלע טייכן און אָזיערעס, בלאָטעס און זומפּן געשטאַנען פאַרפרוירן. מען האָט געקענט דעריבער פאַרשפּאָרן איבעריקע וועג. נאָך א זאַך: מיר פלעגן זיך אוועקלאָזן אין פערד און שליטן (ווו מיר האָבן דאָס אלץ גענומען, איז זיך לייכט פאַרצושטעלן — ביי די ארומיקע פריצים און רייכערע פויערים). און אָן טומל פלעגן מיר אָנקומען נישט ווייט פון ציל, ווו מיר פלעגן די פערד צובינדן צו דיביימער און אליין גיין אויספירן די אָפּעראַציעס. די פערד טרעטן אין שניי ווי אין וואַטע און די שליטנס, אבי געזונט, פאָר און פאָר, ווי אויף סאַמעט. אויך אין די אָבלאַוועס האָט דער שניי ארויסגעהאָלפן. צענדליקער פּאַרטיזאַנער זיינען געראַטעוועט געוואָרן, אַנטלויפנדיק אויף זיך די אונטערוועש ליגנדיק אין שניי. די דייטשן האָבן זיי נישט באַמערקט. נישט זעלטן פלעגן חברה אין ווינטער גיין אויף די ווייטסטע און גרעסטע אָפּעראַציעס אָנגעטאָן א ו י ף די אויבער־קליידער די... אונטערוועש, „כדי דעם שונא זאָלן די אויגן ארויס" און ער זאָל גאָר־נישט באמערקן.

די גרעסטע, די שווערסטע, ריזיקאַלישסטע און מערסטע קאַמפּס־אָפּעראַציעס האָבן אונדזערע פּאַרטיזאַנער דורכגעפירט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט. דער ווינטער איז דעריבער געווען אונדזער בעסטער פאַרבינדעטער און אָפּט אויך רעטער און דער גרעסטער שונא פונעם שונא.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין בריגאַדע־שטאַב, זיינען אלע גע־שלאָפן. די וואַך ביי מאַרקאָווס ערד־שטיבל האָט פון קיין זאַך נישט געוואָלט וויסן. זיי האָבן קיין שום באַפעל נישט באַקומען אויפצוועקן דעם קאָמבריג, פירן זיי דעם באַפעל אויס.

מיר זיינען אין א שטיבל פאַרקראָכן אויף א נאַרע און איבערגע־דרימלט צוזאַמען פון אומבאַקאַנטע פּאַרטיזאַנער.

נאָך פרישטיק האָט מען אונדז געשיקט רופן צו מאַרקאָוון.

נישט אָן האַרץ־קלאַפּן זיינען מיר צו אים אריין און ווי געהעריק זיך געמאָלדן, אז מיר זיינען געקומען אויספירן זיינע באַפעלן.

— זייער גוט, וואָס איר זייט דאָ, — האָט ער צו אונדזער גרעס־

טער איבערראַשונג ליבלעך אויסגערופן. — איך דאַרף אייך טאַקע האָבן צו א וויכטיקער אַרבעט. זעצט זיך.

זיין ערד־שטיבל האָט אויסגעזען גאָר אַנדערש. די ווענט באַהאַנגען מיט טעפּיכער, מיט בילדער פון סטאַלינען און וואָראָשילאָוון. אויף דעם טישל איז געשטאַנען א קליינער ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ער איז טאַקע צו צום אַפּאַראַט, עס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן שטיבל מיט־אַמאָל די טענער פון „בלויען דונאַי". ביים בעט האָט זיך געפּאָרעט זיין מיידל, א וווּנדערבאַר שיינע דאָרפישע פויערטע, אין אים א פאַר־ליבטע איבער די אויערן. (מען האָט קיינמאָל אָבער נישט געקענט וויסן ווי גרוים ז יי ן ליבע איז צו איר. אָבער וואָס איז דאָס וויכטיק).
אין שטיבל האָבן געלעבט נאָר זיי ביידע.

איך האָב געהאַט צייט אַלץ צו זען, ווייל ער אליין איז געווען פאַר־טאָן ביים ראַדיאָ און האָט זיכער דערביי געטראַכט וואָס ער האָט מיט אונדז צו טאָן, און ווי אַזוי ער דאַרף דאָס אונדז אַלץ זאָגן.
ענדלעך:

— אַז אונדזערע פּאַרטיזאַנער טוען אויף גרויסע זאַכן, דאַרף איך דאָך אייך נישט דערציילן. אָבער דאָך איז וויכטיק, איר זאָלט וויסן מער פּרטים פון די אַלע קאַמפן, דיווערסיעס און סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן שונא. עס איז וויכטיק, אַז איר זאָלט זיך באַקענען מיט די העלדישסטע קעמפער פון אַלע אָטריאַדן פון אונדזער בריגאַדע.

„צו וואָס דערציילט ער דאָס אונדז אַלץ" — קען איך נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין.

— איז אָט וואָס פאַר א וויכטיקע אויפגאַבע פאַר אייך שטייט פאָר: — ער האָט א נעם געטון א פּאַסמע האָר און פאַרדרייט אויף א פּאָר פינגער. — עס וואָלט געווען א גרויסער פאַרלוסט פאַר דער פּאַר־טיזאַנער־באַוועגונג ווען דאָס אַלץ, וואָס ווערט אויפגעטאָן אין בריגאַ־דע, זאָל פאַר דער געשיכטע פאַרלוירן גיין. איצט קען מען דאָס נאָך אָפּראַטעווען פון פאַרגעסונג... טאָ ווער זאָל דאָס טאָן, אויב נישט איר, שרייבערס?

אויף דעם האָבן מיר זיך גאָרנישט געריכט. דאָס איז געווען פאַר אונדז די גרעסטע איבערראַשונג אין וואַלד.

— איך וועל אַרויסגעבן א באַפעל, — רעדט ער ווייטער, — מען זאָל דאָ פאַר אייך אויסבויען אַן ערד־שטיבל. איר וועט אויך באַקומען אַן אַדיוטאַנט און א פערד און וואָגן, כדי צו קענען אַרומפאָרן איבער אַלע אָטריאַדן. איר דאַרפט נאָר שרייבן. זען, הערן און שרייבן.

— חבר מאַרקאָוו, — האָב איך זיך אָנגערופן צו אים פאַמיליאַר,

— מיר באהערשן אָבער נישט גוט די רוסישע שפּראַך.

— וועל איך אייך געבן אן איבערזעצער.

— הערן, זען און פארשרייבן. — זעצט ער ווייטער פאָר, — ווען איר וועט זיין איינגעאָרדנט, זאָלט איר זיך מעלדן צו מיר. איך וועל פאר אייך איבערגעבן וועגן דער געשיכטע פון דער בריגאדע און דאָס איבעריקע וועט איר שוין מאכן אליין.

דאָ איז ער געווען היימיש, צוגעלאָזט. גאָר נישט יענער מארקאָוו, וואָס האָט ביי אונדז אזא שלעכטן שם.

אין עטלעכע טעג ארום זיינען מיר שוין געווען צוגערעכנט ווי פּאַרטיזאנער פון בריגאדע־שטאב, וואָס איז געווען א גאָר הויכע דער־גרייכונג פאר א קעמפער.

אין אונדזער שטיבל האָבן געוווינט איך און סוצקעווער מיט זיין פרייַדעלען, — אונדזער אדיוטאנט, זלמן אלפּעראָוויטש, א 16 יעריקער בחור פון קורעניץ, און אונדזער איבערזעצער, דער אדוואָקאט איסאק ריוואָש.

א ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאר אונדז. נייע שכנים. אלע וויכטיקע אָנפירער פון דער פּאַרטיזאנער־באוועגונג אין וואלד.

ווי אין א קרייז זיינען צווישןביימער אויסגעשטעלט די ערד־שטיבלעך.

ביי דריי שטיבלעך שטייט א כסדרדיקע באוואָפנטע וואך. נאָך מארקאָווס שטייט א וואך ביים שטיבל, ווו עס געפינט זיך דער סעק־רעטאר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון גאנצן ראיאָן, מאַנאכאָוו. מיט אים געפינט זיך נאָר איין יונגער בחור, פּעטיא, זיין סעקרעטאר. א דריט שטיבל וואָס ווערט באוואכט איז דאָס אָרט פון „ספּעץ־אטדיעל" (ספּעציעלע אָפּטיילונג) וואָס פארבייט די נ. ק. וו. ד.

דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג איז גרישע אסינענקאָ. ער האָט צו זיך נאָך מיטארבעטער און ער פירט אָן די עווידענץ פון דער כשר־קייט פון אלע קעמפער אין דער בריגאדע און אויך פון קאָנטר־שפּיאָ־נאזש אין דער ארומיקער געגנט צווישן דער באפעלקערונג און צווישן שונא גופא.

אין א באזונדער שטיבל געפינט זיך דער נאטשאלניק פון דער בריגאדע שעווטשענקאָ. עס איז דאָ א שטיבל, ווו עס געפינט זיך א דרוקעריי. דאָרט וווינט דער רעדאקטאָר פעדאָסאָוו און די דרוקער־ארבעטער באָרים גריינימאן (אונדזער פריערדיקער קאָמאנדיר) און אי־לויעוו. אין דרוקעריי געפינט זיך אויך די ראדיאָ, דער אפּאראט צו פארבינדן זיך מיט דעם צענטער, מיט מאָסקווע. אויסער פלוג־בלעטלעך,

לאָזט די דרוקעריי אויך ארוים יעדע צוויי וואָכן א צייטונג „רויטער שטערן", וואָס ווערט דורך די פּארטיזאנער פארשפרייט אויך צווישן דער באפעלקערונג.

צוויי שטיבלעך פארנעמען די אויסשפירער (ראזוויעדטשיקעס) פון דער בריגאדע, אונטער דער אָנפירונג פון קאָליא אסיניענקאָ.

עס איז אויך פאראן א שפּיטאָל און א שטיבל, וווּ עס איז אויך די אמבולאטאָריע פון דאָקטאָר פערעוואָזשקי. נאַטירלעך, פעלט אויך נישט קיין ארעסט-שטוב.

א מיניאטור-שטעטל אין מיטן וואלד. נאָכמער ווי אנדערש־ווּוּ ווערט די בריגאדע באזונדערס אָפּגעהיט. שטרענג ווערן אָפּגעהיט די רעגלאמענטן. עס פילט זיך דאָ די באזונדערע חשיבות צו דעם קאָמבריג, צו מאַנאַכאָוון און איבער אלעמען צו דעם שעף פון דער „ספעציעלער אָפּטיילונג" (נקוו"ד), גרישע.

גאָר גיך איז באקאנט געוואָרן צווישן די יידישע פּארטיזאנער און סתם יידן, אז זיי האָבן אן „אייגענעם צד" אין דער בריגאדע. אונדזער שטיבל איז דעריבער געוואָרן די קרעטשמע פאר די יידישע פּארטיזא־נער-שליחים, וואָס פלעגן קומען צו דער בריגאדע אין נאָמען פון זייערע אָטריאַד-קאָמאנדירן נאָך באפעלן אָדער מיט אנדערע ספעציעלע שלי־חותן. נאָך איידער מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן איבער די אָטריאַדן, האָבן מיר שוין געהאט פאר זיך א קאָלירפול בילד פון פארשידענע פּארטיזאנער און קאָמאנדירן, וועלכע האָבן געוואָלט, מיר זאָלן נישט פארגעסן צו פארשרייבן זייערע אויפטוען אין דער געשיכטע פון דער בריגאדע. יעדער האָט געהאט פיל צו דערציילן. איבערלעבונגען האָבן נישט געפעלט.

עס איז אויך צוגעקומען א צייכענער צו אונדז. דאָס איז שורקע באָגען, דער זעלבער, וואָס האָט אזוי העלדיש ארויסגעפירט און געבראכט אין פולער אָרדענונג פון געטאָ אין וואלד א פאָר צענדליק קעמפער. שורקע האָט געלערנט אין דער קונסט-אקאדעמיע אין ווילנער אוניווערזיטעט. די מלחמה האָט איבערגעריסן זיין סטודיום, אָבער ער האָט אין וואלד, אפילו זייענדיק א קאָמאנדיר פון א גרופע יידישע קעמפער, וואָס איז דערנאָך פונאנדערגעלאָזן געוואָרן, פארגעזעצט זיין קינסטלערישע ארבעט. מארקאָוו האָט אים דעריבער מאָביליזירט אין אונדזער גרופע, כדי ער זאָל פאראייביקן מיטן בלייער און טינט פארשידענע טיפּן פון קעמפער, קאָמאנדירן און סצענעס פון שלאכטן און שטייגער-לעבן.

איצט האָב איך געזען ווי ווייט צעשפּרייט איבער די וועלדער ארום נאראָטש, עס זיינען די אָטריאַדן פון אונדזער בריגאדע. א פאר־

געניגן איז צו פאָרן איבער די אַטריאַדן ווינטער־צייט. דאָס פערד־און־שליטן טראָגט זיך איבער די אויסגעפאָרענע וועגן און אומעטום זיינען די וועגן פריי, מען קען זאָגן, אפילו זיכערע.

איצט דערפיל איך די מאכט פון דער אויסגעוואקסענער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. דער שונא האָט טאקע דאָ מורא אריינצוקומען. יענע צענדליקער טויזנטער פיינטלעכע סאָלדאַטן, וואָס האָבן דאָ ארומגע־רינגלט דעם וואלד, ווען מיר זיינען פון געטאָ אָנגעקומען, זיינען אוועק בלאָקירן אנדערע וועלדער. קיין צופיל סאָלדאַטן, ווייזט זיך ארויס, קענען די נאַציס פון פראָנט נישט אָפּציען. פּאַרטיזאַנער ווערן מער און מער און פאַרנעמען אלע וועלדער, בלאָטעס און זומפּן און באַלעבאַטע־ווען שוין אפילו איבער אַן א שיעור דערפער און שטעטלעך. פון וואַנען די קלענערע גארניזאָנען פון שונא האָבן געמוזט צו זייער גרויסער חרפה אַפּטרעטן. אויך די גרעסערע גארניזאָנען האָבן נישט קיין לייכט לעבן. די וועגן זיינען כסדר באַוואכט פון פּאַרטיזאַנער. וואָס ליגן אויסבאהאַלטן און וואַרטן נאָר, עס זאָלן זיך באַווייזן סאָלדאַטן, פּאַ־ליציי צי ציווילע באַאַמטע, כדי זיי אויף א געהעריקן אופן „מקבל פנים" זיין. עס קומט אפילו אויס, אז די גארניזאָנען באקומען שפּייז און אמוניציע אָפּט דורך אַוויאָנען, ווייל כדי עס צו דערברענגען מיט דער יבשה מוז מען האָבן גרויסע מיליטערישע קאָנוואָיען מיט הונ־דערטער שווער־באַוואָפנטע סאָלדאַטן און אָפיצירן, וואָס זיינען נויטיק צוערשט פאר דעם פראָנט.

עס האָבן זיך איינגעאָרדנט אויך די איבעריקע יידן, וועלכע זיינען אין די אַטריאַדן נישט צוגענומען געוואָרן. זיי האָבן זיך געשאַפן, אין באַזונדערע ערטער פון וואלד שטיבלעך און דאָרט לעבן זיי פון דעם, וואָס עס ברענגען זיי די יידישע פּאַרטיזאַנער. אנדערע אזעלכע יידן זיינען אויך אפילו אליין מפרנס מיט דעם וואָס זיי האָבן פאַרלייגט אייגענע וואַרשטאַטן אין די שטיבלעך און באַדינען אויף א גיכערן אופן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע באַצאָלן זיי פאר דער ארבעט מיט שפּייז.

איז דער טאָג צו קליין פאר דער נייער ארבעט. איך נעם אויף אויפן פּאַפּיר די דערציילונגען פון פּאַרטיזאַנער און נאָטיר די געשעע־נישן פון טאָג. איך זאַמל מאַטעריאַל ביי די יידן אין זייערע שטיבלעך, וועגן אומקום און קאַמף פון זייערע קהילות. פון צייט צו צייט טרעפט מען זיך מיט מאַרקאָווען, מיר לייענען פאר אים, גיבן אָפּ באַריכטן.

אין דער שפּעטער נאכט, ביי דעם פינקל פון הזיר־חלב פּרוּווט יעדער פון אונדזער גרופּע אין פּראָזע, ליד און צייכענונג פאַראייביקן פאר דער געשיכטע א גבורהדיק קאַפּיטל.

## ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור!




געשריבן, געזונגען אין געטאָ און אין וואַלד

# װעלדער זינגען

אין גאנג האָב איך דאָס ליד געבוירן און אויף די ליפּן עס גע־בראכט צוטראָגן אין אונדזער ערד־שטיבל אריין שוין א געזונגענס:

פון די געטאָס, תפיסה־װענט
אין די װעלדער פרייע,
אָנשטאָט קייטן אויף די הענט —
איך האלט א ביקס, א נייע.
אויף די אויפגאבעס מיין פריינט,
קושט מיך האלדז און אקסל,
מיטן ביקס כ׳בין נישט פון היינט
פעסט צונויפגעװאקסן.

װייניק זיינען מיר אין צאָל,
דרייסטע װי מיליאָנען.
רייסן מיר אויף בארג און טאָל
בריקן, עשעלאָנען.
דער פיינט װערט א פארציטערטער,
ר׳װייסט נישט װו, פון װאנען —
ס׳שטורמען װי פון אונטערערד
יידן־פארטיזאנער...

ס׳װאָרט „נקמה" האָט א זין
װען מיט בלוט פארשרייבסט אים.
פאר דעם הייליקן באגין
פירן מיר די שטרייטן.
ניין, מיר װעלן קיינמאָל זיין
לעצטע מאָהיקאנער,
ס׳ברענגט דער נאכט די זונענשיין —
דער ייד, דער פארטיזאנער!

אָבער א מאָדנע זאַך געשעט ביי אונדז אין די וועלדער. גראָד ד י לידער וואָס זיינען אין טעקסט און אין דער מוזיק הייטער, מונ־טער, צייטלעך — ווערן צום ווינציקסטן געזונגען. ווען עס קומט פאָר אין די אַטריאַדן אן אַפיציעלע פייערונג, ווען מען הערט ארויסטריטן פון דעם „אַטריאַד פאר געזאנג און טאנץ", הערט מען יאָ אזעלכע לי־דער. דערנאָך ווערן זיי ווי פארגעסן.

זינגט מען נישט אין די וועלדער? אהאָ! נאָך ווי... אָבער מען זינגט נישט ד י לידער. מען זינגט טאקע, אָבער לידער וואָס זיינען פארבונדן מיט בענקשאפט נאָך דער היים, נאָך א געליבטער, נאָך דער מאמען. נישט מיט קאמף...

מאָדנע־וואונדערלעך זעט אוים דאָס בילד, ווען איך זע די גיבורים, וואָס זיינען אין וואלד־לעבן ווי די דעמבעס פארהארטעוועט געוואָרן, וואָס גיבן נישט קיין פינטל מיטן אויג, ווען עס קומט זיי אוים צו הרגע־נען, שעכטן, פארניכטן... און דאָ אין פארנאכטיקער שטימונג ווערן זיי ווי ווייבער סענטימענטאל און צעגיסן זייער בענקשאפט און ליבשאפט אין יענע לידער, וועלכע זיי אליין האָבן נישט זעלטן געשאפן, אָדער איבערגעמאכט פון פארמלחמהדיקע ענלעכע לידער, צוגעבנדיק אייגע־נע איבערלעבונגען.

וואניע זינגט הארציקער פון די איבעריקע, כאָטש עס זיינען פא־ראן אזעלכע וואָס האָבן א בעסערע שטים. פון אים האָב איך געהערט א ליד, וואָס איך זינג כסדר. איך האָב עס אפילו אין יידיש איבערגע־זעצט, אביסל געאנדערשט און אויך אונדזערע חברה זינגען עס איצט כסדר.

אזוי גייען די ווערטער:

דאָרט ביים ברעג פון וועלדל, שטייט אן אלטער בוים.
שעפּטשען זיינע בלעטער, אז מען הערט זיי קוים.
שעפּטשען און דערציילן, ווי עס שטארבט א העלד,
ווען עס פאלן קוילן איבער וואלד און פעלד.

ביי דעם בוים פון וועלדל ליגט א פארטיזאן,
אויף דעם זאמדיק בערגל איז אויך א קראנץ פאראן.
ליגט ער, הערט נישט, זעט נישט, דוכט זיך שלאָפט אצינד...
וויגט דער ווינט די צווייגן, וואָיעט ווי א קינד.

איבער אים געבויגן, זיין אלטע מאמע וויינט.
„זאָג מיין זון, ווו זאָל איך, איצטער גיין אליין?

איך האָב דיך געבוירן, זיך מיט דיר געפרייט,
איצט איז אלץ פארלוירן, ס׳קבר דיינס איז גרייט...

קוק אויף מיינע טרערן, פיל ווי ס׳הארץ טוט וויי,
כ׳וועל שוין קיינמאָל הערן, דיך נישט זען, אַ וויי!
ס׳איז געווען דיין טאַטע אויך אַ גרויסער העלד,
איצט פארוויגט אייך ביידן שטיל דער ווינט אין פעלד".

בענקשאפט איז נישט קיין זעלטענער גאסט אין אונדזערע ערד־שטיבלעך.

ביינאכט אויף די פּריטשעס שלאָפט מען ערשט איין, ווען דער טאָג הויבט אָן אריינגראָען דורך די פארזשמורעטע פענצטערלעך.

ב י ז אָבער דער דרימל קומט אויף די אויגן, הערט מען נישט אויף אויפצולעבן פארגאנגענע יאָרן. אמאָל קומט עס אין דער הויך — איינער דערציילט, די איבעריקע הערן. אמאָל איז אין ערד־שטיבל שטיל. עס קען זיך אויסדוכטן, אז אלע שלאָפן, אָבער אָט פּלאצט ווער ארויס:

— דער טייוול זאָל דאָס נעמען, עס נעמט נישט קיין שלאָף.

ווערט ווידער א געזשום.

דער שווייגנדיקסטער צווישן אונדז איז וואניע, איינער פון אונ־דזערע בעסטע קעמפער. מעג זיין די דראמאטישסטע פּאסירונג ביים דורכפירן אַן אָפּעראציע — וויים וואניע נאָר איין זאך: ראפּאָרטירן דעם קאָמאנדיר, אז ער האָט זיין אויפגאבע, ווי עס איז אים פארגעבן געוואָרן, אויסגעפירט.

וואניע איז זייער א פארחלומטער. מען ווייס, אז ער האָט איבער־געלאָזט א יונג ווייבל, מיט וועלכער ער האָט א קורצע צייט פאר דער מלחמה חתונה געהאט. מען דערציילט אפילו, אז צוערשט האָט ז י אים נישט געוואָלט, נאָר נאָך דעם ווי ער האָט זיך געפרוּווט איבער־שניידן, צוליב איר אָפּזאָג, די אָדערן פון די הענט, האָט זי מסכים געווען.

מען זעט און מען פילט זיין פארליבטקייט. אז נישט וואָלט ער נישט געווען אזוי פארחלומט, פארבענקט, פארזונקען נאָר אין איין־איינציקן מאָטיוו:

אין דער קאלטינקער ערד־שטוב איז היים,
אויף דער נארע ליג איך און איך וואך.
נאָר פיר טריט איז צום טויט ווו דו גייסט, —
אָ, מיין הארץ וויל נאָר וויסן איין זאך:

ווי זי, — בין איך אויך דאָ אליין,
ווייסע פעלדער צעשפּרייט ארום מיר.
אַ צי וועט מיך מיין ליבסטע פארשטיין,
ווי איך בענק דאָ אין עלנט נאָך איר?...

ווען וואניע זינגט דאָס ליד, הערט ער קיינעם נישט, זעט קיינעם נישט. דאַן זעט ער נאָר ז י, זיין געליבטע.

עס טרעפט, און נישט זעלטן, אז אלע ארום אים ווערן אין ליד פארכאפּט. דאָס ערד־שטיבל ציטערט אויף אין מיטן דער נאכט פון די מעכטיקע קולות פון די קעמפער, עס דערטראָגט זיך דאָס געזאנג צו דער וואך, צו די שכנותדיקע שטיבלעך. און אין אייגן ליד ווערן זיי אלע פארוויגט...

גאָר אָפט טרעפט, אז מען טרעפט זיך צונויף ארום זונדעלען, וואָס האָט מיטגענומען אין וואלד זיין פארמעג, די גארמאָשקע. נו, דאַן הערט מען אפילו נישט דאָס רופן עסן.

זונדעלע איז א מייסטער אין שפּילן. ער ווייס ווען צו נעמען פאָרטאָ, ווען פיאנאָ. עס איז געגנוג א באוועג מיט א ברעם, און די קעמפער ארום אים זאָלן פארשטיין, אז איצט דארף מען זינגען פיאניסימאָ.

פון די באליבטסטע לידער ביי די קעמפער, וואָס מוזן שטענדיק געזונגען ווערן, פארשרייב איך א סטראָפע וואָס איך האָב איבערגע־זעצט אויך פון רוסיש:

און אמאָל אויף זיכער, היטלערן דערמאָנען
וועלן מיר אין וואנדער ערגעץ ווו צוזאם...
און נישט נאָר אין די ביכער, וועלן זיך דערקאָנען,
אלטע פארטיזאנער, מיר ברידער פון איין שטאם.

אלטע פריינט, און נישט פון היינט,
דערמאָנען וועלן ווי דעם פיינט
מען האָט געיאָגט און זיך געפלאָגט
דאָ די נאכט און דאָרט דעם טאָג...

און אין בלאָטעס, שנייען, —
זינגענדיקע רייען,
מונטערדיק אין גאנג
פלעגט העלפן דאָס געזאנג:

אַ גיב זשע חבר, א רויכער טאָן,
איינמאָל פארציען נאָר, זיך דערמאָן!
אַ גיב זשע חבר, א רויכער טאָן,
איינמאָל א צי טאָן נאָר, זיך דערמאָן!...

קיינער ווייס נישט, פון וואנען דאָס ליד איז געקומען, קיינעם אינ־טערעסירט עס נישט. מען ווייס נאָר, אז דאָס ליד איז זונדעלעס. נישט ווייל ע ר איז דאָס דער מחבר פון דעם, נאָר אזוי ווי ע ר שפילט עס אויס און אזוי ווי מען זינגט עס מיט אים צוזאמען, קען בעסער קיינער נישט מאכן.

און דערפאר נעמט זיך אויך קיינער נישט אונטער צו זינגען דאָס ליד וועגן דער העלדישער העניען אויב דאָס זינגט נישט ראָזע, די סאניטארקע פון טשערקאסאָווס אָטריאד.

העניע איז געווען באקאנט ווייט פון אונדזערע וועלדער פאר א העלדישע אָנפירערין פון א פארטיזאנער־גרופע, וואָס איז נאָך א ריי דערפאָלגרייכע קאמפן קעגן די נאצים און פאָליציי, געפאלן מיט איר גרופע אין א נישט גלייכער שלאכט קעגן א פילצאָליק גרעסערן שונא.

וועגן דעם מיידל זיינען ארומגעגאנגען די פאנטאסטישסטע דער־ציילונגען, וועגן אירע דורכגעפירטע אָפעראציעס האָט מען גערעדט מיט באוווּנדערונג ווייט, ווייט אויסער די וועלדער ווו זי האָט געפירט די אָפעראציעס. ווען ראָזע האָט מיר דערציילט וועגן העניען, האָב איך זיך אזוי צעצונדן, אז אין א מיטן נאכט האָב איך אויפן גלעגער אָנ־געשריבן אויף א באקאנטן מאָטיוו א ליד וועגן דעם מיידל, וואָס האָט אָנגעהויבן פאָפולער ווערן.

אזוי לייענען זיך די ווערטער:

איר קענט זי נישט, איר וועט זי שוין נישט קענען.
איר וועט זי לוידער קיינמאָל מער נישט זען.
מען האָט גערופן זי פראָסט און פשוט — ה ע נ י ע ,
און זי איז א מיידל גאָר א פשוטע געווען.

און אויף העניען פלעגן אלע זאָגן:
„זי איז א קלוגע, דרייסטע און געוואגט",
און ווייל זי האָט געקענט דעם שונא שלאָגן,
איז זי געוואָרן קאָמאנדיר פון דעם אָטריאד.

אומעטום איז זי געווען די ערשטע,
אין יעדן שלאכט, אין יעדן קער און ריר,

און יעדע געגנט וואָס זי פלעגט באהערשן —
האָט גערעדט מיט דרך־ארץ וועגן איר.

זי האָט צום שונא איינמאָל זיך פֿאַרקליבן
און זיינע ערטער אויסגעשפּירט, און שטיל
מיט איר אָטריאַד האָט זי דעם פיינט פאַרטריבן
און געפאַנגענע גענומען זייער פיל.

נאָר איינמאָל ווען זי איז מיט אירע יונגען
זיגעריש געגאַנגען פון א שלאַכט,
איז דער פיינט פון ערגעץ אָנגעשפּרונגען
און א קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט אין דער נאַכט.

„א לעצטן מאָל חברים פּאַרטיזאַנער,
צום קאַמף זייט גרייט, נישט אונטערגעבן זיך!...״
קליין אין צאָל — דאָך זיינען זיי געגאַנגען,
פאָראויס דאָס מיידל אין די זעלנערישע שיך.

א גאַנצע נאַכט זיי האָבן זיך געשלאָגן.
דער פיינט איז שטאַרק און פון רציחה ווילד...
און ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן —
האָט מען דערזען פאַר זיך א טרויעריקן בילד:

ס'האָט יעדער איינער פון די פּאַרטיזאַנער
זיין לעצטע קויל אריינגעשאָסן זיך...
און מיט א שמייכל איז געלעגן העניע,
די קאָמאַנדירישע אין די זעלנערישע שיך.

ד אָ ס ליד זינגען מיר נאָר ביי אונדז אין שטיבל, אָדער אין די יידישע לאַגערן. ווען דאָס זינגען ענדיקט זיך, קומען אויף דערמאָנונ־גען וועגן אנדערע מיידלעך, געפאַלענע אין קאַמף. מען דערמאָנט מירע גאָניאָנדזקי, וואָס איז געווען א פּאַרטיזאַנקע אין איוואַן איוואַ־נאָוויטשעס גרופּע און איז גייענדיק איינע אליין אויף אַן אָפּעראַציע, ארויסגעגעבן געוואָרן פון א מסור און מען האָט זי נאָכן פייניקן דערשאָסן און אויסהאַקנדיק א שטיקל פאַרפרוירענע אָזיערע, זי אין דערטיפעניש אריינגעשלידערט. דאָס בלוט פון מירען האָט זיך אין א שנירל געצויגן אויפן שניי. דאָס אָרט איז נאָך אויך איצט קאָנטיק.... א פּאַרטיזאַן האָט דערציילט, אז אין די וועלדער ארום נאַליבאָק, וואַרפט אָן א מורא אויף די דייטשן א יידישע פּאַרטיזאַנקע וואָס רופט

זיך „מירעלע אפרת". קיינער ווייסט נישט ווי מען רופט זי. אנדערע זאָגן, אז דאָס דאַרף זיין א טאָכטער פון א יידישער אקטריסע, אז זי אליין, דאָס מיידל, איז אליין געווען א מיטגליד אין א דראמאטישן קרייז פון א שטעטל פון יענער געגנט און האָט געשפּילט איינמאָל די קרוין־ראָלע פון גאָרדינס „מירעלע אפרת" און פון דעם קומט דער נאָמען, וואָס זי האָט זיך געגעבן אין פּאַרטיזאַנקע.

מיט דרך־ארץ רעדט מען ביי אונדז וועגן דער ווילנער רייזעלען. א שיינע מויד, פּאַרטיזאַנער יאָגן זיך נאָך איר, וואָלטן זייער לעבן פאַר איר אוועקגעגעבן, נאָר זי וויים איין זאַך: שלאָגן דעם שונא. נקמה נעמען. וואַרטן כל זמן זי לעבט. וואַרטן אויף איר ברוכן, וועלכן די נאַציס האָבן פאַרשלעפּט אין אן עסטאָנישן לאַגער. „אפשר, אפשר וועט מען זיך דאָך באגעגענען..."

— און אויב נישט אויף ד ע ר וועלט — זינגט זי מיר איינמאָל אויס — איז דאָך אויף יענער וועלט זיכער...

פאַרנאַכט, ווען די ביימער אין וואַלד הויבן זיך אָן נאָכמער טוליען איינע צו די אנדערע און סודן אויס וועגן אלע פּאַסירונגען פון א גאַנצן טאָג... פאַרנאַכט, ווען די ביימער־געפלעכטן הענגען מיד זייערע גרינע אָדער־צווייגן צו דער ערד אראָפּ, אָדער שטרעקן זיך אויס אין אַוונטי־קער תפילה צו די הימלען צו — דאַן צעטראָגן זיך אין די ווילדענישן אומעטיקע געזאַנגען.

אין געהיימע ערטער ניגונען פּאַרטיזאַנער־פּאָסטנס. אין בריגאַדע־שטיבל, באטראַכט, צווינגענדיק, די קאָמאַנדע־פירונג נייע פּלענער אויף מאָרגנדיקע טעג, אויף הינטישע וועגן וואַנדערן צו זייער נקמה־ציל זינגענדיקע פּאַרטיזאַנער, אויף פּריטשעס פּרוּוון איינדרימלען מיט א ניגון, קעמפער זייער אומרו. אלע אָבער זינגען. מעלאָדיעס פון קאַמף, פון בענקשאַפט, פון אמאָל, פון נאָר־וואָס פאַרגאַנגענע טעג, פון טעג וואָס דאַרפן קומען. פון טעג ווען עס וועט שוין זיין נאָך אלעמען „און מיר וועלן רואיקע אין די קברים ליגן"...

און ווען מען זאָל צונויפנעמען די אלע ניגונים, וואָלט מען דער־הערט ווי עס טויכט ארויס די מעלאָדיע און די בענקשאַפט־ווערטער פון אונדזער וואַניען...

אלע בענקען. סיי די פאַרליבטע, סיי די וועלכע האָבן אמאָל געליבט אָדער וועלכע האלטן ליבע פאַר א נאַרישקייט, פאַר נישט פאַרן איצ־טיקן מאָמענט...

אלע, אלע, זינגען:

אין דער קאַלטינקער ערד־שטוב איז היים,
אויף דער נאַרע איך ליג און איך וואַך.
נאָר פיר טריט איז צום טויט ווּ דו גייסט —
אָ, מיין הארץ וויל נאָר וויסן איין זאַך:

ווי זי — בין איך אויך דאָ אַליין,
ווייסע פעלדער צעשפרייט ארום מיר.
אָ, צי וועט מיך מיין ליבסטע פארשטיין,
ווי איך בענק דאָ אין עלנט נאָך איר?...

און ווען איך אליין שלייך ארום אין די נעכט אמאָל אין וואלד, אָדער מיר קומט אויס צו שטיין אויף דער וואך און ווען איך דערהער ברומקען פון אן ערד־שטיבל, צי פון א פארטיזאן, וואָס שטייט ערגעץ אין א צווייטן אָרט אויף דער וואך, דאָס ליד און זינג מיט זיי מיט, דוכט מיר, אז עס זינגט מיט אונדז אויך מיט דער וואלד.

די ביימער זיינען דאָך, דוכט זיך, נישט איינזאם. ווי פריער זיינען זיי אויך איצט צוזאמען. אָבער דאָך זינגען זיי מיט אונדז. און אפשר בענקען זיי אויך נאָך י ע נ ע ר גרויסער ליבשאפט, וואָס איז זיי געשאָנקען געוואָרן פון אזעלכע פארליבטע ווי וואניע, ווי רייזל, ווי די ליבשאפט מיט וועלכע ס'איז פול די גאנצע וועלט און ווארט בלויז מען זאָל זי, די ליבשאפט, אויסלייזן...




פארטיזאנען־ליד

# פריידקע סוצקעווער



לייענען פריידעלעס לעבנס־געשיכטע וואָלט געווען איינע פון די אינטערעסאנטסטע ביאָגראַפיעס פון א יונגן לעבן. און וואָלט נאָך די געשיכטע געשריבן געוואָרן פון איר אליין, וואָלט עס געווען א קוואליקער אוצר פון מענטשלעכקייט און פון שיינער ליטעראַטור.

איך האָב זיך מיט פריידעלען באַקאַנט אין דער זעלבער צייט אַן ערך, ווען זי האָט אָנגעהויבן אַרומגיין מיט סוצקעווערן, ביידע 15—16 יעריקע קינדער. דאַן האָט מען זי געקענט ווי פריידקע לעוויטאַן, וואָס גיט אָפּ איר גאַנצע פרייע צייט דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

אַנטפּלעקט האָט זי זיך פאַר מיר אין בריוו, וואָס איך פלעג פון איר באַקומען, ווען איך פלעג זיין אַמאָל אויסערן שטאָט. יעדער בריוו איז געווען א פּאָעמע אין פּראָזע געשריבן. אירע פּאָעטישע געזאַנגען צו דער נאַטור זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט א נישט־דערקלערלעכער ליבשאַפט צו דעם ליטווישן פייסאַזש. עס דערמאָנט זיך מיר כסדר איר שילדערונג פון א פאַרבייגייענדיקן טאָג, דאָס אָנקומען פון אָוונט, די לבנה וואָס באַווייזט זיך ווי א פאַרחלשטע טרער... און שטענדיק האָט זי געזען טרויעריקע ווערבעס, וואָס האָבן פאַר איר סימבאָליזירט מענטשלעכע גורלות, הילפלאָזיקייט, רחמים בעטנדיקע...

א גוטע. איך האָב געזען גוטע מענטשן, אָבער פריידעלע איז די קעניגין פון גוטס. זי פלעגט מיר שטענדיק דערמאָנען פרצעס נחמקע פון זבאַראַזש, וואָס האָט נישט געוואָלט גיין אין גן־עדן, ווייל דאָרט

איז נישטאָ וועמען צו העלפן. פריידקע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אלע פארגעניגנס, ווייל זי איז שטענדיק ארומגערינגלט געווען מיט אומגליק־לעכע, נויט־באדערפטיקע, קאליקעס, פארשטויסענע. העלפן זיי, זיין מיט זיי, נעמען פון דער אָרעמער שטוב און זיי אוועקגעבן — דאָס איז געווען איר פארגעניגן.

ל י ב האָט זי געהאט א י ם, — אוורעמלען, אבראשינקען, אב־ראמעלען — סוצקעווערן.

א שעמעוודיקע, האָט זי קיינעם נישט געוויזן איר טאָג־בוך, אירע נאָטיצן, די לידער. סוצקעווער, וואָס האָט שוין אויך צו יענער צייט זיין ליד אָנגעהויבן מייסטערן, פלעגט אמאָל דערכאַפּן אירע שורות און פלעגט פארבליפט ווערן.

— ווייז דאָס כאָטש שמעקן! — פלעגט ער צו איר צושטיין.

אָבער זי:

— וואָס ווילסטו? וואָס זעסטו דאָ? איין שורה דיינע איז דאָך טויזנט מאָל שענער און וויכטיקער פאר מיין גאנצע שרייבעריי.

עס איז געווען נענוג זי צו זען אן אָפּגעזונדערטע אין פריען קאָ־יאָר, ווי זי וואַרט אָפּ די זון זאָל געבוירן ווערן, צי גאָר א צופרידענע פון דעם וואָס זי קען ברענגען הילף אירע קראנקע חברים און חברטעס אָדער ווי זי גייט נ אָ ר שפאצירן מיט די מיאוסטע מיידלעך צי יינגלעך („עס איז דאָך א רחמנות אויף זיי — פלעגט זי זאָגן, — קיי־נער וויל דאָך מיט זיי נישט גיין"), כדי זי אביסל צו קענען.

פריידקע אין געטאָ:

דאָ איז דאָך געווען איר אייגנטלעכער פלאץ. איר איבערגעגעבנ־קייט די עלנטע שטייגט אריבער יעדע פאָרשטעלונג.

מיט נאָך הונדערטער יידן ווערט זי פארטריבן אין געשטאפּאָ־תפיסה. זי איז זיכער, אז אויך איר אוורעמלע זיצט אין א צווייטן קאמער אין געשטאפּאָ. זי טראכט נישט ווי ז י ך צו ראטעווען.

— אבראשינקע, ע ר מוז כאָטש בלייבן! — נישט נאָר דערפאר וואָס איר ליבשאפט צו אים וואקסט כסדר. נאָר דערפאר וואָס ער, ווערנדיק געראטעוועט, וועט אויך ראטעווען די יידישע פאָעזיע, ווייל דאָס יידישע פאָלק וועט אים דארפן האָבן.

עס איז אָבער נישטאָ קיין שום האָפענונגען פאר קיינעם, נישט פאר איר. דער פסק איז א קלאָרער: ווי אלע אנדערע יידן פון נעכטן, פון א גאנצער וואָך, וועלן אויך זיי ארויסגעפירט ווערן צום לעצטן וועג.

פלוצלינג טראָגט זיך דורך א באפעלערישער געשריי דורך די קאָ־רידאָרן:

— פרידא סוצקעווער! פרי־דא סוץ־קע־ווער!

מען עפנט אויף איר קאמער.

— ארויס! — שרייט אויס דער נאצי צו איר.

פריידקע איז פארווּנדערט, צעשראָקן. גייט ארויס און דערזעט אין קאָרידאָר איר טאטן. דער טאטעלע, וואָס רוימט שוין עטלעכע וואָכן די הויפן אין דער געשטאפּאָ, האָט אויסגעוויינט ביי זיינע באלעבאטים זיין טאָכטער.

— ביסט פריי! — רופט זיך אָן דער שטורעמפירער.

— ניין, ניין! — שרייט זי אויס צו דער גרעסטער פארווּנדערונג פון נאצי, — איך וועל פון דאנען ארויסגיין, ווען איר וועט אויך מיין מאן באפרייען.

דער נאצי ווערט צעקאָכט:

— ארררר־ויס פון דאנען!

— איך וועל נ י ש ט ארויסגיין, אויב איר וועט מיר נישט אָפּגעבן מיין מאן.

דער נאצי ווערט רואיקער.

— ווּ געפינט זיך דיין מאן?

— אין איינעם פון די קאמערן.

און ווידער צעטראָגן זיך איבער די קאָרידאָרן געשרייען:

— סוץ־קע־ווער! סוץ־קע־ווער!...

זי קלאפט אין אלע טירן, זוכט, נישטערט, וויינט. — קיינער רופט זיך נישט אָן. ווי א פארווּנדעטע חיהלע לויפט זי איבער די קאָרידאָרן ארום:

— אבראשינקע, אבראמינקע, פוצקעווער.

— נישטאָ. נישטאָ. קיינער נישטאָ.

צוקומענדיק אין לעצטן קאמער, ווען קיינער האָט זיך אויף איר רוף נישט אָנגערופן, האָט זי פּלוצלינג א כאפּ געטאָן א יונגן בחור און אויסגעשריען:

— אָט איז ער, מיין טייערער, הער שטורעמפירער!

דער נאצי נעמט ארויס דעם יונגן מאן און הייסט זיי ארויסלאָזןביידן פון תפיסה.

אין געטאָ האָט זי זיך דערוווּסט, אז סוצקעווער ליגט ערגעץ אין שטאָט אויף א מעלינע. פאר דעם אומבאקאנטן בחור איז געקומען זיין אויסלייז ווי א רעטעניש, וואָס ער האָט נישט געקענט פארשטיין.

פריידעלע אין וואלד:

זי טרויערט נאָך די עלטערן, מיט וועלכע זי האָט זיך פארן ארויס־

גאנג פון געטאָ געשיידט. זי קען נישט פארגעסן איר שוועסטער, וואָס איז געבליבן אין א שטאָטישן ארבעטס-לאגער. אויך דאָ זוכט זי ווען צו העלפן און אזעלכע דארף מען לאנג נישט זוכן.

אין א פארלאָזן ערד-שטיבל ליגט דער קראנקער בחורל ווילקאָמירסקי. עס איז נישטאָ קיין דאָקטאָר, נישטאָ קיין רפואות און די וווּנדן אויף די פיס ווערן ערגער און ערגער, ווערן געשוואָלן. אויף אָבלאָוועס ריכט מען זיך יעדן טאָג, און יעדן טאָג קומט אים אויס, אז דאָס איז שוין זיין לעצטער אין לעבן. ליגט ער א פארגעסענער, א פארלאָזענער. יעדער האָט זיך זיינע צרות און ער קוקט צום הימל צו, און די אויגן פרעגן שטום „מאין יבוא עזרי?“ און אָט, אָנשטאָט אן ענטפער פון הימל קומט גאָר פאר אים אומגעריכט דער ענטפער פון דער ערד, דורך פריידקען.

— וואָס איז אייך? — פרעגט זי צערטלעך, — וואָס ליגט איר אזוי? און איידער ער באוויזט נאָך צו ענטפערן, באמערקט זי שוין די ארומגעבונדענע פיס וואָס זי בינדט אָפּ. זי טוט א בראָך מיט די הענט, דערזעענדיק די רויע שטיקער, צעבלוטיקטע וווּנדן.

— ווי לעבט איר דאָס אזוי?

דאָס יינגל קען נישט ענטפערן. עס פארדריקט אים ביים הארצן. עס קייקלען זיך ארויס עטלעכע טרערן. פריידעלע מוסרט אים מאַמעדיק:

— וויינען וועט נישט העלפן. מען האָט נישט געטאָרט פארלאָזן די פיס אין אזא צושטאנד. פארוואָס האָב איך דאָס פריער נישט באַמערקט? — האָט זי שוין טענות צו זיך.

א לענגערע צייט האָט מען פריידעלען אין ערגעץ נישט געזען. איך האָב נישט געוווּסט, ווו זי פארשווינדט. ערשט גייענדיק איינמאָל פארביי יענעם שטיבל, האָב איך זי דערזען. דאָס יינגל איז געלעגן אויפן גראָז אויסגעצויגן און זי האָט אים גערייניקט פון ארום די וווּנדן דעם שמירעכץ. זי איז געווען מאָדנע צופרידן און גערעדט צו אים נישט באמערקנדיק מיך:

— אָט, איצט קען מען שוין זאָגן, אז דאָס זיינען פיס... נארישער יינגל, ווער ווייס וואָס עס וואָלט געווען מיט אייך, ווען איר פארלאָזט זיי נאָך אביסל.

ווען זי איז אוועק ברענגען די טיכלעך, וואָס זי פלעגט פארשטייט זיך אליין אויסוואשן און אויסהענגען צום טריקענען, האָט מיר ווילקאָמירסקי דערציילט:

— א מלאך איז דאָס, נישט קיין מענטש. מיט וואָס האָב איך

דאָס פאַרדינט ביי איר. אָט גייען דאָך ארום אזויפיל פּאַרטיזאַנער, פּאַרטיזאַנקעס, טרעפט אמאָל, אז עס שטעלט זיך עמעצער אָפּ, גיט א פרעג און גייט זיך גלייך ווייטער. אָבער זי? זי וואַשט דאָך מיך, ברענגט מיר ס'עסן פון קיך און האָט מיר געראַטעוועט מיינע פיס. פאַרוואָס קומט דאָס מיר? פאַרוואָס?

און ווען זי האָט אים די ווונדן צוריק פאַרבונדן, האָט זי געקוקט אויף אים מיט א ליבלעך מוטערלעכן שמייכל און ווי גערעדט, אז נאָר די פיס זאָלן הערן:

— נו, איצט האָב איך פון אייך באמת הנאה... קיין עין־הרע זאָל אייך נישט שאַטן, נאָך א וואָך און אויב עס וועט אזוי גיין, וועט איר שוין טאַקע קענען גיין.

דאָס ייִנגל האָט געקוקט אויף איר מיט דער איבערגעגעבנסטער טרייקייט, דאָס פּנים האָט געלויכטן. ער האָט קיין איין וואָרט נישט ארויסגערעדט, אָבער די שטומקייט זיינע האָט ארויסגעשריען מיט דאַנקבאַרקייט צו זיין רעטערין פון אַלע גלידער.

פריידקע האָט געקענט די וועלדער ארום. יעדער בוים איז איר געווען נאָענט, אפילו אין די נעכט האָט זי געטראָפן אין די סאַמע פאַר־באָרגנסטע און ווייטסטע ערטער. ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אז ערגעץ אין די וועלדער איז אָנגעקומען א גרופּע יידן פון ווילנע, איז פריידקע פאַרשוווּנדן פון אונדזער ערד־שטיבל און אין א פּאָר טעג ארום איז זי געקומען מיט די לעצטע ידיעות וואָס עס איז געוואָרן פון דעם ווילנער געטאָ:

געשטאַפּאָ האָט גערופן צו זיך געגסן. א הויכער ליטווישער אָפי־ציר, א געוועזענער קאָלעגע פון געגסן, האָט אים גע'עצהט נישט צו גיין, ווייל די געשטאַפּאָ וועט אים שוין נישט אָפּלאָזן. דער אָפיציר האָט אים אפילו פאָרגעלייגט אויסצובאהאַלטן, אָבער געגס האָט קורץ און אנטשלאָסן געענטפערט:

— באהאַלטן זאָלן זיך שוואַכלינגען. איך וועל די יידן נישט פאַר־ראַטן.

ער גייט אוועק אין דער געשטאַפּאָ און ווערט דערשאָסן. די מאָ־טיוון, ווי מען האָט דערנאָך איבערגעגעבן: דעסלער האָט געמסרט אין געשטאַפּאָ, אז געגס האָט פאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער און מיט די ליטווישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע קעמפן קעגן היטלערן. די געשטאַ־פּאָ האָט באשטימט דעסלערן פאַר דעם יידן־עלטסטן. אין געטאָ הערשט טרויער צוליב דער דעסלער־נאָמינאַציע. מען ווייס שוין, אז דאָס געטאָ לעבט איבער די לעצטע טעג. אזוי איז עס טאַקע. אין א פרימאָרגן כאַפּט

מען זיך, אז דעסלער, זיין פרוי און עטלעכע פאָליציי־קאָמיסארן זיינען אנטלאָפן פון געטאָ אין א פון־פריער צוגעגרייטע מעלינע אין שטאָט. דער נייער יידן־עלטסטער ווערט דער פראָוואָקאטאָר אָבערהארד, א ווינער ייד. יידן ווערן ארויסגעפירט פון געטאָ און ווערן געטיילט אויף רעכטס (אין עסטאָנישע לאגערן) און אויף לינקס, די גרעסטע טייל, אין אן אומבאקאנטער ריכטונג, צום אומקום. די איבערגעבליבענע פארטיזאנער און צענדליקער אנדערע יידן האָבן זיך ארויפגעלאָזן אין די קאַנאליזאציע־רערן און פויזשענדיק אויפן בויך, אין די שמוציקע וואסערן, זיינען זיי נאָך א פאָר שעה בלאָנדזשען, פארנאכט ארויס צו אן אָפגעגערעדטן אָרט, אויף דעם איגנאטעווער געסל, פון וואנען זיי זיינען דורך פארטיזאנער אָפגעפירט געוואָרן ווייטער, אויף די וועגן צו די רודניצקער פושטשעס. די לעצטע גרופע וואָס איז ארויס פון וואלד, איז געכאפט געוואָרן. זיי האָבן געשאָסן צו דער פאָליציי און דערפאר זיינען זיי געהאָנגען געוואָרן. דער טייערער לערער יאנקל קאפלאן, דער העלדישער אבראשע כוואָיניק, ביידע מיטגלידער פון פארטיזאנער־שטאב, און כוואָיניקס חברטע, אסקע ביג, — זיי זיינען העלדיש אומגעקומען אין די אויגן פון טויזנטער יידן. נישטאָ מער.

א פאָר טויזנט יידן זיינען נאָך געבליבן אין ווילנע, פארטיילט אין צוויי לאגערן. אויף דער באַן־סטאנציע איז אָבער אויסגעהאנגען א גרויסע אויפשריפט „ווילנע יידנריין".

ווערט ווידער אומעטיק: ווילנע אָן יידן האָט זיך ווער דאָס געקענט ווען פאָרשטעלן? פריידעלע ווײנט שטיל. אין שטיבל איז ווי יום־כיפור. עס דערמאָנען זיך אזויפיל פאסירונגען. פאר די אויגן קרייצן דורך ווילנער יידן אין זייער לעצטן מארש. אָ, וויפיל טייערסטע דאָרט זיינען פאראן. אלע. אלע. אלע...

פריידקע קען מער נישט איינהאלטן איר שטיל שלוכצען. יאָמערט זי פלוצלינג ארויס:

— גאָט! גאָט מיינער! צי וועסטו דאָס אלץ פארשווייגן?! צי וועסטו די רוצחים נישט באצאָלן וואָס זיי קומט?!...

אין הארץ ביי מיר, און געוויס אויך ביי די אנדערע פלאקערן ווולקאנען:

— מ י ר וועלן באצאָלן! מיר וועלן באצאָלן!...

מיט אמאָל: אן איבערראשנדיקע ידיעה:

קומענדיק אין א וווּנדערבארן ווינטער־פארנאכט פון א רייזע איבער די אָטריאדן, באזוכנדיק אויך א יידישן לאגער אין דעם וואלדטייל הארוויע, ווו עס האָבן געוווינט אויך באקאנטע יידן אנטלאָפענע

פון סווירער געטאָ, האָט מען מיר דערטראָגן, אז די סוצקעווערס זיינען דורך די מאָסקווער יידישע שרייבער ארויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע.

עטלעכע וואָכן נאָך זייער אוועקגיין אויפן אנדער זייט פראָנט, האָט דער אומעט נישט געוואָלט פארשווינדן פון ערד-שטיבל.

איך האָב שטענדיק געדאכט, אז אָט-אָט, עס וועט באלד אריינגיין פריידעלע און ברענגען מיט זיך, ווי שטענדיק, פולע זשמעניעס מיט גוטסקייט פאר אלעמען...

## די זאָנעס פון אומקום און קאמף




פּאַרטיזאַנישע געביטן אין דער ווילנער פּראָווינץ.

# נ ק מ ה

דעם גרעסטן געפיל צו נקמה האָבן געהאט די יידן, וועמעס געוועזענע היימען עס האָבן זיך געפונען אין די ארומיקע שטעטלעך. זיי האָבן געוווּסט וועלכע פויערים, וועלכע שכנים אפילו, עס האָבן אָנטיילגענומען אין די שחיטות, אין רויבעריי, אין רציחה, אין מסירה. די יידן האָבן אפילו געוווּסט, ביי וועמען עס געפינט זיך זייער האָב און גוטס. נישט איין ייד האָט אנטלויפנדיק פון רוצח דערזען אין אים זיינעם אן אלטן באקאנטן.

אָט, קעגן די מערדער האָבן יידן אין די וועלדער אָנגעהויבן א געיעג. זיכער האָבן די רויבער זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז נאָכדעם ווי אלע יידן זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן, זאָלן זיך נאָך געפינען עדות קעגן זיי. (און עס זיינען, ווי שוין דערמאָנט, געווען אויך אזעלכע שטעטלעך, וואָס האָבן קיין עדות נישט איבערגעלאָזן).

מיט דער צייט האָט מען א סך פון אָט די פויערים געכאפט און...

אין מיינע נאָטיצן ליגן אָנגעמערקט פארשידענע פאלן ווי אזוי אונדזערע חברה האָבן געכאפט אזעלכע מערדער:

דער קאָמאנדיר פון „נקמה-נעמער" מיכאיל פאָדאָלני, א סאָוועטישער ייד, וואָס גייט דאָ אָן ווי א רוס, איז מיט זיינער א גרופע, גייענדיק אויף אן אָפעראציע, אונטערוועגס אריין צו א פויער זיך אָנווארעמען און עפעס נעמען אין מויל אריין.

דער פארשלאָפענער פויער צינדט אָן א לעמפל, וואָס צעווארפט אן אומעטיקע שיין און שאָטנס איבערן שטיבל. און כאָטש מען קען שוין זען וואָס אין שטיבל טוט זיך, ווערט פאָדאָלנין מיטאמאָל פינצטער אין די אויגן. וואָס איז? קעגן אים שטייט זיך מאיעסטעטיש אן ערשט געבראכטע שאפע, וואָס איז ווי ערשט נישט לאנג אין געשעפט געקויפט. טאָ וואָס איז אזוי דער קאָמאנדיר דערציטערט געוואָרן? איידער ער באטראכט, פון וואנען עס קען קומען צו דעם פויער די שאפע, צעקלינגט זיך דער וואנט-זייגער. א הויב דעם קאָפ איבער זיך, און אויך דער זייגער ווערט עפעס פארדעכטיק. פאָדאָלני וויל זיין גאנץ זיכער.

גייט ער צו צו דער שאפע, צעעפנט ברייט די טירן, עפנט איין שופלאַד, א צווייטן. דער פויער פארשטייט נישט וואָס טוט זיך דאָ. פּאַדאַלני אָבער, ווי ער וואָלט דאָ געווען אויף א וויכטיקער אָפּעראַציע, איז שוין פארטון אין דער זוכונג, און צעוואָרפט איבערן שטוב אלץ וואָס דאָרט געפינט זיך.

— זעט, וואָס דער הינטישער זון האָט אָנגערויבט! — איז ער א דערציטערטער.

ליילעכער, האנטוכער מיט יידיש אויסגעהאָפטענע מאָנאָגראמען, קייטעלעך, בראסלעטן און צווישן דעם — א קייטעלע מיט א מגן־דוד'ל.

— ווּ האָסטו דאָס גענומען?

דער פויער שווייגט. די פויערטע פרוּווט א וויין טון.

— שוויַיג, קורווע! — צעשרייט זיך א קעמפער און גיט א שליי-דער אויף איר א שטיוול.

— ווּ האָסטו דאָס אלץ גענומען? — פרוּווט דער קאָמאנדיר זיך באהערשן.

— אנו, חברה, אפשר וועט ער א יי ד זאָגן.

אויף דעם האָבן די קעמפער געוואַרט.

— לייג זיך! — איז געפאלן דער ערשטער זעץ פון א פריקלאד פון א ביקס.

— איך האָב דאָס אויסגעביטן ביי יידן אויף קאָרן און קארטאָפל.

— אזזוי... אויסגעביטן! לייג זיך, הינטישער זון!

ער האָט זיך געמוזט לייגן אויף דער לאנגער באנק.

— נו, — האָבן אָנגעהויבן פאלן קלעפּ, — וועסט זאָגן ביי ווע-מען דו האָסט עס גענומען.

ער האָט געזאָגט.

— זאָג אלץ, אלץ זאָג! מיט וואָס האָסטו געהרגעט? ביי וועמען נאָך ביסטו געווען? זאָג, זאָג ווער זיינען געווען דיינע מיטהעלפער?

אין פינצטערלעכן שטיבל האָט אויפגעטויכט א ים מיט בלוט פון געשאָכטענע קינדער און מאמעס, פון טאטעס, פון שוואנגערע פרויען.

אין שטיבל האָט אויפגעהערט דאָס געוויינערייי פון די רוצחים. עס האָט זיך איינגעשטילט דאָס שווערע סאָפּען פון די קעמפער, וועלכע האָבן געוואַרט אויף דעם באפעל פון זייער קאָמאנדיר.

— מיר גייען! — האָט ענדלעך פּאַדאַלני זיך א הויב געטון דער ערשטער.

— און זיי, חבר...

— געגאנגען! — האָט איבערגעהאקט דער קאָמאנדיר איידעלמא־נען.

פארוואונדערטע זיינען די קעמפער ארויס נאָך פאָדאָלנין און גע־ווארט אויף ווייטערדיקע באפעלן.

— וואניע, גרישע, — אין רעכטן זייט פון דער הינטערשטער טייל שטוב! טאטאר, מארקעל — ביים שייער! און אירביידע — האָט צום סוף געענדיקט פאָדאָלני צו איידעלמאנען און קאָסטעטשקא, — גייט צום שטאל!

אלע האָבן ווי געוועלעך אויסגערופן:

— צום באפעל, חבר קאָמאנדיר!

— שוועבעלעך האָט איר? — און נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער: — נאָך דעם ווי איר וועט הערן דעם ערשטן סיגנאל־שאָס פון מיר, דארפן אלע געביידעס שטיין אין פלאמען. פארשטאנען?!

— פארשטאנען, חבר קאָמאנדיר!

— צום צווייטן שאָס קלייבן מיר זיך ווייטער צונויף אויף דעם אָרט. ער האָט אָפּגעלאָזן דעם פאַרזיכערער פון רעוואָלווער, — און איצט, מארש אויף די ערטער!

...און ווען עס האָט אויסגעקנאלט דער ערשטער שאָס אין דער נאכטיקער שטילקייט, האָבן זיך אין א פּאָר מינוט ארום צעפלאמט פייער־צונגען צו די שטערן.

...און ווען עס האָט אויסגעקנאלט צום צווייטן מאָל, איז שוין דער הימל אין פורפור פארדעקט געוואָרן.

דער וועג פאר די קעמפער איז געוואָרן צוליב דער פלאמענדיקער ליכטיקייט סכנותדיקער, אָבער עס האָט פון זיי געוויעט מיט ליכטי־קייט, אזא ליכטיקייט, וואָס האָט גאָר קיין קאָליר נישט, ליכטיקייט פון וואָס עס איז אזוי גוט געוואָרן און לייכט אויפן שווערן געמיט וואָס האָט דערגרייכט צום אויסברוך אין טונקעלן שטיבל ביי די פּוי־ערים־רוצחים נישט ווייט פון דער אלטער, נישט־לאנג געוועזענער יידי־שער קהילה קורעניץ...

גאָר אָפט פלעגן דערשווימען צו אונדז שטיקער פורפור אין די פינצטערע נעכט. מיר האָבן געוווּסט, אז פארטיזאנער נעמען נקמה אָדער זיי האָבן אונטערגעצונדן א בריק, א מלוכהשע וויכטיקע פאבריק, שפּייכלערס, מילך־ווירטשאַפטן א. ד. גל.

די פּויערים, וועלכע האָבן זיך געפילט שולדיק אין די רציחות און רויבעריי, פלעגן אנטלויפן פון די שטיבער, ווען זיי האָבן דערשמעקט, אז פארטיזאנער קומען אָן.

נישט איין מאָל טרעפט, אז אזעלכע רוצחים ווערן געבראכט אויך אין וואלד אריין.

איצקע אלפּעראָוויטש האָט כסדר געחלומט: ער מוז אויסגעפינען דעם מערדער פון זיין מאמען.

נו, און וואָס וועט שוין זיין, אז דו וועסט אים פּאקן?

איצקע האָט נישט פארשטאנען צוערשט די פראגע. דערנאָך האָט ער שוין באנומען. מען מיינט, הייסט עס, צו וויסן, וואָס ער וואָלט מיט דעם פויער געטאָן?

און געוואָלט האָט ער, דער יונגער 17 יאָריקער בחור, דער פויער זאָל האָבן דעם זעלבן טויט פון זיין מאמען...

עס האָט געדויערט זייער א סך צייט, ביז וואנען איצקע איז דער־גאנגען דעם פויערס נייעם אדרעס. ערשט דאן האָט ער, נאָכן באקומען א דערלויבעניש, זיך אוועקגעלאָזן אין וועג. עס איז צו דערציילן און צו דערציילן ווי אזוי דער בחור האָט דורך א שיקסל ארויסגענארט דעם פויער אויסערן דאָרף און ווי אזוי דער פויער האָט אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך, דערזעענדיק קעגן זיך דעם אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער פון אלפּעראָוויטשן.

די פּאָר טעג, וואָס דער פויער איז געווען צוגעבונדן צו א בוים נעבן איצקעס ערד־שטיבל, וועלן קיינמאָל שוין פון די פּארטיזאנער נישט פארגעסן ווערן.

ווען דער פויער האָט אלץ אויסדערציילט, איז איצקע פארשוווּנדן מיט אים אויף נאָך צוויי טעג.

מען האָט געוווּסט, אז דער בחור ע נ ט פ ע ר ט איצט אויף דער פראגע, וואָס זיינע חברים האָבן אים געשטעלט, וואָס ער וואָלט געטאָן מיטן מערדער פון זיין מאמען...

נישט איינמאָל האָבן מיר צו „געסט" געפאנגענע סאָלדאטן. מיט זיי פארנעמט זיך גרישע, דער נאטשאלניק פון דער ספּעץ־אָפּטיילונג.

צו אונדזער פארווּנדערונג האָט גרישע נישט לאנג אריינגעפירט צוויי עלטערע לייטענאנטן צו אונדז אין שטיבל, מיר זאָלן זיך „באקע־נען" מיט זיי...

איצט זיינען זיי גוט און העפלעך. איינער שרייבט אפילו לידער און האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאָג אָנצושרייבן א ליד, געווידמעט די פּארטיזאנער פון וועמעס איידעלע האנדלונגען זיי ביידע זיינען איבער־ראשט. זיי בענקען, זאָגן זיי, נאָך בערלין און קעלן, פון וואנען זיי קו־מען, אָבער זיי האָבן שטענדיק פארדאמט דעם היטלער־רעזשים.

— צי ווייסט איר, אז איר געפינט זיך דאָ אין שטיבל צווישן יידן?

דאָס איז זיכער געווען פאַר זיי אומדערוואַרט. זיי האָבן אָבער גיך ארויפגעצויגן אויף זיך די פריערדיקע פרומקייט. עס ווייזט זיך גאָר ארויס, אז זיי האָבן דורכאויס... יידישע פריינט.

— נו, און צי איז אייך קיינמאָל נישט אויסגעקומען אָנטיילצונעמען אין אנטי-יידישע עקסצעסן? — פרוּוו איך מאַכן איידעלער מיין פלוצלינגדיקע פראַגע.

— אך, גאָט באַהיט! — האָבן זיי ביידע מיטאמאָל אויסגערופן, ווי באַליידיקטע.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן נאָך מער אויף זייערע אָנפירער וואָס ווילן בלויז בלוט.

— מיר האָבן שוין לאַנג געוואָלט אוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער (!!!), נאָר מען שפּיאָנירט אונדז כסדר נאָך. — האָט איינער מיט באַדויערונג גאַנץ ערנסט א זאָג געטון און האָט זיכער געמיינט, אז אלץ וואָס זיי זאָגן, נעמען מיר אויף ווי קדש קדשים.

עטלעכע טעג זיינען זיי אָפּגעלעגן ביי אונדז. מיר זיינען דאָך געווען פון די איינציקע פאַר זיי, מיט וועמען זיי האָבן זיך געקענט צונויפרעדן.

פיר פלוצלינגדיקע קנאַלן האָבן אונדז אין א פאַרטאָג אויפגעוועקט פון שלאָף.

מער זיינען זיי שוין נישט געקומען...

ערגער האָבן אָפּגעשניטן א צענדליק ווייסרוסישע און אוקראַינישע פּאָליציי-לייט וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו פּאַרטיזאַנער פון טשאַפּאַיעווסקין אָטריאַד. מען האָט די געפאַנגענע געבראַכט אין וואַלד אויף דער טשאַפּאַיעוו-באַזע און נאָך איידער מען האָט וועגן דעם געמאָלדן דער בריגאַדע האָט מען זיי פאַרענדיקט.

— האָט איר געדאַרפט זען ווי די חברה פון אונדזער אָטריאַד האָבן זיך א וואָרף געטון אויף זיי, — האָט מיר דערנאָך דערציילט באַסטאָמסקי, איינער פון די ווייניקע יידישע פּאַרטיזאַנער דאָרטן, — מיט העק, מיט אייזנס און ביקסן-קאָלבעס האָט מען די פאַררעטער אויסגעשאָכטן. קיין איין קויל האָט מען זיי נישט געשאָנקען. און צווישן די, וועלכע האָבן דעם טויט-אורטייל אויסגעפירט, זיינען אפילו געווען ערשט פריש-געקומענע, וועלכע זיינען נאָך אליין נישט לאַנג געווען אין דער דייטשישער פּאָליציי...

א מאָדנע זאַך, וואָס איך קען אליין נישט דערקלערן די סיבה דערפון: איך וואָלט נישט געקענט, קומט מיר אויס, אויף אזא אופן אויספירן דעם פאַרדינטן אורטייל אויף אזעלכע מערדער. צי בין איך

א שוואַכלינג? קען זיין... איך האָב נישט איינמאָל אַנטיילגענומען אין קאַמפּס-אָפּעראַציעס. איך בין געווען גליקלעך פון די איינגעגעבענע רעזולטאַטן. נישט איינמאָל זיינען נאַצישע סאָלדאַטן צי אָפיצירן אין אָפּעראַציעס געפאַלן. מיט זיסן געפיל האָב איך זיך געזעטיקט פון די צאָלן געפאַלענע שונאים, וואָס זיינען כסדר געוואַקסן. אָבער איך פלעג קוים אויסהערן די איבערגענומענקייט פון אנדערע פּאַרטיזאַנער וואָס פלעגן דערציילן מיט אלע דעטאַלן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך צערעכנט מיט די געפאַנגענע, וואָס זיינען אריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט.

איך וועל נישט פארגעסן קיינמאָל ווי אַזוי דוד פינטשאָוו פלעגט כסדר זיך פּאַסמאַקעווען, ווי אַזוי ער מיט זיינע חברים ווייסרוסן האָבן איינמאָל געפּאַקט א פאררעטער און ווי אַזוי מען האָט מיט כוח צוגעפּגעבויגן צוויי דיקלעכע ביימער, צו וועלכע זיי האָבן צוגעבונדן די פיס פון געפאַנגענעם און דערנאָך די ביימער אָפּגעלאָזן...

— ער איז אויף צווייען צעריסן געוואָרן...

— הער אויף! — האָב איך איבערגעהאַקט, — הער אויף, איך קען דאָס נישט הערן.

די גאַנצע צייט האָב איך מיין שוואַכקייט און מיין ווידערגעפיל צו אַזא נקמה געפּרוּווט באַהאַלטן. דאָס מאָל האָב איך שוין נישט געקענט מער אויסהאַלטן. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען די פאַרוווּנדערונג פון פינטשאָוון.

איך האָב גלייך דערזען פאַר זיך די נישט-גלויבלעכע אכזריותן פון די היטלעריסטן און זייערע מיטהעלפער קעגן דער שוצלאָזער יידישער און אַפּט אויך נישט-יידישער באַפעלקערונג. איך האָב גלייך דערזען פאַר זיך די אויסגעשטאָכענע אויגן, צעשניטענעם קערפּער פון אונדזער געוועזענעם קאָמאַנדיר אין געטאָ, וויטענבערג און פּונקט אויף אַזא אופן — דער נאַר-וואָס אומגעקומענער, געוועזענער קאָמאַנדיר פון „נקמה"-אַטריאַד באָמקע באַיאַרסקי, ווען די פּאָליציי האָט אין א פּלוצלינגען איבערפאַל געכאַפּט ביים דאָרף זשאַזעריע.

אַלץ אמת, אָבער נאַכטאַן דאָס זעלבע האָב א י ך געפּרוּווט אויסמיידן.

איך האָב אָבער אויך נישט געפּרוּווט קיין זאַך טאָן, אַז אנדערע זאָלן מיין ביישפּיל נאָכטאָן.

## אוי איז דאָס געווען אַ שלאַכט . . .

אונדזער בעסטער שותף אין די שלאַכטן און דיווערסיעס קעגן שונא איז געווען די ווינטערדיקע נאַכט. וואָס גרעסער דער פראָסט, וואָס שטאַרקער דער שטורעם, אַלץ גרעסערע שאַנסן האָבן מיר געהאַט אויסצופירן די פאַרגעבענע אָפּעראַציעס.

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט זיינען אַ סך ערד־שטיבלעך געווען ליידיק פון די פּאַרטיזאַנערס.

מיטן צופאַלן פון אָוונט זיינען שוין גרופּעס קעמפער ארויס פון זייערע באַזעס, כדי אָנצוקומען אין דער טונקלקייט ביים ראַנד פון די גרענעצן פון דער פּאַרטיזאַנישער זאָנע און ווען עס פלעגט ווערן גוט פינצטער, האָט זיך דאַן אָנגעהויבן דער פּאַרטיזאַנער גאַנג אויף דער נאָך נישט באַהערשטער טעריטאָריע, ווו דער שונא געוועלטיקט נאָך.

דאָס בעסטע איז געווען פאַר אונדז צו גיין אין אַ זאַווערוכע, ווען דער ווינט פלעגט גלייך פאַרשיטן אונדזערע טריט נאָך אונדז. אין אַ שטילן ווינטער פלעגן מיר אָפּט גיין אויף אַהינטער, כדי אונדזערע טריט זאָלן דעם שונא פאַרפירן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

עס איז געווען אַ גרויסע קונסט צו קענען אין וואַלד און אויסערן וואַלד די צענדליקער גרעסערע און קלענערע וועגן און סטיעזשקעס. בייטאָג האָט מען זיך נאָך אַמאָל געקענט אָריענטירן, אָבער אין די פינצטערקייטן איז דאָס געווען כמעט אַן אוממעגלעכקייט. אָבער דאָך האָבן זיך געפונען אַזעלכע פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן געזען, קומט אויס, נאָר ביינאַכט...

דער קאָרעניצער בחור שמעון גלעזער איז געווען איינער פון די בעסטע פירער.

ער פירט נישט נאָר אין די פינצטערקייטן אויף אויסגעטראָטענע וועגן, נאָר ער דערשמעקט ווו מען קען דעם וועג מאַכן נענטער. ער גייט „נאַ פּראַמיק" (אויף גלייך)... ער אָנערקענט גאָרנישט קיין וועגן. ער שניידט דורך וואַלד, דורך פאַרזייטע פעלדער, איבער פאַרפרוירענע בלאָטעס, טייכן. ער פאַרשפּאָרט אָפּט צענדליקער קילאָמעטער גאַנג און



## העלדישע פּאַרטיזאַנקעס

1) פון רעכטס: וואַרשאַווטשיק און 2) פּעסיע שוינבוים, 3) נוסיע לובאָצקי, 4) חנה ליפּניצקי, 5) דבורה דעוועלטאָוו, 6) פון רעכטס: זעלדע טרעגער, רייזל קאָרטשאַק, וויטקע קעמפּנער, 7) צעסיע ראָזענבערג, 8) פייגעלע מילשטיין.



## זיי האָבן גענומען נקמה פאר זייערע חרוב־געוואָרענע היימען

1. זרח קרעמיען (פון ביעליצע), קאָמאנדיר פון א דיווערסיע־גרופע אין „קאָטאָווסקי"־אָטריאד, 2) סוסיע בעלסקי (נאָוואָגרודעק), קאָמאנדיר פון רייטער־אויסשפירערס פון יידישן „אָרדזשעניקידזשע" אָטריאד, 3) דוד פלאָטניק (פינסק), קאָמאנדיר פון א דיווערסיע גרופע אין „קאלינין"־אָטריאד, 4) שלמה צימער (שארקווישטשיזנע), קאָמיסאר פון יידישן אָטריאד „ל. מ. קאגאנאָוויטש", 5) טוביה ביעלסקי (נאָוואָ־גרודעק), קאָמאנדיר פון יידישן „קאלינין"־אָטריאד, 6) בערל לאָרבער (מאלינקע), גרופן־קאָמאנדיר פון „קרוק"־אָטריאד, 7) משה דמשק (ניעסוויזש), קאָמאנדיר פון „פאר אונדזער פאָטערלאנד"־אָטריאד, 8) ברוך לעווין (זשעלודאָק), בארימטער דיווערסיע פארטיזאן, „העלד פון ראטנפארבאנד" (איצט אין ישראל).

דורכדעם ווערן געשאַפן אויך בעסערע סטראַטעגישע צוגאַנגען צו די פּאָזיציעס צו וועלכע מען צילט.

מען זאָגט אויף דעם שמעון גלעזער, אַז ער גייט נישט מיט די פיס נאָר מיט דער נאָז. גייענדיק, אַרבעטן ביי אים די נאָזלעכער. ער שמעקט, שמעקט און געווים דערפילט ער שוין ז יי ן וועג־ריח וואָס פירט אים אויפן ריכטיקן וועג.

נאָר אין די נעכט קען מען אויפרייסן באַנען.

באַנען אויפרייסן, אַן עשעלאָן וואָס פאָרט צום אָדער פון פראָנט מיט אַמוניציע, שפייז און סאָלדאַטן, דאָס איז פון די סאַמע וויכטיקסטע אָפּעראַציעס פון פּאַרטיזאַנער. אמת, דער שונא היט די וויכטיקע ער־טער מיט א באַזונדער זאָרג. יעדע 500 מעטער זיינען ביי די רעלסן אויסגעבויט בונקערס פאַר מיליטערישע וואַכן. די בונקערס זיינען פאַר־זאָרגט מיט רעפלעקטאָרן וואָס זוכן כסדר אויף די באַן־ליניעס דיווער־סאַנטן, אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעס, גייט נישט דורך קיין איין נאַכט, עס זאָלן נישט פליען אין דער לופטן קיין אויפגעריסענע עשעלאָ־נען.

האָבן די נאַציס אויסגעהאַקט די וועלדער נאָענט ביי די באַן־לי־ניעס, ווו די פּאַרטיזאַנער קענען זיך באַהאַלטן, אַלע וועגן צו די רעלסן האָבן זיי מינירט. קיין זאַך העלפט נישט, די פּאַרטיזאַנער פירן אויס די באַפעלן: אָדער — אָדער... ס׳הייסט, אָדער א באַן מוז אויפגעריסן ווערן, און אויב די אויפרייס־גרופּע קומט נישט אין אָטריאַד צוריק, הייסט עס, אַז זיי זיינען אַרויף אויף א מינע וואָס האָט זיי צעריסן אויף שטיקלעך, אָדער זיי זיינען אומגעקומען אין קאַמף קעגן דער מי־ליטערישער וואַך וואָס האָט זיי באַמערקט.

אין די נעכט ווערן די באַלעבאַטים די פּאַרטיזאַנער.

אָבער שוין א לענגערע צייט ווי די פּאַרטיזאַנער האָבן אויך אָנגע־הויבן זיך אַריינבייסן אין טאָג.

אין די פּאַרטאָגן ליגן צעלייגט אין פאַרשידענע געגנטן ביי די וואַלד־ראַנדן גרופּעס קעמפער. זיי ליגן צווישן די גרינע געדיכטענישן באַהאַלטן, אַנדערע פאַרקריכן גאָר אין דעם געצווייג פון די ביימער־קעפּ, און אַלע, אַלע לויערן צי באַווייזן זיך נישט קיין סאָלדאַטן, פּאָ־ליציי, אָדער צי פירן נישט קיין פויערים קיין שטייערן פאַר דער מאַכט.

די צאָל פון דער גרופּע באַשטימט וואָס פאַר א קאַמף מען איז בכוח אויפצונעמען. די ערשטע צייט זיינען געגאַנגען אויף אַזעלכע לויערונגען (אין רוסיש: זאַסאַדעס) קליינע גרופּעס פּאַרטיזאַנער, וועל־כע פלעגן באַפאַלן קלענערע גרופּעס באַוואָפנטע סאָלדאַטן צי פּאָליציי.

איצט אָבער איז שוין גאָר אַן אַנדער לעבן. נישט לאַנג האָבן מיר דורכגעפירט אַ שלאַכט, פאַרוואָס אונדזער בריגאַדע האָט באַקומען אַ ראַדיאָ-דאַנק פון ערשטן באַלטישן פראָנט און אויך דער ראַדיאָ פון מאָסקווע האָט מודיע געווען וועגן אָט דער גרויסער פּאַרטיזאַנישער שלאַכט ביים דאָרף פּאַסענקע, ווו די וואָראָשילאָוו-בריגאַדע האָט אין צוויי שלאַכטן פאַרניכטעט ביי פּופּציק סאָלדאַטן און אָפיצירן, גענומען אין געפאַנגענשאַפט 5 און פאַרטיליקט אַ טאַנק און עטלעכע לאַסט-אויטאָס.

פון אייגענע פּויערים, וואָס לעבן אין די שטעטלעך און דערפער ווו עס סטאַציאָנירן מיליטער-גאַרניזאָנען, באַקומען מיר דורך אונדזע-רע אויספירער פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס וועגן שונא. אָט האָבן זיי דערטראָגן צו דער בריגאַדע, אַז אַ מיליטער-אָפּטיילונג פון אַכציק מאַן דאַרף אַרויספאָרן פון שטעטל מיאַדל צו מאָביליזירן פּויערים אין פּאַסטאַוו צו פאָרן קיין דייטשלאַנד.

די שלאַכט וועלן נישט מיר און נישט דער שונא פאַר-געסן. עס האָט אויך אַ ציטער געטון דער גאַנצער אַרום, די שטעט, שטעטלעך און דערפער פון אַזאַ געוואַגטע שלאַכט, וואָס די ווייניקע און שלעכט-באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער האָבן גלענצנדיק אויסגעפירט.

אין די געגנטן אַרום האָט מען שטענדיק אָפּגעשאַצט אונדזערע כוחות אויף צענדליקער מאָל מערער, ווי עס איז געווען אין דער אמתן. שרעק האָט גרויסע אויגן, די וועלדער-געהיימנישן האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די אַרומיקע גאַרניזאָנען, און אויך די פיינטלעכע באַפעל-קערונג האָט מורא געהאַט פאַר די „דאַטשניקעס“, ווי זיי פלעגן אונדז פאַרשטעלט רופן.

אַן אַנדער בריגאַדע האָט נישט לאַנג פאַרניכטעט דעם גאַרניזאָן אין קאָבילניק און אונטערגעצונדן דעם קלויסטער, ווו זיי האָבן זיך צום סוף פאַרבאַריקאַדירט. געשען איז דאָס ביינאַכט. די שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, האָט זיך אָפּגעשפּילט אין מיטן העלן טאָג.

ווינטערדיקע טעג — און אוי, ווי היים עס איז געווען, אפילו דאַן ווען אונדזערע צוויי אָטריאַדן זיינען שעהן אָפּגעלעגן אין שניי, אין דערוואַרטונג, אין לויער אויפן שונא.

אַזוי, אַן ערך, אין קורצע שטריכן, איז די היסטאָרישע פּאַרטיזאַ-נער-שלאַכט פון אונדזער בריגאַדע פאָרגעקומען, ווי עס האָט מיר דער-ציילט דער גראָדנער בחור שייקע ליפּשיץ:

אויסגעצויגן ליגט, פאַרביי דעם גרויסן וועג, דאָס דאָרף פּאַסענקע. פון דער רעכטער זייט קוקט אויף די שטיבלעך דער טונקעלער שפּיגל פון דער אָזיערע, מעשהלעך דערציילט וועגן דאָרף די גרינע אייביקייט — וועלדער פון לינקס. אן אלטער בית-עולם בוקט זיך אין אומעט פון צווישן הויכע גראָזן צו דער וועלט.

נאָך גאָר נישט לאַנג איז דער ברייטער וועג געווען א לעבעדיקער. טאָג און נאכט האָבן געטומלט מאשינעס, רייטער, פורן, מיליטער-מארשן... איצט איז דער וועג א טויטער. די פּאַרטיזאנער האָבן פאַר-ווערט פרעמדע, שונאים צו באנוצן דעם וועג. מען דערקענט שוין אפילו נישט, אז דאָ האָט וועגן געפירט דער וועג צו פּאָסטאַוו, צו מיאדל. דער שנייי האָט פאַרדעקט, פאַרמאָלט אין איין שטיק נאקעט פעלד דעם טראקט מיט דער אָזיערע.

דער פּאָליציי-קאָמאנדאנט פון שטעטל מיאדל, אגייעוו, א געוועזע-נער סאָוועטישער לייטענאנט, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן, האָט אָבער נישט געקענט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז כדי צו פאָרן קיין פּאָסטאַוו, א מהלך פון א וואָסערע עטלעכע צענדליק קי-לאָמעטער, זאָל ער דארפן מאכן אן איבעריקן וועג און אָנלייגן איבע-ריקע 30, 25 קילאָמעטער. ער מוז, האָט ער ווייזט אוים באשלאָסן, אָנ-לערנען די פּאַרטיזאנער וואָס האָבן דעם וועג פאַרכאַפּט, און פאַרניכטן אלע וועלכע פאָרן דאָ.

אָט וועגן אגייעווס פּלאן האָבן זיך דערוווּסט אונדזערע פויערים אין מיאדל און האָבן געמאָלדן דורך אונדזערע אויסשפּירער וועגן דעם אין דער בריגאדע.

די בריגאדע-אָנפירונג האָט פאַרטרויט דעם משאפּאיעוו-אָטריאד, נישט צו דערלאָזן דורכצופאָרן אגייעוון מיט זיין באנדע. פאַרניכטן זיי.

דעם 24סטן מערץ איז די שלאכט פאָרגעקומען. אויפן קלאָרן צו-געפרוירענעם שנייי זיינען געבליבן ליגן 18 געהרגעטע פּאָליציי-לייט און דייטשן.

מיט דעם האָט זיך אָבער נישט געענדיקט.

אין די גארניזאָנען איז אויסגערופן געוואָרן טרויער.

— פאַר יעדן פרייז — איז געווען דער באפעל פון דער העכערער מאכט צו דעם ניצול-געוואָרענעם אגייעוון — מוזן צוגענומען ווערן די טויטע פון טראקט.

אגיך וועגן דעם האָט דער פּאַרטיזאנער-שטאב זיך דערוווּסט. עס איז קלאָר געוואָרן, אז איצט וועט דער שונא מאָביליזירן א גאָר גרויסע

קראַפט. איצט וועט דער שונא וועלן אָפּנעמען פאַר דער גרויסער מפּלה און אבידה.

עס זיינען דעריבער צוגעצויגן געוואָרן צו דער גרויסער שלאַכט, וואָס האָט זיך פאָרגעזון, אויך די אָטריאַדן „פּאַרכאָמענקאָ" און „נקמה-נעמער".

צווישן די „פּאַרכאָמענקאָ"-פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געווען אויס-געלייגט אויפן בית-עולם צווישן די קברים, האָב איך באַקומען מיין פּלאַץ.

נאָך צוויי טעג לויערונג — איז אונדז שוין אויסגעקומען, אַז דער שונא, דערוויסנדיק זיך, אַז מיר וואַרטן אויף אים, האָט דערווייל רע-זיגנירט זיך צו לאָזן אהער, ביז וואַנען ער וועט באַוויזן צו באַקומען מער קרעפטן צו אַזאַ אָפּעראַציע.

ערשט אויף דעם דריטן פרימאָרגן האָבן מיר גאָר אומגעריכט זיך אויף זיי דערוואַרט.

מיט אַן אָנזאָגנדיקער שיסעריי האָבן זיי זיך בליציק אריינגעריסן פאַר אונדזערע אויגן אויפן פלאַכן פעלד.

סיעדיאַקין, דער קאָמאַנדיר פון טשאַפּאַיעווסקין אָטריאַד, וואָס איז געווען באַשטימט אָנצופירן דעם קאַמף, האָט דורך דעם אָפּטייל-קאָמאַנדיר לעאָנאָוו באַפוילן דעם דריטן אָפּטייל אָנצוהויבן די אַטאַקע.

אויף דעם פּוסטן אָרט זיינען אין אָנגעפלויגענע מאַשינעס פון שונא מיטאַמאָל אריינגעפייערט געוואָרן אין די מאַשין-רעדער פּאַר-טיזאַנישע קוילן. די ערשטע מאַשין האָט זיך געפרוווט אַ קערעווע צו טאָן אויף דער אַזיערע, דער שאָפער האָט זיך אָבער ארויסגעגליטשט פון דער מאַשין און געבליבן אויפן שניי. די שטייענדיקע מאַשין האָט פאַרהאַלטן די הינטערשטע, פון וואַנען עס איז ארויסגעפאַלן דער שאָ-פער מיט אַן אויסגעשטעלטן מאַשין ביקס און איידער נאָך ער האָט ארויסגעלאָזן די ערשטע סעריע שאָסן, איז ער אריבערגעפאַלן אויף זיין קאַמעראַד.

דאָס פייער פון די פּאַרטיזאַנער האָט כסדר געצייט אין די מאַ-שינעס, פון וואַנען עס האָבן זיך ארויסבאַקומען פון די בוידן די שווער-באַוואָפנטע סאָלדאַטן כדי זיך צו פאַראייניקן מיט די איבעריקע.

אין אָנבליק פון פלוצלינגדיקן פייער האָבן די דייטשן פאָראויס-שיקנדיק אַ טאַנקעטקע זיך אריינגעקערעוועט אין דאָרף אין זייערע מאַ-שינען און פאַנצער-אויטאָ, אָנהויבנדיק מיט אַ הוראַגאַן פייער קרייצן זיך אַ וועג דורך די פּאַרטיזאַנער.

— טיכאָמיראָוו — האָט זיך צעשריען סידיאַקין — פייער דער־לאנג!

עס האָט א זעץ געטון „צום באַפעל“ טיכאָמיראָווס אנטי־טאנק־ווארפער.

אויפן דאָרף און צו אונדז האָט זיך צערעגנט דעם שונאס פלאמי־קער צאָרן דורך מינען־ווארפערס, פּולעמיאָטן, מאשינען־ביקסן, האר־מאטן־קוילן.

די לאגע ווערט ערנסט. דער שונא האָט זיך אריינגעריסן אין דאָרף, ברענט און בראָט. די טשאַפּאַיעוו און נקמה־נעמער־אָטריאַדן מוזן אָפּטרעטן. עטלעכע אָפּטיילונגען קומען אויסגעמאַטערטע, אָן קוילן כמעט צו אונדז אויפן בית־עולם. עס זעט אויס, אז אָדער מיר וועלן באלד ארומגערינגלט ווערן און אומקומען אין קאַמף, אָדער מיר זאָלן שוין באצייטנס גלייך איצט אָפּטרעטן.

דער קאָמאנדיר קומט צורייטן א פארגאָסענער פון שוויים:

— אויפקלייבן — באפעלט ער — אלע קוילן פון די ביקסן און עס איבערגעבן צו די פּוליעמיאָטשיקעס.

דער באפעל ווערט דורכגעפירט מיט דער שנעלסטער בליציקייט.

— און איצט חברה נאָך מיר!

— און די וואָס האָבן קיין געווער נישט?

— אלע, אלע נאָך מיר!

מיט מיין גרינגער לאָדונג, צוויי גראַנאטן, שטעל איך זיך הינטער טיכאָמיראָוון און עס ציט זיך די רייע פון עטלעכע צענדליק קעמפער נאָך סידיאַקינען. ער פירט אונדז ארויס צום ברעג דאָרף און פאר־נעמט זיך אין א קרייז איבער א שטיק וואלד און טאָפּטשנדיק אין טיפן שניי בלייבן מיר שטיין אין אָנבליק פון פלאמען־אָנגעכאַפּטן דאָרף.

עס זיינען צוגעריטן צוויי אויסשפירער און האָבן ראַפּאָרטירט דעם קאָמאנדיר.

סידיאַקין האָט דאן צעטיילט די קעמפער אין דריי טיילן און זיי צעשיקט אין פארשידענע זייטן.

— ווען איך וועל דערלאנגען די ערשטע סעריע שאָסן, הויבט איר אָן דעם פייער־אָנגריף אויפן שונא פון אלע זייטן.

מיר צעשיטן זיך אויף פארשידענע באשטימטע ערטער און צע־לייגן זיך אין וואטענעם שניי. עס דויערט נישט לאנג, אין דער לופט רייסט זיך אריין א געדיכטע פּולעמיאָטנע שיסעריי פון קאָמאנדיר.

— הוררררא!! — האָבן מיר זיך אלע פונאנדערגעפלאמט און אין

דער העלפֿט איינגעבויגענע האָבן מיר זיך א לאָז געטון צום דאָרף, ווו עס האָט זיך פֿונאַנדערגעקיניגט דער שונא.

מיט ביקאָוון און קוירא שטייען מיר הינטער א שטיבל. ביקאָוו לאָזט נישט רוען. זיין פּולעמיאָט רעגנט אין שונא.

— היט זיך! — דערהערן מיר פּלוצלינג פֿון ביקאָוון א געשריי און אינסטינקטיוו טוליען מיר זיך צו צו דער ערד און אין דער זעלבער צייט טוט א זעץ איבער אונדז אין שטיבל אריין.

— ווארפֿן! — גיב איך זיך אליין א באַפֿעל.

ווו אָבער ווייס איך נישט, כאָטש איך שפּיר, אז דער שונא וואָס האָט נאָר־וואָס געוואָרפֿן דעם גראַנאַט דאַרף זיין גאָר נאָענט. א קער דעם קאָפּ אהער, אהין, דאָס אויג דערכאַפּט, בליציק גיב איך א צי ארויס דאָס רינגל פֿון א גראַנאַט און דערלאַנג א שליידער אין יענער ריכטונג. דער זעץ האָט ארויסגעטריבן דריי פּאָליציאַנטן פֿון זייער פֿאַר־טיפֿונג. איך האָב זיך א הויב געטון און אויך דעם צווייטן גראַנאַט א לאָז געטון אין זייער ריכטונג. אויך קוירא האָט אָנגעהויבן געבן פֿייער.

די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן פֿונאַנדערפֿלאַקערן. מיר קריכן אין פֿייער אריין צוזונעמען דאָס געווער ביי די געהרגעטע שונאים, ליידיקן אויס זייערע קוילן־זאַפּאַסן און עס שיטן זיך קוילן אין שונא פֿון זייער געווער.

די טאַנקעטקע און דער פּאַנצער־אויטאָ ווייזט אויס האָבן שוין קיין קוילן נישט געהאַט, האָבן פֿאַרקערעוועט צוריק צו.

— הוררררראאאא!!!!...

אבראַמאָוו, ביקאָוו און קוירא הוראַגאַנעווען פֿון א בערגלדיק אָרט. דוקשטולסקי, טאָלסטאָפּיאַטאָוו, פּאָליקאַרפּאָוו טוען דאָס זעלבע צווישן די קוסטעס. טעווקע סערעש מיט זיין גרופּע שטילן נישט איין דאָס פֿייער. סיעדיאַקין איז מיט אלעמען. ער דונערט כסדר:

— פֿייער! פֿייער! א פֿפֿייער זאָל זיי נעמען!...

איך בין געווען אזוי פֿאַרכלינעט פֿון צויבערנדיקן בילד, פֿון צוריק־צי פֿון די שטאַרקע כוחות, פֿון די צעלייגטע קערפּערס זייערע, וואָס זיי האָבן געלאָזן אין לויף, פֿון די טראָפֿייען, אז ווען סיעדיאַקין איז צו אונדזער גרופּע צו און האָט אָנגעהויבן ווידער דונערן א הייזעריקער:

— פֿייער! פֿייער!

האָב איך זיך אויך פֿונאַנדערגעשריען:

— פֿייער! פֿייער! א פֿייער אין זיי...

אוי, איז דאָס געווען א שלאַכט.

פוןביידע שלאַכטן האָבן מיר אָנגעציילט 41 דערהרגעטע סאָל־דאַטן, פּאָליציאַנטן און אָפיצירן. זיכער זיינען אויך געווען עטלעכע צענדליק פאַרוווּנדעטע, וואָס זיינען מיטגענומען געוואָרן אין אַנטלויף. 5 שטיק האָבן מיר גענומען אין געפאַנגענשאַפט. 35 ווינטאָווקעס (ביקסן), א האַנט־פּולעמיאָט, אויטאָמאַטן, ביקסן, קוילן — דאָס זיינען אונדזערע טראָפייען געווען. חוץ דעם איז געבליבן פאַרניכטעט די טאַנ־קעטקע, צוויי מאַשינעס.

קיינער, קיינער פון אונדז האָט דאָס מאָל נישט געפעלט. בלויז פיר פאַרוווּנדעטע.

די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן נאָך ערשט גאָר נישט לאַנג געקויליגט אין דער נאַכט, האָבן אָנגעהויבן צו ביסלעך אויך באַוועלטיקן דעם טאָג.

אוי, איז דאָס געווען א שלאַכט!

# צוליב אַ טרונק בראָנפן

איז לאָמיר טרינקען, הוליען ברידער
כל זמן כוח ס׳איז פאַראַנען!
מאָרגן קען שוין זיין נאָך אַלע לידער,
און מיר אין קברים װעלן װיאַנען...

דער רעפריין פון פאַרטיזאַנישן לידל באַגלייט אונדז אויף אַלע װעגן.

הפקרדיק איז אונדזער לעבן געװאָרן. אויף הפקר האָבן מיר עס געלאָזן. דאָס לעבן האָט פאַרלוירן יעדן װערט. אָן עמאָציעס, אָן שפּאַנונג. אָן סכנות איז אומעטיק אין די װעלדער. אָן אָפּעראַציע װאָס האָט נישט קיין געפאַרן, פאַרלירט יעדן אינטערעס זי דורכצופירן. לויטערע מונטערע, שטאָלצע קומען פאַרטיזאַנערס נאָך אַ דורכגעפירטער אָפּעראַציע, װאָס האָט געהאַט אין זיך סכנות. מען צעזעצט זיך דאַן אַרום ברענענדיקן פלאַקער און עס גייען פאַרביי די שװערע שלאַכטן. קונציקע איינפאַלן צו פאַרנאַרן דעם שונא, װאָס עס האָבן דערציילט די געפאַנגענע. איידער מען האָט זיי געמאַכט „כיק־כיק״, װיפל װאַגאָנען עס זיינען אַראָפּ פון די רעלסן אויפגעריסענע, װיפל קילאָמעטער באַן־רעלסן מען האָט אַרויסגעריסן פון זייערע ערטער, װיפל טעלעפאָנישע פאַרבינדונגען מען האָט צעשטערט און װיפל אייגענע קרבנות מען האָט איבערגעלאָזן אין װעג.

עס טרעפט אויך, אַז אַ גאַנצע גרופּע פאַרטיזאַנער בלייבט אין װעג. פאַלן אַריין אין די הענט פון שונא לעבעדיקע, אָדער קומען אום אין פּלוצלינגדיקן איבערפאַל, נישט װעלנדיק אַריינפאַלן קיין לעבעדיקע אין געפאַנגענשאַפט.

נישט איין פאַרטיזאַן ציט צו גיין אויף אַן אָפּעראַציע, װייל מען װעט אונטערװעגס קענען אַריינגיין צו פויערים, זיך אָנטרינקען מיט סאַמאָגאָן (אַליין־פּראָדוצירטער בראָנפן). קיין „גענוג״ איז נישטאָ. מען טרינקט װיפל דער פויער גיט, און װען דער פויער זאָגט, אַז מער האָט ער נישט, לאָזט מען זיך ביי אים זוכן אָדער מען גיט אים עטלעכע

הפצים, וואָס מען האָט ערגעץ צוגענומען ביי א צווייטן פויער. ער זאָל ארויסגיין אין דאָרף און כאַפּן עטלעכע ליטער. אלע טרינקען. ווער עס טרינקט נישט, קומט אוים, קען קיין פּאַרטיזאַן נישט זיין. אויך די פרויען האָבן זיך די מלאכה אויסגעלערנט און פּרוּוון אויך אין דעם אמאָל איבערשטייגן די מענער.

„שנאַפּס איז דער פאַרבינדעטער פון שונא", — הערן אָפּט די קעמפער פון זייערע קאָמאַנדירן און פּאָליטישע דערציער. אָבער עס ווירקט אזוי ווי אויף א פּאַציענט, ווען דער דאָקטאָר זאָגט, אז רויכערן איז פאַר מענטשן זייער נישט געזונט און אליין לאָזט ער נישט ארויס דעם פּאַפּיראָס פון מויל. אויך די קאָמאַנדירן, פּאָליטישע קאָמיסאַרן, פּאַרטיי־טוער, — אלע טרינקען.

מיט דער צייט האָט מען געשאַפן אפילו אן אייגענע בראָנפן־פּראָדוקציע. אין אונדזער פּאַרטיזאַנישן ראיאָן האָבן מיר דערשאָבערט דאָס שטעטעלע אוזלע, ווו עס איז פאַראַן א גרויסע מיל. די בריגאַדע האָט באַשטימט א פּאַרטיזאַנישן דירעקטאָר איבער דער מיל און יעדער פויער, וואָס ברענגט מאָלן זיין תבואה, דאַרף פון יעדן פּוד איין קילאָ אָפּגעבן פאַר די פּאַרטיזאַנער. נו, און אז עס איז פאַראַן קיין עין־הרע גענוג תבואה, האָט מען אָנגעשטעלט עטלעכע פויערים, וועלכע האָבן פאַרלייגט א פּרימיטיווע פאַבריקל און טאָג און נאַכט „טרייבט" (פּראָדוצירט) מען בראָנפן.

אין די אָטריאַדן ט יי ל ט מען אָבער דעם בראָנפן, אין ווען אויף די אויפגאַבעס טרינקט מען אָן א מאָס.

עסן אָן בראָנפן האָט קיין שום טעם נישט און אז מען דאַרף אפילו ריזיקירן מיטן לעבן, געפינען זיך גענוג בעלנים, כדי צו באַקומען דעם ביטערן טראָפּן וואָס מאַכט אָפּט פאַרגעסן אין אלע צרות און געפאַרן, וואָס הייטערט אביסל אויף דאָס געמיט.

הונדערטער פּאַרטיזאַנער זיינען אומגעקומען נישט צוליב אן אַנדער זאַך, ווי נאָר צוליב שיכרות. נישט איינמאָל גייט מען אריין אין א שטיבל „נאָר זיך אָנצוּוואַרעמען". אָבער מען פאַרשטייט דאָך, אז דאָס מיינט כאַפּן א קאַפּיטשקע. מען טרינקט זיך אזוי אָן, אז מען פאַרזעט אוועקצושטעלן א וואַך ביי דער טיר און אויב די שוין אוועקגעשטעלטע וואַך סיגנאַליזירט אויף געפאַר, קענען זיך שוין די פּאַרטיזאַנער פון די ערטער נישט אויפהויבן, אזוי באַזויפן זיינען זיי.

צענדליקער פּאַרטיזאַנער זיינען אומגעקומען פון אייגענע שיכורים. איך האָב שוין דערמאָנט באַסקעלען. נישט לאַנג האָט פּאַסירט אן ענלעכער פאַל מיט דעם סווירער בחור חיים מעלצער אין קאַזימירס ברי־

גאדע. נאָך אן איינגעגעבענער אָפּעראַציע איז זייער גרופּע אריין „אָפּ-גיסן" דעם נצחון מיט א גלעזל סאמאָגאָן. מעלצער איז געבליבן ווייט הינטערשטעליק לגבי די איבעריקע אין טרינקען.

— דו טרינקסט ווי א „פּראָפעסאָר", — האָט זיך אָנגערופן צו אים גיעלווזונאס.

— איך טרינק וויפל איך קען און... וואָס איז דאָס דיין עסק, דער-וויל וועט זיין פאר דיר מער!

א וואָרט פאר א וואָרט. עס האָט זיך שוין געדוכט, אז עס האָט זיך איינגעשטילט. מען איז ארויס פון פויער און אין א פּאָר מינוט ארום האָט דער שיכורער גיעלווזונאס, מאניפולירנדיק מיט זיין אויטאָ-מאַט אריינגעשאָסן צוויי קוילן אין מעלצערן, וואָס איז גלייך געפאלן א טויטער, איבערלאָזנדיק אין א יידישן לאגער אין וואלד זיינע צוויי שוועסטער און א מאמע.

ווייניק יידישע פּארטיזאנער האָבן זיך פארמאָסטן אין געיעג נאָך מיט אנדערע, ווער עס וועט טרינקען מער. דאָס רוב האָבן, אזוי ווי פריער, אויך אין וואלד קיין גרויסן חשק צום ביטערן טראָפּן נישט גע-האט. אָבער פון די הונדערטער יידישע פּארטיזאנער, וועלכע זיינען אומגעקומען אין די וועלדער פון אייגענע, זיינען געווען א שפּאָר ביסל אומגעקומענע אויך פון שיכורים.

איינע פון די צענדליקער געשיכטעס, וואָס קומען פאָר צוליב דעם ביטערן טראָפּן, איז נישט לאנג פאָרגעקומען אין דעם ליטווישן אָט-ריאד אונטערן נאָמען „ווילנע".

א פאל, וואָס האָט צוליב א טרונק בראָנפן געקאָסט דאָס לעבן פון עטלעכע פּארטיזאנער. דערציילט האָט עס מיר דער סוויעַנציאַנער בחור יאָסל פלעקסער און מיט זיינע רייד איז כדאי די פּאַטירונג אי-בערצוגעבן:

אין האלבן מערץ זיינען מיר, א גרופּע פון זעקס מאן, ארויס פון אונדזער באזע צו די קאזאנער וועלדער, וווּ מיר האָבן אין „קאלינאָוו-סקי"-אָטריאד, געדארפט באקומען דינאמיט אויף אויפצורייסן עשעלאָ-נען.

גייענדיק אויף צוריק, האָבן מיר צוליבן שניי, וואָס האָט פארשאָטן אלע וועגן, פארבלאָנדזשעט אין א זייט און געקומען אין דערפל זארע-טשע. אונדזער גרופּן-קאָמאנדיר ראזאס, האָט באשלאָסן, מיר זאָלן אריינגיין ערגעץ זיך דערוואַרעמען אויף א צען מינוט. מיט פארגעניגן האָבן מיר אויפגענומען דעם באשלוס, ווייל מיר זיינען געווען אויסגע-מאטערטע, דורכגענעצטע און דורכגעפרוירענע. אָבער ווי נאָר מיר

זיינען אין כאַטע אריין און איך האָב דערזען, ווי דער פּויער שטעלט אויפן טיש א פּאָר ליטער בראָנפן, האָב איך דערפילט, אז מיר וועלן שוין פון דאנען נישט אוועק. און כך הוה. ביים מאַטראָס נעמען גלאַנצן די אויגן. גאָלובאָוו זאָגט, אז ער האָט שטאַרק אָנגעריבן די פּיס און דער קאָמאַנדיר, וואָס פאר א ביסל בראָנפן וואָלט ער אין אלע פייערן געגאַנגען באַשליסט אז:

— צו וואָס גיין, חברה, אין אזא וועטער, מיר וועלן זיך דאָ דורך דער נאַכט אויסרוען און אויף מאָרגן, קאַיאָר (פּאַרטאַג), וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג.

— זיי וועלן אונדז אומברענגען, די פּיאַניצעס! — איז מלא חמה אויף זיי פּייווקע כאַיעט, און גייט־ארויס, נישט פרעגנדיק דעם קאָמאַנדיר, זיך שטעלן אויף וואַך.

זיך קעגנשטעלן דעם קאָמאַנדירס באַפעל טאָרן מיר נישט, פאַרשטייט זיך. און איבעריקנס, ער האָט דאָך די אונטערשטיצונג פון די איבעריקע דריי.

ווען זיי זיינען שוין געווען גוט אָנגעטרונקען, האָט דער פּויער אונדז געגעבן אן עצה, אז אזוי ווי דאָס דערפל ליגט נאָענט פון וועג, זאָלן מיר בעסער איבערגיין נעכטיקן אויף א כוטער, ביים וועלדל, ווו ס'איז ווייניקער געפערלעך.

אזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן.

אונדזער זעקסטל האָט זיך צעטיילט אין צוויי שכנותדיקע כאַטעס.

אין דער כאַטע, ווו איך, פּייווקע און דער קאָמאַנדיר געפינען זיך, הויבט זיך אָן אין שבתדיקן אָוונט צו קלייבן די דאָרפישע יוגנט. מען מאַכט א שנעפּסל, א גאַרמאָשקע געפינט זיך אויך און די פּאָדלאָגע קרעכצט אונטער די פּיס פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך.

דער עולם באַוווּנדערט אונדזער אויטאָמאַטיש געווער. נאָך נישט געזען אזוינס. 72 קוילן אויף איינמאָל ארויסלאָזן!

ראַזאַם ווייזט ווי עס שיסט. עס ווערט נאָך לעבעדיקער. א זייגער 10 פאַרלאָזן מיר די פרייליכקייט און נעכטיקן איבער אלע צוזאַמען אויף א צווייטן כוטער.

פּאַרטאָג קומט אריין א צעשראָקענע די באַלעבאָסטע:

— נישט ווייט פון דאנען, אין דאָרף זאַרעטשע, זיינען געקומען דייטשן!

נישט קיין געגעסענע גייען מיר ארויס און גייען אריין אין א צווייטן כוטער נאָענט צום וועלדל. פון דאָרט שיקן מיר אוועק א מיידל אויסצושפּירן ווי עס האַלט די לאַגע אין דאָרף.

אין א האלבער שעה ארום קומט זי צוריק און דערציילט, אז אין דאָרף זיינען טאקע געווען 12 דייטשן אויף דריי שליטנס. וועלכע האָבן זיך נאָכגעפרעגט וואָס פארא סימנים זיינען דאָ אזויפיל אויפן וועג? דעם פויערס ענטפער, אז דאָס איז פון דער נעכטיקער הוליאנקע, האָט זיי באפרידיקט און זיי זיינען אוועקגעפאָרן צוריק.

עס נייט נישט אוועק קיין צוויי שעה, ערשט אונדזער וואך שרייט אוים:

— סאָלדאטן רינגלען אונדז ארום!

מיר טוען אן עפן א צווייטע טיר פון שטוב:

— שלעכט! אויך דאָ זיינען זיי שוין פאראן. מיר לאָזן זיך צו דער דריטער טיר, וואָס פירט אין פעלד ארוים. אויך דאָ שטייען שוין דריי גרופעס סאָלדאטן אין א דרייעק. אזוי ווי צום וואלד גיין איז שוין אוממעגלעך, האָבן מיר פארהאקט די טיר און צוגעגרייט גראנאטן כדי זיך צו מאכן א וועג צום פעלד.

אין דער צייט האָט זיך אויף אונדז געעפנט א מערדערלעכער פייער פון דריי זייטן. מיר האָבן זיך דאן אויסגעלייגט אין פאָרהויז. האלטנדיק דאָס געווער צוגעגרייט אין פאל, ווען דער שונא וועט זיך דערנענטערן צו אונדז.

דער שונא הוראגאנעוועט פון פולעמיאָטן און אויטאָמאטן. אונדזער לאגע, זעען מיר, איז האָפענונגסלאָז. מיר ווילן דורך אזא פייער זיך נישט קענען דורכרייסן.

מיר דריקן זיך די הענט איינער דעם אנדערן, מיר צעקושן זיך און באשליסן פרובירן, ווער עס וועט קענען, זיך דורכרייסן.

פון די אויפרייס-קוילן האָט אָנגעהויבן ברענען דער דאך פון שטוב. די פלאמען נעמען שוין דעם באלקן ארום. די צונגען לאָזן זיך אראָפּ נענטער צו אונדז. מיר פילן, ווי דאָס פייער פלאטערט איבער אונדז. אויך פון דרויסן ווערט דעם שונאס פייער נישט שוואכער. די קוילן לעכערן שוין דורך די ווענט, שווישטשען איבער אונדזערע קעפּ און זיפּן דורך די וואנט הינטער אונדז. בלויז דער זייגער גייט זיך ווייטער. עס הויבן שוין אָן צו פאלן אויף אונדז ברענענדיקע שטיקער האָלץ, די אויבערשטע בגדים הויבן אָן צו סמאליען.

אראָפּשלעפנדיק פון זיך די ברענענדיקע קליידער, גיט דער קאָמאנדיר דאן א באפעל, אז איך זאָל גיין דער ערשטער, נאָך מיר די איבעריקע און מיר זאָלן פרווון מיטן געווער אין האנט זיך דורכרייסן.

מיטן ביקס אין האנט, איינגעבויגן, שטורעם איך ארויס דורכן טיר און ווער באגעגנט פון א פארשטארקטן פייער-האָגל. איך גיב זיך א

וואַרף צו דער ערד און ליגנדיק שוין, ווער איך געטראָפן פון א פּולע־מיאַטנער קויל וואָס גייט דורך דאָס וויכע פליש פון הינטן.

איך נורע זיך איין אין געדיכטן, טיפן שניי און שליידער ארוים צום פּולעמיאָטשיק א גראנאט און שיס אויס דריי מאָל פון ביקס. איך צווינג דערמיט דעם פּולעמיאָטשיק צום שווייגן א ווײַלע, וואָס איך נוץ אויס כדי צוצופּויזען צו דער קאנאווע ביי דער ברענענדיקער שטוב, ווו איך קייקל זיך אריין אין וואסער. איך באמערק פון דאָרטן, ווי מיינע חברים מיט איבערשפּרונגען, לויפן צו מיר. אלע האָבן זיך אהער דער־קליבן, און פון דאנען געשאָסן אויפן לינקן פּולעמיאָטשיק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו אונדז דערנענטערן.

דער קאָמאנדיר באפעלט דאַן ווייטער, וואָס עס זאָל נישט זיין, זיך דורכרייסן.

— נאָך מיר! — גיט ער זיך א יאָג פאָראויס און מיר נאָך אים.

מיר איז שווער צו לויפן, אָבער איך האלט נאָך און זאָג קיינעם נישט, אז איך בין פארוואונדעט. מיטאמאָל גיט דער מאטראָס א געשריי:

— צום טייוול, ווי זיי שיסן, זיי האָבן מיר געטראָפן אין פוס!

אין דער זעלבער צייט הערן מיר א שילטן און קרעכצן פון פאר־וואונדעטע סאָלדאטן.

פון קאנאווע זיינען נישט ארוים מישקע גאָלובאָוו און פּייווקע כאיעט. ביים לעצטן האָט אנטזאגט דער שעוועוועטע (אזא מין ביקס). ווידער הערן מיר א געשריי:

— ראטעוועט מיך, חברה! — דאָס רופט דער קאָמאנדיר. עס לויפט צו צו אים וויטקע, און לויפנדיק כאפּט דער מאטראס א צווייטע קויל אין פוס און איך א צווייטע קויל אין אקסל. נישט קוקנדיק אויף אונדזערע וואונדן לויפן מיר צו צום קאָמאנדיר, וואָס איז געלעגן אויפן פּלייצע א פּליסטערנדיקער:

— איך קום אום, חברים, טשאָרט פּאָבערי... (דער טייוול זאָל עס נעמען).

ער טוט זיך פּלוצלינג א הויב אויף און הויבט אָן, צו אונדזער פאַרוואונדערונג, זינגען. וויטקע באַרואיקט אים, פּרוווט אים פאַרבינדן די וואונד. דער פיינט אָבער שיט כסדר מיט קוילן און טרעפט אים פּלוצלינג מיט א טויטנדיקער קויל אין שלייף.

נישט וויכטיק איצט, אין וואָס פאַרא ריכטונג צו גיין. אומעטום איז דער שונא. מיר שפּארן פאָראויס. איך ווער געטראָפן מיט א דריי־טער קויל, וואָס גייט אדורך דורך דער לידקע פון רעכטן פוס. לויפן

קען איך נישט. עס פליט מיר דורך דער שרעקלעכער געדאַנק, אַז איך קען אַריינפאַלן לעבעדיקער אין די הענט פון שונא. איך ווער באַגאָסן נישט נאָר פון בלוט, נאָר אויך פון שווייס צוליב דעם וואָס איך האָב נישט קיין גראַנאַט און נישט קיין פּיסטאָלעט צו באַגיין זעלבסטמאָרד. איך פּרוביר אַראָפּשלעפּן אַ שטיוול, כדי מיטן גראָבן פינגער אָנצודריקן אויפן צינגל פון ביקס און זיך דערשיסן, אָבער עס קלעקט מיר שוין נישט קיין כוח אויף דעם.

איך בעט וויטקען:

— טו מיר אַ טובה! דערשיס מיך! אָט דאָ אין קאָפּ! — ווייז איך אים.

אָבער וויטקע האָט קיין מוט נישט צו דעם. ער ענטפערט:

— ברודערל, איך קען נישט.

דער מאַטראָס הויבט זיך אויף און רופט מיך מיט וויטקען גיין נאָך אים. מיט איבערשפּרונגען, לייגנדיק זיך אַלע ווײַלע אויף דער ערד לויפן זיי. איך אָבער האָב שוין צו אַזאַ גימנאַסטיק קיין כוח נישט און גיי קוים, מיט אַ געבונדענעם קאָפּ נאָך, נאָך זיי.

וויטקע ווערט געטראָפן פון אַ קויל און פאַלט אַ טויטער.

איך און דער מאַטראָס דערשלעפּן זיך צום טייכל, וואָס איז צוליב זיין שטאַרקן שטראָם נישט פאַרפרוירן, און מיר שווימען אים אַריבער.

דעם שונאס פייער ווערט שוואַכער. די קוילן קענען אונדז שוין נישט טרעפן.

מיר כאַפּן זיך אַריין אין דער אָוונטיקער טונקלקייט צו אַ פּויער.

דער פּויער הערנדיק און צוזעענדיק אַלץ, ווײַנט זיך פונאַנדער און בעט זיך:

— גייט אַוועק, אַז נישט ברענגען זיי אויך אונדז אום!

ער גיט דעם מאַטראָס אַ בגד אָנצוטאָן און מיר גייען ווייטער. פון ווייטן הערן מיר פון די דייטשן אַן אויסגעשריי: „הוראַ!" און פילן, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען שטורמען די קאַנאַווע, וווּ ס'זיינען געלעגן כאַיעט און גאַלובאָוו.

נישט מאַכנדיק קיין שפּורן נאָך זיך, זיינען מיר אַריין אין אַ שייער, וווּ מיר האָבן געהערט שפּעטער, ווי די דייטשן זיינען אונדז פאַרביי־געפאָרן.

דאַן האָבן מיר זיך אַריינגעכאַפּט צו אַן אַלטן פּויערל.

ס'האָט גערונען פון אונדז בלוט, אַזוי ווי מען וואָלט אונדז מיט מעסערס געשניטן.

נישט וועלנדיק איבערשרעקן דעם פּויער, האָבן מיר אים קיין זאַך נישט געזאָגט. מיר זיינען ארויף אויפן אויוון און זיך אָנגעווארעמט אביסל. די ביקס אָנלאָדן האָב איך נישט געקענט. דער מאַטראָס האָט דאָס געטאָן פאַר מיר. אין שטוב בלייבן האָט קיין צוועק נישט געהאַט. מיר זיינען ארויס און ביי א פּויער געקראָגן א פור, וואָס האָט אונדז געבראַכט צו אונדזערע פּאַרטיזאַנער אין דאָרף וואָלאַדקע.

ליגנדיק שוין אין א שטוב, מיט איבערגעבונדענע ווונדן, איז אָנגעקומען כאַיעט, וואָס האָט דערציילט:

„ווען די דייטשן זיינען געגאַנגען מיטן „הורא" אויף אונדז, איז דערהרגעט געוואָרן גאָלובאָוו איך מיטן אַנטזאָגטן שעוועטע, האָב זיך אריינגעלייגט אין וואַסער. די דייטשן זיינען איבער מיר אריבערגעשפּרונגען און נישט באַמערקט, אַז איך ליג דאָרטן".

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר, זעקס פּאַרטיזאַנער, האָבן געהאַט קעגן זיך 170 דייטשן.

# אַ טראָפּן ליבע

וועלכער מאַן בענקט דאָס נישט נאָך אַ צערטל פֿון אַ פֿרוי, נאָך אַ קוש. מיר, די פּשוטע סאָלדאַטן־פּאַרטיזאַנער, בענקען שטאַרק, שטאַרק נאָך דעם. די פּשוטע קעמפֿער לעבן אויף און דערציילן זיך בלעריי מעשיות, אַנעקדאָטן און אין זינגען לידער וועגן פֿרויען וואָס פֿאַרראַטן, וועגן מיידלעך וואָס ליבן ביזן טויט אַריין, וואָס וואַרטן, וואָס קעמפֿן. מען האָט אַליין געשאַפֿן לידלעך וועגן עקזיסטירנדיקע אָדער וועגן אויסגעטראַכטע מיידלעך, מען האָט דערשריבן נייע ווערטער צו אַלטע לידער און ביז אין די שפּעט־שפּעטע נעכט אין די ערד־שטיבלעך צי גאָר ערגעץ אויף אַ בלאָטע צי אין שניי הערט מען נישט אויף צו ריידן, דערציילן, זינגען און בענקען...

אַ מייסטער אויף מאַכן אַזעלכע לידלעך איז וואָלאָדקע דער יאַפּאַנער. ער איז געווען אַ געוויסע צייט אַפֿילו דער קאָמאַנדיר פֿון אַ משונהדיקן אָטריאַד וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „האָפּ סאַ סמיקיעם“ (האָפּ מיט גאָרנישט!). זיי זיינען געווען אַלע זינגער אָדער שפּילער אויף גיטאַרעס און מאַנדאָלין. פֿלעגן זיי זיך אַריינרייסן די ערשטע צייט צו פּויערים, זיך אָנפֿרעסן און אָנשיכורן, „פֿאַרבייסן“ מיט מיידלעך וואָס זיינען דאָרט געווען און זיך ווייטער געלאָזט אין וועג. ווען די פּאַרטיזאַנקע האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן, האָט ער שוין געקענט פֿאַר דעם דערשאָסן ווערן, אָבער איצט דאַרף מען אים ווידער האָבן. ער איז דער קאָמאַנדיר פֿון „אָטריאַד פֿון געזאַנג און טאַנץ“. דער אָטריאַד פֿאָרט אַרום איבער אַנדערע אָטריאַדן און צו די פּויערים אין די דערפֿער וואָס ליגן אין דער פּאַרטיזאַנישער זאָנע, און זינגען, טאַנצן און לאַכן אויס די נאַציס, וואָס כאַפּן קלעפּ אויף די פֿראָנטן און פֿון די פּאַרטיזאַנערס. וואָלאָדקע איז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון קופּלעטן וואָס ווערן צוזאַמערסטן געזונגען אין די אָטריאַדן. די באַליבטסטע זיינען פֿאַרשטייט זיך, די קופּלעטן געווידמעטע דעם שיינעם מין. ווען איך האָב צוערשט דערהערט די קופּלעטן, האָב איך געמיינט, אַז נישט נאָר איך, נאָר יעדער לעבעדיקער וועזן וואָלט באַדאַרפֿט רויט ווערן עס הערנדיק.



זיי האָבן מיטגעהאָלפֿן באַפרייען זייער היימשטאָט

1) טאטע און זון מיליקאָווסקי, 2) אברהם שאברינסקי, 3) יוחנן מערסיק, 4) חנן מגיד און שלמה בראנדט, 5) בערל שערעשניעווסקי, 6) טביה, 7) גרופּע אווטאָמאַ-טשיקעס (מאשינען-ביקסלער), 8) ש. קאטשערגינסקי, 9) אברהם פערלשטיין, 10) יאנעק שטול און גרישע לעווין.



## מיט דער פען און ביקס...

ייִדישע שרייבערס־פּאַרטיזאַנערס: 1) יוסף וואָלף, 2) א. סוצקעווער, 3) ד"ר לעאָ בערנשטיין, 4) ש. קאַטשערגינסקי, 5) חיים לאַזאַר, 6) אברהם אייזין, 7) רייזל קאָרטשאַק, 8) אבא קאָוונער, 9) מיכאל מ. באָרוויטש, 10) חיים יעלין, 11) י. גראַנאַטשטיין, 12) ל. קאַגאַנאָוויטש, 13) צ. ראַיאַק, 14) ד"ר מ. דוואָזשעצקי, 15) לייב שויפּטזיל.

אָבער מיט דער צייט האָב איך אויך אונטערגעכאַפּט דעם רעפריין און ווי מען דאַרף א קוויטשע געטון: „דאַ—דאַ! דאַ—דאַ!" (יאָ, יאָ!) און געזונגען האָבן אַלע, — מענער, פרויען. מיט דביקות, אַזוי ווי ביי א חסידישן ניגון.

געוועז איז דאָס א מיידל מיט א...
דאַ — דאַ!
געהאַט האָט זי א...
ד א— דאַ!!
איצט האָט זי שוין א טריפּער,
שיקט איר גאָר קיביינע-פיינע...
הולאַי, הולאַי, הוליא, האַ! האַ!!!

די פרויען אין פּאַרטיזאַנקע מוזן זיך אַריינפּאַסן אין די נייע באַדינגונגען.

עס איז זיי גאָרנישט מקנא צו זיין צווישן אונדז די אויסגעהונגערטע, פּולבלוטיקע יונגען. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן מענער וואָס זיינען פּאַרטיזאַנער. זיי איז בעסער. עס טרעפט אָבער נישט זעלטן, אַז א קאָמאַנדיר וואַרפט אַן אויג אויף א שיינער פרוי, טוט ער שוין אַלץ, אַז דער מאַן זאָל וואָס ווייניקער זיין אויף דער באַזע. ער שיקט דעם מאַן כסדר אויף אָפּעראַציעס. די פרוי בלייבט אין אָטריאַד און קעגן א קאָמאַנדיר איז זיך שווער קעגנצושטעלן, אַפילו ווען אין אַזא פאַל קען ער קיין באַפעלן נישט אַרויסגעבן...

עס האָבן זיך געפונען גענוג פאַרעקשנטע. נישט איינע פון זיי איז צוליב דעם פון דער וועלט אַוועק. א טראַגעדיע איז געווען אין טשערקאַסאָוום אָטריאַד: דער קאָמאַנדיר האָט וועלן איינגעלייגט כדי צו באַקומען די טאָכטער פון קאָבילניקער אַפּטייקער קאָוואַרסקי. די שיינע סאָניא האָט אָבער פון אים נישט געוואָלט הערן. טשערקאַסאָוו האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען (האָט אַריינגענומען איר טאַטן אין אָטריאַד). אָבער דאָס מיידל האָט זיך ווייזט אוים געהאַלטן ביי איר געוועזענעם בחור, וואָס איז גאָר געווען אין אַן אַנדער וואַלד.

דער סוף איז געווען: סאָניע ווערט אַוועקגעשיקט מיט נאָך פּאַרטיזאַנער אויף אַן אָפּעראַציע און אין וועג ווערט זי דערשאָסן „נישט ווילנדיק" פון אַן אייגענעם פּאַרטיזאַן. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן גיין זיך באַקלאָגן פאַר דער העכערער אָנפירערשאַפט. מען האָט אָנגעהויבן פאַרפירן אַן אויספאָרשונג, אָבער טשערקאַסאָוו האָט אָפּגעגליקט, — אין דער לעצטער אָבלאַווע ווערט דערהרגעט דער טאַטע.

עד היום ווייסט מען נישט אויף זיכער, פון וועמענס קוילן קאַ־וואַרסקי איז אומגעקומען, פון דייטשע צי פון טשערקאַסאָווס.

פּאַרטיזאַנער זיינען נישט מקנא זייערע קאָמאַנדירן, וואָס זיי עסן בעסערס, געשמאַקערס, וואָס די קאָמאַנדירן האָבן באַזונדערע ערד־שטיבלעך פאַר זיך אַליין, וואָס זיי האָבן צו זייער דיספּאָזיציע פערד און וואָגן, — דאָס אַלץ איז בלאָטע, אָבער דער קאָמאַנדיר האָט אַ ווייב, אויב נישט קיין אייגענע, איז יענעמס, ער האָט אַ געליבטע. ווען דער קאָמאַנדיר זאָל זיך גוט פאַרלייגן, קען דאָך דאָס שענסטע מיידל גע־הערן צו אים — הער איך אָפט קנאהדיקע רופן:

אמת איז, אַז נישט אינגאַנצן איז אַזוי. די פּאַרטיזאַנער מיינען, עס זיינען פאַראַן געגנוג פרויען און מיידלעך. וועמען עס איז שווער צו נעמען, נישט געקוקט אַפילו אויף די האַרבסטע דראָאונגען; אָבער עס זיינען פאַראַן נישט ווייניק פאַלן, ווען פרויען און מיידלעך לאָזן זיך בויגן...

די פּשוטע קעמפער דאַרפן זייער ליבע צו אַ פּאַרטיזאַנקע פאַר־דעקן, אויסבאַהאַלטן. נאָר אַזוי ווי פרויען אין פּאַרטיזאַנקע זיינען ווייניק, לאָדן חברה אוים זייער היים-בלוט אין די פויערישע שטיבלעך, ווו עס האָבן שוין נישט זעלטן געוואַרט אויף זיי אָפענע, וואַרעמע אָרעמס...

די ערגסטע זאַך איז, ווען מען ווערט אין וואַלד קראַנק אויף אַ ווענערישע קרענק. עס איז כמעט נישט מעגלעך צו קריגן קיין שום מעדיקאַמענטן. אין דער ראָקאָסאָווסקי-בריגאַדע האָט מען אַפילו איינ־געשטעלט עטלעכע אַרעסט-שטיבלעך, ווו עס זיינען פאַרשפּאַרט פּאַר־טיזאַנער וואָס האָבן מיטגעבראַכט קומענדיק פון די אָפּעראַציעס, טרי־פּערס און נאָך ערגער — סיפילים. זיי ווערן נישט אַרויסגעלאָזן צו קיינעם. עסן ווערט זיי געגעבן דורך די פענצטערלעך. די קאָמאַנדע האָט אויך פאַראָרדנט אויפצוזוכן די פרויען וואָס האָבן די פּאַרטיזא־נער אָנגעשטעקט, זיי זיינען געבראַכט געוואָרן און זיצן אויך אין אַ באַזונדער שטיבל.

נישט איין מאָל האָט שוין געטראָפן, אַז נישט איין פּאַרטיזאַנקע איז פאַרן אָנשטעקן ווענערישע קראַנקייטן, דורך דער אָנפירונג דער־שאָסן געוואָרן.

אַזאַ פאַל האָט געקענט טרעפן נישט לאַנג אויך ביי אונדז אין דער אַרבעטס-גרופּע, ווען איך בין נאָך דאָרט געווען.

אין אַן אָוונט קומט צו אונדז צוגיין אַ יונג מיידל, וועלכע איז באַ־קאַנט געווען אין וואַלד ווי די געליבטע נישט פון איין קאָמאַנדיר. לויט

איר דערציילונג, האָט זי נישט ווי צו זיין. קיינער וויל זי נישט קענען. אין קיין אָטריאַד וויל מען זי נישט צונעמען. פאַרוואָס זי וויל נישט גיין אין א לאַגער אין וואַלד, האָט זי געגעבן אן אויסמיידנדיקע תשובה. אָבער איר שיינקייט האָט אריבערגעוווינגן ספקותן ביי אונדזערע אָנפירער און מען האָט זי געלאָזן אויף „דערוויל“ זיין עטלעכע טעג ביז איר לאַגע וועט אויפגעקלערט ווערן.

אין עטלעכע טעג ארום רופט מיך אָפּ אין א זייט איינער פון די אָנפירער און צו מיין דערשטוינונג ווײַנט ער זיך פונאַנדער... אין וואַלד וויינען? און ווער? פון די אָנפירער פון אָטריאַד. א רעטעניש.

— נו רעד, וואָס איז געשען?

ער האָט ענדלעך אָנגעהויבן:

— זי האָט מיך אָנגעשטעקט מיט א טריפּער.

— ווער?!

— די נייע...

ווען זי איז אָנגעקומען, האָט נישט איין פּאַרטיזאַן געוואָרפן אויף איר אן אויג. וואָלט זי געווען א מיידל, וואָס האָט שוין עמעצן אין אָטריאַד אָדער האָט ערגעץ א בחור אין אן אנדער אָטריאַד, וואָלט מען זיך געוויינלעך נישט „געמישט“ אין „יענעמס“ געשעפטן, אָבער אז מען האָט דערזען אזא „נס“, א מיידל, איינע אליין, האָט מען געפּרוּווט מזל... און זי האָט זיך לאַנג נישט געלאָזן בעטן און איז געוואָרן דאָס מיידל פון אונדזערע אָנפירער. זי האָט געוווּסט, ווייזט זיך ארוים, אז זי איז קראַנק און אז זי וועט מיט איר קראַנקהייט אָנשטעקן אויך אנדערע, אָבער זי האָט זיך פאַרענטפערט, אז צוליב דעם וואָס קיינער פון אירע פריערדיקע געליבטע האָט זיך נישט געוואָלט פאַרנעמען מיט איר און אלע האָבן זי ארויסגעטריבן, האָט זי אָנשטעקנדיק א י ם געוואָלט, אז ווען ער וועט זוכן מיטלען ווי זיך אויסצוהיילן, זאָל זי פון די זעלבע מיטלען אויך אויסגעהיילט ווערן.

איך האָב געזאָגט דעם קאָמאַנדיר, אז פאַר אזא נבלה, פון בכיוון אָנשטעקן מיט א קראַנקהייט א פּאַרטיזאַנער און ווער ווייסט וויפיל אנדערע זי האָט אָנגעשטעקט, וואָלט איך איר געגעבן די העכסטע שטראָף.

דער קאָמאַנדיר, א רך לב, האָט איר אָבער בלויז געהייסן פאַרלאָזן גלייך דעם אָטריאַד. דער קראַנקער האָט אויסגעאַקערט די וועלדער, כדי אין ערגעץ צו געפינען א מיטל געזונט צו ווערן און בלויז דער עקשנותדיקער ווילן פּטור צו ווערן פון דער קראַנקהייט האָט אים צוריק געזונט געמאַכט.

א צווייטע טראַגישע פּאַסירונג האָט נישט לאַנג געטראָפן אין אונ-

דזער בריגאַדע מיט דעם ווירטשאַפטס-לייטער קודריאַווצעוו. מען האָט שוין לאַנג צווישן אונדז געשמועסט, אַז קודריאַווצעוו האָט אין דאָרף טשערעמשיטשע אַ מיידל. מען האָט גערעדט צווישן אונדז, אַז קודריאַוו־צעוו איז פאַרליבט אין איר איבער די אויערן און נישט איין מאָל האָט שוין וועגן אָט דער ליבע געזונגען אין זיינע קופּלעטן וואָלאָדקע דער יאַפּאַנער.

אין אַ מיטאָג-צייט, מיט עטלעכע טעג צוריק, פאַלט מיט אַמאָל אַריין אַן אויסשפּירער און דערציילט, אַז קודריאַווצעוו האָט זיך אין שטיבל פון זיין געליבטער אַריינגעשאָסן 2 קוילן אין קאָפּ.

— משוגע געוואָרן צי וואָס? — קען נישט פאַרשטיין שעווטשענ־קאָ.

— ניין, חבר בריגאַדע-קאָמיסאַר — ענטפערט דער אויסשפּירער.

— דאָס מיידל האָט אים נישט געוואָלט און צום סוף אים געזאָגט, אַז זי ליבט גאָר אַ צווייטן...

— דוראַק! (נאַר) — האָט אויסגעשפּיגן דער קאָמיסאַר און מען האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וועמען ער מיינט דאָס, דעם אויסשפּי־רער צי קודריאַווצעוון.

שפּעטער צו האָט מען געבראַכט דעם זעלבסטמערדער אויף דער באַזע. זיין בלוט האָט זיך געשנירלט איבערן גאַנצן וועג. ער איז געלעגן אין אַ פור אויף שטרוי און בלויז אַן ענלעכקייט צו דעם געוועזענעם, לעבעדיק-ענערגישן קודריאַווצעוו האָט מען געקענט זען.

— און וואָלט איר געדאַרפט זען די „קראַסאַוויצע", צוליב וועמען דער שוטה איז פון דער וועלט אַוועק — האָט אַזוי זיך דערציילט אַ פויער פון דאָרף. — קיינער פון אונדזערע דאָרפישע האָט דאָך גאָר־נישט געוואָלט אין איר זייט קוקן.

אַזוי געשעט עס. דאָס לעבן, דער טויט טוט זיך דאָס זעלבע ווי אין נאָרמאַלע צייטן. איז אין געטאָ נישט געווען דאָס זעלבע? אמת, דאָרט איז צו קיין מאָרד צוליב אייפערזוכט, ליבע נישט פאָרגעקומען, אָבער האָט מען זיך נישט געליבט, נישט חתונה געהאַט, נישט געגט? האָט מען אין געטאָ דען קיין קינדער נישט געבוירן, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס די נאַציס האָבן פאַרווערט יעדער געבורט. מען האָט אין „שטילע" צייטן די ניי-געבוירענע קינדער פאַרשריבן ווי געבוירענע ערב דער מלחמה... און אויב אין אָט דעם גיהנום האָט דאָס לעבן, דאָס זייניקע, לויט מעגלעכקייטן, גענומען, האָט דאָך דער וואַלד געהאַט אַלע געגעבענע די ליבע-באַדערפענישן אויסצולאָדן. אַלע געגעבענע... עס רעדט זיך אַזוי. אָבער, ווער טראַכט עס וועגן אַ בעט, וועגן בעטגע־

וואַנט. זינט מיר זיינען אין וואַלד, האָבן מיר זיך נאָך קיינמאָל, אויסער ווען מען כאַפּט זיך אַריין אין מרחץ, נישט אויסגעטאָן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

אַן אמתע געשעעניש איז געשען אין דעם פאַמיליען-לאַגער אין האַראַווער וואַלד. דאָרט איז ביי דעם סווירער פאַר-פּאָלק חיט גע-בוירן געוואָרן א יינגל.

אין שרעק איז פּ א ר ן געבוירן געווען די מאַמע. וואָס וועט זי דאָס טאָן? צוערשט האָט מען געזוכט כלערליי מיטלען, ווי אַזוי קיין געבורט זאָל נישט זיין. און אַז עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, האָט מען אין ציטער געוואַרט וואָס וועט סוף כל סוף זיין. אין דער נאַכט פון געבורט האָט דער מאַן זיך געלאָזן רופן פון א דאָרף א באַבע, וועלכע האָט דאָס קינד „אָפּגענומען". שפּעטער צו האָב איך באַזוכט דעם לאַ-גער, געווען ביי דער קינפּעטאָרין און דערזען אין פינצטערלעכן ערד-שטיבל אַרויסשיינען צוויי פּנימער, — פון מאַמען און פון טאַטן און אָט האָבן אויך א פינקל געטון די אויגאַנעס פון ניי-געבוירענעם קינד וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון דער מאַמעס ברוסט.

און ווי רופט מען דאָס קינד?

— ג ו א ל ! — האָבן טאַטע-מאַמע מיטאַמאָל אויסגערופן.

מיר איז מאָדנע ליכטיק געוואָרן אויפן געמיט:

— גואל! ס׳אַרא וווּנדערבאַרער נאָמען! ווי אַזוי האָט איר זיך דערטראַכט צו דעם?

— וועגן דער גאולה הערן מיר נישט אויף צו טראַכטן — ענטפערט דער טאַטע.

— און וועגן נאָמען האָבן מיר נאָך פריער געטראַכט ווי עס זאָל הייסן — רייסט איבער די מאַמע — וועט זיין א יינגל, האָט ער גע-דאַרפט הייסן ג ו א ל, וועט זיין א מיידל, וואָלטן מיר עס א נאָמען געגעבן ג א ו ל ה.

דאָס ניי-געבוירענע קינד האָט אַריינגעבראַכט צווישן די יידן אין די פאַמיליען-לאַגערן און אין די אָטריאַדן אַן אויסערגעוויינלעכע הויי-טערע שטימונג. די שטימונג האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף אַלע פּאַר-טיזאַנער, צו וועמען עס איז דערנאָך דערגאַנגען די ידיעה וועגן ניי-געבוירענעם און דער עיקר וועגן דעם וווּנדערלעכן נאָמען וואָס דאָס קינד האָט פון טאַטע-מאַמע באַקומען.

# מיט נעכטיקע רוצחים

איך האָב נישט איינמאָל דערמאָנט די נעמען פון קאָסטעטשקאָ, טיכאָמיראָוו, אגייעוו און אנדערע פארטיזאנער פון אָטריאַד אויפן נאָמען פון געוועזענעם באָלשעוויסטישן אוקראַינישן קריגס־פירער פאַרכאָמענקאָ.

איצט מיין איך איז די צייט צו דערציילן וועגן זיי. רעדן וועגן זיי דארף מען. מען מוז אויך דערציילן וועגן מיליאָנען אנדערע קאָסטעטשקאָס און אגייעווס.

מיליאָנען זיינען זיי געווען און ווער ווייסט ווי ווייט זייער צאָל וואָלט געגרייכט, ווען נישט היטלערס אומברחמנותדיקע פארניכטונגס־מאשין וואָס האָט אויך זיי אין די מאָרד־רעדער אריינגענומען.

שבת דעם 20סטן יוני פון 1941 בין איך פון ווילנע אין אן אויטאָ ארויסגעפאָרן אין אן אמטלעכער קאָמאנדירונג קיין קאָוונע.

ווו נאָר איך האָב מיט אן אויג געוואָרפן, האָב איך געזען ריזיקע צאָלן שווער־באוואָפנטע מיליטער־לאַגערס און אָן א שיעור טאנקען און אנדערע פאנצער־וואָפן.

דאָס האָט מיך אן איבעריקן מאָל איבערצייגט, ווי ווייט די סאָוועטישע מיליטער־מאכט היט די גרענעצן אויף יעדן פאַל פון אָנגריף. כאָטש... אין גאנצן לאנד האָט נישט דער ראדיאָ און נישט קיין צייטונג נישט געגעבן די מינדסטע אָנצוהערעניש, אז די נאצים זאָלן טראכטן צו אָנפאלן אויף סאָוועטן־רוסלאנד אָדער קאָנצענטרירן זייער מיליטער ביי די סאָוועטישע גרענעצן. פארקערט, עטלעכע טעג פאר דעם האָבן זיך אין די סאָוועטישע צייטונגען באוויזן ידיעות פון דער אויסלענדישער פרעסע, — אז דייטשלאנד גרייט צו די בלוטיקע שפיל אויף קעגן דעם ראטנפארבאנד.

— נישט אמת, אויסגעטראכט, מען וויל מאכן א בייז לעבן צווישן אונדז און אונדזער פריינטלעכן פארבינדעטן — דייטשלאנד, — האָט קאָמענטירט די סאָוועטישע פרעסע.

אן ערך צוויי יאָר, זינט די סאָוועטן האָבן געשלאָסן דעם פריינט־

שאפּט-אָפּמאך מיט היטלערן, האָט מען קיין איין וואָרט נישט געהערט אין קיין שום פאָרם (ראַדיאָ, צייטונג, רעדעס), אַז אין דייטשלאַנד און אין זייערע אָקופּירטע טעריטאָריעס זאָלן זיך די נאַצים באַגיין שלעכט מיט דער באַפעלקערונג. מען האָט בלויז געזען גאָר אָפטע באַגריסונ-גען פון סטאַלינען צו היטלערן און פאַרקערט, אָדער פאָטאָגראַפיעס פון סטאַלינען מיט ריבענטראָפּן, צי פון אנדערע גדולים פון די ביידע פריינטלעכע צדדים.

אין אָוונט פון 20סטן יוני האָב איך זיך צוריקגעקערט פון קאָוונע און אויף מאָרגן אינדערפרי זיינען מיר בחברותא ארויסגעפאָרן אויף א שפּאַציר אין דער שיינער אָזיערע-געגנט פון אלט-יידישן און קאראַ-אימישן שטעטעלע טראָק.

אויף דער אָזיערע האָבן מיר דערזען איבער אונדז שווימען פאַר-ביי א כמאַרע פון האקנקרייציקע אעראָפּלאַנען. אין א פּאָר מינוט ארום איז די באַלעבעטע אָזיערע שטיל געוואָרן. קוים-קוים האָבן מיר זיך דורכ-געשפּאַרט די טויזנטער רויט-ארמייער, וועלכע זיינען געגאַנגען אָדער געפאָרן פאָראויס אָדער אויף צוריק.

באָמבאַרדירונגען. איך לויף אין מיליטער-אמט מיט מיין פריינט יאנקאָווסקי זיך פריוווילק צו מאָביליזירן. דער אמט איז געשלאָסן. מיר דערגייען צו דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אויך דאָרטן איז שוין קיינער נישטאָ.

מיר לאָזן זיך ארויס אויף מאָרגן אינדערפרי פון שטאָט, כדי צו גיין מיט דער רויטער ארמיי טיפער אין לאַנד. אויף די וועגן טויזנטער פּליטים, די גרעסטע צאָל יידן און אָפּגעזונדערטע רויט-ארמייאישע מחנות, וועלכע פאָרן אָדער גייען דורך פאַרשידענע וועגן צו מזרח צו.

עטלעכע און פופציק קילאָמעטער האָבן מיר באַוויזן אָפּצושפּאַנען דורך טאָג און נאַכט. פאַרטאָג האָבן מיר באַגעגנט עטלעכע רויט-אר-מייער, וואָס האָבן אונדז געזאָגט אַז דער וועג איז פאַרשפּאַרט, עס הייסט, די דייטשן זיינען שוין ווייט אַוועק פאָראויס און מיר זיינען ארומגערינגלט.

מיטאַמאָל זיינען אַ ל ע פאַרשוווּנדן. אויך מיר, עטלעכע ווילנער, האָבן נאָך א לאַנגן ישוב-הדעת באַשלאָסן, זיך אומקערן אין אונדזער היימשטאָט, און וואָס עס וועט זיין מיט אַלעמען וועט זיין מיט אונדז.

ווילנע איז דורך די נאַצים פאַרנומען געוואָרן אויפן דריטן פאַר-טאָג נאָך זייער איבערפאַל. ווען מיר זיינען אין שטאָט אָנגעקומען, האָבן מיר דערזען קאָלאָסאַלע מאַרשירנדיקע אומבאַוואָפנטע רויט-אר-מייאישע מחנות סאָלדאַטן און אָפיצירן וואָס זיינען געפירט געוואָרן

פון ליטווישע פּאָליציי-לייט, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין זעלבן טאָג, ווען די נאַציס זיינען אַנגעקומען אין שטאָט.

מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס פּירט מען געפאַנגענע. שפּעטער צו אָבער האָט זיך צו אונדזער גרעסטער איבערראַשונג אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען געווען כמעט אַלע פרייוויליק-איבערגעגעבענע.

דערנאָך איז דאָס שוין געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג.

אויסער די געפאַנגענע, וואָס די דייטשע אַרמיי האָט גענומען אויף די פראָנטן אין די הונדערטער טויזנטער, האָבן זיך נישט ווייניקער איבערגעגעבן צו די נאַציס פרייוויליק אין געפאַנגענשאַפט, נישט נאָר פּשוטע סאָלדאַטן. עס זיינען געווען אָפיצירן מיט די העכסטע ראַנגען, איינגעשלאָסן אויך גענעראַלן (וולאַסאָוו, ראַדיאָנאָוו און אַנדערע) און פּאָליטרוקען (פּאָליטישע קאָמיסאַרן).

פאַרוואָס האָבן זיי זיך איבערגעגעבן?

איך האָב געהאַט גענוג צייט צו דערגיין גענויערע פּרטים וועגן דעם. איך האָב דערנאָך צוגעהערט, ווי אַזוי די דייטשן מאָרדן זיי אויס און ווי אַזוי זיי קומען אום אָן שום ווידערשטאַנד. דערנאָך האָב איך אויך זייער אָפט געזען, ווען מיר פלעגן גיין אין געטאָ צו דער אַרבעט אָדער פון דער אַרבעט, ווי עס ווערן געפירט צו אַנדערע אַרבעטן סאָוועטישע געפאַנגענע און זיי ווערן באַוואַכט פון זייערע אייגענע חברים, און די חברים זייערע, באַוואָפנטע, אָנגעפּרעסענע, זשאַלעווען נישט פון מאָל צו מאָל קיין קלאַפּ אויך אויף אַ געפאַנגענעם, וואָס גייט נישט אַזוי גיך ווי עס ווערט געפאָדערט. איך האָב זיי געטראָפן אין וואַלד. נאָכדעם ווי זיי האָבן איינגעזען, אַז חוץ טויט האָבן זיי פון די נאַציס קיין זאַך נישט צו דערוואַרטן, זיינען זיי אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. שפּעטער צו האָבן זיי שוין אין וואַלד אויפגעהערט לויפן. די נאַציס האָבן זיך געכאַפּט. מען האָט די סאָוועטישע מיליטער-לייט איינגעגלידערט אין דער דייטשער אַרמיי אָדער געשאַפן פון זיי ספּעציעלע שטראָף-באַטאַליאָנען וואָס האָבן אויף נישט קיין ערגערן אופן ווי די דייטשן, ליטווינער, אויסגעפירט די הריגות אויף יידן פון צענדליקער צענדליקער קהילות, און אויך הריגות און אָבלאַוועס אויף פּאַרטיזאַנער, ציווילע באַפעלקערונג.

אין וואַלד האָב איך זיך נישט מיט איינעם פון זיי אפילו באַדאַרפט פריינדלען, אויספירן זייערע באַפעלן. איך האָב, אויפנעמענדיק אינ-פאָרמאַציעס צו דער געשיכטע פון אונדזער בריגאַדע, זיך אָנגעטראָפן אויף נישט קיין איין טראַגעדיע, וואָס עס האָט אַראָפּגערעדט פאַר מיר פון האַרצן אַזאַ איינער, ווי אַט דער געוועזענער לייטענאַנט פון דער

רויטער ארמיי, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן פרייוויליק צו די דייטשן, וואָס האָט אין זייערע רייען געקעמפט און „אויסגעפירט“. ווי ער אליין זאָגט, אלע זייערע באפעלן... (וואָס דאָס מיינט: הרגענען, שעכטן, רויבן, פארגוואלדיקן).

אזא איינער איז קאָסטעטשקאָ.

איינער פון הונדערטער טויזנטער אזעלכע.

קאָסטעטשקאָ ווייסט נישט, צי ער איז א רוס, צי אן אוקראאינער, צי א ווייסרוס. „וואָס איז דאָס וויכטיק“ — גיט ער צו. אויסגעהאָדע־וועט האָט ער זיך אין א קאָלכאָז, נישט ווייט פון מאגניטאָגאָרסק. א יאָר פינף איז ער אלט געווען, ווען מען האָט אין מיטן דער נאכט ארויסגענומען דעם טאטן פון שטוב און אים ערגעץ פארשיקט און מער האָט אים דער זון שוין קיינמאָל נישט געזען.

— פארוואָס האָט מען אים ארעסטירט?

— פארוואָס... — קאָסטעטשקאָ פארטראכט זיך. — די מאמע האָט געזאָגט, אז עס קען זיין דערפאר, וואָס ער האָט געזאָגט פאר אונדזערע עטלעכע שכנים, וועלכע זיינען געווען ביי אונדז צו גאסט, אז ווען יע־דערער האָט געהאט צו שטיקלעך ערד פאר זיך, איז מען געווען א סך צופרידענער און זאטער, ווי איצט, ווען מיר האָבן ערד וויפיל מען וויל.

— ווי איז מען דאָס נישט פאָרזיכטיק צו זאָגן — פרוּוו איך באַ־מערקן.

— יאָ, נאָר די מאמע האָט גאָר געזאָגט, אז די שכנים האָבן גע־רעדט נאָך ערגער.

לערנען זיך האָט שוין קאָסטעטשקאָ קיין צייט נישט געהאט.

— פון דער קאָלכאָז־שול קען מען סיי־ווי־סיי זיך גאָרנישט אויס־לערנען.

ער האָט געמוזט גאָר פרי אָנהויבן ארבעטן, כדי פון די אויסגע־ארבעטע טעג זאָל מען צום סוף חודש קענען באקומען אביסל מעל, קארטאָפל און עטלעכע רובל.

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען צום סוף פון יעדן יאָר. דאַן איז אונדז אויסגעקומען אלעמען צו הונגערן.

— הונגערן?

— פארוואָס וווּנדערט איר זיך אזוי? — איז ער אזוי פארוווּנדערט פון מיין פראגע, ווי איך פון זיינע לעצטע ווערטער.

— אין א קאָלכאָז הונגערן? — פרעג איך איבער נאָכאמאָל.

— איך פארשטיי אייך נישט — גיט ער מאָדנע צו — און וואָס איז, אז א קאָלכאָז?

— קיין גליקן קען זיין האָט מען נישט, אָבער ווי קען דאָס זיין, אַז אַ סאָוועטישער פויער זאָל דאַרפן הונגערן? — קען איך נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין.

געווים האָב איך אויסגעזען אין דעם מאָמענט ביי קאָסטועטשקאָן ווי אַ מענטש פון יענער וועלט, אָדער ווי אַ ניי־געבוירענער וואָס ווייסט נאָך בכלל פון קיין זאַך.

עס ווייזט זיך טאַקע אַרויס, אַז וועגן לעבן פון קאָסטעטשקאָן און זיינס גלייכן האָב איך טאַקע גאָרנישט געוווּסט.

די ערד געהערט צו די פויערים. זייער ריכטיק. אָבער די אויס־אַרבעטונגען פון דער ערד געהערן צו דער רעגירונג.

יעדער קאָלכאָז מוז אָפּגעבן דער רעגירונג נישט קיין פּראָצענטער פון דער פּראָדוקציע, וואָס די ערד האָט פאַרן סעזאָן אַרויסגעגעבן, נאָר יעדער קאָלכאָז מוז אָפּגעבן דער רעגירונג אַזויפיל פּראָדוקציע וויפיל די ערד ק ע ן אַרויסגעבן.

עס ווערט פון פאָראויס אויסגעפּלאַנט, וואָס פאַר אַ זריעה עס דאַרף פאַרזייען דער קאָלכאָז. דער זעלבער פּלאַן זעט פאָראויס, וויפיל קאָרן, בוריקעס, קאַרטאָפל עס דאַרפן אַרויסוואַקסן פון דער ערד, וואָס דער קאָלכאָז פאַרמאָגט.

געצאָלט באַקומט מען לויט די אַלגעמיינע אויסגעאַרבעטע שעהען פון חודש. נישט אַלע אָבער קענען אויסאַרבעטן אַזוי פיל שעהען, כדי צו באַקומען אַזויפיל מעל און קאַרטאָפל, וויפיל עס איז נויטיק פאַר זיך און פאַר די נישט־אַרבעטנדיקע אין דער משפחה (קינדער, זקנים. צו דעם קומט נאָך צו וואָס צוליב קלימאַטישע שוועריקייטן איז די גע־רעטעניש נישט אַזאַ ווי דער פּלאַן האָט פאָראויסגעזען. (זייער פיל קאָלכאָזן האָבן נישט קיין טראַקטאָרן און אַרבעטן אַזוי ווי אַמאָל, אַמאָל...) און כאָטש פון די פעלדער האָט מען אַ סך ווייניקער אָראָפּ־גענומען ווי עס איז געווען פאָראויסגעזען, מוז מען אָבער דער רעגירונג צושטעלן פון דעם זעלביקן קוואַנטום ווי עס איז באַשטימט געוואָרן פון פריער.

פון וואַנען זאָל מען דאָס נעמען?

די לעצטע דריי חדשים פון יאָר דערנערט מען זיך נישט זעלטן מיט קאַרטאָפל אָנשטאָט ברויט אָדער מיט שיטערער זאַצירקע און אויך פאַר דעם דאַרף מען דאַנקען און לויבן.

קאָסטעטשקאָ האָט זיך געריסן אין שטאָט. נאָר קיין קאָלכאָזניק טאָר נישט אָן אַ דערלויבעניש אַוועקגיין וווינען אין שטאָט. די קאָל־

כאַזניקעס גיט מען נישט ארויס קיין פּאַספּאָרט אין שטאָט, איז מען נאָך ערגער ווי אַן א בודע א...

— מען פלעגט אונדז כסדר דערציילן — רעדט קאַסטעטשקאַ אין וויטיק, — אז ביי אייך אין די קאפּיטאַליסטישע לענדער שלאָגט מען די פּויערים, מען שמייסט זיי, זיי הונגערן. מען האָט אונדז דערציילט, אז די ארבעטער שלאָפן אויפן גאס, אונטער בריקן. זיינען מיר געווען שוין גליקלעך, וואָס מיר לעבן אין אזא ווילטאַג... אמת, די מאַמושקאַ פלעגט נישט איינמאָל דערציילן, אז איידער עס איז געקומען דער באָל־שעוויק, ביים צאַר, האָט מען כאַטש נישט אזוי פיל געדאַרפט האָרע־ווען און מ׳האָט כאַטש געהאַט א שטיקל ברויט. — אָבער איך האָב געטראַכט: „אַן אלטע, ווער ווייסט, וואָס עס חלומט זיך איר". אָבער אין סוף פון 1940 קומט צוריק פון מיליטער א בחור פון קאָלכאָז. געקומען איז ער אַן א האַנט. אראָפּגענומען אין קאַמף קעגן די פּאָליאַקן ביים באַפרייען לעמבערג. און אָט דער אַנדרייקע, ווי מען האָט אים ביי אונדז גערופן, מאַכט אַן א סומאַטאָכע ביי אונדז.

ער האָט דערציילט, וואָס ער האָט געזען אין די באַפרייטע געביטן און ביי אונדז אלעמען האָט זיך צעשפּילט די פאַנטאַזיע, „ווי אזוי צו דערגיין אהין". אַנדרייקען האָט מען אין עטלעכע טעג ארום פאַרשיקט צו די ווייסע בערן, אָבער איך האָב שוין נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן יענעם לעבן וועגן וואָס עס האָט אונדז דערציילט אַנדרייקע.

קאַסטעטשקאַ האָט זיך געכאַפּט, אז ער רעדט צופיל. איצט ווייסט ער, אז ער האָט געזינדיקט קעגן פאַטערלאַנד. שווער געזינדיקט, נישט צו פאַרגעבן. ווייל ער איצט מיט זיין בלוט אין קאַמף קעגן די נאַציס זיינע זינד אויסקויפן.

נישט דעם גאַנצן אמת דערציילט ער. ער האָט מיר נישט דער־ציילט, פאַרוואָס ער איז אזוי שפּעט געקומען אין פּאַרטיזאַנקע. איך האָב ביי אים נישט געפרעגט, וואָס פאַר אַן ארבעט ער האָט אויסגע־פירט דינענדיק אין נאַציישן שטראָף־באַטאַליאָן. אלץ ווייס איך נישט פרעגנדיק. איך ווייס, אז עס קומען איצט צולויפן אלע טאָג צענדליקער אזעלכע קאַסטעטשקאָס פון די נאַציישע באַטאַליאָנען. זיי אַנטלויפן, נישט דערפאַר ווייל זיי איז די ארבעט נמאס געוואָרן, נאָר ווייל זיי ווייסן שוין איצט אויף זיכער, אז די נאַציס וועלן שוין דעם קריג נישט געווינען. זיי טראַכטן איצט אלע: ווער ווייסט, אפשר וועלן זיין איצט אַנדערע אָרדענונגען ביי די סאָוועטן. אפשר וועט מען זיי, אויב זיי זאָלן גוט קעמפן קעגן די נאַציס, טאַקע פאַרגעבן די חטאים, אזוי ווי

עס פארזיכערן זיי די פלוג-בלעטלעך, וואָס די פארטיזאנקעס האָבן זיי אונטערגעוואָרפן צו לייענען.

ווער ווייסט, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען זיי וואָלטן נישט דערשפירט, אז אויך זייער קאָפּ שטייט אין געפאר.

דער גאנצער פארכאָמענקאָ-אָטריאד באשטייט פון אָט די געוועזע־נע. רוצחים זיינען זיי אלע. אָ, וויפיל בלוט זיי האָבן פארגאָסן. זיי זיינען אויך פאראן אין אנדערע אָטריאדן. נישט איין סאָוועטישן לערער, נאטשאלניק, סטודענט, דאָקטאָר, אָפיציר האָב איך צווישן זיי געטראָפן. איין זאך אָבער וואָס מען דארף אָנערקענען: זיי זיינען איצט גוטע קעמפער, שטורמאָוויקעס און די גרעסטע צאָל קרבנות אין קאמף פאלט אויס אויף זייער חשבון.

אין פארכאָמענקאָ-אָטריאד זיינען אויך פאראן עטלעכע יידן. זיי דערציילן מיר, אז זיי פילן זיך דאָרט נישט שלעכט. די נאָר־וואָס גע־וועזענע רוצחים און פריערדיקע... שווייגן, מאכן זיך נישט וויסנדיק. אָבער דער גיפט איז דאָך פארבליבן און ביי געלעגנהייטן ווייזן זיי עס ארויס. בפרט ווען זיי זיינען שיכור. קיינער ווייסט נישט, צי האָט ביארוק דערשאָסן די שלאָפנדיקע באסקעלע, ווייל ער איז געווען שיכור, צי ווייל דאן איז געווען די ריכטיקע געלעגנהייט.

אין א צווייטן אָטריאד איז נישט לאנג געקומען דער פאָליציי־ קאָ־מאנדאנט פון קאָבילניק סלאָנימסקי. קאָבילניקער פארטיזאנער רייסן זיך ממש ביז בלוט די הויט פון זיך: ס׳טייטש, ווי דערלאָזט מען דאָס, אז דער הויפּט-מערדער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, טאטעס, מאמעס און קינדער, דער זעלבער סלאָנימסקי זאָל גאָר זיין אין אן אָט־ריאד.

מען האָט עס דערטראָגן צו מארקאָוון, צו גרישען, צו מאָנאכאָוון. אלע האָבן געענטפערט: מיר ווייסן.

אויך מיר שטעלן זיך פאָר, אז די פארטיזאנער־באוועגונג דארף האָבן וואָס מער קעמפער און וואָס מער קעמפער אָפציען פון שונא. איצט, פארשטייען מיר, דארף מען אויסנוצן אלעמען. מיר ווייסן אז איצט קען מען זיי נישט באשטראָפן, ווייל דאן וועט קיינער פון זיי מער נישט קומען אין וואלד. יאָ, מיר ווייסן און ס׳הארץ ווייטיקט, צו מוזן זיין צוזאמען מיט זיי, קעמפן מיט זיי, און דארפן זיך פריינטלען מיט זיי.

איינער פון אָט די געוועזענע איז דער גענעראל ראדיאנאָוו, וואָס איז איצט טעטיק אין ראיאָן פון גלובאָק, קרולעווטשיזנע, דאָהילנאָוו.

ווען ער האָט זיך מיט זיין רויט-ארמייאישע דיוויזיע איבערגע־געבן צו די דייטשן, האָט ער געהאט גליק. מען האָט אים גלייך באַוואָפנט און געשיקט קעמפן קעגן די פארטיזאנער און אויספירן די ליק־ווידאציעס פון יידישע ישובים.

הונדערטער פארטיזאנערס, באהאלטענע סאָוועטישע באאמטע, רויטארמייער און טויזנטער יידן האָבן די ראדיאָנאָוועצעס אויסגע־מאָרדעט. ראדיאָנאָוו, אן אויסערגעוויינלעך געוואגטער, פלעגט אומ־דערשראָקן קריכן מיט זיינע סאָלדאטן אין די וועלדער און מאכן א תל פון די פארטיזאנישע באזעס. ער האָט גוט געקענט אָט די מלאכה.

און געווים, דערפילנדיק, אז נישט ער וועט דעם קריג געווינען, האָט ער זיך פארבונדן מיט די פארטיזאנער.

זיין ערשטע אָפעראציע: ער האָט מיט זיין גלענצנדיק אויסגע־שטאטע דיוויזיע מיט די בעסטע וואָפן, ווען די דייטשן האָבן אים גע־האלטן פאר א זייערדיקן, פארנארט אין די וועלדער פון קרולעווטשיזנע א גאנצן דייטשן באטאליאָן, פון וועמען עס איז קיין איין מאן קיין לע־בעדיקער נישט ארויס. די ראדיאָנאָוועצעס זיינען געוואָרן אין אונדזער געגנט דער שרעק פאר די דייטשן. צענדליקער אויסערגעוויינלעך שווע־רע אָפעראציעס, ווי עס זיינען פארניכטעט געוואָרן גארניזאָנען, אמו־ניציע און אנדערן וויכטיקן מלחמה-אינוועטאר, האָבן שוין די ראדיאָ־נאָוועצעס דורכגעפירט.

עס איז קלאָר דעריבער, פארוואָס די צאָל פאַרטיזאנער וואקסט ווי אויף הייוון. צענדליקער טויזנטער זיינען זיי איצט פאראן. אויך יידן איז שוין גרינגער אָנגענומען צו ווערן אין די אָטריאדן. אנדערע גיבן זיך נישט ארויס, אז זיי זיינען יידן, אָבער דער ווייט-גרעסטער טייל שטאָלצירט מיט זיין יידישקייט. זיי האָבן מיט וואָס צו שטאָלצירן, ווייל וועגן זייער גבורה, וועגן זייערע העלדיש-געוואגטע אָפעראציעס וועבן זיך שוין לעגענדעס וועלכע קענען די ווירקלעכקייט נישט אריבער־שטייגן.

# העלדן

וואָס איז אַ העלד? ווער איז אַ העלד?

אָפּט נאַרט אונדז דער דמיון אָפּ. אויך איך האָב זיך ביז מיט אַ וואָסערע עטלעכע יאָר צוריק פאַרגעשטעלט, אַז אַ העלד דאַרף אויסזען אַזוי, ווי עס האָט אויסגעזען אונדזער ווילנער זישע ברייטבארד — שלמהקע דוואָרעצקי.

אַ הויכער, פעסטער יונג לויטן אויסזען. אָבער נישט נאָר פון אויסזען האָט מען געקענט האָבן אַ פאָרשטעלונג, אַז ער איז אַ העלד, אַ גבר.

אָפּט פלעגן זיך באַווייזן אַפּישן אין די גאַסן, אַנאָנסן אין די צייטונגען, אַז דער גיבור שלמה דוואָרעצקי וועט באַווייזן זיין גבורה אויף דעם מכבי-פּלאַץ.

פלעגט זיין פאַרשאָטן דער גרויסער פּלאַץ פון הונדערטער צושויער, וועלכע פלעגן באַוואונדערן, ווי אַזוי דוואָרעצקי בייגט דיקע אייזנס, ווי ער רייסט בלעך מיט די הענט, ווי ער האַלט-איין מיט די ציין די לייצעס פון פונאַנדערגעיאָגטע פערד, ווי עס פאָרן איבער אים צוויי לאַסט-אויטאָס מיט מענטשן...

דאָס געטאָ האָט אָבער געגעבן אַן אַנדער ענטפער:

מיט אַ גאַנצער מחנה יידן פון זיין גאַס, איז אויך דוואָרעצקי געגאַנגען אין אַ פאַרצווייפלטער אין געטאָ. אין שטייג האָט זיך דער גבר איינגעבראָכן. מען האָט אים נישט געקענט דערקענען. קיינער האָט זיך אויף דעם נישט געחידושט. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז צו זיין אַ העלד אין געטאָ דאַרף מען דער עיקר נישט זיין גייסטיק צוזאַמענגעבראָכן. די געטאָ-ווירקלעכקייט האָט געוויזן, אַז גראָד יידן מיט אַ געזונטן גייסט, מיט אָפּטימיזם, מיט געזונטן צוגאַנג צו געשאַפענע באַדינגונגען, האָבן געקענט גיכער אַריבערטראָגן די שווערסטע ליידן.

דוואָרעצקי איז געווען נישט דער איינציקער פון זיין קאַליבער וואָס האָט דאָס געזאָגטע דערוויזן.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שחיטות, האָט זיך דער גבר אויס־באהאלטן מיט זקנים און קינדער אין א מעלינע.

יידן, וואָס האָבן געזען ווי מען האָט אים געכאפּט, דערציילן, אז ער האָט אפילו נישט געמאכט דעם קלענסטן פּרווו צו אנטלויפן, צו שטעלן א ווידערשטאנד. ער איז א דערדריקטער געגאנגען אונטער דער וואך פון ליטווישע פּאָליציי־לייט צום טויער און פון דאָרטן אין לעצטן מארש, צו פּאָנאר.

אויך אין וואלד האָט מען אזוינס געקענט באמערקן.

אונדזער ווילנער סאלאָמאָן גארבעל, ווען מיר האָבן געקענט ווי א פעסטן יונג, האָט דאָ, אין וואלד, ווי זיין מענטשלעכע מראה פאַר־לוירן, שמוציק, ארומגעריסן, נישט איינער האָט אים געוואָרפן גאנץ אָפן א חוזק־שמייכל, נישט איינער האָט זיך אויף זיין חשבון געוויצלט. ער האָט דאָס אפילו נישט איינמאָל צוגעהערט און שטיל צוריקגע־שמייכלט.

מיר האָבן נישט געקענט פארשטיין, וואָס עס איז מיט דעם בחור געוואָרן. נישט געקענט פארשטיין האָבן דאָס אויך זיינע חברים, וועל־כע זיינען יאָרן־לאנג מיט אים געווען צוזאמען אין איין קעמערל אָדער זיך געפריינדלט.

עס טרעפט אָבער נישט זעלטן, אז גראָד פון אזעלכע, פון וועמען מען ריכט זיך צום ווייניקסטנס אויף העלדישקייט, פון די קליינינקע, נידעריטשקע, פון די דארינקע, שטילינקע, גראָד זיי איבערראשן מיט זייער געוואגטקייט, מיט זייער אומדערשראָקנקייט, אין זייער אויס־פירן אויף אויסגעצייכנט די שווערסטע אָפּעראציעס.

ביי אונדז אין די אָטריאדן זיינען פאראן אזעלכע נישט ווייניק.

וואסיל גאָרבוטשעוו און לייבע וואָלאקן נעם איך בלויז ווי מוס־טערן: דוכט זיך א קוק טוענדיק אויף גאָרבוטשעוון, וואָלט קיינער נישט געקענט זאָגן, אז אָט די „אויסגעדארטע פייג", האָט באוויזן מער וויפל אנדערע הויכע, גראָבע, דיקע...

אין דייטשער געפאנגענשאפט איז וואסילי ארייגעפאלן א פאר־וווּנדעטער ביי דער סטאנציע מאָסטוואיא, נעבן רזעוו. 10 טעג איז ער אָפּגעלעגן אין סמאָלענסקער שפּיטאָל און דערנאָך האָט מען אים צוזא־מען מיט א פארטיע אנדערע געפאנגענע ארייגעזעצט אין וואגאָנעס מיט פארגראטעוועטע פענצטערלעך.

— איך האָב זיך געבעטן ביי די געפאנגענע — דערציילט וואסילי.

— מיר זאָלן אויפברעכן א טיר, אָדער א פענצטערל און אנטלויפן. אָבער בלויז איין לייטענאנט האָט צוגעשטימט. פאר די איבעריקע האָט

מען זיך גאָר געדאַרפט צוהיטן... אויפן דריטן מעת-לעת פון דער נסיעה האָט ער אומבאַמערקט פאַר קיינעם אין אָוונט אויסגעדרייט די שרויפּ-לעך, וואָס האָבן געהאַלטן צוגעפעסטיקט די דראָטן צו א פענצטערל, ארויסגעקראָכן פון יענער זייט און דערזעענדיק א זאַמדיקן גרונט, אראָפּגעשפרונגען. דער שפּרונג איז געווען א געלונגענער. ער האָט אָנגעהויבן פּויזשען אויף אַלע פיר און דערקראָכן אין א וואַלד.

— וווּהין גייט מען? ווּ געפין איך זיך?

— אָנגעטאָן אין מיליטערישע קליידער, קריכט ער טיפער אין וואַלד אריין און דערוויסט זיך ענדלעך פון א פויערטע, אז ער געפינט זיך אין ליטע, נישט ווייט פון דער סטאַנציע גודאָגיי.

— האָב איך גענומען מיין קאַרטע, דעם קאָמפּאַס צו הילף און גע-נומען שניידן צום פראָנט...

דעם 18טן אויגוסט, א דאַטע, וואָס ער וועט תמיד געדענקען, ווערט ער אין א דאָרף, ווּ ער נייט אריין אָפּעסן, געכאַפּט פון ליטווישע פּאָ-ליציי. זיי ברענגען אים א געבונדענעם אין שטעטל אָסטראָוויעץ. זעענ-דיק די קאָמאַנדירסקע קליידער מיט דער קאַרטע און קאָמפּאַס, האָט דער פּאָליציי-קאָמיסאַר, אים אָנגעמענדיק פאַר א פאַראַשוטיסט, אוועק-געפירט אונטער אן עסקאָרטע פון צען פּאָליציאַנטן א געשמידטן אין ווילנער טורמע.

דאָרט טוט מען אים אויס נאַקעט, מען גיט אים אַרעסטאַנטסקע קליידער און אַלע זיינע זאַכן לייגט מען אריין אין א קעסטל און מען פאַרקלאַפּט עס. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט מען אים געבראַכט אין געשטאַפּאָ.

— ווער ביסטו? —

— א פאַרבליבענער נאָך פון דער מלחמה — ענטפערט וואַסיל.

— און אז דו געפינסט זיך אין געשטאַפּאָ, ווייסטו? — ווערט גלייך אויפגערעגט דער אויספאָרשער, — דעם אמת זאָג!

— דאָס וואָס איך האָב געזאָגט איז אמת, — ענטפערט דער אַרעס-טירטער — און וואָס איר ווילט קענט איר טאָן מיט מיר. מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן.

ערשט דאַן באַווייזן זיי וואָס דאָס איז אַזוינס געשטאַפּאָ. 20 מאָל ווערט ער געבראַכט צו זיי פון תפיסה. מען שלאָגט אים מיט לאַנגע גומענע שטעקנס, מען שטעכט מיט נאָדלען די פינגער. מען זעצט אים אוועק אויף אן עלעקטרישן שטול וואָס הויבט אָן צו דרייען אַזוי גיך, אז ער מיינט, אז אַלץ פּלאַצט אין אים, קריכט ארויס, — דער מאַרך, די אויגן, די צונג...

ערשט אין תפיסה קומט וואסיל צו זיך.

אויפן 55סטן טאָג קען ער שוין מער נישט אויסהאלטן.

— דעם 15טן אָקטאָבער זאָג איך ענדלעך ארויס, דאָס וואָס זיי פאָדערן פון מיר.

— איך בין א פּאראשוטיסט.

זיי האָבן גלייך אויפגעהערט צו פּייניקן.

— מיר וואָלטן דיך די גאנצע צייט נישט געשלאָגן, ווען דו וואָלסט גלייך זיך מודה געווען, — און באוויייזנדיק עטלעכע ציגעלעך טאָל (די־נאמיט) פרעגן זיי מיך — „איז ביי אייך פאראן א סך טאָל"?

— טאָנען גאנצע! — ענטפער איך.

— און ווו האָסטו אהינגעטון דעם פאראשוט?

— אין וואלד.

זיי זיינען צופרידן פון וואסילס ענטפער און פירן אים אין עטלעכע טעג ארום אין א מאשין, אונטער דער עסקאָרטע פון צוויי באוואָפנטע מאָטאָציקליסטן, אין די מיליטערישע קאזארמעס אין גודאָגיי, פון וואַנען ער דארף אויף מאָרגן גיין מיט זיי, צו ווייזן, ווו עס ליגט באהאלטן דער פאראשוט...

אין דרויסן הויבט אָן צו רעגענען. אין קאזארמע, ווו וואסיל ווערט אריינגעפירט, איז פינצטערלעך. מען גיט אים די בעסטע שפּייז און וויפיל ער וויל. זשאלעוועט ער נישט. עסט זיך גוט אָן און לייגט זיך שלאָפן.

אָבער ווער קען דאָס אין אזא מאָמענט מיט אן אויג צומאכן? ער טראכט גאָר, ווי אזוי נעלם צו ווערן פון דאנען.

— איך מאך זיך ווי איך שלאָף, אָבער איך הער — און פון צייט צו צייט טו איך א הויב א ברעם און ז ע וואָס עס טוט זיך ארום מיר.

אנטקעגן מיר דערזע איך קודם כל א פענצטער, וואָס איז מיט א פארניר פארמאכט אויף העלצלעך. עס קומען אָן דריי וועכטער, טוען א לייכט אויף מיר מיט לעמפּלעך און זעצן זיך אוועק אין עק זאל שפּילן אין קאָרטן. זיי האָבן אָפּגעשפּילט ביי א פּאָר שעה און דערנאָך זיך איינציקווייז, ארומקוקנדיק, צי איך שלאָף (און איך האָב זיך גע־מאכט ווי איך שלאָף און כראָפּע ווי א געהרגעטער) און צי די טיר איז גוט פארמאכט און זיך אויך צוגעלייגט א דרעמל טון.

ווען איך האָב דערפילט, אז זיי זיינען גוט איינגעשלאָפן, בין איך פאָרזיכטיק אראָפּ פון בעט, צוגעגאנגען צו א וועכטער און אים נישט שטארק א שטורכע געטון, כדי אין פאל, ווען ער זאָל זיך אויפכאפּן,

זאָל איך אים זאָגן, אז איך וויל גיין אין קלאָזעט. דער וועכטער אָבער האָט גאָרנישט געטראכט וועגן אויפכאפּן זיך.

וואסיל איז צו צום פענצטער, א דריי געטאָן די העלצלעך פון פאר־ניר און מיט די געשמידטע הענט אן עפּן־געטאָן פאמעלעך דאָס פענצ־טער און א שפּרונג ארויס אין שלאגס־רעגן אויפן גאס, זיך לאָזנדיק גיין גיך, וואָס טיפער אין דער פינצטערניש. אין אן ערך א שעה ארום, איז געוואָרן רויט דער הימל. ס׳האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, אז די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן די דערבייאיקע שטאלן, ווו זיי האָבן גע־מיינט, אז זייער געפאנגענער פאראשוטיסט ליגט באהאלטן און זיינען דעריבער געווען זיכער, אז ער וועט פון דאָרטן מוזן ארויסגיין. דאָס פייער, וואָס האָט באלויכטן דעם הימל, האָט אים אָבער גאָר געהאָלפן נישט צו בלאָנדזשען אין דער פינצטער. אין מיטן נאכט איז ער אריין אין א כוטער. דער פויער האָט זיך דערשראָקן פון זיין ארעסטאנטסקן הולך, ער האָט אים באפרייט פון די קייטן, אים געגעבן א פּאָר אלטע לאכמאנעס, געגעבן אָפּצועסן און געוויזן דעם וועג צום וואלד, ווו עס דארפן זיך געפינען אייגענע.

— נישט ווייט פון דאָרף שומדי, ביי אלט־ווילייקי האָב איך טאקע צום ערשטן מאָל באגעגנט פּארטיזאנערס.

אויך פון זיי האָט ער געהאט צוערשט צרות. זיי האָבן אים גאָר אָנגענומען פאר א שפּיאָן, אָבער ווען ער האָט זיי באוויזן זיין צעפּיי־ניקט לייב, האָבן זיי אים אריינגענומען אין דער חברותא.

# לייבע וואָלאַק

א יונג איז ער געווען, א פעסט-געבויטער און העכער פון מיטעלן וווּקס. שווארצע, ברענענדיקע אויגן, ענערגיש און האָט זיך אָריענטירט אין די שווערסטע סיטואציעס.

איך זאָג, אז אזא יונג איז לייבע וואָלאַק  ג ע וו ע ן, ווייל ער איז שוין נישטאָ... קיינער פון די פארטיזאנער וועט אים אָבער נישט פארגעסן. זאָל זיין אָנדענק אויך בלייבן לעולם ועד.

ער האָט זיך קוים ארויסגעראטעוועט פון זיין דאָרף סטאָיאצישאָק, וווּ עס האָבן געוווינט פון דורות יידישע פויערים. די נאצים האָבן אלעמען אויסגעקוילעט, אויך זיין משפחה און ער, דורך א פענצטער ארויס-שפרינגענדיק, האָט זיך דערשלעפּט צו דעם דערבייאיקן שטעטעלע קאזאן.

ער ווייסט נישט, צי עס זיינען דאָ פארטיזאנער אין וואלד. קען זיין, אז ער ווייסט גאָרנישט וואָס דאָס איז אזוינס א פארטיזאן, אָבער ער נעמט זיך גלייך אָרגאניזירן די יוגנט אין שטעטל. זיינע באפעלן ווערן הייליק אויסגעפירט. ער צעשיקט אין די ארומיקע דערפער עטלעכע חברה צו קריגן געווער און זיי קענען נישט קומען מיט ליידיקן. זיי ברענגען צוויי ביקסן און א נאגאן און ברענגען אויך א פארבינדונג מיט עטלעכע געפאנגענע רויט-ארמייער, וועלכע זיינען אנטלאָפן פון די דייטשן און בלאָנקען ארום אין די דערבייאיקע קאזאנער וועלדער.

מיט ישראלקע עסטעראָוויטש, ברוך ליפשין און ברוך צימערן באשליסט וואָלאַק ארויסגיין אין וואלד און זיך טרעפן מיט די עטלעכע פארטיזאנער. מען דאַרף זיך היטן, אז קיינער אין געטאָ זאָל נישט וויסן דערפון, מען דאַרף ארויסגיין אזוי, אז קיינער זאָל נישט באמערקן. די פאָרזיכטיקייט צווינגט וואָלאַקן אָפּצולייגן דאָס ארויסגיין צו די פארטיזאנער צו דער צייט, ווען ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן. ענדלעך, דעם 20סטן יוני, מיט א יאָר צוויי צוריק, אזייגער 12 ביינאכט, שלייכן זיי זיך ארויס, מיטן געווער באהאלטן אונטער די קליידער, דורך די דראָט-פארצוימונגען פון געטאָ.

גייען נישט אוועק קיין עטלעכע טעג, ווי עס ווערט א צערודערונג אין געטאָ. יידן גייען ארום צעטומלט. סודען זיך.

וואָס איז געשען? גיך ווערט דער סוד קלאָר. מען האָט געזען אין געטאָ אריינגנבענענדיק זיך פיר יינגלעך באָרוועסע, אין שמאטעס די פיס ארומגעוויקלט, פארחושכטע. יידן פארשטייען שוין, ווו זיי זיינען געווען, אָבער זיי קענען נישט באנעמען, פארוואָס זיי זיינען געקומען אזוי ארומגעריסן. צי האָבן זיי זיך נישט אמאָל פון פּאָליציי ארויסגע־ריסן? אויב אזוי איז דאָך שלעכט, קען דאָך די פּאָליציי קומען אין געטאָ און דאן איז א סוף צו אלעמען.

נאָך לאנגע מאטערנישן האָט לייבקע ארויסגעזאָגט, וואָס עס איז מיט זיי געשען:

— צוליב דעם, וואָס מיר זיינען צו די פארטיזאנער געקומען נישט צו דער צייט וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט, האָבן זיי צוגענומען ביי אונדז דאָס געווער, די קליידער מיט די שטיוול. מיר האָבן נאָך גוט אָפּגע־שניטן, ווייל זיי האָבן נאָך געוואָלט אונטערציינדן דאָס באָד, ווו מיר האָבן זיך געטראָפן, מיט אונדז אינאיינעם.

וואָלאק האָט זיך בלויז א פּאָר טעג אזוי ארומגעדרייט. ער האָט זיך גלייך ווידער גענומען צו דער ארבעט. האָבנדיק אויך א גוטן כוח הדיבור, האָט ער געווירקט אויף די איבעריקע חברה, וועלכע זיינען אנטוישט געוואָרן נאָך דער לעצטער געשיכטע, זיי זאָלן נישט זיין אראָפּגעפאלן ביי זיך.

זיי זיינען ווידער ארוים פון געטאָ. אָבער איידער גיין אין וואלד, מוז מען דאָך האָבן געווער. וואלגערן זיי זיך די נעכט איבער דערפער, ביי באקאנטע פּויערים און מיט גוטן און מיט בייזן באקומען די חברה אן אטרעזאנקע (א האלבער ביקס), א נאגאן און א האנט־פּולעמיאָט. צופרידענע גייען זיי מיט דעם צום ברעג וואלד, ווו זיי האָבן ווידער זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיט די פארטיזאנער. פון דער וויטן, נאָענט פון ברעג זעען זיי טאקע עטלעכע מענטשן און אָננעמענדיק זיי פאר פּאַרטיזאנער, שפּאנט לייבע פאָראויס פאַבענדיק צו זיי מיטן געווער.

— פונדעסטוועגן דארף מען זיין פּאַרזיכטיק, — האָט עסטעראָ־וויטש א זאָג געטאָן און איינגעהאלטן די צוויי חברה, אָבער שוין נישט געקענט איינהאלטן דעם היציקן לייבען...

עד היום ווייסט מען נישט, פון וואנען דאָ האָבן מיטאמאָל זיך גע־נומען פּאָליציי.

— ווער ביסטו? — האָבן זיי אים א פרעג געטאָן.

— א ייד, אנטלאָפן פון דער שארקאָוושטשיזנער געטאָ, — האָט

ער געענטפערט. זיי האָבן אים באזוכט און געפונען אויסערן נאגאן, אן ארבל־באנד פון א פּאָליציאַנט. פיר פּאָליציסטן האָבן לייבען געהייסן זיך גלייך אויסטאָן מוטער־נאקעט און אים געגעבן א רידל צו גראָבן א גרוב פאר זיך. די אנדערע זיינען אוועק אין דער ריכטונג, וווּ עס האָבן זיך צוריקגעצויגן די חברה.

און אויך גראָבנדיק דעם גרוב, פארלירט זיך נישט לייבע. „סיי־ווי־סיי — טראכט ער זיך — בין איך א פארפאלענער. מען דאַרף פרווון מזל".

אָפּשיטנדיק א רידל זאמד אָן א זייט, טוט ער אים, אָנשטאָט אין גרוב אריין, א זעץ איין פּאָליציאַנט איבערן קאָפּ, א צווייטן א פראסק אין מאָרדע אריין און הויבט אָן לויפן. די פּאָליציאַנטן קומען גיך צו זיך פון דער צעטומלונג און הויבן אָן שיסן אין לייבען וואָס לויפט אין זיג־זאגן. אפילו ווען עס טרעפט אים א קויל אין פוס און ער פאלט, הויבט ער זיך ווידער אויף און לויפט ווייטער. ערשט ווען עס טרעפן אים צוויי קוילן אין פּלייצע און א פערטע אין צווייטן פוס, פאלט ער א פארחלשטער אין גראָז און פארנאכטלעך ערשט הויבט ער זיך אָן צו באוועגן און קומט אביסל צו זיך.

ער קוקט זיך ארום — ער ליגט אין בלוט. קיינער נישטאָ נעבן אים. ער שטרענגט זיך אָן, קלייבט אויף די לעצטע ביסל כוחות און דערשלעפּט זיך א נאקעטער צו א פויערישער כאטע. די פויערטע דער־שרעקט זיך פאר אים. ער זאָגט, אז ער איז אנטלאָפן פון געטאָ. דורכן פענצטער דערלאנגט אים די פויערטע א צעריסענע סערמיאַגע מיט א פּאָר הויזן און אזוי דערשלעפּט ער זיך 7 קילאָמעטער ביזן שטעטל און 4 אזייגער פארטאָג גנבעט ער זיך ווידער אריין אין געטאָ.

— אין דער צייט — דערציילט זיין חברטע, די פארטיזאַנקע נחמה חדקל — האָב איך געהאלטן וואך ביי אונדז אין שטוב. מיטאמאָל דער־הער איך ווי עס סקראַפּקעט זיך וועמער ביים טיר פון אונדזער פּאָדערהויז. איך גיי צו צום טיר און א שרעק כאפּט מיך ארום. — עפּעס א הויכ־לעכן, אָפּגעריסענעם, פארבלוטיקטן מענטשן דערזע איך דורך די שפּאַ־רונעס. איך וויל שוין פארהאקן די טיר, נאָר פּלוצלינג הער איך ווי יענער רופט מיט א באקאנטער שטים:

— נחמהלע, עפן, ס'איז אן אייגענער.

איך גלויב צוערשט נישט מיינע אויערן. איך גיי אָבער צו, ריגל אויף די טיר און קוויטשע אויס ווי נישט מיט מיין קול:

— א קלאָג צו מיר, לייבע! — איינגאנצן אין בלוט איז ער געווען איינגעטונקט, פארצערט, נישט צו דערקענען.

פאַרטאָג האָט שוין דאָס געטאָ געקאָכט: לייבע וואָלאַק איז געקו־מען א צעשאָסענער...

וואָלאַק איז אין געטאָ... ס׳וועט זיין אן אומגליק...

קיין דאָקטאָר אין געטאָ איז נישט געווען. צום פוילישן דאָקטאָר אין שטעטל האָט מען נישט געוואָלט ריזיקירן און דער עיקר — דער דאָקטאָר האָט אין געטאָ נישט געטאָרט אריינגיין. לייבען ווערט אלץ ערגער און ערגער. באַקומט גרויסע היץ. דער יונג ראַנגלט זיך, דאָס האַרץ ווערט צעריסן קוקנדיק אויף אים.

— זאָל זיין וואָס עס איז! — קען נישט אויסהאַלטן נחמהס ברו־דער, וואָס ריזיקירט און קיינעם גאָרנישט זאָגנדיק, ברענגט ער דעם פוילישן דאָקטאָר, וואָס קומט עטלעכע מאָל פאַר גוטע געלט צום חולה אין געטאָ.

לייבען ווערט בעסער.

אין א וואָך ארום קומט אריין אין געטאָ א פוילישער פּאָליציאַנט און דערציילט, ווי אזוי ער און נאָך א פּאַרטיע פּאָליציאַנטן האָבן גע־כאַפּט וואָלאַקן מיט געווער און ווי אזוי זיי האָבן אים ביים אנטלויפן דערשאָסן. דער פּאָליציאַנט האָט זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון דעם העלדישן יונג. אין געטאָ ווערט ווידער טומלדיק.

טאָמער דערוויסט זיך די פּאָליציי, אז וואָלאַק איז אין געטאָ, דאַן ווער ווייס, וואָס עס קען געשען. דאָס גאַנצע געטאָ קען נאָך מיט רויך אוועקגיין פאַרן אויסבאַהאַלטן אים.

אין מיטן נאַכט, טראָגן אים זיינע חברים א קראַנקן ארויס און באַהאַלטן אים אויף א בוידעם פון א פוסטער שטוב אויסערן געטאָ. עס זיצט נעבן אים א קראַנקן־שוועסטער. מען טוט אלץ כדי אים געזונט צו מאַכן. ווען דער דאָקטאָר האָט זיך דערוווּסט דעם אמת וועגן לייבעס ווונדן, האָט ער אוים מורא, טאָמער כאַפּט פּאָליציי איצט וואָלאַקן און זיי וועלן זיך דערוויסן, אז ער האָט אים געהיילט, געצוווּנגען מען זאָל וואָלאַקן צונעמען תיכף ומיד פון שטעטל. נאָך איבערמענטשלעכע אָנ־שטרענגונגען געלינגט צו קריגן א פויערישע פור און א באַהאַלטענעם אונטער היי, פירט דער פויער איבער לייבען, וועלכן עס איז ווידער געוואָרן ערגער (די ווונדן האָבן זיך צעעפנט), אין ווידזער געטאָ.

אין קאַזאַנער געטאָ באַדויערט מען לייבען, מען גלויבט שוין נישט, אז ווען ער זאָל אפילו אויסגעהיילט ווערן, זאָל ער שוין קענען טויגן צו וואָס. גייט אָבער אריבער א פּאָר חדשים און פּלוצלינג אין א גוטן פרימאָרגן — לייבע איז דאָ! אָן אויסגעפּוצטער, פריש, געזונט, א פאַר־גניגן אויף אים א קוק צו טאָן. נישט קיין שפּאַציר האָט ער אָבער

געמאכט, ער איז געקומען ווידער אָרגאַניזירן די יוגנט. ער האָט שוין אָרגאַניזירט ווידז, פּאָסטאָוו און קאָזיאַן טאָר אויך נישט אָפּשטיין.

ווען מען האָט די יידן פון קאָזיאַנער געטאָ אריבערגעפירט קיין סווענציאַן, גייט לייבע מיט דער גרעסטער טייל יוגנטלעכע אוועק אין וואלד. ער שאפט דאָן אַן אייגענעם אָטריאַד און ווארפט אָן א מורא אויף די ארומיקע דייטשע גארניזאָנען און שיסט אוים די פּויערים, וועלכע האָבן געהאָלפן מאָרדן, געמסרט און געראבירט יידן. ער רייסט אויף אין דער לופטן די פּאָליציי-וואך אין קאָזיאַן און צינדט אונטער דאָס שטעטל. ער ברענט און בראָט. ער ווישט אָפּ מיט דער ערד צו-גלייך זיין דאָרף, סטאָיאַטשישאָק.

ווען עס קומט א באפעל פונאנדערצולאָזן דעם יידישן אָטריאַד, גייט ער אריבער אין אָטריאַד „ספּארטאַק", ווו ער ווערט קאָמזוואָד (אָפּטייל-קאָמאַנדיר). ער ווערט דער באליבטסטער פּארטיזאַן אין אָטריאַד. אויף אלע אויפגאבעס גייט ער דער ערשטער און פירט אוים געניי, מיט פּע-רעפיאָק, די אויפגאבעס. עס קומט אים כסדר אוים, אז ער האָט נאָך אלץ קיין נקמה נישט גענומען.

מיט עטלעכע חדשים צוריק, דעם 15טן פעברואר, גייענדיק אויף אַן אויפגאבע, טרעפט זיין גרופּע אָן אויף א גרויסע פיינטלעכע זאסאדע (לויערונג), ווו זיי ווערן ארומגערינגלט. לייבע גיט א באפעל נישט אונטערצוגעבן זיך. די גיבורים שלאָגן זיך ווי לייבן און פאלן ווי העלדן אין נישט גלייכן קאמף...

— אויב מיר וועלן האָבן אמאָל אַן אייגענעם ווינקל — האָט מיר ווען איינגערוימט העשקע בושקאַניעץ, — וועט אזא בחור ווי לייבע, דארפן באקומען דעם אָרדען „העלד פון יידישן פאָלק".

# דער וועג צו גאולה

פרילינג?

יאָ, ס'איז חודש מאַי.

נאָר נישט נאָר פון דער קלימאַטישער פרילינגדיקייט איז צע־שפּרייט איבער די וועלדער אזא ערב יום־טובדיקייט.

מיר פילן, אז פון דעם פרילינג ווערט ארומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט. אפילו דאָרט, ווו עס איז גאָר איצט אפשר גאָר ווינטער לויטן קאַלענ־דאַר.

מאַי 1944 ביי אונדז אין די נאַראָטשער וועלדער:

די באַריכטן פון ראַדיאָ גיבן איבער נייעס פון אַלע פראָנטן. או־מעטום כאַפּן די נאַצים קלעפּ. מען שמועסט שטאַרק, אז אָט אָט און עס וועט זיך אויך עפענען דער צווייטער פראָנט. די פּאַרטיזאַנישע אָנפי־רונג באַקומט באַפעלן פון צענטער צו העלפן די פּויערים פאַרזייען די פעלדער. (פאַראַיאָרן און פריער האָבן מיר געשטערט די פּויערים אין דעם). דורך פאַראַשוטן באַקומען מיר צייטונגען און אפילו בריוו. צו א סענסאַציע דערגייט פאַר אַלעמען דער בריוו, וואָס איז פאַר מיר אָנ־געקומען פון מאָסקווע געשריבן פון די סוצקעווערס. זיי שרייבן וועגן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, וועגן די פאַרבינדונגען מיט דער גאָרער יידישער וועלט, וועגן באַקאַנטע חברים, וואָס האָבן זיך אָפּגעפונען.

פרילינג, פרילינג...

די ערגסטע לאַגע פאַר אונדז שטייט נאָך איצט פאַר. יעדערער ווייסט, און די קאָמאַנדע האָט נישט איינמאָל אין די טאָג־באַפעלן וועגן דעם אונטערגעשטראָכן, אז ערשט איצט שטייט נאָך פאַר פאַר אונדז דער ריכטיקער עקזאַמען. ווען די דייטשע אַרמיי וועט אָפּטרעטן, וועלן מיר ערשט דאַן דאַרפן פאַרשטאַרקן די דיווערסיע־אַרבעט. עס איז קלאָר, אז דער שונא וועט דאַן שיקן זיינע ספּעציעלע באַטאַליאָנען, וואָס דאַרפן צוגרייטן פאַר דער אָפּטרעטנדיקער אַרמיי א זיכערן וועג. מיר ווייסן, אז ערשט איצט שטייט פאַר אונדז פאַר די אמתע אָבלאַ־וועס, אז די קירצסטע צייט, וואָס קען אונדז אָפּטיילן פון טאָג, ווען מיר

וועלן באַפרייט ווערן פון דער פיינטלעכער ארומרינגלונג און מיר וועלן זיך קענען פאַראייניקן מיט דער רוסישער ארמיי, קען אונדז אויסקומען גאָר, גאָר א סך דורכצומאַכן און אפשר... און פאַרוואָס טאַקע נישט כמעט ווי  ז י כ ע ר,  דעם טאָג פון שונאָס מפּלה גאָר נישט דער־לעבן.

איך קוק גוט איבער, לייען גוט אדורך מיינע אלע געזאמלטע מאַ־טעריאלן, מיינע טאָג־נאָטיצן און זע, אז עס פעלן נאָך א סך, א סך פאַרצייכענונגען וואָס זאָלן אפילו מיר אליין, אויב איך זאָל שוין א גאַנצער ארויס, קענען געבן א פול בילד וועגן וווּנדערלעך־פאַנטאַסטישן לעבן פון די קעמפנדיקע ראַבינזאָן קרוזאָס אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער גורל האָט אויסגעקליבן, אז אויך  א י ך  זאָל זיין איינער פון זיי.

איך ווייס זייער גוט, אז אין מיינע נאָטיצן האָב איך בלויז ארומ־גענומען א קליינינקן טייל  פון אלגעמיינעם פּאַרטיזאַנער־לעבן  וואָס האָט זיך צעצווייגט איבער טויזנטער קילאָמעטער  אין די וועלדער, זומפּן, בלאָטעס און שוין אויך אין קלענערע שטעט, שטעטלעך, דער־פער. איך ווייס, אז יעדער ראַיאָן, יעדע בריגאַדע, יעדע אָנפירונג האָט זיך אירע באַזונדערע אופנים פון שטייגער־לעבן, פון קאַמפּס־פאָרמען, סטראַטעגיע, אינערלעכער פירונג, פון אינערלעכער סאָלידאַריטעט, פון נצחונות און מפּלות.

אָט זע איך, אז איך האָב נאָך גאָרנישט דערציילט וועגן קאַמף, וואָס עס פירן קעגן אונדז די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען אונ־טערגעוואָרפן די באַפעלן פון זייער לאָנדאָנער רעגירונג אין שפּיץ פון גענעראַל שיקאָרסקי. אמת, מיר האָבן זיך מיט זיי נאָך גאַנץ ווייניק צוזאַמענגעטראָפן ביז אהער, אָבער צרות האָבן זיי אונדז אָנגעטאָן גאָר, גאָר א סך און נישט ווייניק פּאַרטיזאַנער אונדזעריקע זיינען פון זייערע הענט אומגעקומען.

שרייבנדיק וועגן דעם לעבן אין געטאָ און וואַלד אין פאַרבינדונג מיט מיינע אייגענע איבערלעבונגען, האָב איך נאַטירלעך נישט גע־קענט ארומכאַפּן אויך די גאָר גוואַלדיקע און געוויס אינטערעסאַנטערע איבערלעבונגען פון אנדערע פּאַרטיזאַנער. נאָר איינציקע פּאַסירונגען האָב איך געפּרוּווט פון עטלעכע קעמפער צו ברענגען אין זייער נאָמען.

זיכער האָט געקענט זיין אין אנדערע אָטריאַדן אנדערש ווי אין די אָטריאַדן, ווו עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין און צו זען. דאָס ווייס איך אויך פון דעם, וואָס עס האָבן מיר דערציילט פּאַרטיזאַנער

פון גאַר ווייטע געגנטן, וועלכע פלעגן דאָ פון צייט צו צייט קומען אין פאַרשידענע שליחותן.

מען דאַרף נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערזאָגן:

עס זיינען פאַראַן אָטריאַדן, ווו די אָנפירונג ליגט אין אמת-מענטש-לעכע הענט. גוטע קאָמאַנדירן און גוטע חברים. מאַכן נישט קיין שום אונטערשיד פון פּאַרטיזאַן, צו וועלכן גלויבן צי ראַסע ער זאָל נישט געהערן. אַזאַ אָטריאַד איז מזל-ברכהדיק אין זיינע קאַמפּס-אונטערנע-מונגען. אפילו די יעניקע, — וועלכע וואָלטן זייער געוואָלט א ווייז-טון, ווער זיי זיינען, מוזן זיין שטאַרק דיסציפּלינירט און אַרויסווייזן אַלעמען חברשאַפט און הילף. עס קען נישט זיין אין אַזעלכע אָטריאַדן קיין סימן פון אומטאָלעראַנץ פון איינעם צום צווייטן. יעדער קעמפער ווייסט: פאַר יעדע אַזאַ דערשיינונג באַקומט מען די סאַמע העכסטע שטראָף. אומטאָלעראַנץ ווייזן א טייל רוסישע פּאַרטיזאַנער אויך אַרויס צו אוקראַינער, צו טאַטאַרן, טאַדזשיקן און אַנדערע, וועלכע ווערן אָנ-גערופן מיט דעם צונאָמען „נאַצמען" (פון וואָרט „נאַציאָנאַלנאָיע מענשינסטוואָ" — נאַציאָנאַלע מינדערהייט), וואָס ווערט באַטראַכט ווי א זידל-וואָרט.

עס ווערן דערציילט אויסערגעוויינלעך-רירנדיקע פּאַסירונגען פון פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן זייער גרייטקייט צו ראַטע-ווען און העלפן א צווייטן פּאַרטיזאַן, פאַרלירנדיק דערביי דאָס לעבן, און נישט זעלטן זיינען געווען די געראַטעוועטע, די געהאָלפענע, יידן און די רעטער רוסן, אוקראַינער א. א.

לויט די דערציילונגען, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט און לויט מיינע ביז-אַהעריקע איבערלעבונגען, פיל איך אָבער, אַז אין די מערסטע אָטריאַדן איז די באַציאונג צו יידן און אויך צו די „נאַצמענען" געווען א שווידערלעכע אין אָנהויב פון דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג און האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן איינגעלאָשן ביז היינט.

עס זיינען אָן שום ספק פאַראַן אין די גוטע הונדערטער, הונדער-טער „נאַצמענען", צווישן וועלכע א גרויסער פּראָצענט זיינען יידן, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייער לעבן פון די אייגענע פּאַרטיזאַנער און קאָמאַנדירן. מען האָט זיי נישט געשאָסן סתם אָן א פאַרוואָס, מען האָט אָבער שטענדיק געפונען דעם וועג כדי די קויל זאָל טרעפן...

פאַר א באַגאַנגענעם חטא האָט מען א נישט-יידישן פּאַרטיזאַן באַ-שטראָפט מיט עטלעכע טעג אַרעסט, דאַקעגן א ייד איז דערפאַר דער-שאָסן געוואָרן. יידן האָבן זיך זייער אָפט באַדאַרפט היטן גייענדיק אויף אָפּעראַציעס נישט אַריינצוכאַפּן קיין קויל אין פּלייצע פון אייגענע.

אָט דערציילט מען, אז אכט יידן זיינען אין מירער ראיאָן דערשאָסן געוואָרן פון די פּארטיזאנער פון סטאריצקים אָטריאד. קיינער פון די באנדיטן איז פון דער קאָמאנדע נישט באשטראָפט געוואָרן. מען וואָלט דאָך באדארפט פאר אזא פארברעכן דערשיסן די עטלעכע צענדליק אויסוואורפן.

איצט איז געווען אביסל רואיקער. אין העלדישקייט האָבן יידן וויית-ווייט אריבערגעשטיגן זייערע קאמפּס-חברים. דאָס האָט ארויסגערופן צו אָט די העלדן דרך ארץ און נישט ווייניק קנאה. צי קען מען דען פארגעסן, וואָס עס האָט אָפּגעטאָן אין די ליפּטשאנער וועלדער דער קאָמאנדיר קאליא וואכאָנין, — וואָס האָט אוים קנאה צו דער העלדישער יידישער גרופּע, וואָס איז אנטלאָפן פון זשעטלער געטאָ אין די וועלדער, זיך פארנומען די גרופּע צו פארניכטן און האָט דעם טייוועלשן פּלאן דורכגעפירט דעם 11טן מאי 1942. מיט זיינע פּארטיזאנער איז וואכאָנין אומגעריכט באפאלן די יידישע גרופּע אונטער אלטער דוואָרעצקים און משה פּאזולסקים אָנפירונג, וועלכע זיינען מיט נאָך פיר קעמפער געפאלן פון די פּארטיזאנישע קוילן. אזוי זיינען אויך דערשאָסן געוואָרן אָן א פארוואָס דער קאָמאנדיר פון געוועזענעם יידישן אָטריאד אין די זעלבע וועלדער הירש קאפּלינסקי, ערגעץ אנדערשוו — דער בארצנאָוויטשער דאָקטאָר אברהם אבראמאָווסקי. מען ווייסט אויך צו דערציילן וועגן דעם זשעטלער מיידל שרה אלפערט, וואָס איז דורך פּארטיזאנער צוערשט פארגוואלדיקט געוואָרן און צוזאמען מיט איר חבר מיירים דוואָרעצקי דערנאָך דערשאָסן געוואָרן. דער אנטלאָפענער, פארווונדעטער משה מאנקעוויטש האָט דערציילט וועגן דעם דער פּארטיזאנער-אָנפירונג און די באנדיטן ווערט גאָרנישט געטאָן.

מיט וואָס פאר א סאטיספאקציע מיר האָבן אויפגענומען די ידיעה, וואָס איז געקומען צו אונדז אביסל פארשפּעטיקט, אז די פּארטיזאנער-אָנפירונג פון קרוקס בריגאדע, אין וואָלינער געגנט, האָט דערשאָסן דעם קאָמאנדיר פון איינעם פון די אָטריאדן, א געוועזענער סאָוועטישער עלטערער לייטענאנט, נאסיעקין, פארן דערלויבן זיך אויסצופירן „נישט קיין בארעכטיקטע טויט-אורטיילן”. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער סוואָלאָטש האָט אונטערן אויסרייד פון (קיינמאָל נישט) באגאנגענע חטאים מצד זיינע יידישע קעמפער, זיי איינציקווייז צעשאָסן. מיט זיינע איבעריקע פּארטיזאנער פלעגן זיי אפילו באפאלן אין פּאָלעסיער ראיאָן צענדליקער יידן, וועלכע זיינען אנטלאָפן פון די שחיטות פון די ארומיקע שטעטלעך, און נאָכן בארויבן זיי, אויסשיסן. יאָ, נאסיעקין איז דערשאָסן געוואָרן, זיין שטראָף באקומען, אָבער אָ, וויפיל אזעלכע

דרייען זיך נאָך ארום און מען ווייסט פון זיי און קיינער מאכט זיך גאָרנישט ווּיסנדיק.

איך טראכט: דער וועג צו גאולה איז פאר אונדז אויסגעזייט מיט סמיק־שפּיזיקע דערנער. איך טראכט: — נאָך דער מלחמה, ווען די גע־רעכטיקייט וועט איבער דער וועלט מנצח זיין, וועלן די פון אונדז, וואָס וועלן בלייבן לעבן, קיינמאָל נישט קענען פאַרגיטיקט ווערן פאר די אומזיסטע ליידן. איך טראכט: צי קען דאָס זיין, אז די סאָוועטישע רעגירונג, די פּאַרטיי, דער גענעראַל־שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אויף יענער זייט פראָנט, זאָל נישט וויסן וואָס עס קומט פאָר אין די וועלדער מיט יידן און מיט די נאַצמענען? דאָס קען דאָך נישט זיין! אין די וועלדער זיינען דאָך איצט פאַראַן טויזנטער געשיקטע פון יענער זייט פראָנט, פּאַראַשוטיסטן. צווישן זיי זיינען דאָך פאַראַן גאָר הויכע פּאַרטיי־לייט, אָפיצירן, אפילו געריכטס־אָפּטיילונגען זיינען דאָך אין די פּאַרטיזאַנישע ראַיאָנען פאַראַן. — פאַרוואָס קענען טייל אָטריאַדן זיין מוסטערן פון ברידערלעכקייט און אנדערשווּ זאָלן די אָט־ריאַדן פאַר א טייל קעמפער — א גיהנום זיין.

איך ווייס, אז היטלער האָט דאָס זייניקע אָפּגעטאָן, אפילו ווען ער וועט שוין די מלחמה פאַרשפּילן. ער האָט פאַרזייט האס און שנאה צווישן מיליאָנען פון נישט נאָר דייטשן. אָבער מיין מוח באַנעמט נאָך אלץ נישט, ווי אזוי האָט זיך אָט די שנאה אָנגענומען צו סאָוועטישע בירגער, צו זייער יוגנט וואָס האָט זיך דאָך אויסגעהאָדעוועט אין אן אנדער וועלט, אין א וועלט, ווי מען פלעגט אונדז כסדר פאַרזיכערן, פון פעלקער־פריינטשאַפט.

איך האָב אויך נישט דערמאָנט, אז גאָר אָפט פלעגן יידן ווערן דערשאָסן אונטער דער באַשולדיקונג, אז זיי זיינען... דייטשע שפּיאָנען. מען האָט באַשולדיקט, למשל, אז די דייטשן האָבן ארויסגעלאָזן פון מינסקער געטאָ פרויען אין די וועלדער מיט סם. די יידישע פרויען האָבן דעם סם געדאַרפט אריינשיטן אין די פּאַרטיזאַנישע קיכן און ברונימער... און אונטער אזעלכע און אנדערע אבסורדע באַשולדיקונגען זיינען אומגעקומען מיט א „גערעכטן" אורטייל צענדליקער יידן. א טייל פון זייערע נעמען זיינען ביי מיר פאַרצייכנט.

איך האָב גאָר ווייניק דערציילט וועגן די העלדישע שלאַכטן, וועגן דעם ווי אזוי מען רייסט אויף דעם שונאס עשעלאָנען.

איך האָב כמעט נישט דערציילט וועגן די לעגענדארישע העלדישע פּאַרטיזאַנער. און דאָס האַרץ ווערט פון פרייד צעפּראַלט, הערנדיק פון אזעלכע יידן־גיבורים ווי בערל יאכאי, איצקע רודניצקי, יאָסל פּלעק־

סער (אלע סווענציאנער), די ברידער ביעלסקי וואָס זיינען די אָנפירער פון א טויזנט־קעפּיקן יידישן פּארטיזאנער־לאגער ערגעץ אין די נאַלי־באָקער פּושטשעס (געדיכטע, זומפּיק־בלאָטיקע וועלדער), דר. אטלאס, ברוך לעווין (זשעלוראק), אבנר פייגעלמאן, איציק בלאט און לייבקע חדש (פון גלובאָק), גרישקע לעווין, טעווקע סערעשׂ, יאנישסקי, חיים לאזאר, רוזשקע קארטשאק, וויטקע קעמפּנער און זעלדע טרעגער און צענדליקער אנדערע חברה פון ווילנע. הונדערטער, הונדערטער יידישע גיבורים נעמען טאָג און נאכט נקמה, פירן דורך די געפערלעכסטע און וויכטיקסטע אָפּעראציעס.

איך טראכט: אויב די קומענדיקע גערעכטע וועלט וועט פון חשבון אפילו אויסלאָזן די קרבנות, וואָס יעדעס פאָלק האָט געהאט פון די נאַ־צים, נאָר וועט אין חשבון בלויז ארייננשטעלן די פּאָזיציע פון אקטיוון קאמף, וואָס יעדעס פאָלק האָט צוגעטראָגן צו דער מפּלה פון היטלעריזם, וועט דאָך דאָס יידישע פאָלק אויך זיין אין די ערשטע רייען. איך בין זיכער, אז זאָל מען נאָר אויפשטעלן די רשימה פון די באטייליקטע פּארטיזאנער אין קאמף קעגן נאצי, וועלן יידן, ווייט־ווייט אריבער־שטייגן זייער „קוואָטע“, אפילו ווען מען זאָל אויך נישט נעמען אין אכט דאָס, וואָס מיר יידן האָבן אָפט געדארפט קעמפן כדי מען זאָל אונדז לאָזן קעמפן!

דערווייל אָבער גייט זיך דאָס געוויינלעכע פּארטיזאנער־לעבן ארום פון זיין געוויינלעכקייט. אלע זיינען אין גרויסער דערוואַרטונג פאר אָנקומענדיקע טעג, פאר גרויסע שלאכטן, פאר דעצידירטע מינוטן. אין דער בריגאדע איז די שטימונג א נערוועזע. די אויסשפּירער דער־טראָגן כסדר פרישע ידיעות וועגן דער גרויסער באוועגונג פון דייטשע חיילות צום פראָנט און פון די ספּעציעלע שטראָף־באטאליאָנען און עס־עס־עקספּעדיציעס אין די נאָענטע סטאנציעס ארום אונדז.

אַן איבערראשנדיקע איבערבייטונג קומט אויך פאָר ביי מיר:

דער הויפּט־קאָמאנדיר פון די פּארטיזאנישע כוחות פאר ליטע, פּאָלקאָווניק קאזימיר, ווענדעט זיך צו מארקאָוון, ער זאָל דערלויבן אריבערגיין צו אים אין בריגאדע קאטשערגינסקין. דער אומבייט גע־פעלט מיר שטארק, איך וועל זיך דאָרטן פילן א סך בעסער. איך גלויב, אז דאָרט וועל איך נישט הערן אזוי ווי דאָ, די כסדרדיקע שטעכווערט־לעך אויף דעם אדרעס פון אונדזער שטיבל, (נישט אנדערש ווי „יעווּ־רעיסקי קאהאל—יידישע קהלה, הייסט עס ביי דעם קאנצעלאריסט). איך בין אָבער דער עיקר צופרידן פון דעם, וואָס קאזימירס פּארטיזאנער האלטן ביים פארלאָזן די באזע און וועלן אָנהויבן די דיווערסיע־ארבעט

נענטער צו ווילנע, כדי אין מאָמענט, — ווען די סאָוועטישע ארמיי וועט אָנהויבן דעם אָנגריף אויפן באַלטישן פראָנט, און זיי וועלן זיך דערנענטערן צו ליטע, זאָלן מיר, ווי ליטווישע בירגער, קענען צו הילף קומען די באפרייאונג פון ליטע אויך מיט אונדזערע פארטיזאנישע כוחות.

די שווערסטע צייט מאכן איצט דורך די יידישע פאמיליען-לאגערן. אויב די פארטיזאנישע כוחות וועלן זיין איצט פארנומען אין דירעקטן קאמף, אויב זיי וועלן דארפן דעם וואלד פארלאָזן, וווּ וועלן זיך אהינ-טון די וויניק געבליבענע פרויען און קינדער, די זקנים?... שרעק האָט ארויסגעקוקט פון דער איינציק אינגאנצן-פארבליבענער משפחה פון אלי שולמאן מיט זיין פרוי און צוויי פיצלעך קינדער און אלטער מוטער. זיי זיינען דאָך די עלטסטע איינוווינער אין וואלד. ווען זיי זיינען אנט-לאָפן פון זייער שטעטל אוזלע און נאָכדעם פון סמארגאָן אהער אין וואלד, איז דאָ נאָך קיין לעבעדיקער נפש נישט געווען. האָבנדיק מורא פאר א פרעמד אויג, האָבן זיי אויסגעקליבן א זומפּ און זיך ארומגע-פלאנצט מיט צענדליקער ביימלעך און זייער כזית זומפּ האָבן זיי מיט ערד און צווייגן פארשאָטן און דאָרטן אָפּגעווינט. פון קיינעם נישט באמערקט, איבער א יאָר צייט (אויסער פון איין באקאנטן גוטן פויער, זייערן אן אלטן פריינט, — וואָס פלעגט יעדע צוויי וואָכן ברענגען פאר זיי צו אן אָפּגערעדטן אָרט שפּייז). איצט זיינען זיי זיכער, וועלן זיי זיך שוין נישט באווייזן ארויסצוראַטעווען.

— מיר וועלן אין דעם איצטיקן פייער מוזן פארכאַפּט ווערן, — האָט דער שטענדיק אָפּטימיסטישער ר׳ אלי שוין געזאָגט. בלויז די אלטע שוויגער זיינע האָט שטיל תפילה געטון און די קינדערלעך האָבן אלץ נישט אויפגעהערט צו לערנען דעם אלף בית...

א שווערער איז דער לאנגער וועג צו דער גאולה. צווערשט איז דער וועג פארבונדן מיט אָן א שיעור האָפענונגען, חלומות און וואָס נענטער דער וועג ווערט צום ציל, אלץ קאָשמאריקער ווערן דאן אלע פאנטאזיעס וואָס זיינען מיט דער גאולה פארבונדן. עפּעס דערפיל איך ווי א גילדענער חלום שווימט אוועק, איך דערפיל, אז אין לעצטן פּע-ריאָד, — ווען דער חלום וועט אין וואָר דארפן פארוואנדלט ווערן, וועט זיין דער גורלדיקסטער נישט נאָר פאר יעדן יחיד, נאָר אויך פארן כלל, פאר דער גאנצער וועלט און פארן אזוי פיל שווער צעבלוטיקטן עם ישראל.

טוקען זיך ארויס פון כוואליקן געדאנקען-ווירוואר די זעאונגען פון ליזע מאגון, פון יחיאל שענבוים פון „עם ישראל בארץ ישראל", זיי

ווערן אָבער פאַרטרונקען אין ים פון ווידעראויפגעלעבטע חלומות פון אלגעמיינעם אויסלייז, פון אלגעמיינער גאולה, וואָס וועט דאָך נישט מאכן קיין אונטערשיד אויך פאַר אונדז, די צום מערסטן געליטענע.

איז מיר שווער איצט צונויפצונעמען אלע געדאנקען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער גאולה. שווער, ווייל מיר זיינען איצט אין סאַמע מיטן פון די וויכטיקסטע געשעענישן וואָס עס קענען דורכמאכן ווען יחידים אין קאַמף קעגן דער פינצטערניש, פאַר דער ליכטיקייט פון דער גאנצער מענטשהייט.

איך באשלים: מיט אלע מעגלעכקייטן נאָטירן אין פאָרעם פון א טאָג־בוך ווי אזוי עס זעט אוים מיין וועג צו דער גאולה. מיין וועג פאַרבונדן מיטן גאנצן שטייגער לעבן פון די קעמפער, מיט וועלכע איך בין דאָך איצט פאַרבונדן אויף טויט און אויף לעבן.

וועל איך א צייט דאַרפן דעם טאָג־בוך פירן? וועל איך די נאָטיצן דערפירן ביז דעם טאָג פון דער גאולה?

און ווי אזוי זעען דאָס אוים אין דערווירקלעכקייט אזעלכע גאולה־טעג?

א סך אנדערש ווי אין די כסדרדיקע חלומות?

(סוף פון צווייטן טייל)

נאראָטשער וועלדער.

שטאב פון דער וואָראָשילאָוו-בריגאדע.

מאי 1944.




גרישע גורוויטש. דאָס אונטערשטע בילד איז פאָטאָגראַפירט געוואָרן אין זיין העלדי־ שער פאַרטיזאנער־צייט, דאָס אויבערשטע בילד: א טאנקיסט אין דער ישראל-ארמיי אין דער צייט פון די היסטאָריש־גאולהדיקע קאמפן.

(דריטער טייל)

# אַנשטאָט א געזעגענונג

עס איז היינט געוואָרן א חודש ווי איך פיר מיינע טעגלעכע נאָ־טיצן אין נייעם אָטריאַד, ווו איך געפין זיך.

צוליב דעם וואָס מיר געפינען זיך פאר די סאמע דעציַדירנדיקסטע טעג, אויב נישט שעהען, און ווי אויף א פראָנט, קען דאָך מיט יעדן קעמפער געשען דאָס וואָס עס קען געוויינלעך געשען, האלט איך פאר וויכטיק אָנצושרייבן עטלעכע ווערטער און א קורצן געשיכטלעכן אי־בערבליק איבער אונדזער אָטריאַד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מיין געבוירן־שטאָט „ווילנע".

איך וואָלט זיך נאָך געוואָלט איצט געזעגענען מיט דער שיינער, קומענדיקער, מאָרגנדיקער וועלט. איך וואָלט איצט געוואָלט זאָגן עט־לעכע ווערטער אויפן פאפיר צו מיינע חברים און פריינט וואָס וועלן דאָך זיכער בלייבן און דערלעבן די גאולה־טעג און געווים אויך מיין נאָמען ווען דערמאָנען. איך וואָלט געוואָלט זיך אדורכשמועסן מיט די באקאנט־אומבאקאנטע יידישע שרייבער אין דער גאָרער וועלט, וועמען איך בין מיין גאנץ באוווסטזיניק לעבן געווען איבערגעגעבן...

אָבער איך שעם זיך.

— נאר דו, — זאָג איך צו זיך אליין — איז דען איצט א צייט פאר סענטימענטן, פאר געזעגענישן, פאר ווידוי?

טו דיין ארבעט, לאָז איבער פאר די וואָס וועלן וועלן עפעס לערנען פון דאָס פאָרגעקומענע, א גאנצע זאך, אויף וויפל דיר איז מעגלעך.

ריכטיק. אזוי טו איך.

איך באגוועלטיק זיך. נעם זיך אריין צוריק אין „מענטשלעכע", פארטיזאנישע הענט און שרייב דאָס ווייטערדיקע:

ו ע ג ן מיין ט אָ ג ־ ב ו ך:

דער פארטיזאנער־אָטריאַד אונטערן נאָמען „ווילנע" איז נישט

קיין קאמפּס-אָטריאַד. ווי מען רופט עס אויפן פּאַרטיזאַנישן לשון, כאָטש אויך עטלעכע דערפאָלגרייכע שלאַכטן האָט ער אין זיין געשיכטע. „ווילנע" איז באַקאַנט אין די נאַראָטשער וועלדער, ווי א דיווערסיע-אָטריאַד, וואָס איז אייגנטלעך די הויפּט-אַרבעט פון פּאַרטיזאַנער בכלל.

איבער 50 אויפגעריסענע עשעלאָנען מיט הונדערטער וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון, אָן א שיעור פאַרניכטעטע אַמוניציע, בענזין, דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן און אָפיצירן, אויפגעריסענע באַן-ליניעס, באַן און וועג-בריקן, טעלעפאָן און טעלעגראַף-סלופּעס, פאַרניכטעטע עלעקטראָ-סטאַנציעס — טאָרף-זאַוואָד און אַטענטאַטן אויף היטלעריסטישע דיגניטאַרן, דאָס איז דער דערווייליקער סך-הכל פון דער דיווערסיע-אַרבעט, וואָס דער אָטריאַד „ווילנע" האָט דורכגעפירט אין משך פון זיין יאָריקער עקזיסטענץ (געשאַפן געוואָרן דעם 15טן יוני 1943).

אָפיציעל איז „ווילנע" א ליטווישער אָטריאַד און הייסט דעריבער נישט „ווילנע" נאָר „ווילניוס". ליטווינער זיינען אָבער אין פּאַרטיזאַנקע כמעט נישט פאַראַן. זיי איז גוט אויך אונטער דער הערשאַפט פון די דייטשן. די גרעסטע באַמיאונגען, וואָס עס האָט געמאַכט די געשיקטע קאָמאַנדע פון דער ליטווישער רעגירונג (אין מאָסקווע) אין די וועלדער, כדי צו אָרגאַניזירן און אריינצוציען אין דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג ליטווינער, האָבן זיך כמעט נישט איינגעגעבן. דעריבער האָט זיך די אָנפירונג פון די ליטווישע אָטריאַדן אין די נאַראָטשער און רודניצקער וועלדער געמוזט באַגנוגענען מיטן צונעמען אין די אָטריאַדן כאָטש ליטווישע בירגער. זיינען טאַקע דעריבער אין די אָטריאַדן די מערהייט יידן פון ווילנע, קאָוונע און פון די אַרומיקע געגנטן. עס זיינען אויך פאַראַן אביסל פּאָליאַקן, ליטווינער און אפילו נישט קיין ליטווישע בירגער, רויטאַרמייער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די דייטשישע געפאַנגען-לאַגערן, וואָס זיינען געווען אין ליטע אין א היפּשער צאָל.

פון די ערשטע אכט פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן פון מאָסקווע צו אָרגאַניזירן דעם „ווילנע"-אָטריאַד, זיינען 5 געווען ווילנער יידישע בחורים (שוסטער, קוניצקי, רייבער, קאַסמאַן, איסקין). בלויז דער לעצטער און די צוויי ליטווינער אפּיוואַלע און בוגנאַס זיינען געבליבן לעבן.

דער ערשטער הויפּט-קאָמאַנדיר פון די ליטווישע פּאַרטיזאַנער איז געווען דער יידישער זשורנאַליסט און לערער פון קאָוונע, הענעך זימאַן (אין וואַלד רופט ער זיך איצט יורגיס). די ליטווישע אָטריאַדן אין די

ווייסרוסישע וועלדער ווערן דורך זייער קאַמפּס-צענטער פון מאָסקווע באַזאָרגט מיט דעם בעסטן געווער. ווער עס ווייסט, וואָס דאָס הייסט פאַר א פּאַרטיזאַן האָבן געווער און דערצו נאָך גוט געווער, קען באַ-נעמען וואָס פאַר א גליק עס איז פאַר יעדן פּאַרטיזאַן צו געהערן צו אזא אָטריאַד.

דער אָטריאַד „ווילנע" האָט צוגעצויגן צו זיך ספּעציעל יידן, נישט נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט דאָרט געקענט קריגן א גוטן פּיסטאָלעט און אויטאָמאַט (ביקס-מאַשין) נאָר אין א גרויסער מאָס, צוליב דעם, וואָס די קאָמאַנדע-אָנפירונג ליגט אין מענטשלעכע הענט.

די הענט, דאָס זיינען פון דעם באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער פון פאַר-מלחמהדיקן ליטע, מאַטעאוש שומאוסקאַס, וואָס האָט זיך מיט דער ליטוויש-סאָוועטישער רעגירונג — ביים אויסברוך פון דער מלחמה — עוואַקואירט קיין רוסלאַנד, און איז שפּעטער געשיקט געוואָרן ווי דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין ליטע.

פריער איז מיר אויסגעקומען אביסל צו באַרירן וועגן אַנטיסעמי-טיזם צווישן די פּאַרטיזאַנער בכלל און דער עיקר פון זייער אָנפירונג. אין ד י טאָג-בוך-נאָטיצן, וועט מיר אויסקומען צו רעדן וועגן אן אנדער אָטריאַד.

איבער 10 חדשים איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אנדערע אָט-ריאַדן און אין בריגאַדע-שטאַב א. נ. פון וואָראָשילאָוו. ערשט אויף דעם 11טן חודש האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט אי אלס ייד, אי אלס קעמ-פער.

איך בין פּטור געוואָרן פון דער וואָראָשילאָוו-בריגאַדע. דער פּאָל-קאָווניק קאַזימיר (דער פּאַרטיזאַנישער פּסעוודאָנים פון שומאוסקאַס) האָט מיך אָנגענומען אין „ווילנע"-אָטריאַד.

אויך אין ד ע ם אָטריאַד געפינען זיך זיכער נישט ווייניק סוואָ-לאָטשעס, — אָבער ס'איז גענוג די פעסטע האַנט פון קאָמאַנדיר, אז פאַר יעדער מינדסטער זינד ווערט מען שטרענג באַשטראָפט, כדי גוט-ברודערשאַפט זאָל ווערן א וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון קאָלעקטיוון לעבן צווישן די פּאַרטיזאַנער.

דעם 2טן יוני, אין טאָג פון מיין אָנקום אין אָטריאַד, האָט מיך גערופן צו זיך דער פּאָלקאָווניק:

— מאָרגן גייט דער אָטריאַד „ווילניוס" אין זיין אייגנטלעכן ראַ-יאָן, — האָט ער שטיל גערעדט, — אין ד ע ם ראַיאָן, ווו ער פירט דורך דאָס רוב פון זיינע דיווערסיע-אַרבעטן, — אַרום סווענציאַן, איג-נאַלינע, דוקשט, מעליגאַן. דער ראַיאָן איז נאָך נישט קיין פּאַרטיזאַ-

נישער אַזוי ווי דאָ. איצט איז די אויפגאַבע פון אַטריאַד, דעם ראַיאָן צו מאַכן פאַר אַ פּאַרטיזאַנישן, ד. ה. מאַכן אַזוי, אַז די דייטשישע גאַרניזאָנען און פּאָליציי זאָלן מורא האָבן, אַזוי ווי דאָ, אַרויסצושטעקן פון זייערע בונקערס די נאָז. פאַרשטייט זיך, אַז די באַדינגונגען וועלן דאָרטן זיין אַ סך שווערערע ווי דאָ. אַלנפאַלס אַ געוויסע צייט. ווילט איר, ח׳ קאַטשערגינסקי, גיין מיט זיי און זען ווי זיי לעבן און קעמפן?
— פרעגט מיך צולעצט דער פּאָלקאָווניק, נישט וועלנדיק מיר אַרויסגעבן אַ באַפעל.

— נישט נאָר זען, נאָר אויך קעמפן, חבר קאָמאַנדיר! — האָב איך אַ שלאָס געטון די פּיס אויף אַכטונג און — אויף מאָרגן שוין געווען אין מאַרש.

דעם 3טן יוני, אין טאָג פון אַרויסמאַרש, האָב איך אָנגעהויבן פירן דאָס טאָג-בוך מיט דעם געדאַנק צו פאַרצייכענען נישט נאָר אונדזערע וויכטיקע געשעענישן, נאָר אויך די סאַמע לעבנס-קלייניקייטן פון יעדן מעת-לעת. איך האָב זיך דאַן נישט פאָרגעשטעלט, אַז קיין סך צייט וועל איך שוין נישט דאַרפן נאָטירן מיינע איינדרוקן. אויף די סאָוועטישע פראָנטן האָט זיך דאַן די לאַגע סטאַביליזירט. וועגן אַ צווייטן פראָנט האָבן מיר געחלומט און אין דרום-איטאַליע האָבן די ענגלענדער כסדר געמאַכט באַמיאונגען צו דערגרייכן רוים.

פירנדיק דאָס טאָג-בוך האָב איך געהאַט אין זינען אויך מיין קומענדיקן לייענער און דעריבער זיך באַמיט דורך די קלייניקייטן פון טאָג-און-נאַכט-לעבן געבן מער-ווייניקער אַ געטרײַ בילד, ווי אַזוי עס האָבן געלעבט און געקעמפט מענטשן, וועלכע זיינען, קומענדיק אין וואַלד, געווען געגליכן צו ראָבינזאָן קרוזאָ און מיט דער צייט דערפירט דאָס לעבן צו אַזאַ מצב, צו וואָס נישט איין פּאַרטיזאַן וועט נאָך געוויס בענקען...

היינט ווערט אַ חודש ווי איך פיר די טאָג-נאָטיצן.

אַ חודש ווי אַלע חדשים אין יאָר מיט זיינע העלע, גראָע און טונקעלע טעג און נעכט. ענלעכע איינע צו די אַנדערע... אויך די קאַמפן זיינען אין דעם חודש געווען פון דעם זעלבן מין וואָס פריער. די ספּעציעלע פּאַסירונגען, וואָס האָבן אָבער נישט געטראָפן אין דעם מאָנאַט, קומען אין די טאָג- און נאַכט-נאָטיצן דאָך אַריין, ווייל די געשעענישן זיינען כסדר איבערדערציילט געוואָרן פון די פּאַרטיזאַנער.

דער לייענער וועט אַזוי אַרום האָבן אַ מער געטרײַ בילד פון פּאַרטיזאַנער-לעבן, נישט נאָר פון איין חודש, ווייל אַ חודש אין פּאַרטיזאַנ-

קע אין יאָר 1944 איז דאָך א גן-עדן אקעגן א חודש אין פּארטיזאנקע אין אָנהויב פון איר ווערן, אין 1942.

איך האָב דעם טאָג-בוך געפירט ביי די שווערסטע באדינגונגען. צווישן איין אָפּעראציע און דער צווייטער, נאָך צענדליקער קילאָמע-טערס מארשן אונטערן פיינטלעכן באָמבען-געקנאל, ווען די פיס האָבן שוין נישט געוואָלט ווייטער דינען.

ווען מיינע חברים פלעגן שטיין אויף וואך, פלעג איך זיצן אונ-טער א קוסט אָדער ליגן אויפן גראָז צי גאָר אויף א בלאָטע, ווו די קאָמארן און בייזע פליגן פלעגן בלוטיקן די הענט און דאָס פנים און איך האָב געמאכט מיינע פארצייכענונגען.

כ'האָב נישט אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, ס'זאָל נישט פארגעסן ווערן, ס'זאָל נישט איבערגעריסן ווערן...

פארשטייט זיך, אז ביז וואנען מיינע הענט וועלן מיר דינען, וועל איך ווייטער פאָרזעצן די פארצייכענונגען. ערשט איצט זע איך דאָך, — וועט זיין וועגן וואָס צו שרייבן. אויב אָבער דער גורל האָט מיך ש ו י ן פארמשפּט, דאן זאָל כאָטש בלייבן פאראייביקט, איז מיין בקשה צום גורל, דאָס, וואָס איך האָב שוין באוויזן צו פארשרייבן.

און איצט: —

## אביסל געשיכטע וועגן אָטריאַד „ווילנע"

דער דאָקטאָר פאָן רענטעלן, דער נאַצישער גענעראַל-קאָמיסאַר פון ליטע, האָט נישט באַדאַרפט באַזונדערס שטאַרק זיך אָנשטרענגען, כדי די אָקופּירטע ליטע צו מאַכן פאַר א דייטשישע פּראָווינץ. ער האָט גיך אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט די געוועזענע באַאַמטע פון דער סמעטאָנאַ-רעגירונג, די פּויערים, דעם דינעם שיכט אינדוסטריעלער און דעם גרעסטן טייל קליינבירגער און אַרבעטער. דער דייטשישער גענעראַל-קאָמיסאַר האָט „געגעבן" ליטע שטיקער ווייסרוסישע ערד און זיינע צייטונגען אויף דער ליטווישער שפּראַך האָבן טרומייטערט: „נישט ווייט איז די צייט און די ליטווישע פאָן וועט פלאַטערן איבער גראָדנע, ביאַליסטאָק און מינסק".

האָבנדיק אויף זייער זייט דאָס רוב פון דער ליטווישער באַפעל־קערונג, איז די נאַצים אין ליטע אָנגעקומען נישט שווער אויסצושעכטן די יידישע באַפעלקערונג, צו אויסמאָרדן די געכאַפּטע רויטאַרמייער און סאָוועטישע באַאַמטע, וועלכע האָבן נישט באַוויזן אָפּצוטרעטן מיט דער אַרמיי ביים מלחמה-אויסברוך, און צו אונטערדריקן באַצייטנס מיטן וואָרצל די פּרוּוון פון מרידה פון די פּאָליאַקן. צוליב אָט דער געמיינ־זאַמער פריינטלעכער צוזאַמענאַרבעט איז אויך נישט מעגלעך געווען, אַז אין ליטע זאָל אויפקומען א שטאַרקע פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג.

קען טאַקע פאַרצייכענען די געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אַז אין דער צייט, ווען אין ווייסרוסלאַנד און אין אוקראַינע, זיינען שוין געווען גרויסע און שטאַרקע פּאַרטיזאַנישע מחנות אין די וועלדער, זיינען די וועלדער פון ליטע נישט געשטערט געוואָרן אין זייער רו פון די נייע אומרואיקע גייסטער וואָס האָבן שוין אין אַנדערע וועלדער צעשטערט דעם גרינעם שלום-בית.

פון די עטלעכע געשיכטע-פראַגמענטן, וואָס איך ברענג דאָ פון דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג אין ליטע, וואָס עס האָט מיר איבערגע־געבן דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין לי־טע, פּולקאָווניק קאַזימיר, איז צו זען, אַז די קליינע צאָל פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען צוערשט געשיקט געוואָרן פון מאָסקווע, האָבן אויך, צוליב

דער גוואַלדיקער שנאה פון דער ארומיקער באפעלקערונג, נישט גע־
קענט אויפשטעלן קיין באזע אויף דער ליטווישער ערד, נאָר געמוזט
סטאַציאָנירן אין דער שכנותדיקער פוילישער ווייס־רוסלאנד, אין די
וועלדער ארום נאראָטש, קאזאן און היידוצישאָק.

אָט וואָס ס׳האָט דערציילט איינער פון די ערשטע ליטווישע פּארטי־
זאנער, טרומפּוטוס, וואָס האָט זיך מיט עטלעכע חברים אין יענער
צייט, אָקטאָבער 1942, דערשלעפּט צו ליטע, אין אוטיאנער קרייז (פון
וואנען זיי האָבן זיך אין אָנהויב מלחמה עוואקואירט מיט דער רויטער
ארמיי), כדי צו פארלייגן דאָרט א פּארטיזאנער־באזע:

„ווען מיר זיינען געקומען אין דעם ראיאָן, האָבן מיר אונדזער גע־
ווער געמוזט באהאלטן. בלויז פּיסטאָלעטן האָבן מיר געלאָזן באהאל־
טענע אונטער די קליידער. די ראציע (ראדיאָ־אָנגעבער), וואָס מיר
האָבן מיטגענומען פון מאָסקווע און דאָס לאנגע געווער, האָבן מיר
פארוויקלט אין ברעזענט, באגראָבן אין דער ערד, און אָפּרעדנדיק זיך
צו טרעפן אין א וואָך ארום, איז יעדערער באזונדער אוועק צו זיינע
קרובים איבער די דערפער.

איינער פון דער גרופּע, קאָיאלים, האָט געטראָפן ביי זיך אין
שטוב זיין ברודער, וואָס איז געוואָרן א פּאָליציאנט ביי די דייטשן און
א צווייטן ברודער, וואָס איז געוואָרן אזש דער נאטשאלניק פון דער
קאָוונער תפיסה, ווו עס זיינען געזעסן פּאָליטישע ארעסטירטע. ווען
אונדזער גרופּע האָט זיך צוזאמענגעטראָפן, האָט אונדז קאָיאלים אי־
בערגעגעבן, אז ער פירט אונטערהאנדלונגען מיט די ברידער, זיי זאָלן
אריבערגיין צו די פּארטיזאנער און מיר זאָלן אָרגאניזירן דאָס באפרייען
די ארעסטירטע פון קאָוונער תפיסה.

מיר זיינען קאָיאליסעס רייד גלייך נישט געפעלן געוואָרן און איך
האָב אויג אויף אויג געזאָגט אונדזער גרופּן־קאָמאנדיר מישקינען, אז
מען דאַרף קאָיאליסן דערשיסן. מישקין האָט אָבער אין דעם נישט גע־
גלויבט און דאָס האָט אים טייער געקאָסט. נישט קאָיאלים האָט אי־
בערגעצויגן די ברידער אויף אונדזער זייט, נאָר די ברידער האָבן אי־
בערגעצויגן קאָיאליסן אויף זייער זייט. מיר האָבן זיך באצייטנס גע־
כאפּט און אנטלאָפן. די ראציע איז איבערגעבליבן אין קאָיאליסעס
הענט און מיר האָבן פארלוירן אזוי ארום די פארבינדונג מיטן צענטער,
— מיט מאָסקווע“.

ס׳איז אלזאָ באשלאָסן געוואָרן, די באזע צו פארלייגן אין די היי־
דוטשישקער וועלדער, נישט ווייט פון די דערפער אנטאָני און גודעלע.
ביינאכט גייט די גרופּע ארויס פון וואלד אין א דאָרף און הייסן

זיך געבן שפּייז און זייענדיק פאַרגרייט מיט שפּייז אויף עטלעכע וואָכן פירן זיי אוים קלענערע אויפגאַבעס, ביז וואַנען זיי פאַרבינדן זיך מיט גרעסערע ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער-אָטריאַדן און צוזאַמען באַפאַלן זיי דעם 7טן דעצעמבער — דעם דייטשן גאַרניזאָן אין שטעטל מיאַדל, וווּ עס קומען אום 45 דייטשן און פּאָליציאַנטן. די פּאַרטיזאַנער באַפרייען דאַן אויך די געבליבענע 70 יידן, וואָס זיינען געווען נאָך פאַרשפאַרט אין געטאָ.

גיך נאָך דער מיאַדלער שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די דייטשע בלאָקאַדע קעגן די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. די 11 מאַן פון דער ליטווישער גרופּע צעטיילן זיך אויף 4 גרופּעס כדי עס זאָל לייכטער זיין דורכצושפּאַרן די בלאָקאַדע-קייט. אין א וואָך ארום נאָך דער בלאָקאַדע טרעפן זיך אויפן אָפּגערעדטן אָרט בלויז 5 מאַן. 6 פּאַרטיזאַנער קומען אין דער אַבלאַווע אום.

די לאַגע ווערט ערגער. די גרופּע בויט זיך אוים א גרוב אין דער ערד און פאַרמאַסקירט אים, כדי די פּויערים, וואָס קומען דאָ נעמען האָלץ, זאָלן קיין זאַך און קיינעם נישט באַמערקן. נאָך שפּייז גייט מען ארוים נאָר אין זאַוויערוכעס, ווען עס איז פאַראַן א קלענערע געפאַר, אַז דייטשע פּאָסטנס זאָלן אָנקומען.

אזוי האָט די גרופּע דורכגעלעבט אין גרוב דעם גאַנצן ווינטער, ביז מען האָט געמוזט פון דאָרטן ארויסגיין, ווייל דער געקומענער פרילינג פלעגט פּשוט יעדן פרימאָרגן דאָרט אַן אַזיערע מאַכן. ביז 60 עמער וואַסער א טאָג פלעגן די פּאַרטיזאַנער מוזן אויסשעפּן.

דאָס לעבן אין וואַלד ווערט שוין דאַן פאַר די פּאַרטיזאַנער זיכערער, ווייל זיי פאַרמערן זיך. די גרופּע ווערט פאַרשטאַרקט מיט 5 געפאַנגענע, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון א לאַגער. די דייטשן האָבן שוין מורא אין קלענערע גרופּעס אריינצוגיין אין וואַלד. די באַפעלקערונג — ווער עס איז נישט מיט די פּאַרטיזאַנער, האָט שוין מורא זיי צו מסרן, ווייל יעדער מסור ווערט פריער צי שפּעטער געכאַפּט און דערשאָסן און אָפט מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט און שטוב אינאיינעם אונטערגעצונדן.

די פּאַרטיזאַנער-גרופּע הויבט ערשט איצט אָן איר דיווערסיע-אַרבעט. זיי פאַרניכטן מלוכהשע ווירטשאַפטן, רייסן אויף 3 עשעלאָנען אויף דער באַן-ליניע ווילנע—דווינסק און פּאָסטאַווו— הייודוטשישאָק. די קליינע גרופּע וואַרפט אָן א מורא אויף דער אַרומיקער געגנט.

דאַן האָט זיך אוועקגעשטעלט די פראַגע פאַר דער גרופּע צו קריגן א פאַרבינדונג מיטן צענטער, מיט מאָסקווע. מען צעטיילט זיך אויף

העלפט און עס הויבט זיך אָן א לאנגער הונדערטער קילאָמעטערדיקער מהלך איבער די געפערלעכסטע וועגן אויף מזרח. מען דאַרף דורכגיין שטארק־באוואכטע שאָסייען, באַן־ליניעס, מען מוז איבערשווימען מיטן געווער די טייכן דיסנע, דווינע, דריסע. די יבשה־וועגן ציען זיך דורך זומפּן און בלאָטעס. אָבער וואָס נענטער צום פראָנט, אלץ געדיכטער איז שוין די נעץ פון די פּארטיזאנער־אָטריאדן. באַרדאַרין, דער קאָמבריג פון אָכאָטינס בריגאדע, פאַרבינדט זיי דורכן ראַדיאָ מיט מאָסקווע. אין א וואָך ארום, דעם 24סטן מאַי, קומען פון יענער זייט פראָנט 33 קעמפער, א פאַרשטאַרקונג פאַר דער גרופּע.

עס הויבט זיך אָן דער וועג אויף צוריק מיט נישט קיין קלענערע געפארן. קומענדיק נאָך א גוואַלדיק־אויסמאַטערנדיקן וועג אין די קאַזאנער וועלדער, געפינען זיי שוין א צווייטע גרופּע פון 42 מאַן, וואָס עס האָט געשיקט דער ליטווישער צענטער אין מאָסקווע.

דער פרייִלעכער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען דעם 14טן יוני 1943. צווישן די איבער הונדערט קעמפער האָבן זיך געפונען שומאוסקאַס, יורגיס, בוטיענאַס, גריקאַ און אנדערע.

אויף מאָרגן האָט זיך פאָרמירט דער אָטריאַד „ווילנע“, וועמענס אויפגאבע עס איז געוואָרן, — פירן דיווערסיע־ארבעט קעגן די דייטשן אין סוויענציאַנער קרייז. די אויפגאבע איז געווען א שטאַרק־באַשווערטע צוליב דעם, וואָס די באזע פון אָטריאַד האָט זיך געמוזט געפינען, צוליב די סיבות וואָס איך האָב שוין פריער אָנגעגעבן, ווייט אויף צענדליקער קילאָמעטער פון סוויענציאַנער קרייז, אין די נאַראָטשער וועלדער.

דאָך איז, ווי ס'איז צו זען פון די ווייטערדיקע נאָטיצן, די אויפגאבע מיט פאַרעקשנטער איבערגעגעבנקייט דורך די „ווילנע“־פּאַרטיזאנער מיט הצלחה אויסגעפירט געוואָרן.

3טער יולי 1944.

דאָרף ראָקישקי, ליטע.

# אין וועג

1944.

דריטער יוני

— ציק, ציק, ציק, ציק, האָפּ, האָפּ, ציק, האָפּ, האָפּ...

מיר גרייטן זיך אין וועג.

קיינער ווייסט נישט ווו, קיינער פרעגט נישט ווו?

— ציק, ציק, האָפּ, ציק...

קאָליע שרייט אריבער דעם באַיאַן און די פּאָדעשוועס העלפן צו. עס איז פריילעך מיט אים. זיינע טאַנצנדיקע פיס ציען אין ראָד אריין די איבעריקע פּאַרטיזאַנער.

דער קאָמבריג, ח׳ קאַזימיר, געזעגנט זיך מיט יעדן און ווינטשט דערפאָלג:

— גיט אכטונג, חברה, — זאָגט ער — דער וועג איז גאַנץ לאַנג. איר גייט צו דער ליטווישער זייט. דאָרט וועט איצט אייער באַזע זיין... גיט צו פילן דעם שונא, אז דער באַלעבאָס פון דער ערד — זייט איר.

— האָפּ ציק, ציק האָפּ...

דער לעצטער טאַנץ אין פּאַרטיזאַנישן לאַגער, אויף דער ווייסרו־סישער ערד, אין די וועלדער ארום מיאַדל, נאָענט פון דער גרויסער נאַראָטשער אָזיערע.

עס קאָכט דער באַיאַן אין קאָליעס הענט; ווארפט זיך ווי אין פיבער. אויף דעם איינגעטראָטענעם גראָז טאַנצט אין דער בלענדיקער זון דער שטאָל פון אויטאָמאַטן און פולעמיאָטן אויף די קרעפטיקע פּאַרטיזאַנישע פּלייצעס.

— ווער זיינען מיר?

פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „ווילנע״!

אזעלכע, וועלכע האָבן פרייוויליק איבערגעגעבן זייער לייב און לעבן דעם קאַמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט. א גוטע העלפט פון אָטריאַד איז א יידישע. עס זיינען אויך דאָ ליטווינער, פּאָליאַקן, רוסן, ווייסרוסן.

„אמאָל אויף פּאַרטיזאַנישע וועגן״...

אַ מ אָ ל — דאָס מיינט מען מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק.

— אמאָל אויף פּאַרטיזאַנישע וועגן — זאָגט אונדזער קאָמאַנדיר, סאשא בוגנאס, — איז מען אַזוי פרײַ נישט געגאַנגען. שוין אָפּגערעדט פון פאָרן אָדער רײַטן אַזוי ווי איצט. מיר פלעגן די שפּײַז פאַר זיך דאָן שלעפּן אויף דער פּלייצע נאָר בײַנאַכט און ווייטער ווי עטלעכע קילאָמעטער פלעגן מיר זיך נישט לאָזן גיין.

דאָרף טשערעמשיטשע.

דעם פאַרגאַנגענעם הארבסט האָט דער שונא בלאָקירט די אַרו־מיקע וועלדער, און נישט קענענדיק דערגרייכן זײַן ציל, — כאַפּן כאָטש אײן לעבעדיקן פּאַרטיזאַן פון די טויזנטער — האָט ער זײַן כעס אויס־געגאָסן אויף דער ציווילער באַפעלקערונג, ברענענדיק זייערע שטיבער און די געכאַפּטע פּויערים, אַלטינקע, וועלכע האָבן שוין לויפן נישט געקענט, פאַרברענט לעבעדיקערהייט.

קוקט איצט דער חושך פון צעשרפעטע קוימענס און ס׳וואָיעט די פינצטערניש פון צעשאָטענע חורבות.

די אַלטיטשקע וואַנדע שטייט אויפן שוועל פון איר ערד־שטיבל און וויינט.

— מיר׳ן נאָך קומען צוריק, מאַמעלע! — טרייסט זי דער שטאַב־נאַטשאַלניק, ח׳ מאַטוז.

— איך וועל בעטן גאָט פאַר אײַך — צעיאָמערט זי זיך נאָך שטאַרקער.

א י צ ט אויף פּאַרטיזאַנישע וועגן.

דער מאַיאָר פון אַ פּאַרטיזאַנישער ספּעציעלער גרופּע האָט אונדז דערציילט, אַז ער קומט איצט פון סאַרנער געגנט, מערב־אוקראַאינע, אַ גאַנג פון הונדערטער קילאָמעטערס, און אין ערגעץ האָבן זיי נישט געטראָפן קיין נאַציס.

זיי ליגן, די פּריצן, ווי אַרעסטירטע אין די צעמענטענע בונקערס, אין די גאַרניזאָנען און האָבן מורא פאַר דער וועלט זיך צו באַווייזן.

ז א נ א ר אָ ט ש. נאָך גאַרנישט לאַנג איז אויך דאָ אַ גאַרניזאָן געווען. האָבן מיר אים צעטריבן, פאַריאָגט, צעשאָסן. אָט איז נאָך די שול־געביידע, אין וועלכער זיי האָבן געאָרגעוועט. דורך די אָפענע פענצטער זײַנען זיי געשפּרונגען, אַנטלאָפן, געפאַלן, ווידער געלאָפן, געזוכט רעטונג אין... גרויסן נאַראָטש.

די אָזיערע, זי גלימצערט פון ווײַטן. עס באָדט זיך איצט די זון אין איר. די דײַטשע עראָפּלאַנען האָבן אויך דאָ זייערע באָמבעס פאַרוואָרפן. דעם נאַראָטש שרעקט מען אָבער מיט דעם נישט אָפּ. איז

א באַמבע געפלויגן אין איר, האָט די אַזיערע מיט אַן אויג א פינטל געטאָן, זיך פונאַנדערגעלאכט און ווייטער געבליבן שטיל, רואיק, פאַר־טראַכט.

— האָפּ ציק, ציק, ציק האָפּ!...

דער טאַנץ גייט פאַראויס, אויף אַלע וועגן, דורך די דערפער. די יאַטן זינגען, פייפן, טאַפּטשען צו. באַרוועסע קינדערלעך לויפן פון ווייטן אַנטקעגן, מיידלעך רויטלען זיך ביי די פענצטער, אויף די שוועלן, ווערן דרייסטער. און אָט דרייט זיך פּולעמיאָטשיק באַגדאַנאָוו מיט מארוסיען, אווטאָמאַטשיק וואָראָביאָוו מיט טאַניען...

— האָפּ ציק, ציק האָפּ...

אַלטיטשקע קוועלן אָן פון דער פריילעכער חברה.

אין באַראַווי וועלן מיר נעכטיקן. דורכגעגאַנגען טאַנצנדיק 23 קי־לאָמעטער.

*

לוקיאַנאָוו און ציבולסקי האָבן זיך פאַרזינדיקט. דער ערשטער איז אָנשטאָט טרינקען וואַסער, ווי ער האָט געבעטן א דערלויבעניש ביים קאָמאַנדיר, אריין אין א שטוב, נאָך אין זאַנאַראָטש און זיך אָנ־געטרונקען מיט בראָנפן. ציבולסקי איז פאַר באַראַווי, קיינעם נישט פרעגנדיק, אוועק אין א כוטער צו א באַקאַנטער מיידל זיינער, לאָזנדיק זיין פּולעמיאָט אויף דער פור.

א פאַרזאַמלונג. דער קאָמאַנדיר און שטאַב־נאַטשאַלניק טאַדלען די נישט־דיסציפּלינירטקייט פון דיביידע פּאַרטיזאַנער. מיר שווייגן און פאַרשטייען, אַז די חברה האָבן געטאָן שלעכט. זיי אַליין, די באַשול־דיקטע, זאָגן צו, אַז מער וועט זיך דאָס נישט איבערחזרן.

— האָפּ ציק, ציק האָפּ!...

א גאַנצער דאָרף מיט יוגנט אויף דעם הויף. ווידער פּיבערט די האַרמאָשקע און ווידער פירט קאָליע נאָך זיך אין טאַנץ אוועק די יאַטן, די געקומענע געסט, די שטיבלעך, די וועלדער אַרום.

ביינאַכט אויפן שטרוי. מיר רוען אָפּ, אָבער עפּעס טאַנצט אין אונדז, מיר ווייסן נישט וואָס.

— ווייסט איר וואָס? — זאָגט סימקע, — מיר איז איינגעפאַלן א געדאַנק.

— אהער אויפן טיש — רופן מיר זיך אָן.

— יעדן אָוונט, פאַרן שלאָפן, זאָל אַן אַנדערער דערציילן, וואָס אים אַליין געפעלט פון זיין לעבן אין אונדזער אָטריאַד.

— אָנגענומען! — שטימען מיר איין.

א ווייסע, דורכזיכטיקע לבנה קוקט דורכן פענצטער אריין.

פ ע ר ט ע ר י ו נ י :

דאַרף שירמעז, פיר קילאָמעטער פון קאַבילניק.

דער שטאב-נאטשאלניק טוט פלוצלינג א פּאַך די האנט אין דער לופטן. מיר צעטראָגן זיך אין אַפּטיילונגען אויף באזונדערע ערטער און צעלייגן זיך אויף דער צעאקערטער ערד, צווישן קוסטעס און בלאָטעס, אין קאמפּס-גרייטע פּאָזיציעס.

קיין דורכרייס, קיין פעלער, די מאנעווערע גיט זיך איין.

פון דאָרף איז שוין דער פיינט לאנג פארטריבן. דאָס דאָרף מען איצט נישט איינגעמען.

פון דער ארומיקער געגנט האָבן די דייטשן אנטלאָפן די ליט-ווישע גארניזאָנען. ערשט איצט האָבן די דייטשן זיך ארומזעענדיק, אז די ליטווינער זיינען זיי נישט גאָר קיין גוטע פריינט, זיי אוועקגע-שיקט צום פראָנט, ארעסטירנדיק די אָפיצירן. די ליטווישע גארניזאָ-נען זיינען פארביטן געוואָרן אויף לאטישן אָדער עסטאָנער. די נייע געסט האָבן פארזאָגט די פויערים:

„אויב ס'וועט קומען צו אייך א קלענערע גרופּע פארטיזאנער, דארפט איר אונדז נישט אָנזאָגן, אויב אָבער א גאָר גרויסע גרופּע, זאָלט איר אונדז תיכף מעלדן!“

ס'איז קלאָר: קעגן קלענערע גרופּעס פארטיזאנער דארפן זיי אליין גיין קעמפן, האָבן זיי מורא. קעגן גרעסערע גרופּעס אָבער זיינען זיי פון דעם באפרייט, זיי דארפן וועגן דעם בלויז מעלדן דער העכערער מאכט.

מיר רוען אָפּ אין א שטוב און אין עטלעכע שעה ארום באווייזט שוין ראָטקין אויפצונייען א פּאָר הויזן פאר באראנאָווסקין. די ארבעט ברענט אונטער זיינע הענט. פון די בעסטע ווילנער שניידער-ספּעציא-ליסטן, לאָזט מען אים אויך אין פארטיזאנקע דאָס נישט פארגעסן.

— די נאָדל האָב איך אָבער איצט פיינט. אָט ד אָ ס איז מיין לעבן — ווייזט ער אויף דעם אויטאָמאט. ער קען זיך אָבער אָפּט נישט העלפן. אז מען דאַרף, ווערט ער צוריק שניידער.

מיר לאָזן אָפּ פערד און וואָגן און נעמען די משא אויף זיך.

ציבולסקי, סאיאן און באָגדאנאָוו נעמען די פּולעמיאָטן און די אוי-טאָמאטשיקעס טראָגן זייער געווער, — קוילן, דינאמיט, ביקסן פאר נייע קעמפער און קראפט פאר די ראציעס (ראדיאָ-אָנגעבער).

דער שוויים קלעפּט זיך צום העמד און רינט פון שטערן.

מען גייט. דאָ טאָר מען שוין אויף קיין פורן נישט פאָרן. דער שונא קען אָנשפּרינגען. בעסער איז אַלץ צו האָבן אויף זיך.

א פארזשאווערטע ציט זיך די שמאָלע באַן־ליניע פון מיאדל קיין קופּע. פאר דער מלחמה האָט דאָ יעדע שעה די לופט געשניטן א טאָר־פּעדאָ. אויך אין ד ע ר מלחמה האָבן די ליניעס געוואָלט ציען זייער יחוס. די פּארטיזאנער האָבן אָבער די נאצישע גראפן, וואָס זיינען געפאָרן קוויקן זיך מיט דעם גרויסן אָזיערע־ים, פארשפּאָרט די ארבעט.

מער פאָרט דאָ קיינער נישט. אפילו די רעלסן, די שפּאלעס, וועלכע זיינען אזוי פעליק ביי די דייטשן, האָבן די היטלעריסטן מורא צו קו־מען אהער פונאנדערנעמען. זשאווערן די אויסגעצויגענע אייזנס און באַ־האלטן זיך אין הויכן, גרינעם גראָז ווי זיי וואָלטן זיך שרעקן טאָמער וועט מען זיי ד אָ ך באמערקן.

מ ע ל נ י ק. כאָטש דאָס דאָרף ליגט עטלעכע קילאָמעטער בלויז פון פּאָלאָצקער טראקט, זיינען דייטשן אָדער פּאָליציי נישט געווען דאָ פון דער לעצטער בלאָקאדע (סעפּטעמבער פון 1943). זיי האָבן מורא צו קומען אהער, ווייל דאָ קעניגן די פּארטיזאנער. אין ד ע ר בלאָ־קאדע איז דער שונא געקומען די יוגנט אוועקצופירן קיין דייטשלאנד. קיין חשק אויף אזא רייזע האָט אָבער קיינער נישט געהאט און אנט־לאָפן אין די וועלדער. דערפאר האָט מען ביי די פּויערים צוגענומען די בהמות.

אין אָוונט קומט אָן דער קאָמיסאר ווערסיל און דער ערשט־נאָמי־נירטער קאָמאנדיר פון נייעם ליטווישן אָטריאד סליאפּאליס.

סליאפּאליס. — מיט עטלעכע חדשים צוריק איז ער געווען פּאָליציי־קאָמאנדאנט פון שעמעטאָווער גארניזאָן. אין קאמף קעגן פּארטיזאנישן „שיסער"־אָטריאד איז ער גענומען געוואָרן אין געפאנגענשאפט, און ווי א ליטווין, אָפּגעשיקט געוואָרן צו די ליטווישע פּארטיזאנער. די גוטע באציאונג צו אים האָט געווירקט. ער איז א גוטער קעמפער און האָט שוין אליין דורכגעפירט גוט עטלעכע אויפגאבעס און האָט אָנ־געפירט מיט דער שלאכט ביי קאראָלינאָווע, ווו עס זיינען געפאלן ביי צוויי צענדליק פיינטלעכע סאָלדאטן. איך האָב זיך נישט לאנג גע־טראָפן מיט אים אויף א חבריש גלעזל טיי אין „שיסער"־אָטריאד, ווו זיין גרופּע איז בשכנות איינגעשטאנען (אין דאָרף שפּיאגלי, ביי טא־ראסאָוויטש). ער האָט דערמאָנט די נישט־לאנג פארגאנגענע צייט, ווען ער איז פון די זעלבע פּארטיזאנער אין געפאנגענשאפט גענומען גע־וואָרן און האָט געדאנקט דעם קאָמאנדיר מיכאאיל פּאָדאָלני, פאר דער ווארעמער באציאונג, וואָס זיין אָטריאד האָט ארויסגעוויזן צו אים.

א יונגער איז ער נאָך. צי ער וועט אָבער באַווייזן אָפּצוצאָלן דעם חוב, וואָס ער איז שולדיק?... און א בעל-חוב איז ער דאָך זיכער א גרויסער...

*

די געגנט איז באַוווינט פון א סך סטאַראָוויערן. אָט זיצן מיר אין א שטוב פון א בערדיקן סטאַראָוויער. 35 יאָר איז ער אַלט. די רעלי-גיע דערלויבט אים נישט זיך צו שערן און ראַזירן. נאָך א סך אַנדערע זאַכן טאָר ער נישט (געבן, למשל, טרינקען א גאַסט פון דעם זעלבן קענדל). ציִיטן אָבער בייטן זיך, און אויך די מנהגים פאַרשווינדן. אפילו די באָרד צײַלט שוין אירע לעצטע טעג.

פונדערוויטנס טראָגן זיך אַהער טויבע קלעפּ. ערגעץ באָמבאַר-דירט מען. דער קאָמאַנדיר זאָגט:

— דאָס אַרבעטן אונדזערע.

# טאָג-לעבן

פ י נ פ ט ע ר י ו נ י.

פּאָלאַצקער טראַקט.

מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך דאָ געשפּאַנט פאַרשטעלט ווי א טויב-שטומער, כדי צו זוכן רעטונג, אנטלויפנדיק פון ווילנער געטאָ-שחיטות. ס'האָט זיך דאַן געטאָן אויפן טראַקט: מאַשינען, טאַנקען, פויערישע פורלעך, גייער. איצט איז פולער טאָג. מיר שטייען אויפן ברייטן וועג און זעען נישט קיין לעבעדיקן נפש און הערן קיין זשום פון קיין מאָטאָר נישט, קיין רעדער-גערודער. א טויטער וועג ציט און שלענגלט זיך צו פּאָלאָצק צו, צו ווילנע. די פּאַרטיזאַנער האָבן אײַנגאַנצן באַהערשט דעם טראַקט. נישט איין צענדליק מאַשינען האָבן זיי דאָרטן פאַרניכטעט; נישט איין הונדערט נאַצים און פּאָליציאַנטן דערשאָסן. איצט איז דער טראַקט אונדזערער. ס'טרעפט אמאָל, אז ס'גנבענען זיך דורך עטלעכע מאַשינען פון קאָנסטאַנטינאָווער גאַרניזאָן אויף מיכיילישאָק. גיך פליען זיי דורך, און אויב ס'טרעפט זיי נישט קיין פּאַרטיזאַנישע קויל, קיין מינע אויפן וועג, איז דאָס ביי זיי דער גרעסטער יום-טוב. אזעלכע געשעענישן טרעפן אָבער זעלטן און אויף אזא ריזיקאַלישער אונטערנעמונג לאָזן זיי זיך נישט. זיי פאָרן נאָר מיט דער באַן. און דער מאכל צו פאָרן מיט דער באַן איז אויך נ י ש ט קיין אָנגענעמער.

*

ביי אַן אָפּגעברענטער חורבה פון געוועזענעם מאַיאָנטעק „זאַקאַנטעק" רוען מיר. עס סטאַרטשען צום הימל די הויכע, פּירקאַנטיקע, ציגעלנע סלופּעס. די צעמענטענע טרעפּ צום פּאַלאַצל שטייען נישט קיין גערירטע. מיט א פּאָר וואָכן צוריק איז נאָך דאָ געווען לעבעדיק. די צוויי ברידער, וואָס האָבן דאָ געוווינט, פלעגן אויפנעמען אונדזערע פּאַרטיזאַנער מיט דער גרעסטער הארציקייט, מיט די בעסטע צובייסנס, און זיסער פאַר אלע זייערע מאכלים זיינען געווען די רייד, זייערע וווּנטשן. פון ד י ערטער האָבן זיך מיט א חודש צוריק פאַרוואַנדלט



## פארטיזאנישע שלאכטן

1) פארטיזאנער נעמען איין א נאציש גארניזאָן, 2) מען לייגט אונטער דינאמיט אונטער אַ באַן-ליניע, 3) צוריק פון דער אָפּעראַציע, מען טראָגט פארוווּנדעטע, 4) גריקא און בוגנאס ביים אויפרייסן אן עשעלאָן, 5) נאציס העננען געכאפּטע פּאַר-טיזאַנערס, 6) פּאַרטיזאנער פירן שפּייז צו זייער באזע, 7) באָרים יאָכוי ביי די באן-ליניעס, 8) וואַך-גרופּע ביים פארטיזאנישן אעראָדראָם פון בעלסקים אַטריאַד.



## פארטיזאנער גרופעס

1) אין די ליפּטשאנער וועלדער. אָטריאַד „לענין". צווישן דער גרופּע: ירחמיאל ליכטער, שלמה שיפּמאנאָוויטש, אהרן ראָזאָווסקי, פיגאַ ברוך וויטמאָנסקי, נח ראָזענפעלד, אלפערט. 2) פון רעכטס: מאיר יוסף איצקאָוויטש, אבראשע לעוויט, דבורה אָקון. 3) פארן ארויספאָרן אויף אן אָפּעראַציע. רודניצקער וועלדער.

די זיסע רייד אין טויט־שאָסן. ס'איז געפאלן טויט אונדזער ווירטשאַפט־לייטער, ראַטשענקאָ. אַן אויפרייס־קויל האָט אים דאָס האַרץ צעריסן. אונדזער גרופּע האָט געענטפערט מיט פייער צוריק און אוועקגעלייגט פאַרן סטאַרשינאַ דריי מערדער. ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז די מערדער זיינען פּוילישע לעגיאָנערן, וועלכע האָבן זייער שטאָב געהאַט ביי די צוויי ברידער.

אַזוי זעט איצט אויס דער מאַיאָנטעק זייערער. אונדזערע חברה האָבן זיי אָפּגעצאָלט פאַר דער גוטער גאַסטפריינטלעכקייט מיטאַמאָל...

— טו נאָר א קוק! — רוף איך פלוצלינג אויס מיטאַמאָל צו דעם קאָמאַנדיר, — ווער גייט עס דאָרטן? — און שטעל אָן מיין מאַשין־ביקס קעגן פרעמד־פאַרדעכטיקן.

— הענט אין דער הויך! — טוט זיך בוגנאַס א שטעל מיטן געצילטן אויטאָמאַט, און שטעלט די גרופּע אין קאַמפס־גרייטקייט.

א דייטש שטייט שוין מיט אויפגעהויבענע הענט אין דער הויך און שרייט אין רוסיש:

— שיסט נישט, שיסט מיך נישט, איך בין א לאַטיש!

ער איז בלאַס ווי קאַלך און בעט אַלץ, מען זאָל אים נישט שיסן. צו אים איז דאָ נאָך איינער. מען ברענגט יענעם אויך.

ס'וויזט זיך אַרויס, אַז זיי זיינען ערשט־געבראַכטע פון לעטלאַנד, און זיי פאַרבייטן עס די ליטווישע גאַרניזאָנען. זיי זיינען 70 לאַטישן אין קאָנסטאַנטינאָווע, און זיצן אין בונקערס. די קאָמאַנדע לאָזט זיי נישט אַרויס מיט געווער איבערן שטעטל, זיי זאָלן מיט דעם נישט אַנטלויפן. האָבן זיי דאָס געווער איבערגעלאָזט און זיינען געגאַנגען זוכן פאַרטיזאַנער. קליידער דייטשע, אויף די אַרבל בלויז א טונקל־רויטער צייכן און די אויפשריפט אויף דעם „לאַטוויאַ". ביידע פון ריגע. אַרבעטער. מיר רעווידירן זיי. דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס, בילדלעך פון ריגע. גיבן מיר זיי די ריכטונג אויף מעלניק, וווּ זיי וועלן טרעפן אונדזערע פאַרטיזאַנער.

— היינטיקע נאַכט מוזן מיר איבערגיין די באַן־ליניעס! — זאָגט דער קאָמאַנדיר. מיר עסן אָפּ און —

**זעקסטער יוני:**

פאַרטאָג. ווער קען אונטערשיידן, צי עס איז נאָך נאַכט, אָדער ס'הויבט שוין אָן צו טאָגן?! אַלנפאַלס, דער זייגער איז שוין האַלב דריי און מיר האָבן פאַר 10 שעה געמאַכט 48 קילאָמעטער.

אייגנטלעך זיינען קיינע וויכטיקע פּאַסירונגען נישט געשען אין

גאנג. אָבער צי דאַרף מען נישט דערמאָנען די פּולעמיאָטשיקעס סאיאַן, באָגדאַנאָוו און ציבולסקי, וועלכע שלעפּן אויף זיך זייער שווערן געווער און דערצו נאָך משא אויף זיך?

און ליובע. זי וואָלט זיך באַליידיקט, ווען מען וואָלט איר מאַכן גרינגער. צוגלייך מיט אירע אַלע חברים שפּאַנט זי און טראָגט די פּודיקע משא אויף זיך, שטייט אויף קיין טריט נישט אָפּ. ס'איז אַ פרייד צו קוקן, ווי זי מאַרשירט און אָטעמט שווער אוים די שווערע מידקייט פון זיך. ווען מיין בליק פאַלט אויף איר, אויף דער אומדערמידלעכער ליובע, — גייט זיך בעסער, פאַרגעסט מען אין דער מידקייט.

*

אַ פּויער קען נישט פאַרשטיין:

— ווי איר לעבט אין וואַלד זומער באַנעמט נאָך מיין קאָפּ; מען קען שלאָפן אונטער אַ קוסט, ביי אַ בוים, אויפן פעלד. אָבער ווינטער? ווי לעבט איר אין וואַלד ווינטער?

— ווינטער זיידעשי, איז אונדז נאָך בעסער ווי זומער.

— וואָס? — וואונדערט זיך ווייטער דער זיידע.

— יאָ, יאָ, זיידעשי, ווייסט איר אונדזער פּאַרטיזאַנישע ליד:

„אין דער קאַלטינקער ערד־שטוב איז היים
און נאָר פיר טריט איז צום טויט,
ווו דו גייסט?“

שלעכט איז אין פרילינג און האַרבסט. דאַן איז בכלל נישט קאָנטיק קיין סימן פון וועגן. בלאָטעס, וואַסערן, נישט צום גיין, נישט צום פאָרן... אויך רייטן איז דאַן נישט קיין מאכל. נאָר אַז מען מוז קריכט מען אויך אין בלאָטעס און וואַסערן.

*

פרישטיק. אונדזער גאַנצע ווירטשאַפט איז איין עמער, דריי לעפל און צוויי „מעסערם“ (אַ טעמפּע בריטווע און אַ פינקע). עסן מיר אַלע אַפריער דאָס פלייש (מיט די „איידעלע“ הענט, פאַרשטייט זיך) און נאָכדעם בייט מען זיך מיט די לעפל, אָדער איך אַ זופּ — ער אַ זופּ.

די פּויערישע לאַבנס ברויט זיינען מאָדנע ריזיקע, אפשר צען־קילאָאיקע. עס און עס און ס'איז נאָך אַלץ פאַראַן.

פּאַרטיזאַנער עסן זעלטן ווי עס באַדאַרף צו זיין. שטייענדיק, ליגנדיק, אויף דער ערד זיצנדיק. אַלץ אויפן טיש, וואָס ס'איז דאָ, — פלייש, פּוטער, קעז. נישט ברויט מיט פּוטער עסט מען, נאָר פּוטער מיט ברויט

און צום צווייטן מאָל אז מען דאַרף עסן איז קוים דאָ אביסל זופּ. א פּאַרטיזאַנער זאָרגט זיך נישט, וואָס שפּעטער וועט זיין. ער לעבט מיט דער מינוט. אָט עסט מען, און אינמיטן דערינען א קאָמאַנדע:

— דער אָטריאַד אין ריי!

אַלץ ווערט געוואָרפן. נישט פאַרענדיקט דאָס עסן, און אין א שעה אַרום איז מען שוין ערגעץ ווייט, ווייט.

*

עס קלייבן זיך צוזאַמען די גרופּעס. היינט איז שוין געקומען די גרופּע מיט רודניצקי, דוניע, סאַוואַטשענקאָ און פּיעטראָווסקי. דער וועג איז געווען א שווערער. די לעגיאָנערן לויערן און האָבן אפילו דערשאָסן דעם פּאַרטיזאַן ניסעפאָר (פון דער וואָראָשילאָוו-בריגאַדע). דאָך האָט די גרופּע זייער אויפגאַבע דורכגעפירט: אַראָפּגעלאָזן אן עשעלאָן. די חברה זיינען צופרידן: נאָך אן עשעלאָן אויף זייער חשבון.

אַזוי איז שוין דאָס. אין יעדער אַרמיי-אָפּטיילונג געפינט זיך שוין א קאָמיקער וואָס מאַכט פריילעך מיט זיינע וויצן, ווערטלעך, אַנעק-דאָטן. אויך אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן פעלן זיי נישט אויס. ביי אונדז פאַרנעמט דאָס אָרט דער ברוינוואָנסיקער פּרץ גראַזול.

גראַזול דערציילט:

1) נאַציס פירן דורך אן אָבלאַווע אין א פּאַרטיזאַנישן ראַיאָן. די ציווילע באַפעלקערונג אַנטלויפט זיך באַהאַלטן. און אָט ליגט אן אַל-טער מיט זיין באַבען צווישן בלאָטיקע קוסטעס פאַרשטעקט.

א דייטש באַמערקט אים און נעמט אים אָן. דער אַלטער צעשרייט זיך דאַן:

— באַ-בוש-קאַ, — באַ-באַ, מען האָט מיר שוין פאַרהאַלטן!

2) די היטלער-צייטונגען אין אַלע שפּראַכן האָבן נישט קיין אַנ-דער נאָמען פאַר די פּאַרטיזאַנער, ווי „באַנדיטן“. ביי א סך פּויערים איז דער עפּיטעט א באַליבטער. אז זיי דערזעען א פּאַרטיזאַנער גיין, גיבן זיי אין מורא א צישע אויס:

„באַנדיטן גייען!“

פאַרשטייט זיך, אז אין די אויגן זיינען ביי זיי די פּאַרטיזאַנער די ליבסטע פריינט. איז אָט גייען אַריין צו אַזא איינעם עטלעכע פּאַרטי-זאַנער. די באַלעבאָסטע מיט א שמייכעלע, פאַרגעסט ווי זי האַלט אין דער וועלט, רופט ליבלעך אויס:

— וואָס געבן אייך, ליבע באַנדיטן...

*

פאַרטיזאַנישער פאָלקלאָר:

1) מאכן דריי־דריי! —

דאָס הייסט, ווען פּארטיזאַנער געפינען זיך אין סכנה און זיי טרעטן אָפּ, כאַפּן זיך ארוים פון דער פיינטלעכער ארומרינגלונג, פון דער בלאָ־קאַדע. „מאכן א דריי־דריי" — הייסט קלוג אָפּטרעטן, צו דער צייט, דער שונא, וואָס גרייפט אָן, וואָס וויל דיר פּאַקן א לעבעדיקן — זאָל בלייבן מיט א נאָז. פאַרוואָס עפּעס א „דריי־דריי"? קיין קלאָרן ענטפער האָב איך נישט געקראָגן פון קיינעם. איך פאַרשטיי, (דאָס האָט מיר אויך ווער געגעבן אָנצוהערן) אז דאָס וואָרט נעמט זיך פון דעם, וואָס ווען די דייטשן ריידן אויף־גיך, קומט אוים ביי די פּאַרטיזאַנער, ווי זיי וואָלטן געגראַגערט:

— דריי, דריי, דרררררר... דררררר...

אנדערע מיינען, אז דאָס קומט פון רוסישן וואָרט „אודיראַי!" (אנט־לויף).

2) באָמבירן:

גיין אויף א זאַנאַטאָווקע (שפּייז־פּאַרגרייט), הייסט גיין אויף א באָמביאָזשקע, אויף א באָמבירונג. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס אויפן פויער, צו וועמען מען קומט נעמען שפּייז, ווירקט דאָס באַווייזן זיך פון די פּאַרטיזאַנער ווי א באָמבע.

הינטישע וועגלעך: — אַזעלכע ערטער, ווו קיין מענטש איז קיינ־מאָל נישט דורכגעגאַנגען דורך זיי, אָבער פאַר פּאַרטיזאַנער איז דאָס אַן עסק. אַזעלכע וועגלעך פירן מערסטנטייל דורך בלאָטעס, וואַסערן, קאַנאַוועס און זומפּן. הינטישע וועגלעך — זיינען די זיכערסטע פאַר די פּאַרטיזאַנער.

# בייטאָג און ביינאַכט

זעקסטער יוני. פאַרנאַכט:

די וועגן. די דייטשע פרעסע האָט אַמאָל צעטרומייטערט, אַז אַ גרופּע אירע סאָלדאַטן זיינען דורכגעגאַנגען אין משך פון טאָג זעכציק קילאָמעטער.

מען דאַרף פאַרשטיין, אַז זיי זיינען געגאַנגען מיטן טראַקט (אַז נישט וואָלטן זיי זיכער וועגן דעם געשריבן). וואָס דאָס זיינען אַזוינס פּאַרטיזאַנישע וועגן, האָבן זיכער יענע דייטשן קיין אָנונג נישט.

מיר האָבן די נאַכט געשפּאַנט אין דער פינצטער דורך זומפּיקן גראָז, דורך טיפע בלאָטעס, בערג און טאָלן, טייכלעך אָן בריקן דורכ־געגאַנגען.

עטלעכע קילאָמעטער פאַרן אריבערגיין די באַן־ליניע ווערט דער גאַנג נאָך פאָרזיכטיקער, נאָך שטילער, באַזונדערס אין ד ע ם אָרט איז דער פיינט וואַכיק. ס׳גייט דאָך נישט דורך קיין שעה אין דער נאַכט די ליניעס זאָלן פון די פּאַרטיזאַנער נישט ווערן אויפגעריסן, באַנען זאָלן אין טאָלן נישט צעדרוזגעט ווערן. די „ווילנע“־פּאַרטיזאַנער, — יאַכיי, לאַווריגאָוויטש, רודניצקי — פון די הויפּט־שטורמיסטן — וואָלטן געקענט וועגן דעם אַ סך דערציילן.

מיר מיידן אויס גרעסערע וועגן ווו דער פיינט קען אויף לויערונ־גען ליגן.

עס פירט אונדז ח׳ וואָראָביאָוו.

צום וואונדערן זיך. ס׳קומט מיר אויס, אַז ווען איך וואָלט דאָ גע־גאַנגען הונדערט מאָל, וואָלט איך זיך נישט אָריענטירט אויף דעם פלאַכן אָנוועגיקן וועג, ווו ער פירט אונדז צווישן געדיכטע וועלדער, צווישן קוסטעס, צווישן ביימער, דורך פעלדער, צעאַקערטע ערד־בלאָ־טעס, וואַסערן און זומפּן.

די שטיוול האָבן שוין פאַרלוירן זייער אויסזען און טרעטן ווו עס מאַכט זיך. די לבנה — ווער דאַרף זי האָבן איצט? פאַר אונדז איז דאָך בעסער, אַז די נאַכט זאָל זיין וואָס פינצטערער. וואָראָביאָוו ועט דאָך

טרעפן אָן איר אויך. צי וויל זי אונדז פאַרראַטן? זי לויכט אויף אונדז, ווי דער שונא זאָל אונדז בעסער זען, ווי ס'וואָלטן רעפלעקטאָרן גרויסע זיך צעליגנט פאַר אונדז.

מיר גייען אָפּגערוקט, צו עטלעכע מעטער איינע פון די אַנדערע. ווי אויסגעשניטענע סילועטן אויף באַזונטן געלן קרעפּ-פּאַפּיר זעען מיר אויס אין דער לבֿנהדיקער ליכט.

א הויכער, כמעט שטייאיקער באַרג. מיר זעען נישט וואָס אויבן טוט זיך; מיר ווייסן אָבער, אַז אויבן, איבערן קאָפּ פון באַרג ציען זיך די רעלסן. אויף יעדן פאַל זיינען מיר צוגעגרייט. דאָס געווער ווי צום שלאַכט. ס'הייסט, אויב דער שונא זאָל אָנהויבן א פייער אויף אונדז — וואָלט ער גיך דערשפּירט, וואָס אונדזערע פּולעמיאָטשיקעס קענען, צי אונדזערע אויטאָמאַטן און וויגטאָווקעס טויגן.

„היינט מוזן מיר אַריבער די באַן-ליניעס".

ס'טרעפט זייער אָפט, און דאָס מאָל אויך: דער פיינט אין בונקער קוקט דורך זיין פעסטונג, און ווען ער דערזעט, אַז א גרעסערע גרופּע פּאַרטיזאַנער גייען, פאַרשטעקט ער זיך, מען זאָל אים נישט זען. דער פיינט דערפרייט זיך גאָר וואָס מיר האָבן אים נישט גערירט, וואָס מיר ווילן בלויז אַריבערגיין.

מיר דראַפּען זיך מיט די נעגל אין פאַרגרינטן שטאָציקן באַרג, קלעטערן אַלץ העכער און העכער, און אָט ליגן שוין אויסגעצויגן די רעלסן. דער פרישער געלער זאַמד איז דער בעסטער עדות, אַז נישט לאַנג איז דאָ געווען אַן אויפרייס און מען האָט דאָ ווידער אַלץ פאַר־ריכט.

אַריבער די באַן-ליניעס בשלום, שפּרינגען מיר אַריבער דעם אַנ־דערן אָפּגרונט, וואָס איז ספּעציעל דורך די דייטשן געמאַכט געוואָרן, כדי דער צוקום זאָל זיין א שווערער, און מיר זיינען שוין אין וואַלד, — צו אונדזער בעסטן פריינט, צו אונדזער באַשיצער. דאָ זיך אָפּרוען אָבער, טאָר מען אויך נישט. דער פיינט קען אויך דאָ אויף אונדז ערגעץ וואַכן. וואָס ווייטער פון די ליניעס, וואָס טיפער אין וואַלד איז אַלץ זיכערער.

*

## ל י ט ע.

מיר טרעטן אויף דער ליטווישער ערד אַרויף.

דער טוי אין פאַרטאָג פאַרדעקט אונדז. א פוכיקער טיול וויקלט אונדז אַרום. מיר זעען נישט איינער דעם אַנדערן. אַזוי בין איך אין 1938 געגאַנגען מיט חברים אויפן ניעוואַנט (קאַרפּאַטן-בערג) אין די

וואָלקנס און איינער דעם אנדערן האָט נישט באמערקט אויף א מרחק פון עטלעכע טריט. איצט קומט מיר אוים, אז דער וואָלקן פון הימל האָט אויפן גראָז אראָפּגעגנידערט.

— ציק, האָפּ...

קאָליע שווייגט. אויך מיר. ער פּרוּווט אמאָל א פלאטער טאָן מיט א האנט ארום לובען, א הויב טאָן א פוס צום „האָפּ“, אָבער ביים פּרווו בלייבט עס.

צום גאנג נעמט ענדלעך א סוף. מיר רוען אָפּ. אין די געגנטן וועלן מיר דערווייל בלייבן. דאָ, ארום סוויענציאַן, הײדוציש‏אַק, מעלי־גאַן, וועלן מיר אונדזער ארבעט פירן. ס׳וועט אונדז פארשפּאָרן דער שטענדיקער גאנג פון צענדליקער קילאָמעטערס פון אונדזער באזע אהער. איצט וועט דאָ אונדזער באזע זיין.

און אויב דער פיינט, וואָס איז אין די ערטער דאָ גאָר היפּש אין צאָל, וועט זיך וועלן מיט אונדז אָנהויבן, זיינען מיר גרייט.

מיר מוזן דעם ראיאָן מאכן פאר א פּארטיזאנסקן, — באפרייען אים פון שונא.

מיר זיינען נישט פון די ערשטע. אָט טרעפן מיר זיך שוין מיט א גרופּע פון אונדזער אָטריאַד, וואָס איז ארוים מיט א פּאָר וואָכן צוריק אונטער טוניקס אָנפירונג. עס ווערט פריילעכער, ווען מען דערזעט זיך ווידער מיט אלטע באקאנטע, מיט אייגענע, כאָטש געזען האָט מען זיך דאָך ערשט נישט לאנג.

ווי זיי גייען אָנגעטאָן, ווי זיי וואָלטן זיך אין טעאַטער געקליבן. טוניק אין א געפּאסטן מארין־גרויען מאנטל. קאפּעלקא אין לאנגע הויזן, אנושקא אין א קאפּעליוש, קאָברינסקי טראָגט גאָר אַן אויסבינדער. די אויטאָמאַטן און דער פּולעמיאָט זיינען עפּעס גאָרנישט קיין פּאָר צו אָט די קליידער.

אויב אין די ראיאָנען פון פאר די באַן־ליניעס ווערט שוין באלד א יאָר ווי קיין דייטשן האָבן קיין פוס נישט ארויפגעשטעלט, קומען זיי אין די געגנטן יאָ פון צייט צו צייט.

פארשטייט זיך, אז זיי קומען אויך דאָ נישט קיין איינצלנע, זיי קומען דאָ אין צענדליקער און אפילו אין הונדערטער. און אז זיי כאַפּן זיך אראָפּ דאָ אמאָל, מאכן זיי דעם אמתן חורבן. ווי די היישעריקן בא־פאלן זיי די דערפער און כוטאָרן. ראַמען אלץ אוים גיך, גיך. — טאָמער קומען אָן פּארטיזאנער פון ערגעץ, — און ווערן נישט.

מיר צעטיילן זיך אין קלענערע גרופּעס. יעדע גרופּע אויף איר

אויפגאבע. מיר ווערן די באזירנדיקע, דאָ געפינט זיך דער שטאב. אלע צעגייען זיך.

א ניי לעבן.

זיבעטער יוני:

פארטאָג. פארביי די פענצטער פון כוטער רייט ווער אָן.

א שפרונג ארויס — אהא. באָרים איז דאָ. באָרים יאכיי. אָט דאָ איז דאָך זיין ראיאָן. אָט דאָ איז ער דער קעניג.

די פויערים קענען אים נאָך פון דאַן, ווען ער איז געווען אזא־אָ קליינער — ווייזן זיי נידעריק מיט די הענט.

— העי, „באנדיטן", קומט ארויס, — חכמעט ער אויס צו אונדז.

— איר ווילט גוטע נייעס?

— א פראגע!

— נו, איז זייט וויסן: נעכטן איז אויסגעבראָכן דער צווייטער פראָנט אויף דער פראנצויזישער טעריטאָריע מיט עלף טויזנט אעראָ־פלאנען און זיבן טויזנט שיפן (?!), און רוים האָבן די אליאירטע פאר־נומען.

מיר צעטאנצן זיך פאר פרייד. עס גיט א בליץ אין מוח:

איצט וועלן זיכער די סאָוועטן אָנהויבן אן אָפענסיווע אויף מזרח און דאַן וועלן מיר גאָר אונדזער געווער אין אקער־אייזנס פארוואנד־לען, און...

דער נעכטיקער ווילנער פוילישער „גאָניעץ צאָדזיענני" שרייבט וועגן דער פעסטקייט פון רוים, וואָס ליגט אין די דייטשע הענט, און די ריגער רוסישע „זא ראָדינו" שרייבט וועגן דער אוממעגלעכקייט פון אן אליאירטער אָפענסיווע אויפן קאָנטינענט.

באָרים נעמט זיך אָבער פון דעם גאָר ווייניק איבער. בכלל מישט ער זיך נישט אין פאָליטיק. ער ווייסט איין זאך, און זיין זאך איז — אויפרייסן עשעלאָנען. ער איז דער קאָמאנדיר פון אן אויפרייס־גרופע. (מיט סאוועטשענקאָ, פלעקסער, רודניצקי, דוניא און פעטראָווסקי).

איך פיל, אז אלע פארטיזאנער האָבן צו אים אכטונג. מען רעדט מיט דרך־ארץ וועגן אים. מ י ר אָבער געפעלט נישט זיין האלטן זיך. זיין אנארכישער באנעמען זיך. זיין שפראך, וואָס יעדעס צווייטעס וואָרט איז דורכגעפלאָכטן מיט מיאוסע רייד. שיכורט ער זיך אָן, שלאָגט ער דאָס פערד אָן רחמנות און שילט עס. אויפן עולם ווירקט עס אָפט דעמאָראליזירנדיק, זיי ווערן אריינגעצויגן אין אָט־דעם ווער־טער־שפיל. קען זיין, אז דאָס האָט געווירקט אויף אים דער נערוועזער צושטאנד ביים שפאנען אויף געפערלעכע וועגן, ביים אונטערלייגן מי־

נעם (ער איז פון די בעסטע מיניאָרן, זאָגט מען; נישט נאָר פון אונדזער אָטריאַד). ער האָט שוין זעכצן עשעלאָנען אויפגעריסן. אָבער פאַרוואָס איז איצעלע רודניצקי אַנדערש? וואָס עס זאָל אָבער נישט זיין, ווילן אַלע, ר יי ס ן זיך אַלע צו זיין ביי באָריסן אין גרופּע. ער איז אַ חברישער יאַט, אַ דרייסטער, און האָט קיין איין דורכפאַל נישט געהאַט.

בלאָטעס. איך האָב זיך אין לעבן נישט פאָרגעשטעלט, אַז ווען אַ מענטש זאָל דערזען אַ בלאָטע, זאָל ער זיך מיט דעם פרייען. פאַר פּאַרטיזאַנער איז בלאָטע אַ רעטונג, אַ גליק. ווו מער בלאָטעס, גרעסערע זומפּן — דאָרט פאַרקלייבן זיך פּאַרטיזאַנער. אין אַזעלכע געגנטן באַזירן זיי זיך. דאָ וועט דער פיינט נישט קענען, נישט וועלן אַזוי גיך צוקומען. אויף אַזעלכע וועגן פירט אונדז איצט באָרים. עס פעלן אויך נישט קיין בערג און טאָלן. קיין שלעכטע וועגן וועלן אונדז שוין נישט איבעררראַשן. ער איז אויסגעבונדן מיט יעדן בוים, באָרים, ער איז חבר, דוכט זיך, מיט יעדן צווייגל.

אַ כוטער האָט זיך אָנגעזעצט אויף דעם קאַרק פון אַ גרויסן באַרג. עס זעען זיך בלויז, אין טאָל קוקנדיק, אַ פּאָר דעכער, ווי גרויסע שוואָמען־באַראָוויקעס. פון צווישן קוסטעס שלייכט זיך אַרום די וואַך. אים זעט קיינער נישט. ער זעט אַלע.

אַן אַלטער באַקאַנטער, דער צוואַנציק־יעריקער הירשקע אוגאַל. ס'באַגעגנט אונדז לאַורינאַוויטש, אַ שטילער, גוטער יאַט. אַ פערציק־יעריקער ווילנער אַרבעטער, איז קאָמאַנדיר פון אַן אויפריים־גרופּע. (מיט אוגאַלן, גריבאָווסקי, זאַיע מאַלינאָווסקא און סטיאָפּקע). ער אַרבעט נישט ערגער ווי די יונגע און האָט שוין אויך זיינע צוועלף עשעלאָנען.

אויפן היינטיקן טאָג איז דאָ דער זאַמל־פּונקט פון אַלע גרופּעס.

לאַורינאַוויטש (וואַנקא רופן אים דאָ אַלע) איז דער טאַטע. ער פּאַסט אויף, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. ס'זאָל קיינעם גאָרנישט פעלן.

דאָ איז אויך פאַראַן אַן אויפריים־גרופּע פון ליטווישן אָטריאַד „קאָסטאַ קאַלינאַוסקאַס“ מיטן קאָמזוואָד קאָסטיוקאָוו בראש. אויך זייער אַרבעט האָט זיך פאַרשטאַרקט. דער עיקר אַ דאַנק דעם נייעם קאָמאַנדיר וואָלאָדיע קורמיאַלים, וואָס איז ביז נישט לאַנג נאָך געווען אין אָטריאַד. פאַרן לעצטן חודש האָבן זיי אויפגעריסן אַכט עשעלאָנען, פאַרניכטעט וועגן, בריקן, צעשטערט פאַרבינדונגס־ליניעס און געהאַט

קאמפן. וואנקע פרעגט מיך, צי איך האָב נעכטן געהערט א גרויסן אויפרייס בייטאָג.

— דאָס האָט אונדזער גרופּע אונטערגעלייגט א מינע אויפן טראקט לינטעפּ—סווענציאן. אויף דער מינע איז ארויפגעפאָרן א פּאָסט-וואָגן און מער ווי די רעדער און די שטיוול פון די באאמטע זיינען נישט פארבליבן.

— זיי וועלן פארזאָגן א צענטן איצט צו פאָרן אויפן טראקט, — פרייען זיך זיינע בלויע אויגן.

# די פאָלקס־נקמה־נעמער

אכטער יוני:

מיר גייען און וואנדערן.

ווו געטאָגט, נעכטיקן מיר נישט; ווו די נאכט — פאָגן מיר אנ־דערשוו. פאַרזיכטיקייט איז אונדזער דעוויז.

אזא מחנה פארטיזאנער זעען די פויערים צום ערשטן מאָל. אזעלכע געווער — אויך צום ערשטן מאָל. עס קען גאנץ פיין טרעפן, אז ווער פון די שמעקער (געהיים־אגענטן. אומעטום זיינען זיי דאָ אין געהיים) זאָלן מעלדן וועגן אונדז דער געשטאפּאָ, דעריבער זיינען מיר אזוי רי־רעוודיק אין אויסקלייבן אנדערע ערטער.

מיר פארנעמען א דאָרף. פּאָסטנס אוועקגעשטעלט אין אלע זייטן. אריינגעלאָזן ווערן אלע גייער, ארויסגעלאָזט ווערט קיינער נישט. מיר וואשן זיך ארום, רייניקן די בגדים, די שטיוול; און איידער וואָס־וועז, שטייט שוין פרישטיק אויפן טיש.

צו צוויי און צו דריי ביי א פויער זיינען מיר צעוואָרפן. זיי ווייסן, די באלעבאָסטעס, אז מיר האָבן נישט קיין צייט, ווערט דאָס עסן גיך צוגעגרייט און מיר ווערן אויך גיך אָפּגעפארטיקט.

א דאנק, און מיר טראָגן זיך ערגעץ ווייטער. מיר רוען אין וואלד...

מיטאמאָל: דער אָטריאד אויף די פיס! א פויערטע ברענגט א ידיעה, אז סלאווקע און סיאָמקע סאָקאָלאָוו זיינען ארויף אויף א לויע־רונג פון פוילישע לעגיאָנערן און מען האָט זיי פארהאלטן.

„א סך זיינען זיי געווען" — זאָגט די פויערטע — „אפשר צוויי הונדערט".

ווער ווייסט ווי די צאָל אינדערהאמתן צו שאצן. די פויערים זיינען אָפט מגזם און אן אנדערשמאָל דערשאצן זיי נישט.

נאָך א זאך דערציילן אונדז די פויערים:

— פינף פארטיזאנער פון דער „לעניך"־בריגאדע, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן פון דער דייטשער בלאָקאדע אין אושאצער ראיאָן, זיי־

נען דורך די לעגיאָנערן פארברענט געוואָרן אויף א כוטער מיטן פויער צוזאמען צוויי א האלבן קילאָמעטער פון דאנען.

דער אלטיטשקער פלאָטניקאָוו דערציילט, אז מיט דריי טעג צוריק האָבן זיי זיין זון דערשאָסן, ווייל ער העלפט די פארטיזאנער, און נעכטן זיינען זיי געקומען אים זוכן.

די לאגע ווערט ערנסט. ווו זיינען זיי איצטער, איז שווערלעך צו וויסן און ערגער איז, וואָס מיר זיינען איצט ווייניק אין צאָל, בלויז א מאן דרייסיק. די אנדערע ווערן דערווארט די טעג.

דער אָטריאַד אויף די פיס!

מיר ווייסן, אז די לעגיאָנערן לויערן אויף אונדז. עס דערטראָגן זיך צו אונדז נאָענטע אויפרייסן, שיסערייען. ווער שיסט? ווו?

מיר גייען.

דערווייל, פון איין גאנג צום צווייטן, פון איין זיץ צום צווייטן זיץ, ארבעט מיין בלייער. כ'האָב די ארבעט מיינע פארטיילט אין פיר אָפּטיילן:

1. — שרייבן דעם טאָג־בוך, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דאָס טאָג־לעבן פון אונדזער אָטריאַד.

2. — אויפנעמען אינטערעסאנטע פאקטן פון פארטיזאנקע, וואָס עס דערציילן מיר די קעמפער.

3. — באזונדערע אינטערעסאנטע פאקטן, וואָס רעגן אָן, באאר־בעטן אין פאָרעם פון דערציילונגען, און

4. — קלייבן פארשידענע מאטעריאלן, וואָס האָבן א שייכות צו דער היטלעריסטישער הערשאפט אין די געביטן, ווו מיר געפינען זיך איצט.

דער 18 יעריקער איצעלע רודניצקי דערציילט מיר זיינע איבער־לעבונגען פון 1939, ווען ער איז געווען אין ווארשע און האָט שוין דערשפּירט דאָרט, ווער היטלער איז. פול מיט אומאויפהערלעכעליידן און פיין זיינען די לעצטע פינף יאָר פון זיין יונגן לעבן. א טייערער, שטילער בחור, דאָס פארקערטע פון זיין בן־עיר, באָרים. שטיל און באשיידן. אָן טומל. זינגט אמאָל ארוים א צארטן ניגון (זיין טאטע איז געווען א חזן האָט דער זון געירשנט אויך די שיינע ניגונים).

דער טאטע מיט דער מאמען זיינען אומגעקומען פון די נאצים אין ווארשע. ער, דער זון, נעמט נקמה פאר זיי. דאָס זעלבע טוט די שוועס־טער אין דער רודניצקער פּושטשע. ער האָט שוין אויף זיין געוויסן צען עשעלאָנען, עטלעכע שמאָלע באנען. און אז פּאפּקע האָט גע־דארפט האָבן דרייסטע יונגען, איז דאָך רודניצקי געווען צווישן זיי.

ס׳ווילט זיך ארומנעמען דעם געקרויזטן קאָפּ האָר זיינעם און קושן. אויך דער קאָמאנדיר האלט אים פון צווישן די בעסטע קעמפער און אכט אים זייער.

*

ביי סוועןציאן איז אראָפּ אין טאָל א קליינבאן. חברה זיינען זי-כער, אז דאָס איז די ארבעט פון וואנקע לאַווריניאַוויטשעס גרופּע.

ווידער אין וועג. די גרופּעס בייטן זיך אלץ כסדר. ווער ס׳איז נעכטן געווען, איז היינט נישטאָ; די, וואָס זיינען היינט דאָ, וועלן מאָרגן נישט זיין. מיר שטעלן־איין אויף א מעת־לעת אונדזער מאכט אין דאָרף שאבאני.

דאָרט אָרגאניזירן מיר א מיטינג פאר די פּויערים. שאָקלען זיך עלטערע קעפּ און ס׳טרערן אלטיטשקעס. ווען ס׳רעדט ח׳ גריקאס, — „ווײ, ווײ, וואָס ער האָט אָנגעמאכט, דער דייטש״.

יונגע זיינען וויייניק פאראן. א טייל באהאלטן זיך. אנדערע זיינען צעכאפּט געוואָרן פון די נאצים און ארויסגעשיקט געוואָרן קיין דייטש-לאנד אָדער אוועק אין פּארטיזאנקע.

דאָרף ניעווערישקי, 12 קילאָמעטער פון סוויענציאן. א פּויער זאָגט:

— צום ערשטן מאָל זע איך דאָ אזויפיל פּארטיזאנער. ביז אהער פלעגן פּארטיזאנער דורכגיין דאָ אין גרופּעס צו דריי, צו פיר, איצט אפּנים האָבן די דייטשן מורא פאר אייך.

פון דאָרף האָבן מיר לענגער מאָביליזירט אין אונדזער אָטריאַד דעם 18 יעריקן מארקעוויטש. א טייערער יאטל. מיר רופן אים אלע „זונעלע״. ער איז דער ערשטער אויף אן אויסשפּיר, און די געגנט, איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אז ער קען ווי זיינע פינף פינגער.

גייט ער איצט דורך זיין דאָרף מיטן אויטאָמאט אויף דער פּלייצע, די דיסקען ביים זייט און די פּויערים שושקען זיך:

— וואָלאָדיע! זע זיין געווער!

קאָמיסאר פּירמייטים און וויטיע זיינען דאָ, זיי קומען פון דער באזע און ברענגען רואיקע גרוסן. דער פּולקאָווניק אינטערעסירט זיך, וואָס דאָ טוט זיך. זיי פרייען זיך פון דער סעמיאָנאָוו-געשיכטע. זיי פרייען זיך, וואָס סלאווקע און סיאָמקע זיינען לעבעדיקע ארויס פון די לעגיאָנערן.

שלעכט. נישטאָ וואָס צו רויכערן.

דער פּאראיאָריקער פּארזיי איז שוין געענדיקט.

אפילו וואָרצלען קען מען שוין נישט געפינען. רויכערט מען אַפּט געטריקנטע גראָז, שטיקלעך אלטע פּאַפּיראָסן פון דער ערד.

— גיט מיר נישט וואָס צו עסן, — בעט זיך באַראַנאָווסקי, — נאָר צו פאַררויכערן גיט.

און רויכערט ווער, איז גלייך א באַפעל:

— פערציק! — באַשטעלט אַפריער באַראַנאָווסקי.

— צוואַנציק! — באַשטעלט פּאָדבערעזקי ביי באַראַנאָווסקין.

— צען! — באַשטעלט מאיאן ביי פּאָדבערעזקין.

וואָס איז דאָס פאַר א ציפערן און וואָס איז דאָס פאַר א שפּראַך? דאָס געהערט שוין צום פּאַרטיזאַנישן פאָלקלאָר. אז איינער רויכערט א גאַנצן פּאַפּיראָס צי א פּאַפּירל טאַבאַק, הייסט עס, אז ער איז דער באַלעבאָס איבערן גאַנצן טאַבאַק, וואָס ער האַלט אין מויל. איבער די גאַנצע הונדערט פּראָצענט הייסט עס. זאָגט ווער „פערציק", הייסט עס, אז ער בעט פאַררויכערן פון די הונדערט כאָטש פערציק פּראָצענט (אויף פופציק פּראָצענט דערלאָזט נישט דאָס געוויסן), דאַן קומען צו אַנדערע און בעטן שוין ביי יענעם, וואָס האָט באַשטעלט די 40 פּראָצענט „צוואַנציק" און אפילו ביז „צען" לאָזט מען זיך אַרונטער.

— פערציק! — הייסט אויפן פּאַרטיזאַנישן לשון: איבערלאָזן פאַררויכערן.

אַנדערע האָבן שוין די נייע שפּראַך אָנגעהויבן צו באַנוצן אויך צו אַנדערע זאַכן. למשל צו שפּייז (ווען איינער טרינקט וואָס און יענער וויל אויך טרינקען, זאָגט יענער: „פערציק" א. א. וו.).

פּאַרטיזאַנער גייען!

אין אָנהויב פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג האָט דער רוף אַרויסגערופן א ציטער ביי דער באַפעלקערונג. זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. זיי האָבן געהערט בלויז פון די דייטשן, אז דאָס זיינען געפערלעכע באַנדיטן, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער און לעבן דאָרט און זעען אויס ווי די ווילדע חיות. באַוואָפנטע מיט ביקסן, מיט העק און מיט מעסערס.

— פּאַרטיזאַנער גייען!

ווער ווייס ווי שווער דער קאַמף אונדזערער וואָלט אויך געווען קעגן די פּויערים, ווען נישט די נאַציס וואָס האָבן אונדז געהאָלפן, אז די פּויערים זאָלן זיך פון זיי, פון די דייטשן, אָפּקערן און ווערן אונדזערע פריינט, אונדזערע פאַרבינדעטע. מיר האָבן באַפרייט די באַפעלקערונג פון ווילדן דייטשן טעראָר, פון שרעק פאַר פלוצימדיקע רויב־אָנפאַלן, פון ציטער אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד.

די פּויערים האָבן דערפילט, אַז פון די נאַציס וועלן זיי שוין נישט געהאָלפן ווערן. די פּאַרטיזאַנער האָבן קאָנפיסקירט ביי די אויפגעקו־מענע און רייכע פּריצים זייערע בהמות און א טייל צעטיילט צו אָרעמע פויערים. אויך ערד זיי געגעבן. צו דעם נייעם פרילינג־פאַרזיי האָבן די פּאַרטיזאַנער פון אונדזער ראיאָן צעטיילט צו אָרעמע פויערים הונדער־טער פודן זריעה, אויסגעליען פערד און דאָרט, ווו קיין מאַנסבילן זיינען נישט פאַראַן, שטייען מיר מיטן געווער אויף דער פּלייצע ביים אַקער און העלפן די ערד זאָל צו דער צייט אירע פרוכטן געבן.

— פּאַרטיזאַנער גייען!

ציבולסקי און באַראַנאָווסקי שפּאַנען אין די נאַכטיקע קעלטן באָר־וועסע, און די פיס זיינען צעווונדיקט פון פאַרשידענע קאָרטשעס, דראָט, גלאָז. די ברידער גויגא מיט צעריסענע הויזן. מיר האָבן שוין לאַנג אונדזערע וועש נישט געביטן, נישט געוואַשן.

פּאַרטיזאַנער גייען!

פאַרשידן־קאַליבריק איז אונדזער אָנטועכץ. דייטשע, ליטווישע, פּוי־לישע מונדירן, הויזן און היטלען און פאַרשידענע געווער: דייטשע ביקסן און אויטאָמאַטן, פראַנצויזישע, האָלענדישע ווינטאָווקעס, אַלטע אַטרעזאַנקעס, פּיסטאָלעטן פון אַלע לענדער, פון אַלע קאַליבערן.

— פון וואַנען האָט זיך דאָס געווער גענומען צו אונדז? — דאָס זיינען אַלץ טראָפייען. געשלאָגן דעם שונא, און מיט ז יי ן געווער ווייטער געקעמפט קעגן אים.

די שרעק איז גרויס, ווען דער רוף ווערט דערהערט פון נאַציס, זייערע נאָכשלעפּער, און ביי די יעניקע, וועלכע האָבן זיך אָנגעזויגן מיט בלוט פון צעשאָכטענע פרויען און קינדער, און זיך אָנגענומען מיט זייער האָב און גוטס. זיי שרעקן זיך פאַר די פּאַרטיזאַנער, נאָך ערגער ווי פאַרן טויט.

פאַקט:

ביי ווילנע איז א מאַשין מיט דייטשן אַרויפגעפאָרן אויף א בוים. די לעבנגעבליבענע דייטשן האָבן נישט אַנדערש געמיינט, אַז פּאַרטי־זאַנער זיינען אין דעם שולדיק געווען. א מינע, האָבן זיי געטראַכט, האָבן די פּאַרטיזאַנער אונטערגעלייגט. אין א שעה אַרום איז שוין ווילנער געשטאַפּאָ און זשאַנדאַרמעריע געווען אויף אָן אָרט, אין די ראַיאָנען אַרום, געזוכט און גענישטערט, ווו זיינען די פאַרברעכער?

*

פלוצלינג א באַפעל:

די גרופּעס גייען זיך פונאַנדער אויף זייערע באַשטימטע אויפגאַבעס.

איצעלע גייט אָנהויבן דעם צווייטן צענדליק עשעלאָנען. מיר געזעגענען זיך האַרציק.

— געדענק — זאָג איך אים, — מיר דאַרפן נאָך פאַרענדיקן שמועסן.

— זיכער, חבר קאַטשערגינסקי, זיכער וועלן מיר זיך זען.

דריקן מיר זיך פעסט די הענט מיט לאַווריניאָוויטשן, מיט באָריסן, מיט זאָיען.

— פאָרזיכטיק, חברה — פאַרזאָגן מיר איינע די אַנדערע, — האַלט זיך!

אונטערן צעשטערנטן הימל צעגייען מיר זיך שטיל. מען זאָגט, אַז די דייטשן זוכן אונדז, די לעגיאָנערן טשאַטעווען.

— האַלט זיך!

מיר צערטלען דעם שטאָל פון געווער, — אונדזער פריינט און באַשיצער.

ביי א ברעג וואַלד, ביי א כוטער, שלייכן מיר זיך אַריין אין א שייער, פאַרשטאַרקן די וואַך. עס שלאָפט זיך אָבער נישט.

דער ראַדיסט מישא מאַרקאָווסקי שטעלט אָן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. גייט דורך א ציטער איבערן לייב. דאָס האַרץ צעשפּרינגט זיך.

די אַליאירטע זיינען שוין 65 קילאָמעטער צפונדיק פון רוים. אויפן קאָנטינענט גייען זייערע אַרמייען פאָראויס און ברעכן דעם לאַנג־געריממטן נישט דורכברעכבאַרן אַטלאַנטישן וואַל.

אין האַרץ שטעקט א סמיקע נאָדל און עגבערט:

צי וועלן מ י ר דערלעבן צום טאָג פון גאולה?



## נאָך דער מלחמה

1) רעכטס: אפּיוואלע (גריקא), אין ציוויל, אין זיין ארבעט־צימער אלס סעקרעטאר פון דעם ראיאָן־קאָמיטעט פון דער סוועגציאנער קאָמפּארטיי. קעגן אים ש. קאטשער־גינסקי, א געשיקטער פון דער צייטונג „טיעסא״ (אמת), צו אינטערוויואירן אפּיוואלען. 2) דער פּארטיזאַן פינק אויף דער וואַך ביי דעם פּארטיזאנער־פּונקט אויף דער קוילן־גאס. 3 און 6) יידישע פּארטיזאנער־גרופּן אין ווילנע, וועלכע האָבן אנטיילגענומען אין באפרייען זייער היימשטאָט, אויף די פּארטיזאנער־פּונקטן אין די ערשטע טעג ווען פון דער שטאָט איז פאַריאָגט געוואָרן דער שונא. 5) א פּארטיזאנער־גרופּע, געוועזענע געטאָ־קעמפער. 4) שלמה גאָל, אנטלאָפענער פון פּאָנאר, פּארטיזאן, סאָוועטישער פּאָליציסט.



## נאָך דער מלחמה...

1) אויף די ווילנער גאַסן. יידישע פּאַרטיזאַנערס לייענער די פראָנט־באַריכטן. 2) פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „א טויט דעם פאַשיזם" אין ווילנע. 3) אדם פייגענבלאַט, אויסגעצייכנטער קאָמאַנדיר פון פּוילישע פּרטיזאַנער אין די קעלצער וועלדער. 4) פּאַרטיזאַנערס, געוועזענע קעמפער אין ווילנער געטאָ. 5) פּאַרטיזאַנערס פון סווענציאַן: בושקאַניעץ, רודניצקי, יאַכיי, מיאַדזיאָלסקי — סאָוועטישע מיליציאָנערן (איצט אין ישראל). 6) שלמהקע דער אײשישקער ביי זיין מאַשין־ביקס אין די טעג פון קאַמף פאַר ווילנע. 7 און 8) אויסגעצייכנטע יידישע פּאַרטיזאַנערס פון קאָוונע.

# שפיאָנען

גײנטער יוני:

א קאַלטער, אומעטיקער טאָג. די וואָלקנס רעגענען. צו באַוווּנדערן די יוכטענע פּאָדעשוועס אויף מײַנע שטיוול. ווי זיי גיבן זיך נאָך נישט אונטער. אמת, אין די שטיוול איז א ים, אָבער בעסער ווי צו גיין א באָרוועסער.

אין א דאָרף פאַרהאַלטן מיר א 17 יעריקן ייִנגל רײַטנדיק אויף א פערד, אַרומגערינגלט מיט פּעקלעך. ער האַלט עטלעכע מעטער מאַנופאַקטור, א גרויסן טעפּיך, לעדער, לעדערנע פּאַלאַרעסן, צינד־מאַשינקעס, פּאַפּירלעך מיט נישט קיין לאַנגישן טעקסט.

— וווּהין?

— אין שטוב, אין דאָרף גראַזול, צו דער מאַמען.

— פון וואַנען?

— פון סוויענציאַן, פּאָדבראָדז, פון א מומען. — קיין טאָלק קען מען נישט דערגיין.

— ווי רופט מען דיך?

— קאַנאַן מאַטוויִעוויטש דעמידאָוו.

— פון וואַנען האָסטו גענומען די זאַכן?

— די מומע האָט מיר געגעבן...

— ווער האָט געשריבן די צעטעלעך? וואָס איז דאָ געשריבן? ער קען אויף דעם נישט ענטפערן.

—כ׳האָב דאָס געפונען... איך האָב דאָס שוין פון לאַנג, עס וואַלגערט זיך — זאַהיקעט ער זיך.

— וועמענס איז דער פערד?

— געליִען ביי א פּויער...

מיר נעמען אים מיט אין וואַלד. א פּאָר שאָמפּאָלן (שמיץ מיט א דינעם שטאָלענעם ביקס־טײַל) העלפן, ער רעדט:

— חברים, איך בין מיט אײַך! וואָס איר ווילט, וועל איך אײַך טאָן. איך וועל ברענגען אן אויטאָמאַט.

— ווו האָסטו גענומען אַן אויטאָמאַט?

— איך בין געזעסן אין טורמע, האָב איך עס פון דאָרטן, פון אונטער דער נאַרע אַרויסגעטראָגן און באַהאַלטן אין היידוציִשאָק.

נאָך אַ פּאָר שמייץ. דער ענין ווערט סענסאַציאָנעל.

דעם פערד האָט ער שוין נישט געליען, נאָר אים צוגענומען ביי אַ פּויער זאָגנדיק, אַז ער איז אַ... פּאַרטיזאַן. די פּעקלעך האָט ער גע־קראָגן ביי ליטווינער אין פּאָדבראָדז. ער ווייסט פון קיין זאַך נישט. אָבער אין פּאָדבראָדז האָט ער צוגעזאָגט די לעגיאָנערן, אַז דעם צווייטן מאָל, ווען ער וועט קומען, וועט ער קומען צו זיי מיט געווער און ווערן אַ לעגיאָנער און אַז אין זייערע געגנטן דרייען זיך אַרום סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער.

*

נאָך עטלעכע זעצן איבערן הינטן.

ער זאָגט, אַז ער וועט ברענגען אויך אַ פּולעמיאָט, וואָס ער האָט באַהאַלטן, און נישט אָפּגעבן דאָס יענע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען די פּאַרגאַנגענע וואָך געווען ביי זיי און געפּאָדערט געווער.

פון וואַנען האָט ער געווער? דאָס פערד האָט ער גענבעט, ווייל אַ פּויער האָט אים צוגעזאָגט עטלעכע ליטער בראָנפן פאַר דעם. די זאַכן האָט ער, נעמענדיק ביי די פּויערים געזאָגט, אַז ער איז אַ פּאַר טיזאַן.

*

עס קומט אָן גריקאַ, דער געוועזענער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָט־ריאַד.

ער איז אַ זון פון אַ פּויער פון די קאַנטן. אַ מיטל־ווּקסיקער, פּעסט־געבויטער, שטיל ווי אַ טויב, ערלעך און האַרציק איז ער צו אַלעמען. מער ווי אַ חבר. און אַלע האָבן אים ליב.

ער פרעגט מיך, ווי אַזוי איך פיל זיך דאָ, ווי גייט די אַרבעט מיי־נע. מיט וואָס ער קען מיר העלפן?

ער האָט געלייענט מיין דערציילונג וועגן די „ווילנע“־פּאַרטיזאַנער „אין מיטן העלן טאָג“. באַזונדערס געפעלט אים דאָס צווייטע און דריטע קאַפּיטל. אין ערשטן קאַפּיטל קען ער נישט פאַרשטיין דעם דייטשן קרייז־קאָמיסאַר אַליין, וואָס איז אַזאַ אינטעליגענטער מענטש און גלייכ־צייטיק אַ מערדער... עפּעס פּאַטופּעט זיך נישט אין מוח ביי גריקאַן.

איך גיב אים עטלעכע ביישפּילן פון ווילנער תּלינים, פון ווייסן, מורערן, נויגעבויערן, קיטעלן — אויך אינטעליגענטן. האָבן ליב מוזיק,

קענען אליין שפילן, שרייבן אפילו לידלעך און זיינען פון די גרעסטע מערדער, וואָס די וועלט האָט ווען געהאַט.

— ווייס איז דאָך דער שעף פון פאָנאר, ווו עס ליגן ביז הונדערט טויזנט צעשאָכטענע, צעפייניקטע, צעשאָסענע פרויען, מענער, קינדער.

— הונדערט טויזנט? — גלויבט זיך נישט גריקא, וואָס איך זאָג — צען טויזנט אפשר...

— ניין, — שטרייך איך אונטער — הונדערט טויזנט! — איך נעם דעם בלייער און שרייב אָן מיט גרויסע ציפערן אן איינס מיט פינף נולן און ברענג אים פאקטן, אייגענע איבערלעבונגען, פאסירונגען.

גריקא ווערט אומעטיקער, שטיל.

א שטיק הימל האָט זיך דורכגעריסן דורכן אומעטיקן וואָלקנדיקן גרוי און זיך צעשפיגלט אין דער פייערדיקער פייכטקייט אויף זיין ברייטן שטערן.

*

צווישן די קוסטעס באווייזן זיך די צוויי יאטן. ברודעריש פלעכטן זיך אונדזערע הענט אין זייערע. עס טרעשטשען אזש דיביינדלעך. אָט ווי אזוי דער ענין שטעלט זיך פאָר:

צוערשט האָבן די לעגיאָנערן געכאפט סלאווקען, אים ארומגע־רינגלט, צוגענומען דאָס געווער און אוועקגעפירט צו זייער עלטסטן, א קאפיטאַן. נאָכדעם האָט מען געבראכט און אנטוואָפנט סיאָמקען. ביי די פוילישע האָט זיך וואָס געענדערט. אפשר דער צווייטער פראָנט?

זיי זאָגן, אז אינגיכן וועלן מיר זיין צוזאמען. זיי פירן, זאָגן זיי, שלום־אונטערהאנדלונגען מיט די סאָוועטישע פארטיזאנער. אויף דעם סמך האָבן זיי אונדז אָפגעלאָזן:

— היטן זיך אָבער זאָלט איר פאר אונדז! — זאָגן זיי פונדעסט־וועגן אָן.

סלאווקע רוט זיך נישט אָפּ און נעמט זיך גלייך צו דעמידאָוון. ווו האָט זיך גענומען אזויפיל רציחה צו אים? ער שלאָגט דאָס יינגל וואָס יאָמערט:

— איך בין נישט שולדיק, נישט שולדיק!

סלאווקע וויל אָבער פון קיין זאך נישט וויסן. ער שלאָגט מיט אלץ וואָס עס מאכט זיך אונטער דער האנט. מיט א קאָלבע, מיט א האָלץ, מיט א ברעט פון א פארקאַן. אך, ווען איך וואָלט איצט קיין פחדן נישט געווען, וואָלט איך ארויסגעריסן פון אים דאָס יינגל. שולדיק — אומ־שולדיק, — אָבער צו וואָס אזויפיל שלאָגן?! איך טו דאָס אָבער נישט.

אזוי ווי דאָס טוען נישט די איבעריקע פּאַרטיזאַנער, וואָס וואָלטן אפשר דאָס זעלבע געוואָלט טאָן...

סלאָווקע איז דאָך אַפילו איבערן קאָמאַנדיר דער באַלעבאָס, ער איז דאָך דער נאַטשאַלניק פון דער ספּעציעלער אָפּטיילונג ביים אָטריאַד, פון דער פּאַרטיזאַנישער נקוו״ד און דאָס זאָגט דאָך שוין אַלץ.

ווען ער ווערט מיד פון שלאָגן דעמידאָוון, כאַפּט ער זיך אפשר, אַז ער האָט אַריבערגעכאַפּט די מאָס און כדי צו ווייזן, אַז מען מוז זיך אזוי באַגיין מיט פאַררעכטיקע, דערציילט ער אונדז אַ געשיכטע וואָס איז נישט לאַנג פאָרלאָפן:

איינמאָל האָט קורמיאַליסעס גרופּע געבראַכט פון טיף ליטע עט־לעכע רויט־אַרמייער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון שאַוולער געפאַנגענען־לאַגער.

— זיי האָבן געזוכט פּאַרטיזאַנער — האָט קורמיאַליס ראַפּאָר־טירט דעם קאָמאַנדיר — און האָבן אונדז געפונען.

גאָר גיך האָבן זיך די ניי־געקומענע אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַק־טיוו. דער עיקר האָט זיך אויסגעצייכנט יורקע טשעפּיזענקאָ און זיין פרוי אַנטאָנינאַ. ער — אַ קינסטלער, זי — אַ שרייבערין. ביידע דערצו פריילעכע, צעזונגענע, פּייפנדיקע, האָבן זיי נאַטירלעך גיך באַקומען דעם צוטרוי פון גאַנצן אָטריאַד און זיי זיינען געוואָרן אונדזערע ליב־לינגען. זיי זיינען פשוט ווי פון הימל פאַר אונדז אַראָפּגעפאַלן. יורקע פלעגט מאָלן פּאָרטרעטן פון די פירער און שיין באַפּוצן מיט בילדער און לאָזונגען די ערד־שטיבלעך און די וואַנט־צייטונגען אויסצאַצקען. אַנ־טאָנינאַ פלעגט צונויפשטעלן די וואַנט־צייטונגען און דאָרט געשריבן גאָר פיינע אַרטיקלען און אַפילו לידער.

שפּעטער־צו, אין שמועסן מיט דער חברה, האָט זי זיך אָנגעגעבן פאַר אַ פּאַראַשוטיסטקע, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו די דייטשן און ער האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ לייטענאַנט, אַ געוועזענער טעאַטער־דירעק־טאָר פון וויטן וולאַדיוואָסטאָק, וואָס איז גענומען געוואָרן אין געפאַנ־גענשאַפט ביי וויאַזמע.

די ערשטע אָפּעראַציע האָבן זיי דורכגעפירט זייער גוט, אָבער צו־ריקקומענדיק פון דער אויפגאַבע, האָבן די אַנדערע פּאַרטיזאַנער איבער־געגעבן סלאָווקען, אַז דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק, אין די דערציילונגען וועגן זייער לעבן אין געפאַנגענשאַפט, וואַרפן־דורך אין זייערע רייד גוטע ווערטער וועגן די דייטשן.

דאַן איז אויפפאַלנד געוואָרן ווי אזוי ביידע צוזאַמען זיינען מיט אַמאָל אַנטלאָפן, אין דער צייט ווען די געפאַנגענען־לאַגערן אין שאַוול

זיינען געווען באַזונדערע, סיי פאַר מענער, סיי פאַר פרויען. ווי האָבן זיי זיך צוזאַמענגערעדט? — האָט זיך ביי נישט איינעם געשטעלט די פראַגע. זיי האָבן אויף דעם געענטפערט: אַז ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן דורך געפאַנגענע, וועלכע האָבן געוווינט אין איין לאַגער און געאַרבעט אין אַנדערן, איבערצוגעבן איינע די אַנדערע בריוולעך.

דאַן איז ביי אונדז אויפגעשווומען די פראַגע, ווי אַזוי האָבן זיי, קריגסגעפאַנגענע, געקראָגן באַן-בילעטן פון שאַוול אויף סוויענציאַן? אויך אויף דער פראַגע האָט יורקע קלאָר געענטפערט:

— איינער, א ליטווינער, האָט מיר פאַר גוט געצאָלט און פאַר צוזאָגן, אַז נאָך דער מלחמה וועט ער אים אָפּצאָלן כפל כפלים, געקויפט בילעטן.

אָבער דער פּאַרטיזאַנישער קאָנטר-שפּיאָנאַזש האָט זיי שוין גע-האַט אויפן אויג און נאָך א לענגערע חקירה ודרישה איז באַקומען גע-וואָרן געוויסע ידיעות, אַז יורקע און אַנטאָנינאַ זיינען דייטשע שפּיאָנען.

סלאַווקע האָט זיי גענומען אויף א פאַרהער, אָבער זיי זיינען גע-וואָרן אין כעס אויף אים און זיך צעשריען, הלמאי זיי, אַזעלכע טרייע, איבערגעגעבענע דעם פאָטערלאַנד, איז מען גאָר חושד אין אַזא אומ-דערהערטער זאַך.

אָבער עס האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן, אַז זיי זיינען גאָרנישט אין אָרדענונג, אַז זייערע רייד שטימען נישט איינע מיט די אַנדערע, אַז זיי פּלוטעווען זיך.

א צווייטער פאַרהער האָט זיך געענדיקט מיט דעם זעלבן. האָט אָנגעהויבן אין סלאַווקען עגבערן:

— אפשר איז דאָס טאַקע א טעות?

אָבער די פּאַרטרווילעכע אינפאָרמאַציעס רופן ווייטער:

— גלויב זיי נישט קיין איין וואָרט, זיי זיינען שפּיאָנען. גיט א פּאָר שמיץ און וועסט זען, וואָס זיי וועלן דאַן זאָגן.

און די שמיץ האָבן טאַקע באַוויזן:

— מיר וועלן אַלץ זאָגן! — האָבן זיי געבעטן, — שלאָגט נישט.

וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן?

— ער, יורקע, איז געווען א קאָמאַנדיר פון א דייטשער שפּיאָנאַזש-און דיווערסיע-אָפּטיילונג און זי, אַנטאָנינאַ, זיין געהילף. צו די אַנדערע צוויי פון דער גרופּע, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון שאַוול, האָבן זיי זיך צוגעאיינוקט, כדי עס זאָל נישט פאַלן אויף זיי קיין חשד.

צום סוף האָבן זיי אויסגעזאָגט, אַז זיי זיינען ביידע געוועזענע קאָמיוגיסטן פון אַרום כאַרקאָוו. ביי די דייטשן האָבן זיי געלערנט דאָס

לעצטע יאָר צייט אין א שפּיאָנאזש-שול און נאָכן ענדיקן די שול, זיינען זיי אריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף ארבעט אין ליטע.

צענטער יוני:

מיר נעכטיקן אין א הויז פון א וואלד-אויפזועער. מיט דריי וואָכן צוריק האָט דאָ נאָך געוווינט דער באלעבאָס פון שטוב, אלבין גויגא מיט זיין ווייב און דריי קינדער. מיט דריי וואָכן צוריק האָבן נאָך אונדזערע פּארטיזאנער דאָ סטאציאָנירט, געטאָגט און גענעכטיקט. סיי ער, סיי זי, זיינען געווען אונדזערע שטענדיקע העלפער, פארבינדלער, האָבן געבראכט די פרישסטע ידיעות פון די גארניזאָנען. זיינען געקומען דייטשן און אים מיטן ווייב אוועקגע-שלעפּט קיין היידוציישאָק. דאָס גאנצע גוטס פון שטוב צוגענומען, נישט איבערלאָזנדיק קיין בענקל אפילו און פייניקנדיק זיי עטלעכע טעג, נאָכדעם דערשאָסן.

ליגן מיר איצט אויפן שטרוי, וואָס מיר האָבן זיך געבראכט פון דאָרף אין דער פוסטער כאטע און דערמאָנען די באלעבאטים. איצט וועלן שוין די דייטשן דאָ נישט קומען, ווען מען זאָל זיי אָנזאָגן, אז מיר זיינען דאָ פאראן. זיי זיינען געווען העלדן, די פריצן, ווען זיי האָבן געוווּסט, אז די גויגאס זיינען אליין אין שטוב און אומבאוואָפנטע.

מיר גערענקען שוין נישט די צייט, ווען מיר זיינען געשלאָפן ווי מענטשן, אָן קליידער, אָן שטיוול. איצט זיינען מיר אויף דער וואך. ביים זייט דאָס געווער, און זאָלן נאָר די פּאָסטנס אונדזערע געבן א סיגנאל — זיינען מיר שוין גרייטע און אונדז צו הילף וואָלט נאָך אויך געקומען דער אָטריאד „פרייע ליטע" פון איוואן איוואנאָווימשן.

*

די פארזאמלונג נעכטן אין אָוונט, אין דאָרף וואלוטשי, וועגן דע-מידאָוון, האָט קלאָר געמאכט די פויערים, אז אויף דעם פּארטיזאנישן חשבון געפינען זיך א סך סוואָלאָטשעס, וועלכע ראבירן און גנבענען ביי די פויערים. דעמידאָוו איז געווען איינער פון די ראבירער און דערצו נאָך אויסבאהאלטן געווער און איבערגעגעבן פיינטלעכע עלע-מענטן ידיעות וועגן אונדזערע פּארטיזאנער.

די פויערים האָבן שוין פון לאנג-אָן געוווּסט, אז ער פארנעמט זיך מיט ספּעקולאציע און אז ער האָט געווער. זיי האָבן אָבער מורא

געהאַט, אַז ער זאָל זיי נישט אָנטאָן קיין צרות און וועגן דעם געשוויגן.

אויך זיין טאַטע איז געווען אַזאַ מענטשל.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס דער טויט-אורטייל, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן איבער אים, איז געווען לטובה סיי פאַר די פויע-רים, סיי פאַר די פאַרטיזאַנער. שעדלעך וועט ער שוין פאַר אונדז נישט זיין און אונדזערע פיינט נוצן-ברענגען וועט ער שוין אויך נישט.

קריגס-צייט, טויט-אורטייל. קיין תפיסות האָבן מיר נישט.

אַט אַזוי, גאָר צופעליק, איז זיך דער יונג געריטן און זיכער גע-טראַכט, ווער ווייסט וואָס נאָך אויפצוטאָן און...

# צווישן פויערים

עלפטער יוני:

זונטיק.

ס'דרייט זיך מיר דער קאָפּ... צו פיל געטרונקען...

*

צוועלפטער יוני:

דאָס דאַרף ווייס קיין זאַך נישט.

ווי שטענדיק, די איינוווינער אויסגעפּוצט אין די געבלימלטע קלייד־לעך, אויסגענייטע העמדלעך, אנדערע אפילו אין טונקעלע קאָסטיומען און קראַוואַטן, שפּאַנען זיי איבערן שליאַך.

וואָיגאַרי הייסט דאָס דערפל. א ריין, קורץ געסל. גרינס ארום יע־דער שטוב. א האַרמאָשקע רופט דורך די ווענט און פענצטער. מיר גייען דורך דעם דאָרף און די באַפעלקערונג קוקט אויף די „וואַלד־מענטשן" (אזוי רופט די באַפעלקערונג די פּאַרטיזאַנער), וואָס ווייזן זיך דאָ צום ערשטן מאָל אין אזא גרויסער צאָל. זיי פאַרבעטן אונדז און מיר גייען אריין א קוק טאָן וואָס פאַר א שמחה ס'איז דאָס ביי זיי. וואָס גראַגערט אזוי דער באַיאַן.

א לאַנגער, ברייטלעכער טיש מיט פאַרשידענע מאכלים: פלייש און פּוטער, פּעטשאַ און קעז, ברויטקוואַס — און סאַמאַגאָנקע פאַר־שטייט זיך, איבער אַלץ. דאָ איז היינט אויסער זונטיק נאָך א באַזונ־דערער יום־טוב. ביי דער יונגער פּאָר, די באַלעבאַטים פון שטוב, איז געבוירן געוואָרן אן ערשטלינג. נישט מען זינגט, נאָר מען שרייט אויף אַלע קולות. לכבוד אונדז זינגט מען אויס א שלאַגער — „קאַטיושאַ". אַלע זיינען שוין באַטרונקען. די נעזער, ווי מען וואָלט זיי פון פייער ארויסגענומען, רויט, אָנגעשוואָלן. די אויגן, אין א טומאַניקן געוועב, קוקן פאַרחלומט און קרום. נישט קיין טאַנץ, נאָר זיי שאָקלען און רייבן זיך אין די ענגע ווענט.

דער שטאַב-נאַטשאַלניק באַרואיקט. ער קלערט אויף די סיבה, פאַרוואָס מען האָט געשאָסן דעמידאָוון, גיט איבער די לעצטע נייעס פון פראָנט און ווינטשט אַלעמען גיכע פרייהייט. קיינער רופט זיך נישט אָן. דאָס שווייגן דערציילט אונדז, אַז מיר דאַרפן האַלטן אויג אויף זיי.

די גרעסטע גערעטעניש ביי די פויערים אין די ראַיאָנען איז די בראָנפן-פּראָדוקציע, א זאַך, פון וועלכער זעלטן ווער עס זאָגט זיך אָפּ. ביי פּאַרטיזאַנער איז דאָס צו טאַבאַק דאָס צווייטע אַרטיקל, וואָס זיי מוזן האָבן. די, וואָס האָבן אפילו פריער נישט געטרונקען, האָבן זיך אין פּאַרטיזאַנקע טרינקען אויסגעלערנט.

למשל איך.

איך פלעג זעלטן פאַר דער מלחמה מאַכן א גלעזל. אַנשטאָט א גלעזל בראָנפן פלעג איך בעטן בעסער א גלאָז מילך! (מען פלעגט מיך טאַקע רופן „דער מילכיקער"). איצט האָט מען מיך צוגעוווינט. אָט האָב איך דורכן נעכטיקן, זונטיקדיקן טאָג, אויסגעטרונקען אזש צוויי גלעזער. מיינע חברים פּאַרטיזאַנער האָבן אויף מיר זיך לאַנג געדאַרפט מאַטערן, איך זאָל אַזויפיל אויסטרינקען, אָבער, ביסלעכווייז דאָס ביטערניש אַראָפּגעשלונגען. און וואָס זאָל איך זאָגן? איך פיל פאָרט נישט קיין געשמאַק אין דעם. עס ווערט מיר ביטער, אָבער די חברה נישט אַנדערש, „טרינק", אַז נישט הייסט, אַז איך באַליידיק די געזעלשאַפט, אַז עס פּאַסט מיר נישט מיט זיי צו טרינקען, אַז איך האַלט זיך גרויס. דאַרף מען דאָך ווייזן, אַז ס'איז נישט אַזוי (כאָטש איך ווייס, אַז זיי נעמען מיך אויפן זיכער).

און אויב איך האָב שוין אויסגעטרונקען צוויי גלעזער, דאַן שטעלט זיך פאַר, וויפל גלעזער עס האָבן אויסגעטרונקען די טרינקער?

מען איז אָבער נישט שטאַרק שיכור. דאָס איז כאָטש גוט. מען פאַרלירט נישט דעם קאָפּ. אַלע וועלן געדענקען דעם שוידערלעכן פאַל, ווען מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט א שיכור דערשאָסן חיים מעלצערן.

*

דער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן, אַז די סאָוועטן האָבן איבערגעריסן די פראָנט-ליניעס מיט די פעסטונגען אויפן פינלענדישן אַפּשניט און גענומען טעריאָקי און נאָך אַנדערע פונקטן. הייסט עס, אַז ס'הויבט זיך אָן דער סוף פון היטלעריזם, אויב נאָכן צווייטן פראָנט אין מערב, איז אויך די סאָוועטישע אַרמיי אַריבער אין אָפענסיווע.

דער טאָג האָט זיך היינט ווידער פאַרוואָלקנט, רעגנט. מיר זיצן

אין א גרויסן שייער ביים ראנד פון א וועלדל. ח׳ גריקא דערציילט וועגן זיין לעבן אין פארטיזאנקע און מיטאמאָל דערטראַגט זיך א נישט-ווייטע שיסעריי.

דער אָטריאד אויף די פיס! איינער הינטערן אנדערן אין דריי אָפּטיילונגען, שלייכן מיר זיך דורכן וואלד זוכן די שיסער, שיקן ארויס אויסשפירער.

מיר דערוויסן זיך, אז דאָס האָבן געשאָסן דייטשן, וועלכע זיינען געפאָרן אויפן טראקט (צוויי און א האלב קילאָמעטער פון אונדז). זיי שיסן, כדי אָפּצושרעקן די פארטיזאנער. זיי שרעקן זיך, האָבן מורא, טאָמער ליגן די פארטיזאנער אין די קוסטעס, זאָלן זיי מיינען, הייסט עס, אז די דייטשן פאָרן דאָ מיט א סך געווער.

*

אין א היטלעריסטיש-רוסישער צייטונג „וויעסטניק" (ארויס אין קאָוונע), איז אָפּגעדרוקט א פאראָרדענונג פון גענעראל-קאָמיסאר פאר די אָסטלאנד-געביטן, לאָצע, וואָס דראָט מיטן טויט אלע, וועלכע וועלן נישט אָנווייזן, אויב זיי וויסן, אז עס געפינען זיך פארטיזאנער, אָדער די, וועלכע גיבן זיי הילף. דער לעצטער פונקט זאָגט, אז אויף ווייס-רוסלאנד איז דער געזעץ נישט חל. דער כיטרער לאָצע פארשטייט, אז ווען די פאראָרדענונג וואָלט אויך חל געווען אויף ווייסרוסלאנד, וואָלט מען א גאנץ גרויסן טייל פון דער באפעלקערונג געדארפט איצט אויסשיסן. און ער וואָלט עס אויך געטאָן — לאָזן אָבער נישט די „באנדיטן".

*

א הינטישער מזל:

איז געפאָרן אויף ווילנע אן עשעלאָן און איז ארויף אויף אונדזערער א מינע. ס׳האָט זיך איבערגעקערט דער לאָקאָמאָטיוו און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך זעקס וואַגאָנען מיט טאנקען. די לעצטע צוויי וואַגאָנען, ווו ס׳זיינען געפאָרן סאָלדאטן, זיינען געבליבן נישט קיין באשעדיקטע.

ווער קען זיך גלייכן איצט צו זיי?

— גאָרנישט, — זאָגט איצקע, — וועט זיי א צווייטע מינע טרעפן אין ווייטערדיקן וועג. זיי וועלן זיך שוין נישט ארויסדרייען.

וואך זיין הייסט פאָרזיכטיקייט. קוקן מיט טויזנט אויגן, וואכן, ס׳זאָל קיין פרעמד אויג דיך נישט באמערקן. וואָס איז דאָס אייגנטלעך פאר אן ארבעט? — גאָרנישט מיט גאָרנישט. שטיין אויף איין אָרט און קוקן.

פאר ירחמיאלן איז דאָס אָבער די שווערסטע זאך.

אליין איז ער א פעסטער יאט, א ברייט־פלייציקער, ער טראָגט זיין פולעמיאָט און דערצו נאָך משא ביים זייט לייכט און טאנצט דער־מיט איבער בלאָטעס, טייכלעך ווי א פויגל.

— אלץ וואָלט איך געטאָן — זאָגט ירחמיאלקע — די שווערסטע ארבעט גיט מיר. גריבער גראָבן, טראָגן נאָך א פולעמיאָט, נאָר נישט אויף וואך. וואָס איז דאָס פאר אן ארבעט, שטיין און גאָרנישט טאָן... פאר באבעס...

*

באראנאָווסקי, ווייזט זיך ארויס, האָט געלעבט א צייט אין א ליט־ווישן שטעטעלע לאבענארום (לאבענאר) און האָט געקענט דאָרטן אלע מיינע קרובים. אויסער צוויי ברידער, לייזער און יאנקל קאטשערגינסקי, מיינע שוועסטערקינדער, וועלכע וואַלגערן זיך אין די וועלדער־גריבער ארום, זיינען אלע דורך די דייטשן צעשאָכטן געוואָרן. ווען זייער ברו־דער איציק אין בוענאָס איירעס און שוועסטער דבורה אין סיראקוז זאָלן דאָס וויסן...

באראנאָווסקיס גרוס האָט מיר געגעבן א טעמע פאר אן אינטע־רעסאנטער דערציילונג, וואָס איך וועל ביי א פרייערער צייט פרוון באארבעטן.

א קורצן קאָנספעקט האָב איך שוין פון דעם געמאכט.

*

איך האָב אָנגעשריבן א דערציילונג ווי אזוי באָרים מיט זיין גרופע האָבן אויפגעריסן דעם 15טן עשעלאָן, פול מיט שפאנונג.

ווער ווייס אָבער צי עס האָט זיך מיר די דערציילונג איינגעגעבן אָנצושרייבן?

# יאָר־צייט

באָרים איז דער עלטסטער זון ביים טאַטן, שוין אָנגעהויבן אָקאָרשט דעם דריטן יאָרצענדליק. איז קוים א יאָר פאַרביי, ווי ער איז פון שטעטל אוועק און דער קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע איז שוין שטאָלץ מיט אים:

— ווי דער יונג איז זיך צעוואַקסן, ווי פליגלען וואָלט ער באַקומען. אַן אמתער אָדלער!

אויך דער טאַטע, וואָס איז מיט אים אין זעלבן אָטריאַד, דערקענט נישט זיין זון. ער טוט א פיר מיט די אויגן צום הימל צו, וווּ עס שטראַלט ארום דעם זונס זוניקער קאָפּ און ס׳האַרץ קוועלט אין אים:

— ווי דער יונג איז זיך צעוואַקסן, ווי פליגלען וואָלט ער באַקומען, אַן אמתער אָדלער.

באָרים רוט נישט. ווי ער וואָלט געפלויגן און געשטורעמט די לופט. אָט איז זיין שטורעם־גרופּע, וווּ ער איז קאָמאַנדיר: איוואַן סמירנאָוו, קאָליא פּעטראָוו, יוסף פלעקסער, וואַניע לאַווריטאָוויטש און איציק רודניצקי.

— מיט אזא חברה וועל איך אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן גיין

— איז ער זיכער.

— מיט באָריסן וועלן מיר אפילו אין פייער אריינגיין! — זאָגט יעדער איינער פון זיי.

איצט איז שוין יוני. אויפן בערגלדיקן גרין ליגן זיי צעלייגט און קענען זיך נישט אָנזעטיקן פון דער מחיהדיקער זון. ווי קעצעלעך ציען זיך די יונגען און קלאַמערן די גלידער אין דער ערד און פּערלדיקע פייכטקייט צעפינקלט זיך אין בריליאַנטן אויף זייערע אָפּגעברוינטע לייבער.

נאַכט. דעם פאַרגאַנגענעם זומער אין א פינצטערער נאַכט האָט די געשטאַפּאָ אוועקגעפירט די מאַמען און דאָס שוועסטערל. און טאַקע דערפאַר האָט זיך זיין לעבן, באָריסעס, אָנגעהויבן, ווען דער הימל פלעגט זיך פאַרציען מיט א טונקעלן סאַמעט.

גייענדיק אויף זיינע אויפגאבעס, פלעגט ער שטורעמען די פינצ-טערניש, ווי ער וואָלט געוואָלט זי דורכברעכן, צעררייסן, און דערזען: אפשר, אפשר וועלן זיך דאָך אָפּגעפינען זיינע טייערסטע.

אין פיר טעג ארום ווערט שוין א יאָר. אין פיר טעג ארום האָט זיך באָרים געשטעלט פאר א ציל, אראָפּצולאָזן מיט זיין גרופּע דעם 15טן עשעלאָן.

דער אָטריאד-קאָמאנדיר גיט אים, ווי געוויינלעך, צוויי וואָכן צייט דורכצופירן די אויפגאבע.

— חבר קאָמאנדיר, — געזעגנט זיך באָרים — אין דער נאכט פון 27סטן אויפן 28סטן יוני קענט איר פארשרייבן אויף מיין חשבון דעם 15 עשעלאָן.

— נו — צעלאכט זיך דער קאָמאנדיר — היינט איז דאָך שוין דער 24סטער; בלויז עטלעכע טעג געבליבן...

— אָדער... — באָרים פארענדיקט נישט, אָבער אלע פארשטייען, וואָס דער „אָדער" באטייט.

אין א ציטערדיקער דערוואַרטונג בלייבט דער גאנצער אָטריאד:

— אינגאנצן פיר טעג געבליבן... וועלן זיי אראָפּלאָזן אן עשעלאָן, צי נישט? — זיי האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאנק וואָס האָט געעקבערט. — אָדער באָרים וועט שוין מער קיינמאָל נישט קומען צוריק?...

האָט זיך די גרופּע געלאָזן אין וועג.

פיינט אויף אלע וועגן, היטלעריסטן, סאמאכאָוצעס, ווייסע.

פון באָריסן איז נישט אויסצוהאלטן. ער ווייס נאָר איין זאך: קוקן אויפן קאָמפּאס און שניידן אויף צפון. ס'איז אים נישט וויכטיק קיין וועג, קיין סטעזשקע... א געדיכטער וואלד שטייט אין וועג? איז וואָס? ווי די ביימער וואָלטן פאר אים נישט עקזיסטירט — שניידן זיי דורך דעם וואלדיקן געפלעכט. א טייך לאָזט נישט דעם וועג אריבער? ביים דערשפּירן בלויז דעם וואסער-צאפּל פון וויטן, האלט שוין באָרים די זאכן, דעם אויטאָמאט, דעם דינאמיט איבערן קאָפּ פארבונדן, און זיי שניידן שוין דאָס וואסער.

דער קאָמפּאס הייסט גיין אין בלאָטעס — באָרים פאָלגט. און די נאכט — די נאכט איז שווידערלעך פינצטער. בלויז דאָס קוואטשן אין זומפּיקן גרין לאָזט וויסן, אז די חברים גייען איינע נעבן די אנדערע.

באָרים גייט פאָראויס. שפּאנט און זוכט וואָס אין דער נאכט... זוכט — און אָט דערזעט ער די מאמע, די שוועסטער. ער דערהערט

זייערע געשרייען. מען פייניקט זיי. זיי רופן נאָך הילף, און העלפן קען ער נישט.

באָריס הויבט די פיס נאָך גיכער, ווי ער וואָלט וועלן דעריאָגן די מערדער, ארויסרייסן פון זייערע הענט די מאמע... די...

לויערונגען פון פיינט אויף אלע וועגן. אין אלע דערפער. ווי דער שונא וואָלט זיך צוזאמענגערעדט נישט צו דערלאָזן באָריסן דורכצופירן זיין אויפגאבע צום טערמין. דער יונג איז אָבער איצט אויף זיין היימישער ערד, ארום זיין געבורט-אָרט. ער קען די געגנט אויסגעבונדן. ער קען דאָ גיין מיט פארמאכטע אויגן. מיידט ער אוים גארניזאָנען, דערפער, פּאָליציי-וואכן. איבער פארוואָרלאָזטע פעלדער, איבער זומפּיקע גראָזן-געדיכטעניש, איבער אָפּגעשניטענעביימער, — ער שטורעמט אויף גלייך.

עס שארעט פארטאָג. די קעמפער אין שוויים-פארגאָסענע, רוען אָפּ. פיר קילאָמעטער פאר דער באַן-ליניע, ציט זיך דער טאָג און טראכט גאַרנישט אוועקצוגיין. צוגן טראָגן זיך פון ווייטן, ווי זיי וואָלטן זיך געריי֞צט מיט זיי: זעט, אָט זיינען מיר, טוט אונדז וואָס.

באָריס איז נערוועז. סאָפּעט אזוי ווי פון ווייטן דער לאָקאָמאָטיוו:

— מירן זען, ווער ס'וועט לאכן דער לעצטער!

די לעצטע קילאָמעטער, זיינען די שווערסטע. אין מורא פאר פארטיזאנער, גייט יעדער צוג אין פייער-שיסעריי פון ביידע זייטן, טאָמער טראכט ווער א טראָט צו טאָן צו זיי. ראקעטן באלויכטן די וועלדער, די קוסטעס, זוכן און נישטערן די לויערער אויף זיי. די פארטיזאנער שפּרינגען ווי האָזן צווישן ביימער-שאָטנס און קריכן אלץ טיפער אין דער שיסעריי. אין דער באלויכטונג. אָט הויבט זיך פון שיין ארום דעם שונאס בונקער. די פאטרולקע מארשירט פּאָרזיכטיק און נישטערט צווישן די ליניעס אונטערגעלייגטע מינעס.

ס'איז קלאָר, אז איצט וועט מען דארפן דעם דינאמיט אונטערלייגן דאָן, ווען דער צוג וועט זיך דערנענטערן, ווען מען וועט אים קענען מיטן אויג דערכאפּן. פריער אוועקלייגן דעם אויפרייס-מאטעריאל, וועט זיין אן ארויסגעוואָרפענע ארבעט. די וואך וועט געפינען.

נאכט. אין דער זעלבער צייט האָט מען זיי פון תפיסה ארויסגעפירט.

נאכט! אז באָריס דערמאָנט זיך, אז אונטער דיין שוץ איז ערגעץ די מאמע מיט זיין שוועסטערל אוועקגעפירט געוואָרן, האָט ער דיך פיינט.

אָט שטייט ער איצט ביים וואלד-ראנד. נאָך הונדערט מעטער און

אויפן בארגיקן רוקן וועט ער זיך באלד ארויפדראפּען, ווי א חיה אויף איר רויב און צערייסן דעם בארג מיט די ליניעס, מיטן עשעלאָן, מיט די וועלכע טראָגן טויט פאר מאמעס און פאר קליינע שוועסטערלעך... היינט, צום יאָרצייט פון זיינע טייערסטע מוז דאָס געשען. לעבעדיק וועט ער זיי שוין נישט קענען מאכן, אָבער ראטעווען פון טויט וועט ער א סך אנדערע מאמעס און שוועסטערלעך, טאטעס און זין... עפּעס א זיסקייט צעגיסט זיך אין זיינע גלידער, ווען ער טראכט איצט וועגן ד ע ר נקמה, וואָס ער וועט באלד נעמען פון טויט. באלד. דער ציל דארף נאָר דערגרייכט ווערן. דאָס שווערסטע שטייט נאָך פאָר.

די ערד איז פול מיט טרוקענע צווייגן, מיט אָפּגעזעגטעביימער. איצט קען מען נישט טרעטן. אלץ ברעכט זיך און טרעשטשעט אונטער די פיס. יעדער שאָרך קען דערהערט ווערן.

ס׳צעפּרייכט זיך אן עשעלאָן און דערנענטערט זיך צו זיי.

— א טויט דעם טויט! — צישעט ארום באָרים און נעמט מיט ז י ך מיט די יונגען.

אונטער דער קלאפּעריי פון רעדער איילן זיי צו דער ליניע.

איצט הערט קיינער נישט ווי די צווייגן ברעכן זיך אונטער זייערע פיס. גיך פליט דער עשעלאָן אריבער און די חברה בלייבן שטיין אין מיטן וועג צוגעדעקט פון דער פינצטערניש.

שטיל. דער רעדער-גערויש פארשווינדט אלץ ווייטער, ווייטער... ש ט א ר ק ע ר קלאפּט דאָס הארץ. א טראָט טאָר איצט נישט גע־שטעלט ווערן. קיין הויכער אָטעם נישט. באָרים ברענט. ווו האָט זיך מיטאמאָל גענומען ביי אים צווייפל? ס׳קומט אים אוים, אז מער קיין צונגן וועלן היינט נישט גיין, אז די אויפגאבע וועט...

און מיטאמאָל א סיגנאל. א צישען פון די ליניעס. ס׳צערודערן זיך די רעלסן. שטארקער, נענטער. באָרים טוט ווידער א צייכן און דער טרוקענער צווייג ברעכט זיך אָן רחמנות אונטער די יאַגנדיקע שטיוול פון די פארטיזאנער. איצט זיינען זיי דערלאָפן צופוסנס צום בארג און האלטן קוים דעם אָטעם איין. איבער זיי, ווי אויפן פלייצע, מארשירט די וואך און פינקלט מיט צעצונדענע פּאַפּיראָסן.

אלץ איז שוין געגרייט: דער דינאמיט, די קאַפּסולן, דער קלאמער. אין הארצן ריזלט עפּעס איצט ביי באָרימן: „זאָל זיין איצט — בעט ער — אן עשעלאָן מיט א סך היטלעריסטן, טאנקען, בענזין א סך. אלץ, אלץ צוזאמען איין גרויסע קאשע זאָל ווערן".

שטייען די פארטיזאנער ווי חיות, גרייטע צום שפּרונג אויף זייער רויב, מיט ברייט-צעעפנטע נאָזלעכער. ווי זיי וואָלטן וועלן וואָס דער־

שמעקן. ס'קומט אויס די פּאַרטיזאַנער, אַז זיי גליען, ברענען, אַז אָט־אָט און ס'וועט זיי ווער באַמערקן און אַ סוף צו זיי. דער טויט וועט ווידער זייען טויט און חורבן. די פינצטערניש הויבט אָן צו דריבלען מיט אַ בייסיקן רעגנדל. באַרים איז פון דעם צופרידן. איצט וועט שוין די וואַך נישט אָנגיין. דער גאַס אָבער ווערט שטאַרקער. יאַגט און שמייסט אין די פנימער מיט שטיקער האָגל און לאָזט נישט הערן דעם אָנקום פון צוג.

— אַלץ געפּטרט — ווערט באַרים באַגאַסן מיט אַ שווייס. ער ציטערט נישט פון דער עסיקער קעלט, פאַרקערט, עס ווערט אים מאַד־נע הייס. די אויגן שטרענגען זיך אָן אין דער חשכות, ווי ער וואָלט דעם שוואַרצאַפּל־גלי איצט גענומען צו הילף זיינע אויערן. דער אויגנ־פינקל בויערט די רעגנדיקע נאַכט און דערבויערט:

אַ טונקעלער שיין טוט אַ וואַנדער און צעלייגט זיך ווי טויטע, בלייכע פינגער אויף די רעלסן.

— מיר שטעלן! — טוט אַ יאָג באַרים און דראַפּעט זיך ווידער באַרג־אַרויף מיט ציין און נעגל.

עס ציט זיך פאַרביי דער ראָזעלעכער שטאָל פון די ליניעס. די אויגן פון לאָקאָמאָטיוו צעקוקן זיך אויף זיי אַלץ ברייטער, אָפענער, ווי זיי וואָלטן די געפאַר געזוכט אויסצומיידן. דער יאָג פון די רעדער דערנענטערט זיך, שרייט און געוואַלדעוועט:

— היט זיך! היט זיך! איך פיר טויט מיט זיך! איך פאָר צום פראָנט!

דער דינאַמיט איז שוין אוועקגעשטעלט. פלעקסער פאַררוקט די צוויי קאַפּסולן, די דעטאָניר־שנורן, באַרים קאָנטראָלירט.

— גוט! איצט די אַנדערע צוויי קאַפּסולן, וואַניע, אהער.

פלינקער ווי אַ בליץ ווערט אַלץ דורכגעפירט. דער קלאַמער שוין אין אָרדענונג, די דעטאָניר־שנורן ציען זיך איבער די רעלסן און וואַרטן, דער צוג זאָל איבער זיי אַריבערגיין.

— חבר קאָמאַנדיר — שרייט אויס סמירנאָוו — דער צוג וועט אייך באַלד צערייסן.

און ווירקלעך. דער צוג ווי ער וואָלט פאַרגיכערן זיין געשווינדקייט, ווי געוואָלט דערכאַפּן זיינע פאַרניכטער, יאָגט מיט דער גרעסטער שנעלקייט. באַרים גיט אָבער נאָכאַמאָל אַ פלי דורך מיט די פינגער איבער די קאַפּסולן, איבערן קלאַמער און רופט אויס:

— אָפּ חברים!



### אין חורבות די געטאָס

1) דער בית מדרש א"ג פון ווילנער גאון. 2) דער ייוואָ. 3) א יידישער ישוב ביי־סוועציאן. 4) ערב יום־כיפור (1944) אויף פאָנאר. פון א לאסט־אויטאָ רעדט ש. קאטשערגינסקי, 5 און 7) א יידישער ישוב אלט־סוועציאן. 6) שאוול...

זיי טוען זיך אַ קייקל אַראָפּ פון באַרג, איבערן וועג, צו די ביימער, וואָס גיכער, וואָס שנעלער.

פּלוצלינג טוט אַ שנייד איבער אַ העל־בלאָער פייער־בליץ און אַ טויבער געקנאַל גיט זיי אַ וואַליע אויף דער ערד. סעקונדעס.

— אין וואַלד אַריין — דונערט באָרים.

די נאַכט האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן אין צונטער־בלאָע קאָלירן און באַדעקט די פינצטערניש פון וואַלד.

די קנאַלן הערן אַליץ נישט אויף. עס דרוזגען נאָך אַליץ די וואַגאָנעס. עס קלאַפּן די טעלער. אין צעצונדענעם הימל פליען און פאַלן צוריק אויף דער ערד אַראָפּ שטיקער בראָך, ווי זיי וואָלטן אויף די קעמפער געפלויגן.

באָרים לויפט איצט נישט. ער שטייט אין שיין פון דער צעפייערטער נאַכט. איז צופרידן און גליקלעך קוקנדיק צו די רעלסן אַרויף, דאָרט ווו דער טויט קומט אום. דער טויט וואָס האָט פאַראיאָרן אין דער זעלבער צייט אַזוי גרויזאַם צוגענומען די מאַמע און דאָס שוועסטערל פון דער וועלט.

נאַראָטשער וועלדער, פּאַרטיזאַנער מחנה „ווילנע", יוני 1944.

# צווישן אייגענע

צוועלפטער יוני:

טויט!

ס'איז פרעמד און ווילד פאר אונדז דאָס וואָרט, דער באַגריף, כאָטש טויט איז אזוי נאָענט פון אונדז.

באָגדאנאָוו זאָגט: פיר מאָל בין איך אנטלאָפן פון געפאנגענשאַפט ביז וואנען איך בין אריינגעפאלן צו די פּארטיזאנער. מען פלעגט מיך שלאָגן נאָך יעדעס מאָל כאפּן און זאָגן, אז מען וועט מיך שיסן. איך האָב זיך אָבער אויסגעלאכט פון דעם. איך האָב אויסגעשטרעקט דאָס האַרץ:

— נאט, שיסט מיך, וואָס מיינט איר, איך האָב מורא פאר א קויל?

— ווען מען האָט עס דאָן געאַרט, ווען דאָס לעבן איז געווען אזוי הפקר, ווען צענדליקער געפאנגענע פלעגן פאלן טויטע פון הונגער אין איין טאָג און הונדערטער, טויזנטער פלעגן די מערדער צעשיסן.

מישאַ. ער איז נאָך גאנץ יונג. צאַרט ווי א יינגל נאָך (ער איז שוין אפילו 18 יאָר אלט), וואָלט נאָך זיכער ווייטער געלערנט. די ארבעט ביים ראַדיאָ-אפּאַראט אין אלע צייטן פון מעת-לעת שלעפּט ארויס פון אים דאָס לעצטע ביסל ראָזקייט פון פּנים. ער וויל דער עיקר וויסן, ווי אזוי די וועלט וועט אויסזען נאָך דער מלחמה. זיכער וועלן דאָך פּאַרקומען גרויסע ענדערונגען. ער פּרוּווט זיך פאָרשטעלן ווי אזוי דאָס וועט אלץ אויסזען און צום סוף איז ער מודה:

— מען קען דאָס גאָרנישט וויסן. און דערפאר וואָלט איך וועלן איבערלעבן די מלחמה, כאָטש איך ווייס, אז דעם שונאס א קויל האָט דאָס לעצטע וואָרט. און טאָמער א קויל — גיט ער א וואָרף לעבעדיק דעם געקרויזטן קאָפּ — נעם איך זיך אויך נישט איבער. קענסט מיר נישט זאָגן... אויך א זאַך...

באַראַנאָווסקי זאָגט:

— מאָדנע, ווען איך געפין זיך אין שלאַכט קעגן שונא, פאַרגעס איך, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. אין שלאַכט ביים דאָרף פּאָלקעווע,

אין קאמף ביים דאָרף באָריסאָווע (געפאלן עטלעכע און דרייסיק סוואָ-לאָטשעס) בין איך ארײן אין אזא אזארט, אז שיסנדיק און זייענדיק אליין צווישן קוילן-הוראגאן, האָב איך געלאכט. א מאָדנע זאך, אין געפערלעכע מאָמענטן, ווען דער טויט קען יעדע סעקונדע קומען — לאך איך.

אין קאמף קעגן די לעגיאָנערן ביים דאָרף קאראלינאָווע (געפאלן 17 מאן פון ביידע צדדים), האָט ליובע זיך געשלאָגן צוגלייך מיט אלע אירע אנדערע חברים און אפילו זיך אויסגעצייכנט.

— דער טויט שרעקט מיך אויף א האָר נישט אָפּ! — זאָגט זי, אָבער אין מיטן די רייד האָט זי א קוויטש געטאָן.

— וואָס איז? — האָבן זיך אלע אויפגעכאפּט.

— א יאשטשערקע! א יאשטשערקע איז ארויפגעשפרונגען אויף מיר!

אלע האָבן זיך פונאנדערגעלאכט:

— און דו גייסט דאָס זיך שלאָגן קעגן דייטשן? און דו ווילסט דאָס נישט אנדערש ווי גיין אראָפּלאָזן אן עשעלאָן?

ליובע האָט זיך פארשעמט און פארטראכט:

„טאקע, וואָס איז דאָס געשען מיט מיר? פאר פיינטלעכע קוילן שרעק איך זיך נישט, און פאר א נארישער יאשטשערקע האָב איך זיך דערשראָקן"...

מיר זיינען אלע צוגעוווינט צום טויט און טראכטן גאָרנישט וועגן אים. מיר ווייסן, אז ער קען קומען דורך טויזנטער וועגן.

— וואָס הערט זיך? — פרעגט איינער ביים אנדערן.

— זייער גוט. ארום און ארום אונדז... פול מיט דייטשן.

מיר ווייסן דאָס גאנץ גוט, אָבער טראכטן נישט וועגן טויט. פאר-קערט, מיר פלאנירן אָפט וועגן א שיינעם און פריידיקן לעבן אויף דער וועלט. אלאָ דער טויט? — איז מען דאָך דערצו א פארטיזאן!

די ערד, יעדער טראָט ארום אונדז איז אָנגעזאפּט מיט אונדזער בלוט, מיטן בלוט פון פארטיזאנער. אָט דאָ אויף דעם אָרט, ווו מיר זיינען איצטער, אויפן כוטער (דעם פויער, א הארציקער יונג, רופט מען פאָנקע) נישט ווייט פון דאנען, נעבן דאָרף גאלישישקי, זיינען 60 דייטשן פון א לויערונג באפאלן דריי פארטיזאנער. פאפקע און סיאָמקע האָבן זיך געראטעוועט, דערשאָסן איז געוואָרן דער ח' לעסנוי.

א שווער-פארווונדעטן האָבן אים די דייטשן צוגענומען אין היידו-ציטשאָק. די זשאנדארמעריע האָט אים דורך פייניקונגען פארענדיקט.

געווען א גוטער חברה־מאַן, און איבערגעגעבענער פאַר זיינע חברים, פאַר דער פרייהייט.

דרייצנטער יוני:

— פאַרשידענע מענטשן דאָ אויף דער וועלט.

— זיך ערשט ארומגעזען... און וואָס עפּעס אינמיטן דרינען?

אָט טרעפט, מיר גייען אריין צו א פּויער אָפּעסן. מיר ווייסן, אז דער פּויער איז רייך, האָט בהמות א סך, חזירים, עופות. נאָר ווי מיר גייען אריין, מאכט ער א קלאָגעדיקע מינע:

— די דייטשן דאַרף מען געבן, די פּארטיזאנער אויך... איך האָב שוין אליין נישט וואָס צו עסן... נאָר א שטיקל ברויט, א קאַפּ מילך וועל איך נאָך געפינען פאַר אייך.

— נו, טאַטעלע — זאָגט ווער פון אונדז — אפשר א שטיקעלע פוטער אויך.

— נו, איך וועל ארויסגיין באָרגן אויב איר האָט צייט צו וואַרטן.

און ווען מיר זיצן און עסן, טאַנצט ער ארום אונדז, חנפעט און לעקט זיך:

— מיר זיינען דאָך שטענדיק, שטענדיק געווען מיט אייך, ווי דער־לעבט מען שוין די דייטשן זאָלן אוועק...

און אז מיר גייען אוועק:

— גייט געזונטערהייט, זאָל אייך גאָט געבן גליק און געזונט. מיר זאָלן זיך זען...

עס ווילט זיך ווייטער נישט הערן די עקלדיקע זיסע רייד, פון וועלכע עס שלאָגט מיט ביטערקייט.

אין פאָדערהויז באמערקט ווער אין א ווינקל קריגלעך פוטער, סמעטענע, אייער און ווייסע בולקעס.

— וואָס איז דאָס? — קריצט יענער מיט די ציין — דו מיינסט, אז פּארטיזאנער עסן דאָס נישט? נישט דיינע איז דאָס אפשר?

— דאָס איז נישט מיינע — ענטפערט דער פּויער דערשראָקן — דעם שכנס. נאָר אויב איר ווילט, זעצט זיך, ביטע, איך וועל זיך שוין מיט אים אויסרעכענען...

ס'טרעפט אָבער, אז מיר גייען פאַרביי א נידעריקע כאַטקעלע, מיט אָרעמע פענצטערלעך. מיר גייען דורך און ס'לויפט אונדז נאָך דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע, נעמען פאַר די אַרבל אָן, פילן זיך באַ־ליידיקט, פאַרוואָס מיר גייען נישט אריין צו זיי.

אויפן טיש שטייט שוין צעשניטענע ברויט, קאַרטאָפל־זופּ, א לאַדיש

מילך. דאָס האַרץ וואָלטן זיי אוועקגעגעבן, אוועקגעלייגט דאָ אויפֿן טיש — נעם און עס.

אַזוי איז געווען היינט אין אָוונט, אויפֿן כוטער ביים פֿויער פּאַנקע.

אַרויסגייענדיק פֿון אים זיינען מיר געווען צופֿרידן מער ווי מיר וואָלטן די בעסטע עסנס געגעסן, די בעסטע שפּייזן.

מיר האָבן פּאַרטאָג פֿאַריאָגט מיט אונדזער שיסערייַ די פּאָליציי-וואַך פֿון דעם דאָרף שאַבאַן.

פֿון איין עק דאָרף א וואַך, פֿון צווייטן עק א וואַך, צוויי לופֿעס פֿון אונדזערע פּולעמיאָטן קאָנטראָלירן די געגנט אַרום. ציווילע ווערן אַריינגעלאָזט. אַרויסגעלאָזט פֿון דאָרף ווערט אָבער קיינער נישט, ביז וואַנען מיר גייען נישט אַוועק. — פֿאָרזיכטיק! — איז אונדזער דעוויז.

מיר באַשטעלן א באָד און איידער דער אויוון ווערט אָנגעברענט, דאָס וואַסער פֿאַרטיק, וואַשן אויס די פֿויערטעס אונדזערע וועש. דאָס זוניקע ווינטל גיט עס אויפֿן פֿאַרקאַן א כאַפּ אונטער און אָט איז עס שוין טרוקן.

די פּאַרע פֿון די אָנגעגליטע שטיינער נעמט אַרום דעם שוויים פֿון קערפּער. די יאַטן כוואָשטשען זיך מיט די פֿרישע בעזעמער און דאָס צאַפּלדיק טייכל צופֿוסנס פֿון באָד גלעט און צערטלט די גלידער. א פֿאַרגעניגן איז איצט צו שטיין אַזוי אַן אויסגעפּאַרעטער פֿון באָד, אַן אויסגעשוויצטער אין קוועקזילבער קעגן צעלויכטענעם הימל.

— א מלחמה אויף דער וועלט? — דאָס געוואָר בלויז דערמאָנט אונדז איצט וועגן דעם.

פּערצנטער יוני:

„קוק נישט אויפֿן קרוג, נאָר וואָס עס טוט זיך אינעווייניק" — אין דעם ווערטל האָב איך זיך דערמאָנט נאָך א שמועס מיט פּאָדבערעזקין.

מען באַמערקט אים כמעט נישט צווישן אונדז. כאָטש אומעטום איז ער דער ערשטער. כאָטש קילאָמעטערס גאַנג האָט ער צום - מ ע ר ס ט ן דורכגעמאַכט.

א פּשוטער יינגל. א שטילער.

ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז א פּאַרטיזאַן שוין צוויי יאָר. אַרויס-געפֿירט אָטריאַדן פֿון געפֿאַר בעת א בלאָקאַדע צו זיך, אין דאָקשיצער געגנט. געווען און דורכגעפֿירט וויכטיקע אויפֿגאַבן אין ליטע און א ווינטער אָפּגעווען ביי יורגיסן אין רודניצקער פּושטשע.

ס'פֿאַרדריסט אים, וואָס אין אָטריאַד פֿירט מען נישט קיין קולטור-אַרבעט.

— אמת — זאָגט ער — מיר וואנדערן טאָג-טעגלעך, אָבער ווען מיר רוען זיך אָפּ, וואָלט מען דאָך איין שעה, כאָטש א ה א ל ב ע געקענט א שמועס טאָן איבער א וויכטיקער טעמע.

גערעכט, ח' פּאָדבערעזקי! ס'איז דעריבער נישט צופעליק, וואָס אין דעם טאָג-בוך איז נישט דערמאָנט קיין איינמאָל וועגן קולטור-ארבעט וואָס אין אָטריאַד זאָל געפירט ווערן. ס'איז פּשוט אזוינס, בעת אונדזער איצטיקן וואנדער נישט געווען. (פריער, אויף דער באזע, איז אזא ארבעט יאָ געפירט געוואָרן).

איך האָב וועגן דעם געשמועסט מיט גריקאן שפּעטער.

— די סיבה איז א פּשוטע — זאָגט סערגיי — מיר האָבן לײדער איצט נישט אזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן אזא ארבעט קענען פירן. אויך די וואנדער-באדינגונגען באשווערן די ארבעט.

איך בין מיטן ענטפער נישט איינשטימיק און געזאָגט דערויף:

— איר אליין, ווען איר קומט צו אונדז אויף א טאָג, צוויי, וואָלט געקענט פירן א שמועס איבער וואָס.

גריקא ענטפערט, אז ער האָט, לײדער, אונטערן האנט נישט קיין מאטעריאלן און סתם אין דער וועלט אריין ריידן האָט נישט קיין זינען. מען קען א טעות האָבן...

העלפט יוני:

די טעג זוניקע, אָבער די נעכט, צום טייוול, דערפרוירן צו ווערן. היינטיקע נאכט אין שייער האָב איך די פיס אין די שטיוול דערפרוירן. נישט געקענט איינשלאָפן.

דער ווינט שפּארט דורך אלע שפּארונעס, קריכט צום פּלייצע, צו די פינגער.

קוים דערלעבט טאָג: זאָל ווערן.

# עלנטע מעת־לעתן

פופצנטער יוני:

## דער אָטריאַד אויף די פּיס!

מיליטער האָט זיך ארויסגעזעצט אויף דער היידוציישאָקער באַן־סטאַנציע און איז שוין נישט ווייט פון אונדז. ארום 500 אויב נישט מער. נאָך וואָס זיי קומען, ווייס מען נישט גענוי. צוויי מעגלעכקייטן: אויף אונדז אָדער נעמען ביי די פּויערים בהמות. מיר זיינען צו קליין אין צאָל כדי אויפצונעמען מיט זיי אן אָפענעם קאַמף. מיר טרעטן אָפּ פון דאָרף אין וואַלד. פון דאָרט קענען מיר מיט זיי, אויב זיי זאָלן קריכן צו אונדז, קעמפן. אויפן וועג פאַרטרייבן שוין פּויערטעס זייערע בהמות ערגעץ, דאָס מיליטער זאָל זיי נישט געפינען.

הויכע, געדיכטעביימער, — אונדזערע פריינט, אונדזערע באַ־שיצער. אָט דאָ, אונטער זייערע צעשפּרייטע צווייגן, רוען מיר, אָט דאָ וועלן מיר נאַכטן.

דער הימל הענגט איבער אונדז א שווערער. אָנגעלאָדן מיט בליי. אָט-אָט און ער זעצט זיך אויפן קאַרק ביי אונדז.

ליגן מיר צוגעטוליעט איינער צום אנדערן, צוגעדעקט מיט מאַרי־נאַרקעס. ענדלעך גיט דער הימל א פּלאַץ אויס מיט א געדיכטן רעגן. ס'גיסט ווי פון צעבערס. די געדיכטע צווייגן איבער אונדז לאָזן אָבער צוערשט נישט נאָך, לאָזן נישט דורך דעם רעגן, פּרוּוון אים פאַרהאַלטן, פירן אָפּ דאָס וואַסער אין זייערע ברעגעס.

דער גאַס אָבער ווערט נאָך שטאַרקער. א פּנים, זיך אָנגעזעצט אויף די צווייגן, אָדער ספּעציעל אונדז געוואָלט געבן צו דערפילן:

— אנו, מירן זען, — ווי דער רעגן וואָלט זיך געוועט מיט די צווייגן, — ווער וועמען ס'וועט באַזיגן.

פאַרשפּילטע זיינען די צווייגן.

זיי גיבן נאָך. דער רעגן גנבעט זיך דורך אלע מעגלעכע שפּאַרונעס; דורך די בלעטער, קייקלט זיך און הויבט אָן פאַלן אויף אונדז.

מיר אָבער גיבן נישט נאָך. וואָס עס זאָל נישט זיין, זאָל זיין. מיר הויבן זיך נישט אויף פון די ערטער. איינגעפּלאַכטענע איינע אין די אַנדערע, ווי צונויפגעשמידטע צו דער ערד, צום גראָז, ליגן מיר אומבאַוועגלעך. קיין וואָרט. קיין שאָרך. הערן זיך צו צום כסדרדיקן גאַס. מאַכן זיך נישט-פילנדיק וואָס די בלעטער-צווייגן פּאַרראַטן.

דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן, די בלעטער זיינען ווייכער געוואָרן, פאַרלאָרן זייער שטייפן שטאָלץ, די אָדערן צעקנייטשט. דער רעגן וויל איצט פון קיין זאַך נישט וויסן. גיט אונדז אָפּ אויך פאַר דאָס פריערדיקע, פאַר די רואיקע מינוטן.

ס'גיסט אויף אונדז און מיר מאַכן זיך, ווי מיר פילן דאָס נישט. וווּ וועלן מיר איצט גיין? אַ בעסער אָרט געפינען? אומעטום איינס.

דער פריער קאַיאָר הויבט אונדז אויף.

דער רעגן האָט איינגעשטילט זיין צאָרן, אָבער דריבלט נאָך. עס גיסן שטראָמלעך וואַסער פון אונדז. מיר קוקן זיך איבער. נאָך אַלץ אַ גראָער, שמוציקער הימל.

אָ, ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען עס טוט אַ שיין איצט די זון אויף אונדז, ווי מיר וואָלטן דאָס די גלידער דערוואַרעמט.

איך שעם זיך דאָס צו זאָגן. דער געדאַנק אָבער בויערט:

— ווי גוט עס איז יענע, וועלכע ליגן דאָס איצט אין די וואַרעמינקע בעטן ביי זיך אין שטוב.

דער געדאַנק אָבער איז אַ פרעמדער. קלעפּט זיך נישט צו. ווער ווייס וויפל חדשים, יאָרן, מיר זיינען שוין ביי זיך אין שטוב נישט געווען... אַז עס קומט אויפן געדאַנק דאָס וואָרט „שטוב", טוט אַ קוועטש ביים האַרץ, ס'ווערט ענג עפּעס אין האַלדז.

— וווּ שטוב? וואָס שטוב? אַלץ איז חרוב, אַלץ פאַרניכטעט, צעמאָרדעט. מיר זיינען שוין צוגעוווינט צו אַזאַ לעבן, צו אַזעלכע נעכט און טעג. מיר שלאָפן שוין יאָרן אין די זאַכן, ציען פון זיך זעלטן די שטיוול אַראָפּ, בראָדזען טאָג-איין, טאָג-אויס, נאַכט-איין, נאַכט-אויס, איבער בלאָטעס, זומפּן, וואַסערן. טשאַטשעווען אויפן פיינט, ליגענדיק אין די גרעסטע פרעסט פאַרדעקטע מיט פּראָסטיקן אייז אויף זיך. אין די גרעסטע היצן. עס עקזיסטירט נישט פאַר אונדז קיין מעדיצין. אין די גרעסטע ווייגעס, — און מיר ווערן נישט פאַרקילט. די שמוציקסטע וואַסערן טרינקען מיר — און עס כאַפּט אונדז קיין כאָליערע נישט. פאַרהאַרטעוועט איז אונדזער קערפּער געוואָרן. שטאָל. פילט קיין זאַך נישט. ווייס בלויז איין זאַך:

— שלאָגן דעם שונא וווּ ער קומט. אָנטאָן אים געברענטע צרות.

— א בעט? ווארעמקייט? צערטל? — אמת, צו וואָס לייקענען, ס'גנבעט זיך אריין אמאָל צו אונדז אזוינס (מיר זיינען דאָך פּאָרט מענטשן געוועזן!), אָבער די ווילדע ווירקלעכקייט שלאָגט עס גיך פון קאָפּ ארויס. מיר האָבן גאָר פארגעסן, ווי דאָס האָט אויסגעזען, ווי מיר האָבן געלעבט און — מיר שטעלן זיך נישט פאָר, ווי דאָס וועט אויסזען, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, און מיר זאָלן בלייבן לעבן, ווי וועלן מיר זיך דאַן צוגעוווינען צום נאָרמאלן לעבנסשטייגער. ס'הויבט דער קאָפּ — — —

נאָרמאלער לעבן!...

ס'טרעפט טעג, אז מיר עסן צו פיר און צו פינף מאָל א טאָג אפילו. ס'טרעפט טעג, אז גאָרנישט אויך. אזוי ווי דער היינטיקער. מען מוז וואך זיין. אין קיין דאָרף נישט אריינגיין. אין קיין כוטער טאָר מען נישט אריינשמעקן. טאָמער קוקן דורך די פענצטער פיינטלעכע לופעס.

א טרייסט, — די זון!

די זון ווארעמט זיך פונאנדער און אנטקעגן אירע שטראלן ליגן מיר אויפן פרייען גרין און זופן די ליכטיקע ווארעמקייט.

פאַרנאכט קומען אָן אונדזערע אויסשפּירער און זאָגן אָן:

— אין געגנט איז רואיק דערווייל.

זעכצנטער יוני:

עס רעגנט און רעגנט.

מיר שלייכן זיך אריין אויף א כוטער (איינציק שטיבל אין פעלד).

—מוטערל! — שרייען מיר אוים אין איין קול, — עסן!

מיר העלפן איר שיילן קארטאָפל, א פייער ווערט, און אין א האל־בע שעה ארום פארען שוין די מעליקע קארטאָפל אויפן טיש.

הייסע בולבע מיט קאלטינקע מאסלינקע, — האָט ווער געגעסן ווען א געשמאקערן מאכל ווי מיר, איצט? מיט די אויגן עסן מיר. מיר וועלן זיך גאָרנישט אָנעסן קומט אונדז אויס.

ס'קומען אריין שכנים. איינער, א צווייטער, פינף, אכט. די וואך לאָזט אלעמען אריין, ארויס — קיינעם נישט.

פאָרזיכטיקייט איז אונדזער דעוויז.

מיר זיינען נאָענט פון דייטשישע גארניזאָנען (מעליגאַן, היידוצי־שאָק, ביי סווענציאַן). וויפל דאַרף דאָס ווערן געדויערן צו דערלויפן אהין און מסרן. דער ערשטער „ארעסטאנט" איז א יונגג, וואָס איז דאָ געקומען באָרגן א הובל. די צווייטע „ארעסטאנטקע" איז זיינע א שוועסטערל, וואָס איז געקומען א קוק טאָן, וואָס דער ברודער זאמט

זיך אזויפיל. שפּעטער איז צוגעקומען די מאמע, דער טאַטע... מען רעדט זיך פונאנדער.

*

גריקא האָט אונדז אויפגעזוכט.

א וויכטיקע דאַטע פאַרן אַטריאַד: נעכטן איז געוואָרן א יאָר זינט „ווילנע" עקזיסטירט.

אין דאָרף טריסאָסני האָבן מיר היינט (נעכטן האָט אונדז באַרעגנט דער וואַלד) געפּראַוועט דעם יום-טוב אונדזערן. מען האָט קיין סך נישט גערעדט. די ווונטשן זיינען געווען קורצע:

— דעם צווייטן יאָרטאָג זאָל „ווילנע" פייערן אין ווילנע.

— נו, אין דעם בין איך זיכער! — זאָגט פּאָדבערעזקי.

— איצט קען מען זיכער נישט זיין, — ענטפערט ליובע, — זיכער זיינען מיר אין אונדזער נצחון, אָבער ווער פון אונדז האָט דאָס געמיינט, אַז די מלחמה וועט דויערן אַזוי לאַנג?

אין באַפעל צום 1טן מאַי פאַרן אַטריאַד איז איבערגעגעבן אָט אַזעלכע ציפערן, וואָס „ווילנע" האָט אויפגעטאָן פאַר צען חדשים פון איר עקזיסטענץ:

51 עשעלאָנען אויפגעריסן.

199 פאַרניכטעטע וואַגאָנעס מיט סאָלדאַטן און געווער.

2 אויפגעריסענע באַן-בריקן.

1 עלעקטראָ-סטאַנציע אין סווענציאַן אויפגעריסן.

1 אויפגעריסענער טאָרף-זאַוואָד.

3 מאַשינען פאַרניכטעט און שווער פאַרוווּנדעט א פּאָלקאָווניק, וואָס איז דאָרט געווען.

אין קאַמף דערשאָסן איבער 30 נאַציס און פאַרוווּנדעט איבער 50. צווישן די געהרגעטע, איינער אַן אונטער-פּאָלקאָווניק מיט דריי אויסצייכענונגען אויפן ברוסט.

וויפיל דערהרגעטע סאָלדאַטן און אָפיצירן ס'זיינען געווען אין די אַרונטערגעלאָזטע עשעלאָנען איז נישט אָנגעגעבן. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין, אַז אין די שווערע הונדערטער.

פון נעכטיקן אַליאַרם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מיליטער איז באַפאַלן די דערפער אַרום די באַן-ליניעס, צוגענומען בהמות און אויף גיך, נישט אָנצורייסן זיך אויף פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן.

זיבנצנטער יוני:

די קאָמאַנדע-אָנפירונג האָט באַשלאָסן צו שאַפן אויף א געוויסע צייט א באַזע אין וואַלד, מיר זאָלן זיך קענען עטלעכע טעג אויסרוען. נישט דאַרפן אַרומוואַנדערן.

א באַזע אין וואַלד הייסט: — מען דאַרף האָבן אויף דעם אָרט אויך שפּייז, כלים אין וואָס צו קאָכן און מיט וואָס צו עסן. זיינען 5 חברה אוועקגעשיקט געוואָרן מאַכן א שפּייז-פאַרגרייט, אָדער א „זאַ-גאַטאָווקע", ווי מיר רופן עס קורץ.

פון די „זאַגאַטאָווקע"-ספּעצן איז באָגדאַנאָוו. אינדערפרי האָבן מיר ביידע געבראַכט א חזיר, מעל, ברויט און קעז.

באָגדאַנאָוו האָט ביי דעם, דעם גרעסטן פאַרדינסט, ווייל ער קען דאָ גוט די געגנט און די פּויערים.

קיין סך בעטן זיך ביי די פּויערים האָבן מיר נישט באַדאַרפט. צי פאַר מורא, צי ווייל זיי פאַרשטייען אויך, אז מיר דאַרפן עסן, האָבן מיר באַקומען ביי איינעם א חזיר, ביים צווייטן מעל, ברויט און קעז. דעם חזיר האָב איך צוויי סעריעס קוילן אריינגעזעצט און ער איז נאָך אַלץ געלאָפן. ערשט די דריטע סעריע פון אויטאָמאַט האָט אים ענדלעך אוועקגעלייגט.

פאַר באַראַנאָווסקין האָט ער אויך געבראַכט א פּאָר שטיוול.

מיר זיצן אין וואַלד. זומער-ביידלעך. דאָ איז פריער געווען איוואַן איוואַנאָוויטשעס אָטריאַד „פרייע ליטע".

די ביידלעך זיינען פון צווייגן אין א האַלבן קרייז געמאַכט, פאַר-דעקטע פון אויבן מיט קאָרע. די נייע דירות זיינען נישט אַזוי באַקוועם, אָבער דער רעגן האָט אויף זיי קיין שליטה נישט. שלאָפן קען מען אין זיי, פאַר קעלט אָבער האָבן די ביידלעך מורא.

אכטצנטער יוני:

א קאַלטע נאַכט אין ביידל. נישט אויסצוהאַלטן. כ'פּרוּוו אויסטאָן די נאַסע שטיוול, איינדרייען זיך אין פרענדזל, אָבער ווי נאָדלען וואַלטן אין די פינגער געשטאָכן.

ערשט פאַרטאָג שלאָפט זיך איין.

# קליינינקייטן

ניינצנטער יוני:

די צווייטע גרופע, וואָס איז היינט געקומען אונטער שמעון איס-קינס אָנפירונג, האָט אויספירנדיק אויף גוט איר אויפגאבע, געהאט אייערנעכטן א מיאוסן דורכפאַל: זיי זיינען ארומגערינגלט געוואָרן פון די לעגיאָנערן, וועלכע האָבן צוגענומען ביי זיי דאָס געווער — אויטאָ-מאטן און רעוואָלווערן.

געוועזן אין דער גרופע אויך מיעדוויעדעוו, באַסאָק, איוואנאָוו און מיסונאס. אפילו די וועג-פאַרצייכענונגען, וואָס באַסאָק און איסקין האָבן לויט מיין באַשטעלונג געמאַכט, האָט מען צוגענומען ביי זיי.

פאַר די פאָר וואָכן, וואָס די גרופע איז אין וועג געווען, האָבן זיי אראָפּגעלאָזט צוויי עשעלאָנען און נאָך אַן עשעלאָן בשותפות מיט א גרופע פון „קאַלינאוסקאַס"-אָטריאַד. צו דעם האָבן זיי אונטערגעצונדן א בריק אויפן טראַקט ווידז—סווענציאַן און אונטערגעצונדן די שטוב פון פויער כאַרלאַן, וואָס האָט ארויסגעגעבן דער פּאָליציי סעמיאָנאָוון.

באַסאָק האָט געמאָלדן דער פרוי און קינד (דער פויער איז אליין משוגע געוואָרן און לויפט ארום איבער די פעלדער):

— די נאַציס מאָרדן אוים די באַפעלקערונג. און אויב עס טרעפט, אז איינער פון א משפחה פאַרשולדיקט זיך, דערמאָרדן זיי אָפט נישט נאָר די גאַנצע משפחה, נאָר אַלע, וואָס וווינען מיט דעם באַשולדיקטן בשכנות, פאַרברענענדיק דערביי זייער האָב און גוטס. אייגנטלעך וואָלט מען א י י ך געדאַרפט אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע, נאָר זע, אז מיר „באַנדיטן" זיינען אויך מענטשן.

די קאָמאַנדע-אָנפירונג פון אונדזער אָטריאַד איז נאָכן דורכפירן אן אויספאָרשונג וועגן איסקינס גרופע געקומען צום באַשלוס, אז די גרופע האָט נישט געהאַנדלט אזוי, ווי פאַרטיזאַנער וואָלטן באַדאַרפט טאָן. זיי האָבן זיך נישט געטאָרט לאָזן אַנטוואָפענען, אפילו ווען ס'זאָל דראָען אין קאַמף דאָס לעבן צו פאַרלירן. צוליב דעם באַשליסט די קאָ-מאַנדע-אָנפירונג — אראָפּנעמען פון אמט, ווי א גרופע-קאָמאַנדיר,

דעם ח׳ איסקין, פּאַרמשפּטנדיק אים אויף צען טעג אַרעסט. מעדוויע-דיעוו און איוואַנאָוו, ווי אַלטע פּאַרטיזאַנער, צו צען טעג אַרעסט. מי-סונאַס, וואָס איז פון וועג אַוועק צו זיך אין שטוב אויף „אָרלוּב“ — ווערט דערקלערט פאַר אַ דעזערטיר. באַסאַק, ווי אַ נייער פּאַרטיזאַן, ווערט פון אָטריאַד אויסגעשלאָסן.

אין באַפעל ווערט געזאָגט, אַז דער אורטייל דאַרף אויף ווייטער געבן צו פאַרשטיין יעדן פּאַרטיזאַן זיין פליכט. און אויב עס וועט טרעפן ווייטער אַזאַ פאַל, וועלן יענע פּאַרטיזאַנער באַקומען די העכסטע שטראַף!

באַסאַק רופט מיך אָפּ אין אַ ווינקל און שווערט זיך פאַר מיר, אַז ער איז דאָך צום ווייניקסטן שולדיק.

— און פאַרוואָס — טענהט ער צו מיר — בין איך ערגער פון סלאַווקען? זיי האָט מען גאַרנישט געטאָן און מיך שליסט מען אויס.

איך פיל, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, אַז באַסאַק איז דאָ פיל ווייניקער שולדיק פאַר די אַנדערע קעמפער.

איך פּרוּוו ריידן מיטן קאָמאַנדיר.

איך פיל אָבער ווי דעם קאָמאַנדירס אויגן זיינען חושד: „אַ ייד נעמט זיך אָן פאַר אַ יידן“.

עס העלפט נישט.

מיר דוכט, אַז איך בין נאָך צעבראָכענער ווי באַסאַק, ווען מען איך פאַרליר פון די אויגן, ווען ער דערווייטערט זיך פון אונדז אין טיפן, ווילדן וואַלד אַליין...

*

אין אָטריאַד האָבן זיך היינט געמאָלדן צוויי פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דייטשע הענט.

בעת דער לעצטער בלאָקאַדע, אין אושאַצער ראַיאָן, זיינען זיי ביידע גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. ווי דער שטייגער איז, דערשיסן גלייך די דייטשן אַזעלכע געפאַנגענע. אָבער אַזוי ווי מען האָט די פּאַרטיזאַנער געהאַלטן פאַר פּאַראַשוטיסטן, צו וועלכע די באַ-ציאונג איז ווי צו געפאַנגענע סאָלדאַטן, האָט מען זיי געוואָלט אַוועק-שיקן קיין דייטשלאַנד.

איינער איז דער קאָמיסאַר פון דזיערזשינסקי-אָטריאַד (ביי דער קאַראַטקין-בריגאַדע) זייעוו, און דער צווייטער — דער דאָקטאָר פון זעלבן אָרט, זאַגאַרעץ.

קומענדיק קיין שאַוול, איז שוין זייער עשעלאָן אויף דייטשלאַנד געווען אַוועק. אויף מאָרגן האָט מען זעכצן געפאַנגענע, אין דעם ז י י,

געפירט אין וואלד אויף ארבעט אונטער דער שמירה פון צוויי באַוואָפנטע עסעסניקעס.

ווי אלטע פארטיזאנער האָבן זיי אויסגענוצט א מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן זיך פארקוקט און זיינען אָנגעפאלן מיט די העק אויף זייערע היטער, צעשפאלטנדיק זיי די קעפּ. די וועכטער זיינען גלייך געפאלן טויט. מיט זייער געווער (צוויי ביקסן, א קאָמפּאס) האָבן זיי זיך צעטיילט אויף קלענערע גרופּעס און זיינען אוועק זוכן פארטיזאַנער.

*

בארים האָט פון וואלד געבראכט צוויי סאָוועטישע געפאנגענע, וואָס זיינען אנטלאָפן פון פאָנעוועזשער לאגער.

די געפאנגענע זיינען אויפן וועג פארהאלטן געוואָרן דורך לעגיאָנערן. אין א מעת-לעת ארום האָט מען זיי אָפּגעלאָזט, מיטגעבנדיק א בריוו צו דער הויפּט-קאָמאנדע-אָנפירונג פון די פארטיזאנער פון ווילייקער ראיאָן וועגן שלום-אונטערהאנדלונגען. אונדזער אָטריאַד האָט זיי אויף דעם סמך אוועקגעשיקט א בריוו, וואָס לייגט פאָר די לעגיאָנערן זיך צו טרעפן אין דאָרף „טשערוואָני רודי“ דעם 25סטן ד. ח. וועגן שלום אין סווענציאנער ראיאָן. אינטערעסאנט וועט זיין, צי זיי וועלן קומען אָדער נישט?

*

אונדזער אָטריאַד פירט איצט אן אקציע צו פארגרעסערן די צאָל קעמפער. צווישן די ניי-ווערבירטע געפינט זיך דער זיבעצן-יאָריקער זון פון אלבין גויגא, וואָס איז מיט דער פרוי זיינער דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ. יוזעק דערציילט, אז ווען ער וואָלט דאַן געווען אין שטוב, וואָלטן אים אויך די היטלעריסטן צוגענומען. די פּאָליציי האָט פון שטוב אַלץ צוגענומען, בלויז געלאָזט די ארומגערריסענע ווענט. דער טאטע האָט געבעטן, זיי זאָלן אים אָפּלאָזן, ער איז דאָך א ליטווין. די פּאָליציי אָבער האָט געזאָגט, אז זיי העלפן די פּארטיזאנער. אין היידוצישאַק האָט מען די מאמע באזונדערס פריער געשלאָגן און דערנאָך זיי ביידן דערשאָסן. דעם קליינעם ברודערל סטיאָפּקא מיט דעם שוועסטערל, האָט צוגענומען צו זיך א מומע אין טיף ליטע.

יוזעקס ציל איז איצט צו נעמען נקמה אין די מערדער פון זיינע עלטערן.

*

ביים שייטער, נאָכן הערן די לעצטע ראַדיאָ־ידיעות, האָט ח׳ גריקא אויפמערקזאַם געמאַכט די פּאַרטיזאַנער, זיי זאָלן פון זייערע רייד ארויסוואַרפן די מיאוסע ווערטער וואָס מאַכן מער נישט אָן שאַנדע די קעמפער.

*

אויסער אַלע צרות האָבן נאָך די פּויערים פון די געגנטן אויסצו־שטיין פון די אָנפאַלן פון וועלף. גאַר אָפט טרעפט, אז וועלף קומען צו דער סטאַדע אויפן פעלד און שלעפן אוועק מיט זיך שעפּסן, קעלבלעך. אפילו צו דער שטוב קומען זיי און נעמען מיט זיך הינער, גענדז, חזירים.

*

א גרופּע פון 12 קעמפער (צווישן זיי די פּאַרזינדיקטע איסקין, איוואַנאָוו און מעדוועדיעוו) זיינען היינט אָפּגעשיקט געוואָרן צו דער צענטראַל־באַזע אין די מיאַדלער וועלדער נאָך געווער.

איך האָב אוועקגעשיקט דורך זיי צום פּולקאָווניק א בריוו מיט א באַריכט פון מיין אַרבעט און אָן אָנזאָג, אז אין א פּאָר וואָכן אַרום וועל איך קומען אויף דער באַזע זיך צו שטעלן צום ראַפּאָרט.

צוואַנציקסטער יוני:

געקומען די גרופּע פּיעטראָוו, גראַזול, קישענקאָוו, מאַרושקא, גוט־קין אונטער דער אָנפירונג פון קאָוואַלעווסקין.

זיי זיינען אַרום פון דער מיאַדעלער פּאַרטיזאַנער־באַזע מיט נאָך א גרופּע, וועלכע איז אוועק טיף אין לאַנד אַרום פּאָנעוועזש, שאַוול.

קאָוואַלעווסקיס גרופּע איז אוועק אין דער געגנט פון דוקשט. זיי האָבן פינף טעג געטשאַטעוועט אַראָפּצולאָזן אַן עשעלאָן, אָבער די דייטשן, מורא־האָבנדיק פאַר די פּאַרטיזאַנער, וועלכע פירן זייער די־ווערסיע־אַרבעט דער עיקר ביינאַכט אונטערן שוץ פון דער פינצטער־נישט, לאָזן איצט בכלל נישט קיין באַנען ביינאַכט.

די גרופּע האָט זיך דעריבער געלאָזט צוריק צו דער באַזע נאָך א מינע מיט אַן אויפרייס־מעכאַניזם, ד. ה. אַזא מינע, וועלכע מען קען באַגראָבן און ווען דער צוג טרעט אָן אויף איר, רייסט זי אויף. די גרופּע איז אָבער מיט ליידיקן צו דער באַזע נישט געקומען. אין דאָרף מעדייסע האָבן זיי פאַרברענט א מלוכהשע מעלקעריי מיט דאָקומענטן, ווו ס׳איז געווען צווישן אַנדערע די רשימה פון די פּויערים, וואָס טראָגן נישט צו זייער שטייער פון אייער און מילך דער מלוכה. נאָכדעם האָט די גרופּע פאַרניכטעט די קאָרעספּאָנדענץ פון דער פּאָסט אין גריבישקי און אונטערגעצונדן די געביידע.

קאוואלעווסקי דערציילט, אז פויערים האבן אים איבערגעגעבן, אז די אליאירטע האבן שוין פארנומען פאריז. זיינע בלויע אויגן פארכמורען זיך, ווען איך זאג אים, אז צו פאריז זיינען זיי נאך ווייטלעך, ווייל דאס אליאירטע מיליטער קעמפט נאך פאר שערבורג. ער איז זיכער, קאוואלעווסקי, אז אויב די אמעריקאנער און די ענגלענדער וועלן נישט שפארן אין מערב, וועלן אויך די סאוועטן ווייניק אויפטאן.

עס קומט אן א נייע גרופע. קיינער פעלט נישט. א ליטווין מיט א פאליאק, א ווייסרוס מיט אן אוקראאינער, א ייד מיט א רוס. אלע זיינען צופרידן, וואס די אפעראציע האט זיך איינגעגעבן, וואס אלע זיינען געזונטע צוריקגעקומען. אלע ברידער. דא, אין אטריאד, איז די אמתע, הארציקע פעלקער-פארברידערונג. מיר האבן זיך ליב איינער דעם אנדערן. און וויפל מאל האט איינער פארן צווייטן דאס לעבן איינגעשטעלט און אוועקגעגעבן. אזא אטריאד איז א זעלטנהייט אין די וועלדער. א, וויפל קעמפער וואלטן עס געוואלט אהער קומען! וויפל קעמפער פון אנדערע אטריאדן עס זיינען דאס מיך מקנא.

*

דער אטריאד אויף די פיס!

די ראזוויעדקע האט געבראכט א ידיעה, אז די לעגיאנערן קלייבן זיך צו אונדז אין די געגנטן. געדויערט נישט קיין פינף מינוט און אלע שטייען שוין אין רייע מיט געווער. געדויערט נישט קיין זעקסטע מינוט און דריי אפטיילונגען מיט דער קאמאנדיר-אנפירונג לאזן זיך אין וועג.

אויף דער באזע בלייבן צען מאן האלטן וואך.

מיט פיאטראווסקין און ליובען גיי איך אין נישט-ווייטן דארף שווילסקי צו הערן נייעס פון די פויערים, וועלכע זיינען געקומען היינט פון די ארומיקע גארניזאנען, ווו זיי קויפן איין שוועבעלעך און פאפיר.

א שטיל דערפל. 12 שטיבלעך. מיר שטעלן זיך אפ. פויערים בויען א הויז. ס׳גלאנצן אין דער הויך די העק ביי די טשעסלארעס. ס׳קוילערט זיך פון זיי דער טריפנדיקער שוויים. באלד דעקן זיי שוין דעם דאך און... עס קען דאך זייער זיין, אז אין א טאג ארום זאלן קומען נאצים און דאס דארף אונטערצינדן, און אויב זיי זאלן מורא האבן פאר פארטיזאנער, קענען זיי באמבארדירערס שיקן, ווי זיי האבן עס געטאן מיט א חודש צוריק אין מיאדעלער ראיאן מיט די דערפער זאזעריע און אוזלע. אבער צו וואס טראכטן וואס עס קען זיין. דערווייל פאכען אלע גלידער פון די צעברוינטע קערפערס, וועלכע בויען, העכערן די געביידע.

איין און צוואנציקסטער יוני:

אונדזער ראזוועדקע האָט זיך דערוווּסט, אז די לעגיאָנערן זיינען אָפּגעטראָטן. זיי האָבן דערשמעקט, אז עס גרייט זיך אויף זיי אן אָנגריף און האָבן זיך אפילו אין אונדזער זייט נישט באוויזן. און אפשר ווארטן זיי אויפן רעזולטאט פון די אונטערהאנדלונגען, וועלכע דארפן פאָרקומען אינגיכן צווישן זיי מיט אונדזערע פארטיזאנער?

ס'איז היינט געקומען די גרופּע אונטער טיוניקס אָנפירונג מיט דעם פולעמיאָטשיק קאפעלקאָ, קאָברינסקי און אנושקא. ביי איגנאלינע האָבן זיי אראָפּגעלאָזט אן עשעלאָן.

בכלל איז, ווי שוין פריער געזאָגט, די ארבעט פון אראָפּלאָזן אן עשעלאָן געוואָרן זייער באשווערט, דער עיקר איצט, ווען די נעכט זיינען זייער קורצע. די גרופּע האָט זייער א סך פראצע, כוחות און שלאָפלאָזע נעכט אָפּגעגעבן כדי די אויפגאבע דורכצופירן.

א קוועק-זילבערדיקער אָטריאד. קיינמאָל זעט מען נישט אלעמען צוזאמען. איין גרופּע קומט, א צווייטע גייט אוועק. אָט איז מען געקומען פון דער לויערונג און שוין זיינען צוויי אָפּטיילונגען (אונטער דער קאָמאנדע פון יאָכיי און באגדאנאָוו) אוועק שפּייז פארגרייטן.

ח' גריקא האָט מיך געבעטן אָנשרייבן פאר דער פארטיזאנער-צייטונג א בילד פון אָטריאד-לעבן. איך האָב די באשטעלונג תיכף אויסגעפירט און אָנגעשריבן א קורצע דערציילונג וועגן דער סעמיאָנאָוו-געשיכטע א. נ. „נישט קיין חלום און נישט קיין אויסגעטראכטע מעשה“. איך האָב זיך באמיט אין קורצן, שפּאנענדיק, איבערגעבן פאר ברייטן עולם וועגן דער העלדישקייט פון אונדזערע פארטיזאנער, וועלכע שאנעווען נישט זייער אייגן לעבן צו ראטעווען א חבר.

*

מאָרגן ווערט דריי יאָר פון טאָג ווען די היטלעריסטן זיינען פּלוצלינג באפאלן אויך סאָוועטן-רוסלאנד.

ווען איך טראכט וועגן די פארגאנגענע יאָרן, קומט מיר אויס, אז דאָס אלץ וואָס איז שוין פאָרגעקומען, איז א בייזער, וויסטער קאָשמאר. א חלום.

## עס איז נישט געווען קיין חלום

איך בין געווען זיכער, אז דער אָוונט וועט שוין קיין נייעס נישט ברענגען, אָבער ווי נאָר איך בין איינגעשלאָפן, האָט מען מיך אויפגעוועקט: ווער?

דריי רייטער: דער קאָמאנדיר, דער נאטשאלניק פון נקוו"ד סלאווקע, און זיין געהילף, פאפקע.

צעלויכטענע פנימער. וואָס איז?

זיצן זיי נעבן מיר און פאפקע דערציילט די סיבה פון דער פרייליכקייט.

ס'איז א מעשהלע נישט פון „טויזנט און איין נאכט" ארויסגענומען, נאָר א געשעעניש, וואָס איז די פארגאנגענע נאכט געשען. ס'איז שפאנענדיק און סענסאציאָנעל. פאר די ראָמאנען־שרייבער א טעמע אין צענדליקער פאָרזעצונגען. אָט וואָס האָט פאסירט אין דער נאכט, ווען מיר זיינען אזוי רואיק געשלאָפן.

דעם פארגאנגענעם 1טן מאי האָט די אויפריים־גרופע אונטער דער קאָמאנדע פון סעמיאָנאָוון אראָפגעלאָזט צוויי עשעלאָנען אין סוויענציאנער געגנט. ס'האָט מסתמא ווער באמערקט, אז זיי זיינען אריין טאָגן אין א באָד און גיך איז געקומען פאָליציי און געשטאפּאָ. איינער פון דער גרופע, דובינאָוויטש, איז דערהרגעט געוואָרן אין קאמף; פעדקאָ — איז לייכט פארוואונדעט געוואָרן און צוזאמען מיט בראָניעקן און איוואנאָוון האָבן זיי זיך ארויסגעריסן פון דער ארומרינגלונג. שווער איז פארוואונדעט געוואָרן אין די פיס זייער קאָמאנדיר — ח' סעמיאָנאָוו, וועלכער האָט זיך דאָך באוויזן ארויסצורייסן פון שונא און זיך באהאלטן ביים פויער כארלאן, וואָס האָט אים ארויסגעגעבן דער סוויענציאנער געשטאפּאָ, וועלכע האָט באקומען א באפעל פון ווילנע, מען זאָל דערווייל סעמיאָנאָוון אויסהיילן, און נאָכדעם, א געזונטן אים ברענגען צו זיי.

לויטן באפעל פון פולקאָווניק האָט דער ח' גריקא מיך נעכטן גערופן און געזאָגט — וואָס עס זאָל נישט זיין, מוזן מיר ארויסנעמען

סעמיאָנאָוון פון די תלינישע הענט, ווייל ער פילט זיך שוין בעסער און ס׳דראָט יעדן טאָג, אז מען זאָל אים אָפּשיקן צום טויט אין ווילנע. מיך האָט דער ח׳ גריקא באשטימט פארן קאָמאנדיר און מיר געגעבן די דערלויבעניש אליין צוצוקלייבן צו זיך נאָך זעקס יאטן. האָב איך זיך גוט פארטראכט וועמען אויסצוקלייבן און דאן באשטימט צו מיר די חברים סאָוטשענקאָ, רודניצקי, פעטראָוויטש, אוגאָל, גריבאָווסקי און סטאָפּקע.

פארטראכט האָב איך ארויסצונעמען סעמיאָנאָוון אויף היינטיקע נאכט, ווייל דער גאנג פון 15 קילאָמעטער, וואָס מען דארף גיין דורך נאכט, וואָלט אונדז צופיל געדויערט, כדי אין דער זעלבער נאכט, ביי פינצטערניש, ארײנצוגיין אין שטאָט און דורכפירן דאָס שטיקל ארבעט.

איך זאָג אָן די חברה, ווי זיך צו האלטן; רעד אָפּ א פאראָל: „דריי־זעקס“ באשטים די אָרדענונג פון גיין, ווער עס זאָל שטיין אויף פּאָסט, ווער ס׳זאָל זיך אין שפּיטאָל אריינרייסן א. א. וו.

זעקס אזייגער פארנאכט זיינען מיר ארויס אין וועג. פארשטייט זיך, אז מיר זיינען געגאנגען דורך פארטיזאנישע וועגן, ס׳הייסט דורך בלאָטעס, זומפּן, וואסערן, אויסמיידנדיק דעם טראקט. איינס אזייגער ביינאכט זיינען מיר געווען ביי סוויענציאן. אזוי ווי מיר האָבן נאָך געהאט א גוטע פּאָר שעה, די נאכט זאָל נאָך זיין פאר אונדז, האָב איך באשלאָסן דעם באפעל אויספירן גלייך. מיר זיינען פארביי דעם יידישן בית־עולם, דורכגעגאנגען צוויי גאסן און אויף דער דריטער גאס זיינען מיר שוין געווען ביים שפּיטאָל. איינער הינטער די אנדערע, אָפּגערוקט אויף א מרחק פון עטלעכע מעטער, האָבן מיר זיך צוגעשלייכט צום פארקאן און אָפּגעשפּארט דעם הילצערנעם פארמאכטן טויער און אריין אויפן הויף. דער הויפּט־ארייננגאנג איז שוין געווען פארשלאָסן. זיינען מיר אוועק צו דער לינקער זייט פון שפּיטאָל, צום צווייטן ארייננגאנג. אויך דאָ איז די טיר געווען פארמאכט. ס׳איז קיין אנדער ברירה נישט געווען ווי אויפברעכן די טיר. כאָטש א פופציק מעטער פון אונדז גע־פינט זיך די שטאָטישע תפיסה, די זשאנדארמעריע און נאָך אזעלכע אמטן. מיר האָבן אָנגעהויבן נעמען די טיר אין אונדזערע הענט און נאָך עטלעכע פעסטע זעצן האָבן מיר זי אויפגעריסן. מיר זיינען דאן ארויפגעשפּרונגען אויפן צווייטן עטאזש. אין שיין פון דער לבנה האָבן מיר דערזען דעם תפיסה־וועכטער, וואָס היט סעמיאָנאָוון. איך האָב א געשריי געטאָן, אויסשטעלנדיק צו אים דעם אויטאָמאט: „הענט אין דער הויך!“ ער האָט גלייך אויפגעהויבן די הענט און אויסגעשריען: „שיסט מיך נישט!“ מיר האָבן צוגענומען פון אים די ביקס, די פּאטראָ־

נעם און דעם גראנאט און א פרעג געטאָן: „ווו איז דער פּארטיזאן?" א ציטערדיקער האָט ער אָנגעוויזן אויפן טיר פון א פּאלאַטע. מיר זיינען אריין אין פּאלאַטע מיטן אויסגעשריי: „ווער איז דאָ סעמיאָנאָוו?" אונדזער יאַט האָט זיך א כאַפּ אויף געטאָן און אויסגערופן אין שרעק: „איך".

גיך זיינען מיר צו אים צו און ארויפגעפאלן קושן זיך מיט אים. ער האָט זיך אָבער צוערשט נישט געגלויבט, אז דאָס איז טאקע אין דער ווירקלעכקייט. „טו זיך אָן!" — זאָג איך צו אים. אָבער ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די קליידער האָט מען ביי אים צוגענומען, כדי ער זאָל נישט קענען אנטלויפן, ער איז געלעגן בלויז אין זיין קורצער העמדל און אויסער דעם האָט ער נאָך געזאָגט: „איך קען נאָך נישט גיין". דאן האָב איך און רודניצקי אים גענומען אויף די פּלייצעס צו זיך און מיט אים ארויס פון שפּיטאָל. די איבעריקע האָבן מיטגענומען מיט זיך דעם טורמע-וועכטער וואָס טענהט רק, אז ער איז גאָרנישט שולדיק. מיר זיינען שוין דורך זייטיקע וועגן דורכן שטאָט נישט געגאנגען, כדי עס זאָל זיין סעמיאָנאָוון לייכטער צו גיין אָנגעהאנגען אויף אונדזערע פּלייצעס. מיר זיינען געגאנגען דורכן שטאָט. ערשט אָנדערהאלבן קילאָמעטער פון שטאָט האָבן מיר געקראָגן א פערד. גענומען ביים פּאָליציאנט דעם מאנטל, אָנגעטאָן סעמיאָנאָוון און אים ארויפגעזעצט רייטנדיק אויפן פערד.

דעם פּאָליציאנט האָבן מיר נישט מיטגענומען אין פּארטיזאנקע, ווי ער האָט זיך געבעטן ביי אונדז, נאָר אים געזאָגט: „זע אז מיר זיינען נישט קיין באנדיטן, ווי דיינע הערשער ריידן דיר איין. גיי זיך וווּ דו ווילסט, און אויב דו וועסט וועלן, וועסטו קענען קומען מיטן אייגענעם ווילן אין פּארטיזאנקע מאָרגן אויך. מיר טוען דיר גאָרנישט, ווייל אונדזער חבר זאָגט, אז דו האָסט זיך צו אים גוט פּארהאַלטן".

סעמיאָנאָוו איז געריטן אין אונדזער ארומרינגלונג און אַלץ געטענהט: „חברה, מיט וואָס זאָל איך אייך אָפּדאנקען?"

איצט האָבן מיר אים אָפּגעלייגט אין א זיכערן אָרט, ביז ער וועט אינגאנצן געזונט ווערן. די אויפגאבע האָבן מיר, דוכט מיר, גוט אויסגעפילט" — פּארענדיקט באשיידן פּאפּקע.

נו, איז דאָס נישט קיין סענסאציאָנעלע מעשהלע? זיינען זיי נישט קיין וואונדערבארע יאַטן? אויסצוקושן זיי יעדן גליד!...

טייערע חברה, הארציקע, איבערגעגעבענע חברים און אזעלכע דרייסטע קעמפער, — א וועלט איבערצוקערן.

— ווער איז סעמיאָנאָוו? איך מוז אים זען.

איך האָב גענומען דעם קאָמאַנדירס פערד און צוזאַמען מיט פּאַפּ־קען אוועקגעריטן אין דאָרף טשערעמטשיטשע, ווו איך האָב ביים שיין פון א פינצטערן לעמפּל, ביי א פויער אין שטוב דערזען סעמיאָנאָוון אין בעט.

מיטל־וווּקסיקער יונג. א הויכער קלאָרער שטערן און א פּערעקשנט פּנים. נישט איינמאָל האָט ער שוין העלדישקייט באוויזן, דרייסטקייט. ס'איז גאָרנישט קאָנטיק, אז אָט־דער פאַרטראַכטער בוכהאַלטער זאָל זיין אזא געוואַגטער קעמפער.

זיצן עטלעכע פּאַרטיזאַנער ארום אים און שלינגען זיינע רייד:

— „מיר זיינען ארוים, — הויבט אָן סעמיאָנאָוו זיין דערציילונג, — דעם 18טן אַפּריל פון דער באַזע. אין מיין גרופּע איז געווען אובאָל, איוואַנאָוו, ווישניעווסקי און רובינאָוויטש. דעם ערשטן עשעלאָן האָבן מיר אראָפּגעלאָזן אין דער נאכט פון 26סטן אויפן 27סטן. דעם צווייטן עשעלאָן האָבן מיר אראָפּגעלאָזן אין דער נאכט צום 1טן מאַי. די דייטשע וואך האָט אָנגעהויבן נאָכשפּירן אונדזערע טריט. מיר זיינען דעריבער אריינגעגאַנגען אין א באָד, נעבן א כוטער, כדי דאָרט איבערצוטאָגן. בייטאָג האָבן מיר מיטאמאָל דורך די שפּאַרונעס באמערקט, אז מיר זיינען ארומגערינגלט פון א 30 דייטשן און פּאָליציאַנטן. איידער מיר האָבן באוויזן צו נעמען דאָס געווער, האָט שוין דער פיינט אָנגעהויבן א שיסעריי אויף אונדז פון פּולעמיאָטן און ביקסן. עס איז קיין אנדער ברירה נישט געווען, ווי ארויסגיין פון באָד, זיך אָפּשיסן און אויב ס'וועט זיך איינגעבן — אנטלויפן.

איך האָב געגעבן א קאָמאַנדע און איינציקווייז, מיטן שיסנדיקן געווער האָבן מיר זיך געלאָזן דורכרייסן דעם פיינטלעכן רינג. עס פאַלט גלייך א טויטער דובאָוויטש. איך בויג זיך אריבער איבער אים און וויל אים מיטנעמען, נאָר דאָ האָב איך דערפילט, אז איך בין געטראָפן געוואָרן אויבן אין דעם רעכטן פוס פון צוויי קוילן. איך האָב זיך געלאָזן לויפן און די פּאָליציי נאָך מיר. איך קער זיך אום אלע ווײַלע, שיס און זיי לויפן ווייטער. אריבערלויפנדיק א בערגל, וואָס האָט מיך פאַרשטעלט פון שונאס קוילן, דעריאָג איך צו א דערבייאיקן כוטער און קריך אין א קעלער, פאַרמאַך הינטער זיך די טיר און קוק דורך די שפּאַרונעס, צי זיי גייען נישט צו מיר. די דייטשן, נישט באמערקנדיק, ווו איך בין אריינגעלאָפן, זיינען צוגעלאָפן צום פויער, וואָס איז געשטאַנען ביים טיר.

— דו האָסט באהאַלטן דעם באַנדיט?

דער באַלעבאָס, וואָס האָט געזען ווי איך בין אַריינגעלאָפן צו אים אין קעלער, האָט אָבער געענטפערט:

— ניין, מיינע הערן, דער באַנדיט איז געלאָפן ווייטער... ביטע זייער, איר קענט זוכן ביי מיר וווּ איר ווילט. איך ענטפער מיט מיין קאָפּ דערפאַר. איך הער די רייד און דאָס האַרץ שפּרינגט אין מיר. איך הער, ווי די דייטשן גייען אַהין און צוריק ביים פּויער אין שטוב, אַי־בער מיר קלאַפּן זייערע פערדישע שטיוול. איך בין גרייט שוין יעדע סעקונדע, זיי זאָלן אויך גיין צו מיר אין קעלער. דער פּוס בלוטיקט אָן אויפהער, נישטאָ אָבער ווען אים אַרומצובינדן. איך שטיי ביי דער טיר מיטן אויטאָמאַט אין איין האַנט, מיטן פּיסטאָלעט אין דער צוויי־טער, און וואַרט.

# און וואָס ווייטער איז געשען ?

אָט דערזע איך, ווי זיי גייען ארום. דעם קעלער האָבן זיי נישט באמערקט, אָדער פארגעסן אין אים א קוק צו טאָן, זיי האָט צוגעצויגן דאָס בעדל נישט ווייט פון שטוב, ווו זיי האָבן געמיינט, אז איך ליג באהאלטן. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען פון ווייטן, איך זאָל ארויסגיין. קיינער האָט נישט געענטפערט. זיי האָבן דאן אָנגעהויבן שיסן און ווארפן אהין גראנאטן.

אין איין מינוט איז דאָס בעדל געשטאנען אין פלאמען. די דייטשן זעענדיק די פלאמען, וועלכע האָבן ארומגעכאפּט די הילצערנע געביי־דע, האָבן זיך געלאָזט ווייטער. איך האָב אראָפּגעכאפּט פון זיך דאָס אויבערהעמד און זיך גענומען צו דעם פוס. ס'האָבן זיך שוין קיין ווונדן נישט געזען, איין גרויסע שטיק שפּרודלדיקע בלוטיקייט. איך בינד ארום איין מאָל, נאָך אמאָל. מיטאמאָל הער איך, מען קראַפּקעט זיך ביי מיין טיר און עס רעדט ווער:

— הער זיך איין, חבר, שיס נישט, דאָס רעדט דער באלעבאָס.

איך אָבער גלויב נישט. ציל־אָן ווידער דאָס געווער און שווייג. ערשט ווען דער רוף חזרט זיך איבער דאָס זעלבע צום דריטן מאָל, עפן איך.

עס קומט אריין דער באלעבאָס, דערציילט אלץ, וואָס דאָ איז פאָר־געקומען און זאָגט מיר אָן:

— בלייבט דערווייל דאָ. ארויסגיין איצט, אין מיטן העלן טאָג, טאָרט איר נישט. אין אָוונט וועט מיין ווייב ברענגען עסן און דאן וועלן מיר זען, וואָס צו טאָן.

איך האָב זיך דערווייל אוועקגעלייגט אויף די אָנגעוואָרפענע קעפּ־לעך קרויט. איינרוען האָב איך שוין נישט געקענט. דער פוס איז געוועזן אזוי געשוואָלן, אז בלויז אויפן בויך האָב איך זיך געקענט שארן. ווען ס'איז געוואָרן פינצטערלעך, האָב איך זיך ארויסגעשארט פון קעלער און צוגעקראָכן צו א טיר פון א צווייטן כוטער (צו דעם ערשטן באַ־לעבאָס האָב איך נישט געוואָלט אריינגיין, ווייל איך האָב באמערקט

ווי ס'איז צו אים אריין א פרעמדער). איך האָב געבעטן דעם פויער אין צווייטן כוטער, ער זאָל מיך אויף זיין פערד און וואָגן אָפּפירן א צען קילאָמעטער אין דאָרף זאבעליני, ווו איך האָב באַקענטע. דער פויער האָט מיר בלויז געהאָלפן צוגיין צו דער ערשטער שטוב פון דאָרף יורגעליסקי, און דאָרט מיך געלאָזן ביים טיר (אריינפירן האָט ער מורא געהאט). אויך דאָרט האָט מען מיר געענטפערט, אז קיין פערד האָבן זיי נישט. ווייטער זיך שארן אין שניידיקן קעלט אויפן בויך האָב איך שוין קיין כוח נישט געהאט. איך בלייב ליגן אין שטיבל אויף דער ערד. דער פויער גיט מיר א טערמאָמעטער. איך מעסט אוים 39,9.

דער פויער טאַשטשעט מיך ארויף אויפן אויוון. שלאָפן האָב איך נישט געקענט. בלויז א גלאָז מילך האָט מען מיר דורכגעזייט צווישן די ציינער. איך האָב קוים ארויסגעצויגן מיין רעוואָלווער מיטן אויטאָ-מאט און אוועקגעלייגט נעבן זיך.

„אויף יעדן פאַל זיין גרייט", — האָב איך געטראַכט.

די גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געדרייט און געוואָרפן. ערשט אין שפּעטן פרימאָרגן, איך בין נאָר-וואָס איינגעשלאָפן, דערהער איך א געשריי:

„הענט אין דער הויך!" איך כאַפּ זיך אויף און דערזע קעגן זיך אויפן אויוון אַן אויסגעשטרעקט רעוואָלווער.

איך טו זיך א כאַפּ צו מיין געווער — דאָס אָרט איז פּוסט. איך גיב א קוק אין שטוב — 5 פּאָליציאַנטן און איין געהיים-אַגענט שטייען מיט אויסגעשטעלטע געווער קעגן מיר.

— באַנדיט, ווי ביסטו דאָ געקומען? — שרייען זיי און וואַרפן מיך אראָפּ פון אויוון און א געבונדענעם טראָגן זיי מיך ארויס אויף א פור. די פור פאָרט גיך און טוט מיר אָן שרעקלעכע ווייטיקן.

איך בעט זיך ביי די פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן פאָרן פּאַמעלעך.

— וואָס? — שרייען זיי אוים מיט רציחה, — פּאַמעלעך? גיכער פאָרן! — גיבן זיי א טרייב דאָס פערד. איך האָב זיי געמאַכט א גע-דרייטע און זיך צעשריען:

— אָדער פאָרט פּאַמעלעך, אָדער שיסט מיך.

די יוכעם האָבן זיך אין זיי פונאַנדערגעברענט פון מיין חוצפּה און זיי האָבן מיט די קולאַקעס און קאָלבעס אָנגעהויבן שלאָגן אויף די וווּנדן.

איך ווייס נישט, ווי אזוי מען האָט מיך דערפירט. אויפגעכאַפּט

האָב איך זיך אין דער סווענציאַנער טורמע. דער וועכטער האָט דורכן יודאש אריינגעקוקט און מיט חוזק אויסגערופן:

— נו, וואָס, חבר קאָמיסאַר, ווי געפעלט דיר די באַזע?

איך קרעכצע קוים ארוים:

— מערדער, דערשיסט מיך, אָדער פירט מיר אָפּ אין א שפּיטאָל.

ערשט אויפן דריטן מעת-לעת האָבן זיי מיך אוועקגעפירט אין סווענציאַנער שטאָטישן שפּיטאָל און אוועקגעשטעלט א פּאָליציאַנט אין קאָרידאָר, נעבן דער טיר פון פּאַלאַטע, וווּ איך בין געלעגן. איך בין געלעגן בלויז אין דעם קורצן העמדל, מיט וועלכן איך בין געקומען. די זאכן, די שטיוול, האָט מען צוגענומען.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ציען פאר מיר ווייטיקדיקע טעג. בלויז די גוטע באציאונג פון דאָקטאָר זאמייטיס און קראַנקן-שוועסטער סטאַש-קא האָט מיר די ווייטיקן אביסל געלינדערט. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנ-געהויבן די וווּנדן היילן, כאָטש צוויי דום-דום-קוילן האָבן אין פוס אָנ-געמאכט די ריכטיקע חתונה. אָבער מיט יעדן טאָג, וואָס ס'איז מיר געוואָרן בעסער, אלץ מער איז מיר געוואָרן ערגער. אלע האָבן געוווּסט, אז ווי נאָר איך וועל ווערן אביסל געזונט, שיקט מען מיך אָפּ אין דער ווילנער געשטאַפּאָ. איך האָב וועגן דעם אויך געוווּסט. אלע האָבן גע-קוקט אויף מיר מיט מיטגעפיל, און איך האָב שוין באצייטנס געפילט דעם טעם פון שפּיזן איבערן לייב, פון נאָדלען אין די פינגער און פון נאָך עינויים.

ס'האָט מיך געטרייסט מיין שכן, דער ליטווישער וואכמייסטער יאַנושקאַ פון לינטעפּ. ער אליין האָט באקומען א קויל אין קני פון א דייטש, וואָס האָט געוואָלט אָפּנעמען ביי אים, יאַנושקאַן, זיין רעוואָל-ווער. צוערשט האָט מען יאַנושקאַן אראָפּגענומען דעם פוס ביז די קני און נאָכדעם ווייטער געשניטן. ער האָט מיר געהאָלפן, געגעבן שפּייז און מעדיקאמענטן, וואָס ער האָט באשטעלט ביי זיינע קרובים.

— מיט די דייטשן האָב איך א טעות געהאַט, — פלעגט ער זיך נישט איינמאָל מודה זיין פאר מיר. — איך האָב געמיינט, אז זייער צוזאָג וועגן געבן ליטע אומאָפּהענגיקייט, וועלן זיי האלטן, אָבער, א פּנים, די אמאָליקע דייטשע פּינקטלעכקייט האָט זיך שוין געענדיקט.

דער דאָקטאָר פלעגט קומען און מיך נישט קענען טרייסטן, ווייל ער האָט געוווּסט, אז מיט יעדן טאָג פון מיין בעסערן זיך, ערגערט זיך מיין לאַגע. איך אָבער האָב באשלאָסן, אז ווי נאָר איך וועל זיך קענען שטעלן אויף די פיס, באַפאַל איך דעם פּאָליציאַנט, נעם צו זיין ביקס און מאך ויברח.

ציען זיך אזוי וואָכן און איך ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך אויף דער פריי, וואָס איז מיט מיינע חברים. איך קען שוין שלאָפן און עס שלאָפט זיך נישט. אזעלכע בייזע, וויסטע חלומות. גייט אוועק א חודש, דער דאָקטאָר רופט אוים:

— מאַלאַדיעץ... — און פארכאַפּט זיך.

איך אָבער פארשטיי שוין, וואָס דאָס באדייט. אָבער מיט דעם פוס קען איך נאָך אליין נישט גיין. ליג איך מיר אזוי אין א פינצטערער נאכט און באטל מיט מיין שכן. ער טיקעט מיר נאָכאנאנד:

— חברים... וואָלט כאָטש ווער א צעטעלע אריינגעוואָרפן צו דיר. אבי בלוט פאר זיי פארגים.

איך דרימל איין און ס'וועבן זיך מיר פינצטערע בילדער איינער נאָכן אנדערן. מיטאמאָל הער איך, מען רופט מיין נאָמען.

— ווו איז דער פארטיזאן? — שרייט מען. איך מיין, אז עס חלומט זיך דאָס מיר. די טיר ווערט אויפגעריסן. סאָלדאטישע שטיוול טאָפּ־טשען ארום און שטעלן זיך אָפּ נעבן מיין בעט. לייכטן אין מיר אריין.

— מישקא! — שרייען זיי אוים, — מישקא!

איך פיל, אז מען טרייסלט מיך. איך רייב אוים די אויגן, איך דערקען עפּעס באקאנטע קולות. וואָס טוט זיך דאָ, טראכט איך:

— פּאפּקע! רודניצקי! איר?!

— יאָ, מישע טייערער! — פאלט מען זיך ארויף אויף מיר קושן.

— מיר. איך. איך.

— אנדערש נישט, ס'איז א חלום — רוף איך.

— נישט קיין חלום, נישט קיין חלום — האלטן זיי שוין מיך אויף די הענט. — קענסט נאָך נישט גיין? — באמערקן זיי — דאן הענג זיך אָן אויף אונדזערע פּלייצעס.

די קראנקע האָבן זיך פון די בעטן אויפגעהויבן. איך האָב בלויז ביים טיר באוויזן צו דערהערן יאנושקאס אויסרוף:

— בראוואָ!

נו, און וואָס ווייטער געווען, מיין איך — פארענדיקט סעמיאָנאָוו.

— האָבן אייך שוין די חברה דערציילט.

— „פארשטייט זיך", — גיט ער צו, — „אז חברה האָבן איינ־געשטעלט זייער אייגענעם לעבן כדי מיך צו ראטעווען. אָפּצודאנקען דערפאר איז נישט מעגלעך. איך ווייס נישט, צי איר פילט, וואָס איך פיל צו אייך".

מיר האָבן די מעשה אויסגעהערט ווי אין איין אָטעם און פריי אויסגעאָטעמט.

## צום דריטן יאָרטאָג

צוויי און צוואַנציקסטער יוני:

ווי רואיק ס'האָט זיך געגליטשט מיין שיפל איבער דער טראָקער אַזיערע. איך דערמאָן זיך:

שטיל האָט זי גערעדט. שטיל און רואיק דערציילט פון פארגאנגענעם לעבן.

ס'האָט זיך אויסגעדוכט דאן, אין זונטיקדיקן טאָג, אז מיר שווימען ערגעץ אין א גן-עדן-ווינקל.

מיטאמאָל האָבן מיר דערהערט א דינעם מאָטאָרן-זשום איבער אונדז. מיר האָבן פארהויבן די קעפּ אין דער לופטן. ווייט, הויך אין טיפן בלאָ האָבן זיך געשווארצט עראָפּלאנען.

— וועמענס זאָלן דאָס זיין?

— אונדזערע געווים, — האָט זי געענטפערט.

— אונדזערע? טאָ וואָס אזוי הויך? — קען איך נישט פארשטיין.

די לופט האָט מיטאמאָל אויפגעציטערט פון באָמבען-אויפרייסן. דער ענטפער איז געקומען.

די לאגע איז קלאָר געוואָרן: מלחמה.

דריי יאָר אוועק.

איצט איז שוין נאָך וויבאָרג. עס פאלט איין פעסטונג נאָך דער אנדערער. אין איטאליע האלטן שוין די אליאירטע נאָך רוים. דער סוף דערנענטערט זיך. אָבער אז איך טראכט, וויפל מיליאָנען מענטשן די היטלעריסטן האָבן אומגעבראכט, וויפל שטעט און לענדער פארניכטעט, ווערט אזוי טרויעריק. און נאָך טרויעריקער ווערט נאָך, ווען עס דערמאָנט זיך, אז ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די נקמה אונדזערע, וועט זי קיינמאָל נישט קענען באצאָלט ווערן דעם שונא ווי אים קומט.

דריי און צוואַנציקסטער יוני:

צוגעקומען צו אונדזער אָטריאד א יונגער פויער. ער איז געקומען אהער פון סוועַנציאַנער תפיסה, וווּ ער איז געזעסן, ווייל ער האָט זיך קעגנגעשטעלט דער געשטאפּאָ. ווען מען האָט אים געפירט אין געריכט,

איז ער אנטלאָפן אין די ארעסטאנטסקע קליידער. ער דערציילט, אז צווישן דער תפיסה-אדמיניסטראציע איז א כאָאס. די וועכטער הערן נישט דעם נאטשאלניק, קומען און גייען אוועק ווען זיי ווילן. זיי לאכן זיך אויס, ווען דער נאטשאלניק הייסט זיי וואָס טאָן, און זאָגן, אז סיי ווי סיי וועט דער דייטש דאָ נישט זיין, און דאָס גלייכסטע איז אוועק-גיין צו די פארטיזאנער.

עס איז צוגעקומען נאָך א קעמפער. דער צווייטער זון פון די גוי-גאָס, וועלכע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער היידוצישאָקער געשטאפּאָ.

דער יינגסטער פארטיזאן, 14 יאָר. סטיאָפּקע הייסט ער. געווען איז ער די לעצטע צייט ביים זיידן. געשטאפּאָ האָט זיך פון אים דערוווסט, געוואָלט ארעסטירן, איז ער געקומען אין אָטריאַד.

— מיטן ברודער וועט מיר זיין פרייליכער צו קעמפן — זאָגט ער. ער ווייסט שוין, וואָס א ביקס איז, רייניקט זיין ווינטאָווקע, יעדער טיילכל באזונדער. שטאָלצירט, וואָס דער קאָמאנדיר האָט אים גלייך באוואָפנט.

---

פויערים האָבן אונדז איבערגעגעבן, אז א גרופּע פון ליטווישן אָטראיד האָט זיך אָנגעריסן אויף א פיינטלעכער לויערונג. איינער איז געפאלן טויט, איינער פארוווּנדעט און איינער אין געפאנגענשאפט. מיר שטויסן זיך אָן, אז דאָס דארף זיין קיסלים גרופּע. ווער אָבער איז געפאלן, ווי אזוי?

אָט אזוי טרעפט: געזעגנסט זיך מיט וועמען און אין א שעה אָדער א טאָג ארום איז שוין יענער נישטאָ. דער פיינט איז דאָך ארום און ארום אונדז, די פראָנט-ליניע נישט נאָר אנטקעגן אונדז, נאָר אויך אויפן הינטן, פון די זייטן, דארפסט האָבן טויזנט אויגן זיך ארומצוקוקן ארום זיך. אָבער איינס צו דאָס אנדערע האָט נישט. אין אָוונט האָבן זיך צוזאמענגעקליבן אין אונדזער שטוב חברה, ס'איז געוואָרן א פידל מיט א צימבאלע. ווייזט זיך ארויס, אז ראָטקין קען אויך מיטן סמיק אר-בעטן. עטלעכע טאנץ-ניגונים און עולם דרייט זיך איבער דעם קוואד-ראט-מעטער פאָדלאָגע, וואָס ציטערט פון די שווערע שטיוואלעס. טאנ-גאָ, פאָקס, וואלס, פאָלקע, יאבלאָטשקעס, — ביז אין פארטאָג אריין ווערט געטאנצט. א זמר ווערט פארצויגן ביז די לבנה אויפן הימל ווערט העלער, העלער און פארשווינדט אינגאנצן. פארטאָג זאָגט אָן מישקע דער ראדיסט, אז די סאָוועטן האָבן איבערגעריסן אויך די פעס-

טונג-ליניעס אויפן מזרח-פראָנט און אוועק פּאַראויס, ארומרינגלענדיק וויטעבסק.

ליג איך אויפן שטו'וי-סעניק און ס'דרייט עפּעס אין קאָפּ.

— ווילנע! — פאַלט אריין אין די געדאַנקען און לאָזט נישט רוען.

פריינט, באַקאַנטע, — ווער פון זיי זיינען פאַרבליבן, ווי אַזוי זעט אוים די שטאָט? אָך, ווי איך וויל דיך זען, מיין טייער-האַרציקע, אין בלוט-איינגעטונקענע ווילנע. עס גיט אָן עגבער, א געדאַנק: און אפשר וועל איך די שוועל צו דער ליכטיקער פרייהייט נישט אַריבערגיין?

פיר און צוואַנציקסטער יוני:

דריי טעג איז שוין קיין פּאָסט נישט געווען פון ווילנע פאַר דער פּראָווינץ. א סימן, אַז די באַנען אַרבעטן שלעכט און די פאַרטיזאַנער — גוט!

סעמיאָנאָוון ווערט שוין בעסער. גוט איז, וואָס ס'איז דאָ מיט אונדז די קראַנקן-שוועסטער אנושקא. איר אַפּטייקל, אירע קענטעניש, העלפן אים און נאָך אַנדערע פאַרטיזאַנער, וועלכע דאַרפן גיכע מעדיצינישע הילף. איר אַפּטייקל, וואָס געפינט זיך אין א ברעזענטענער טאָרבע, וואָלט געקענט א סך דערציילן ווי העלדיש אנושקא איז אויף די שווער-סטע אויפגאַבעס געגאַנגען, פון לויערונגען זיך קוים אַרויסגעריסן און די טאָרבע מיטן רויטן קרייץ דורכגעטראָגן אין אַלע סכנות, וויסנדיק, אַז דערמיט וועט זי ראַטעווען דאָס לעבן פון נישט איין פאַרטיזאַן.

אין אָוונט. דער ראַדיאָ גיט איבער וועגן דורכברוך פון פעסטונגען אויף אונדזער פראָנט און פון נעמען מעדוועדיגאָרסק.

אויף דער גאַס אין וויגאַרע איז צונויפגעזאַמלט די גאַנצע באַפעל-קערונג.

— האָפּ ציק, ציק האָפּ...

א גאַנצע נאַכט הערן זיך כסדור אַרטילעריע-קלעפּ און עס קלאַפּט אין האַרצן. איצט זיינען די דעצידיר'נדיקסטע מאָמענטן.

פינף און צוואַנציקסטער יוני:

די רוסן שפּאַרן פאַראויס. אויפן טראַקט, וואָס פירט פון היידוצי-שאָק אויף סווענציאַן ליגן צעלייגט פינף גרעסערע און קלענערע בריקן. מען דאַרף זיי פאַרניכטן און באַרשווערן דעם שונא דערמיט דעם צוריק-טרעט אָדער צופיר.

אין דאָרף טריספּני שטייען מיר אין ריי. ח' גריקא פרעגט:

— ווער קען נישט גיין אויף קיין אויפגאַבע?

אַלע שווייגן.

— ווער האָט אָנגעריבענע פּיס? — פרעגט ווייטער סערגיי
—איך... — רופט אריום איינער.
— טאָ פאַרוואָס האָסטו זיך נישט אָפּגערופן?
— איך וויל גיין, חבר קאָמאַנדיר, אויף דער אויפגאַבע.
מישע בעט זיך אויך:
— לאָזט גיין, חבר קאָמאַנדיר. לאָזט כאָטש איין מאָל!

דער קאָמאַנדיר טוט בלויז א קוק אויף אים. מישע בלייבט רואיק, שטיל. ער פאַרשטייט, אז אין וועג קענען טרעפן פאַרשידענע פאַלן און די פאַרבינדונג מיטן צענטער קאָן איבערגעריסן ווערן, ווען ער, מישע, זאָל זיך נישט אומקערן.

סטיאָפּקע שטייט אויך אין ריי. די ביקס זיינע איז העכער פאַר אים, אפילו, ווען ער טראָגט שוין דעם הויכן פּילצענעם קאַפּעלוש. ווי שטאָלץ ער איז. ווי דרייסט די שטריכן פון געזיכט עס טיילן זיך איצט אויס ביי אים. דער ערשטן מאָל גייט ער אויף אן אויפגאַבע צוזאַמען מיט די דערוואַקסענע.

צעטיילטע אין עטלעכע גרופּעס, לאָזן מיר זיך צום ציל אוועק. דורך פאַרשידענע וועגן צו איין ציל — פאַרניכטן די וועגן, וווּ דער שונא דאַרף אָפּטרעטן.

ווייסע רויזן. פאַרן פענצטער פון א שטוב, וווּ מיר שטעלן זיך אָפּ וואַקסן ביימלעך מיט ווייסע רויזן.

יעדער נעמט א רויז און שטעקט עס צו צו דער לופּע פון געווער (אכטונג, מאָלער!) און מיטן שמעקנדיקן דופט דערגייען מיר ביזן בריק.

מיר האָבן ווייניק טאָל (דינאַמיט) אויפצורייסן די בריק און די שווערע אייזערנע באַלקנס. צעברעכן מיר צוערשט די הילצערנע פּאַ־רענטשן, וואַרפן עס אין טייך אַרונטער. קאַפּעלקאָ מיט זיין פּולעמיאָט וואַכט פון איין זייט, באָגדאַנאָוו פון דער צווייטער. זיי ליגן פּאַרטייעט און היטן, דער שונא זאָל אונדז נישט שטערן אין דער אַרבעט. טיוניק איז דער מייסטער אויף לייגן דעם דינאַמיט. איך צינד פונאַנדער א שוועבעלע און גיב א צייכן. אָנצינדנדיק דעם שנור, אַלע זאָלן אָפּטרעטן. ווי א וויכער גיב איך, אן איינגעבויגענער א לויף וואָס ווייטער ציילנ־דיק. ליג איך א הונדערט מעטער ווייטער פון בריק און צייל:

— 75, 76, 77, 8.. — און איך באַוויז נאָך נישט צו דערענדיקן דעם ציפער, — גיט פּלוצלינג א בליץ און א זעץ די לופט. איבערן הימל צעקוילערן זיך רעדער, עס צעזשומען זיך ווי אעראָפּלאַנען שטיקער בראָך פון בריק און דערפליען אזש צו אונדז.

די בריק איז א פּעסטע. דער שאָסייאיקער וועג גייט איבער איר

און ליגט אין איינגעגעסענער. זי לאָזט זיך נישט נעמען מיט איין מאָל. ערשט נאָך דריטן אויפרייס, יעדעס מאָל אין אן אנדער אָרט, קענען מיר שוין זאָגן „עס וואר איין מאל״, — אמאָל איז דאָ געווען א בריק. אפילו די אייזערנע רייקעס הענגען און וויגן זיך מיט די קעפּ אין טאָל ארונטער. גיין אפילו איבער איר איז שוין נישט מעגלעך, וועגן פאָרן שוין אָפּגערעדט.

מיר גייען אויף צוריק. א בליץ פליט אונדז דעם וועג אריבער. מיר מיינען, אז דאָס ארבעט שוין א צווייטע גרופּע און מיר ווארטן אויפן אויפרייס. מיר שטעלן זיך אָפּ. ווארטן, ווארטן, אָבער עס קומט נישט דער אויפרייס.

וואָס זאָל דאָס באדייטן? אָבער מיטאמאָל — בוך! דער אויפרייס איז דערגאנגען צו אונדז שפּעטער. יענע גרופּע, קאָוואלעווסקיס, האָבן זייער בריק אויפגעריסן מיט עטלעכע קילאָמעטער ווייטער פון אונדז.

די איבעריקע דריי גרופּעס האָבן די בריקן אונטערגעצונדן. אריין צו די פּויערים, געליען זייערע פערד און וואָגן, גענומען שטרוי, טרוקענע האָלץ, אוועקגעפירט צו די בריקן און אינמיטן דער נאכט האָט דער הימל זיך באדעקט מיט א פּורפּורנעם פאַרהאַנג.

די גארניזאָנען ארום האָבן געוואָרפן מיט ליכט-ראקעטעס. זיי האָבן אָבער מורא געהאט ארויסצוגיין פון זייערע בונקערס. זיי האָבן שוין געוווּסט געטראכט: ווי דערוואַרט מען שוין די מינוט צו קריגן דעם באפעל אָפּצוטרעטן.

---

פון טיף ליטע זיינען געקומען די קעמפער פון פאַלקאָווניקס גרופּע: וויטקע, סאקער און יאדזיע. זיי דערציילן, אז אין די דאָרטיקע וועלדער שלייכן ארום ליטווישע נאציאָנאליסטן, דער עיקר פון דער דעמאָבילי-זירטער פּלעכאוויטשיוס ארמיי. זיי האָבן געדינט דעם דייטש אזוי לאנג, ביז מען האָט ארעסטירט זייערע אָפיצירן און די סאָלדאטן געוואָלט שיקן אויפן פראָנט. בלאָנקען זיי ארום, די אָרעמע שעפעלעך...

די גרופּע קעמפער האָבן איינוועגס, נאָכן אויספירן א ספּעציעלע אויפגאבע, פארניכטעט א מילכיקעריי אין א דאָרף און גייען איצט צום פאָלקאָווניק, אויף דער מיאדעלער באזע, אָפּגעבן א באריכט.

# נאָך געווער

זעקס און צוואַנציקסטער יוני:

געקומען די לאַנג-דערוואַרטע גרופּע פון וואַניע לאַווריגאָוויטש. דער רעזולטאַט פון זייער מאַרש איז גאָר אימפּאָנירנדיק: אַראָפּגעלאָזן אַן עשעלאָן, געכאַפּט אַ פאַררעטער, צוגענומען ביי אים צוויי ביקסן, אַ רעוואָלווער, און אים אַריינגעזעצט אַ קויל אין קאָפּ. די פאַרשידענע דאָקומענטן זיינע האָט וואַניע איבערגעגעבן אין שטאַב.

ח' גריקאַ האָט מיר געבראַכט אַ מתנה עטלעכע העפטן. מיין באַגאַזש צעוואַקסט זיך. בלויז דאָס „וויים געווער" אַליין וועגט שוין אַ 6—7 קילאָ.

מיר גייען ווידער. וווּ? קיינער ווייס נישט. קיינער פרעגט נישט. מען וויל טרעפן.

— אפשר גאָר צום פּאַלקאָווניק...

אַ געלעכטער:

— מיר גייען דאָך, פּרא אָדם, גאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

—אפשר גאָר אויף מזרח, פאַראייניקן זיך מיט די סאָוועטן? קיינער ווייס נישט. מען טראַכט און מען גייט ווייטער.

זיבן און צוואַנציקסטער יוני:

דורך דער נאַכט שלייכן מיר דורך דעם היידוצישאַקער טראַקט, וווּ מיר האָבן נעכטן 5 בריקן פאַרניכטעט. מיר שטעלן זיך טאָגן אויף אַ כוטער און דרימלען אין הויכן קאָרן. מיטאָמאָל:

— אַ ל י אַ ר ם !

אויף דעכער און ביימער-שפּיצן שטייען קאָוואַלעווסקי און מאַרקאָוויטש מיט בינאָקלען.

זיין מעלדן וועגן אַ באַוועגונג פון טאַנקען און מאַשינען אויפן טראַקט. מאָטאָציקלעטן לויפן. סאָלדאַטן שטעלן זיך אָפּ פאַר די צעדרוזגעטע בריקן... זיי זעגן ביימער. טייל דייטשן ליגן ביי די זייטן מיט פּולעמיאָטן. זיי ווילן מאַכן, ווייזט אויס, פּראָוויזאָרישע בריקן.

הייסט עס, אז אונדזער ארבעט האָבן זיי דערשפּירט. ערשט איצט זעען מיר מיט די אייגענע אויגן, וויפל מענטשן, כוחות, וואפן — דער פיינט מוז אָפּציען פון פראָנט, כדי צו קעמפן קעגן די פּארטיזאנער, כדי אָפּצובויען דאָס, וואָס די „באנדיטן" צעשטערן.

זיבן און צוואנציקסטער יוני:

די נאכט איז אונדזער טאָג.

מיר גייען דורך ראיאָנען, וועלכע ווערן נאָך קאָנטראָלירט שטארק פון שונא. מיר ווייסן שוין, ווו דער וועג פירט אונדז: אין די קאזאנער וועלדער, צו אונדזערע אָטריאדן „קאָסטאס קאלינאוסקאס" און „זאלגי-רים". מיר גייען נאָך געווער.

***

אין גאנג. מיר גייען שוין דעם 20סטן קילאָמעטער. ווילט זיך א טרונק אזש מיר גייען אוים. מיר לעקן יעדע בלאָטקע אוים. מיט די היטלען שעפּן מיר יעדע ריטשקע אוים. ווער קוקט עס, וואָס אינע-ווייניק אין דער פליסיקייט איז פול מיט זאמד, בלאָטע, ווערים, בלעט-לעך, מיר כליאָפּען אלץ אינאיינעם מיטן שוויים, וואָס רינט פון אונדז. אז ס'איז פאראן דאָס ארטיקל, קענסטו זיך צו דעם, ווער ווייס וויפל צייט נישט צורירן. ענדלעך כאפּן מיר איבער אין דאָרף אנטאָני דאָס הארץ. דאָס דאָרף קען יעדן פּארטיזאן פון אונדזער אָטריאד. איינער פון אונדז איז דאָ געפאלן א קרבן פון די מוסרים. דערפאר פלעגן מיר פאָרן שטענדיק אין אנטאָני אויף ווירטשאפטלעכע אָפּעראציעס. מיר האָבן גענומען אלץ, וואָס ס'האָט זיך געלאָזן נעמען אויף די פורן. זיי זיינען אָבער אָרעמער נישט געוואָרן. די נאצים, זייערע באלעבאטים, פלעגן זיי אומקערן אלע שאָדנס.

איצט, דערהערנדיק, אז די דייטשן קריגן די מפּלה, זיינען זיי גוטע געוואָרן.

איצט, — כאָטש דאָס הארץ נעם ביי זיי, אלץ גיבן זיי.

מיר קוקן אויף זיי מיט רחמנות און פאראכטונג.

עקל. בררר...

אכט און צוואנציקסטער יוני:

מיר גייען דורך דער געשיכטע פון אונדזער פּארטיזאנער-באוועגונג, פון אונדזער אָטריאד.

אנטאַנער וועלדער. דאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט די גרופּע פון אכט מאַן אונטער גריקאָס אָנפירונג (צוזאַמען מיט די ח"ח בוגנאַס, רייבער, איסקין, טשאַבראַס, קאָסמאַן, שוסטער און קוניצקי). דאַ האָבן זיי גע-מאַכט זייער באַזע, פון וואַנען זיי פלעגן זיך אַוועקלאָזן אויף אויפגאַבעס און קומען צוריק. איצט איז דאָ נאָך פאַראַן זייער ערשטע ערד-הייזל. פון זייער ווינקאָרט קען מען זען, וואָס פאַרא אַנטוויקלונג מיר האָבן דורכגעמאַכט. דאָס הייזל איז אינגאַנצן אין דער ערד. צוויי א האַלב מעטער אויף צוויי א האַלב. פון אויבן מאַסקירט מיט האָלץ און צווייגן, נישט צו דערקענען, אַז מ'איז איבער א מענטשלעכער נעסט. ערשט מיט דער צייט, ווען די פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקלט, און דער פיינט האָט זיך שוין געשראָקן זיך צו רוקן אין וואַלד, האָבן די פּאַרטיזאַנער געבויט זייערע שטיבלעך נישט אונטער, נאָר אויף דער ערד און שפּעטער געהאַט שוין די חוצפּה צו פאַרנעמען גאַנצע ראַיאָנען מיט דערפער און שטעטלעך און ווינען מיט אַלע מענטשן צו-גלייך.

— ברודערקע, — זאָגט גראַזול, וואָס איז דערנאָך צוגעקומען צו דעם אַכטל, — אוי ווי שלעכט ס'איז דאַן געווען. איצט איז דאָך א פאַרגעניגן. דאַן האָבן מיר געדאַרפט אויפן פּלייצע שלעפּן אין בלאָטע ביזן האַלדז זעקלעך קאַרטאָפל, ברויט, א שעפּס און גרויפּן. דאָס איז בלאָטע? — לאַכט גראַזול — פרילינג אָדער האַרבסט האָסטו געדאַרפט דאַ זיין. איך טרייב א וואָרט נישט איבער, בלאָטעס ביזן האַלדז. היינט די קאָמאַרן, פון זיי איז גאָרנישט געווען אויסצוהאַלטן. ס'פלעגט זיך אונדז אויסדוכטן, אַז אַלע קאָמאַרן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אויף א קאָנפערענץ אין די אַנטאַנער וועלדער. דעם הימל האָבן זיי פאַרשטעלט.

***

מיר גייען און מיר גייען. עס נעמט גאָר קיין סוף נישט. 20 קילאָ-מעטער, 30 קילאָמעטער, מיר שפּאַנען ווייטער. שלייכן דורך די דערפער מילייטע, וואָלאָדקע, מאַזייקע. ביי א טייכל רוען מיר זיך אָפּ און באָדן זיך אויס אין פרימאָרגנדיקן זוניקן וואַסער. אַך, ווי גוט עס איז, ווי מיר האָבן זיך אָפּגעפרישט.

דאָס דאָרף רוסקאָווע נעמט אונדז דאָס מאָל שוין גוט אויף. אין דעם דאָרף האָבן מיר מאָביליזירט עלף זין און טעכטער אין פּאַרטי-זאַנקע.

קיין סך רוען לאָזט נישט די קאָמאנדע-אָנפירונג. דערפאר אָבער שפאנען-איין פויערים א צען פערד און וועגלעך און היידא אויפן וועג צו קאזאן.

אנטפלעקט זיך פאר אונדזערע אויגן א טרויעריק בילד. מיר פאָרן און פאָרן און זעען קיין איין דאָרף נישט. קיין איין כאטע. זעלטן-ווו עס איז קאָנטיק א צעשרפעטער פונדאמענט, באקאנטע גרויסע דערפער, כוטארעס — אלץ האָבן די נאצים פארברענט. זייעט דאָ קיינער נישט די פעלדער, גייט קיינער נישט איבער די וועגן. וואקסט ביים טראקט א הויכער, איינזאמער קאָרן-זאנג, וויגט און שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט טרויערן אויפן גרויסן חורבן, וואָס ווילדע ברואים האָבן דאָ אָנגעמאכט.

מיר פאלן אנידער ווי דערהרגעטע, ערגעץ אין א בלאָטע שלאָפן. די פויערים מיט די פערד און וואָגן פאָרן צוריק. ס'איז שוין אפילו נישטאָ קיין כוח צו זוכן א בעסערן אָרט, וואָס קען זיך געפינען א מע-טער פינף פון אונדז.

בוגנאס קען אלץ נישט פארגעסן די אנטאָנער וועלדער. דער איצ-טיקער דורכמארש האָט אין אים דערוועקט שווערע זכרונות:

„מערץ 1943. אין ערד-שטיבל כאפן מיר זיך אויף פארטאָג אין וואסער, וואָס איז דורך נאכט אָנגעגאנגען. נאָר ביינאכט האָבן מיר געקאָכט. דער איינציקער פארגעניגן איז געווען דער ראדיאָ-דעטעקטאָר, וואָס מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט, האָבן מיר געוווּסט ווו עס האלט אין דער וועלט, וויפל דער זייגער איז". שפינט ער ווייטער זיין אינטע-רעסאנט זכרונות-ליד, רעדט און רעדט, קיינער הערט שוין נישט. ווי מיר וואָלטן גאָר אויף דער וועלט נישט געווען.

שלאָפן! די פארנאכטיקע קעלט אפילו וועט אונדז שוין נישט אויפ-וועקן.

נײַן און צוואנציקסטער יוני:

א הייסע זון גליט אויף אונדז.

— נו, חברה, שווענקט זיך אָפּ און געגאנגען. היינט דארפן מיר זיין אויף דער קאלינאָווסקי-באזע.

*****

אן אָזיערע. א שלעכט אָרט צום באָדן זיך. הויכן גראָזן און אפילו דאָרט, ווו זיי קריכן נישט ארויס איבערן וואסער, זיינען זיי אי-נעווייניק.

איך לאָז זיך אָבער פונדעסטוועגן איבערשווימען צו דער אנדער זייט. מען דארף דאָ זיין א גוטער סטראטעג צו געפינען דעם פאסיקן וועג. די פּאָר מינוטן, וואָס איך שווים אויפן פלייצע, ענדערט די ריכטונג. ווען איך דריי זיך צוריק איבער, בין איך שוין אן ארומגעקלאמערטער פון די שלאנגיקע גראָזן. זיי ציען מיך צו זיך, לאָזן מיך ווייטער נישט שווימען און רייסן מיך אלץ מער ארום. איך פארשטיי מיין ערנסטע סיטואציע. נאָך הילף אָבער רופן ווילט זיך נישט. „ווי פּאסט עס פאר א שווימער". איך באמי זיך דער עיקר דעם באוווסטזיין צו האָבן, זיך נישט פארלירן. דאָס העלפט מיר ארויס. מיט איין האנט באפריי איך זיך פון דער שווערער ארומרינגלונג, מיט דער אנדערער מאַך איך פריי דעם וועג פאָראויס, צום ברעג! איך שטעל אראָפּ א פוס — גרונט! איך אָטעם זיך גוט, גוט אויס.

גראזול אָבער האָט זיך פארלאָרן. ווי נאָר די גראָזן האָבן אים ארומגערינגלט, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו שרייען:

— חברה, ראטעוועט!

מיר האָבן געמיינט, אז עס איז ווי שטענדיק זיינער א שפּאס און אים געלאָזן ווייטער שרייען. אָבער זעענדיק, אז זיין קאָפּ הויבט זיך ארויף־אראָפּ, די אויגן גלאָצן משונהדיק, האָט באַרים א טאנץ געטאָן אין וואסער, איך נאָך אים און גראזולן קוים פאר די האָר ארויסגעשלעפּט.

— א גרוס אייך פון מיין באָבען פון יענער וועלט! — האָט ער אלץ נישט פארגעסן זיינע חכמות.

***

פויערים דערציילן, אז פון פּאָסטאָווו עוואקואירן זיך שוין די דייטשן. נעכטן זיינען זייערע פאמיליעס און די שפּיאָנען ארויסגעפאָרן. זאָל דאָס ריכטיק זיין? איצט האָבן מיר נישט קיין ראדיאָ־ידיעות. מישקע מיטן אפּאראט איז געבליבן אויף דער באזע, גלויבט זיך נישט... אזוי גיך זאָל שוין זיין גענומען פּאָסטאָווו?

***

ענדלעך געקומען אויף דער באזע פון קאלינאָווסקי־אָטריאד.

די פארטיזאנער לעבן דאָ לויט אָפּטיילן אין שטיבער, וואָס זיי האָבן אליין אויסגעבויט שוין א ו י ף דער ערד. א שיינע וואנט־צייטונג, א לאנד־קארטע ביי דער זייט, א סוואדקע (ידיעות פון פראָנט).

דאָ, אין די קאַזאַנער וועלדער, האָבן אונדזערע חברה פאַראיאָרן געהאַט דורכצומאַכן די גרעסטע בלאָקאַדע, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט אויף די פּאַרטיזאַנער.

צענדליקער טויזנטער זיינען זיי געווען, די דייטשן. די פּאַרטיזאַנער — עטלעכע הונדערט. די דייטשן האָבן אריינגעפירט אין וואלד טאַנקען, אפילו עטלעכע מעת-לעת באָמבאַרדירט פון עראָפּלאַנען די פּאַרטיזאַנער-באַזעס, אָבער בלויז איין פּאַרטיזאַן פאַרוווּנדעט.

די פּאַרטיזאַנער האָבן, ווי געוויינלעך, קיין אָפענעם קאַמף קעגן שונא נישט געקענט אָננעמען, זיינען זיי געלעגן צעטיילטע אין גרופּעס, פּאַרטייעטע אין גראָזן, קוסטעס, צווישן ביימער, אין בלאָטעס און געשאָסן אין דעם שונאס נישטערער. ס׳איז געווען אַ שווערע בלאָקאַדע. ס׳זיינען געפאַלן פיל פּאַרטיזאַנער, אָבער דייטשן זיינען געפאַלן צענדליק. די איבעריקע האָבן די פיינטלעכע קייט איבערגעריסן און זיך פון דער אַרומרינגלונג אַרויסגעריסן.

# צעשטערטער יום־טוב

דרײסיקסטער יוני:

אונטער דער מאכט פון די פּארטיזאנער לעבן אויך ד אָ אין די וועלדער אײניקע הונדערט יידן, וועלכע זײנען אנטלאָפן פון די היטלעריסטישע שחיטות.

דאָ זײנען פאראן גערעטעוועטע יידן פון סווענציאן, ווידז, קאזאן, מיאָר, יאַד, שארבאָוויטשיזנע, גלובאָק, זאבקי, דונילאָוויטש, הײדוצישאָק, דאָלהינאָוו. טײל זײנען באשעפטיקט אין „פּראָדוציר־אָטריאַדן", ווו זײ ארבעטן ווי שנײדער, שוסטער, שמידן, קירזשנער, גארבער, בעקער א. ד. גל.

א טײל עלטערע און קינדער האָבן זיך אויך אויסגעבויט פײן־אײנגעאָרדנטע ערד־שטיבלעך. ליכטיקע, ווארעמע, גוט פארמאסקירטע. אנדערע האָבן אפילו אויסגעבויט אין וואלד ספּעציעלע אונטער־ערדישע פארמאסקירטע באהעלטענישן, כדי אין פאל פון א דײטשער בלאָקאדע, זיך דאָרט אויסבאהאלטן. שפּײז קריגן זײ בײ די ארומיקע פּויערים און בײ די פּארטיזאנער. נישט אײן ערד־שטיבל האָט פאמיליע־מיטגלידער אָדער סתם באקאנטע אין די אָטריאַדן. די קרובים־פּארטיזאנער ברענגען זײ שפּײז און קלײדער.

דער טויט האָט צענדליקער פון זײ אויך אין די וועלדער דעריאָגט. אויך דאָ מאכט אוים די גרעסטע צאָל קרבנות וואָס זײנען געפאלן פון „אײגענע", פון צעיושעטע ווילדע פּארטיזאנער, וועלכע האָבן אנטי־יידן גיפט מיטגענומען נאָך פון דער אלטער הײם אָדער פון די נאצישע באטאליאָנען, ווו זײ זײנען ערשט נעכטן געווען... אויב עס וועלן זיך ראטעווען ביז באפרײט ווערן די עטלעכע הונדערט יידן, וועט מען דארפן זאָגן „א דאנק גאָט דערפאר"...

***

מיר באקומען געווער. נײאינקע אויטאָמאטן: פּעפּעעסן און פּעפּעשאַען. אָט ס'ארא פרײד ס'איז הײנט בײ אונדז. עס פרײט זיך, דוכט

מיר, אפילו דער אויטאָמאַט אליין אין מיינע הענט. וויפל בלוט האָבן פּארטיזאַנער פאַרגאָסן, כדי צו קריגן געווער. נאָך פאַרראָסטע סטוואָלן (ביקס-טיילן אָן פריקלאַדן) איז מען געלאָפן אין אלע דר׳ערדן און איינגעשטעלט דאָס לעבן אין געפאר. יענער פּארטיזאַן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געווער, האָט זיך געפילט ווי ער וואָלט אָן הענט געווען. עס זיינען געווען צייטן, ווען יעדע קויל איז געווען אַן אוצר. פאר א קויל וואָלט מען דאָס העמד פון זיך אויסגעטאָן. און געהיט האָט מען דאָס געווער נאָכמער ווי דאָס אויג אין קאָפּ. מיטן ביקס אויף דער פלייצע געגעסן, אין וועג געגאַנגען, געשלאָפן. וואָס איז א פּארטיזאַן אָן געווער?

***

היים. מיט דער נייער משא אויף דער פלייצע איז דער וועג אויף צוריק שווער. אלע טראָגן אויסער די אייגענע געווער, — באַוואָפענונג פאר די ניי-ווערבירטע פּארטיזאַנער. די זון האָט אויסגעטריקנט די וואַלדיקע בלאָטיקע וועגן און אויף איר צעקאָרטשעט קנייטשן, צעוווּנ-דיקנדיק מיר די פיס. און דער הימל מיינט ,אז ער טוט אונדז די גרעסטע טובה וואָס ער איז בלאָ, און די זון איז זיכער מסתמא, אז מיר דארפן האָבן וואָס מער ווארעמקייט, — גיסט זיך פון אונדז דער שוויים טייכנווייז איבערן לייב און אין מויל אריין. א קנאַפּער מאכל שוויים.

— געזאַלצן. אנדערע לאָזן איבער פויערים זייערע אויבער-בגדים.

גיי און גיי. דעם צווייטן הונדערט קילאָמעטער שפּאַנען מיר שוין די וואָך.

אין די דערפער איז ווי ערב יום-טוב. סוף מלחמה. אין דאָרף טשע-לאַקי נעמען אונדז אויף די פויערים מיט דער ידיעה, אז דאָקשיץ איז באפרייט. ביי די שוועלן שטייען אַלטיטשקע און מיידלעך מיט קריגלעך מילך און זיינען אונדז מחיה. ווערט גרינגער דער גאַנג. ס׳פארגעסט זיך דער ווייטיק, דאָס הארץ שפּרודלט מיט טויזנטער ווולקאַנען: זון! מיר ברענען נאָכמער ווי דו!

ערשטער יולי:

פון די שטעטלעך צעלויפט זיך די פּאָליציי. די גאַרניזאָנען זיינען שוין אוועק מיט עטלעכע טעג צוריק. איצט איז נישטאָ אין ערגעץ קיין מאכט, אויסער דאָרט, וווּ פּארטיזאַנער זיינען דאָ.

די באפעלקערונג רוט נישט איין. צי וועלן די נאַציס נישט קומען

צוריק און זיי אונטערצינדן. אלץ איז מעגלעך. די חיות זיינען אויף אלץ פעאיק. אויפן וועג קומען צו צו אונדז נייע פארטיזאנער. זיי ווילן נישט פאָרן קיין דייטשלאנד. ס'איז קאָנטיק אויף די טראקטן שפורן פון שווע־רע טאנקען-קייטן.

***

צווייטער יולי:

די דייטשן אין פאָסטאַוו האָבן אָרגאניזירט א כאפעריי אויף דער באפעלקערונג. אלע לויפן מיט פעקלעך אין די וועלדער. פול זיינען די וועגן מיט אנטלויפנדיקע. מיר זיינען אכט קילאָמעטער פון פאָסטאַוו. מיר גייען אָבער ווייטער אוועק, טיפער צו אונדזער ראיאָן, צו ווילנע. די נאציס רעקווירירן ביי די פויערים זייערע לעצטע פערד צו אנטלויפן מיטנעמענדיק מיט זיך די באלעבאטים.

דריטער יולי:

אין ראָששישקי האָט אן ס. ס.-עקספעדיציע נעכטן אונטערגעצונדן דאָס דאָרף און דערשאָסן 20 פויערים.

מיר וועלן נעמען נקמה פאר זיי!

אין אָוונט. מיר האָבן באפוילן די פויערים פון דאָרף פאָטשישקי צו ברעננען העק און זעגן און אונדז העלפן אויסזעגן דריי קילאָמעטער טעלעפאָנישע סלופעס. די דראָטן האָבן מיר פארוואָרפן אין די קאָרן. מיר האָבן אזוי ארום איבערגעשניטן די טעלעפאָנישע פארבינדונג פון ווידז מיט הײדוציִשאָק.

ערשט זיינען געקומען צולויפן א גרופע געפאנגענע, זיי גיבן אי־בער, אז די דייטשן נעמען אויך מיט די געפאנגענע מיט זיך. זיי אליין האָבן אין דייטשלאנד נישט געוואָלט מיטפאָרן.

***

שפעט ביינאכט.

היינט איז געוואָרן א חודש ווי איך פיר די טאָג-נאָטיצן. זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז אזוי גיך וועלן די דייטשן אָפטרעטן פון דאנען.

חברה שלאָפן גאַנץ געשמאק, אזוי ווי עס וואָלט זיי גאָר קיין אויס־ערגעוויינלעכעס נישט פאָרגעשטאָנען. דאָס קומט אָבער זיכער פון דעם, וואָס מען איז זיך א סך אָנגעגאנגען און שטארק פארמאטערט פון דער משא וואָס מען טראָגט אויף זיך.

נישט קענענדיק איינשלאָפן, האָב איך דערווייל אָנגעשריבן עטלע־כע ווערטער און א קיצורדיקע געשיכטע פון אונדזער אָטריאַד.

איך פיל, אז איצט וועל איך שוין סיי ווי נישט האָבן אזוי פיל געדולד צו שרייבן אלע טאָג. אויב איך זאָל קענען באווייזן אפילו צו פארצייכענען די טאָג־געשעענישן מיט א פארשפעטיקונג, וועט אויך זיין גוט.

עס קומט אויס, אז די גאנצע וועלט ברענט. ווו דאָס אויג נאָר דערגרייכט, זעט זיך בלויז פורפורנער הימל.

אזוי נאָענט דער פראָנט פון אונדז — און אזוי אומהיימלעך שטיל.

פערטער יולי:

— האָפ ציק, ציק האָפ...

פארנאכטלעך אין דאָרף באראנישקי,ביים פויער ארלאָווסקי, א באגעגעניש פון אונדזער אָטריאַד מיט פאָרשטייער פון דער רויטער ארמיי.

קאָליע לאָזט נישט ארוים דעם באיאן פון די הענט.

די ערשטע נייע מיליטערישע קליידונג, וואָס מיר זעען ביי די סאָ־וועטישע אָפיצירן.

— האָפ ציק, ציק האָפ...

דאָס דאָרף דרייט זיך, שטיבער, וועגן, וועלדער, פעלדער...

יום־טוב איז היינט, גרויסער, גרויסער יום־טוב...

פלוצלינג קומט צולויפן א צעהיצטער פאָדבערעזקי און שטעלט זיך פאר דער קאָמאנדע אויף אכטונג:

— חבר פאָלקאָווניק, איך האָב דערהערט א גאנג פון טאנקען־רעדער אין וואלד... דוכט מיר, אז עס דערנענטערט זיך...

און איידער נאָך ער באווייזט צו ענדיקן, טוט זיך א גאָס א פויער־שיסעריי אין אונדזער זייט.

— רואיק זיין, רואיק! — באפעלט דער פאָלקאָווניק. — טרעט אָפ אין וואלד און ווארט אויף מיינע באפעלן!

מיר לאָזן איבער דעם סערווירטן טיש און מיטן געווער ציען מיר זיך איינציקע צום וואלד. די מיליטער־קאָמאנדע זעצט זיך בליציק אויף זייערע פערד און יאָגן אוועק דורך דער פייער־שיסעריי צו זייער טייל.

מיר טאָפטשען אין וואלד ביז העלפט אין בלאָטיקע זומפן. פון די טאנק־קוילן האָבן זיך צעשרפעט עטלעכע הייזער פון דאָרף. עס וואָיען די בהמות, דעם שונאס טאנקען דערנענטערן זיך טיפער אין דאָרף אריין, גייען פאָראויס, זיי ווילן אפנים דורכשניידן זיך א וועג צום קע־

נען אנטלויפן. אָבער מיטאמאָל הויבט אָן א קעגן-פייער הוראגאנעוועןאין זיי. זיי ציען זיך צוריק ארויס פון דאָרף. די שלאַכט ברענטזיך נאָכמער פונאנדער. אונדזערע שאָסן פון די אויטאָמאטן זיינען וויַשאָסן פון פורים-ביקסלעך קעגן די שווער-קאַליבערדיקע הארמאטן וואָסזיינען אריין אין קאמף, אָבער אויך מיר ווייזן וואָס פארטיזאנער קע-נען און גייען אריבער אין אָנגריף. איין טאנק בלייבט אין פלאמען. דיבאגייסטערונג אונדזערע איז אין לשער.

פארנאכט ווערט שטילער. מיר שלייכן זיך אין דאָרף אריין. עט-לעכע הייזער ברענען נאָך. ביזן פונדאמענט איז שוין פארברענט דישטוב פון אונדזער פויער אָרלאָווסקי, אוועק א שטוב מיט האָרעוואניע. אויך די זאכן פון אונדזערע פארטיזאנער זיינען אש געוואָרן. בלויזדער טיש, ווו מיר זיינען נישט לאנג אלע געזעסן שטייט נישט קייןגערירטער. פיין-סערווירט. די פלעשער סאמאָגאָן — גרייטע צום גיסן.

— אלע זיינען דאָ?

— עס פעלט פאדבערעזקי.

— פאדבערעזקי, יוסף פאדבערעזקי!

— אוהו! אוהו! — עס קלינגט אין וואלד דער עכאָ „פאָדבערעזקי“ אָבער ער אליין איז נישטאָ.

# פ ר אָ נ ט

פינפטער יולי:

ווי זעט אויס א פראָנט?

איך האָב געמיינט, אז פון צוויי זייטן ליגן די קעגנער און פרווון איינער דעם אנדערן מנצח זיין, פאַריאָגן.

אָט געפינען מיר זיך אויף דער פראָנט-ליניע.

פארטאָג האָבן מיר אין וואלד,ביים וועג, געפונען דעם טויטן קער-פער פון פאָדבערעזקין דורכגעשאָסן פון קוילן.

טראָגן מיר אים אויף צונויפגעקלאפּטע ברעטער און זיין בלוט רינט נאָך אלץ דורך דעם טוך, וואָס פארדעקט אים און שרייט צום הימל ארויף.

די היץ — א נישט-דערטרעגלעכע.

כל-זמן די ביימער פארשטעלן אונדז איז נאָך צו דערליידן, אָבער אָט גייען מיר איבער בערגיקע פעלדער. אונדזער ציל — דערגיין צו א נאָענטן דאָרף און באערדיקן פאָדבערעזקין און ווייטער זיך לאָזן אין וועג צו סווענציאן.

מיטאמאָל ווערט דער הימל באדעקט מיט א כמארע האקנקרייצן.

— זיך לייגן! — דונערט א באפעל.

ליגן מיר ווי טויטע. אָן אָטעם. נידעריק איבער אונדז זייעט דער שונא אין אונדז זיינע טויט-קוילן, א מינוט-צוויי — אָן אייביקייט. מאָדנע: דער טויט האָט בלויז נאָכאמאָל געטראָפן אין טויטן פאָדבע-רעזקין. אלע זיינען מיר ארויס בשלום.

און ווידער דער שונא און ווידער צעלייגן מיר זיך.

ס'קומט אויס, אז אלע טויטן פון דער וועלט האָבן זיך היינט אָנ-געזעצט אויף אונדז.

— עס לוינט שוין גאָרנישט אויפצושטיין. — רופט זיך אָן פלעק-סער.

שפּעטער-צו איז אויך מ י ר שוין מיאוס געוואָרן דאָס לייגן זיך און אויפשטיין אלע ווײַלע און ווען די האקנקרייצן פלעגן זיך ווי-

דער צעיאָגן איבער אונדזערע קעפּ, פּלעג איך שטיין פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און לאַכן אין זייערע שיסנדיקע בייכער אַריין...

דער טויט האָט שוין פאַרלוירן ביי אונדז זיין שרעק, כאָטש זיין שניט האָט ער שוין צווישן אונדז איבערגעלאָזן.

מיט צוויי שעה צוריק האָבן מיר פאַדבערעזקין באַערדיקט. נישט אַלע פּאַרטיזאַנער זיינען געווען ביי דער קבורה. נישט אַלע וועלן שוין זיין. אַנדערע וואַרטן, מען זאָל זיי קובר זיין. מיר האָבן אָבער בלויז ווי אַ צייכן פון כבוד דריי מאָל אויסגעשאָסן פון אונדזער געווער. עס איז געבליבן ליגן אויף פאַדבערעזקים קערפּער אַביסל גרויער זאַמד. מאָרגן וועט דער ווינט זיך זיכער שפּילן מיט די טונקל-געבערענטע האָר פון יונגן פּאַרטיזאַן...

און וואָס וועט זיין מיט די איבעריקע?

מען דאַרף אָבער גיין. דער באַפעל יאָגט:

— גיין פאָראויס! און מער נישט אָפּשטעלן זיך! זיך מער נישט לייגן!... נישט קוקן וואָס די עראָפּלאַנען זייען טויט אויף אונדז.

*****

זעקסטער יולי:

די באַפרייאונג איז געקומען, אָבער מיטן לעבן זיינען מיר איצט ווייניקער זיכערער ווי פריער.

נעכטן אין אָוונט, ווען איך האָב אין דער טונקל אויף דער וועראַנדע פון אַ הויז, וווּ מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ביים שאָסיי, פאַרענדיקט נאָטירן די איבערלעבונגען פון טאָג, און איך האָב זיך צוגעלייגט שלאָפן אין אַ ווינקל אויף דער פאַדלאָגע וואָס איז שוין געלעגן פאַרלייגט מיט אָן אַ שיעור שלאָפנדיקע פּאַרטיזאַנער פון עטלעכע אָטריאַדן, האָב איך דערהערט געשרייען:

— וואָס האָט איר אָנגעצונדן איצטער אַ פייער אונטערן פרייען הימל אין מיטן נאַכט?

— מען וועט אייך נאָך באַלד מיט קנײדלעך פאַרוואַרפן!...

און תוך כדי דיבור, — זעעץ! זעעץ! זעעץ!! די געביידע ציטערט און מיר, אין דער פינצטער, אין ווירבלדיקן געקנויל, זוכן אַ רעטונג, —

— ווו איז אַ טיר?

— אַ פענצטער?

— אַ גרוב?

ס׳איז פינצטער. איך פיל אַרום זיך בלויז אַ געדראַנג פון צאַפּלדיקע;

זיך שטויסנדיקע קערפערס, וואָס ווילן ערגעץ ארויסגיין, זיין פון אויבן, פון אויסן. איך זוך א וועג זיך צו באפרייען און לאָז אין גאנג די הענט, פיס, פּלייצעס.

ענדלעך האָב איך דערפילט, אז איך קייקל זיך פון טרעפ אראָפּ אויפן גראָז.

— בין איך נישט פארוואונדעט? — איך טאפּ זיך ארום. איך קען נישט ווייסן. עפּעס בין איך נאַס, ס׳איז מיר הייס. איך ווארף אראָפּ פון זיך דאָס אויבערהעמד. דאָס היטל איז ערגעץ־ווו פארפלויגן. נישט ווייט פון מיר יאָמערט ווער:

— טאָווארישטשי, ספּאסאיטע, יא ראניען! (חברים, העלפט, כ׳בין פארוואונדעט).

איך זע קיינעם נישט. איך גיי נאָכן רוף.

ווי שכורלעך פיל איך זיך אין גאנג. פינצטער.

ווער איז ווער? מיר דערקענען זיך נישט.

אָפּגעשפּילט מיט גליק. בלויז 2 באָמבעס האָבן אויפגעריסן נישט ווייט פון דער געביידע און פארוואונדעט עטלעכע פּארטיזאנער. נאָך צוויי באָמבעס זיינען נישט־אויפגעריסענע געבליבן שטעקן אין דער ערד, אויף דעם הויף נעבן אונדז.

די רעכטע זייט פון מיין פּלייצע בלוטיקט.

...שוין נישטאָ קיין כוח צו לעבן. ווי לאנג נאָך וועט דער טויט זיך אזוי שפּילן מיט אונדז?!

און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז פון דער באפרייאונג וועט גאָר אנדערש אויסזען.

זיבעטער יולי:

מיר גייען אלץ טיפער צום צענטער, צו סווענציאן. מיר ווייסן נישט צי די שטאָט איז שוין באפרייט אָדער אויך מ י ר וועלן דארפן העלפן פאַריאָגן די דייטשן.

מיר גייען, מיר גייען. די היץ, די שלעכטע און לאנגע וועגן האָבן שוין די לעצטע כוחות ארויסגעצויגן און מיר גייען. ווי עס וואָלט ווער אָנגעדרייט אין אונדז א ספּרענזשינקע און זי אָפּגעלאָזן... גייט עס אליין.

גייען מיר.

מארוסקע. מארוסקע גוטקין. איך האָב איינמאָל בלויז איר נאָמען דערמאָנט. מען זעט זי נישט. מען פילט זי נישט. די ווילנער פּארטי־זאנקע ווייזט ארוים אן אויסערגעוויינלעכע אויסגעהאלטנקייט. מיט

אלעמען גלייך גייט זי די הונדערטער קילאָמעטערס, טראָגט דריי פּו-לעמיאָטן-דיסקען צו איר אייגענעם געווער. זי האָט קיינמאָל אויף א פור זיך נישט געזעצט. שטענדיק פאָראויס און פאָראויס. אין אלע מארשן, אין אלע אויפגאבעס.

— געדענקסט, מארושקא, — זאָג איך צו איר — ווי דו האָסט געזאָגט נישט לאנג: דערלעבן צו דער באפרייאונג און נאָכדעם שטארבן רואיק.

זי לאכט זיך פונאנדער:

— דערמאָן דאָס נישט, ערשט א י צ ט ווילט זיך לעבן.

מיר באגעגענען אוודעיענקאָן. א 17 יאָריקער יינגל. ווי שיין ער איז אָט אזוי ווי ער זיצט אויפן פערד רייטנדיק. בלאָנד און בלאָ-ראָז דאָס פּנים. פון די בלויע פארנעפּלטע אויגן זיינע, קומט מיר אויס, שפּארן טרערן, וואָס רופן צו נקמה און ער האָט שוין נקמה פאר זיין מאמען גענומען: עשעלאָנען ארונטערגעלאָזן, בריקן, לויערונגען.

— איך מיין, אז זיי וועלן נאָך פאָדערן פון מיר רעשטע, די סוואָ-לאָטשעס! — זאָגט ער.

אוודעיענקאָ דערציילט, אז די אָפּטיילונג פון ח' גריקא האָט פאר-נומען מעליגאַן. פּארטיזאנער געפינען זיך שוין אין אוטיאַן. דער פּאָל-קאָווניק ח' קאזימיר האָט מיט דעם קאלינאָווסקי-אָטריאד דער ערשטער איבערגעשניטן די ליניע סווענציאַן—דווינסק.

גייען מיר. דעם שונאס עראָפּלאנען זעצן ערגעץ אויף דערפער און די פּויערים צוזאמען מיט זייערע האָב און גוטס פלאקערן אין פלאמען און אין צאָרן. אויף די פעלדער אונטער די קוסטעס ליגן צעלייגט פּעקלעך זאכן, שפּייז און די באלעבאטים זיצן מיט ציטער און ווארטן — אפשר, אפשר וועט זייער דאָרף אויסגעמיטן ווערן.

מיר גייען צו סווענציאַן. וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו דער שטאָט, ווערט איצעלע אומעטיקער.

ער איז געבוירן געוואָרן, זיך דערצויגן דאָ אין שטאָט. א האלבע שטאָט פון דער באפעלקערונג זיינען זיינע קרובים געווען. איצט ווייסט ער, אז ער וועט דאָ קיינעם נישט געפינען. אלע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן.

— וווּ זאָל איך גיין? צו וועמען? — פרעגט ער מיך. — ווי מיט פּיבער פלעג איך אמאָל זיצן אין צוג וואָס פלעגט מיך פירן צו מיין היים-שטאָט. איצט איז מיר גאנץ גלייכגילטיק. איך האָב דאָ קיינעם נישט.

אויך איך דערמאָן זיך, אז איך האָב דאָ געהאט א סך פריינט, חברים און חברטעס.

— ווו איז די טייערע מערי, טייבעלע; וואָס איז געוואָרן מיט מיכאל נאטישעס פרוי?

עס ווילט זיך אפילו שוין מער נישט קלערן.

אין שטאָט זיינען שוין פאראן די רוסן. עס איז אויך דאָ דער פאָל-קאָווניק מיטן אָטריאד „קאלינאוסקאס". דער ברוק ברעכט זיך אונטער די שווערע טאנקעס, מאשינען, מאָטאָציקלעטן. גאנצע גאסן — חורבות. אנדערע רויכערן נאָך. דער קווארטאל פון דער שוין ליקווידירטער געטאָ איז אינגאנצן פארניכטעט. זיי האָבן אונטערגעצונדן דעם קלויסטער. די ציגל האָבן נישט געברענט, זיינען זיי אריין אינעווייניק און אונטער-געצונדן אלע הייליקע בילדער, דעם אלטאר, די אמבאָנע, בענק... חרובע, פארחושכטע ווענט דרימלען נאָך מיט פונקען אונטערן אש.

אויפן הויף פון דער אמבולאטאָריע באזירן זיך די געקומענע פאר-טיזאנער. דער פאָלקאָווניק נעמט אלעמען איבער און פרייט זיך, וואָס ענדלעך זעט מען זיך, וואָס זיין שטענדיקער אָפּטימיזם האָט אים און אנדערע נישט פארפירט.

ח' גריקאן איז שוין באלד נישט צו דערקענען. אראָפּגעוואָרפן פון זיך די פארטיזאנישע קליידער, זיך אָנגעטאָן ציוויל. איצט ווייסן שוין אלע, מען דארף פון דעם קיין סוד נישט מאכן. זיין אמתער פאמיליע-נאָמען איז אפּיוואלא. איצט קען מען שוין אראָפּווארפן פון זיך די פסעוודאָנימען.

דאָס הארץ ציט צו ווילנע.

— ח' פאָלקאָווניק, — ווענד איך זיך, — כ'וועל נישט אויסהאלטן, כ'מוז גיין קיין ווילנע.

— געדולד, חבר קאטשערגינסקי, געדולד. מאָרגן פאָרן מיר און אז מען וועט דארפן — וועלן מיר גיין!

— שטענדיק גרייט! — שטעל איך זיך אויף אכטונג.

די נאכט איז שוין שווער איינצושלאָפן: ווילנע, מיין טייערסטע שטאָט, ווי זעסטו איצט אויס? צי וועלן די ווילדע אויך ד י ך חרוב מאכן? עס הויבט אָן שווינדלען אין קאָפּ פון אָט דער מעגלעכקייט... וועמען וועל איך דאָרט טרעפן? צי וועל איך געפינען די געוואלדיקע קולטור-אוצרות, וואָס מיר האָבן אין געהיים געגנבעט פון די דייטשן און באגראָבן?

ווי וועל איך דיך געפינען, מיין ווילנע, מיין טייערע?!...

# די גאולה אונטער חורבות

צענטער יולי:

מיין בענקשאפט נאָך ווילנע האָט מיר קיין זאך נישט געלאָזט טאָן, אפילו דעם בלייער אין האנט נישט האלטן.

איך געזעגן זיך מיטן אָטריאד. זיי, די פּארטיזאנער, דארפן בלייבן איצט אויף אן אָרט, אין סוועַנציאנער ראיאָן.

איך פלי אין אויטאָ אויף ווילנע. גיכער אָבער פליען די געדאנקען מיינע. נישט צו דעריאָגן זיי מיט די גיכסטע מאשינען. איך פלי דורך פּאָדבראָדז, ניעמענטשין, ניי-ווילייקע. דאָ שטעלן מיר זיך אָפּ. דער שונא איז נאָך אין צענטער שטאָט, איז פארפעסטיקט אויפן שלאָס-בארג, אויפן בארג פון די דריי קרייצן, אין באזונדערע הייזער, געמאכטע בונקערן.

די דייטשע קאָמאנדע-אָנפירונג האָט זייער גארניזאָן אין ווילנע אפילו אראָפּגעוואָרפן דורך פאל-שירעמס פארשטארקונגען.

אונדזער גרופּע קוקט אויף קיין זאך נישט. וואָס פאר א ווילנער וואָלטן מיר געווען, ווען מיר זאָלן נישט גיין העלפן באפרייען די שטאָט?

8 קילאָמעטער צו די שטאָטישע פעריפעריעס. א סך פריער אָבער דערזעען מיר שוין פּארטיזאנער. עס גייט די העלדישע ווילנער פּארטיזאנער-בריגאדע מיט אירע יידישע און האלב-יידישע אָטריאדן „פארן זיג", „א טויט דעם פאשיזם", „קאמף", „נקמה-נעמער", „אדאם מיצקעוויטש" און אנדערע. עס גייט דער „קאלינאוסקאס"-אָטריאד. די אלגעמיינע אָנפירונג איז אין די הענט פון גאברים און וואסילענקאָ.

מיר גייען צו דער שטאָט, שיקנדיק פאָראויס אן אויסשפּיר-אָפּטיילונג. עס הערן זיך אלץ העכער די באָמבען-קלעפּ, געדיכטע שיסערייען. ווילנע ליגט שוין פון וויטן, ווי אן אויסגעמאָלטע אויפן לייוונט, ארומגערינגלט מיט גרינס. עס טוקן זיך ארוים די פערציק מאָל פערציק קלויסטער-שפּיצן, די העכערע געביידעס, דער טורעם אויפן שלאָס-בארג, די דריי קרייצן. א ווונדערבארע פּאנאָראמע. זיך נישט צו גלויבן, אז אין דעם אָרט זאָלן פאָרקומען איצט קאמפן.

די ערשטע הייזלעך אויף ראדונסקי גאס. פענצטער, טירן פאר־האקט. צעבראָכענע שויבן־גלאָז אויף די טראָטוארן. שטיל. דורך פאר־שידענע גאסן און געסלעך גייען מיר צום צענטער און ווערן אויפגע־נומען פון אונטער און איבער דער אייזערנער באן־בריק אויף אַסטראָ־בראם־גאס מיט א פולעמיאָטן־הוראגאן. דער „אדאם מיצקעוויטש"־אַטריאד וויזט ארויס העלדישקייט. צוויי פארטיזאנער, יעלעצקי און באַראָוויטש, פאלן טויט. מיר טרעטן אָבער נישט אָפּ. מיר ליגן ביי דער זייט פון דעם טארגאָווער געסל און שיסן צוריק. מיט א פארכאפטן אָטעם דערוואַרטן מיר אונדזערע אויסשפּירער שערעשניעווסקי און סעניו, וועלכע זיינען אריינגעפאלן אין פייערקרייז פון שונא. מיר זיינען זיכער, אז זיי זיינען צעזיפּט געוואָרן פון שונאס קוילן. אָוונט פאלט צו. די שיסעריי ווערט שוואכער. ס'ווערט אָבער נישט פינצטער. עס ציען זיך פלאמען־פאקלען פון שטאָטישע אונטערגעצונדענע געביידעס אין הימל אריין. רויט איז דער הימל. שווארצע רויך־קנוילן זעצן מיט גע־דיכטע שטיקער פלאם.

צוועלפטער יולי:

נאָך איידער עס ווערט טאָג, הויבט זיך אָן פארן שונא די פינצטע־רע נאכט. די היטלעריסטן ווערן געצוואונגען אָפּצוטרעטן אין באפעס־טיקונג נאָך דער אנדערער. א סך פון זיי צעלויפן זיך אין קעלערן בא־האלטן, א סך פון זיי גיבן זיך איבער אין געפאנגענשאפט. עטלעכע שניידן אונדז איבער מיט אויפגעהויבענע הענט די גאסן און פרעגן:

— ווו גייט מען דאָ אין געפאנגענשאפט?

א סך פון זיי ליגן אין פארשידענע פּאָזיציעס אויף די גאסן, אין די הייזער, צעשאָסענע. איך קוק אויף די פגרים מיט עקל. עס דערמאָנט זיך מיר זייער אכזריות און א פארשטשעמעטער שפאן איך ווייטער, זשאלעוועדיק בלויז, וואָס זיי האָבן געקראָגן אזא גרינגן טויט.

אונדזערע פארטיזאנער־וואכן זיינען שוין צעשטעלט אין דער גאנ־צער שטאָט, אין אלע סטראטעגישע וויכטיקע פונקטן.

ס'טרעפט, אז עס שיסט נאָך פון ערגעץ דער פיינט. די ארבעט פון ליקווידירן, די פארעקשנטקייט גיט איבער די סאָוועטישע קאָמאנדע אונדז פארטיזאנער.

נישט אויף אלע גאסן איז דורכצוגיין. איינגעפאלענע מויערן ליגן אויפן מיטן גאס. פון באהעלטענישן פירן פארטיזאנער געפאנגענע. זיי האָבן שוין פארלוירן די נעכטיקע האָפערדיקייט. אפילו דער הויכער שפּיץ פון נאצי־היטל איז אראָפּגעבויגן. פארחושכטע, פארשמוצטע.

די דייטשע גאַס, ברייטע, טיילן פון די גאַסן מיצקעוויטש, סלאַ־וואַצקי, וויוואָלסקי זיינען צעשטערט, פאַרברענט. מיר טרעטן איבער די נאָך־ברענעדיקע חורבות מיט ווייטיק אין האַרצן.

עס ווייטיקט, נישט אויסצוהאַלטן.

די רוצחים האָבן נאָך אין די לעצטע טעג באַוויזן צו פאַרענדיקן מיט די לעצטע צוויי טויזנט יידן אין די שטאָטישע לאַגערן.

ווי באַצאָלט מען זיי פאַר דעם? ווי באַצאָלט מען זיי פאַר דעם?!

כ'ווייס נישט וווּ איך גיי, אָבער מיינע פיס, די קלוגע פיס, זיי פירן מיך ערגעץ, זיי ווייסן שוין, וווּ איך דאַרף איצט זיין. זיי פירן מיך ערגעץ באַרג־אַרויף. „וווּ גיי איך?" — פרעג איך זיך מיטאַמאָל. איך דערזע זיך פּלוצלינג פאַר מיין אַלט באַקאַנטער וויוואָלסקי־גאַס און אָט — אַ־ווי, אַ־ווי! דער בנין פון דער ייוואָ!... נישט צו דערקענען! אַ חורבה. דוכט מיר אַזוי פאַרניכטעט איז נאָך קיין איין בנין נישט אין שטאָט.

ווי פּלאַצט מען נישט פון ווייטיק. ווי איך האַלט דאָס אויס, קען איך נישט באַנעמען. איך פיל אָבער אין זיך ווי דאָס האַרץ ווערט צו־נויפגעצויגן, צונויפגעדרייט, ווערט קלענער, קלענער...

און אָט וואַנדער איך איבער די געטאָ־געסלעך. שוין לאַנג קיין שום סימנים נישט פאַראַן, אַז דאָ האָבן געוווינט יידן. איצט וווינען שוין דאָ אַנדערע איינוווינער.

איך קום צו דעם שאַולער געסל, לאָז זיך אַראָפּ אין דער מעלינע, וווּ מיר האָבן אַ גרויסן טייל פון די קולטור־אוצרות באַהאַלטן. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָ האָבן די איינוווינער, שוין נאָכדעם ווי די יידן זיינען פאַרטיליקט געוואָרן, געפונען די באַהעלטעניש, כדי זיך צו באַהאַלטן פון די באָמבאַרדירונגען. אָפּשאַרנדיק דאָס זאַמד פון אויבן, האָבן אָנ־געהויבן אַרויסלייכטן פון ליכטל־שיין די העלע פאַרשידנאַרטיקע פּאַפּירן...

עס איז מיר געוואָרן גרינגער.

ווידער דערזע איך זיך אויף דער ליכטיקייט קעגן דער צעשטראַל־טער זון.

זון! זון! אַזויפיל זון, און קיינמאָל דוכט מיר, איז מיר אַזוי פינצטער אין די אויגן נישט געווען ווי איצט.

ווילנע, ווילנע אונדזער היימשטאָט,
אונדזער בענקשאַפט און באַגער,
אַך, ווי אָפט עס פּלעגט דיין נאָמען
אַרויסרופן ביי אונדז אַ טרער...

...מיינע פיס, מיינע קלוגע פיס, ווּ פירן זיי מיך איצטּ?

חברה פארטיזאנער האָבן מיך אויף דער פרינציפּאלער מיצקע־וויטש־גאס ארויפגעשלעפּט אין א לוקסוס־דירה, ווּ ס׳האָט געוווינט זיכער א הויכער נאצי־פירער.

די פּאָר צענדליק צימערן און סאלאָנען זיינען נישט אָנגערירט. עס קוקט אויס ווי די באלעבאטים זיינען ערגעץ אין טעאטער אוועק און דארפן באלד אָנקומען. היינט און אפשר אויך מאָרגן זיינען מיר די באלעבאטים. חברה זיינען מיטאמאָל געוואָרן ווילד און האָבן זיך אָנגעהויבן ווארפן מיט קישעלעך, מיט טעפּיכער, מיט דאמען־שיך און האָבן ארויסגעשלעפּט דעם קלאוויר אין מיטן א סאלאָן און אָנגעהויבן קלאפּן אויף די קלאווישן מיט די זילבערנע לעפל.

איך פארקריך אין א שלאָף־צימער און פאל אנידער אויפן ווייכן בעט־געוואנט אין מיינע פארשטויבטע בגדים און בלאָטיקע שטיוול.

אזויפיל נעכט שוין נישט געשלאָפן ווי ס׳געהער צו זיין! אזויפיל יאָרן אין קיין בעט נישט געלעגן. אָבער עס שלאָפט זיך נישט.

האָב איך זיך אוועקגעשטעלט קעגן פענצטער, וואָס קוקט אויף דער שטאָט ארויס.

האָט זיך פונאנדערגעוויינט א יאָמערלעכער אומרו אין מיר:

— גואל! אזוי־זשע דארף אויסזען די אזויפיל אויסגעבענקטע דער־לייזונג, צו וואָס מיר האָבן געהאָפט?

— זעט דען אזוי אויס די גאולה? — — —

קיינער ענטפערט נישט. צאָרנדיקע פלאמען רייסן זיך כסדר פון די חרובדיקע ווענט ארויס.

פון ערגעץ טראָגן זיך סאָלדאטן־לידער. פון ערגעץ־ווּ שאלן טרי־אומפירנדיקע אָרקעסטער־טענער — — —

אלץ וויל זאָגן, אז די גאולה איז שוין געקומען, אָבער — — —

א ו נ ד ז ע ר יום־טוב ליגט אונטער די חורבות פארשאָטן...

ווילנע, 14טער יולי, 1944.

## פון זעלבן מחבר ביז איצט דערשינען:

**חורבן ווילנע** — ארויסגעגעבן פון דעם פאראייניקטן ווילנער הילפס־קאמיטעט אין ניו־יארק, דורך ציקא ביכער־פארלאג, ניו־יארק, 1947. 358 זייטן, מיט בילדער. הקדמות פון ד״ר מאקס וויינרייך און ארויסגעבערס.

**פארטיזאנער גייען!...** — ארויסגעגעבן דורכן „צענטראל־פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע". בוענאס־איירעס, 1947. 176 זייטן. אויספארקויפט.

**פארטיזאנער גייען!...** — צווייטע אויפלאגע. ארויסגעגעבן דורך דער „מפקדה הראשית פון דער הסתדרות פרטיזנים־חילים־חלוצים פחח" אין דייטשלאנד. פארלאג „אויף דער וואך", באמבערג, 1948. 176 זייטן, אויספארקויפט.

**צווישן האמער און סערפ** — (צו דער געשיכטע פון דער ליקווידאציע פון דער יידישער קולטור אין סאוועטן־רוסלאנד). ארויסגעגעבן דורך א גרופע פריינד פון ווילנע, פאריז, 1949. 96 זייטן קליין־פארמאט. געדרוקט אין 4000 עקזעמפלארן. אויספארקויפט.

**צווישן האמער און סערפ** — צווייטע פארגרעסערטע אויפלאגע. פארלאג „דער אמת", בוענאס־איירעס, 1950. 124 זייטן קליין־פארמאט. געדרוקט אין 4000 עקזעמפלארן.

**געטא־ און ישראל־לידער** — ארויסגעבער: „ארגענטינער אפטייל פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס", בוענאס־איירעס, 1950. 24 זייטן קליין־פארמאט, מיט נאטן. געדרוקט אין 1000 עקזעמפלארן. אויספארקויפט.

**איך בין געווען א פארטיזאן** — (די גרינע לעגענדע) — ארויסגעגעבן דורך פריינד פון מחבר, בוענאס־איירעס, 1952. 424 זייטן, מיט בילדער. טאפל־באנד. געדרוקט אין 3000 עקזעמפלארן.

## געמישטע לידער־זאמלונגען

**לידער פון די געטאָס און לאַגערן** — ארויסגעגעבן פון ארגאניזיר־קאָמיטעט פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, דורכן ציקאָ ביכער־פארלאג, ניו־יאָרק, 1948. זאמלונג פון 236 לידער־טעקסטן און צו 100 טעקסטן — נאָטן פון פארשיידענע געטאָס, לאגערן און וועלדער. רעדאגירט און הקדמה פון ה. ל ײ װ י ק. מוז' רעדאקציע — מ. ג ע ל ב א ר ט. הקדמה און באמערקונגען פון זאמלער. 436 זייטן, מיט בילדער. טאָפּל־באנד.

**דאָס געזאנג פון ווילנער געטאָ** — ארויסגעבער: „פארבאנד פון די ווילנער אין פראנקרייך". פאריז, 1947. זאמלונג פון 37 לידער־טעקסטן מיט נאָטן. צייכענונגען — משה באהעלפער. הקדמה — ג. פיינשטיין. באמערקונגען און דערקלערונגען פון זאמלער. 52 זייטן אלבום־פאָרמאט.

**אונדזער געזאנג** — ארויסגעבער: „צענטראל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן". מוז' רעדאקציע — ל ע אָ ן װ ײ נ ע ר. זאמלונג פון פארשיידענע לידער־טעקסטן מיט נאָטן. ווארשע, 1946, 224 זייטן.

## אין צוגרייטונג

**איך בין געווען א פארטיזאן** — איבערזעצט אין שפאניש דורך ד"ר יואל זינגער.

**חי צום לעבן!** — 18 לידער צום זינגען, מיט נאָטן, קינסטלער־רישע אויסגאבע. ווערט ארויסגעגעבן דורך צבי יתום־פארלאג, ריאָ דע זשאניירא, בראזיל.

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de marzo de 1952 en los Tall. Gráf. CULTURA, Sarmiento 2157, Buenos Aires

Sz. KACZERGINSKI

# FUI GUERRILLERO

## (La Leyenda Verde)

SEGUNDA PARTE

*EDITADO POR EL AUTOR*

Impreso en la Argentina

*Printed in Argentina*

*Copyrigth by*
Sz. KACZERGINSKI
ANGEL GALLARDO 933 - Dto. 2
Buenos Aires — Argentina